STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00255

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Stuart, Carol, Shana, Jonathan & Jordan Mest
in memory of
Joel & Toby Mest

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

פינפטער באַנד

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי.
ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn"

FIFTH VOLUME

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

מיין געטרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — א מתנה

פון מחבר



א זייטל פון אברהם קרימי׳ס „שפת אמת״

זע זייט 13

זיבעטער טייל

ערשטער בוך

דער דייטש־פוילישער קולטור צענטער



א זייטל פון משה קיעווערס אייגנהענטיקן מאנוסקריפט „אוצר נחמד"

זע זייט 28

ערשטער קאַפּיטל

די עקאָנאָמישע ראָלע פון די יידן אין מזרח־אייראָפּעישן מיטלאַלטער. — די קיעווער קהילה אַלס קולטור־צענטער. — די יידישע קאָלאָניע אין קרים. — די איטאַליענישע השפּעה. — אַברהם אויס קרים און זיין „שפת אמת“. — משה קיעווער, זיין נע־ונד־לעבן און זיין ליטעראַריש־נעזעלשאַפטלעכע טע־טיקייט. — די ירידה פונם קיעווער צענטער.

ווי אין מערב־אייראָפּע, אַזוי אויך אין מזרח־אייראָפּע, בפרט אין דעם ברייטן לאַנד־שטח, אויס וועלכן עס זיינען אין די שפּעטערדיקע צייטן באַשטאַנען די דרומדיקע פּראָווינצן פון דער ריזיקער רוסלענדישער מלוכה, באַמערקט זיך שוין אין טיפן מיטלאַלטער אַ שטאַרקע יידישע אימיגראַציע. אין דעם טעטיקן האַנדל און נאָענטע געשעפטלעכע באַ־ציִונגען צווישן דעם צפונדיקן מזרח־אייראָפּע און די באַלטישע ברעג־געגנטן מיט פּאַדעראַזיע און מיט די לענדער, וואָס ליגן ביים שוואַרצן און קאַספּישן ים — האָבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט די יידן אויס דעם כוזרים־לאַנד. ווי באַקאַנט, איז די דאָזיקע מדינה געווען אין יענע צייטן דער זיכערער מקום־מקלט פאַר אַלע בני־דת משה, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פיל רדיפות אין די שכנישע לענדער. פון אַראַביע, פּערסיע און ווייטן מצרים האָבן זיך צום כוזרים־לאַנד גע־צויגן יידישע נע־ונדניקעס. באַזונדערס גרויס איז געווען די יידישע אימיגראַציע אין דעם קרימער האַלב־אינזל, וואָס האָט אין יענע צייטן זיך געפונען אונטער דער ממשלה פון דעם כוזרישן כאַגאַן [1]. דאָרט האָבן זיך באַזעצט די יידן, וואָס זיינען מאַסנווייז אַנטלאָפן פון „מלכות יון“ — אויס דער ביזאַנטישער מלוכה, וואָס האָט אָן רחמנות גערודפט די יידישע באַפעלקערונג [2]. צום סוף פונם 10טן י״ה געפינען זיך שוין

---

1 וועגן יידישע אימיגראַנטן אין קרים אויס פרס און בבל, זע דוד לעבנזאָן פאַררעדע צום סידור כמנהג כפא („הכרמל“, II, 344).

2 דער ביזאַנטישער מלך לעוו האָט אין יאָר 872 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מען זאָל מיט געוואַלד אָפּשמדן אַלע יידן, וואָס וווינען אין זיין לאַנד. דער אַראַבישער שריפטשטעלער עַלי בן חסין בן עלי אבואלחסן אַלמסעודי דערציילט אין זיין „מרוג אלדהב“ (אין

גאנץ צאלרייכע יידישע קהילות אויף די קרימער ברעגעס פונם שווארצן ים (קאפא, קערטש, טשופוט־קאלע א"א) און אין דער דנעפער־געגנט מיט איר הויפט־צענטער קיעוו, וואס האט צו יענער צייט, נאכדעם ווי ס'איז געפאלן דער האנדלס־באטייט פון דער כוזרישער רעזידענץ איטעל, דער־גרייכט זיין בלי־תקופה אלס וויכטיקסטער זאמלפונקט פארן גרויסן טראנזיט־האנדל צווישן מערב־אייראפע און די מזרח־לענדער פון פאדער־אזיע. דערמיט איז אויך שטארק אויסגעוואקסן דער באטייט פון דער יידישער קיעווער קהילה, ווייל אין דעם עקאנאמישן און ווירטשאפטלעכן אויפבלי פון דער דנעפער־שטאט האבן דאך די גרעסטע ראלע געשפילט די יידישע גרויסהענדלער, די וועלטרייזנדע און „וועגוויסנדיקע" ראדאניטן[3], וואס האבן אין דער פריערדיקער תקופה געפירט זייער האנדל מיטן ווייטן מזרח דורך די ברייטע ים־וועגן. אויף אייגענע שיפן פלעגן זיי מיט זייער סחורה ארויספארן פון די מערב־אייראפעישע האפנס וואס ביים מיטל־ים און זיך דערלאנגען ביז אינדיע, כינע און יאפאן. שפעטער אבער האבן די אקארשט־אויפגעבליטע איטאליענישע צענטערס פונם לעוואנטינישן האנדל, ווענעדיק, גענוא, פיזא, בארי און אנדערע, ארויסגעשטופט זייערע קאנקורענטן, די ראדאניטן, פון זייערע ים־וועגן, האבן יענע קיין אנדער ברירה ניט געהאט און ווייטער געפירט זייער האנדל מיטן ווייטן מזרח איבער דעם מער צפונדיקן וועג, דורך די דייטשע און סלאווישע לענדער. דעם אויסגאנגס־פונקט פונם ראדאניטן־האנדל בילדן דאן די יידישע קהילות פון די ריין־שטעט מיינץ און רעגענסבורג, און איינער פון די וויכטיקסטע אויסלאד־ערטער איז די דנעפער־שטאט קיעוו[4]. צוזאמען מיטן עקאנאמיש־ווירטשאפטלעכן באטייט פון דער יידישער קהילה אין קיעוו וואקסט אויך איר קולטורעלע ראלע, און זי ווערט אויף א לאנגער צייט דער וויכטיקסטער קולטור־צענטער פון דעם מזרח־אייראפעישן יידנטום. אינטערעסאנט איז אין דער הינזיכט די באקאנטע שטעלע אין נעסטארס

פראנצויזישער איבערזעצונג הייסט דאס ווערק „Les prairies D'or"), אז דער ביזאנ־טישער קיסר ארמאנוס (944—919) „האט געצוואונגען די יידן פון זיין לאנד, זיי זאלן אננעמען די קריסטלעכע אמונה, און ער האט זיי זייער גערודפט... זיינען דערפאר א סך יידן פון דער ביזאנץ אנטלאפן פון די כוזרים" (צינ. וו. אין פראנצויזישער איבערז., II, 8—9).

8 דער שורש פון דעם דאזיקן נאמען איז נים אינגאנצן פעסטגעשטעלט. הערות וועגן דעם זע ביי סימאנסען אין Revue des Etudes Juives, 1907, t 54.

4 . מער באריכות וועגן דעם ראדאניטן־האנדל און פארקער מיט די סלאווישע לענדער, זע: שיפער, „ווירטשאפטס־געשיכטע פון די יידן אין פוילן", קאפ' 1, 2, 4, און אויך „קולטור־געשיכטע", קאפ' 1; י. ברוצקוס, אין „שריפטן פאר עקאנאמיק און סטאטיסטיק", I, 69—75.

לעבנסבאשרייבונג פון דעם רוסישן גייסטלעכן טעאדאסי פעטשערסקי, ווו עס ווערט דערציילט, ווי דער בארימטער קריסטלעכער נזיר פלעגט אפט אין דער נאכט באזוכן די יידן און מיט זיי פירן לאנגע רעליגיעזע וויכוחים. בעת אבער אין דער פריערדיקער, כוזרישער תקופה, האבן זיך די ארטיקע יידן געפונען הויפטזעכלעך אונטער דער קולטורעלער השפעה פון די ביזאנטישע יידן, באקומט איצט די אייבערהאנט די השפעה פון די יידישע קיבוצים אין מערב־אייראפע. ניט נאר פאר מאטעריעלע סחורות, וואס די ראדאניטן פלעגן פירן פון די אויסגאנגס־צענטערס ביים ריין, איז די דנעפער־שטאט געווארן דער וויכטיקער אויסלאד־פלאץ, נייערט אויך פאר די פון דארט אימפארטירטע קולטורעלע אוצרות. אלץ פעסטער ווערן די קולטורעלע פעדעם, וואס האבן פארבונדן די יידן פון דער דנעפער־געגנט מיט די „חכמי לותר", מיט די קולטורעלע ריין־צענטערס, מיט די ישיבות פון רעגענסבורג, מיינץ און חכמי צרפת [5]. מיר האבן אגב א באגלויבטן עדות אויס יענער צייט, דעם תושב פון דער ריין־געגנט, משה תקו, און יענער דערציילט אונז אין זיין „כתב תמים" [6], ווי אזוי די בארימטע ישיבה, וואס ר' יהודה חסיד האט גע־גרינדעט אין רעגענסבורג, פלעגט באקומען ספרים פון בבל דורך רוס־לאנד. מיט וויכטיקע רעליגיעזע פראגן פלעגן זיך די יידן פון דער דנעפער־געגנט ווענדן צו די ראשי־ישיבות פון די דייטשע און פראנצויזישע ריין־פראווינצן.

„אונזערע גאונים און רבנים, וואס אין מיינץ, ווארמס און שפייער — ערקלערט מיט התפעלות דער בעל „אור זרוע" — פון זיי האט זיך די תורה פארשפרייט איבער דעם גאנצן פאלק ישראל און לויט זייערע פארשריפטן איז מען זיך נוהג זינט ס'האבן זיך געגרינדעט די קהילות אין די ריין־פראווינצן און איבער גאנץ דייטשלאנד, און אויך אין „מלכיות שלנו" (ד"ה אין די סלאווישע לענדער) [7].

אהין, אין די בארימטע אכסניות של תורה פון די „קהילות שברינוס", פלעגן אויך וואנדערן וויסנבאגיריקע יונגעלייט פון די סלא־

---

5 מען דארף נאך דערביי נעמען אין באטראכט, אז נאך די שרעקלעכע רדיפות, אין דער גהלה־צייט פון די ערשטע קרייצצוגן, האט זיך אויך פארשטארקט די אימי־גראציע פון די דייטשע יידן אין די סלאווישע לענדער.

6 זע: „אוצר נחמד", III, 77.

7 „אור זרוע", ו, „תשובה תשנ"ב", 9: „הלא ידעת כמה גאוני גאונים וקדושי עליון רבותינו שבמגנצא, ושבוורמשא ובשפירא, הלא משם יצאה תורה לכל ישראל הלא נהגו מיום שנוסדו כל הקהילות שברינוס ושבכל ארץ אשכנז ומלכיות שלנו נהגו אבותינו ואבות אבותינו צדיקים קדושים חכמים מחוכמים

ווישע לענדער. אלס זכר וועגן דער דאזיקער גייסטיקער השפעה זיינען אונז פארבליבן אוים יענער צייט א געוויסע צאל האנטשריפטלעכע קאפיעס פון פירושים און אנדערע חיבורים פון די דייטש־פראנצויזישע חכמים און רבנים. אין די דאזיקע כתב־ידן געפינען זיך גאנץ אפט אויף די ראנדן פון די בלעטער דערקלערונגען פון הארבע ווערטער אויף סלאוויש. עס איז קלאר, אז די אפשרייבערס, וואס האבן געשטאמט אוים סלאווישע לענדער, בעת זיי האבן קאפירט חשובע און פאפולערע ווערק, פלעגן ארויסווארפן די אלע „בלע"זן", ד"ה די אלע דערקלערונגען און פארטייטשונגען פון שווערע ווערטער אויף דייטש און פראנצויזיש, און פארבייטן זיי אויף סלאווישע, וואס זיינען געווען בעסער פארשטענדלעך זייערע לאנדס־ברידער [8].

ס'איז אן א שום ספק, אז די דאזיקע האנטשריפטלעכע קאפיעס האבן מיר צו פארדאנקען טאקע די אויבנדערמאנטע ווסנדארשטיקע יונגעליים, וואס פלעגן פון די סלאווישע מדינות זיך לאזן אין מערב־איירא̈פע לערנען תורה אין די דארטיקע ישיבות. וועגן די דאזיקע תלמידים אוים דעם „ארץ כנען" זיינען אפילו אויפגעהיט וועלכע ס'איז ידיעות אין די מיטלאלטערלעכע קוועלן. דעם „בעל רוקחס" א תלמיד, וואס האט געשריבן א פירוש אויף תורה, ציטירט דארט אפט זיין רבין, און אין אייניקע שטעלן פארופט ער זיך דערביי אויף איינעם „ר' יצחק מרוסיא" [9], וועלכער איז משמעות אויך געווען ר' אלעזר אוים ווארמס א תלמיד. א תלמיד־חכם פון דער צווייטער העלפט 12טן י"ה, משה אוים קיעוו, וואס פלעגט זיך ווענדן מיט שו"ת צום באגדאדער ראש־ישיבה שמואל בן עלי [10], איז געווען פערזענלעך באקאנט מיטן בארימטן בעל התוספות רבנו תם [11]. משה קיעווער איז בכן געווען א פארמיטלונגס־רינג צווישן די חכמי צרפת און חכמי בבל. עס זיינען אפילו אויפגעהיט געווארן וועלכע ס'איז רעשטן אוים דער ליטערארישער טעטיקייט פון די דאזיקע תלמידי חכמים אוים די סלאווישע מדינות, וואס פלעגן וואנדערן קיין מערב־איירא̈פע לערנען תורה אין די דארטיקע ישיבות. אין דער בארימטער וואטיקאנער ביבליאטעק געפינען זיך „חידושים על התורה",

---

[8] זע ם. בערלין, „איסטארישעסקיע סודבי יעווריעסק. נאראדא", 170. עס איז אבער גאנץ מעגלעך, אז א טייל פון די דאזיקע קאפיסטן האבן געשטאמט פון די מערבדיקע סלאווישע פראווינצן (בעמען א"א).

[9] זע „פרדם חמד", VII, 68: „כך הגיד לי ר' יצחק מרוסיא משם מורי אבי"... הגיד לי ר' יצחק מרוסיא שכך אמר מורי אבי".

[10] זע „מאנאטסשריפט", ב' 39, 511.

[11] זע „ספר הישר", סימ' 522.

וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין רוסלאַנד אין 1094 [12]; אין דער באָד־לעאַנער ביבליאָטעק איז אויפגעהיט אַ פּירוש אויף תורה, און אין דעם כתב־יד איז אָנגעוויזן, אַז ס'איז געשריבן געוואָרן אין רוסלאַנד אין 1124 [13].

דאָך איז די צאָל פון תלמידי־חכמים אין דער דנעפּער־געגנט געווען גאַנץ קליין, און זייער ליטעראַריש שאַפן איז געווען פון גאַנץ קנאַפּן ווערט. מען דאַרף זיך דאָך דערביי רעכענען מיט דעם זייער נידעריקן קולטורעלן מצב פון דער סביבה; אויך איז די עקאָנאָמישע לאַגע געווען אַ זייער ווייניק גינציקע: אַלץ עפּעטער זיינען געוואָרן די אָנפאַלן פון די נאָמאַדישע שבטים, וואָס פלעגן פלוצלונג זיך באַווייזן אין גרויסע מחנות אויס די ברייטע סטעפּעס, און בעראַבעווען די איינגעזעסענע באַפעלקערונג. דאָס זיינען געווען זייער ווייניק פּאַסיקע באַדינגונגען פאַר אַ רויִק קולטורעל שאַפן. און מיר האָבן טאַקע גאַנץ באַגלויבטע עדות אויס יענער צייט, וואָס דערציילן, ווי גרויס ס'איז געווען דער מאַנגל אין לומדים און תלמידי־חכמים אין די קהילות פון די סלאַווישע מדינות. אין פילע קהילות פלעגט דאָס גאַנצע „כלי־קודש" באַשטיין אויס איין־איינ־ציקן מענטשן. איין און די זעלבע פּערזאָן איז געווען אי רב, אי מלמד, אי שליח ציבור אאז"וו [14], און דערביי פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אַז דער דאָזיקער „כל־בו" איז געווען אַ גאַנץ קנאַפּער יודע ספר. ביי וויכ־טיקע רעליגיעזע פראַגן פלעגן זיך דערפאַר די קהילות ווענדן צו אָנער־קענטע רבנים אין מערב־אייראָפּע [15].

ניט העכער איז געווען דער מצב פון די לאַנג־איינגעזעסענע קהילות אין קרים. אין זייערע רעליגיעז־קולטורעלע באַדערפענישן האָבן זיי זיך געפונען אונטער דער דירעקטער השפעה פון בבל, וואָס פון דאָרט האָבן געשטאַמט די ערשטע אויסוואַנדערער, וועלכע האָבן אין קרים גע־

---

12 זע הרכבי, „היהודים ושפת הסלוים", 10, נומ' 25.

13 זע שטיינשניידער, „העבר. ביבל.", XIII, 116: „והיום בגונותינו אני עומדים בח' מאות פ"ד ליצירת (1124), וזה היה בעת שחובר ספר זה ברושיא".

14 אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקע שטעלע ביי רבנו תּםס תּלמיד, אליעזר אויס בעמען: „הנה ברוב המקומות שבפּוילין ורוסיא ואונגאריא אין שם לומדי תורה מתוך דוחקם, והם שוכרים להם אדם מבין מאשר ימצאו והיה להם לשליח צבור ולמורה צדק וגם למלמד לבניהם"... (זע צונץ, געזאַמ. שריפטן, III; שו"ת ר' מאיר מראָטענבורג, III, סימ' 112).

15 זע, למשל, „מחזור ויטרי", II, 243: „ואני נשאלתי ברוסיא... כשבאתי אצל הרב ר' יצחק בר' יעקב הלבן בבהם בעיר פּרגא, ועניתי לו שכן שאלוני ברוסיא וכן השבתי".

גרינדעט די עלטסטע קהילות [16]. בבל און ארץ־ישראל פלעגן אויך, ווי עס שיינט, פאַרזאָרגן די קרימער קהילות מיט „כלי־קודש״. מיט רבנים, דיינים און לומדי תורה. וועגן זעלבשטענדיקן ליטעראַרישן שאַפן זיינען נים פאַרבליבן קיין שום ידיעות אויסער אייניקע רעשטן פון א דאָרטיקן האַנטשריפטלעכן סידור [17]. א געוויסן פאַרשריט אין דעם קולטורעלן מצב פונם אָרטיקן יידישן ישוב מאַכט זיך ערשט באמערקבאַר אין דער בלי־תקופה פון די גענועזער קאָלאָניעס אויף די ברעגעס פונם שוואַרצן ים, בפרט נאָך 1260, ווען די גענועזער האָבן באקומען ביים טאַטערישן כאַן אָראַן־טימור דעם אלטן פאָרט קאַפאַ (פעאָדאָסיע), וואָס איז באַלד געוואָרן דער וויכטיקסטער צענטער פון די גענועזער־קאָלאָניעס ביים שוואַרצן ים. אמת, די פאָרשער ד. כוואָלסאָן און ש. י. פין האָבן אפילו געפּרוווט דער־ווייזן, אַז די השפעה פון די איטאַליענישע יידן אויף די יידישע קהילות אין דער קרים־געגנט האָט זיך שוין געלאָזט שפירן אינם 10טן י״ה. זייער השערה שטיצט זיך אָבער בלויז אויף איין־איינציקער און גאַנץ אומבאַגרינדעטער ראיה: זיי רעכענען, אַז אונטער דער מצבה, וואָס מען האָט געפונען אין טשופוט־קאַלע, אויף וועלכער עס איז אויסגעקריצט דאָס יאָר 959 און דער נאָמען שבתי דונולו, איז געווען באַגראָבן דער באַקאַנטער פאַרפאַסער פונם „חכמוני״ [18]. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז דער בעל „חכמוני״, וואָס איז געשטאָרבן באַדייטנד שפּעטער פון 959, האָט קיין שום שייכות ניט צו דער טשופוט־קאַלע׳ער מצבה, און דער קולטורעלער פאַרקער צווישן די איטאַליענישע יידן און זייערע ברי־דער אין טאַווריען־לאַנד האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט דריי הונדע־ט יאָר שפּעטער, נאָכדעם ווי די גענועזער האָבן פאַרנומען קאַפאַ. מיר ווייסן שוין [19], אַז גראָד אין דער צווייטער העלפט פונם 13טן י״ה הייבט זיך אָן דער קולטורעלער אויפבלי ביים יידישן קיבוץ אין איטאַליע, און די יידישע סוחרים, וואָס האָבן זיך געלאָזט צו די ברעגעס פונם שוואַרצן ים, האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט ניט נאָר מאַטעריעלע סחורות, נייערט

---

16 זע דוד לעכנוס הקדמה צום מחזור מנהג כפא: „סדר התפלות והבקשות מנהוגות פה מזמן אבותינו אשר היה עקר דירתם בק״ק כפא ובעיר קרים הנקרא סולכאת אשר באו ברגליהם רגל ישרה מבבל ומארץ פרס טפני חמת המציק („הכרמל״, II, 344).

17 איינער אזא פראַגמענט איז אויפגעהיט אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע. אין דער דאָזיקער האַנטשריפט זיינען פאַראַן אייניקע פיוטים, וואָס זייערע פאַרפאַסער זיינען אויס אַנדערע קוועלן ניט באַקאַנט. למשל: יצחק בן ישראל סאַנגאַרי ראש ישיבה, שלמה (אויך סליכן) אלסיוגרי. ווי עס שיינט, זיינען די דאָזיקע מחברים געווען דאָרטיקע תושבים (זע „הכרמל״, II 384).

18 זע באַנד צוויי, ז׳ 180—184.

19 זע באַנד צוויי, ז׳ 241—242.

אויך גייסטיקע קולטורעלע אוצרות. די קונציקע יידישע קאַפּיסטן און אַפּשרייבערס אויס איטאַליע האָבן מיט אַ ברייטער האַנט משפיע געווען זייערע ברידער אין קרים מיט דער בעסטער סחורה — מיט ביכער. די יידן פון קאַפאַ און סולכאַט האָבן באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אידעישע שטרעמונגען, וואָס האָבן געוועלטיקט אין די יידיש־איטאַליענישע קרייזן. און עס איז כלל ניט קיין צופאַל, וואָס שוין אויס דעם יאָר 1281 איז אויפגעהיט געוואָרן אַ האַנטשריפטלעכע קאָפּיע פון אברהם אבן עזראס פירוש אויף תורה, וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרן אין איטאַליע, און קאָפּירט אין קאַפאַ [20]. אַט אַדאַנק דער קולטורעלער השפעה פון די איטאַליענישע קהילות, האָט שוין אין דער ערשטער העלפט פונם 14טן י״ה געקאָנט אויסוואַקסן אַזאַ אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט ווי אברהם קרימי.

ווען אברהם קרימים לעבן ווייסן מיר, ליידער, אַזוי גוט ווי גאָרניט. פאַרגעסן איז זיין נאָמען געוואָרן אינם משך פון לאַנגע דורות, און ערשט אינם 19טן י״ה איז ער אַדאַנק אברהם פירקאָוויטש תחית־המתים אויפגעשטאַנען און אויסגעלייזט געוואָרן פונם ים של שכחה.

פירקאָוויטש האָט געמלעך געפונען אין קרים אברהם קרימים אַ גאַנץ ווערק — אַ פירוש אויף תורה אונטער דעם נאָמען „שפת אמת״ [21]. אויס דער פאָררעדע [22] ווערן מיר געוואָר, אַז דער מחבר איז געבאָרן אין דער שטאָט אַלטקרים (סולכאַט) און דאָס ווערק האָט ער פאַרפאַסט אין 1358 [23] אויפן ווונטש פון זיין תלמיד, דער קאַראַים חזקיהו בן הנשיא אלחנן. אויס דער פאָררעדע ווערן מיר אויך געוואָר, אַז דער פאַרפאַסער האָט געפירט אַ געזונד־לעבן און געלעבט אין דחקות און נויט [24]. ניט קוקנדיק אויף די שווערע צושטאַנדן, איז דאָך אברהם קרימי גע־

---

20 זע ערשטער באַנד, 224 -225.

21 זע ביילאַגע נומ׳ 1.

22 די פאָררעדע האָט פירקאָוויטש פאַרעפנטלעכט אין „הכרמל״, III, 53—54. דאָס ווערק גופא איז עד־היום ניט געדרוקט, און דער כתב־יד געפינט זיך אין דער פירקאָוויטש־קאָלעקציע. זע ביילאַגע נומ׳ 1, און אויך אונזער אַרבעט אין „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ״, ב׳ XI, „אוורּאַם קרימסקי אי מאָיסעי קיעווסקי״.

23 ולשואל בעד שם המחבר – ענה: אברהם אשר נולד בקירים
פרטו בחמשת האלפים — וגם יקח למנין היצורים.

24 „כל שכן איש כמוני אשר מנעורי אפפוני תלאות ומקרי הזמן, ועמדו עלי כהמן, מאז ועד חלום, וישימו דמי מלחמה בשלום, עד אשר עוללו לנפשי ויהפכו ללענה דבשי, ונחתו עלי ככפירים ושאגו כלביא, והוסיפו מכאוב על מכאובי, ועל כן יגעתי באנחתי ומנוחה לא מצאתי״.

לונגען צו דערווערבן א פילזייטיקע און פאַר יענער צייט גרינטלעכע בילדונג. אויפן יסוד פון אייניקע רמזים אין „שפת אמת״ קאָן מען מאַכן די השערה, אַז זיין רבי איז געווען דער אין יענער צייט גוט באַקאַנטער געלערנטער און דענקער שמריהו בן אליהו איקריטי אויס נעגריפּאָנטאָ, וואָס איז ווי קלונימוס בן קלונימוס געווען א צייט לאַנג א מקורב ביי דעם קיניג ראָבערט דעם נעאַפּאָליטאַנער, וועלכער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט איקריטיס עקזעגעטישע אַרבעטן. א געבאָרענער אין רוים, איז שמריהו איקריטי נאָך אַלס קינד אַריבערגעפאָרן מיט זיין פאָטער אויפן אינזל קריט, ווו זיין פאָטער איז געווען א צייט לאַנג רב און פרנס. זיינע לערניאָרן האָט דער יונגער שמריהו פאַרבראַכט אין איטאַליע, דאָרט זיין בילדונג באַקומען און אויך אין שפּעטערדיקע יאָרן געפונען זיך אין פריינדלעכן בריוו־פאַרקער מיט דער יידישער קהילה אין רוים [25]. וועגן דער גרויסער השפעה, וואָס דער דאָזיקער אין איטאַליע אויפגעצויגענער געלערנטער האָט געהאַט אויף אברהם קרימי, זאָגט עדות שוין דאָס אליין, וואָס קרימי ציטירט אַם גערנסטן איקריטיס פירושים און ברענגט אים אַלס בר סמכא אין די וויכטיקע פראַגן.

דער „שפת אמת״ גיט אונז זייער ווייניק ידיעות וועגן דעם לעבן פון זיין מחבר, דערפאַר אָבער טרעט דאָרט פאַר אונז גאַנץ בולט אַרויס זיין פּערזענלעכקייט, זיין וועלטבאַנעם. דאָס איז געווען א מענטש פון פילזייטיקן וויסן, מיט א שאַרפן, ניכטערן שכל. פון „השתפכות הנפש״, פון פּאָעטישער ראָמאַנטיק האָלט אברהם קרימי גאַנץ ווייניק. אמת, יעדע פרשה און ספר פונם חומש הייבט זיך אָן און ווערט אויך פאַרענדיקט אין קרימיס פירוש מיט צווייציַיליקע און פירציַיליקע שירים [26], דאָס איז אָבער בלויז מאָדע־זאַך, עס געהער צום נוסח, וועלכן ס׳האָט איינגעפירט דער „ראש המפרשים״, אברהם אבן עזרא. זוכט ניט ביי קרימין קיין שטורמישן פּאַטאָס, קיין אויסברוך פון ליידנשאַפטלעכער התלהבות — ער איז שטענדיק רויִק, געלאַסן, ער אָנערקענט בלויז דאָס לאָגישע, דעם קאַלט־קלאָרן אַנאַליטישן געדאַנק. אין משך פון זיין גאַנץ ווערק וועט איר ניט געפינען קיין איין־איינציקן רמז אויף פאָלקס־לעגענדעס און

---

[25] אַז שמריהו איקריטי האָט אויס שווערע פאַמיליע־צושטאַנדן איבערגעריסן אינדערמיט זיין גרויסן פירוש אויף תנ״ך, האָט די רוימישע קהילה זיך נאָכגעפרעגט אין א ספעציעלן בריוו, ווי עס האַלט מיט זיין ווערק און ווען ער האָט בדעה עס צו פאַרענדיקן (שמריהוס ענטפער האָט אברהם גייגער פאַרעפנטלעכט אין „אוצר נחמד״, II, 90—98). אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע געפינט זיך אונטערן נומ׳ 518 שמריהו איקריטיס אָפּהאַנדלונג „חבור איש ואשתו״.

[26] זע ביילאַגע נומ׳ 1.

מיסטישער סימבאָליק. אים אינטערעסירט קודם־כל דער פשט, דער פירוש
פון יעדן וואָרט באַזונדער, זיין גראַמאַטישער בוי, און ווי אַזוי לאָגיש
פאַרטייטשן און מסביר זיין דעם גאַנצן זאַץ און פסוק. אים אינטערעסירט,
אַ שטייגער, גאַנץ ווייניק, וואָס פילע תורה־מפרשים זעען אין דעם אָנהייב־
וואָרט „בראשית״ די טיפסטע סודות פון גאַנץ „מעשה בראשית״, אים
איז וויכטיק בלויז מסביר זיין די פילאָלאָגישע אייגנאַרטיקייט פון דעם
באַטרעפנדיקן וואָרט. אין די פיר טייכן, וועלכע פליסן אַרום דעם גאָרטן,
וואָס איז געווען די וויג פון דעם מענטשלעכן געשלעכט, זוכט קרימי ניט
קיין שום אַלעגאָריעס און סודותדיקע רמזים, ער זעט אין זיי פשוטע
טייכן און וויל אַרויסגעפינען זייער געאָגראַפישע לאַגע. אפילו דעם באַ־
רימטן „פרשנדתא״, ר׳ שלמה בר יצחק, קאָן דער בעל „שפת אמת״ ניט
מוחל זיין, וואָס יענער איז זיך צו פיל סומך אויף מדרשים און אגדות.
„ואל תפן לדברי רש״י״ — פאַרלאָז זיך ניט אויף רש״יס רייד, ער־
קלערט אברהם קרימי, זיינע אויספירן זיינען כלל ניט „מדרך הפשט״ [27].
פון אַלע מפרשים געפעלן אים אַמבעסטן דער אבן עזרא און דער אויבנ־
דערמאָנטער שמריהו איקריטי [28]; דער גרעסטער אויטאָריטעט איז אָבער
ביי אברהם קרימי דער „חכם האמתי״, דער אמתער געלערנטער „רבנו
משה ז״ל מיימון״ [29], און טאַקע דער ראַציאָנאַליסטישער גייסט פון
„מורה נבוכים״ שוועבט איבער קרימיס ווערק. אויך דער בעל „שפת
אמת״ איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז די העכסטע מדרגה פון דעם
מענטשנס שלימות קאָן דערגרייכט ווערן בלויז אויפן געביט פון פילאָ־
זאָפישן פאָרשן, און ווי מיימוני בשעתו, אַזוי איז אויך אברהם קרימי גע־
ווען איבערצייגט, אַז „ואהבת את ד׳״ קאָן זיין בלויז אַ פועל־יוצא פון
„וידעת את ד׳״, און די ליבע צו גאָט קאָן זיך אַנטפּלעקן נאָר אינם
פאָרשן און באַגרייפן די גרויסע חכמה פון זיין שאַפן [30]. זיין ראַציאָנאַ־
ליסטישן שטאַנדפּונקט פירט קרימי ערטערווייז דורך מיט אַ נאָך שטרענגע־
רער קאָנסעקווענץ, ווי דער בעל „מורה נבוכים״. ער באַנוצט זיך מהאי
טעמא זייער זעלטן אין זיין פירוש אויף תורה מיט דער אַלעגאָרישער

27 כ״י „שפת אמת״, דף 78: „ואל תפן לדברי רש״י... כי אין לנו לדעת
זה בדרך הפשט״.

28 אברהם קרימי ציטירט גאַנץ אָפט „החכם רבנו שמריה בנו פרנס האיקריטי״
(זע „שפת אמת״, דף 9, 10, 11, 13, 14, 68, 79, 82 א״וו).

29 דאָרטן, דף 65.

30 זע ביילאַגע נומ׳ 1, ב׳.

מעטאָדע [81]. אפילו אין דער מעשה מיטן שלאַנג, וואָס האָט פאַרפירט די מוטער פון דעם מענטשן־געשלעכט, זוכט ער ניט קיין שום רמזים און אַלעגאָריעס; ער האַלט בלויז פאַר נייטיק אַרויסזאָגן זיינע ספיקות, צי זאָל עס מעגלעך זיין, אַז אַ שלאַנג זאָל קענען ריידן: מיטן לעבעדיקן וואָרט איז דאָך בידוע באַשאָנקען בלויז דער מענטש [82]. עס איז אויך פאַר אים אויסער ספק, אַז ווער עס מיינט אין דער אמתן, אַז בלעמס אייזל האָט מיטאַמאָל באַקומען לשון — דער „בלאָנדזשעט אין דער פינסטער'' [83]. דאָס אויסערגעוויינלעכע און וווּנדערבאַרע, די נסים ונפלאות, וואָס ווערן דערציילט אין דער תורה. אַלץ פלייסט זיך דער דאַזיקער שטרענגער ראַציאָנאַליסט צו דערקלערן על־פי דרך הטבע, מסביר זיין לויט דעם פשוטן שכל. אברהם קרימין אינטערעסירט בכלל ניט די דערקלערונג, אַז דער פילפאַרביקער רעגנבויגן איז דער גרויסער וווּנדער־צייכן, וואָס גאָט האָט די מענטשן־קינדער צום אָנדענק געגעבן, אַז מער וועט די זינדיקע וועלט שוין ניט געמשפּט ווערן מיט די אַלץ חרוב־מאַכנדיקע געוויסערס פון אומרחמנותדיקן מבול. אים איז בלויז וויכטיק צו באַקענען דעם לייענער דערמיט, וואָס די „חכמי המחקר''. די נאַטור־פאָרשער, זאָגן וועגן דעם רעגנבויגן; לויט וואָסערע נאַטור־געזעצן באַווייזט זיך אין דער הויך דער פילפאַרביקער בויגן בעת די זונשטראַלן שלאָגן זיך אָן אָן די מיט וואַסער באַלאָדענע וואָלקנס [84]. דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער בעת אברהם קרימי קומט צו די „מכות'', מיט וועלכע גאָט האָט געשטראָפט דעם פאַרעקשנטן פרעה און זיין לאַנד. ער דערציילט אין זיין פירוש, ווי אַזוי די „חוקרים'' ערקלערן על־פי דרך הטבע דעם האָגל. וואָס פאַלט אויף דער ערד און די דונערן און בליצן [85]. די מעשה מיט אברהם אבינו

81 בלויז בנוגע צו יעקבס חלום וועגן דעם לייטער מיט די מלאכים איז קרימי מסכים מיטן רמב"ם, אַז עס דאַרף אויפגעפאַסט ווערן אַלס אַלעגאָרישער משל: „ולדעת החכם האמתי הרב מורה צדק כפי מה שכתב בפרק ט"ו מהחלק הראשון שהסלם הוא משל לשפע השופע מהשם יתברך שראש השפע הראשון בשמים וראשו האחרון בארץ" (דאַרמן, דף 40).

82 כ"י „שפת אמת", בל. 9.

83 דאַרמן, בל. 223: „ויפתח ד' את פי האתון, אין הדברים כמשמעם, והמחזיקים בפשט הדברים בכל מקום לא ידעו איזה דרך ישכון אור".

84 ווייל די דאַזיקע שטעלע איז אינטערעסאַנט פאַר דער נאַטור־געשיכטע פון יענער צייט, ברענגען מיר זי בשלמות אין די ביילאַגעס, נומ' 1, ג'.

85 „אין דרך הנביאים הנשלחים אל ההמון ללמדם דבריהם בדרך העיון והמופתים השכליים כי לא יקבלום ולא יספיקו להטות לבבם אל דבריהם כי ההמון לא ישכילו מופתים מושכלים ולא עיונים רק מורגשים ונראים ואעפ"כ שאפשר להיות בין ההמון יחידים משכילים ולהם יועילו המופתים המושכלים. הלא אין התאמתות הנביא תלויה באנשים יחידים רק בהמון העם וטף ונשים".

און די דריי מלאכים, וואָס קומען צו אים צו גאַסט, דערקלערט קרימי אַלס פשוטן חלום און ער פאַררופט זיך דערביי אויף דעם „חכם האמתי" רבנו משה בן מיימון [36]. אַלס חלום דערקלערט ער אויך די מעשה מיטן סנה, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט (וכל זה במראה, כי כן נראה לו כל מה שספר). און גאַנץ אינם גייסט פון דעם בעל „המורה" דערקלערט קרימי די פראַגע וועגן רוח נבואה: „די נביאים, בעת זיי ווערן געשיקט צום המון, ריידן זיי ניט צו אים מיט אַ פילאָזאָפישער שפּראַך, ברענגען ניט קיין אַבסטראַקטע ראיות, וואָס זיינען געבויט אויפן יסוד פון שכלדיקן ספעקולאַטיוון דענקען, ווייל דער המון וועט דאָס ניט פאַרשטיין און זייערע רייד וועלן אויף אים קיין שום פעולה ניט האָבן. דער המון באַגרייפט בלויז דאָס, וואָס ער טאַפּט אָן מיט די הענט, וואָס ער שפירט מיט זיינע חושים. בלויז יחידים זיינען אימשטאַנד משיג זיין אַבסטראַקטע באַגריפן, פילאָזאָפישע מסקנות; דער נביא, ער רעדט אָבער ניט בלויז צו די אויסגעוויילטע יחידים, ער מוז אָנערקענט ווערן פונם גאַנצן פאָלק, פון גרויס ביז קליין [37]. אברהם קרימי באַפרידיקן ניט די אַלע דערקלערונגען, וואָס געפינען זיך אין די אַלטע קוועלן וועגן דעם באַטייט און אָפּשטאַמונג פונם וואָרט „פסח", און אויך וועגן דער סעודה מיטן „קרבן פסח" — דעם צענטראַל־פונקט פון דעם גרויסן באַפרייונגס־יום־טוב אין די קדמונישע צייטן. קרימי געפינט, אַז די אַלע דערקלערונגען זיינען סותר איינע די אַנדערע; און ער גופא גיט זיין אייגענע און טאַקע וויסנשאַפטלעך באַגרינדעטע דערקלערונג: ער ברענגט דעם יידישן יום־טוב אין ענגער פאַרבינדונג מיטן גרויסן פרילינג־יום־טוב, וואָס פלעגט געפייערט ווערן אין מצרים, בעת די זון איז אין חודש ניסן אריינגעטראָטן אין „מזל טלה". און דער סימבאָל פון דעם באַטרעפנדיקן „מזל" איז דאָס לעמעלע, דער „קרבן פסח" [38].

קרימי האַלט אויך פאַר אַ „נאַרישקייט" דעם ביי יידן אַזוי אָנגענומענעם געדאַנק, אַז גאָט האָט אין זעקס טעג די וועלט באַשאַפן. וביום השביעי שבת וינפש — און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער געשלאָפן און גערוט. ווי יצחק אלבאַלאַג [39], אַזוי באַטראַכט אויך קרימי די „מעשה

---

[36] זע ביילאַגע נומ׳ I, ד׳.

[37] דאָרטן, ה׳.

[38] דאָרטן, בל. 83: „ומפני שהיו עובדים הצאן... אמנם הטלה היה האלוה הגדול שלהם (פון די מצריים)... דברו אל כל עדת בני ישראל לאמר: מפני שהוא (רצה שיטהרי כלם מגלולי מצרים וצוה להם את המצוה הזאת לעשות בחודש ניסן שאז הוא סמן טלה בכחו הגדול כי השמש בו... ונראה שהמצריים היו חוגגים חג גדול ביום שתכנס החמה בראש מזל טלה ולכן צוה שיכפרו בו ביום ההוא"...

[39] זע באַנד דריי, ז׳ 134—135.

בראשית״ אלס אומענדלעכן, אייביק און שטענדיק דויערנדיקן שאפונגס־אקט. ווי דער שפאניער אלבאלאג, אזוי האט אויך דער געלערנטער אויס דעם אלטן קרים געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטן קעגן איינעם פון די דורך דער מסורה ביי יידן געהייליקטע גרונט־געדאנקען, און ער טייטשט אויס דעם באקאנטן זאץ „אשר ברא אלהים לעשות״ אויף אזא אופן, אז גאט האט עס באשאפן די אור־קרעפטן, וואס טראגן אין דער תורה דעם נאמען „אלהים״ און זיי אונטערהאלטן עס דעם אומענדלעכן פראצעס פון שאפן און ווערן [40].

און דאס אינטערעסאנטסטע איז דערביי, וואס א מענטש מיט אזעלכע פרייע אנשויונגען האט אין זיין סביבה כלל ניט גענאלטן א״ס אפיקורס. ער, דער ראציאנאליסט און פריידענקער, איז געווען רב אין זיין קהילה און איז דארט געווען אזוי געאכפערט און געליבט, אז זיין קהילה האט אין משך פון גאנצע דורות מיט גרויס יראת־הכבוד געהיט זיין אנדענק און געבענטשט זיין נאמען. אין די פירקאוויטש־קאלעקציעס האבן מיר געפונען אויפגעהיט אן אינטערעסאנטן דאקומענט [41] אויס דעם 15טן י״ה, אויס וועלכן מיר ווערן געוואר, אז העכער הונדערט יאר נאך אברהם קרימים טויט פלעגן די קרימער קהילות צו „הזכרת נשמות״ דערמאנען צוזאמען מיטן „הרב הגדול רבנו משה בן מיימון״ און „החכם הרב רבנו אברהם ן׳ עזרא״ אויך „כבוד מעלת גדולת אדוננו החכם הרב מורנו ורבינו כה״ר אברהם קירימי לברכה״. די קרימער יידן, ווי מיר זעען, זיינען נאך אין 15טן י״ה געבליבן אזוי געטריי דעם אידעען־גייסט פון זייער אמאליקן „מורנו ורבנו״, אז פון אלע יידישע גדולים און גאונים אויס דעם מיטלאלטער, האבן זיי זיך באצויגן מיט א באזונדערן יראת־הכבוד צו די צוויי גרויסע קעמפער פאר דעם פרייען קריטישן פארשער־געדאנק, וואס זיינען געווען די אמתע מורי דרך פאר דעם בעל „שפת אמת״.

גראד אין יענער צייט, צום סוף פונם 15טן י״ה, טרעט ארויס אויפן פאדערגרונד פונם יידישן קולטור־לעבן אין קרים א תלמיד־חכם, וואס איז געקומען אויס דער פרעמד, אויס דעם וויכטיקסטן צענטער פונם יידישן ישוב אין דער דנעפער־געגנט — אויס קיעוו. משה קיעווער, אויך משה הגולה האט דער תלמיד־חכם געהייסן.

---

40 דארט, בל׳ 7: „ויכל אלהים ביום השביעי, י״א כי בבריאת יום השביעי עצמו כלה השם כל מלאכתו וזה הבל, כי גם היום חימים נבראים... אשר ברא אלהים לעשות, י״א לעשות כמו ויחדלו לבנות ותטעם מלעשות; ואין צורך, רק טעם שנתן כח לכל נמצא להמציא מינו, ולפי דעתי כי האלהים פעול, והבן זה״...

41 זע ביילאגע נומ׳ 2.

דער באַטייט פונם קיעווער צענטער איז אויף אַ משך צייט שטאַרק געפאַלן, נאָך דעם חורבן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון די נצחונדיקע טאַטערישע קריגערס. וועגן דעם יידישן ישוב פאַר דער ירידה־צייט האָבן מיר גאַנץ ווייניק ידיעות. מיר ווייסן בלויז, אַז אין אָנהייב פונם 14טן י"ה פלעגט די קיעווער קהילה באַקומען רבנים אויס דעם וויטן בבל [42]. ביסלעכווייז הייבט ערשט אָן קיעוו ווידער אויפצולעבן, ווען זי ווערט פאַרבונדן מיט ליטע און פוילן. דעמאָלט צעוואַקסט זיך דאָרט אויך די יידישע קהילה, קיעוו ווערט אַן עיר ואם בישראל, און אין די געלערנטע קרייזן איז געווען רגיל דער אויסדרוק: „כי מכיוב תצא תורה ואור ד' מסטאַרדוב" [43]. אין אַן אויפגעהיטן בריוו, וואָס אַ קאַראַים, שלמה בן אַברהם, האָט געשיקט פון קאַפאַ קיין קיעוו אין יאָר 1481 [44], ווייזט דער קאָרעספאָנדענט אָן: „מיר האָט מען שוין לאַנג דערציילט, אַז אין אייערע קהילות, הן אין דער קאַראַימישער, הן אין דער רבנישער, זיינען דאָ פילע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט וויסנשאַפט" [45]. אָט גראָד אין יענער צייט איז אין דער קיעווער קהילה בראש פון די „שדורשים הלמוד והידיעה" געשטאַנען דער אויבן־דערמאָנטער ר' משה בן יעקב בן משה הגולה, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אויף די פאַרשיידנסטע ליטעראַרישע געביטן: אַלס ביבל־קאָמענטאַטאָר, אַלס תלמודישער געלערנטער, אַלס פייטן [46], פילאָלאָג און מקובל.

42 „הכרמל", II, 407: „בשנת ה"א ע' (1310) באו רבנים מבבל לכיוב".

43 „עיר גדולה לאלקים של חכמים ושל סופרים הנקראה כיוב אשר עליה יאמרו המושלים כי מכיוב תצא תורה... ואור ד' מסטארדוב".

44 דער דאָזיקער בריוו געפינט זיך אין דער פירקאָוויטש־קאָלעקציע (נומ' 46) צוזאַמען מיט אַ גאַנצן פּאַק בריוו און דאָקומענטן פון די קאַראַימישע קהילות אין די פויליש־ליטווישע פּראָווינצן. דער באַטרעפנדיקער בריוו איז אַפילו דאַטירט מיטן יאָר קמ"א (1381), דאָ איז אָבער „יד פירקוביץ באמצע". מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איינער פון פירקאָוויטשעס פילצאָליקע פעלשונגען. און דאָס מאָל איז גראָד די פעלשונג דורכגעפירט גאַנץ אומגעשיקט: צו דער „ריש" פון דער דאַטע רמ"א האָט פירקאָוויטש צוגעשריבן אַ פּאַסיקל און פון דעם „ריש" איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן אַ „קוף". דער פּאַלעאָגראַפיקער האָט אָבער ניט גענומען אין באַטראַכט איין קלייניקייט: דער דאָקומענט איז געשריבן מיט אַ גוטן טוש, איבערגעמאַכט דעם ריש האָט ער מיט פשוטער גאַלוסינט, וואָס האָט מיט דער צייט אָפּגעבליאַקעוועט, און די פעלשונג איז לייכט צו דערקענען.

45 „וכבר סופר לי בעד הקהלות הנמצאות שם הן מעדת בני מקרא הן מאחיני הרבנים בני משה שדורשים הלמוד והידיעה".

46 זע צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע", 388. אין דעם האַנטשריפטלעכן דרייבענדיקן מחזור כמנהג כפא, וואָס האָט זיך געפונען אין לעונינגראַד אין דער „אָפּע"־ביבליאָטעק, איז אויך פאַראַן אַ ליטורגיש ליד מיט דעם אַקראָסטיך: אני משה הגולה.

אדאנק זיינע הערות צום שלוס פון פילע סדרות אין זיין פירוש אויף תורה, ווייסן מיר באשטימט די דאטע, ווען משה קיעווער איז נעבארן. צום סוף פון פרשה „אמור“ געפינט זיך פאלגנדיקע צושריפט פונם מפרש: „ופה נשלם פירוש סתומות פרשת אמור ליל ב׳ י״ו לכסליו שנת האלהים הרעה אותי מעודי עד היום הזה. והיה זה ביום שנולדתי בו, כי היה יום מולדתי ג׳, ט״ו לכסליו שנת ר״ט (דעצעמבער 1448) לפרט, ועתה החייני אלהים ואני בשנת ס״ו בשנת רעה ישראל האזינה“ [47]. דערפאר איז אבער נים פעסטגעשטעלט זיין געבורטסארט. די קאראימישע געלערנטע באשיצי און אפונדופולו, וואס האבן געפירט א פאלעמיק מיט משה הגולה, רופן אים אשכנזי און אלעמאנו; דאס איז אבער בלויז אן אנווייז, אז ער שטאמט פון די אשכנזישע יידן. אמת, פירקאוויטש דערציילט („הכרמל“, II, 39), אז ביי איינעם א קאראים מיטן נאמען יצחק אוכסוז האט ער געזען א כ״י פון משה הגולהס אויבן־דערמאנטן פירוש, ווו דער פארפאסער ווייזט דארט בפירוש אן: „ואני יליד עיר שארוב“. די דאזיקע מיטטיילונג רופט אבער ארויס שטארקע ספיקות. קודם־כל איז נאך א גרויסע פראגע, צי האט שוין אין דער ערשטער העלפט פונם 15טן י״ה בכלל עקסיסטירט די „עיר שארוב“, ווארעם אין די געשיכטלעכע קוועלן ווערט די שטאט שאראוו צום ערשטן דערמאנט אינם יאר 1539. אויסער דעם בלייבט אומבאגרייפלעך, ווי קומט עס א געבירטיקער אין א פארווארפן שטעטל פון דעם וויטן זאמוט זאל נאר פארברענגען זיינע לערניארן אין דער רעזידענץ־שטאט פון דער אטאמאנישער מלוכה. מיר זאגן דערפאר ארויס די השערה, אז אין דער פון פירקאוויטשן ציטירטער שטעלע רעדט זיך ניט וועגן שאראוו, נייערט וועגן דעם אלטן טארוב פון קיעווער געגנט. פירקאוויטשעס טעות איז ניט שווער צו דערקלערן דערמיט, וואס אין די אלטע כתב־ידן איז לייכט אנצונעמען א „טית“ פאר א „שין“ און א „ריש“ פאר א „דלית“.

א קרענקלעכער, אויסגעדארטער, מיט געשווירן אויפן לייב [48], נאר

---

47 אויך צום סוף פון זיין פירוש חייגט אן משה קיעווער:

שנת שבע וששים משנותי — שנת רצון חזרת העבודה
שנת שלום שנת רעה מבשר — לישב את שכולה גלמודה.

מיר ציטירן לויט דעם כ״י פון דעם דאזיקן פירוש, וואס געפינט זיך אין דער צחייטער פירקאוויטש־קאלעקציע.

48 אליהו באשיצי שרייבט אין זיין בריוו צו משה הגולה: „בחיות האיש ההוא רע היצירה, חבורה תחת חבורה, ועיניו לבנות ושערותיו למראה הצהיבות פונות, ואיש כזה אמרו החכמים שהוא מכוער הצורה“ (דער בריוו געפינט זיך צווישן די אויבנדערמאנטע דאקומענטן, וואס זיינען אויפגעהיט אין דער ערשטער פירקאוויטש־קאלעקציע נומ׳ 44).

מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און מיט אַ גרויסן דורשט נאָך וויסן, לאָזט זיך דער יונגער משה בן יעקב צום גרויסן קולטור־צענטער, צו דער רעזי־דענץ־שטאָט פון די אָטאָמאַנען — קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אויסער תּלמודישער ליטעראַטור שטודירט ער אויך פלייסיק אַלגעמיינע לימודים ביי יידישע געלערנטע, ווי אברהם צרפתי [49], און אויך ביים באַקאַנטן קאַראַימישן געלערנטן אליהו באשיצי [50]. צו פיר־און־צוואַנציק יאָר שטמט ער שוין מיט זיין פילזייטיק וויסן, ער האָט שוין אייגענע תּלמידים, און פון איינעם פון זיי איז אַפילו אויפגעהיט געוואָרן אַ האַנטשריפטלעכע קאָפּיע פון אַ קאָסמאָגראַפיש ווערק, וואָס ער האָט אָפּגעשריבן, ווי ער אַליין זוייזט אָן, פאַר זיין רבין „ר' משה בן יעקב אוים רושיי" [51]. באַלד פאַרלאָזט משה הגולה קאָנסטאַנטינאָפּאָל און באַזעצט זיך אין קיעוו [52], ווו די אָרטיקע קהילה נעמט אים אָן מיט גרויס כבוד. משה קיעווער איז אָבער נים באַשערט געווען אַ רויִק לעבן צו פירן. אין 1482 באַפאַלן די טאָטערן קיעוו, משה בן יעקב פאַרלירט דערביי זיין גאַנץ פאַרמעגן, און זיינע קינ־דער ווערן צוזאַמען מיט פילע אַנדערע איינוווינער אַוועקגעפירט אַלס געפאַנגענע קיין קרים [53]. ער אַליין, וואָס איז מיט ניסים ניצול געוואָרן, לאָזט זיך קיין ליטע צונויפנעמען די נייטיקע סומע פאַר „פדיון שבוים",

49 ווי עס שיינט, האָט משה בן יעקב חתונה געהאַט פאַר אברהם צרפתים טאָכטער. אין זיין נים־פאַרעפנטלעכטן „אוצר נחמד" (צווייטע פירקאָוויטש־קאָלעקציע, נומ' 3, דף 196) לייענען מיר: „ומורי חמי מה"ר אברהם הצרפתי ז"ל הקפילני".

50 דערויף ווייזט אָן באשיצי אין זיין בריוו צו דער קאַראַימער קהילה אין לויצק: „אולי זה האיש שבת הזמן שהיה נכנע לפני כשהיה לומד עמי חכמת התכונה" (ערשטע פירקאָוויטש־קאָלעקציע נומ' 42). אין זיין בריוו צו משה קיעווער גופא האַלט באשיצי פאַר נייטיק צו דערמאָנען: „כי המעיז ברבו בקרבו ישים ארבו ולשונו תהלך בארץ".

51 די באַטרעפנדיקע האַנטשריפט איז אויפגעהיט אין דער חינער ביבליאָטעק, און דאָרט געפינט זיך פאָלגנדיקע צושריפט: „תם ונשלם על ידי יוסף בכ"ר משה הכהן והשלמתיו ביום ד' כ"ז לחודש סיון בשנת חרל"ב (1472) ליצירה וכתבתיו למורי ורבי ההכ"ר משה בן יעקב הרושיי תנצב"ה, השם יזכהו להגות בו הוא וזרעו וזרע זרעו". אברהם עפּשטיין („האשכול", IV, 149) וויל נים גלויבן, אַז דאָ זאָל עס זיין די רייד וועגן משה הגולה, ווייל ער איז דאָך דעמאָלט אַלט געווען בסך־הכל 24 יאָר. עפּ־שטיינס ספיקות זיינען אָבער אומבאַגרינדעט, וואָרעם משה הגולהס בן־דור און בר פלוגתא, דער קאַראַימישער געלערנטער כלב אַפענדופּולו, האָט אויך שוין געהאַט צו 24 יאָר דער־וואַקסענע תּלמידים.

52 בערלינס השערה (צים. ווערק, 193), אַז משה הגולה, איידער ער האָט זיך באַזעצט אין קיעוו, האָט פאַרבראַכט אַ שטיק צייט אין, ארץ־ישראל — איז זייער שוואַך באַגרינדעט.

53 זע אַפענדופּולוס בריוו, פאַרעפנטלעכט אין „העבר. ביבל.", XX, 122—124.

אויסצולייזן זיינע געפאנגענע קינדער. משה קיעווער באנוגנט זיך אָבער ניט מיט „פדיון שבוים״ אליין; אַ קאמפּלוסטיקע נאטור, לאָזט ער ניט פארביי די פּאסנדיקע געלעגנהייט, און ווען ער באזוכט אונטערוועגנס טראָק און לויצק, לאָזט ער זיך אריין אין וויכּוחים מיט די אָרטיקע קאַראַימען. ער האָט זיי אויך מודיע געווען, אַז ביי אים איז גרייט אַ פּאָלעמיש ווערק קעגן דעם ספר המצוות „גן־עדן״ פון זייער חשובסטן אויטאָריטעט, דעם קאַראַימישן געלערנטן אברהם בן אליהו. אין בולטע שטריכן גיט אַפּונדופּולו איבער אין זיין אויבן־דערמאָנטן בריוו, וואָס פאַר אַ גוואַלטיקן רושם ס׳האָט געמאַכט משה קיעווערס פּאָלעמיק אין די קאַראַימישע קרייזן. „אַז די צוויי באַרימטע קאַראַימישע קהילות (פון לויצק און טראָק) האָבן דאָס דערהערט, שרייבט אַפּונדופּולו, זיינען זיי דערציטערט געוואָרן, און געהאַט גרויס עגמת־נפש. זיי האָבן ווי אמתע תּלמידי חכמים מיט גרויס היץ געוואָלט דערפילן אַלץ, וואָס אויף זיי איז חל געווען. קודם־כּל האָבן זיי געוואָלט באַקומען דאָס דאָזיקע פּאָלעמישע ווערק, עס איז אָבער ניט מעגלעך געווען, ווייל גאָט האָט אַזוי געפירט, אַז מ׳האָט דעם כּתב־יד אַוועקגערויבט און אים פאַרפירט קיין קאַפאַ״ [54].

די לויצקער קאַראַימער האָבן פאַקטיש איינגעזען, אַז מיט אייגענע קרעפטן זיינען זיי ניט ביכולת אָפּצוּווענדן די טענות פון דעם קונציקן „רבנישן״ פּאָלעמיקער, האָבן זיי זיך דערפאַר געווענדט נאָך הילף צו זייערע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער ברידער. דער ערשטער איז זיי געקומען צו הילף דער באַוווסטער אליהו באַשיצי. דער שאַרפער פּאָלעמישער טאָן, אין וועלכן עס ענטפערן אָפּ דעם „רבנישן״ קעגנער באַשיצי און זיין תּלמיד כּלב אַפּונדופּולו [55], זאָגט עדות, וואָס פאַר אַ גרויסע אויפרעגונג עס האָט אַרויסגערופן משה קיעווערס פּאָלעמיק [56].

נאָך דעם ווי משה קיעווער איז געלונגען צונויפזאַמלען די נייטיקע סומע אויף „פדיון שבוים״, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו און דאָרט מיט גרויס פלייס געזעסן „על התורה ועל העבודה״. ער שרייבט

54 משה קיעווער האָט זיינע פּאָלעמישע „השגות״ אָנגעשריבן אויף די בלעטער־זיימן פון זיין עקזעמפּלאַר „גן־עדן״, וועלכן די טאָטערן האָבן געראַבעוועט צוזאַמען מיט זיין גאַנצער ביבליאָטעק, און פאַרקויפט דערנאָך אין קאַפאַ די אָרטיקע יידן.

55 קאָפּיעס פון די דאָזיקע דאָקומענטן געפינען זיך אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע, נומ׳ 42, 44, 45. זע ביילאַגע נומ׳ 3.

56 אויף דער עלטער, בעת משה קיעווער שרייבט די הקדמה צו זיין פּירוש „אוצר נחמד״, לאָזט ער זיך ווידער אַריין אין אַ פּאָלעמיק מיט די קאַראַימען, און רופט זיי „די אומווסנדיקע בענטשן״ (אלה חסרי הדעת).

ווערק וועגן העברעיִשער גראַמאַטיק („ספר הדקדוק'') און וועגן יידישער צייט־רעכענונג („יסוד העיבור'') [57].

די יאָרן פון רום האָבן אָבער לאַנג ניט געדויערט; פּלוצלונג, גאַנץ אומדערוואַרט, האָט די קיעווער קהילה און דעם גאַנצן יידישן קיבוץ אין ליטע געטראָפן די גרויסע קאַטאַסטראָפע. דער גרויספירשט אלכסנדר יאַגעלאָ האָט אין יאָר 1495 אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן באַפעל, אַז אַלע יידן דאַרפן פאַרטריבן ווערן פון גאַנץ ליטע און אויך פון דער שטאָט קיעוו. משה בן יעקב נעמט צוזאַמען מיט דער גאַנצער קהילה דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און עס הייבן זיך פאַר אים אָן אויפסניי די יאָרן פון שווערן וואָגל. און דאָך, ניט קוקנדיק אויף די אַלע צרות און גזירות, וואָס דער דאָזיקער שלאַבעריקער און קרענקלעכער תלמיד־חכם האָט געהאַט אויסצושטיין, האָט ער דאָך זיך ניט צעשיידט מיט זיינע געליבטע ספרים און אויך אין די וואָגל־יאָרן ניט איבערגעריסן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט. אין דעם זעלבן יאָר 1495, אין דעם יאָר פון גירוש, ווען משה קיעווער איז מגולגל געוואָרן אין משה הגולה, איז ער, דער נע־ונדניק, צוגעטראָטן צו אַ ווערק פון ברייטן פאַרנעם, וואָס כאַראַקטעריזירט אַמ בולטסטן די שטימונג פון דעם פאַרפאַסער אין דער דאָזיקער שווערער גזירות־צייט. מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אַז אין די יונגע יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָט משה בן יעקב זיך פיל אָפּגעגעבן מיט מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסנשאַפטן. עס איז דאָך געווען די בלי־צייט פון דער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער קהילה, ווען עס האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געשפּירט די השפעה פון אַזעלכע מענער, ווי מרדכי כומטינו און זיינע תלמידים. ווי ביי אַלע קאָנסטאַנטינאָפּאָלער „אויפקלערער'', האָט אויך ביי משה קיעווער, ווי מיר וועלן ווייטער זען, אברהם אבן עזרא געגאָלטן אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט, און צום אָנדענק פון דעם „ראש המפרשים'' האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיטן גרעסטן יראת הכבוד. דער יונגער משה קיעווער האָט אָבער אין זיינע לערניאָרן געהאַט די געלעגנהייט נאָענט זיך צונויפצוקומען אויך מיט די טרעגער פון דער „חכמת האמת'', מיט די „גדולי ישראל'', ווי ער גופא דריקט זיך אויס, וואָס גיבן איבער די זיי אָנפאַרטרויטע סודות הקבלה פון דור צו דור, פון די נביאים אָן און פון דעם אבי הנביאים — משה רבנו. די שפּעטערדיקע שווערע איבערלעבונגען האָבן, ווי עס שיינט, נאָך באַדייטנדיק געשטאַרקט אין אים די מיסטישע שטימונגען, און דאָס האָט אים

57 די דאָזיקע ווערק זיינען דערמאָנט דער מחבר אין זיין „אוצר נחמד'' (פּרשה בראשית, זייט 3, פּרשה בלק און פּרשה האזינו, דף 216).

באוויזגן, ער זאָל ענדלעך צוטרעטן צו אַ לאַנג פאַרטראַכטן ווערק. אַלס גרעסטער אויטאָריטעט אויפן געביט פון חכמת הקבלה, האָט ביי משה קיעווער געגאָלטן דער באַרימטער תורה־קאָמענטאַטאָר משה בן נחמן. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז אָט פאַר דעם מאַן אויס דעם 13טן יאָרהונדערט זיינען אָפן געווען אַלע סודות הקבלה, און אין זיינע ווערק זיינען אויפגעהיט אַלע וווּנדערבאַרע דערגרייכונגען, צו וועלכע די קדמונים, די מקובלים פון די אַמאָליקע דורות, האָבן זוכה געווען אויפן געביט פון חכמת הנסתר. אין דעם רמב״נס אַ מינדסטן רמז, אַ צופעליקן וואָרט אָדער וועלכער ס'איז מימרא האָט משה קיעווער געזוכט און גע־פונען גאַנצע אוצרות פון טיפע אמתן. מגלה זיין און דערקלערן די דאָזיקע וועלט־וויכטיקע אמתן, אויפהיטן זיי פאַר די קומענדיקע דורות, אין דעם האָט ער געזען די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון זיין לעבן, און צו דעם צוועק האָט ער באַשלאָסן אַ ספּעציעל ווערק צו שרייבן [58]. דערפילט האָט ער אָבער דעם דאָזיקן ווונטש ערשט נאָכן גירוש פון 1495, אין דער „עת צרה אל צאן אובדות“, ווי דער פאַרפאַסער ווייזט אָן אין דעם לויבליד, ווו ער באַזינגט רבנו משה בן נחמן — דעם מאַן, „וואָס אים זיינען אַנ־טפּלעקט געוואָרן די סודות פון די עשר ספירות“ [59]. „שושן סודות“ הייסט דאָס ווערק, ווייל עס ווערט דאָרט באַהאַנדלט געגנוי די צאָל סודות, וויפיל עס באַטרעפט בגימטריא דאָס וואָרט שושן — 656 [60]. פאַרענדיקט האָט אָבער דער פאַרפאַסער זיין ווערק ערשט מיט פיל יאָרן שפּעטער, ווייל אין איין אָרט („שושן סודות“, דף 73) ווערט אָנגעוויזן די דאַטע 1509 (והנה אנחנו כהיום הזה רס״ט מאלף הששי) און צום סוף פון

---

58 זע „שושן סודות“, דף 43, עמ׳ א׳ (קאָרעצער אויסגאַבע): „סוד שכתב הרמב״ן ז״ל בפירושיו לתורה... עכ״ז נרבה רוחנו לבאר כל סודותיו בחבורנו זה ואלהים עמנו בראש, יכפר ויסלח כל נלויו כי כונתנו לשם שמים שלא יאבדו אלה הדברים באבדנו. משה בת מי לא יכות“.

59 דאָס ליד איז געדרוקט אין אָנהייב „שושן סודות“:

עשר קבין ירד שכל — על כל חוקר מבין חידות
רבינו משה בן נחמן — נטל מהם תשע ידות
כי הוא השלישי מתשבי — קבל סתרי עשר מדות
משה בכר״י (בן כבוד ר׳ יעקב)* ארה מריו — עם בשמי סודות נכבדות
בשנת רנה חדש ניסן — היא עת צרה אל צאן אובדות
וילקוט מהם קב נקי — קרא לשמו שושן סודות.

* לויט אַן אַנדער נוסח דאַרף מען לייענען: נכרו.

60 די לעצטע 193 סימנים זיינען פאַקטיש אַ פירוש אויף „ספר יצירה“, און זיינען דערפאַר געדרוקט אונטער אַ באַזונדער שער־בלאַט „אוצר השם“ (קאָרעץ, 1779); ערשט מיט פינף יאָר שפּעטער איז דער איבעריקער טייל פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

א האנטשריפטלעכן עקזעמפלאר, וואס האט זיך געפונען ביי יעקב רייפמאן, ווערט אנגעוויזן, אז דאס ווערק איז פארענדיקט אין 1511 [61].

עס איז כדאי צו באמערקן, אז צווישן די קבלה־ספרים, וואס "יצר פארפאסער ציטירט אין זיין ווערק, געפינט זיך אויך דער „הקנה" [62]. און דער מחבר פון דעם דאזיקן ספר (וועלכן מען רעכנט אלס משה קיעװערס א בן־דור) ווערט אין „שושן סודות" אויף איין ארט אנגערופן מיטן נאמען „אביגדור" [63] און א צווייט מאל „בעל הגדור" [64]. א באזונדערן ווערט פאר דער געשיכטע פון דער יידישער מיסטיק האט אן אנדער ציטאט, וואס ווערט געבראכט אין „שושן סודות" [65]. אין דעם דריטן באנד [66] האבן מיר זיך אפגעשטעלט אויף דער אין דעם זוהר באהאנדלטער לערע וועגן דער געשטאלט פונם מענטשן, וואס דורך איר ווערט דער מענטש געשאפן (בההוא צלמא אתברי ברנש). „אין דעם מאמענט — לערנט דער זוהר — ווען ׳עס באהעפט זיך די נשמה מיטן גוף, שיקט דער הייליקער (הקב"ה) אראפ אויף דער ערד א געשטאלט (דיוקנא), וואס איז געשטעמפלט מיטן חותם פון הקב"ה. די דאזיקע געשטאלט געפינט זיך בעת דעם באהעפטן פון מאן און פרוי. און ווען דעם מענטשנס אויג זאל זיין אימשטאנד, וואלט עס געזען די דאזיקע געשטאלט ביי זייער צוזאמענס. א מענטשלעך פנים האט די געשטאלט, און זיין עבנבילד וועט טראגן דער מענטש, וואס וועט געבארן ווערן אויס דעם באפרוכפערטן זוימען... אט די געשטאלט קומט אונדז אנטקעגן, בעת מיר ווערן אויף דער וועלט געבארן, זי וואקסט מיט אונדז צוזאמען, און באגלייט אונדז, ווען מיר פארלאזן די דאזיקע וועלט" [67]. „והאי צלם — איז דער זוהר מוסיף — די דאזיקע געשטאלט — איהו מלעילא, זי איז א הימלשע דערשיינונג". לויט דעם זוהר איז דעם מענטשנס אויג נית אימשטאנד צו זען די דאזיקע געשטאלט. אויס א גרעסערער ציטאט אין דעם „שושן סודות" ווערן מיר אבער געוואר, ווי אין די קרייזן פון אברהם אבולפיהס תלמידים איז אויסגעוואקסן די מיסטישע אידעע, אז אויס־

61 „הכרמל", III, 208: „ובזה נשלם הספר בכללו ועלו סודותיו כמנין שושן, והיתה השלמתו יום ג׳, ב׳ לאלול שנת לשמוע אנקת אסיר". וועגן א צווייטער האנטשריפט מיט דער זעלבער צישריפט, זע ביי בערלינען, צים. ח. 195.

62 זע דריטן באנד, ז׳ 344.

63 „שושן סודות", דף 28, עמ׳ ב׳: „חנת כתב אבינדור בחבורו".

64 דארטן, דף 24, עמ׳ ב׳: „ראיתי לחביא ספר בעל הגדור".

65 דארטן, דף 69, עמ׳ ב׳. אויף דעם באטייט פון דער דאזיקער ציטאט האט דער ערשטער אנגעוויזן דער קבלה־פארשער ג. שלים („מאנאטסשריפט", 1930, 286—288).

66 ז׳ 71.

67 זוהר, III, 104, פרשת אמור.

דערוויילטע מענטשן, מענטשן פון רוח הקודש, האָבן די זכיה, וואָס אין מאָמענטן פון עקסטאַז אַנטפּלעקט זיך פאַר זייערע אויגן זייער אייגן איך, זייער הימלישע געשטאַלט, און אין דער דאָזיקער געשטאַלט דערזעען זיי דאָס געטלעכע, דאָס פאַרבאָרגענע און פאַרהוילענע. דעמאָלט ווען דער מענטש טוט זיין אייגן איך אַלס באַזונדערע געשטאַלט באַגעגענען און דרינגט אַריין אין דער דאָזיקער געשטאַלט מיטן ליכט פון זיינע אויגן, דערגרייכט ער די מדרגה פון אַ נביא, און אין זיין געשטאַלט, אין זיין עפּנבילד דערזעט ער די גאָטהייט גופא.

„עס ליגט אַ גרויסער סוד — לייענען מיר אין „שושן סודות״ — אין דעם אויסשפּרוך: גרויס איז די מאַכט פון די נביאים המדמים צורה ליוצרה, — וואָס גלייכן די פאָרם צו איר באַשעפער. מיר האָבן שוין פריער געפּרווט ערקלערן דעם דאָזיקן סוד לויט אונזער פאַרשטאַנד. איך האָב אָבער דערנאָך געפונען אַ ספּעציעלן מאמר וועגן דעם דאָזיקן ענין, האָב איך באַשלאָסן אים דאָ צו ברענגען... וזה לשון הספור ההוא — אָט וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט: דער חכם המשכיל ר׳ נתן ז״ל האָט מיר אַזוי דערקלערט: זיי ווייסן, אַז דער טיפער סוד פון דעם נביאס נבואה־אַנטפּלעקונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער דערזעט פּלוצלונג זיין אייגענע געשטאַלט שטיין פאַר אים. ער פאַרגעסט דאַן אָן זיין אייגן איך, אָפּגעזונדערט ווערט ער פון זיך גופא, און ער זעט פאַר זיך די געשטאַלט פון זיין איך, און זי רעדט צו אים, ומגדת לו את העתידות — און זי דערציילט אים, וואָס עס וועט אין דער צוקונפט געשען. אָט וועגן דעם סוד האָבן עס די ח״זל געזאָגט: גדול כוחן של נביאים שמדמים צורה ליוצרה; און דער חכם ר׳ אברהם בן עזרא האָט געזאָגט וועגן דער נבואה: השומע אדם והמדבר אדם, דער וואָס הערט איז אַ מענטש און דער וואָס רעדט איז אַ מענטש. און אַנדער חכם האָט געשריבן וועגן דעם דאָזיקן ענין: איך, בעת איך האָב מיך פאַרטיפט אין התבודדות, פלעגט זיך טרעפן, אַז דורכן כוח פון די „צרופים״ פלעגט דאָס ליכט, וואָס איך האָב דערזען, וואַנדערן מיט מיר צוזאַמען, ווי איך האָב שוין וועגן דעם דערמאָנט אינם ספר „שערי צדק״; אָבער אַז איך זאָל זען פאַר זיך שטיין מיין אייגענע געשטאַלט — דערצו האָב איך נישט זוכה געווען, דאָס בין איך ניט געווען אימשטאַנד. נאָך אַן אַנדער חכם שרייבט וועגן דעם אָט וואָס: איך ווייס גאַנץ באַשטימט (ידיעה וודאית), אַז איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין בן נביא, דער רוח הקודש רוט ניט אויף מיר — איך האָב דערצו ניט זוכה געווען, איך בין ניט גענוג ריין און געלייטערט דערצו, ווי אין פּסוק שטייט: לא פשטתי את כתנתי ולא רחצתי את רגלי; און דאָך זיינען הימל און ערד מיינע עדות, און די וואָס רוען דאָרט אויבן ווע̇לן

עס באַשטעטיקן, אַז איינמאָל, בעת איך האָב אויפגעשריבן אַ טיפן מיס־טישן סוד — האָב איך פּלוצלונג דערזען מיין אייגענע געשטאַלט שטיין פאַר מיר, דערוויילעטערט האָט זיך פון מיר מיין אייגן איך [68], האָב איך געמוזט און געניייטיקט בין איך געווען אויפהערן צו שרייבן... און אויך מיר (ד"ה דער בעל „שושן סודות"), בעת מיר האָבן דעם דאָזיקן ספר געשריבן און אתטער דעם שם המפורש די נקודות געשטעלט, האָבן זיך פאַר אונזערע אויגן באַוויזן שטערנדיקע געשטאַלטן אין פאָרם פון רויטער שיין ביי דעם זון־אונטערגאַנג, זיי האָבן אונז מבלבל געווען און מיר האָבן געמוזט איבעררייסן. דאָס האָט אונז אייניקע מאָל פּאַסירט ביים שרייבן דעם דאָזיקן חיבור".

אין „שושן סודות" זיינען אויך פאַראַן אַ סך פּרטים, וואָס זיינען זייער אינטערעסאַנט פונם עטנאָגראַפישן שטאַנדפּונקט. דער פאַרפאַסער נימ אַ שטיינער איבער ווי אַ דבר ידוע, אַז די גליקלעכסטע צאָל — איז די צאָל ניין. דער ניינטער חודש איז דער מזלדיקסטער חודש, דער בעס־טער טאָג איז דער ניינטער אין חודש, די ניינטע שעה איז שעת ברכה ששון ושמחה, און ווער ס'איז געבאָרן אינם ניינטן יאָר פונם יובל, אינם ניינטן חודש, אין דעם ניינטן טאָג פונם חודש און אין דער ניינטער שעה — דער וועט בלי־ספק עולה למלוכה זיין [69]. ווער עס זעט אין חלום אַ נאָדל — דער מעג זיין זיכער, אַז זיין ווייב וועט אים געבאָרן לויטער מיידלעך, און ווער עס חלומט זיך אַ טשוואָק — דעם וועט דאָס ווייב געבאָרן לויטער יינגלעך [70].

אויסער „שושן סודות" האָט משה הגולה פאַרפאַסט נאָך אַ גאַנצע צאָל מיסטישע ווערק, וואָס זיינען צו אונז ניט דערגאַנגען, צווישן זיי אַ פּירוש אויף תורה [71], דאַן „אוצר השם" [72], „שערי צדק" [73] און „ספירות עליונות" [74].

---

68 „ופתאום ראיתי צורת עצמי עומדת לנגדי ואת עצמי נעלם ממני".

69 דאָרטן, דף 24, עמ׳ ב׳: „דע כי השעה ט׳ שעת ברכה וששון ושמחה וקבלה תהיה בידך ששנת הט׳ ליובל היא השנה המובחרת וחודש התשיעי הוא חודש הטוב וחודש הרצון. יום התשיעי לחודש הוא יום המובחר שבכל החודש ושעה הט׳ שביום היא השעה המובחרת שבכל היום; וע"כ כל איש שנולד בשנה ט׳ ליובל בחודש הט׳ ביום הט׳ ובשעה הט׳ הרי זה עולה למלוכה בלי ספק".

70 דאָרטן, דף 84, עמ׳ ב׳: „קבלנו מחכמי קדם כי הרואה בחלומו מחט הוא סמן שתלד אשתו נקבות ואם רואה מסמורים הוא סימן שתלד אשתו זכרים".

71 דער פאַרפאַסער דערמאָנט צפּט דאָס ווערק און זיין „שושן סודות" (דף 30, 43, 53 אאַז"וו) און אויך אין „אוצר נחמד".

72 ווערט דערמאָנט אין „שושן סודות", דף 30, און אין „אוצר נחמד" פּרשה אחרי מות.

73 זע א. עפּשטיין אין „האשכול", IV, 150.

74 זע „שושן סודות", דף 44, עמ׳ א.

משה הגולה איז אָבער, ווי עס שיינט, ניט געבאָרן געוואָרן אין דער גליקלעכער ניינטער שעה, אים איז ניט באַשערט געווען אפילו אויף דער עלטער האָבן מנוחה. אין 1506, בעת משה הגולה האָט זיך געפונען אין ליטע אין דער שטאָט לידע, זיינען טאָטערן באַפאַלן די שטאָט, אַלץ צעראַבעוועט און פיל איינוווינער געפאַנגען גענומען, צווישן זיי אויך דעם בעל „שושן סודות". משה קיעווער האָבן די טאָטערן געבראַכט קיין אַלט־קרים (סולכאַט). די אָרטיקע יידן און קאַראַימען האָבן גלייך מקיים געווען די מצווה פון „פדיון שבוים" און אויסגעלייזט דעם גע־פאַנגענעם תלמיד־חכם [75].

אָט אַזוי האָבן עס די טאַטערישע קריגער גורם געווען, אַז משה הגולה זאָל אויף דער עלטער פאַרוואָרפן ווערן אין דער געבורט־שטאָט פון אברהם קרימי, אַדאַנק דער ענגער פאַרבינדונג פון דער דאָזיקער שטאָט מיט די איטאַליענישע קהילות, האָט משה הגולה דאָרט געפונען פיל ספרים, וואָס אים איז אין אַנדערע ערטער געווען שווער צו באַקומען. ערשט איצט האָט ער גערעכנט פאַר אַ שעת הכושר צו פאַרווירקלעכן דעם ווונטש, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן נאָך פון די יונגט־יאָרן: פאַר־פאַסן אַ ווערק, וואָס זאָל מאַכן צוגענגלעך און פאַרשטענדלעך פאַר אַלע־מען אברהם אבן עזראס פירוש אויף תורה. דער באַרימטער געלערנטער אויס טאָלעדאָ איז ביי משה הגולה געווען ניט ווייניקער געאַכפּערט, ווי משה בן נחמן, און ער גופא ערקלערט וועגן זיך, אַז ער איז „אברהמס קנעכט און משהס דינער" (קרא עצמו עבד אברהם אני ומשרת משה). ער, דער מיסטיקער און מקובל, האָט קודם־כל געהאַלטן פאַר זיין חוב צו דערווייזן, ווי שטאַרק עס זיינען זיך טועה די אַלע, וואָס האָבן זיך ניט ווי געהעריק פאַרטיפט אין אבן עזראס דעות און ווילן דערפאַר פאַרזיכערן, אַז ער לייקנט אין די סודות הקבלה [76]. ביי אים אין די אויגן איז אברהם אבן עזרא איינער פון די גרונטזיילן, וואָס שטיצן דעם גאַנצן בנין פון „חכמת האמת". „וקבלה תנצח בפיהו" — די קבלה טוטריידן מיט זיינע ליפּן, דערקלערט משה הגולה וועגן אבן עזראן. אין 1515 האָט ער פאַרענדיקט זיין באַקאַנטן פירוש אויף אבן עזראן („אוצר נחמד"), וואָס איז אָבער עד־היום ניט געדרוקט, און דער כתב־יד געפינט זיך אין דער פירקאָוויטש־קאָלעקציע [77].

באַלד נאָכדעם האָט משה גולה זיך באַזעצט אין קאַפאַ, ווו עס איז

75 זע פירקאָוויטשעס מיטטיילונג אין „הכרמל", II, 39.

76 „ומפני שנמצאו בעמנו אנשים אשר לא העמיקו בדבריו ודברו עליו תועה לאמר כי הוא מן הכופרים בדברי קבלה".

77 וועגן „אוצר נחמד" זע ביילאַגע נום' 4.

אים אלם מנהיג פון דער קהילה באשערט געווען צו שפּילן א באדייטנדיקע קולטורעלע ראלע. די דארטיקע קהילה איז געמלעך באשטאנען פון גאנץ פארשיידענע גרופּעס, עס זיינען אהין אנגעפארן יידן פון פארשיידענע לאנדן און מדינות, יעדער האט זיך געצויגן צו זיינע לאנדסלייט. עס האבן זיך אויף אזא אופן געבילדעט באזונדערע לאנדסמאנשאפטן, יעדע פון זיי האט זיך געהאט איר מנין, געדאוונט לויט דעם אנגענומענעם נוסח: מנהג אשכנז, מנהג רמניה, מנהג בבל אאז"וו. עס פלעגן אויך אפט פארקומען צווישן די באזונדערע מנינים סיכסוכים און קריגערייען. משה הגולה איז אדאנק זיין גרויסן אויטאריטעט געלונגען צו פאראייניקן די אלע לאנדסמאנשאפטן אין איין אייגהייטלעכער קהילה, פאר וועלכער ער האט צונויפגעשטעלט א ספּעציעלן סדר התפילות, וואס איז באקאנט אונטערן נאמען „מנהג בפא" און איז אנגענומען געווארן פון אלע קרוי־מער יידן. בכדי איינצופירן א פעסטגעזעצטן סדר אין דעם קהלשן לעבן, האט דער 70־יאריקער משה הגולה פארפאסט אין 1518 ספּעציעלע תקנות [73]. בערך אין צוויי יאר ארום האט די פאראייניקטע קהילה אין קאפא געבראכט איר אלטן רב און מנהיג, דעם שטענדיקן גולה און נע־ונדניס, צו זיין אייביקער רו.

---

73 פארעפנטלעכט אין „הכרמל" III, 101.

צווייטער קאַפּיטל

די ירידה פונם קיעווער צענטער. — די ראָלע פון לעמבערג (לוואָוו) — די רעזידענץ־שטאָט פון מזרח־גאַליציע. — די ערשטע אַכסניות של תורה אין פוילן. — די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פוילן. — די נייע מעטראָפּאָליע פאַר יידישער קולטור. — יעקב פּאָלאַק דער גרינדער פון ישיבות אין פוילן. — זיין סדר הלימוד; „חילוק" און „פּילפּול" אַלס איינגאַרטיקער ראַציאָנאַליזם. — שלום־שכנא און זיין ישיבה. — משה איסערלים (רמ"א) און זיין ליטע־ראַריש שאַפן. — איסערלים און מיימוני. — דעם רמ"אס טעאָלאָגיש־פילאָזאָפיש ווערק „תורת העולה". — דער רמ"א אַלס פּוסק. — שלמה לוריא (רש"ל) און זיין שאַפן.

דער „גלות קיעוו", די גזירה פון 1495, איז טאַקע באַלד בטל געוואָרן, און די קיעווער פאַרטריבענע האָבן אינגיכן באַקומען די מעגלעכקייט צוריקקערן זיך אין זייערע איינגעזעסענע ערטער; דאָך איז דער אַלטער קולטור־צענטער שוין מער ניט געקומען צו זיינע אַמאָליקע כּוחות, און עס הייבט זיך פון דעם מאָמענט אָן די גייסטיקע ירידה פונם יידישן קיבוץ אין קיעוו. דעם אָרט פון דער קיעווער קהילה פאַרנעמט ביסלעכווייז אין דעם יידישן קולטור־לעבן פון דרום־רוסלאַנד דער הויפּט־צענטער פון מזרח־גאַליציע, די רעזידענץ פון „רויט־רוסלאַנד"—לעמבערג (לוואָוו). דעם אויפבליען פון דער דאָזיקער שטאָט האָט פיל מיטגעהאָלפן איר גינסטיקע לאַגע אויפן ברייטן האַנדלס־וועג, וואָס האָט פאַרבונדן די אָטאָמאַנישע מלוכה מיט דרום־רוסלאַנד און פוילן; דאָן די אַלע שוץ־פּריווילעגיעס און אַנדערע וויכטיקע הנחות, וועלכע זי האָט באַקומען פון די פּוילישע מלכים [1]. לעמבערג ווערט אינגיכן איינער פון די וויכטיקסטע יידישע קולטור־צענטערס אין פוילן, אַן „עיר ואם בישראל", אַן „עיר גדולה לאלקים", וואָס איר קהילה איז פול „מיט חכמים וסופרים", אַן אמתער „מקור החכמים ומעין התבונה, אבן פינה יסוד אמונה" (שו"ת ב"ח, נומ' 72).

1 זע: אי. בערלין, „איסטאָרישעסקיע סודבי יעוור. נאַראָדאַ", 195—196.

נאָך אין סוף פונם פופצנטן י״ה איז שוין דאָרט געווען אַ גרויסע ישיבה, וואָס האָט געשמט איבער דער גאַנצער מדינה. בראש פון דער ישיבה איז געשטאַנען לוי בן יצחק קיקיניש. ניט אָבער די לעמבערגער ישיבה האָט זוכה געווען צו ווערן די וויכטיקסטע אכסניה של תורה, דער מוסטער און פּראָטאָטיפּ פאַר אַלע אַנדערע ישיבות פון גאַנץ מדינת פּוילן, נייערט די ישיבה פון דעם מערבדיקן צענטער אין גאַליציע — די קראָקער ישיבה מיט איר באַרימטן ראש און מנהיג — יעקב פּאָלאַק.

די ערשטע ישיבות אין פּוילן האָבן געגרינדעט די אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד, טשעכיע און מערן, וואָס זייער צאָל האָט באַזונדערס אָנגעהויבן צו וואַקסן נאָך די שרעקלעכע יאָרן פון דער „שוואַרצער מגפה״ און די אָפטע גירושים פון די דייטשע און טשעכישע שטעט [2]. מיר האָבן שוין אין איינעם פון די פריערדיקע בענד אָנגעוויזן [3], ווי אַזוי דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון די דייטשע רבנים אין יענער תקופה איז באַשטאַנען אויסשליסלעך אין פאַרגרעסערן די חומראָס פון דינים און געזעצן, אַלץ שטאַרקער מאַכן די סייגים און גרענעצן, וואָס מער אָפּצוימען די יידישע קהילה פון דער פיינדלעכער אויסנוועלט. די מנהיגי הדור האָבן דעמאָלט געזען פאַר זיך בלויז איין־איינציקע אויפגאַבע: זיין טרייע שומרים איבער דער מסורה פון די אָבות, אָפּהיטן אין אַלע פּרטים דעם מינדסטן מנהג פון די פריערדיקע דורות. די דאָזיקע טענדענצן האָבן די אויס דייטשלאַנד און בעמען איינגעוואַנדערטע רבנים מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער נייער אכסניה של תורה; אָבער אין דער נייער סביבה, ביי אַנדערע סאָציאַלע צושטאַנדן, האָבן זיי דאָך אָנגענומען אַנדערע פאָרמען, און „מנהג פּוילן״ האָט אין אַ געוויסער מאָס באַקומען אַן אַנדער נוסח, ווי „מנהג אשכנז״. אַדאַנק דער ספּעציעלער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער סטרוקטור און אייגנאַרטיקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער מלוכה, האָט די יידישע באַפעלקערונג אין משך פון דורות געשפּילט אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון פּוילן און ליטע אַ ניט־וויניקער וויכטיקע ראָלע, ווי זייערע עלטער־ייִדעס אין דער ריינישער געגנט פאַר די קרייצצוגן. ווי בשעתּם די דייטש־פראַנצויזישע יידן, אַזוי האָבן איצט די יידן אין פּוילן געשפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָלע אין דעם אויפבלי פון די שטעט, און האָבן אָנטייל גענומען אין אַלע צווייגן פון האנדל, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און געווערקשאַפטן. די פּוילישע מלכים

---

2 סטאַטיסטישע ציפערן וועגן דעם חוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן אין סוף מיטלאַלטער, זע: שיפּער, קולטור־געשיכטע, 1926, 146—150; id. איספּאָר. יעוור. נאַר., ט XI, 106—110.

3 זע באַנד דריי, ז׳ 190—193.

האָבן נערן געלאָזט זיך באַדינען דורך יידישע פינאַנסיעלע אַגענטן און באַנקירן, דורך ענערגישע יידישע „מיטניקעס" און מוכסים, וואָס דורך זייערע פלינקע הענט פלעגן אויפגעזאַמלט ווערן כל המיני מלוכישע שטייערן און הכנסות. ווי בשעתּם די ביסקופּן אין זייערע רייכלענדישע שטעט, אַזוי האָבן אין פּוילן די רייכע אַדעליקע גוטסבאַזיצער זייער גערן צו זיך צוגעצויגן יידישע אַרענדאַטאָרס און אונטערנעמערס. זיי, די אַדעליקע שררות, זיינען געווען צו פויל און לייכטזיניק זיי זאָלן אַליין באַלעבאַטעווען אין זייערע מאַיאָנטקעס און פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפטלעכער אינדוסטריע — פיל בעסער און מיט מער פּראָפיט איז דאָס געמאַן געוואָרן דורך יידישע הענט. אָראָנס דעם איז די יידן אין פּוילן און ליטע, ניט קוקנדיק אויף דעם עקשנותדיקן קאָנקורענץ־קאַמף מצד די ניט־יידישע סוחרים און האַנטווערקער [4], געלונגען ביז סוף אין 16טן י״ה פעסטצוהאַלטן אין זייער פולער קראַפט די גענעראַל־פּריווילעגיעס און באַגינסטיקונג־סטאַטוטן פונם גרויס־פירשט וויטאָווט און קיניג קאַזימיר דעם פערטן. דער קיניג זיגמונט דער צווייטער האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די רעכט פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די רבנים און ראשי הקהל האָבן באַקומען די פולע אַדמיניסטראַטיווע און יורידישע באַפולמעכטיקונג צו משפּטן ציווילע יידישע ענינים אין אַ ריין־יידישן געריכט לויטן „יידישן מנהג" און תּלמודישן רעכט. אַפילו אין דעם אַלגעמיינעם וואָיעוואָדישן געריכט, ווען עס פלעגן דאָרט באַטראַכט ווערן סיכסוכים צווישן יידן מיט קריסטן, האָבן זיך אין דער באַראַטונג באַטייליקט אויך יידישע „עלטערע" (Seniores) און פאָרשטייער פון קהל. לויט דער פּריווילעגיע פונם קיניג זיגמונט (1551) האָט די יידישע באַפעלקערונג ניט נאָר געהאַט דאָס רעכט צו קלויבן רבנים און געזעצלעכע ריכטער, וואָס האָבן געפירט די גייסטלעכע און וועלטלעכע ענינים — דעם יידישן בית־דין בראש מיט די „יידישע דאָקטוירים", ד״ה רבנים, איז אויך געגעבן געוואָרן די באַפולמעכטיקונג צווינגען יעדן מיטגליד פון דער קהילה ער זאָל פאָלגן און דערפילן אַלע זייערע החלטות, און אַריינוואַרפן די שולדיקע אין חרם און אָנווענדן קעגן זיי אַלע אַנדערע שטראָף־מיטלען לויט „דעם יידישן געזעץ".

„אַ היסטאָרישע נ אַ צ י ע — זאָגט וועגן דעם דער געשיכטע־פאָרשער דובנאָוו — מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער, האָט די פּוילישע מלוכה אויסגעטיילט אַלס אַ סאָציאַלן ק ל אַ ס, אַלס אַ באַשטימטע

4 דאָס רוב פון די ניט־יידישע סוחרים און האַנטווערקער האָבן דער עיקר געשטאַמט פון דייטשע איינוואַנדערער.

נעזעלשאַפטלעכע גרופע. בעת יידן זיינען געווען אַ טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, האָבן זיי דאָך אָפיציעל ניט געהערט צו קיינער פון די אַלגעמיינע שטאָטישע גרופירונגען... זיי האָבן געבילדעט אַ גאַנץ זעלבשטענדיקן בירגער־קלאַס מיט אַ גאַנץ באַזונדערער זעלבסטפאַרוואַלטונג און איינענעם געריכט. די יידישע קהילה האָט געבילדעט אַ באַזונדערן קיבוץ ניט בלויז אין נאַציאָנאַל־גייסטלעכן זין, נאָר אויך אין אַדמיניסטראַטיוו־נעזעלשאַפטלעכן; דאָס איז געווען אַ באַזונדערע יידישע שטאָט אין די גרענעצן פון דער קריסטלעכער שטאָט, מיט איר אייגענעם לעבנסשטייגער, מיט אייגענע רעליגיעזע, אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע און סאָציאַלע אַנשטאַלטן”.

בכן, אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז חרוב געוואָרן דער ספרדישער קולטור־צענטער, און די שפּאַנישע און די פּאָרטוגעזישע פאַרטריבענע האָבן געזוכט אַ מקום מנוחה ביי די ברעגעס פון אַפריקע און אין די נאָסטפריינדלעכע שטעט פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה — האָבן די אַשכנזים, די אויס דייטשע לענדער אויסגעוואַנדערטע, געשאַפן אַ נייעם באַדייטנדיקן צענטער. ס׳איז ביסלעכווייז אויסגעוואַקסן אַ נייע מעטראָפּאָליע פאַרן יידישן גייסט, פאַר נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקער קולטור.

מיט דער געזעלשאַפטלעכער זעלבסטפאַרוואַלטונג און סאָציאַל־רעכטלעכער לאַגע פון דער יידישער קהילה אין פּוילן איז ענג פאַרבונדן די ריכטונג, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס גייסטיקע שאַפן פון דעם פּוילישן יידנטום. די בערך גינסטיקע עקאָנאָמישע לאַגע האָט געשאַפן די אַטמאָספער פון רחבות הדעת, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר גייסטיק־קולטורעלער אַנטוויקלונג. די דאָזיקע קולטורעלע עליה איז אָבער געווען אַ גאַנץ איינזייטיקע: זי איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך אין דעם אויפבלי פון דער תּלמודיש־רבנישער ליטעראַטור. מען דאַרף אָבער דערביי געדענקען, אַז דער תּלמוד איז פאַר די יידישע קהילות אין פּוילן געווען ניט בלויז אַ הייליק ספר, וואָס ס׳איז אַ מצווה אים צו „לערנען” לשם שמים — נייערט אויך זייער corpus jure, זייער פּראַקטיש האַנטבוך אין רעאַלן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז לויט די גענעראַל־פּריווילעגיעס מצד דער מלוכה־מאַכט אין פּוילן, האָט די יידישע באַפעלקערונג געהאַט איר אייגענעם בית־דין, וואָס האָט געמשפּט „לויט דעם יידישן געזעץ”, ד״ה — לויט דעם תּלמודישן רעכט מיט אַלע זיינע סייגים און תּקנות, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע און פאַמיליען־לעבן. דער תּלמודישער corpus jure האָט פאַרשפּרייט זיין שליטה איבער דעם גאַנצן שטייגער־לעבן פונעם פּויליש־ליטווישן יידנטום נאָך

אפשר אין אַ גרעסערער מאָס, ווי איבער די דייטש־פראַנצויזישע קהילות אין רבנו גרשם און רש״ים צייטן. מען מוז נאָך דערביי געדענקען, אַז זינט יענע צייטן, נאָך רש״ין און די בעלי־התוספות, האָט זיך דאָך די רבנישע ליטעראַטור געוואַלטיק צעוואַקסן אין איר פאַרנעם.

אָט די דאָזיקע, דורך לאַנגע דורות אָנגעזאַמלטע, רעליגיעז־דערכט־לעבע ליטעראַטור האָט אומבאַגרענעצט געוועלטיקט איבער די מוחות פונם יידישן קיבוץ אין פּוילן. מען האָט אין איר געזוכט נישט קיין פילאָ־זאָפישע פּראָבלעמען — „מה למעלה מה למטה״, נישט קיין ענטפער אויף די סודות און רעטענישן פונם לעבן, נייערט כּללים און אָנווייזונגען אויפן געביט פון ריין־פּראַקטישע פראַגן און אויפגאַבן. נאָר דער למדן, דער בקי אין ים התלמוד האָט געקאָנט שפּילן אַ ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נעהאָט די מעגלעכקייט צו ווערן אַ מרי דאתרא, אַ ראש־ישיבה, אַ מיט־גליד פונם בית־דין. בקיאות אין די אַלע פאַרפּלאָנטערטע און קאָמפּלי־צירטע פראַגן פון תלמודישן רעכט איז אויך נייטיק געווען פאַר יעדן קהילה־מיטגליד, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט קהלשע זאַכן און גענומען אַ וועלכן ס׳איז אָנטייל אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג. קאָנען „לערנען״, זיין אַ מתמיד און זיצן יום ולילה איבער תלמוד און פּוסקים — דאָס איז געווען דער זיכערסטער וועג, וואָס האָט געפירט צו מאַכט און כּבוד, גע־געבן די מעגלעכקייט צו פאַרנעמען די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונג מיט איר העכסטן אינסטיטוט — דעם וועד, אָט דעם נייעם גילגול פון דעם אַמאָליקן סנהדרין, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויפן פּוילישן באָדן. עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס אין פּוילן, ווי אין די ימי הגאונים אין בבל, האָט דאָס תלמודישע וויסן פאַרנומען דעם גאַנצן פאָדערגרונט פונם יידישן לעבן; דער תלמוד און די „נושאי כּליו״ האָבן אומבאַגרענעצט געוועלטיקט אין די שולן און בתי־מדרשים, אויף די אסיפות און אין קהל־שטיבל, אויפן גאַנצן שטח פון דעם געזעל־שאַפטלעכן און פּריוואַטן לעבן. אויף די הויות פון אביי ורבא האָט זיך געשטיצט דער דיין, דער אַדמיניסטראַטאָר, דער קהלסמאַן; זיי זיינען דער ברענפּונקט, דער תּמצית פונם גאַנצן ליטעראַרישן שאַפן פון דעם פּויליש־ליטווישן יידנטום...

דער אמתער באַגרינדער פון תלמודישן וויסן און רבנישער לומדות אין פּוילן איז דער שוין פריער דערמאָנטער יעקב בן יוסף פּאָלאַק, דער „בעל החילוקים״ [5]. אין דער ביאָגראַפיע פון דעם דאָזיקן באַרימטן

---

[5] געבאָרן בערך אין 1460, געשטאָרבן נאָך 1532 אין וועלכער שטאָט פּאָלאַק האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן, איז אומבאַקאַנט (זע וועגן דעם: העשטיין, „האשכול״, VI, 218—222).

פּילפּוליסט זיינען פאַראַן פילע טונקעלע, נאָך ניט אויפגעקלערטע בלויזן און סתירות. עס איז אפילו ניט פעסטגעשטעלט, פון וואָסער לאַנד ער שטאַמט, און בלויז אויס זיין פאַמיליע־נאָמען איז מען זיך משער, אַז ער איז געבאָרן אין פּוילן. די יונגע יאָרן האָט פּאָלאַק פאַרבראַכט אין דער באַרימטער נירנבערגער ישיבה, וואָס איר מנהיג און ראש איז דעמאָלט געווען דער רב יעקב מרגליות. אויס אייניקע אָנצוהערענישן אין זיין פּאָלעמישן כּתב [6] קעגן דעם פּאַדואַנער רב אברהם מינץ קאָן מען זיך משער זיין, אַז יעקב פּאָלאַק האָט אַ שטיק צייט פאַרבראַכט אין צפון־איטאַליע, וווּ עס האָבן אין יענער צייט געשפּילט אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע די רבנים פון מדינות אשכנז. אין אָנהייב די 90ער יאָרן פונם 15טן י״ה איז ער רב אין פּראָג. ער האָט אָבער באַלד (אין 1492) געמוזט די דאָזיקע שטאָט פאַרלאָזן. גרעץ [7] און נאָך אים א. ה. ווייס און אַנדערע ווייזן אָן, אַז דאָס איז געשען אויס פאָלגנדיקער סיבה: צוליב אַ גט־פראַגע בנוגע פּאָלאַקס יונגע שוועגערין האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער סיכסוך צווישן יעקב פּאָלאַק און פילע אָנגעזעענע רבנים. פּאָלאַקס קעגנער בראש מיט יהודה מינץ און פּאָלאַקס געוועזענעם רבין, יעקב מרגליות, האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין חרם, און ער האָט דערפאַר געמוזט פאַרלאָזן פּראָג. מאיר באַלאַבאַן פּרוּווט אָבער דערווייזן אויפן סמך פון אַרכיוו־דאָקומענטן, אַז דער גט־סיכסוך איז פאָרגעקומען ניט אין פּראָג, נאָר אין קראָקע, און ניט אין 1492, נאָר מיט אַ יאָר צען שפּעטער [8]. די לעצטע באַהויפּטונג געפינט זיך אָבער אין באַשטימטער סתירה מיט יהודה מינצס דערקלערונג וועגן דעם פּסק החרם (שו״ת נומ׳ 13), וווּ עס איז בפירוש אָנגעוויזן די דאַטע 1492. אויסער דעם איז דאָך פעסטגעשטעלט, אַז איינער פון די רבנים, וואָס האָבן פּאָלאַקן מחרים געווען, זיין געוועזענער רבי יעקב מרגליות, איז געשטאָרבן ניט שפּעטער פון 1493. מען מוז דערפאַר קומען צו דער החלטה, אַז בעת דעם גט־סיכסוך האָט פּאָלאַק טאַקע געלעבט אין פּראָג, נאָר אַן איידער איז ער געווען אויס קראָקע און זיין יונגע שוועגערין און אויך זיין שוויגער, די רייכע הויף־פינאַנסיסטין רחל, האָבן געלעבט אין קראָקע. אויסער ספק איז אָבער, אַז אין 1495 געפינט זיך שוין יעקב פּאָלאַק אין קראָקע, און אין דעם יאָר 1503 ווערט ער פונם קיניג באַשטימט פאַר דעם „הויכמייסטער״ אָדער פּרימאַס איבער אַלע יידן פון דער פּוילישער מלוכה. ווייל די רעגירונג האָט דערפּיי

---

[6] זע ש. הינער, „פּסק החרם״, 12—16.

[7] זע זיין געשיכטע, ב׳ VIII, 58.

[8] זע: „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 237.

נעהאט אירע ריין פיסקאלישע צוועקן [9], און אין דעם, וואס דער רב הכולל איז באשטימט געווארן מצד דער מלוכה און ניט געוויילט געווארן דורך דער יידישער באפעלקערונג האבן די יידן דערזען א געפאר פאר זייער זעלבסטבאשטימונג — האבן זיי דערפאר זייער פיינדלעך אויפגענומען זייער נייעם „הויכמייסטער". בכדי צו קאמפראמיטירן יעקב פאלאקן, איז דורך די אומצופרידענע קראקער יידן אויפסניי אויפגעמישט געווארן די מעשה מיטן גט און מיט דעם חרם, און פאלאק האט געמוזט מחמת דער אויסגעבראכענער מחלוקת פארלאזן א שטיק צייט קראקע. אין עטלעכע יאר ארום (אין 1509) קערט זיך פאלאק, אויפן סמך פון א ספעציעלן קיניגלעכן „שוץ־בריוו", צוריק אום קיין קראקע. די קראקער קהילה האט דאך אירס אויסגעפירט: יעקב פאלאק פארנעמט שוין מער ניט די שטעלע פון רב הכולל, נאר זיין רייכע שוויגער גיט אים די מעגלעכקייט צו גרינדן א גרויסע ישיבה. אדאנק דער ענערגיע און גרויסער חריפות פון איר ראש און מנהיג, האט די דאזיקע ישיבה זוכה געווען צו ווערן אין א קורצער צייט אן אמתע אכסניה של תורה ניט נאר פאר פוילן אליין. יעקב פאלאק, דער „בעל החילוקים" און גרויסער חריף, האט עס גורם געווען, וואס נאך ביי זיין לעבן האט זיך געלאזט באמערקן פאלגנדיקע, אין קולטור־היסטארישער הינזיכט גאנץ אינטערעסאנטע דערשיינונג: פריער פלעגן וויסנבאגיריקע ישיבה־בחורים זיך לאזן פון פוילן קיין דייטשלאנד שעפן תורה אין די דארטיקע ישיבות, זינט יעקב פאלאק האט אבער זיין בארימטע ישיבה געגרינדעט [10], האט זיך דער וואנדערונג־שטראם אומגעביטן פון מערב קיין מזרח און דער גלאנץ פון די פוילישע מרביצי תורה בישראל האט פארטונקלט דעם שם פון די ראש־ישיבות אין דייטשלאנד. יעקב פאלאקס באטייט באשטייט אבער ניט בלויז אין דעם, וואס ער האט זיין גרויסע ישיבה געגרינדעט, נאר דער עיקר אין זיין נייעם דרך פון לימוד. מיטן נאמען פון יעקב פאלאק, דעם „בעל החילוקים", איז ענג פארבונדן די אייגנארטיקע מעטאדע פון שטודירן דעם תלמודישן טעקסט — דעם חריפותדיקן פילפול, וואס אין זיין לבוש האט עס די רבנישע לומדות דערגרייכט אזא הויכע מדרגה אין די פוילישע מדינות. פאלאקן זיינען געווען לחלוטין פרעמד וועלכע ס'איז מיסטישע שטרעמונגען, די אינטימע איבערלעבונגען פון השתפכות הנפש; א מענטש־

9 זע שיפער, „די קולטור־געשיכטע", 1926, 138—139.

10 בראש פון דער דאזיקער ישיבה איז פאלאק געשטאנען ביז 1522. כחמת א שארפן סיכסוך, וואס ט'האט אויסגעבראכן צווישן אים און דעם הויף־כירורג שמואל, האט פאלאק געמוזט פארלאזן קראקע און זיך באזעצט אין ארץ־ישראל. זע: וועטשטיין אין „השלח", V, 542—543, און באלאבאן, „יעוורעיסקאיא סטארינא", 1912, 229.

מיט אַ ניכטערן, וווּנדערבאַר שאַרפן אַנאַליטישן שכל, האָט פּאָלאַק אַלע זיינע רייכע גייסטיקע כּוחות אָפּגעגעבן דעם תּלמודישן שקלא־וטריא, דער חריפותדיקער דיאַלעקטיק, וואָס ער האָט געירשנט ביי די בעלי התּוספות און די שפּעטערדיקע דייטשע רבנים, נאָר זי באַשאָנקען מיט נייע אייגנאַרטיקע פאָרמען. דאָס כאַראַקטעריסטישע אין פּאָלאַקס דיאַלעקטיק איז דער „חילוק", דאָס אַנאַליטישע צעגלידערן; דורך חריפותדיקע, לאָגיש־צוגעשפּיצטע פּשטלעך צונויפפּאָרן און ברענגען אין נאָענטער קרובהשאַפט די פאַרשיידנסטע, אָפט אַפילו די גאַנץ אַנטקעגנגעזעצטע ענינים. ניט דער דין גופא, דאָס פעסטשטעלן דעם אמתן מהות פון דער און דער הלכה איז געווען דער עיקר — נאָר דער שכלדיקער אויפטו, דער שפּיץ, די חריפותדיקע המצאה ביים אויסטייטשן דעם באַטרעפנדיקן טעקסט. אמת, מען האָט דערביי מעורר געווען, אַז אָט די חריפותדיקע און געשפּיצט־שכלדיקע המצאות פאַרגרינגערן באַדייטנד אַרויסצופאָרמען דעם ריכטיקן דין און מאַכן לייכט און קלאָר די האַרבסטע פאַרפּלאָנטערטע סוגיות. דער סדר פון דעם פּילפּוליסטישן לימוד גייט אויף אַזאַ מין אופן: מען נעמט פאַרשיידענע שטעלן אויס דער גמרא אָדער אויס דעם מדרש, מען פּאָרט צונויף צוויי הלכות, וואָס האָבן אויפן ערשטן קוק קיין שום שייכות ניט איינס צום אַנדערן. מיט קונציקע איינפאַלן און פאַרדרייטע תּירוצים און פּשטלעך ווערט אָבער דערוויזן, אַז די צוויי הלכות זיינען אין גרויס קרובהשאַפט, און אַלע סתּירות ווערן פאַרענטפערט. ערשט איצט הייבט זיך אָן אַ נייע סדרה: מען הייבט אָן אַרויסצוגעפינען לאָגישע סתּירות אין די אַלע תּירוצים און פּשטלעך, און בכדי די דאָזיקע סתּירות צו פאַרענטפערן, מוז מען זוכן נייע תּירוצים, צוטראַכטן נייע המצאות. אָדער מען נעמט אַ פּשוטע סוגיא פון דער גמרא, וואָס איז אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז זי רופט ניט אַרויס קיין שום ספיקות; דער בעל הפּילפּול הייבט אָבער אָן אַרויסצוגעפינען אין אָט דעם פּשוטן ענין די גוואַלדיקסטע סתּירות, פּרוּווט דאָס דערווייזן מיט פילע ציטאַטן אויס פאַרשיידענע מסכתות, ברענגט גלייך צו די ציטאַטן די באַטרעפנדיקע דערקלערונגען און סברות פון די מפרשים, גאונים און פּוסקים, דעקט דערביי אויף מיט גרויס חריפות די גוואַלטיקע סתּירות צווישן די מפרשים גופא. און אַז די פראַגע איז שוין אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז עס איז שוין ממש אוממעגלעך אַן אויסוועג צו געפינען — באַווייזט דער בעל הפּילפּול אַ נייעם קונץ: פּלוצלונג, כּמעט מאָל דעקט ער אויף, אַז די סתּירות זיינען גאָר קיין סתּירות ניט און דער פּלאָנטער איז קיין פּלאָנטער ניט: ווי פּשוטן שפּינוועבס צעשטערט ער דעם גאַנצן קונציקן טורעם, וואָס ער גופא האָט אָקאָרשט אויפגעבויט, און הכּל שריר וקיים...

ווידער אַמאָל ווערט אַרויסגעשטעלט דער דעוויז: שלטון השכל! דער דאָזיקער ראַציאָנאַליזם איז אָבער געווען פון אַ גאַנץ ספּעציפישן מין, און מיט אַ באַזונדערן ביינעשמאַק. עס ווערט טאַקע אָנערקענט בלויז דאָס שכלדיקע, דאָס איבערגעשפּיצטע, אָבער אָן דעם געהעריקן וועלט־באַנעם, אָן דער פילאָזאָפישער אידעע, וואָס זאָל די ראַציאָנאַליסטישע עלעמענטן צוזאַמען באַהעפטן אין אָן אָרגאַניש גאַנצן בנין. ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אַט דער איינגאַרטיקער, געשלעכטלאָזער ראַציאָנאַליזם, וואָס איז ניט געווען באַפרוכפּערט מיטן זוימען און זאַפט פון שאַפנדיקע כוחות, האָט באַלד אָנגענומען די קרענקלעכע פאָרמען פון פרוכטלאָזער סאָפיסטיק. פון אַ מיטל, וואָס זאָל פאַרגרינגערן אַרויסצובאַקומען דעם ריכטיקן פשט פון דעם טעקסט — איז עס אויסגעוואַקסן אין אַ ציל פאַר זיך. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן דעם פּילפּול ניט בכדי דעם אמת צו דערגיין, אַרויסבאַקומען דעם ריכטיקן תמצית פון דעם און דעם דין און באַרייכערן דעם געדאַנק מיט אמתן וויסן; די שקלא־וטריא גופא, דער קונץ פון שכלדיקע דריידלעך, פון דיאַלעקטישער אַקראָבאַטיק — דאָס אַליין האָט צו זיך צוגעצויגן די יונגע מוחות, אין דעם האָבן זיי געזען דעם גאַנצן מהות פון פאָרשן און וויסן, דעם גאַנצן תמצית פון „לימוד התורה".

אמת, ביי יעקב פּאָלאַקס לעבן האָט דער דורך אים אויסגעפאָרמטער סדר הלימוד נאָך ניט געהאַט אָנגענומען די דאָזיקע קרענקלעכע פאָרמען. די גרויסע בקיאות פון דעם קראָקער ראש־ישיבה, זיין גוואַלטיקע חריפות האָבן אים געשאַפן אַ נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע גאונים, און מען האָט אים געגרויסט מיטן טיטול „צבי ישראל ראש גולת ישראל" [11], וואָס זיין „לויב קלינגט פון איין עק וועלט ביז דעם אַנדערן" [12].

און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם באַרימטן „בעל החילוקים", וואָס ער האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזן קיין שום ליטעראַרישע ירושה אַרים מורא, מען זאָל אויס אים קיין „פּוסק" ניט מאַכן: ביי זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער קאָנען דאָך זיינע געשריבענע דערקלערונגען און שו"ת באַקומען דעם כוח פון פעסטגעזעצטע פּסקים, און דאָס קאָן ביי זיי אָפּשוואַכן דעם חשק אַליין, מיט אייגענע כוחות, זוכן און דערפאָרשן דעם ריכטיקן פשט פון יעדן דין און הלכה. יעדער דאַרף זוכן אויף זיין איינענעם חשבון, און פּסקענען יעדן דין, אַזוי ווי ער גופא געפינט פאַר

11 „פּסק החרם", 26.

12 ד. גאַנז, „צמח דוד", II: „אשר שמעו יצא מסוף העולם ועד סופו".

ריכטיק—דאָס איז געווען דער דעוויז פון דעם באַרימטן „בעל החילוקים", דעם גרויסן חריף און קונציקן דיאַלעקטיקער.

אין דעם כּלל האָט זיך אויך געהאַלטן פּאָלאַקס תּלמיד, שלום־שכנא בן יוסף, דער לובלינער רב און ראש־ישיבה, וואָס איז פון דער קיניגלעכער מאַכט באַשטימט געוואָרן אין 1541 אַלס דער אייבערראַבינער פון גאַנץ קליין־פּוילן. אויך ער האָט ווי זיין רבי קיין חיבורים ניט געדרוקט [13], און דאָך האָט ער געשמט איבער אַלע פּוילישע און דייטשע קהילות [14]. זיין ישיבה האָט צו זיך צוגעצויגן תּלמידים „מסוף העולם ועד סופו" [15], און פון איר זיינען עס אַרויסגעגאַנגען די גרעסטע רבנים פון פּוילן און ליטע. אין דער דאָזיקער ישיבה האָט זיך אויך אויפגעצויגן שלום־שכנאס איידעם, דער באַרימטער ר' משה בן ישראל איסערליס, מער באַקאַנט אונטער די ראשי תיבות רמ"א. דער רמ"א, צוזאַמען מיט זיין קרוב און חבר, ר' שלמה לוריא — זיי זיינען עס די אמתע באַגרינדער פון דער רבנישער ליטעראַטור אין פּוילן. אָט די דאָזיקע צוויי „גאוני התורה", דער שיינדל און שטאָלץ פון דעם אַלטן פּוילישן יידנטום, זיינען אויך זייער אינטערעסאַנט אַלס פּערזענלעכקייטן; און טאַקע אויף די צוויי אַזוי רייך באַגאַבטע מענער זעט מען אַמבּולטסטן די סימנים פון ירידה און קולטורעלער הינטערשטעליקייט, וואָס לאָזן זיך באַמערקן אין דעם נייס־טיקן לעבן פון דעם פּוילישן יידנטום, אַפילו אין דער תּקופה פון זיין ערשטן אויפבלי.

דער רמ"א איז געבאָרן געוואָרן אין קראָקע בערך אין 1520 [16]. זיין פאָטער איז געווען פּרנס און ראש הקהל [17], און ער האָט געגעבן זיין זון די מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו גרינדן נאָך אין די יונגע יאָרן אַ גרויסע ישיבה, וואָס האָט באַלד שטאַרק קונה־שם געווען און עס האָבן זיך צו איר געצויגן תּלמידים פון ווייטע שטעט און מדינות. דעם רמ"א זיינען געווען ניט אינגאַנצן פרעמד אויך די „חכמות חיצוניות" — וועלטלעך וויסן. די דאָזיקע ידיעות האָט אָבער דער רמ"א געשעפּט ניט פון דער

---

13 שלום־שכנאס זון, ישראל, זאָגט עדות, אַז זיין פאָטער האָט פאַרבאָטן צו דרוקן זיינע שו"ת און אַנדערע כּתבים (זע דעם רמ"אס שו"ת, נומ' 25). זע אויך די מיטטיילונג פון שלום־שכנאס תּלמיד חיים בן בצלאל אין דער הקדמה צו זיין „ויכוח מים חיים".

14 זע „צמח דוד": „רבי שכנא הוא הרב הגדול ראש גולת אריאל מופלג על אנשי דורו, ושמעו יצא ממזרח שמש עד מבואו".

15 שו"ת הרמ"א, נומ' 25.

16 וועטשטיין וויל אַפילו דערווייזן, אַז דער רמ"א איז געבאָרן ערשט אַרום 1530.

17 דער יונגער רמ"א פלעגט זיך חתמענען: משה בן כבוד אבא מרי הפּרנס והמנהיג ישראל שלים.

ארומיקער סביבה, נאָר „ממרחקים" — פון די ווייטע איטאַליענישע מדינות. מען מוז דערביי געדענקען, אַז דאָס פּוילישע יידנטום איז אין קולטור־עלער הינזיכט געווען אַן „עם לבדר ישכון". דער הויכער פּוילישער אַדל, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו די געבילדעטסטע שיכטן פון דער אייראָ־פּעישער געזעלשאַפט, האָט מיט די אָרטיקע יידן געהאַט ריין געשעפטלעכע באַרירונגען. ביי דער גרויסער ראָלע, וואָס עס האָבן אין פּוילישן גייסטיקן לעבן געשפּילט די דאָמיניקאַנער און יעזויִטן, האָט די קולטור אין פּוילן געטראָגן אַ בולטע קאַטוילישע פאַרבונג, און דאָס רבנישע יידנטום האָט דערפאַר אין דער פּוילישער קולטור געזען קודם־כל די איר פיינדלעכע קריסטלעכע קולטור. די שטאַטישע קריסטלעכע באַפעלקערונג, וואָס האָט געזען אין די יידן די זייער ניט געוווּנטשענע קאָנקורענטן, האָט מיט איר ניפּטיקער שנאה גאַנץ וויייניק געקאָנט דערוועקן ביי די יידן דעם חשק דערנענטערן זיך צו זייערע שכנים אויפן קולטורעלן געביט. דערפאַר אָבער האָבן די פּוילישע יידן, בפרט די קראָקער קהילה, זיך געפונען אין גאַנץ נאָענטע פאַרבינדונגען מיט איטאַליע. די ערשטע פּראַכטפולע יידישע דרוקערייען האָבן זיך געגרינדעט אין איטאַליע און זיי האָבן משפּיע געווען דעם פּוילישן ישוב מיט ספרים אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען פּוילן האָט שוין געהאַט אייגענע דרוקערייען [18]. די פּוילישע רבנים פלעגן באַזונדערס אָפט זיך ווענדן מיט שו"ת צו די איטאַליענישע רבנים און פילע יידישע יונגעלייט פלעגן זיך לאָזן פון פּוילן און מערן אין דעם לאַנד פון דעם רענעסאַנס לערנען תורה ביי די דאָרטיקע גרויסע רבנים, וואָס האָבן על־פּי רוב געשטאַמט פון דייטשלאַנד [19]. אָבער ניט נאָר יידיש וויסן אַליין האָט די יידישע יוגנט געזוכט אין איטאַליע. פילע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן אין די פּוילישע ישיבות דערוואָרבן גרויס בקיאות אין ים התלמוד, פלעגן ערשט דערנאָך זיך לאָזן קיין איטאַליע (באַזונדערס קיין פּאַדואַ, וואָס איר אוניווערסיטעט האָט געשמט איבער דער נאָרער וועלט) שטודירן מעדיצין. דורך איטאַליע האָט אויך איינגע־וואַנדערט קיין פּוילן אַ געוויסע צאָל ספרדישע יידן, על־פּי רוב דאָקטוירים און אַפּטייקערס. אייניקע פון די דאָזיקע געבילדעטע „גירושי ספרד" זיינען געווען לייב־מעדיקערס ביים פּוילישן קיניגלעכן הויף [20]. מיט דעם

---

18 די ערשטע יידישע דרוקערייען אין פּוילן: אין קראָקע אין 1530, אין בריסק — אין 1546 און אין לובלין — אין 1550.

19 זע דעם פערטן באַנד פון אונזער חערק, ז' 69 א"ח חעגן דעם נ נטן קולטו־רעלן פאַרקער צווישן די פּוילישע און איטאַליענישע קהילות קאָן אגב עדות זאָגן פאָלגנדיקער פאַקט: אין קראָקע איז אין 1590 ערשינען אַ לערנבוך „דבר טוב" און דאָרט ווערן די ווערטער פון חומש דערקלערט אי אויף יידיש אי אויף איטאַליעניש.

20 זע באַלאַבאַנס ציטירטע ארבעט „יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1912, 38.

אוים איטאליע קיין קראקע עמיגרירטן לייב־דאקטאר שלמה אשכנזי, וואס
האט שפעטער געשפילט אזא באדייטנדיקע פאליטישע ראלע ביים הויף
פונם טערקישן סולטאן, איז דער רמ״א געווען באפריינדעט. דער רמ״א
האט אויך געהאט נאענטע פארבינדונגען מיט אייניקע איטאליעניש
קהילות; וועגן דעם זאגט עדות ניט נאר זיין אפטער בריוו־וועקסל מיט
דעם בארימטן רב מהר״ם מפאדוא, ווי אויך דער אינטערעסאנטער פרט,
וואס ער האט זיין פירוש אויף מגילת אסתר „מחיר יין“ געדרוקט (1559)
אין דער איטאליענישער שטאט קרעמאנא [21]. די קראקער קהילה און אויך
איר בארימטער רב און ראש ישיבה האבן זיך בלי־ספק געפונען אונטער
א געוויסער איטאליענישער השפעה. די דאזיקע השפעה איז אבער געווען
א גאנץ איינזייטיקע. דער גייסט און די שטימונגען פון דער רענעסאנס־
תקופה האט ווייניק געקאנט אימפאנירן דעם בארימטן תלמיד פון דעם
שארפן „עוקר הרים“ שלום שכנא. דא, אין דער ממשלה פון פילפול און
דיאלעקטישער חריפות, האט געפונען א שטארקן אפקלאנג בלויז איין,
אמת זייער וויכטיקער און ווערטפולער, עלעמענט פון דער איטאליענישער
רענעסאנס־באוועגונג: דער דורשט נאך וויסן. אבער אויך דער עלעמענט
האט דא אנגענומען גאנץ אייגנארטיקע איינזייטיקע פארמען. מיר
האבן שוין פריער אנגעוויזן אויף די ראציאנאליסטישע טענדענצן, וואס
האבן זיך געלאזט פילן אין די ישיבות פון יעקב פאלאק און זיינע
תלמידים. עס דארף דערפאר ניט חידושן, וואס דעם וויסנבאגיריקן רמ״א,
וועלכער האט געהאט א באשטימטע נטיה צו חכמות חיצוניות [22], האט
מער פון אלץ אימפאנירט אריסטוס ראציאנאליסטישע שיטה, מיט וועל־
כער ער האט זיך באקענט אוים מיימונים ווערק. דער רמב״ם גופא האט
ביי אים געהייסן „התייר הגדול“ — דער גרויסער מייסטער, וואס איז
כולל כל החכמות“ [23]. דער „מורה“ איז ביי אים אין די אויגן געווען
דער טיפסטער קוואל פון פילאזאפישן וויסן, און אים ציטירט ער צומ־
מייסטן אין זיין טעאלאגיש־פילאזאפישן ווערק „תורת העולה“. לויט דעם
מוסטער פון דעם „מורה נבוכים“, איז אויך דער „תורת העולה“ איינ־

---

21 אייניקע פארשער פארויכערן אפילו, אז דער רמ״א האט א שטיק צייט גע־
לערנט אין איטאליענישע ישיבות. דאס איז אבער ניט ריכטיק, דער רמ״א איז קיינ־
מאל אין איטאליע ניט געווען.

22 דער רמ״א האט געהאט סאלידע ידיעות אויפן געביט פון אסטראנאמיע, און
ער האט אפילו געשריבן א פירוש אויף פייערבאכס „Theorica“. אויך האט ער ארויס־
געוויזן א געוויסן אינטערעס צו היסטאריאגראפיע און האט געשריבן הערות צו זכותאס „יוחסין“.

23 „תורת העולה“, דף 84, עמ׳ ב׳ (מיר ציטירן נאך דער ערשטער אויפ־
גאבע פון 1570).

נעטיילט אין דריי חלקים, און פילע פון זיינע פרקים הייבן זיך אָן מיט דער אָנווייזונג: „אמר הרב המורה״ — אַזוי האָט געזאָגט דער בעל „המורה״. דער „תורת העולה״ — דאָס איינציקע טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע ווערק, וואָס ס׳איז נעשאַפן געוואָרן אין דער פויליש־רבנישער ליטעראַטור אין משך פון 16טן און 17טן י״ה, האָט בשעתו געמאַכט אַ גוואַלטיקן רושם. מען האָט אים אין לויבלידער באַזונגען [24], און דעם רמ״אס פאַרימטער בן־דור, דער רש״ל, האָט מיט התפעלות אויסגערופן: „ממשה (בן מיימון) עד משה (איסערלים) לא קם כמשה!״ אפילו אין דער נייערער צייט האָט זיך געפונען אַ פאָרשער, וואָס פאַרגלייכט דעם בעל „תורת העולה״ מיטן בעל „המורה״ און פאַרזיכערט, „אַז דער גייסט פונם רמב״ם האָט אויפסניי אויפגעלעבט אין משה איסערלים״ [25]. עס איז איבעריק צו זאָגן אויף ווי ווייט דער באַטרעפנדיקער פאָרפאַסער האָט דאָ „איבערגעכאַפּט די מאָס״. עס איז אָבער דאָך זייער באַלערנדיק, בעת מען פרוווט אַנטקעגנשטעלן און פאַרגלייכן אָט די צוויי „גדולי ישראל״. ערשטנס דערמאָנט זעט מען אַמבולטסטן, וואָס פאַר אַ גרויסער מהלך ס׳איז אויפן געביט פון פרייען פילאָזאָפיש־וויסנשאַפטלעכן געדאַנק צווישן דעם שפּאַנישן יידנטום אויס דעם רמב״מס צייטן און דעם פוילישן קיבוץ פון דעם רמ״אס דור. דער „מורה״, אין וועלכן מיימוני באַקענט מיט זיין רעליגיעז־פילאָזאָפישער סיסטעם, איז אַ האַרמאָניש גאַנצער בנין; יעדער חלק, יעדער פרט, איז שכלדיק צוגעפאַסט צום צווייטן. קלאָר און ליכטיק איז אין דעם דאָזיקן בנין [26]. פונקט דעם היפך זעען מיר אין דעם „תורת העולה״: אַלץ איז דאָ מטושטש און צעשוווּמען. ניט קיין בנין איז דאָס, נאָר אַ לאַבירינט, וווּ אַלץ איז פאַרפּלאָנטערט אין ווילדן תוהו־ובוהו. דער אָרעמער לעזער ווערט געפירט איבער שמאָלע, פאַרדרייטע הינטערוועגן, וווּ עס בלאָנדזשען אין דער פינסטער גרויע, נעפלהאַפטע שאָטנס. אָט באַווייזן זיך געזיכטער, וואָס ס׳קאָן זיך דאַכטן — דאָס זיינען שלוחים פון דער מלוכה, וווּ עס געוועלטיקט בלויז דער קאַלטער קלאָרער שכל; זיי פאַרשווינדן אָבער גלייך, און עס שווימען אַרום משונהדיקע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, וואָס דרייען זיך אין ווילדן כישוף־טאַנץ...

אין דער הקדמה ווערט אָנגעוויזן, אַז דער ערשטער טייל וועט זיך פאַרנעמען מיט דער אַרכיטעקטור פון דעם בית־המדש, ווי אַזוי דער גאַנצער בנין, דער מזבח און די כלים האָבן אויסגעזען. די ווייטערדיקע

24 זע דאָס לויבליד, וואָס ס׳איז געדרוקט אין אָנפאַנג פון דער ערשטער אויסגאַבע.

25 זע ש. א. האָראָדעצקי, „לקורות הרבנות״, 1910, 85–87.

26 זע אונזער נעשיכטע, ב׳ ו, ז׳ 204.

צוויי — וועלן באַהאַנדלען דעם ענין קרבנות. די דאָזיקע גרונט־טעמעס זיינען אָבער צונויפגעפלאָכטן מיט אַן אימהדיקן געמיש פון די פאַרשיידנ־אַרטיקסטע פראַגן. ביים אויסטייטשן דעם ביבלישן טעקסט פּרוּווט דער רמ״א זיך באַנוצן מיט דעם רמב״ם׳ס אַלעגאָרישער מעטאָדע. זי באַקומט אָבער ביים רמ״א די אייגענע נאַיוו־פאַרקריפּלטע פאָרמען, ווי אין דעם באַקאַנטן אַפּאָקריפישן בריוו, וואָס דער רמב״ם זאָל האָבן געשיקט זיין זון אברהם [27]. ביים רמ״א, ווי ביי אַלע אַנדערע פון יענער צייט, איז, נאַטירלעך, קיין מינדסטער ספק נים געווען, אַז דער דאָזיקער בריוו איז אַן עכטער, און דער בעל „המורה״ איז זיין פאַרפאַסער. דער רמ״א איז פעסט איבערצייגט, אַז אין דעם בית־המקדש און אין זיינע כלים זיינען געווען פאַרבאָרגן רמזים אויף אַלע וועלטן און אויף אַלע סודות, וואָס אין דער תורה (כי כל התורה והעולמים כולם היו רמוזים במקדש וכליו), וואָרעם דער בנין פונם בית־המקדש איז דאָך דער שפּיגלבילד פונם אוני־ווערסאַלן וועלט־בנין, פונם גאַנצן קאָסמאָס [28]. „זיי וויסן, דערקלערט דער רמ״א, אַז יעדעס ווינקעלע, יעדער חדר אין בית־המקדש איז אַ רמז אויף טיפע השגות; יעדער שער איז אַ סימבאָל פון אַ באַשטימטער הכמה״ [29]. אין יעדער כלי, אין יעדן חפץ זיינען פאַרקערפּערט הויכע ענינים און זייער וויכטיקע סודות. די מנורה — דאָס איז אַ רמז אויף דער תורה, דער שמן־זית — זיינען די תלמידי חכמים [30], די בלימעלעך (פּרחים), וואָס אין די קני־המנורה — זיינען גאָר אַ טיפער ענין [31]. די שמונה בגדי כהן גדול זיינען אַנטקעגן די אַכט מצוות, וואָס זיינען דעם מענטשן געבאָטן „קודם שחטא״ [32], דער כיור איז דער סימבאָל פון נביאות, די קטורת — אַ רמז אויף מעשים טובים [33]; דער פּרוכת — דאָס איז די שיידוואַנט צווישן דעם מענטשלעכן שכל און דעם „שכל הפועל״ אאַז״וו אאַז״וו [34].

און די אַלע איבערגעשפּיצטע סברות און איינפאַלן זיינען געשריבן מיט אַ הילצערנער, שווער־וואָגיקער שפּראַך, וואָס זינדיקט גאָר אָפט

27 זע באַנד II, ז׳ 146.

28 „תורת העולה״, I, קאַפּ׳ 2, 4.

29 דאָרטן, I, קאַפּ׳ 7, דף 12.

30 דאָרטן, קאַפּ׳ 16.

31 דאָרטן, קאַפּ׳ 19.

32 דאָרטן, II, קאַפּ׳ 42.

33 דאָרטן, קאַפּ׳ 6, דף 42.

34 דאָרטן, II, קאַפּ׳ 26, דף 56: „והפרוכת היא המסך המבדיל בין שכל האנושי לשכל הפועל״.

קעגן די פשוטע כּללים פון גראַמאַטיק [35]. דער בעל „תּורת העולה” וויל וויטער דערווייזן, אַז אַלע מעשיות, וואָס ווערן דערציילט אין דער תּורה, דאָס רוב מצוות און געזעצן — אַלץ האָט איין באַשטימטן ציל: דערווייזן דעם „חידוש העולם”, באַשטעטיקן אַלס זיכערע עדות, אַז די וועלט איז אין דער צייט באַשאַפן. דער גלויבן אין „חידוש העולם”, פאַרזיכערט דער רמ״א, דאָס איז „דער גרונטשטיין פון אונזער תּורה”. און וועגן דעם דאָזיקן „גרונטשטיין” זאָגן עדות דער קרבן פּסח און אַלע אַנדערע קרבנות; אפילו דער ענין אכילת מצה אין די טעג פון פּסח, — אַלץ, אַלץ מוז באַשטעטיקן דעם „חידוש העולם”, בכדי צו דערווייזן, אַז גערעכט זיינען ניט „הפּוקרים הנמשכים אחר הקדמות” — ניט די אפּיקורסים, וואָס טענהן, אַז די וועלט איז אַ קדמון, נאָר די תּורה, וואָס דערציילט וועגן בריאת און חידוש העולם [36]. בעת די צפתער מקובלים מיט יצחק לוריא בראש האָבן די מצוות שבת פאַרוואַנדלט אין אַ וווּנדערלעכער מיסטעריע, פול מיט רזין דרזין, און שלמה אַלקאַביץ האָט געזונגען זיין לויב־געזאַנג דער געטלעכער כּלה „שבת מלכּתא” — זוכט דער בעל „תּורת העולה” דעם שכלדיקן „וואָס לאָזט ער מיך הערן”, און קומט צום אויספיר „כי עיקר כוונת השבת היא להורות לנו הידושו של עולם” [37]. אפילו אין מנהג „תּשליך” זעט דער רמ״א אויך אַ רמז אויף חידוש העולם.

גאַנץ אינם גייסט פונם רמב״ם ברענגט דער רמ״א די ווערטער פון אַ געלערנטן, „אַז ווער עס האָט ניט געגעסן פונם פאַרגעניגן, וואָס דער מענטש געניסט בשעת עס געלינגט אים צו געפינען אַן ענטפער אויף די ספיקות, וועלכע זיין שכל האָט געבאָרן — דער האָט אין זיין לעבן פון קיין אמתער פרייד ניט געוווּסט” [38]. דער מענטשלעכער שכל ווערט ביים רמ״א געגליכן צו אַ „פייערדיקן פאַקל”, וואָס באַלייכט די פינסטערנישן; ער געפינט, אַז דעם מענטשנס אייגנשאַפט איז — זוכן און נאָכפאָרשן וועגן דעם ציל און דעם צוועק פונם זיין, און זיין וויכטיקסטע אויפגאַבע איז מיטן לאָגישן שכל אויפקלערן דעם מהות פון יעדער זאַך [39]. דער

---

85 דער רמ״א גופא איז מודה אָפנהאַרציק (שו״ת נומ׳ 7), אַז זיין סטיל איז ווייט ניט קיין געשליפענער און אין דיקדוק האָט ער אַ קנאַפּע ידיעה.

86 דאַרטן, III, קאַפּ׳ 51, 53, 73.

87 דאַרטן, קאַפּ׳ 48; דאָרטן, קאַפּ׳ 60.

83 דאָרטן, I, קאַפּ׳ 6: „וכבר כתב חכם אחד: שלא טעם טעם שמחה מי שלא טעם התרת הספיקות השכליות”.

39 דאָרטן, III, קאַפּ׳ 7, דף 79: „והנה מכל מקום עדיף טפי לחקור על הדברים ולדע אותן במופתים ובמושכלים על ידי חקירה ווהו תכלית האדם”.

רמ״א איז מסכים מיטן רמב״ם, אַז אַן אמתער מושלם איז בלויז דער, וועמ ס׳האָט מיט דער הילף פון זיין פאַרשטאַנד דערקאַנט דעם אמת [40], און אַז די מאָראַלישע שלימות איז ערשט אַ שטאַפּל פאַר דער העכסטער שלימות — דער שלימות פונם שכל, וואָס אַדאַנק אים באַקומט דער מענטש ריכטיקע באַגריפן וועגן דער גאָטהייט און וועגן אַלץ, וואָס עקסיסטירט (הוא ההשגה וההתבוננות בשם יתעלה ושאר נמצאות והוא שכל העיוני) [41].

דער דאָזיקער מיימונים אַנהענגער און פאַרערער האָט אָבער געהאַט גאַנץ איינגאַרטיקע באַגריפן וועגן פאַרשן און וויסן, וועגן „השגה וההתבוננות בשם יתעלה״. אויפגעוואַקסן אין דער טרוקן־איבערגעשפּיצטער אַטמאָספער פון „פּילפּול״, האָט דער רמ״א אין דיאַלעקטישער אַקראָבאַטיק און סכאָלאַסטישע המצאות געזען דעם זיכערסטן וועג, וואָס פירט צו דער העכסטער גייסטיקער שלימות. עס איז אין דער הינזיכט כּדאי צו באַקענען זיך מיט די קאַפּיטלעך אינם דריטן טייל „תורת העולה״ [42], ווו עס ווערן מיט חריפותדיקן פּילפּול אויפגעדעקט די מאָטיוון, פאַרוואָס משה רבנו האָט אַזוי לאַנג זיך געקווענקלט און ניט געוואָלט דערפילן נאָטס שליחות צו פּרעהן. דאָס האָבן עס דעם אבי הנביאים אַריינגעוואָרפן אין גרויס ספיקות די זיבן טענות, וואָס ס׳האָבן אַרויסגעשטעלט די „כּופרים״ קעגן חידוש העולם. דאַ לאָזט זיך הקב״ה בכבודו ובעצמו אַריין אין אַ לאַנגן וויכּוח מיט משה רבנון „להכחיש מופתי אריסטוטלוס״, בכדי אָפּצוּווענדן אַריסטאָס באַווייזן, אַז די וועלט איז אַ קדמון; און הקב״ה, שטרייכט אונטער דער רמ״א, האָט זיך דערביי באַנוצט מיט דעם רמב״מס אייזערנע טענות [43]. בשעת הדחק, דאָרט ווו הקב״ה איז דאָך ניט געלונגען אָפּצוּווענדן איינעם פון אַריסטאָס באַווייזן, האָט ער אים מבטל געווען ניט מיט לאָגישע ראיות, נאָר מיט אַ באַוויזענעם וואונדער [44]. רעדט ער וועגן די קללות, מיט וועלכע די תורה טרעט אַרויס וועגן די, וואָס זיינען עובר געווען קעגן געשלעכטלעכער מאָראַל, האָט אויך דאָ דער רמ״א אַ שעת הכּושר צו דערווייזן מיט שפּיציקן פּילפּול, אַז די „אשת אביו״ דאָס מיינט מען דאָך די תורה מן השמים, די „אחותו בת אביו״ דאָס איז די נבואה [45] אאז״וו אאז״וו.

---

40 דאָרטן, קאַפּ׳ 73, דף 173: „כי מי שהשיג האמת הוא מבני העליה ומי שלא השיגו הוא מכלל היורדים לבאר שחת״.

41 דאָרטן, דף 79.

42 דאָרטן, 104—108.

43 דאָרטן 108: „והנה השיב לו השם יתעלה בטענה שטען הרמב״ם״.

44 דאָרטן, קאַפּ׳ 46, דף 107, עמ׳ ב׳.

45 דאָרטן, דף 106.

אינטערעסאנט איז אויך אין דער הינזיכט דעם רמ״אס אלעגארי־שער פירוש אויף מגלת אסתר „מחיר יין״. בעת אין קראקע האט אין 1556 אויסגעבראכן די כאלערע, איז דער רמ״א אפגעפארן קיין שידלאוו, און דארט, בכדי די צייט צו פארטרייבן, האט ער זיין פירוש געשריבן, ווו די גאנצע מגילת אסתר ווערט מגולגל אין א סימבאלישן משל אויף דעם מענטשנס לעבן: אחשורושם מלוכה „מהודו ועד כוש״ — דאס איז דעם מענטשנס לעבן פון געבארן־טאג ביזן יום המיתה, די גאלדענע גע־פעס — א רמז אויף די תאוות פון פרויען, די זיבן סריסים — דאס זיי־נען דעם מענטשנס גרונט־קרעפטן, דעם קיניגס צוויי דינער — די צוויי כרובים ביי די טויערן פונם גן־עדן, המנס ווייב — דאס איז דעם מענטשנס פאנטאזיע, מרדכי היהודי — דעם מענטשנס שכל אאז״וו. אין צום סוף איז דער מחבר אליין מודה, אז אט די גאנצע אלעגאריע, וואס איז איינגעהילט אין א קונציק פילפול־געוועב, איז בלויז א שכלדיק שפיל און איז כלל ניט ערנסט געמיינט.

דער רמ״א ציטירט טאקע אין „תורת העולה״ אויף יעדן טריט און שריט דעם „מורה נבוכים״ — נאר וואס פאר א ווייטער מהלך ליגט צווישן די צוויי ווערק. און דער רמ״א האט אפילו ניט באמערקט דעם דאזיקן מהלך; דער אמתער גייסט פונם „מורה״ איז אים אזוי ווייט און פרעמד געווען, אז ער האט נאיוו געגלויבט, אז ער איז דעם רמב״מס א טרייער תלמיד, און זיין ווערק איז דעם „מורהס״ א גייסטיקער ברודער. מען מוז דערביי נאך נעמען אין באטראכט, אז אין דעם רמ״אס דור האט די קבלה שוין געוועלטיקט איבער די יידישע מוחות, זי האט דורכגעדרונ־גען מיט איר גייסט דאס גאנצע רבנישע שאפן, דעם גאנצן יידישן לעבנס־שטייגער. אויך דער גאון אוים קראקע, דער רמ״א, האט זיך פארהאלטן מיטן גרעסטן רעספעקט צו דער „חכמת הקבלה״. קבלה באטייט דאך ניט בלויז מיסטיק, נאר אויך טראדיציע, מסורת אבות. די בעלי קבלה זיינען דאך די היטער פון גרויסע אמתן, וואס זיינען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, פון דור צו דור דורך דער לאנגער קיים, וואס ציט זיך דירעקט פון משה רבנו. דערפאר איז אויך דער ניכטערער בעל הפילפול, רמ״א, וואס אים זיינען אזוי פרעמד געווען די מיסטישע התלהבות און די עמאציאנעלע באגייסטערונג—פעסט איבערצייגט געווען, אז „כל דברי המקובלים הם אמת״ [46] — אלץ, וואס די מקובלים זאגן, איז לויטער אמת, און די חכמת הקבלה איז „דער אמתער בוים פון לעבן״ [47]. דעם רמ״א איז אפילו אויף דער מחשבה ניט געקומען, אז די מיסטישע קבלה און

---

46 דארטן, III, קאפ׳ 4.

47 דארטן, דף 77.

דער אריסטאטעלישער ראציאנאליזם זיינען צוויי פ א ר ש י י ד ע נ ע וועלטן, צוויי אנטקעגנגעזעצטע וועלטבאנעמען. אים האט אויך אין דער קבלה דער עיקר אינטערעסירט דאס שכלדיקע, דאס טעארעטיש לאגישע, און ער איז געקומען צום אויספיר, אז „כל החכמים לדברים אחת (?) כוונו'' [48]. ניט צופעליק ציטירט דער רמ''א אזוי גערן דעם מקובל משה באטארעלס ווערטער, אז די „חכמת הקבלה און די חכמת הפילוסופיה ריידן וועגן איין און דעם זעלבן, נאר מיט אנדערע ווערטער'' (דארטן, 75), — דער רמ''א גופא געפינט אויך, אז „אלעמען איז באקאנט, אז די וועגן פון קבלה זיינען אויך די וועגן פון די אמתע פילאזאפן'' [49].

עס איז דערפאר גאנץ פארשטענדלעך דעם רמא''ס גרימצארן, בעת ער האט דערזען, אז אדאנק דעם, וואס מען האט גראד אין יענער צייט צום ערשטן געדרוקט דעם „זוהר'' און אייניקע אנדערע קבלה־ספרים, האבן אפילו א סך פונם פשוטן פאלק אנגעהויבן צו לערנען קבלה (ורבים מהמון העם כל אחד קופץ ללמוד ענין הקבלה). אויך אין דער קבלה האט דער רמ''א געזען קודם־כל „מושכלות'' — טעארעטישע פראבלעמען, א ברייט פעלד פאר פילפול און שכלדיקע אויפטוען. און אלץ ווערט ביי אים צונויפגעווארפן אין איין מעכאניש געמיש: מיימוני און ר' לוי בן גרשון לעבן ביי אים גאנץ בשלום מיט ריקאנאטי, חיוט און אנדערע מקובלים. אט גייט ער ארויס פון אבן־רשדס און מיימונים דעות וועגן די אינטעלעקטן (שכלים נבדלים) [50], און רעדט באריכות וועגן דער ראלע און דעם אוניווערסאלן באטייט פונם „שכל הפועל'', און גלייך דערביי פארנעמט ער זיך מיט גימטריאות [51], און גלויבט באמונה שלמה, אז מיט „צירופי אותיות'', דורך קאמבינירן די געטלעכע „שמות'' קאן דער מענטש ווונדער באווייזן און צווינגען די מזלות, זיי זאלן זיין ווילן דער־פילן [52]. אט איז ער איין דעה מיט דעם רמב''ם, אז דער, וואס פלייסט זיך מקיים זיין דאס געבאט „ו י ד ע ת את ד' '' — זאלסט נאט ב א ־ ג ר י י פ ן, דער איז נענטער צו גאט פון די, וואס טוען בלויז פאסטן און בעטן; נאר טאקע דערביי זאגט ער ארויס זיין גרויס פארווונדערונג, וואס דער רמב''ם גלויבט ניט אין דער מאכט פון „צירופי אותיות'', בעת די

---

48 דארטן, דף 72. אזוינע גראמאטיקאליש אומבאהאלפענע זאצן באגעגנט מען ניט זעלטן ביים רמ"א.

49 דארטן, דף 75: „ידוע כי דרכי הקבלה הן בעצמן דרכי הפילוסופים האמיתיים.

50 דארטן, I, קאפ' 14.

51 דארטן, I, קאפ' 13, II, קאפ' 6 א"וו.

52 דארטן, III, קאפ' 77, דף 163.

מקובלים האָבן דאָך די זיכערסטע ידיעות וועגן דער וווּנדערבאַרער און אומבאַגרענעצטער מאכט, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די „שמות" און אין זייערע סודותדיקע אותיות [53].

דער רמ"א איז זיך אַזוי אָפּט סומך אויף די מקובלים, גלויבט גלייך מיט זיי אין גילגול הנפש, אין דער וווּנדערבאַרער קראַפט, וואָס איז באַהאַלטן אין „שמות" און צאָלן, ער האָט אויך געשריבן אַ פּירוש אויף „זוהר" [54]. ער האָט אָבער דאָך דערביי פּאַרזעען דעם וויכטיקסטן פּרט — דעם זוהרס עטישן וועלטבאַנעם, זיין לערע וועגן דער אוניווערסאַלער ראָלע פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. מיימונים ראַציאָנאַליסטישע לערע האָט זיך איר פּאַטאָס — דעם פּאַטאָס פון דער איבערצייגטער צענטראַלער אידעע, פון דעם קעמפנדיקן געדאַנק. דער „מורה", ווי אויך זיין אַנטיפּאָד און צד שכנגדו, די מיסטישע זוהר־וועלט — ביידע האָבן זיי, יעדער אויף זיין שטייגער, זייער אימפּאָנירנדיקע קראַפט, זייער גוואַלטיקן אימפּעט, וואָס רייסט מיט, וואָס איבערצייגט און באַזיגט. אין דעם קאַלט ניכטערן „תורת העולה" איז אָבער ניטאָ קיין פונק פון פּאַטאָס: אַלץ איז דאָרט לאַנגווייליק־טויט און איינטאָניק־גראָ. עס שטעקט דאָרט פיל לומדות, ריגאָריסטישע נאָטספּאַרכטיקייט, אַ שלל מיט חריפותדיקע איינפאַלן און שכלדיקן פּילפּול, עס פעלט אָבער דאָס וויכטיקסטע: ניטאָ קיין פעסטער וועלטבאַנעם, קיין שטאָלצער מעוף פונם קאָמפּלוסטיקן געדאַנק; ניטאָ אויך דאָס פייער פונם הייסגלויבנדיקן הארצן, דער ציטער פון דער בענקענדיקער און זוכנדיקער נשמה... און ווען אַזאַ טיפּישער עקלעקטיקער און עפּיגאָן, וואָס האָט ניט אַרויסגעזאָגט קיין איין־איינציקן זעלבשטענדיקן פילאָזאָפישן געדאַנק, איז געווען ביכולת צו גילטן פאַר זיין דור אַלס אָריגינעלער דענקער און גרויסער בקי אין „חכמות חיצוניות" — איז דאָס דער בעסטער באַווייז, ווי אָרעם די פּויליש־דייטשע קהילות פון יענער צייט זיינען געווען אויפן געביט פון וועלטלעכן וויסן...

דער היסטאָרישער באַטייט פון דעם רמ"א באַשטייט אָבער ניט אין זיין טעאָלאָגישן חקירה־ספר. באַרימט איז ער געוואָרן אַלס פּוסק, אַלס פאַרפאַסער פון חריפותדיקע שו"ת. מיר האָבן שוין אין פריערדיקן באַנד [55] אָנגעוויזן, אַז דער ספרדי יוסף קארו איז געווען דער קלאַסישער פאַרטרעטער פון דער שטרעמונג, וואָס האָט זיך אַזוי בולט געלאָזט באַמערקן ביי דעם ערשטן דור פון די „גולי ספרד": ניט פאַרמעסטן זיך

---

53 דאָרטן, III, קאַפּ' 4, דף 74: „אני תמה על הרב המורה... שהרחיק ענין תשכ״ית שכתבו בעלי הקבלה בשלא ידע להם פירוש וכו' וכו'".

54 געבליבן אין כתב־יד.

55 זע זייט 275—276.

אויף שאפן נייע קולטורעלע ווערטן, נאר אלע כוחות אנווענדן אויף צו זאמלען און אויפהיטן מיט ליבע און גרויס התמדה די גאנצע גייסטיקע רעליגיעזע ירושה פון די פריערדיקע דורות; סיסטעמאטיזירן אינם שטרענגסטן סדר אלע דינים און געזעצן מיט זייערע וויטערדיקע פאר־צווייגונגען און פירושים. גאנצע צוואנציק יאר האט קארו געארבעט איבער זיין ריזן־ווערק „בית־יוסף״, דעם קאמפענדיום פון אלע דינים און רעלי־גיעזע געזעצן, געזאמלט און געארדנט לויט דעם מוסטער פון ר׳ יעקב בן אשרס „ארבע טורים״. און בכדי דער דאזיקער „כל־בו״ זאל זיין א שוה לכל נפש — צונעגלעך פאר ברייטערע שיכטן, האט קארו פאר־פאסט זיין „קיצור בית יוסף״, דעם בארימטן „שולחן ערוך״, ווו עס ווערן געגעבן אין קלארע איינפאכע זאצן, אז וועלכע ס׳איז שקלא־וטריאס, אין ענדגילטיקער פארם אלע דינים און מנהגים לויט דעם זעלבן סדר ווי אין „בית יוסף״. נאך איידער דער „שלחן ערוך״ האט זיך אויף דער וועלט באוויזן, איז אויך דער רמ״א געקומען צום באשלוס, אז עס איז נייטיק צו פארפאסן א פאפולער זאמלבוך פון אלע יידישע געזעצן. דער „בית יוסף״ מיט זיין גוואלטיק גרויסן פארנעם האט אים נים באפרי־דיקט, און ער האט דערפאר אליין אנגעשריבן א פירוש אויף „ארבע טורים״ און אים א נאמען געגעבן „דרכי משה״ [56]. באלד איז אבער דערשינען דער „שולחן ערוך״, וואס איז גלייך זייער באליבט געווארן אין די ספרדישע קהילות. אמת, די אשכנזישע רבנים האט דער „שולחן ערוך״ נים אינגאנצן באפרידיקט [57], ווייל דער ספרדי קארו האט זיך מער גערעכנט מיט דעם אויטאריטעט פון די ספרדישע פוסקים, ווי מיט די אשכנזישע רבנים, און ביי זיינע פסקים האט ער זיך זייער ווייניק סומך געווען אפילו אויף אזוינע גאוני התורה, ווי די פראנצויזישע בעלי התוספות. אויך האט זיך קארו גערעכנט אין זיין זאמלווערק דער עיקר מיט די מנהגים און לעבנסשטייגער פון די ספרדישע קהילות און כלל נים גענומען אין באטראכט די מנהגים און דעם סדר פון די אשכנזישע יידן. בכדי דער „שולחן ערוך״ זאל קאנען ווירקלעך ווערן א „שוה לכל נפש״, און אויך די פוילישע קהילות זאלן זיך קאנען מיט אים באנוצן

---

56 נעדרוקט זיינען בלויז די ערשטע צוויי טייל, און דאס אויך א סך יארן נאך דעם רמ״אס טויט: דער ערשטער טייל אין פיורדא אין 1760, דער צווייטער אין זולצבאך אין 1692.

57 תרעומות אויפן „שולחן ערוך״ זע ביי דעם רמ״אס חבר, חיים בן בצלאל, אין דער הקדמה צו זיין „ויכוח מים חיים״ (אמסטערדאם, 1712), ביים מהר״ל אויס פראג אין זיין „דרך חיים״ און „דרוש על התורה״, און ביי פילע אנדערע רבנים פון יענער צייט.

אין זייער רעליגיעזער פּראַקטיק, האָט דער רמ״א געמאַכט זיינע הערות און הגהות, צוגעגעבן פילע נייע סעיפים, ווו עס ווערן באַהאַנדלט די אַלע מנהגים און דינים, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט ביי די פּוילישע יידן אויפן יסוד פון די אָרטקע לעבנסבאַדינגונגען. אָט די דאָזיקע רמ״אס „מפּה״ — דער „טישטוך״, מיט וועלכן דער רמ״א האָט באַדעקט קאַרוס „געגרייטן טיש״ (שולחן ערוך), האָט געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רבנישער ליטעראַטור אין פּוילן. ערשט אַדאַנק דעם רמ״אס „מפּה״ איז דער „שולחן ערוך״ אויך אין די פּויליש־דייטשע קהילות אָנגענומען געוואָרן אַלס דער פּוסק און וועגווייזער אין אַלע רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. דעם אויבנאָן האָט אָבער דאָרט פאַרנומען דער אַשכנזי נים דער ספרדי. און דאָרט ווו דער רמ״א איז נים מסכים מיטן בעל „שולחן ערוך״, איז — „הלכה כהרמ״א״ [58]. דערפאַר האָט מען אין פּוילן געדרוקט דעם „שולחן ערוך״ בלויז צוזאַמען מיט דעם רמ״אס „מפּה״. און דאָרט ווו עס איז פאַראַן אַ חלוקי דעות צווישן די צוויי פּוסקים, פּלעגן די פאַרלעגער נים מאַכן קיין גרויסע שהיות און אַרויסוואַרפן די באַטרעפנדיקע שטעלע ביי קארון. אַזוי, אַ שטייגער, האָט מען אַרויסגעוואָרפן דעם זאַץ, ווו קאַרו דער־קלערט, אַז דער מנהג פון כפּרות־שלאָגן איז אַ „מנהג שטות״.

אָט דאָס שותפות־זווערק פון די צוויי גאונים, דעם ספרדי און דעם אַשכנזי, איז מיט דער צייט געוואָרן דער סימבאָל, די פאַרקערפּערונג פון דעם רבנישן יידנטום אין זיינע פאַרשטאַרטע און פאַרגליווערטע פאָר־מען. דער „כל־בו״ פון דינים און געזעצן האָט ווי אַ געדיכטע נעץ אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן פון דעם גאָטספאַרכטיקן ייִדן, האָט שטרענג השגחה געגעבן אויף זיין יעדן טרים און שריט. דערביי מוז מען נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז דער רמ״א איז אין פאַרגלייך מיט קאַרון געווען אַ שטאַרקער מחמיר; זיין נטיה איז על־פּי רוב גיכער האַר־בער מאַכן דעם דין איידער אים מקיל זיין. דאָס איז ענג פאַרבונדן מיט דעם דרך, אין וועלכן דער רמ״א האַלט זיך ביי זיינע „הגהות״ צום „שולחן ערוך״. ווי די באַדייטנדסטע דייטשע רבנים, אַזוי גילטן אויך ביים רמ״א דער אָנגענומענער מנהג אַלס דער גרעסטער אויטאָריטעט, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. „קיינער טאָר נים ברעכן קיין מנהג״,

---

58 „דאָרט ווו עס איז פאַראַן אַ חלוקי דעות צווישן ביידע גאונים די בעלי „השולחן ערוך״ — שרייבט אַברהם הורוויטש, וועגן וועלכן מיר וועלן נאָך ווייטער ריידן — דאַרף מען זיך אָבער מער רעכענען מיט דעם רמ״אס דעה״. „אין אַלע קהילות פון אַשכנז און פּוילן — שרייבט דער בעל „חשל״ה״, ישעיה הורוויטש — איז שוין אַזוי אָנגענומען, אַז מען פּסקנט לויט דעם רמ״א״ („שני לוחות הברית״, שער האותיות).

„אַ מנהג איז מען ניט עובר‟, חזרט ער מערערע מאָל איבער. „וכך נוהגים‟ — אַזוי איז מען זיך נוהג — דאָס איז ביים רמ״א געווען דער שאַרפסטער באַווייז. ווייל די אַשכנזישע קהילות, וואָס האָבן איבער־געלעבט אין משך פון דורות זייער פיל רדיפות און גירושים, האָבן, ווי מיר האָבן שוין מערערע מאָל אָנגעוויזן, שטאַרק מקפיד געווען אויף דעם מינדסטן מנהג און רעליגיעזן דין, — איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז דער אַשכנזישער פוסק און קאָדיפיקאַטאָר, דער רמ״א, איז אויך געווען אַ מחמיר ביים אויסטייטשן די רעליגיעזע געבאָטן און פאַרבאָטן. און די קעמפער פאַר רעליגיעזע רעפאָרמען, וואָס זיינען אין דער השכלה־תקופה אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם שווערן עול, וואָס דער „שולחן ערוך‟ האָט אַרויפגעלייגט אויפן יידישן קיבוץ, זיינען בלי־ספק געווען היסטאָריש אומגערעכט, בעת זיי האָבן זייער גאַנצן צאָרן אויס־געגאָסן אויף דעם בעל „המפה‟, און אין אים געזען דעם סימבאָל פון אָבסקוראַנטיזם, דעם ווילדן קנאי, וואָס האָט מיט זיינע חומרות אַזוי שווער און טרויעריק געמאַכט דאָס יידישע לעבן. דער רמ״א איז פאַקטיש געווען בלויז דער אויסדרוק פון די שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט גע־וועלטיקט אין זיין סביבה. ניט ער האָט געשאַפן די סייגים און צוימען, די אַלע שטרענגע מנהגים, וואָס האָבן ווי צוואַנגען צונויפגעפרעסט דאָס יידישע געטאָ־לעבן. און מיר זעען טאַקע, אַז ווו דער מנהג, דער אויס־דרוק פון דעם פאָלקס־ווילן, איז נוטה צו פאַרגרינגערן דעם דין, ווערט אויך דער רמ״א דער מקיל און שטיצט זיך טאַקע דערביי אויף דעם אָנ־גענומענעם מנהג. „נוהגין להכשיר‟ — ווייזט ער דערביי אָן, אָדער — „המנהג להקל‟.

אַדאַנק דעם גרויסן שם, וואָס דער רמ״א האָט זיך דערוואָרבן נאָך אין די יונגע יאָרן, פלעגן די אָנגעזעענסטע רבנים זיך ווענדן צו אים ווי צום גרעסטן אויטאָריטעט ביי אַלע וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן, און דעם רמ״אס תשובות אויף די אַלע האַרבע שאלות פאַרנעמען אַ גאַנץ חשובן אָרט אין דער רייכער שו״ת־ליטעראַטור [59].

פון אַ גאַנץ אַנדער שניט איז געווען דער שוין פריער דערמאָנטער רמ״אס בן־דור און נאָענטער פריינד, דער באַרימטער ר׳ שלמה לוריא, מער באַקאַנט אונטער די ראשי תיבות רש״ל. לוריא איז געבאָרן אין 1510 אין אַ זייער חשובער פאַמיליע, וואָס פירט איר שלשלת היוחסין ביז צום בעל „הקונטרס‟ ר׳ שלמה יצחקי (רש״י). רש״לס געבורטס־

---

[59] צום ערשטן געדרוקט אין 1640. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער צווייטער, אַמסטערדאַמער, אויסגאַבע פון 1711.

דארט איז ניט אויף זיכער פעסטגעשטעלט; א טייל ביאגראפן ווייזן אן, אז דער רש"ל איז געבארן אין פויזנע, אנדערע ווידער — אז אין בריסק. מען ווייס בלויז, אז זיין רבי און מדריך איז געווען זיין פעטער יצחק קלויבער; אין די יונגע יארן האט דער רש"ל געלעבט אין בריסק און אין אנדערע ליטווישע שטעט, און בערך אין 1554 האט מען אים אויס־געקליבן פאר רב אין אסטרא, וווּ ער האט אויך געגרינדעט זיין בארימטע ישיבה. אין א קורצער צייט ארום איז ער לויט דעם קיניגלעכן באפעל באשטימט געווארן פארן רב הכולל איבער גאנץ וואלין. א מענטש מיט א הארטן ווילן און שטארקן כאראקטער און נאך א שטיקל ספק דערצו, האט דער רש"ל זיך דערווארבן א סך קעגנער און ניט קוקנדיק אויף זיין גרויסן שם אלס גאון בישראל האט ער געמוזט פירן א נע־ונד־לעבן. זיינע לעצטע יארן האט ער פארבראכט אין לובלין, און דארט איז ער געשטארבן אין 1573.

אט דער פוילישער רב איז געווען באשאנקען מיט א חריפיש־שארפן קריטישן פארשטאנד פון אן ערשטקלאסיקן פארשער. ווייל ער האט געלעבט אין אן ענגער אפגעזונדערטער סביבה, האט ער זיינע גאונישע פעיקייטן אויסגענוצט בלויז אויף דעם געביט פון „איסור און היתר" און פון רעליגיעז־תלמודישע פראגן [60]. דערפאר אבער טרעט ער ארויס אויף דעם באגרענעצטן געביט אלס מחדש און זעלבשטענדי־קער פארשער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע און אפשר טאקע דער ערשטער, וואס האט געשאפן דעם קריטישן, ריין וויסנשאפטלעכן דרך, ווי אזוי אויסצופארשן דעם טעקסט פונם תלמוד און זיינע מפרשים. ער, דער גרויסער עמקן און חריף, האט דורכגעלייגט דעם וועג פון פשטות, פון מעטאדישן אויספארשן דעם קאמפליצירטן תלמוד־טעקסט. דערביי באווייזט דער רש"ל א פאר יענער צייט ממש אויסערגעוויינלעכע דרייסט־קייט, בעת ער ווערט כלל ניט נתפעל פאר די מיינונגען און החלטות פון די „ראשונים", פון די רבנישע אויטאריטעטן אויס די פריערדיקע דורות. „אפילו אנטקעגן נאר די גרויסע אויטאריטעטן — באמערקט מיט גרויס התפעלות איינער פון די שפעטערדיקע רבנים, דער בעל „נודע ביהודה" — האט דער רש"ל געהאט דעם מוט ארויסצוטרעטן, ווארעם ער האט גע־האט א הארץ פון א לייב" (כי לבו כלב הארי). „צוריק צום תלמוד" איז געווען רש"לס דעוויז; נאר מיטן תלמוד (בבלי און ירושלמי) האט ער

---

60 דער רש"ל איז אויך געווען א שטיקל פייטן, זיינע פיוטים („זמירות מרש"ל", 1602) האבן אבער א גאנץ קנאפן פאעטישן ווערט.

זיך גערעכנט ווי מיטן איינציקן אויטאָריטעטן מקור פאַר ענייני הלכה. צו אַלע שפּעטערדיקע מפרשים און פּוסקים האָט ער זיך פאַרהאַלטן גאַנץ אומאָפּהענגיק, און פלעגט ניט זעלטן אַרויסטרעטן קעגן זיי מיט זייער שאַרפע קריטישע באַמערקונגען. ער רעדט דערפאַר מיט גרויס שפּאָט און ביטול וועגן די, וואָס פאָלגן בלינד יעדן מחבר פון פריערדיקע דורות און „קאָנען ניט באַגרייפן מיט זייער שוואַכן שכל, אַז אויך די אַמאָליקע גדולים האָבן געקאָנט אַ טעות האָבן; זיי מיינען, אַז אַלץ, וואָס ס'שטייט אין אַן אַלטן כתב־יד, איז גאָלע אמת" (וסוברים מה שכתוב בכתב ישן אין להרהר אחריו) [61]. „אמת — איז דער רש"ל ווייטער מוסיף מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל — זיי, די פּוסקים, זיינען טאַקע לויטער הימל־מענטשן (בני עליון כולהון), אָבער דרשענען טוען זיי ווי פּשוטע מענטשן, גלויב איך דערפאַר קיינעם ניט מער ווי דעם צווייטן... בלויז דער תלמוד — הוא המכריע" [62].

נאָך שאַרפער טרעט ער אַרויס קעגן די רבנים און לומדים פון זיין דור. אין זיין צייט האָבן זיך אין פּוילן שטאַרק פאַרמערט די צאָל ישיבות, און בראש פון זיי זיינען געשטאַנען על־פּי רוב דעם בעל הפּילפּול ר' שלום שכנאַס תלמידים [63]. דער רש"ל, וואָס האָט זיך פיינדלעך פאַרהאַלטן צום דרך הפּילפּול, וועלכער האָט געוועלטיקט אין די דאָזיקע ישיבות, שטרייכט באַזונדערס אונטער די טונקעלע זייטן פון דער רבנישער קולטור אין איר ערשטער בלי־תקופה אין פּוילן. „בעוונותינו הרבים — קלאָגט זיך דער רש"ל — — זיינען ביי אונז זייער פיל, וואָס האָבן „סמיכה", אָבער גאַנץ ווייניק וווילקענעוודיקע; עס וואַקסט די צאָל פון נזוחי הדעת (אומוויסנדיקע), וואָס ווי נאָר יענער באַקומט „סמיכה", גלייך מאַכט ער זיך גרויס און זאַמלט אַרום זיך לערן־בחורים, ווי די פּריצים, וואָס רינגלען זיך אַרום מיט אַ גאַנצער סוויטע באַדינטע... עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען אפילו ניט ביכולת צו פאַרשטיין אַ וועלכע ס'איז סוגיא אָדער מסביר זיין ווי עס געהער צו זיין אַ הלכה... און אויך זיי טוען געוועלטיקן איבערן ציבור און איבער תלמידי חכמים, „מחרימים ומתירים", גיבן „סמיכה" אַזוינע תלמידים, וואָס האָבן אפילו ניט געלערנט ביי זיי, נאָר וואָס זיי האָבן באַשאָנקען מיט „תשלומים וגמולים" [64]. „עס זיינען פאַראַן אַזוינע רבנים — דערציילט

---

61 „ים של שלמה", די ערשטע הקדמה צו מסכת חולין.

62 דאָרטן.

63 די נעמען פון די דעמאָלטיקע ראשי ישיבות אין מדינת פּוילן ורייסן זיינען אויסגערעכנט אין דוד גאַנזס „צמח דוד".

64 „ים של שלמה", בבא קמא, פרק ח', סימ' 58.

דער רש"ל אויף אן אנדער אָרט, — וואָס זיינען דערפאַר גרויסע מחמירים, ווייל פון די דאָזיקע חומרות האָבן זיי אין זייערע סופרים „שכר הנאה" און זייערע קעשענעס ווערן אָנגעפילט מיט געלט"[65].

נאָך שאַרפער ווי דער בעל „וכּוח מים חיים" איז דער רש"ל אַרויסגעטראָטן קעגן דעם באַרימטן פוסק פון זיין דור, קעגן יוסף קאַרו[66]. ער האָט ניט געקאָנט מוחל זיין יענעמס התבטלות פאַרן אויטאָריטעט פון די „ראשונים", די פוסקים און גאונים פון די פריערדיקע דורות. דער רש"ל איז דערפאַר געקומען צום באַשלוס צו פאַרפאַסן אַן אוניווערסאַלן, אויסשעפּנדיקן קיבוץ פון אַלע הלכות, ניט שטיצנדיק זיך דערביי אויף קיינעם פון די פוסקים, נאָר אויסשליסלעך אויף דער איינציקער פון אים אָנערקענטער קוועלע — אויפן תלמוד. דער רש"ל האָט אָבער געפונען, אַז בכדי זיך קאָנען באַנוצן אָט מיט דער דאָזיקער איינציקער זיכערער קוועלע, מוז קודם־כּל דורכגעמאַכט ווערן אַ ריזיק שווערע אַרבעט: קריטיש אויספאָרשן די ריכטיקייט פונם תלמודישן טעקסט. ביז די ערשטע יאָר־צענדליקער פונם 16טן י"ה איז דער תלמוד געווען פאַרשפּרייט אין פאַרשיידענע האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס. די ערשטע געדרוקטע תלמוד־אויסגאַבן, וואָס זיינען ערשט דערשינען אין רש"לס יוגנט־יאָרן, זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורך מענטשן, וועלכע זיינען ווייניק ראוי געווען צו אַזאַ אחריותדיקער אַרבעט. זיי האָבן אפילו ניט געפונען פאַר נייטיק מגיה צו זיין דעם טעקסט לויט פאַרשיידענע אָפּשריפטן. דער רש"ל האָט דערפאַר געהאַלטן פאַר נייטיק קודם־כּל צוטרעטן צו דער שווערער און פיל צייט רויבנדיקער אַרבעט: קריטיש אויספאָרשן און אויסבעסערן דעם פאַרגרייזטן טעקסט, ווייל ער איז נאָך אין די יונגע יאָרן געקומען צו דער מסקנא, אַז פילע סתירות און פלאָנטערנישן אין די אַלטע מקורים דערקלערן זיך דערמיט, וואָס דער תלמודישער טעקסט איז פאַרגרייזט דורך ווייניק געניטע און ניט גאַנץ אויפמערקזאַמע אָפּשרייבערס, און די גרייזן האָבן נאָך אָקאָרשט פאַרמערט די דרוקער און זעצער. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַדאַנק דעם דערביי אַרויסגעוויזענעם פיינעם קריטישן חוש, טרעט דאָ פאַר אונז אַרויס אָט דער פאַרפרומטער אָרטאָדאָקסישער פּוילישער רב. אַלס פאָרגייער פון דעם „פאָטער פון היסטאָרישער קריטיק", דעם פרייען דענקער און פאָרשער עזריה די־ראָסי. אַרויסבאַקומען דעם אורשפּרינגלעכן ניט פאַרגרייזטן טעקט, בעת עס זיינען אפילו ניט

---

65 דאָרטן, מס' קידושין, פרק ב', סימ' 19.

66 וועגן רש"לס אָנפאַלן אויף יוסף קאַרו, זע: האָראָדעצקי, „לקורות הרבנות", 137; רב צעיר אין „השלוח", V, 135. זע אויך די צווייטע הקדמה צו „ים של שלמה", מס' חולין.

געווען צו דער האַנט אין אַ געניגנדיקער צאָל אַלטע תּלמוד־אַפּשריפטן, איז געווען אַן אימהדיק שווערע עובֿדה; און דעם רש״לס „חכמת שלמה״ איז אַ וווּנדערבאַרער מאָנומענט פון מיזאַמער שאַרפזיניק־קריטישער אַרבעט און גוואַלטיקער בקיאות. מען דאַרף נאָך דערביי נעמען אין באַטראַכט, מיט וואָסער יראת־הכּבוד דער רש״ל האָט זיך פאַרהאַלטן צו יעדן וואָרט, וואָס געפינט זיך אין תּלמוד, בכדי זיך קלאָר צו מאַכן, מיט וואָס פאַר אַ גרויסער פאַרזיכט ער האָט זיין קריטישע אַרבעט דורכגעפירט, און וויפיל מי עס האָט געקאָסט דעם רש״ל די מינדסטע טעקסט־פאַרענדערונג און אויסבעסערונג.

און אָט די דאָזיקע מיפולע אַרבעט, וואָס דער רש״ל האָט דורכגעמאַכט אין זיין „חכמת שלמה״, איז ערשט געווען אַ פאָראַרבעט צו זיין הויפּטווערק „ים של שלמה״, דעם אויבן־דערמאָנטן קאָמפּענדיום פון אַלע הלכות־התּלמוד, געזאַמלט אין שטרענג סיסטעמאַטישער פאָרם, אויסגעפאָרשט און קריטיש באַלויכטן אויפן יסוד פון די ערשטע מקורים. מיט וואָס פאַר אַ גרינטלעכקייט און עמקות דער רש״ל האָט די דאָזיקע אַרבעט דורכגעפירט, וועגן דעם דערציילט ער אונז גופא אין זיינע הקדמות צו יעדער מסכת באַזונדער. צוויי גאַנצע יאָר האָט ער געפּטרט אויף צו סיסטעמאַטיזירן און דערקלערן די הלכות, וואָס געפינען זיך בלויז אין דער ערשטער העלפט פון מסכת יבמות, אַ יאָר נאָכאַנאַנד — אויף די ערשטע צוויי פּרקים אין מסכת כּתובות; און אַ האַלב יאָר בלויז אויף איין פּרק וועגן מצוות חליצה [67]. עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, וואָס דעם רש״ל איז ניט געלונגען צו פאַרענדיקן זיין ריזן־ווערק, און ער האָט בלויז באַוויזן צו סיסטעמאַטיזירן און דערקלערן די הלכות פון זיבן מסכתות [68].

די סבֿיבה, דער קיבוץ איז אָבער געווען אין אַ געוויסער מאָס שטאַרקער פונם יחיד, אפילו פונם גאוניש באַגאַבטן יחיד. דער רש״ל באַווייזט טאַקע אין זיינע ווערק דעם מוט און די חריפות פון אַ זעלבשטענדיקן קריטישן פאָרשער, ער איז אָבער דאָך ניט ביכולת זיך אַרויסרייסן אויס דעם ענג־באַגרענעצטן וועלטבאַנעם פון זיין סבֿיבה. די „חכמות חיצוניות״ — דאָס וועלטלעך וויסן איז ביי אים פאַררעכנט פאַרן קוואַל פון אפיקורסות און נעפערלעכער צעשטערונג. „ואין לך מינות והריסות כחכמתם״, שרייבט ער מיט ירגזון זיין חבֿר, דעם רמ״א. דער רמ״א, דער פּשרן און עקלעקטיקער, איז געווען פּעפּט איבערצייגט, אַז אַלע

---

67 „ים של שלמה״, הקדמה צו מסכת יבמות.

68 בבא קמא, יבמות, ביצה, קידושין, גטין, כּתובות און חולין.

חכמות און די גאנצע פילאזאפיע, וואס די אייראפעאישע פעלקער פאר־מאגן, דאס האבן זיי געגאשט ביי אונז יידן און געשעפט אויס דער הייליקער תורה (כי כל חכמת הפילוסופים והחוקרים באה להגוים מישראל וכל חכמתם כלולה בתורה). דער רש"ל האט אבער אויך אויף דער פשרה ניט געוואלט גיין. עס איז ניטא קיין אנדער חכמה אויסער אונזער תורה, אלץ וואס אויסער איר איז מינות ואפיקורסות — אט דאס איז געווען זיין דעוויז און „אני מאמין". ער קאן ניט מוחל זיין דעם רמ"א, וואס יענער, באהאנדלענדיק א געווויסן ענין אין איינעם פון זיינע שו"ת, האט זיך דערביי סומך געווען אויף אריסטוס א ראיה. „ווי א מעכער — שרייבט ער אין זיין בייזן ענטפער — אין לעבעדיקן פלייש, אזוי האבן מיך דיינע ווערטער געשניטן. דו האסט מיך ארומגערינגלט מיט גאנצע פעק חכמות, אבער דער עיקר מיט חכמות חיצוניות... דעם ערל אריסטו טוסטו אלע מאל דערמאנען, און די אמתע חכמה, אונזער תורה, איז אין טרויער־זאק איינגעהילט; זי טוט קלאגן דערויף, וואס אירע קינדער טוען זי פארלאזן... בעת איך האב דערזען, ווי דו האלטסט זיך אן דער חכמה פון דעם ערל אריסטו, האב איך אויסגעשריען: ווי איז מיר, וואס מיינע אויגן זעען און מיינע אויערן הערן, אז דאס בעסטע און דאס שענסטע איז באהאלטן אין די רייד פון דעם דאזיקן אומריינעם (שעיקר המחמד והבושם הוא דברי הטמא), און די חכמי ישראל פלייסן זיך רחמנא ליצלן צו באשיינען מיט די דאזיקע רייד אונזער הייליקע תורה" [69].

דער רש"ל האט זיך דערפאר פארהאלטן גאנץ קאלט און מיט א פארבארגענעם ירגזון צום רמב"ם און זיינע נאכפאלגער [70] דערפאר, וואס זיי האבן זיך פיל אפגעגעבן מיט אריסטוס פילאזאפיע און חכמות חיצוניות; ער שטעלט זיי אנטקעגן אלס אידעאל די ארטאדאקס־פרומע חכמי צרפת — רש"י און רבנו תם.

ווי דער רמ"א אזוי פארהאלט זיך אויך דער רש"ל מיטן גרעסטן רעספעקט צו די פאלקס־מנהגים. „אין לשנות המנהג, אלא כמו שנהגו", חזרט ער אפט איבער, און ווייזט אפילו אן, אז צייטנווייז איז „מנהג מבטל הלכה"; דאך האט דער קפדן רש"ל ניט געקאנט זיך באפרידיקן מיט די מנהגים, וואס זיינען לויט זיין מיינונג עובר די גרענעצן פון שטרענג־פרומקייט, און קאנען גורם זיין „הריסות הגדר", צעשטערן די צוימען פון צניעות. ער איז דערפאר געווען אן אנטשיידענער קעגנער פון

---

69 דעם רמ"אס שו"ת, נומ' 6.

70 זע די ערשטע הקדמה אין „ים של שלמה" צו מסכת „חולין". דער רש"ל מרעט אויך שארף ארויס קעגן דעם פריידענקער אבן עזרא.

די פרייליכע שפּילן און פאַרוויילונגען, מיט וועלכע די יוגנט פלעגט די פרייע צייט פאַרברענגען. באַזונדערס האָט ער זיך מתרעם געווען אויף די מענער, אין וועלכע עס באַטייליקן זיך מיידלעך און בחורים צוזאַמען. ווען אויף אַ חתונה — דערקלערט דער רש"ל — זיצן מענער צוזאַמען מיט פרויען, טאָר מען ניט מאַכן די ברכה: שהשמחה במעונו, „לפי שאין שמחה לפני הקב"ה במעונו באותה שעה" — ווייל גאָטס שמחה קאָן דאָרט ניט רוען אין דער דאָזיקער שעה!

דריטער קאַפּיטל

נאָכקלאַנגען פון דער רענעסאַנס־תּקופה. — דער אַפּאָקריפישער אַריסטאָ־ בריוו. — בין־השמשות. — דוד גאַנז און זיין „צמח דוד". — אַברהם הורוויטש אַלס ראַציאָנאַליסט. — דער ראַציאָנאַליסט אַ בעל־תשובה. — אַברהם הורוויטש אַלס פאַרפאַסער פון „ברית אַברהם" און „יש נוחלין". — מרדכי יפה אַלס עקלעקטיקער. — די רעאַקציאָנערע שטימונגען און זייערע סיבות. — דער מהרש"א און דער מהר"ם פון לובלין. — די מפרשים פון „שולחן ערוך": יואל סירקיס (דער ב"ח), יהושע פאַלק (דער סמ"ע) און שבתי כהן (דער ש"ך). — די שאָטן־זייטן פון דער רבנישער ליטעראַטור אין פוילן. — דער איבערגעשפּיצטער פּילפּול.

מיר האָבן אין פריִקן קאַפּיטל געזען, ווי אין דער צווייטער העלפט פונם 16טן י"ה האָט אין פוילן, בפרט אין דער קראָקער ישיבה, ווו דער רמ"א איז געשטאַנען בראש, זיך נאָך געפילט אַ וועלכע ס'איז השפּעה פון דער מיטלאַלטערלעכער רעליגיעזער פילאָזאָפיע. דער קפּדן רש"ל איז זיך דערפאַר שטאַרק מתרעם אויפן רמ"א אין זיין אויבן־ציטירטן בריוו: „איך האָב דאָך אַליין געזען, ווי אין די סידורים פון די ישיבה־בחורים איז פאַרשריבן די תפילה פון אריסטון, און אין דעם איז שולדיק די נאַכלעסיקייט פון אַזאַ גרויסן מאַן ווי דו, וואָרעם דו טוסט דאָך צונויפמישן אַריסטוס רייד מיט די לעבעדיקע ווערטער פון גאָט"[1].

אָט דער „חטא" פון די ישיבה־בחורים, וואָס האָבן פאַרשריבן אין זייערע סידורים אַריסטוס בריוו, באַווייזט אַמבּולטסטן, וואָס פאַר אַ שוואַכן אָפּקלאַנג די פילאָזאָפישע אידעען האָבן געפונען אין דעם רמ"אס ישיבה, און אין וואָסערע נאַיִווע, אָרעמע זיי האָבן דאָרט זייער אויסדרוק געפונען. אַריסטוס תּפילה, וואָס דער רש"ל דערמאָנט, איז בלי־ספק דער באַקאַנטער לעגענדאַרער בריוו, וואָס אַריסטו זאָל כלומרשט האָבן געשיקט זיין תלמיד אַלכּסנדר מוקדן[2]. אין דעם דאָזיקן בריוו ווערט דער באַרימטער גריכישער דענקער אַ מחזיר בתשובה: ער האָט

---

[1] שו"ת הרמ"א, סימ' 6.

[2] זע יזונזער געשיכטע, ב' III, ז' 417

חרטה אויף די דעות, וואָס ער האָט פריער אַרויסגעזאָגט אין זיינע ווערק, ווייל איינער אַ „חכם מחכמי ישראל" האָט מיט אים געהאַט אַ וויכּוח און יענער האָט אים, אַריסטון, איבערציינט, אַז די דעות, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, זיינען פאַלש. דער הויפּט־טעות זיינער באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז דעם אמת קאָן מען דערפאַרשן נאָר אויפן ריין ראַציאָנאַליסטישן דרך, דורך שכלדיקער חקירה; איצט אָבער, אַדאַנק דעם „חכם מחכמי ישראל", ווייס ער, אַז דעם אמת דערגרייכן איז דער מענטש אימשטאַנד נאָר מיט דער הילף פון דער געטלעכער התגלות... „ווען איך — איז זיך אַריסטו ווייטער מתוודה — זאָל זיין בכוח צו־נויפנעמען אַלע מיינע ווערק, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט, וואָלט איך זיי אַלע פאַרברענט, קיין איינעם פון זיי ניט איבער־געלאָזט, זיי זאָלן אַנדערע ניט פאַרפירן".

דער דאָזיקער „תשובה"־בריוו האָט כשר געמאַכט אַריסטון אין די אויגן פון די פרומע ישיבה־בחורים; זיי האָבן אים מוחל געווען זיין „אַפּיקורסישע" תורה, אַז די וועלט איז אַ קדמון, ווייל ער האָט דאָך אַדאַנק דעם „חכם מחכמי ישראל" אויף דער עלטער מחזיר בתשובה געווען.

יעדנפאַלס איז טאַקע דעם רמ"אס ישיבה די איינציקע, וועלכע האָט געגעבן אַ געוויסע צאָל תלמידי חכמים, וואָס זיינען מער־ווייניקער געווען באַהאַוונט אין „חכמות חיצוניות". אָט די דאָזיקע געציילטע מע־נער, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט איינגאַנצן פאַרשליסן אין די „ד' אמות של הלכה", זיינען זייער אינטערעסאַנט פאַר דער באַטרעפנדיקער תקופה, ווייל אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ בולטסטן אָפּ די דעמאָלטיקע בין־השמשות־שטימונגען אינם שיין פון די לעצטע רענעסאַנס־שטראַלן, וואָס האַלטן שוין ביי דער שקיעה, און באַלד וועלן זיי באַדעקן די טונקעלע שאָטנס פון דער וואַקסנדיקער רעאַקציע.

מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף דריי פון די דאָזיקע אינ־טערעסאַנטע פערזענלעכקייטן, אַלע דריי — דעם רמ"אס תלמידים. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט צווישן זיי דוד בן שלמה גאַנז — דער איינ־ציקער פאַטרעטער פון וועלטלעכן וויסן אין זיין סביבה, דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך פאַרנעמען ניט מיט רבנישע שו"ת און רעליגיעזע דינים, נאָר מיט וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען. געבאָרן אין אַ קליינער וועסטפאַלישער קהילה (אין ליפּשטאַדט, 1541), האָט גאַנז זיך אויפגעצויגן אין דייטשע ישיבות (אין באָן און פראַנקפורט). דערנאָך איז ער געקומען קיין קראָקע לערנען תורה ביים רמ"א. גאַנז גופא דער־ציילט שפּעטער, וואָס פאַר אַ גרויסע השפּעה דער רמ"א האָט אויף אים

געהאט [3]. דער רמ״א פלעגט אין זיינע פארטראגן און דערקלערונגען אפט זיך סומך זיין אויף ראיות פון פארשיידענע וויסנשאפטן, ווי אסט־ראנאמיע, מאטעמאטיק, פילאזאפיע. דאס האט אין דעם וויסנבאגיריקן גאנז דערוועקט גרויס חשק צו די דאזיקע ,,חכמות היצוניות״.

ניט ווענן די בעלי ,,החלוקים״, ווענן די גרויסע מייסטער אויפן געביט פון פילפול, האט געחלומט דער יונגער גאנז, נאר ווענן עווקלידוס, פטאלאמעוס און קאפערניק. א לענגערע צייט, בעת ער האט געוווינט אין דער זאקסישער שטאט נארדהיים, האט ער זיך פארנומען ספעציעל מיט עווקלידס מאטעמאטיק [4]. נאכדעם ווי ער האט זיך באזעצט (אין 1564) אין פראג, האט ער זיך פיל אפגעגעבן מיט אסטראנאמיע, געארבעט אין דער דארטיקער אבסערוואטאריע, און אויף אזא אופן האט ער געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט די בארימטע געלערנטע קעפלער און טיקא־דע־בראהע. ספעציעל פאר טיקא־דע־בראהע האט ער געמאכט אויסצוגן אויס דער העברעישער באארבעטונג פון די בארימטע אלפאנד־טאבעלן [5]. ער האט זיך אויך געפונען אין בריוולעכן פארקער מיטן באוווסטן אסטראנאם רעריא מאנטאנוס. אלס צייטיקע פרוכט פון זיינע וויסנשאפטלעכע באשעפטיקונגען איז גאנז ווערק ,,נחמד ונעים״ — ווענן אסטראנאמיע און מאטעמאטישער געאגראפיע [6]. אין דעם אריינפיר גיט דער פארפאסער א היסטארישן איבערבליק ווענן דער אנטוויקלונג פון די דאזיקע וויסנשאפטן. ניט אבער אדאנק דעם דאזיקן וויסנשאפטלעכן ווערק איז ער געווארן א מפורסם בכל תפוצות ישראל; בארימט האט אים געמאכט זיין היסטארישע כראניק, דער אלעמען באקאנטער ,,צמח דוד״ [7]. משה איסערלים, וואס האט אליין פארזארגט זאקוטאס ,,יוחסין״ מיט נייטיקע הערות און הוספות, האט אויך אין זיין וויסנבאגיריקן תלמיד געשטארקט דעם חשק צו פארנעמען זיך מיט געשיכטע. בכדי צו דער־וועקן דעם אינטערעס צו געשיכטלעכע געשעענישן אין די ברייטע שיכטן פונם פאלק, האט גאנז באשלאסן צו שאפן א פאפולער געשריבענע כראניק פון יידישער און אלגעמיינער געשיכטע. ,,איך בין דא ניט אויסן—שרייבט

---

3 זע די פאררעדע צו „נחמד ונעים", וו גאנז דערמאנט מיט גרויס דאנק־באַרקייט זיין קראקער רבין: „החסיד מורי ורבי אשר אמנני וגדלני הרמ"א".

4 זע „צמח דוד", ו, 52 (מיר ציטירן לויט דער װארשעװער אויסגאבע, 1878).

5 זע פאררעדע צו „נחמד ונעים".

6 פארעפנטלעכט אין יעסניץ, 1743, דורך יואל בן יקותיאל אויס גלאגוי. גאנזס איבעריקע מאטעמאטישע ווערק, „מאור הקטן", „מגדל דוד" און אנדערע, זיינען מיט דער צייט פארלארן געגאנגען.

7 פארעפנטלעכט אין 1592.

ער אין דער פאָררעדע — צו ווערן אַ מפורסם און דערווערבן דערמיט גרויס כבוד — אַזאַ ריין קאָמפּילאַטיוו ווערק קאָן דאָך יעדער אָנשרייבן. ניט פאַר חכמים און לומדים, וואָס זיינען פול מיט תורה, האָב איך מיין ווערק פאַרפאַסט, נאָר פאַר פשוטע באַלעבאַטים און יונגע תלמידים". „איך האָב מיין בוך — ווייזט אָן דער מחבר אין דער הקדמה צום צווייטן טייל — געשריבן פאַר אַ דור, וואָס איז אויסגעמאַטערט פונם שווערן גלות; מיין ווונטש איז צו דערפרייען די פאַראומערטע נשמות פון די פשוטע באַלעבאַטים, וואָס דערווערבן מיט גרויס מי און מאַטער־ניש זייער שטיקל ברויט. זאָלן זיי נאָך זייערע שווערע דאגות און פּראַצע פאַרגעסן אין זייערע זאָרגן, לייענענדיק די אינטערעסאַנטע געשעענישן פון אַמאָליקע און שפּעטערדיקע צייטן".

אין דעם ערשטן טייל פון זיין ווערק גיט גאַנץ אין קורצע, לויטן כראָנאָלאָגישן סדר געשריבענע נאָטיצן, אַן איבערבליק איבער די וויכ־טיקסטע געשעענישן און באַדייטנדסטע פּערזענלעכקייטן אין דער ייִדי־שער געשיכטע זינט דער ביבלישער תקופה ביז 1592 [8]. אין דעם צווייטן טייל גיט דער פּראָפעסער אַן אַלגעמיינעם איבערבליק וועגן דער וועלט־געשיכטע זינט די קדמונישע מלכים פון בבל ביז דעם קיסר לעאָפּאָלד, וואָס האָט געקיניגט אין דעם מחברס צייטן. ביים צונויפשטעלן דעם צווייטן טייל האָט גאַנץ זיך באַנוצט מיט די כראָניקעס פון שפּאַנגענ־בערג, לאַרענציוס פאַוסט, געאָרג קאַסיוס, מאַרטין באַריק און אַנדערע. דער פּראָפעסער גופא, בעת ער ווייזט דערויף אָן אין דער פאָררעדע צום צווייטן טייל, האַלט פאַר נייטיק זיך צו פאַרענטפערן, וואָס ער האָט זיך דערלויבט צו באַנוצן מיט פרעמדע קוועלן, וואָס שטאַמען פון די אומות העולם. „איך זע פאָרויס, אַז פילע וועלן זיך אויף מיר מתרעם זיין פאַר־וואָס איך באַנוץ מיך מיט פרעמדע, ניט ייִדישע שריפטשטעלער און דערצייל דאָ אינם צווייטן טייל פון מיין ווערק וועגן מלחמות און אַנדערע ענינים, וואָס זיינען ביי זיי אין די אויגן דברי חול, און רעכענען, אַז אַזוינע דברים בטלים איז יעדנפאַלס אסור צו לייענען אינם הייליקן טאָג פון שבת. איך וויל מיך דאָ ניט לאַנג פאַרענטפערן, זאָלן פאַר מיר זיין אַ שוץ און שטיצע די גדולי ישראל, די ייִדישע רעליגיעזע דענקער, וואָס פלעגן ביי אַריסטאָטלן און אַנדערע פילאָזאָפן אַרויסנעמען אַלץ, וואָס ס'האָט געהאַט אַ ריכטיקן קערן, און די שאָלעכץ אַוועקוואַרפן".

ער ווייזט דערביי אָן, אַז אויך די פריערדיקע ייִדישע געשיכטע־

---

8 דוד גאַנז האָט אויך געשריבן אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג וועגן די עשרת השבטים („צמח דוד", I, 19), די דאָזיקע אַרבעט איז אָבער ניט אויפגעהיט געוואָרן.

שרייבער, ווי אברהם זאַקוטאַ, יוסף הכהן און אַנדערע, האָבן אויך זיך באַנוצט מיט פרעמדע קוועלן, און ער איז זיכער, אַז דאָס אַלץ איז דאָך לשם שמים, וואָרעם אַזאַ היסטאָרישע כראָניק קאָן דאָך פיל נוצן ברענגען, ווייל פון די אַלע מעשיות און געשעענישן, וואָס ווערן דאָרט באַשריבן, זעט מען דאָך קלאָר ארויס, „ווי גרויס ס׳איז גאָטס השגחה איבער זיינע טרייע שאָף: בעת גרויסע און שטאַרקע מלכים און מדינות זיינען חרוב געוואָרן און פאַרלאָרן געגאַנגען, אַז עס איז פון זיי אפילו קיין געדעכעניש ניט געבליבן, האָט גאָט ברוך־הוא געשיצט אונטער זיינע פיטיכן דאָס פאָלק ישראל און ניט דערלאָזט עס זאָל פאַרצוקט ווערן״ [9].

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער פאָרפאַסער, וואָס צווישן פאַרשיידענע פּאָליטישע געשעענישן און מלחמה־באַשרייבונגען האָלט ער פאַר נייטיק באַזונדערס אונטערצושטרייכן די גוואַלטיקע וויכטיקייט פון גוטנבערגס גאָונישער המצאה — דעם דרוק־וואַרשטאַט. „די דאָזיקע המצאה — רופט ער אויס מיט התפעלות — איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט, און עס איז צו איר קיין גלייכן ניטאָ צווישן אַלע חכמות און אַנטדעקונגען זינט גאָט האָט דעם מענטשן אויף דער וועלט באַשאַפן״ [10]. דער הייסער פאַרערער פון דעם דרוק־וואַרשטאַט איז אָבער אויך אַ זייער פרומער און גאָטספאַרכטיקער ייד. ער האַלט דערפאַר פאַר נייטיק צו פאַרנאָטירן אַלע עפּידעמיעס, פּורעניותן און אַנשיקענישן, ווי פאַרפלייצונגען, ערדציטערנישן און באַזונדערע צייכנס, וואָס האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן; ווייל די דאָזיקע צייכנס, פאַרזיכערט דער בעל „צמח דוד״, זיינען אָנזאָגערס פון קומענדיקע גזירות און גרויסע נסיונות. דאָ טרעטן אַמבּולטסטן אַרויס די סתירות־פולע שטימונגען און טענדענצן, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער בין־השמשות־תקופה, פאַר דער צייט פון פרשת דרכים און גייסטיקן איבערברוך. אַן אויסגעצייכנטער אַסטראָנאָם, ווייס גאַנץ זייער גוט, ביי וואָסערע אומשטענדן עס קומען פאַר ליקוי־חמה און ליקוי־לבנה, און ער דערציילט וועגן דעם גאַנץ באַריכות אין זיין „נחמד ונעים״. דאָך האַלט ער פאַר נייטיק גלייך דערביי מוסיף צו זיין: „עס קאָן אָבער בשום אופן ניט אָפּגעלייקנט ווערן, אַז די ליקוי המאורות (זון־ און לבנה־פינסטער־

9 „וראיתי בספורי הספר הזה תועלות רבות; האחד שנתפרסם בסיפורי שמועות של הספר הזה השגחת הש״י על צאן מרעיתו, כי עם היות שמלכים גדולים ועצומים עלו על מדינות וממלכות האבידו והכריתו אותם ותשרישו אחריהם והכחידום מגוי עד אבד זכרם הסה, עם כל זה האל ית׳ וית׳ הצילנו תחת כנפיו ולא נתנונו לטרף״...

10 „התבולה רבה כזו לתועלת כל יושבי תבל אין עוד מלבדה ולא נמצא ערך לה בכל החכמות והתחבולות למן היום אשר ברא ד׳ אדם על הארץ״.

ניש) זאגן אין די בשורה פון שלעכטע גזירות, ווי עס האבן שוין דערויף פון לאנג אנגעוויזן די חז"ל" [11]. דאס זעלבע חזרט זיך אויך איבער בנוגע צו ערדציטערנישן; ער וויים זייער גוט, אז עס זיינען פאראן „אזוינע", וואס דערקלערן די ערדציטערניש אויף א גאנץ נאטירלעכן אופן; „מיר אבער — איז גאנז מוסיף — וויסן דאך מפי הנביאים, אז ערד־ציטערניש איז אן אנטפלעקונג פון גאטס צארן".

בעת גאנז דערמאנט די „יש אומרים", וואס דערקלערן ערדציטער־נישן על־פי דרך הטבע, ווייזט ער דערביי אן אויף עזריה מן האדומים [12], וועמעס ווערק עס ווערט אממייסטן ציטירט אין „צמח דוד". גאנז גע־פינט זיך דא אין א געוויסער פארלעגנהייט. ער פירט די כראנאלאגיע אין זיין ווערק, ווי עס איז ביי יידן אנגענומען — פון בריאת העולם. גאנז האט אבער פלייסיק שטודירט די־רוסים „מאור עינים", ווו עס ווערט אזוי גרינטלעך דערוויזן, אז די יידישע צייט־רעכענונג איז געבויט אויף גאנץ שוואכע יסודות [13]. גאנז, דער וויסנשאפטסמאן, פארשטייט זיי אפצושאצן די וואגיקע ראיות פון דעם בעל „מאור עינים", און ער מוז מודה זיין, אז די־רוסי האט זיין טעזים באגרינדעט „בסברא וטוב טעם", און זיינע ראיות איז זייער שווער אפצוווענדן. די־רוסים טעזים געפינט זיך אבער אין סתירה מיט מסורת אבות — מוז ער אפגעווענדט ווערן, מוז דערוויזן ווערן, אז די־רוסים ראיות זיינען קיין ראיות ניט. און דער פרומער גאנז נעמט זיך פאר דער דאזיקער אומדאנקבארער אויפ־גאבע און ווייזט טאקע דערביי גלייך אן, וואס ער איז דערמיט אויסן: „תכלית דברי — פירט אויס דוד גאנז — מעורר צו זיין, אז מיר דארפן זיך ניט יאגן נאך נייע סברות, נאר האלטן זיך פעסט אין דעם, וואס אונזערע אבות האבן אונז איבערגעלאזט בירושה. די קבלה און די מנהגים פון אונזערע אבות איז פאר אונז א תורה, און טריי ווען מיר אלע בלייבן לדורי דורות, אויף אייביקע צייטן (ולא ימוש מפינו ומפי זרענו ומפי זרע זרענו עד עולם) [14].

„לא נבקש חדשות" — וואס ווייטער פונם נייעם, אט צוליב דעם דאזיקן דעוויז, וואס האט אין משך פון לאנגע דורות געוועלטיקט איבער דעם גאנצן דייטש־פוילישן קיבוץ — האט עס דוד גאנז, דער גענייטער קענער פון קופערניקס נייער אסטראנאמישער סיסטעם און גוטער בא־

11 „נחמד ונעים", שער 9, סימ' 297.

12 „צמח דוד", II, 187.

13 זע אונזער געשיכטע, באנד IV, ז' 147.

14 דארפן, I, 25—26; II, 77.

קאַנטער פונם גרויסן קעמפער — זיך דאָך געהאַלטן שטאַל און אייזן אַז דער פּטאָלאָמעיִשער אַסטראָנאָמיע, וואָס קאָפּערניק האָט אַקאָרשט אומ־ברחמנותדיק צעשטערט; און גאַנץ פאַרזיכערט אויך זיינע לייענער, אַז די פּטאָלאָמעיִשע סיסטעם וועט בלייבן גילטיק „עד היום הזה ועד סוף כל הדורות״...

אַט אַזוי האָט עס די מאַכט פון „קבלת אָבות״, די מסורה פון די פריערדיקע דורות, ביי דער צום סוף 16טן י״ה אַלץ מער פאַרשטאַרק־טער רעאַקציע [15], געטויט און צעטראָטן די קלענסטע שפּראָצונגען פון דעם פרייען פאָרשער־געדאַנק. אין דער הינזיכט איז באַזונדערס אינטע־רעסאַנט די גילגול מחילות, וואָס ס׳האָט דורכגעמאַכט אין משך פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט דעם רמ״אס אַ צווייטער תּלמיד, אברהם שעפּטלס [16], אָדער אברהם הלוי הורוויטש [17].

וועגן הגרוויטשעס לעבן איז אונז גאַנץ ווייניק באַקאַנט. מיר ווייסן בלויז, אַז זיין פאָטער שעפּטל (שבתי) בן ישעיה, איז געווען דיין אין פּראָג, ווו אברהם האָט פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָרן. אויס אייניקע באַמערקונגען אין זיין „יש נוחלין״, וואָס ער האָט געשריבן אויף דער עלטער, קאָן מען זיך משער זיין, אַז אברהם שעפּטלס האָט אין די יונגע יאָרן ליב געהאַט פלאַט צו לעבן, און ניט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. „את חטאי אני מזכיר היום — שרייבט דער אַלטער הורוויטש, — אז איך פלעג צייטנווייז נכשל ווערן אין דעם ענין פון שיכּרות, און וויל איך פלעג אין דער יוגנט אָפט זיין שיכּור, בין איך באַטרונקענערהייט נים שטענדיק זהיר געווען פון זינד״. פון פּראָג האָט זיך דער יונגער הורוויטש געלאָזט אין דעם נייעם יידישן קולטור־צענטער — קראָקע, לערנען תּורה אין דער באַרימטער רמ״אס ישיבה. דער רמ״א, דעם רמב״מס אַזאַ הייסער חסיד, האָט אין זיין וויסנבאַגיריקן תּלמיד דער־וועקט גרויס חשק צו חקירה־ספרים; דער תּלמיד איז אָבער געגאַנגען באַדייטנדיק ווייטער פון זיין רבין. מיט גרויס התלהבות האָט ער זיך פאַרטיפט אין דער יידישער מיטלאַלטערלעכער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, און זיין ערשט ווערק „חסד לאַברהם״ [18] איז געווען אַ פירוש אויף דעם

15 זע אונזער געשיכטע, ב׳ עו, ז׳ 165.

16 אונטער דעם דאָזיקן נאָמען דערמאָנט אים גאַנץ אָפט זיין זונס אַ בן־דור און גוטער באַקאַנטער, דער בעל „יוסף אומץ״, יוסף יוזפא פון נוירלינגן.

17 די דאָזיקע אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט האָט צום ערשטן קריטיש באַ־לויכטן דער היסטאָריקער שפ״ר (שאול פנחס ראַבינאָוויטש) אין „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 1911. זע אויך ש. א. האָראָדעצקים אַרטיקל אין דער זעלבער צייטשריפט, 1913, 146—158.

18 געשריבן אין דערטיט פופציקער יאָרן פונם 16טן י״ה צום ערשטן געדרוקט אין 1577.

רמב"ם‘ס „שמונה פרקים" און אויף שמואל אבן תיבונס הקדמה צו די „שמונה פרקים". אין דעם דאָזיקן פירוש, וואָס הורוויטש האָט געשריבן, ווי ער אליין ווייזט אָן אין דער הקדמה, אין אַ קלאָרער פּאָפּולערער פאָרם „לתועלת הגברים, כת הבחורים, אשר לא נסו לכת בדרכי החקירה", חזרט דער פאַרפאַסער גאַנץ אָפט איבער דעם טיפּיש מיימוניסטישן געדאַנק, אַז אפילו די מסורה פון די ספרי הקודש דאַרף זיך שטיצן אויף די יסודות פון פילאָזאָפישער חקירה. באַלד נאָכדעם פאַרלאָזט הורוויטש קראָקע און באַזעצט זיך אין פּויזנע. דאָ טרעט ער אַרויס אין 1559 מיט אַ פּאַמפלעט [19], וואָס האָט בלי־ספק אַ קולטור־היסטאָרישן באַטייט, ווייל ער באַקענט אונז מיט די אידעישע שטימונגען, וואָס האָבן נאָך אין יענער צייט געהאַט אַנהענגער צווישן געוויסע שיכטן פון דער יידישער יוגנט.

פון דעם דאָזיקן פּאַמפלעט ווערן מיר קודם־כל געוואָר, אַז נאָך איידער דער יונגער הורוויטש איז אוועקגעפאָרן לערנען אין קראָקער ישיבה, האָט זיך אין פּראָג צווישן די תלמידים פון דער אָרטיקער ישיבה געפירט אַן עקשנותדיקער קאַמף צווישן די „אָרטאָדאָקסן" און די „פרייר־דענקער". בראש פון דער אָרטאָדאָקסישער גרופּע איז געשטאַנען אַ יונגער קנאי מיטן נאָמען יוסף. אַ גרויסער בקי אין ים התלמוד, איז ער דערצו געווען אַ פייערדיקער מקובל, און האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז ביינאַכט קומט צו אים מיט אַ באַזוך אליהו הנביא בכבודו ובעצמו. ער איז געווען אַ פאַרביסענער קעגנער פון „חכמות חיצוניות", דעם רמב"ם האָט ער דערקלערט פאַר אַ „מין גמור" און געוואָרנט די תלמידי הישיבה, זיי זאָלן למען השם ניט דערוועגן זיך צו לייענען דעם „מורה נבוכים", ווייל ער איז פול מיט אפיקורסות. ניט אָבער בלויז אויף דעם בעל „מורה נבוכים", אפילו אויף אַזוינע אָרטאָדאָקס־פרומע גדולי ישראל ווי דער רשב"א, ר' יצחק עראמה און ר' יצחק אברבנאל האָט זיך דער יונגער קנאי שטאַרק מתרעם געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן געפונען, אַז אייניקע פון די תלמודישע אַגדתאָס דאַרף מען באַטראַכטן בלויז אַלס אַלעגאָרישע משלים, ניט זיי אויסטייטשן פשוטו כמשמעו [20].

---

19 דאָס ווערק איז בשלימות ניט אויפגעהיט געוואָרן. דער באַלערנטער פ. בלאָך האָט בלויז געפונען אַ טייל פון דעם דאָזיקן פּאַמפלעט אין גאַסטערס מאַנוסקריפּטן־קאָלעקציע, און האָט אים פאַרעפנטלעכט אַלס אַנאָנימען פראַגמענט (ווייל עס האָט געפעלט דער אָנהייב און דער סוף) אין „מאָנאַטסשריפט", 1903. ערשט שפּ"רן איז אין זיין ציטירטער אַרבעט געלונגען צו דערוויזן, אַז דאָס איז אַ פראַגמענט פון הורוויטשעס פּאָלעמיש ווערק.

20 דער דאָזיקער פרומער מקובל איז דערנאָך אַוועק קיין ארץ־ישראל, זיך באַזעצט אין צפת, וווּ ער איז געווען איינער פונם אר"יס מקורבים. אין ארץ־ישראל איז

בראש פון די „פריידענקער״ אין דער פראגער ישיבה איז געשטאַנען אברהם שעפטלס, וואָס פלעגט פירן שטענדיקע וויכּוחים מיט דעם קעגנער פון „חכמות חיצוניות״, יוסף. אין אייניקע יאָר אַרום האָבן זיך די בעלי מחלוקת ווידער באַגעגנט אין פּויזנע, וווהין עס איז כּמעט אין איין צייט מיט אברהם שעפטלס צוריקגעקומען (אין 1557) אויך דער מקובל יוסף צוזאַמען מיט זיין שוועער אהרן, וואָס איז אָקאָרשט באַשטימט געוואָרן פאַר קרייז־ראַבינער פון גרויס־פּוילן און געוואָרן ראש־ישיבה אין פּויזנע [21]. דער מקובל יוסף האָט אויך אין דער רעזידענץ־שטאָט פון גרויס־פּוילן געהאַלטן פאַר נייטיק צו פירן זיין קאַמף קעגן פילאָזאָפיע און חקירה־ספרים, ער האָט אויך געווירקט אויף זיין שוועער, דעם ראש־ישיבה, יענער זאָל אויך אָנגורטן זיינע לענדן און מיטהעלפן אין דער מלחמת מצווה. דער ראש־ישיבה ר׳ אהרן איז געווען אַ שטאַק־פרומער און מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן וועלטבאַנעם. ס׳איז כּדאי צו דער־מאָנען, אַז אין איינע פון זיינע דרשות, וואָס ער האָט געדרשנט אין שול פאַרן עולם, האָט דער דאָזיקער רב הכּולל אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אין היינטיקן דור האָבן די מכשפים אָנגעוואָרן זייער גאַנצע שליטה, ווייל דער אשמדאי, דער מלך פון די שדים, איז ניט לאַנג געשטאָרבן, זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ נייער מלך, און די מכשפים זיינען נאָך ניט דערגאַנגען „מה טיבו״, מיט וואָסערע שפּרוכן מען קאָן צו אים צוטרעטן [22]. אונטער דער השפּעה פון זיין איידעם, דעם קנאי, איז ר׳ אהרן אַרויסגעטראָטן שבת הגדול 1559 מיט אַ פייערדיקער דרשה קעגן „חכמות חיצוניות״; ער האָט מעורר געווען זיין עדה, אַז מען דאַרף זיך פאַרנעמען יומם ולילה נאָר מיטן תּלמוד און נושאי כּליו, אַלע אַנדערע ספרים געהערן צו די „ספרי הומירס״, וואָס וועגן זיי זאָגט די גמרא, אַז זיי זיינען „אסור במקרא״, און מען דאַרף זיי וואַרפן אין פייער. אפילו אויף „עשרים וארבע״ דאַרף מען ניט פטרן צו פיל צייט [23]. ער, ר׳ אהרן, זעט אפילו גאָטס גערעכטע שטראָף אין דעם, וואָס מען האָט אין 1554 אויפן באַפעל פונם פויפּסט פּוילוס דעם פערטן פאַרברענט די ספרי התלמוד

ער באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען יוסף אשכּנזי, און ער האָט זיך שטאַרק קונה־שם געווען ניט נאָר אַלס מקובל, נאָר אויך אַלס אויסגעצייכנטער משנה־דערקלערער, און מען האָט אים מיט גרויס יראַת־הכּבוד גערופן דער גרויסער תּנא״ (התּנא הגדול). זע קאָנפאָרטי, „קורא הדורות״, דף 36, עמ׳ ב׳ (מיר ציטירן לויט דער ווענעציאַנער אויסגאַבע); קויפמאַן, „מאָנאַטסשריפט״, 1898, 38.

21 זע „צמח דוד״, ו, 56 (וואַרשעווער אויסגאַבע, 1878).

22 „מאָנאַטסשריפט״, 1903, 278.

23 דאָרטן, 167.

אין דעם רוב איטאַליעניִשע שטעט: דאָס איז אַן עונש דערפאַר, וואָס מיט דריי יאָר צוריק (1551) האָט מען אין ווענעדיק אָפּגעדרוקט אַזאַ אפּיקורסיש ספר ווי דעם רמב"מס „מורה נבוכים" [24].

די דאָזיקע דרשה האָט אַריינגעבראַכט אין גרויס צאָרן די „פריידענ־קער" פון פויזנע. זיי האָבן ניט געוואָלט מוחל זיין דעם אַלטן רב, וואָס ער האָט זיך אונטערגעשטאַנען פוגע בכבוד זיין אין זייער לערער און וועגווייזער — דעם בעל „מורה נבוכים". אַלס ענטפער אויף ר' אהרנס דרשה איז אַרויסגעטראָטן אברהם שעפטלס מיט זיין פאַמפלעט. דער פאַמפלעט איז געשריבן אין אַ זייער שאַרפן, ערטערווייז גאַנץ גראָבן טאָן. דער רב און זיין איידעם ווערן גאַנץ אָפט באַקרוינט מיט אַזוינע עפּי־טעטן, ווי „סכל", „אויל", „חמור", „מוח מזוהם" אאַז"וו. די דאָזיקע זידלערייען קאָנען אָבער ניט פאַרקלענערן דעם ליטעראַרישן ווערט פון דער דאָזיקער קאַמף־שריפט. עס פילט זיך דער קאַמפּלוסטיקער טעמפּעראַ־מענט, דער צאָרנדיקער אימפּעט און דער ליידנשאַפטלעכער טאָן; דער גאַליקער סאַרקאַזם און גלענצנדיקער סטיל פונם ווערק דערמאָנען ער־טערווייז דעם טאַלענטפולן סאַטיריקער, דעם בעל „עלילת דברים" [25].
ווי יענער, אַזוי האָט אויך אברהם שעפטלס פיינט רמזים און האַלבע ווערטער, און ער זאָגט אָפן און פריי אַרויס אַזוינע „אפּיקורסישע" גע־דאַנקען, וואָס מען האָט בכלל ניט געקאָנט דערוואַרטן ביי אַ תּלמיד פון אַ פרומער פּוילישער ישיבה. דער פויזנער רב האָט ווידער אַמאָל אויפ־געמישט די אַלטע שאלה: צי מעג מען זיך פאַרנעמען אויסער דעם תּלמוד אויך מיט וועלטלעכן וויסן. ר' אהרן, ווי מיר האָבן געזען, ענט־פערט אויף דער דאָזיקער פראַגע גאַנץ באַשטימט: „אסור במקרא". מיט דער זעלבער באַשטימטקייט טרעט אַרויס אברהם שעפטלס מיט זיין ענטפער: מיט איין תּלמוד קאָן מען זיך ניט באַנוגענען. עס שטייט אין דער תּורה: „כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים"; מיט בלויז בקיאות „בכל חדרי התּלמוד", דערקלערט ער מיט סאַרקאַזם, וועלן מיר אָבער ניט גילטן אין די אויגן פון די אומות העולם פאַר חכמים ונבונים; אדרבה, דער תּלמוד מיט זיינע סברות און דרשות — הם לעג והיתּל בעיני העמים, איז צו שפּאָט און געלעכטער אין די אויגן פון אַנדערע אומות [26]. און מיר ווייסן טאַקע זייער גוט פונם נסיון, אַז אַפילו אין רעליגיעזע וויכוחים זיינען מנצח בלויז די „בעלי החכמות", די וואָס זיינען

24 דאָרט, 346.
25 זע אונזער געשיכטע, באַנד III, ז' 56.
26 „מאָנאַטסשריפט", 1903, 263.

בקי אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן [27]. הורוויטש וויל זיך בכלל ניט באַגור־גענען מיט די פרומע פשרה־מאַכערס, וואָס זוכן אַ הכשר, אַז מען מעג זיך פאַרנעמען מיט „חכמות חיצוניות" אין דער צייט פון בין־השמשות, אין די פרייע מינוטן פון צווישן טאָג און נאַכט. ער רעדט אָפן וועגן גלייכבאַרעכטיקונג, אַז די וועלטלעכע לימודים פאַרדינען ניט קיין קלענערע אויפמערקזאַמקייט ווי דער לימוד התלמוד. „יעדער לימוד, יעדע וויסן־בראַנזשע — דערקלערט אברהם הורוויטש — פאַדערט זייער פיל מי און טירחה, הן תנך און תלמוד, הן אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן. יעדער מענטש איז מחוייב זיך אין זיי פאַרפולקומען ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך, און ווער ס'איז דאָס ניט מקיים, דער איז עתיד ליתן את הדין" [28].

זיין העכסטער אידעאַל איז דער בעל „מורה נבוכים"; ער זעט אין אים דעם שטאָלצן קעמפער פאַרן פילאָזאָפישן פאַרשער־געדאַנק: ער גיסט דערפאַר אויס זיין גאַנצן גרימצאָרן אויף דעם פויזנער רב און זיין איידעם, וואָס האָבן זיך דערלויבט באַשולדיקן דעם רמב"ם אין אַפּיקורסות. „ווי סאָוועס און פלעדערמייז — רופט הורוויטש אויס מיט כעס, — וואָס קאָנען ניט פאַרטראָגן דעם שיין פון די ליכטיקע זונ־שטראַלן, אַזוי קאָנט איר, בלינדע נאַראָנים, וואָס גלויבן בכל דבר שטות ושגעון, דאָס ליכט פון דעם רמב"מס חכמה ניט פאַרטראָגן. איר האָט די העזה צו דערקלערן פאַר אַ ספר פון לויטער מינות און אַפּיקורסות זיין „מורה נבוכים", אָט דעם טרייען וועגווייזער, דעם וווּנדערבאַרן טעריאַק, וואָס היילט אויס אַלע גיפטיקע וווּנדן און לייזט אויס פון אַלע גייסטיקע ספיקות! אָן אומפאַרגלייכלעכע סגולה האָט דאָס בוך צו דער־פרישן דעם מענטשנס פאַרחלשטע נשמה, דערלייכטן זיין מוח, און דער־הויבן אים איבער די נישטיקייטן פון דעם לעבן; עס באַפרייט אים פון אָבערגלויבן און גיט אים דעם מוט ער זאָל צעשטערן די אַלע אָפּגעטער און פאַלשע געצן, און דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון אמתער שלימות. און אַזאַ ספר אונטערשטייען זיי זיך צו דערקלערן פאַר שעדלעך? איר, פינסטערע מענטשן, קאָנט ניט מוחל זיין דעם רמב"ם דעם ביטערן אמת, וואָס ער האָט בשעתו אַרויסגעזאָגט וועגן אַזעלכע נאַרישע און אומוויסנ־דיקע רבנים ווי איר! [29] קעגן דעם גאון בישראל, קעגן דעם געטלעכן מאַן (האיש האלהי), רבנו משה בן מיימון, אונטערשטייען זיך

---

27 דאָרטן.

28 דאָרטן, 268.

29 דאָרטן, 268—270.

ארויסטרעטן אזוינע קליינע אומוויסנדיקע מענטשעלעך, וואָס דערציילן דעם המון פון דער בימה אַראָפּ ווילדע נאַרישע מעשיות, אַז דער אשמדאי, דער מלך השדים, איז געשטאָרבן און ווייל די מכשפים זיינען נאָך ניט באַקאַנט מיטן ממלא מקומו, דערפאַר קאָנען זיי איצט קיין שום שליטה ניט האָבן! לאַכט אים אויס, איר אַלע מענטשן פון פאַרשטאַנד (בעלי העיון)! מאַכט אים צו שפּאָט און צו געלעכטער, דערקלערט אָפן: צי איז ראוי אַזאַ מענטש, ער זאָל זיין אַן אַב־בית־דין איבער אַ גאַנצער מדינה? צי איז דאָס ניט דער גרעסטער בזיון פאַר דער גאַנצער מדינה?"[30].

„און אַט דער עני בדעת — זאָגט אברהם הורוויטש ווייטער — האָט נאָך די העזה צו דערקלערן פאַר זיין עדה, אַז די „גזירה" וועגן שריפת התלמוד, וואָס איז ניט לאַנג פאַרגעקומען אין איטאַליע, איז אַן עונש דערפאַר, וואָס מען האָט צוריק מיט עטלעכע יאָר אין ווענעדיק דעם „מורה נבוכים" געדרוקט. צי ווייס אָט דער דאָזיקער נאַרישער רב, אַז צוריק מיט צוויי הונדערט[31] יאָר האָט מען אויך מאַסנווייז געבּרענט דעם תּלמוד? דאָס איז געווען אין פראַנקרייך באַלד נאָכדעם, ווי מען האָט דאָרט אַדאַנק דער מסירה פון אַזוינע פאַנאַטישע אומוויסנדיקע רבנים, ווי דער פּויזנער רב, דעם „מורה נבוכים" געבּרענט אויפן שייטערהויפן. און טאַקע אין פּעריציק טעג אַרום און אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ מען האָט דעם „מורה נבוכים" פאַרבּרענט, האָט מען אויך געבּרענט די ספרי התלמוד, און אויסגעמישט האָט זיך דער אַש פון די „מורה נבוכים"־בלעטער מיטן אַש פונעם תלמוד..."[32].

דער פריער דערמאָנטער סאַטיריקער, דער בעל „עלילת דברים" און זיינע חברים האָבן געקעמפט פאַר אַ פאַרלאָרענער זאַך[33]; אָבער זיי האָבן מוטיק געקעמפט ביזן סוף אין פעסטן גלויבן, אַז זיי קעמפן פאַרן אמת און אַז זייער אידעאַל איז דער איינציק ריכטיקער. אַן אַנדער גורל איז באַשערט געווען זייער נאָכפאָלגער, וואָס האָט געפירט דעם קאַמף אונטער מיימונים פאָן מיט הונדערט יאָר שפּעטער. דער ספרדישער קיבוץ איז שוין געווען חרוב, אין איטאַליע האָבן די רענעסאַנס־שטראַלן פאַרדעקט די נעדיכטע וואָלקנס פון דער קאַטוילישער רעאַקציע, וואָס האָט אויך אין פּוילן דערשטיקט די רעפאָרמאַטאָרישע שטימונגען. אונ־טער דעם קאַלטן אָטעם פון דער פאַרשטאַרקטער רעאַקציע איז אויך

30 דאָרט, 278.

31 פּאָקטיש צוריק מיט דריי הונדערט יאָר.

32 דאָרט, 346—347.

33 זע אונזער ווערק, ב' III, 355.

אברהם הורוויטש מיט דער צייט א בעל־תשובה געוואָרן. ער האָט אליין צעשטערט, וואָס ער האָט פריער געבויט; א שטורמישער קעמפער פאַרן פרייען געדאַנק אין דער יוגנט, ווערט ער אויף דער עלטער א פרומער מוסר־זאָגער, וואָס פּרעדיקט וועגן תשובה און מיסטישער אסקעטיק. אין דער יוגנט שרייבט ער זיין פריער דערמאָנטן ראַציאָנאַליסטישן פּירוש „חסד לאברהם״, אויף דער עלטער (1602) האָט ער שוין חרטה דערויף, און האַלט פאַר נייטיק צו שרייבן זיין פּירוש אין א גאַנץ נייעם נוסח. אין דער הקדמה איז ער גלייך מכריז ומודיע, אַז אין דעם ערשטן נוסח, וואָס ער האָט געשריבן אין די יונגע יאָרן, זיינען פאַראַן פיל זאַכן „שהם אינם לפי האמת, כי אם לפי הדמיון״, און אין דעם פּירוש גופא שלאָגט ער זיך יעדעס מאָל „על חטא״ און ווייזט אָן דעם לייענער, אַז אין דעם ערשטן נוסח „האָב איך גאַנץ אַנדערש געטייטשט״, דאָס איז אָבער פאַלש: „הראשון עוקר וכאשר כתבתי כאן הוא עיקר״ [84]. דער קאַמפּ־לוסטיקער פאַמפלעטיסט ווערט מיט דער צייט אַן עניו ונכנע. „אני עפר ואפר״ — איך בין אַש און שטויב! מיט די דאָזיקע ווערטער הייבט ער אָן זיין אַסקעטיש־פרום מוסר־ספר „ברית אברהם״. „איך ווייס דאָך דעם אמת,— שרייבט הורוויטש ווייטער אין זיין פאָררעדע,— אַז יעדער מענטש איז עתיד ליתן דין וחשבון פאַרן שם יתברך; האָב איך אין מיין האַרצן געטראַכט: וואָס וועל איך טאָן און וואָס וועל איך ענטפערן, ווען עס וועט קומען דער טאָג און איך וועל מוזן שטיין פאַרן דיין אמת? האָב איך אין די טיפענישן פון מיין נשמה דערהערט די וואָרענענדיקע ווערטער: בן אדם! גענוג שוין שלאָפן! שטיי אויף, און טרעט אריין אין גאָטס הויז!״

דאָס גאַנצע ווערק, וואָס באַשטייט אויס 13 קאַפּיטלען, איז דורכ־געדרונגען מיט איין־איינציקן גרונט־געדאַנק: תשובה טאָן! „בתשובה נזכה ונחיה ונירש חיי עולם הבא!״— רופט אויס דער פאַרפאַסער, תשובה איז דער ענדציל פון אַלע מענטשלעכע צילן, זי איז די העכסטע שטאַפּל פון מענשלעכער שלימות (היא תכלית האחרון אשר בכל התכליות ושלימות האחרון אשר בכל השלימות). דאָס ווערק פאַרענדיקט זיך מיט א גאַנצן פּאַק תפילות און תחינות („חדשות גם ישנות״) און מיט א ריזיק גרויסן אשמנו (אשמנו הארוך). די אַלע תפילות און תחינות, ווי אויך די פּירושים צו זיי, וואָס ווערן געגעבן אינם „ברית אברהם״, זאָגן עדות וועגן די טיפע תשובה־ און חרטה־שטימונגען, וואָס דער אַמאָליקער

[84] דער צווייטער נוסח פון „חסד לאברהם״ דרוקט זיך אין אַלע תלמוד־אויס־גאַבן צוזאַמען מיט די „שמונה פרקים״.

ראַציאָנאַליסט און פריידענקער האָט איבערגעלעבט. מיט די זעלבע תשובה־שטימונגען זיינען דורכגעדרונגען הורוויטשעס ווייטערדיקע ווערק „עמק ברכה" (וועגן די ברכת הנהנין וברכות התפלות) [35] און זיין „יש נוחלין" [36], וואָס איז געווען אַזוי פּאָפּולער און באַליבט אין משך פון דורות. „יש נוחלין" — דאָס איז אַ מין צוואה, וואָס דער אַלטער הור־וויטש האָט געלאָזט פאַר זיינע קינדער, ווו ער זאָגט זיי דברי מוסר און באַלערנט זיי ווי אַזוי צו גיין בדרך הישר און חלילה ניט געשטרויכלט ווערן. עס איז זייער שווער צו דערקענען אין דעם דאָזיקן מוסר־ספר, וואָס איז געשריבן אין אַזאַ הכנעהדיק־אַסקעטישן טאָן, דעם אַמאָליקן קאַמפּ־לוסטיקן פּאַמפלעטיסט. דעם מענטשנס גאַנץ טראַכטן און טאָן, זאָגט אָן דער אַלטער הורוויטש זיינע קינדער, דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט איין־איינציקן געדאַנק — גאָט דינען; שטרעבן צו איין ציל — הייליקן דאָס לעבן. „די גאַנצע וועלט — דערקלערט הורוויטש — מיט איר גאַנץ געפילדער, מיט אַלע אירע מעשים, איר גלאַנץ און גרויסקייט — אַלץ איז נאַריש און נישטיק אויסער עבודת השם יתברך". יעדער אבר אינם מענטשן דאַרף ווערן אַ שליח אויף גאָט צו דינען: „די אויערן דאַרפן פאַרנעמען די ווערטער פון דער הייליקער תורה, די אויגן דאַרפן זיך צו די הימלען ווענדן, ריין דאַרפן זיין דעם מענטשנס לעפצן, בכדי זיי זאָלן אומוויסנדיקע באַלערנען, שטראָפן די זינדיקע, טרייסטן נידערגעשלאָגענע; די פיס דאַרפן טרעטן אין גאָטס וועגן, גיין שאַפן שטיצע נויט־באַדערפטיקע, איילן אין שול אַריין דריי מאָל אין טאָג, קומען פון די ערשטע און אַוועקגיין פון די לעצטע".

און גאָט דינען — שטרייכט הורוויטש מערערע מאָל איבער — דאַרף מען ניט אויס מורא פאַר עונש און שטראָף; „אל תעסקו במצוה כדי שתקבלו פרס — ניט צוליב שכר דאַרפט איר מצוות טאָן, ניט אויס מורא פאַרן עונש דאַרפט איר פון עבירות זיך דערווייטערן — רק עבדו את ד' מאהבה, גאָט דינען דאַרפט איר אויס ליבע. הייליקן און רייניקן דאַרף דער מענטש דאָס לעבן, ווי עס שטייט אין דער תורה: קדושים תהיו! דער מענטש דאַרף וואָס מער צייט פאַרברענגען ביחידות; למען השם ניט ריידן קיין דברים בטלים, ווארעם דאָס איז די „מדה המגונה מכל המדות"; אַנטלויפן דאַרף דער מענטש פון מחלוקת און אויף קיינעם ניט טראָגן קיין שנאה, ווארעם האָס שטערט דאָך גוטס צו טאָן" (אל

35 צום ערשטן געדרוקט אין 1597 מיט הגהות פון זיין זון, דעם בעל השל"ה.

36 צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין 1615 אין פּראָג, דערנאָך מערערע מאָל איבערגעדרוקט.

תשנאו שום אדם כי האיבה מונעת מכל הטוב לעשותה). „היט אייך א נכרי אין כעס ניט צו ברענגען — וואָרעם ער איז א נוקם ונוטר, און אייביק ברענט אין אים דער צאָרן" (אל תכעיסו לשום נכרי שהוא נוטר איבה לעולם ועברתו שמרה נצח). „זייט פון די ענָוים, וואָרעם ענוה איז די גרעסטע מידה, זי איז אפילו חשובֿער פון חכמה". „ליבט איינער דעם אנדערן — דערמיט פאַרענדיקט הורוויטש זיין צוואה — און זאָל פריד־רוען צווישן אייך"...

ניט ווייניקער טיפּיש איז דער דריטער און, אגב, דער באַדייטנד־סטער פון די אויבן־דערמאָנטע רמ"אס דריי תּלמידים — ר' מרדכי בן אברהם יפה. בעת ביי הורוויטשן האָט זיך זיין וועלטבאַנעם געענדערט אין משך פון יאָרן, קאָן מען ביי יפהן אין איין און דער זעלבער צייט באַמערקן א געמיש פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע אָנשוייונגען און שטי־מונגען.

מרדכי יפה איז געבאָרן אין 1530 אין פּראָג אין א זייער חשובֿער פאַמיליע. זיין פאָטער, אברהם, איז געווען א גרויסער למדן און אנגע־זעענער כלל־טוער. אייניקע פאָרשער געפינען, אז ער איז אידענטיש מיט דעם הויף־יידן Abraham Bohemus, וועלכן פילע היסטאָרישע קוועלן דער־מאָנען אלס „פּרעפעקט" און מוכסן איבער אלע יידישע קהילות אין פּוילן [37]. שוין יינגלווייז האָט מרדכי יפה אַרויסגעוויזן זיינע חריפות־דיקע פעיקייטן, און דער פאָטער האָט אים אַוועקגעשיקט אין דער דע־מאָלטיקער אכסניה של תורה — קיין פּוילן, און דאָרט האָט דער יונגער יפה פאַרבראַכט אייניקע יאָר אין די ישיבות פון די גאוני התורה, רש"ל און רמ"א. א באַזונדערס גרויסע השפּעה האָט אויף יפהן געהאַט דער רמ"א, וועלכער האָט דערוועקט אין זיין וויסנבאַגיריקן תּלמיד דעם אינ־טערעס צו פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. באלד נאָכדעם ווי יפה האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין היים און דאָרט א גרויסע ישיבה געגרינדעט, האָט גראָד אָנגעהויבן זיך אן עת צרה פאַר די יידן אין בעמען. לויט דעם דעק־רעט פון 1561 האָבן אלע יידן געמוזט פאַרלאָזן פּראָג; יפה איז דעמאָלט אַוועק קיין איטאַליע, ווו ער האָט זיך פיל אָפּגעגעבן ניט נאָר מיט דער רבנישער ליטעראַטור, נאָר אויך מיט „חכמות חיצוניות" — מיט פילאָ־זאָפיע און מאַטעמאַטיק. פון איטאַליע האָט זיך יפה געלאָזט קיין ליטע, אין 1572 איז ער רב אין גראָדנע, און פון דאָרט פאָרט ער אַריבער קיין לובלין. זיין נאָמען קלינגט שוין דעמאָלט בכל תּפוצות ישראל, און ער ווערט אָנערקענט אלס גאון התורה און גייסטיקער פירער פונם גאנצן

---

37 זע „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1912, 355.

פוילישן יידנטום. אין לובלין האָבן זיך אויך אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצן גלאַנץ יפהס אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן. אדאַנק זיין ענערגישער טעטיקייט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון דעם „וועד ארבע ארצות", וואָס זיינע צוזאַמענפאָרן פלעגן פאָרקומען אין לובלין בשעת די גרויסע ירידן (יריד גראָמניץ). מרדכי יפהס חתימה געפינט זיך בראש פון אַלע דרייסיק רבנים, וואָס זיינען געחתמעט אויף דער באַקאַנטער תקנה פון 1590, „דז קיין רב זאל דש רבנות ביקומין על ידי ממון מוקדם או מאוחר, אדר דורך אנדרה ענינים דיא דא ברענגין הנאת ממון" [38]. מרדכי יפה האָט דערנאָך א קורצע צייט פאַרנומען די רבנות־שטעלע אין קרעמעניץ (וואָלין) און אין 1592 האָט מען אים איינגעלאַדן אַלס רב אין זיין געבורטשטאָט פּראָג. אַלס 70־יאָריקער זקן פאָרט ער איבער קיין פּויזנע, ווו ער איז געשטאָרבן אין 1612 אויפן 82טן יאָר פון זיין לעבן.

אין דער רבנישער ליטעראַטור האָט מרדכי יפה זיך דערוואָרבן א גרויסן שם מיט זיין פינף־בענדיקן „לבוש מלכות" [39], א זאַמלווערק, וואָס נעמט אַרום דאָס גאַנצע רבנישע רעכט, מיט אַלע זיינע דינים און פסקים. דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז ביי יפהס לעבן דערשינען אין דריי אויסגאַבן, האָט אין משך פון צענדליקער יאָרן געקעמפט מיטן „שולחן ערוך" פאַר דער אייבערהאַנט אין דער רבנישער פּראַקטיק, און עס איז אַלץ שווער געווען צו באַשליסן, ווער פון זיי וועט גובר זיין און בלייבן אַלס דאָס פון אַלעמען אָנערקענטע געזעצבוך און דער וועגווייזער אינם ריטועל־רעליגיעזן לעבן; דער „שולחן ערוך" האָט אָבער סוף־כל־סוף גובר געווען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס יפהס „לבוש" איז געשריבן אין א קלאָרערער שפּראַך, און דער מאַטעריאַל איז איינגעטיילט אין א בעסערן סדר [40].

מרדכי יפהס ליטעראַרישע טעטיקייט באַגרענעצט זיך אָבער ניט בלויז מיט הלכות און רעליגיעזע דינים. ווי זיין רבי, דער רמ"א, וואָס שרייבט הערות צום „מורה נבוכים" און א ספּעציעל חקירה־ווערק „תורת

---

[38] זע דעם יעראָסלאַווער כרוז פון 1640, פאַרעפנטלעכט אין הרכבים „חדשים גם ישנים", נומ' 3, 17.

[39] דער נאָמען איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן סטיל פון יענער צייט. ווייל זיין נאָמען איז מרדכי, און אין מגילת אסתר שטייט דאָך געשריבן „ומרדכי יצא בלבוש מלכות", האָט יפה אַלע זיינע צען ווערק, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, באַקליידט מיטן ביינאָמען „לבוש". ער איז דערפאַר באַקאַנט אין דער רבנישער ליטעראַטור אונטער דעם נאָמען „דער בעל הלבושים".

[40] זע וועגן דעם די אַרבעט פון רב־צעיר אין „השלח", VI, 129—136.

העולה", האָט אויך מרדכי יפה פאַרפאַסט אַ פירוש אויפן „מורה נבוכים" און דעם רמב"מס הלכות קדוש החודש („לבוש אור יקרות"). ער שרייבט אויך אַ ספּעציעל ווערק „לבוש אדר יקר", וועגן אַסטראָנאָמישע חשבונות און יידישער צייטרעכענונג. די גייסטיקע ירידה פון יענער צייט לאָזט זיך אָבער דייטלעך באַמערקן אין דעם ליטעראַרישן שאַפן פון דעם דאָזיקן גדול בישראל. ער פאַרהאַלט זיך גאַנץ טאָלעראַנט צו „חכמות חיצוניות" און צו פילאָזאָפישער חקירה, אונטער וועלכער ער האָט פאַרשטאַנען אויסשליסלעך אַריסטאָטעלעס, און דאָס אין דעם לבוש, וואָס זי האָט באַקומען אין דעם רמב"מס „מורה נבוכים". יפה האַלט אָבער דערביי פאַר נייטיק אַרויסצושטעלן פאָלגנדיקע צוויי תנאים: ערשטנס מעג מען בלויז אַריינקוקן אין אַזוינע חקירה־ספרים, וואָס זיינען אינגאַנצן פריי פון אַפּיקורסישע געדאַנקען, והשנית איז ערלויבט צו פאַרנעמען זיך מיט „חכמות חיצוניות" בלויז די, וואָס זיינען שוין גוט בקי אין ים־התלמוד און זיינען קלאָר אין אַלע דינים און מצוות. דערביי האַלט דער בעל „הלבושים" נייטיק אונטערצושטרייכן, וואָס פאַר אַ טיפער תהום עס טיילט אָפּ די „חכמות חיצוניות" פון דער הייליקער תורה, ווייל דער פאַרנעם פון די אַלע וויסנשאַפטן איז דאָך אַ גאַנץ באַגרענעצטער און קיין נייס קאָן מען שוין אויף דעם געביט ניט צוטראַכטן, בעת די תורה איז דאָך טיף ווי דער ים, און האָט ניט קיין גרענעץ און האָט ניט קיין ברעג. באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקע שטעלע: „די חכמי ישראל — זיי פאַרנעמען זיך דאָך מיט דער חכמת התורה והנבואה, וואָס איז ברייטער פון דער וועלט און טיפער פונם ים; ס'איז אוממעגלעך משיג זיין אירע סודות, דערגרונטעווען איר טיפקייט, וואָרעם אויף יעדן אות און פינטעלע (על כל קוץ וקוץ) קאָן מען דאָך דרשענען תילי תילין של הלכות. ווי עס שטייט טאַקע אין פסוק: לא ידע אנוש ערכה — קיין בן־אדם איז ניט אימשטאַנד אָפּצושאַצן איר ווערט. אַפילו די גרעסטע חכמים זיינען ניט אימשטאַנד דערוויסן זיך אַלע אירע סודות, און ווען זיי וואָלטן אַפילו געלעבט אָן אַ סוף, וואָלט אַוודאי מיט יעדן טאָג געוואַקסן זייער חכמה, אָבער צום סוף פון די סודות התורה וואָלטן זיי אַלץ ניט דערגאַנגען, ווייל די חכמת התורה האָט ניט קיין גרענעץ (כי היא בלתי בעל תכלית). אָבער די חכמי אומות העולם — זיי וויסן בלויז די זיבן חכמות — די באַשאַפונג פונם באַגרענעצטן מענטשלעכן מוח; די דאָזיקע חכמות האָבן אויסגעטראַכט די גריכישע חכמים און

---

41 זע „לבוש עטרת זהב", פרק 246, סימ' 4: „מותר ללמוד באקראי גם בשאר חכמות ובלבד שלא יהיו ספרי מינין... ואין לאדם לטייל בפרדס רק לאחר שמלא כריסו בשר ויין והוא שידע איסר והיתר ודינים ומצות".

זייערע חברים (חכמת אנשים מלומדה בדויה מלבות חכמי היונים וחבריהם), ס'איז דערפאַר ניט שווער אויסצוגעפֿינען דאָס דאָזיקע געביט אין דער לענג און אין דער ברייט, און וויפיל דער געלערנטער וועט שוין דערנאָך ניט נישטערן און חקירהן — ער וועט שוין דאָרט מער קיין נייס ניט קאָנען געפינען" (לבוש תכלת", קאַפּ' 224, סימ' 7).

אין די דאָזיקע שורות טרעט שוין גאַנץ בולט אַרויס אָט דער ביטול צום אייראָפּעיִשן וויסן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָפּ־מייסטן אָפּגעשטאַנענער תקופה אין דער יידישער געטאָ — פון סוף 16טן י"ה ביז מיט 18טן י"ה. מרדכי יפה איז געשטאַנען אויפן שיידוועג, אויף דער גרענעץ פון צוויי תקופות; איז קיין חידוש ניט, וואָס ער איז געווען אַ טיפּישער עקלעקטיקער, אָן אַ קלאָרן און פעסטן באַשטימטן וועלטבאַנעם. אַ געניטער מאַטעמאַטיקער, אַ פאַרערער פון מיימוני, האָט יפה אויך געגלויבט אין כישוף, אין שדים און אין השבעות; און יעדן שבת־צונאַכט נאָך הבדלה האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו זאָגן אַ ספּע־ציעלן שפּראָך פול מיט „שמות" און השבעות. ווי זיין רבי, דער רמ"א, האָט אויך דער בעל „הלבושים" געפּרוּווט ראַציאָנאַליסטיש דערקלערן דעם מהות פון רוח נבואה, ער איז אָבער דערביי אויך אַ הייסער אָנ־הענגער פון „חכמת הנסתר" [42], שרייבט אַ ספּעציעלן פּירוש אויף די ווערק פון דעם מקובל ריקאַנאַטי, באַהאַנדלט אין זיינע לבושים פילע טעאָסאָפיש־מיסטישע פּראָבלעמען, ווי די עשר ספירות, גילגול הנפש און פיל אַנדערע [43].

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער באַרימטער „חוט המשולש", די דריי גרויסע רבנים, שלום שכנא, דער רש"ל און דער רמ"א, האָבן געלייגט די פעסטע יסודות פון רבנישער לומדות אין דעם נייעם יידישן קולטור־צענטער — אין מדינת פוילן. ביי דעם רמ"אס דריי תלמידים האָבן מיר שוין געזען, ווי אַזוי ווייסנדורשטיקע בחורים פלעגן זיך לאָזן אויס בעמען, דייטשלאַנד און אַנדערע מדינות אין די פוילישע ישיבות, וואָס זיינען איבעראַל געווען אָנערקענט אַלס די וויכ־טיקסטע אכסניות של תורה. פון די ווייטסטע מדינות פלעגט מען ביי די וויכטיקסטע אָנגעלעגנהייטן און בנוגע די האַרבסטע רעליגיעז־רעכט־לעכע פּראָבלעמען זיך ווענדן ווי צו דער העכסטער אינסטאַנץ קיין פוילן,

---

[42] מיט די סודות הקבלה האָט אים באַקאַנט דער מקובל מתתיהו בן שלמה דלוקראַט.

[43] באַריכות וועגן מרדכי יפה זע: רב־צעירס ציטירטע אַרבעטן אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1912, 353—369, און האָראָדעצקי, „לקורות הרבנות", 1911, 145—174.

באַרלאַזנדיק זיך אויף דעם גרויסן אויטאָריטעט פון די דאָרטיקע רבנים און גדולי התורה. און ווי די רבנים האָבן געפסקנט, אַזוי איז געבליבן, זייער וואָרט האָט געהאַט די באַשטימענדיקע קראַפט פון אַ געזעצגעבע־רישן בית־דין [44]. גאַנץ פוילן איז געווען פול און פיל מיט ישיבות [45], יעדער פאָטער האָט געהאָפט און געחלומט, אַז זיין זון וועט זיין אַ „גדול בישראל״, אַ רב און ראש־ישיבה.

„בכל תפוצות ישראל — דערציילט דער כראָניקער נתן האַנאָווער וועגן דער תקופה, וואָס פאַר גזירות ת״ח — איז ניט געווען אַזוי פאַר־שפרייט דער לימוד התורה, ווי אין פוילן. יעדע קהילה האָט געהאַט אירע ישיבות, דעם ראש־ישיבה פלעגט מען צאָלן מיט דער ברייטער האַנט, בכדי ער זאָל זיך קאָנען אָן שום זייטיקע דאגות איבערגעבן אינגאַנצן מיט לייב און לעבן דער ישיבה. דאָס גאַנצע יאָר פלעגט ער ניט אַרויס־טרעטן איבער דער שוועל פון דער ישיבה, סיידן אין בית הכנסת, און פלעגט יומם ולילה זיצן און לערנען תורה. אויך די בחורים פון דער ישיבה פלעגט די קהילה אויסהאַלטן, און יעדער פון זיי פלעגט באַקומען אַלע וואָך אַ באַשטימטע סומע. יעדן ישיבה־בחור פלעגט מען געבן מינדסטנס צוויי יינגלעך ער זאָל מיט זיי לערנען, בכדי ער זאָל זיך געוויינען איבער־געבן אַנדערע, וואָס ער אַליין האָט געלערנט, און געניט זיין אין פילפול (ויהי רגיל לפלפל). עסן פלעגט מען די יינגלעך געבן מקופה של צדקה, אָדער פון דער קהלשער גאָרקיך. אַ קהילה פון פופציק באַלעבאַטים פלעגט אויסהאַלטן ניט ווייניקער פון דרייסיק ישיבה־בחורים; יעדער בחור מיט זיינע צוויי לערנייִנגלעך פלעגן וווינען ביי איין באַלעבאָס; אַפילו ווען דער ישיבה־בחור פלעגט באַקומען זיין הצטרכות פון דער קהילה, פלעגט אים דאָך דער באַלעבאָס שפּייזן ביי זיין טיש ווי אַן אייגענעם זון... עס איז כמעט אין גאַנץ מדינת פוילן ניט געווען קיין איין הויז, וווּ מען זאָל דאָרט קיין תורה ניט לערנען; אָדער דער באַלעבאָס גופא איז גע־ווען אַ למדן, אָדער דער זון צי דער איידעם זיינער, אָדער אַ בחור, וואָס פלעגט ביי אים עסן טעג; אָפט פלעגן זיי אַלע צוזאַמען זיין לומדים און צורבא מרבנן... אָט דערפאַר איז יעדע קהילה געווען אַזוי רייך מיט לומדים; זיינען, למשל, אין אַ קהילה געווען פופציק באַלעבאַטים, האָבן זיך דאָרט געפונען בערך צוואַנציק חכמים, וואָס זיינען געווען געקרוינט מיטן ערן־נאָמען „מורנו״ אָדער „חבר״. העכער פון אַלע איז געשטאַנען

---

44 זע: שו״ת רש״ל, סימ׳ 33; שו״ת רמ״א, סימ׳ 11, 15, 55, 65.

45 דער באַקאַנטער כראָניקער נתן האַנאָווער אויס זאַסלאַוו דערציילט, אַז אויף די ירידים פלעגן זיך צונויפקומען אין די הונדערטער (כמה מאות) ראשי ישיבות.

דער ראש־ישיבה, אלע חכמים זיינען געווען נכנע פאר אים און פלעגן קומען צו אים אין דער ישיבה אים אפגעבן כבוד"[46].

מען דארף דערביי נעמען אין באטראכט, אז גראד אין דער צווייטער העלפט פונם 16טן י"ה איז די זעלבסטפארוואלטונג פון די יידישע קהילות, געזעצליך באשטעטיקט געווארן דורך א גאנצער צאל קיניגלעכע דעקרעטן און סיים־באשלוסן. די רבנישע ליטעראטור און דאס תלמודישע רעכט האט דערפאר באקומען א גאנץ וויכטיקן, ריין פראקטישן באטייט. דעם יידישן, פון דער רעגירונג אנערקענטן און מיט ברייטע רעכט באשענקטן בית־דין, איז אויסגעקומען ארויסצוטראגן זיינע ענדגילטיקע החלטות און פסקים ניט נאר אין רעליגיעזע פראגן, נאר אויך אין דיני ממונות, אין פארשיידענע געזעלשאפטלעכע און פאמיליע־אנגעלעגנהייטן"[47]. לערנען יומם ולילה תורה, זיין בקי אין תלמוד און אין פוסקים, איז ניט נאר געווען א באווייז פון פרומקייט, פון גרויס התלהבות צו מצוות, וואס מען קויפט זיך מיט זיי עולם־הבא — דאס איז אויך געווען דער זיכערסטער וועג, וואס האט געפירט צו שליטה אין דעם קהלשן לעבן, געגעבן די מעגלעכקייט צו דערגרייכן די העכסטע שטאפלען פון מאכט און כבוד אין דער קהילה: ווערן רב, ראש־ישיבה, ראש בית־דין אדער פרנס.

אין דער זעלבער צייט (בערך אין דער התחלה פונם 17טן י"ה) זיינען ביים פוילישן יידנטום פארשוואונדן די לעצטע רעשטן פון פרייען פארשער־געדאנק און ס'איז איינגאנצן אויסגעלאשן דער אינטערעס צו פילאזאפיע און „חכמות חיצוניות". דערצו האבן נאך מיטגעווירקט אויסערלעכע סיבות. גראד אין יענער צייט, ווען ס'איז אראפ פון דער היסטארישער ארענע די קיניגלעכע יאגעלאנען־דינאסטיע, האט זיך אין פוילן געשטארקט די קאטוילישע רעאקציע און מיט איר צוזאמען האט זיך פארשטארקט די שנאה צו יידן מצד דער אויסגעוואקסענער שטאטישער קריסטלעכער באפעלקערונג, וואס האט אין דעם יידן געזען דעם געפערלעכסטן קאנקורענט אויפן עקאנאמישן געביט. דאס האט אויך ניט ווייניק מיטגעהאלפן, וואס אויך אין די יידישע געזעלשאפטלעכע קרייזן האט זיך אלץ מער געשטארקט די רעאקציאנערע שטרעמונגען. וואס ברייטער ס'איז זיך צעוואקסן די פיינדלעכע אפשייד־וואנט, וואס האט אפגעגרויזעט דאס יידישע געטא פון דער אויסערלעכער וועלט, אלץ

46 „יון מצולה", 60—61 (מיר ציטירן לויט דער קראקער אויסגאבע, 1895).

47 „יון מצולה", 47: „עמוד הדין היה במדינת פוילן כמו שהיה בפני חורבן הבית בירושלים, שהיו מושיבין בתי דינין בכל עיר ועיר... והפרנסים דארבע הארצות היו כמו סנהדרין בלשכת הגזית והיה להם כח לשפוט כל ישראל שבמלכות פולין ולגדור גדר ולתקן תקנות ולענוש אדם לפי ראות עיניהם וכל הדבר הקשה יביאו אליהם ושפטוהם".

ענגער און אפגעשטאנענער איז געווארן די גייסטיקע אטמאספער, וואס האט געוועלטיקט אין דעם יידיש־פוילישן קיבוץ. די יידישע אינטעליגענץ, אירע שארפסטע קעפ, זיינען געווען פארנומען אויסשליסלעך מיט הלכות התלמוד, באוויזן זייער גאנץ חריפות און קונציקן פילפול. די איבערגע־שפיצטע מוח־ארבעט, די אויסטליסלעכע ליבע צום שכלדיקן און גע־פעפערט־חריפותדיקן, וואס האט אומבאגרענעצט געוועלטיקט אין די פוי־לישע ישיבות פון יענער צייט, האבן געשאפן דעם גינסטיקן באדן פאר דעם ענג־אוטיליטאריסטישן פראקטיציזם. דער ביטול צו וועלטלעכן וויסן איז דארט געוואקסן ניט בלויז אויס רעליגיעזע מאטיוון, אויס מורא פאר אפיקורסות — די יידישע יוגנט האט אין די ,,חכמות חיצוניות" געזען בלויז נארישן צייט־פארטרייב, וואס קאן אין דעם פראקטישן לעבן ביי די דעמאלטיקע צושטאנדן צו גארניט נוצן. דאס אלץ האט גורם געווען, וואס אין דער ערשטער העלפט פונם 17טן י״ה האבן אין פוילן די יידישע ישיבה־בחורים און לומדים שוין ניט פארמאגט די מינדסטע ידיעות אין די ,,חכמות אומות העולם", און ווען ס'איז אין דעם צווייטן יארצענדליק פונם באטרעפנדיקן יארהונדערט געקומען קיין פוילן דער שארבזיניקער יש״ר מקאנדיא [48], איז ער געווען ניט ווייניק איבערראשט, בעת ער האט דערזען מיט וואס פאר א שנאה און ביטול די ארטיקע יידן פאר־האלטן זיך צו פילאזאפיע און וועלטלעכן וויסן בכלל. בעת דער אלטער מרדכי יפה (דער בעל ,,הלבושים"), וואס איז אויסגעוואקסן אין דער פריערדיקער תקופה און זיך אויפגעצויגן אין דעם רמ״אס ישיבה, האט נאך ארויסגעוויזן א געוויסן אינטערעס צו רעליגיעזער פילאזאפיע און וועלטלעכן וויסן, האבן שוין די יינגערע לומדים און גדולי התורה פון זיין דור זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן אויסשליסלעך די ריין תלמודישע לימודים. צווישן די גאוני התורה, וואס האבן פארנומען דעם אויבנאן צווישן די פוילישע רבנים אויף דער שוועל פונם 17טן י״ה, האט בלויז דער בארימטער מהרש״א [49] געהאט א וועלכע ס'איז ידיעה אין רעליגיעזער פילאזאפיע און ארויסגעזאגט דעם געדאנק, אז מאטעמאטיק און אסטראנאמיע קאן נוצלעך זיין פארן לימוד התורה (התכונה וחכמת המספר הנן הקדמה לתורתנו). ער האט אויך געהאלטן פאר נייטיק אנ־צווייזן אויף דער געפאר, וואס עס קאן מיט זיך ברענגען דער דירך

[48] זע אונזער געשיכטע, באנד IV, ז' 208–209.

[49] שמואל אליעזר אידלש. געבארן אין קראקע אין 1565. צו צוואנציק יאר איז ער שוין געווען ראש־ישיבה (די באטעריעלע מיטלען אויף צו גרינדן די ישיבת האט אים געגעבן זיין שווינער אידל). דערנאך איז ער געווען רב אין כעלם און לובלין. סוף ימיו האט ער פארבראכט אין אסטרא, וו ער איז געשטארבן אין 1631.

הפילפול, וואָס האָט געוועלטיקט אין די דעמאָלטיקע פוילישע ישיבות, און ער האָט אָפן דערקלערט, אַז די „חילוקים" מיט זייער „פלפול של הבל" „דערווייטערן דעם מענטשן פון דעם אמת און ברענגען ניט צום געווינטשטן ציל"[50]. דער מהרש"א גופא האָט אָבער אויך אויסגענוצט זיינע רייכע פעיִקייטן דער עיקר אויף צו שאַרפן די מוחות פון די ישיבה־לערנער דורך חריפותדיקע ווידעראַנאַנדן, וואָס ווערן געשאַפן דורך צונויפפאָרן פון פאַרשיידענע טעקסטן און שאַרפזיניקע איינפאַלן און המצאות, בכדי צו פאַרענטפערן די אויסגעפונענע סתירות. אַ מענטש מיט אַן אומגעהייער חריפותדיקן מוח, האָט דער מהרש"א זיך קונה־שם געווען אַלס אויסגעצייכנטער דיאַלעקטיקער מיט זיינע „חידושי הלכות"— שאַרפשפיציקע דערקלערונגען אויף הלכות התלמוד. דער דאָזיקער פירוש, וואָס איז באַלד געוואָרן איינער פון די וויכטיקע לימודים אין די ישיבות, איז געשריבן זייער טיף און לאַקאָניש קורץ, און דערצו נאָך מיט אַ האַר־בער שפּראַך; עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס אַ „שטיקל מהרש"א" איז געוואָרן אַ שם־דבר פאַר אַ גאַנץ האַרבן ענין און חריפות־ריקער דיאַלעקטיק. ווייניקער קונה־שם געווען האָט דעם מהרש"אס פירוש אויף דעם אַגדישן טייל פון דער אגדה „חידושי אגדה", ווו גאַנץ ווייניק אָריגינעלע רעליגיעז־פילאָזאָפישע אָנשויונגען זיינען ביי אים צונויפגעפלאָכטן מיט מיסטישע אידעען אויס דער קבלה.

אין דעם מהרש"אס ווערק מוז אָבער נאָך אָנגעוויזן ווערן אויף איין אינטערעסאַנטן פּרט — אויף דעם סאָציאַלן מאָמענט. דער מהרש"א קלאָגט זיך גאַנץ אָפט אויף די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן און מאָראַלישער פאַרדאָרבנקייט פון זיין צייט. ער וואַרפט פאָר זיין סביבה, אַז עס ווערן אוים ליבע צו לוקסוס און גיריקייט נאָך רייכטימער אָפּגעטאָן פילע עוולות און אומגערעכטיקייטן. מענטשן, וואָס זיינען רייך געוואָרן אויף אַ זייער ניט אָרנטלעכן אופן, ווערן קהלשע רעדלפירער, עס ווערן באַשטימט אַלס רבנים די, וועלכע זיי ווילן, און רבנישע שמעלעס ווערן פאַרשאַכערט פאַר געלט...

זייער טיפּיש פאַר יענער צייט איז דעם מהרש"אס אַ בן־דור — דער מהר"ם מלובלין[51]. זיין סטיכיע, זיין גאַנצער „יש בכאן" איז גע־

---

50 „חידושי אגדות", ב"מ דף 85: „דוגמת חלוקים שבדור הזה אשר כל מ' אשר ידע לכוין על צד היותר בפלפול של הבל הרי זה משובח וכל אחד מכוין לפחות דברי חברו... פלפול כזה הוא מטריד את האדם מן האמת ואין מגיעו לתכליתו המבוקש".

51 געבאָרן אין לובלין אין 1558. אין 1586—1582 געווען ראש־ישיבה אין זיין געבורטשטאָט, דערנאָך געווען ראש־ישיבה אין קראָקע. אין 1595 האָט מען אים איינגעלאַדן אַלס רב הפולל קיין לעמבערג. מחמת אַ מחלוקת, וואָס ס'האָט אויסגעבראָכן

וועז תלמודישער פילפול. דא איז ער געווען דער גוואלטיקער חריף, און
אלץ, וואס אויסער דעם געבית, האט ער מבטל געווען כעפרא דארעא.
זיינע שארפשפיציקע „חילוקים" פלעגט ער לייענען פאר א גרויסער
מחנה תלמידים, האט געשריבן חריפותדיקע חידושים אויף די הארבסטע
מסכתות און זיי פארעפנטלעכט אונטער דעם נאמען „מאיר עיני
חכמים" [52]. זיינע שו"ת האבן געשמט אין דער רבנישער וועלט. וועגן
דעם וועלטבאנעם פון דעם דאזיקן גדול בישראל קאן עדות זאגן פאלגנ־
דיקער פרט: אין איינער פון זיינע שו"ת ווערט ביי אים באריכות בא־
האנדלט די הארבע שאלה, ווי איז דער דין מיט אן אשת איש, וואס האט
נעהאט געשלעכטלעכן פארקער מיט א שד, וועלכער האט זיך אין דער
התחלה באוויזן צו איר אין דער געשטאלט פון איר אייגענעם מאן, און
דאס צווייטע מאל זיך פארשטעלט פאר א פוילישן פריץ [53]. זיין
א קונציקער שווימער איבערן ים התלמוד, באווייזן גרוים חריפות אין
שכלדיקע המצאות און שארפשפיציקע איינפאלן — דאס איז געווען
דער גרעסטער אידעאל, דער שענסטער תמצית פון לעבן פאר אט דעם
זייער גאווהדיקן און מיט זיך שטארק צופרידענעם תלמיד־חכם. ער האט
דערפאר זיך פארהאלטן מיט ביטול צו די בעלי „שולחן ערוך", יוסף
קארו און משה איסערלים, ער וויל זיך אויף די דאזיקע פוסקים ניט
סומך זיין, זיי האבן דאך ארויסגעוויזן בערך ווייניק חריפותדיקן פילפול [54].

דער „שולחן ערוך" האט אבער אויך אויסער דעם מהר"ם געהאט
נאך גענוג קעגנער צווישן די דעמאלטיקע גדולי הדור. א טייל רבנים
האבן געפונען, אז דער „שולחן ערוך" איז ניט קיין אמתער „כל־בו",
באשר עס פעלן דארט א סך נייטיקע דינים; אנדערע ווידער האבן גע־
האלטן פאר א גרויסן חיסרון, וואס אין „שולחן ערוך" ווערט בלויז גע־
געבן דער ענדגילטיקער דין, עס איז אבער ניט אנגעוויזן די געהעריקע
ליטעראטור. איינער פון דעם „שולחן ערוכס" שארפסטע קריטיקער איז
געווען דעם מהר"מס בן־עיר, דער בארימטער יואל בן שמואל סגל־יפה־
סירקיס, מער באקאנט אונטער די ראשי תיבות פון זיין הויפטווערק

צווישן אים און דעם דארטיקן ראש־ישיבה, יהושע פאלק, האט דער מהר"ם געמוזט
פארלאזן לעמבערג. אין 1613 ווערט ער איינגעלאדן אין זיין געבורטשטאט אלס רב און
ראש־ישיבה, און איז דארט געשטארבן אין 1616.

52 אן אנצוהערעניש אויף זיין נאמען מאיר.

53 שו"ת מהר"ם, נומ' 116: על המעשה זר ותמוה... באשה שנבעלה לרוח או
לשד שקורין טרכ"ט, ובא אליה בתחלה בדמות בעלה ובשניה בדמות פריץ והיא אשת
נבעלת בעל, אם היא נאסרה לבעלה".

54 דארטן, נומ' 11: „ובר מן דין אין ממנהגי ומדרכי להיות עסקי בדבר
בעלי השולחן ערוך וקל וחומר לבנות יסוד באיזה הוראה על דקדוק סודות דבריהם".

„בית חדש" — דער ב"ח [55]. אַט דער גאון בישראל, איינער פון די גרעסטע רבנים, וואָס פוילן האָט פאַרמאָגט אין 17טן י"ה, האָט געזען אין פילאָזאָפיע דעם מקור פון אַפּיקורסות, און איז געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז זי, די „פאַרפירערישע פרעמדע ברוי", פאַר וועלכער שלמה המלך האָט אין ספר „משלי" אַזוי שטאַרק געוואָרנט, און פאַרויסגע־זאָגט, אַז „כל באיה לא ישובון" — ווער עס קומט צו איר, דער איז שוין פאַרפאַלן און וועט זיך שוין צוריק ניט אומקערן [56]. ער האָט ניט גע־קאָנט מוחל זיין דעם איטאַליענישן רב יהודה מינץ, פאַרוואָס יענער האָט מתיר געווען, צוליב שמחת החג, מאַכן מאַסקאַראַדן אין די טעג פון פורים. דער גאָטספאַרכטיקער יואל סירקים איז זיך שטאַרק מתרעם אויף דעם שטאַרק אַנגענומענעם מנהג, „וואָס אין די טעג פון פורים פאַר־שטעלט מען זיך אין פרעמדע קליידער: מאַנסבילן אין ווייבערשע מלבושים און ווייבער אין מענערשע", ואין מוחין — און קיינער פּראָטעסטירט ניט קעגן דעם. „נאָך ערגער — קלאָגט זיך דער ב"ח — איז דאָס, וואָס מענטשן טוען אָן מאַסקעס אויף די פּנימער, בכדי מען זאָל זיי ניט דער־קענען... דאָס טאָר ניט דערלאָזן ווערן ניט אין פורים ניט אויף חתונות" [57].

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אויך סירקים איז געווען אַ קעגנער פון דעם „שולחן ערוך". ער האָט איינגעפונען, אַז ניט דער ספר איז ראוי צו ווערן דער ענדגילטיקער פּוסק ביי יידן; האָט ער דער־פאַר אַ נייעם פירוש אויף יעקב בן הרא"שס „טורים" געשריבן אונ־טערן נאָמען „בית חדש", האָפנדיק, אַז אַט דאָס פון אים געשאַפענע „נייע געביי" וועט זיין דער נייטיקער און פעסיקער בנין, וואָס וועט דעם „שולחן ערוך" פאַרדרענגען. סירקיסעס ווערק האָט טאַקע גרויסע מעלות [58] און האָט שטאַרק אויסגענומען אין דער רבניש־לומדישער וועלט, דאָך האָט עס זיין הויפּטציל ניט דערגרייכט — פאַרדרענגען קאַרו־איסערליס זאַמלווערק איז אים ניט געלונגען. ניט קוקנדיק אויף דעם עקשנותדיקן קאַמף פון פילע אָנגעזעענע רבנים און לומדים, האָט דאָך דער אויטאָריטעט פון „שולחן ערוך" געהאַלטן אין איין וואַקסן און איז ביסלעכווייז אָנערקענט געוואָרן אַלס דאָס וויכטיקסטע פּראַק־

---

55 געבאָרן אין לובלין אין 1561. געווען רב אין פּרושאַניע, לובלין, מעדזשי־באָזש, שידלאָוו, קראָקע און בריסק. געשטאָרבן אין קראָקע אין 1640.

56 זע שו"ת הב"ח, ב׳ ו, נומ׳ 4: „הפילוסופיה היא המינות בעצמה ואשה זרה שהזהיר עליה שלמה". דעם ב"חס צוויי־בענדיקע שו"ת זיינען רייך מיט זייער ווערטפולן מאַטעריאַל פאַר דעם יידישן שטייגער־לעבן אין פוילן און ליטע.

57 „בית חדש" אויף יורה דעה, סימן קפ"ח.

58 באַריכות ווענן דעם זע רב צעירס ציטירטע אַרבעט, „השלח", VI, 319—321.

טישע האנטבוך פאר רעליגיעז־בירגערלעכן רעכט אין אלע יידישע נעד־ריכטלעכע אנשטאלטן, מיט וועלכן עס האבן זיך געמוזט רעכענען די רבנים, דיינים און קהלשע פרנסים. שוין דעם מהר״מס א תלמיד, דער שארפזיניקער קראקער ראש־ישיבה ר׳ יהושע העשל בן יוסף [59], ווייזט אן אין זיינע באקאנטע שו״ת „פני יהושע״, אז ביי די „חכמי מדינות פוילן״ איז שוין אזוי דער מנהג, אז אלץ, וואס ס׳שטייט געשריבן אין „שולחן ערוך״, טאר מען ניט ענדערן גלייך ווי אין דער תורה גופא [60]. קארו־איסערליסעס געזעצבוך האט מען געפארשט און געלערנט מיט ניט קיין קלענערער התמדה, ווי דעם תלמוד גופא, און די גרעסטע רבנים פון דער ערשטער העלפט 17טן י״ה האבן זיך קונה־שם געווען מיט זייערע פירושים אויפן „שולחן ערוך״. דער באוואוסטער לובלינער רב, יהושע פאלק־כהן, וואס איז געווען נאך מרדכי יפה דער פארזיצער אין „וועד ארבע ארצות״, איז באריסט אין דער רבנישער ליטעראטור אונטערן נאמען „דער סמ״ע״, די ראשי תיבות פון זיין גלענצנדיקן פירוש אויפן „שולחן ערוך״, וואס טראגט דעם נאמען „ספר מאירת עינים״ [61]. דער אסטרער רב, ר׳ דוד הלוי [62], וואס איז בשעת „גזירות ת״ח״ אנטלאפן קיין מערן און דערנאך זיך באזעצט אין לעמבערג, איז אויך באריסט געווארן אונטער דעם נאמען „דער ט״ז״ — ראשי־תיבות פון זיין ווערק „טורי זהב״, א פירוש אויפן „שולחן ערוך״ [63]. דער „סמ״ע״ און דער „ט״ז״ האבן אויסגעפילט די אלע בלויזן און חיסרונות, וואס די קריטיקער האבן אויפגעוויזן אין „שולחן ערוך״: די גאנצע שקלא־וטריא וועגן

---

[59] געבארן אין ווילנע אין 1578, געשטארבן אין קראקע אין 1648. יהושע העשל האט זיך קונה־שם געווען מיט זיין ווערק „מגיני שלמה״, אין וועלכער ער פרוווט אפ־ווענדן אלע סתירות, וואס די בעלי התוספות האבן געפונען ביי רש״ין.

[60] „פני יהושע״, II, נומ׳ 50: „לפי מנהג חכמי מדינתינו יצ״ו בדבר שנדפס בשולחן ערוך אין לשנות ח״ו כתורת משה״.

[61] מער באריכות וועגן פאלקס ווערק זע: רב צעיר אין „השלח״, VI, 233—238. א קולטור־היסטארישן אינטערעס האט אויך פאלקס „קונטרס״, וואס אנטהאלט די תקנות, וועלכע ער האט דורכגעפירט אויפן „ועד ג׳ ארצות״ אין 1607 וועגן איסור פון פראצענט נעמען און וועגן אנדערע איסורים. צום ערשטן געדרוקט אין 1692.

[62] געבארן אין לודמיר (וולאדימיר־וואלינסק) אין 1586 געשטארבן אין לעמבערג אין 1667.

[63] דער פירוש אויף „יורה דעה״ געדרוקט אין 1646. די איבעריקע טיילן גע־דרוקט נאך הלוים טויט. אז די ידיעה וועגן דעם משיח שבתי־צבי האט דערגרייכט קיין לעמבערג, האט דער אלטער הלוי געשיקט אלס שלוחים קיין טערקיי זיין זון און שטיפ־זון, און יענע האבן אים געבראכט פונם שבתי־צבי אן אייגנהענטיקן בריוו פון שבתי־צבי מיט א מתנה — א זיידן העמד.

יעדן דין באזונדער, אלע דערצו גייטיקע מקורים און מראי מקומות — אלץ האבן מיט ברייטער האנט באזארגט פאלק און הלוי אין זייערע פירושים.

ווי גרויס ס'איז ניט געווען אין דער רבנישער ליטעראטור דער אויטאריטעט פונם „סמ"ע" און דעם „ט"ז", דאך האט זיי ווייט אריבערגעשטיגן א יינגערער „שולחן־ערוך"־דערקלערער — דער בארימטער שבתי כהן [64]. דאס איז געווען א גאוניש־באגאבטער מאן מיט א וווּנדערבאר שארפן אנאליטישן שכל און ממש ריזיקער ארבעטס־קראפט. שוין גאר אין די יונגע יארן האט ער מיט גוואלטיקער התמדה סיסטעמאטיש אויסגעפארשט די גאנצע תלמודישע און רבנישע ליטעראטור [65], און צו 24 יאר פארעפנטלעכט ער זיין בארימטן פירוש אויפן ריטואלן טייל פון „שולחן ערוך" (יורה דעה) „שפתי כהן" [66], וואס אין אים האט די רבנישע ליטעראטור פונם פוילישן יידנטום דערגרייכט איר העכסטן גלאנץ. ביי יעדער פראגע, וואס ווערט דורך אים באהאנדלט, ברענגט דער ש"ך מיט וווּנדערבארער חריפות און בקיאות אלע דעות, וואס עס האבן וועגן דער באטרעפנדיקער הלכה ביז אים ארויסגעזאגט די פריערדיקע פוסקים און גאוני התורה, פארגלייכט אלע ווידערזאגנדן, סתירות און פלוגתות מיט די דערביי ארויסגעזאגטע סברות און ראיות, און צום שלוס גייט דער „היוצא מזה", דער סך־הכל, דער מיט דיאלעקטישער מייסטערשאפט און אייזערנער לאגיק געשאפענער פועל־יוצא—דעם ש"כס ענדגילטיקער פסק און החלטה. מיט קיין קלענערער חריפות און מייסטערשאפט

---

64 געבארן אין 1621 אין ווילנע. זיין פאטער, מאיר כהן אשכנזי, האט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע שו"ת „גבורות אנשים". בשעת „גזירת ת"ח" איז שבנא כהן אנטלאפן קיין פראג, א צייט געווען רב אין דרעזין (מערן), דערנאך אין האלעשוי, ווו ער איז געשטארבן 42 יאר אלט (1663). מער באריכות זע: ש. י. פין, „קריה נאמנה", 74—78, ווו עס ווערט אגב געבראכט כהנס בריוו צו דעם קריסטלעכן העבראיסט וואגענזייל וועגן... ווידריך אויס לייפציג, מיט וועלכן ער איז געווען באפריינדעט; גרעץ־שפ"ר, ב' VIII, 114—115.

65 ער נופא דערציילט וועגן דעם אין דער פארעדע צו זיין „שפתי כהן": „טרחתי טרחות הרבה וכמה יגיעות יגעתי לא עסקתי בשום עסק אחר לא נתתי שינה לעיני ותנומה לעפעפי שנים רבית עד אשר הוצאתי מכח אל הפועל מחשבתי ובררתי ושקלתי הכל בכף מאזנים וחזרתי על כל צדדים וצדי צדדים לא פעם אחת ושתים כי אם מאה פעמים ואחד עם חברים אחובים הבובים וערבים המקשיבים לקולי ומי שלא היה אתי עמי בהיצתי לא יאבין כי יבוזר לו מגודל התלאה שהיתה עלי בחפוש בים התלמוד והפוסקים עד כי העמדתי הכל על בוריו" (מיר ציטירן לויט דער אמסטערדאמער אויסגאבע פון 1756).

66 באקאנט אונטער די ראשי תיבות „דער ש"ך".

איז געשריבן דעם ש"כם פירוש אויפן צווייטן טייל פונם שולחן ערוך — אויפן „חושן משפט". דער יונגער גאון התורה האט מיט זיין ריזן־געשטאלט פאר־דעקט אלע זיינע פארגייער, און פאר די קומענדיקע דורות האט ער גע־נאלטן אלס גרעסטער אויטאריטעט אויף דעםברייטן הלכה־געביט. נאך איין מעלה האט דעם ש"כס ווערק געהאט, וואס דאס איז געווען א גרויסע זעלטנהייט אין דער דעמאלטיקער רבנישער ליטעראטור. דאס רוב גאוני התורה אין פוילן האבן געשריבן מיט א שווערער ניט געשליפענער און אפט, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן ביים בעל „תורת העולה", אפילו מיט א פארגרייזטער און גראמאטיקאל פעלערהאפטער שפראך. אויך אין דעם פרט איז דער ש"ך אן אויסנאם. ער איז געווען אן אויסגעצייכנ־טער סטיליסט, און עס וועט אונז נאך שפעטער אויסקומען, ווען עס וועט זיין די רייד וועגן דער מעמוארן־ און קינות־ליטעראטור, וואס די שרעקן פון „גזירות ת"ח" האבן ארויסגערופן, זיך אפשטעלן אויף די סטיליס־טיש־שיינע עלעגישע ווערק פון דעם גרויסן תלמוד־פארשער.

ס'איז אבער העכסט כאראקטעריסטיש פאר יענער צייט, וואס אפילו אט דער אויך ליטעראריש רייך באגאבטער מאן האט ניט געוואלט אנערקענען קיין שום אנדערע גייסטיקע באשעפטיקונג אויסער פילפול און חידושי הלכה, און פלייסט זיך צו דערווייזן, אז דער פאטער איז מחוייב צו לערנען מיט זיין זון בלויז תורה, אבער ניט די איבעריקע ביבלישע ווערק, ווייל — אזוי איז דער מנהג ביי יידן און „מנהגו של ישראל תורה היא"...[67]

נאך אין דער גלאנץ־תקופה פון דער רבנישער ליטעראטור אין מדינת פוילן האבן זיך שוין גאנץ בולט ארויסגעוויזן די שאטן־זייטן פון דער דאזיקער ליטעראטור. דער אויסשליסלעכער אינטערעס צום איי־בערגעשפיצט־שכלדיקן, דאס לומדישע קליגן זיך אויפן ריין־רעליגיעזן געביט, דאס טרוקענע פילפולן זיך בנוגע צום מינדסטן מנהג און גע־באט — דאס אלץ האט געשאפן די גינסטיקע אטמאספער, עס זאל זיך טיף איינווארצלען דער פעסטער פרינציפ, אז דאס וויכטיקסטע און נייטיקסטע אין אמונה־זאכן איז דאס לערנען גופא, דאס אויספארשן און דערקלערן אין אלע זייערע פרטים די דינים און געבאטן. וואס מער פארגליווערט און פארשטארט עס זיינען געווארן די פארמען און דער לבוש פון דער רבנישער ליטעראטור, אלץ מער און מער האט דער פילפול און די איבערגעשפיצטע מוח־ארבעט אויסגעזויגן און דערשטיקט די זאפטן

67 ש"ך, „יורה דעה", הלכות מלמדים, סימ' 245: „ואני אומר: מנהגו של ישראל תורה היא... ואינו חייב ללמד עם בנו מקרא כיון שלמדו ש"ס".

פונם אָרגאַניש לעבעדיקן. אומבאַוווּסט, אַליין ניט ווילנדיק, האָט דער שטאָק־פרומער פוילישער ראַבּיניזם גורם געווען און געבראַכט דערצו, אַז אויף דעם מאָראַליש־עטישן געביט זאָל די אינטים־אינעווייניקסטע געפילן־וועלט פאַרדרענגט ווערן דורך דעם ריין־מעכאַנישן מנהג־שטייגער, און דאָס פרישע זאַפטיקע פעלד פון „חובות הלבבות", ווי עס הייסט ביים רבנו בחיי, זאָל מגולגל ווערן אין דעם טרוקענעם פרוכטלאָזן מדבר פון מעכאַנישע, ריין־פאָרמעלע „חובות האברים". שאַרפשפּיציקע, מוח־שפּאַלטנדיקע סכאָלאַסטיק, פרוכטלאָזע אָבער אויגנבלענדנדיקע זיילנ־טענצעריי — אַלץ פּועל־יוצאס פון דער אין פוילן אויפגעבליטער „חילוקים"־מעטאָדע — דאָס איז געוואָרן אַ זעלבסטצוועק, אַן אייגנאַר־טיקער מין „קונסט לשם קונסט". ווי אַמאָל ביי די עקסט־לינקע ראַציאָ־נאַליסטן פון מיימונים חדר זיינען די ביבל־פסוקים און די מעשיות פון דער תורה מגולגל געוואָרן אין פירושים צו אַריסטוס טעזיסן און כּללים, אַזוי האָבן די בעלי הפילפול והחילוקים אין די פוילישע ישיבות אויס־גענוצט דעם טעקסט פון די כתבי הקודש אַלס גימנאַסטיק כּלי־זיין ביי זייערע קונציקע געפעכטן, בכדי צו שלייפן דעם מוח, שאַרפן דעם לאָגישן געדאַנק, באַווייזן אַלץ גרעסערע שלימות אויפן געביט פון חריפותדיקער לומדות. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס טאַקע אין דער רבנישער וועלט גופא, אמת — דער עיקר אין די דייטש־מערישע מדינות, האָבן פילע איינגעזען, וואָס פאַר אַ געפאַר עס ברענגט מיט זיך אָט די נאַר־וואָס אָנגעוויזענע טענדענץ, און זיי האָבן איר גלייך אַ פאַרביטערטן קאַמף דערקלערט. וועגן דעם אין ווייטערדיקן קאַפּיטל.

פערטער קאַפּיטל

„מנהגים"־ביכער. — יוסף יוזפּא פון גײרלינגן און זײַן „יוסף אומץ". — יוזפּא שמש און זײַן „מנהגים דק'ק וורמייזא". — דער מהר"ל פון פּראָג אַלס העלד פון פאָלקס־לעגענדעס; דער מהר"ל אַלס געלערנטער; זײַנע אָנפאַלן אויף עזריה די־רוסי. — דעם מהר"לס וועלטבאַנעם. — די תורה אַלס יסוד פון דער וועלט. — די מיסטעריע פון נאַציאָנאַלן קיבוץ; „בני בכורי ישראל". — די מיסיע פונם אײנציקן, אויסדערוויילטן פאָלק. — דעם מהר"לס קאַמף קעגן פּילפּול; זײַן פאָרשלאָג ווי אַזוי צו רעפאָרמירן די דערציִונג פון קינדער. — דעם מהר"לס מיטקעמפער — דער בעל דרשן אפרים אויס לענטשיץ. — דעם מהר"לס תלמיד און נאָכפאָלגער ר' יום־טוב העלער. — „אַנטײַטמעטיקע" פּינור — יוסף בן יצחק הלוי; אַ מײַמוניסט אַלס מײַמוני־קריטיקער. — יום־טוב העלער אַלס געלערנטער און משנה־דערקלערער. — זײַנע מעמואַרן „מגלת איבה".

מיר האָבן אין פריִקן קאַפּיטל געזען, ווי אין די פּוילישע ישיבות האָט יעדער דין אָדער מנהג געדינט קודם־כל אַלס געהעריקער מאַטעריאַל, וואָס קען אויסגענוצט ווערן פאַר חריפותדיקע לומדות און קונציקער דיאַלעקטיק. אַן אַנדער דערשײַנונג זעען מיר אָבער אין יענער צײַט אין דײַטשלאַנד. די דאָרטיקע קהילות האָבן ניט געפירט אַזאַ רויִק און אײַנגעפונדעוועטע לעבן, ווי די פּוילישע: די אָפטע רדיפות און גירושים האָבן געשמאַרקט דעם ווּנטש, וואָס טרײַער און זיכערער אָפּהיטן די מנהגים פון זײַערע אָבות, זײ ליב מאַכן פאַר זײַער דור און זײַערע קינדער דורך האַרציקן מוסר. דערפאַר זעען מיר טאַקע, אַז ווי פריִער אין 15טן י"ה [1], אַזוי ווערט אויך אין 16טן און 17טן י"ה געשאַפן אַן אײגנאַרטיקע ליטעראַטור פון „מנהגים"־ביכער, ווו עס ווערן על־פּי רוב באַשריבן די מנהגים פון עלטערע קהילות, ווי שפּײַער, וואָרמס, רעגנסבורג, פראַנקפורט דמײַן א"א. די דאָזיקע „מנהגים"־ביכער האָבן אַ באַדײַטנדיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט, ווײַל אין זײ זײַנען אויפגעהיט אַ סך פּרטים פון דעמאָלטיקן לעבנסשטײגער. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף צוויי

1 זע דריטן באַנד פון אונזער געשיכטע.

פון זיי, וואָס באַשרייבן די מנהגים אין די אַלטע צוויי קהילות פון פראַנקפורט דמיין און פון וואָרמס.

יוסף יוזפא בן פנחס זעליג נוירלינגן, דער הויפּט־דיין אין פראַנקפורט דמיין, האָט אין 1630 פאַרענדיקט זיין מנהגים־בוך „יוסף אומץ״[2], ווו ער באַשרייבט אַלע דינים און מנהגים „הנהוגים בכל השנה״, פון ר״ח ניסן ביז סוף אָדר „ובפרטות כל מנהגי פה ק״ק פראנקפורט דמיין״. דעם ספר האָט ער געשריבן אין משך פון צענדליקער יאָרן און אָנגעהויבן האָט ער אים אויפן שוועל פונם 17טן י״ה. דער מחבר שטרייכט אַליין אונטער אין דער הקדמה, אַז ער שרייבט זיין חיבור ניט פאַר למדנים, נאָר פאַרן פשוטן פאָלק (שלא כתבתי חבורי זה רק להמוניים). דערפאַר איז טאַקע דאָס ווערק געשריבן גאַנץ פשוט, אָן לומדות, אין דעם הערציקן טאָן פון אַ מוסר־ספר. „כל מנהג אבותינו תורה״, חזרט דער פרומער מחבר איבער[3]; און באַקענענדיק זיך מיט די „מנהגי פה ק״ק פראַנקפורט דמיין״ ווערן מיר געוואָר אינטערעסאַנטע פרטים פונם דאָרטיקן לעבנסשטייגער. דער פאַרפאַסער דערציילט אונז ניט נאָר וועגן אַזוינע פרטים, ווי אַ סך „אנשי מעשה״ פלעגן פאַרן שלאָפן אָנטאָן „האַנטשיך״, בכדי זיי זאָלן אין דער נאַכט ניט אָנרירן מיט די הענט דעם נאַקעטן גוף (ז׳ 27), אָדער אַז דעם שבתדיקן אייבערשטן מאַנטל פלעגט מען פון דער רעכטער זייט נייען מיט אַ געשלאָסענעם אַרבל, בכדי, אַז מען גייט אַרויס אויף דער גאַס זאָל מען זיך ניט פאַרגעסן און עובר זיין אויף דעם פאַרבאָט פון טראָגן אום שבת (דאָרטן, 72); ער באַקענט אונז אויך אויספירלעך מיט אַלע מיני משקאות און געקעכצן, וואָס אונזערע זיידעס און באָבעס פלעגן געניסן (דאָרטן, 51—52). דער בעל „יוסף אומץ״ דערציילט אונז ווייטער, ווי אַזוי עס איז דעמאָלט געווען דער מנהג, אַז פאַר דער חתונה פלעגט מען משמח זיין חתן־כלה צוויי שבתים נאָכאַנאַנד; דער ערשטער שבת האָט געהייסן „קליינער שפּינהאָליץ״ און דער לעצטער שבת „דער גרויסער שפּינהאָליץ״ (ז׳ 83); פאַר הכנסת שבת פלעגט מען באַשפּריצן די שול מיט בשמים, און בכדי „להוסיף מן החול אל הקודש״, פלעגט מען מקבל שבת זיין ביי גרויסן טאָג. אויף צו פאַרציען די שבתדיקע סעודה ביז אין דער נאַכט אריין אָדער לפּחות עד שקיעת החמה (דאָרטן, 74) און דערביי ניט ריידן קיין דברים בטלים, האָט דער מחבר, יוסף יוזפא נוירלינגן, פאַרפאַסט אַ גאַנץ לאַנגן „שיר

---

[2] צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין פראַנקפורט דמיין אין 1722. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער דאָזיקער ערשטער אויסגאַבע.

[3] דאָרטן, 72.

חדש ללילֿ שבת״, ווי ער באַזינגט דעם גרויסן באַטייט פֿון „נירות שלֿ שבת״; און ווייל די דאָזיקע מצווה איז דאָך נוגע דער יידישער פּרוי, האָט זיך דער מחבר ניט געפּוילט און יעדע העברעיִשע סטראָפֿע איבערזעצט, און טאַקע אין געגראַמטע פֿערזן אויף יידיש־דייטש [4]. מיר געפֿינען אויך אין „יוסף אומץ״ אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן דער רעכטלאָזער לאַגע פֿון יידן אין דייטשלאַנד: „גייט אַ ייד — קלאָגט זיך דער פֿאַרפֿאַסער — איבער די גוייִשע גאַסן (ברחובות קריה שלֿ נכרים), שרייט מען אים נאָך: כּלב און נאָך אַזוינע זידלווערטער, און מען באַוואַרפֿט אים מיט שמוץ און מיט שטיינער״ (דאַרמן, 109). דעם ערשטן טאָג ראָש־השנה, — דערציילט ווייטער דער פֿאַרפֿאַסער — איז געווען דער מנהג גיין צום „תשליך״ צום טייך מיין. איז אָבער, מעשׂה שטן, ביים שטאָט־טויער, וואָס פֿירט צום טייך, געשטעלט געוואָרן אַ וואַך פֿון זעלנער, און זיי זיינען „בעלי מלחמות״, לאָזן ניט דורך קיין יידן; האָבן די פֿראַנקפֿורטער יידן געמוזט נעבעך פּראַווען תשליך ניט ביים מיין, נאָר ביים וואַל פֿון דער שטאָט, ווו עס פֿליסט דורך אַ שמאָלן גראָבן די אָפּפֿאַל־וואַסער מיטן גאַנצן שמוץ פֿון דער שטאָט. האָט דאָס דער פֿאַרפֿאַסער ניט געקענט צוזען און זיך צונויפֿגערעדט מיט די „גבאי הקהלֿ״ מען זאָל „איבערבעטן״ די „שומרי השער״ מיט פֿיל ווייַן, און אַז מען וועט אַזוי טאָן אין משך פֿון אייניקע יאָר, איז צו האָפֿן, אַז דורך דעם יחזור המנהג ליושנו״ (דאַרמן, 121). פֿילע וויכטיקע פּרטים גיט אויך דער פֿאַרפֿאַסער איבער [5] וועגן דעם אויפֿשטאַנד פֿון דעם פֿראַנקפֿורטער קריסטלעכן המון קעגן די אָרטיקע יידן אין 1614, וואָס איז באַשריבן אין דער באַקאַנטער „מגילת ווינץ״. רירנד זיינען די באַמערקונגען פֿונם בעלֿ „יוסף אומץ״, ווי נייטיק עס איז פֿאַר יעדן יידן ער זאָל זיך איינחזרן די דינים און תּפֿילות פֿון קידוש השם, וואָרעם יעדער בן־ישׂראל דאַרף דאָך זיין מוכן ומזומן צו ווערן אַ קדוש; און ליותר תּוקף פֿאַרצייכנט ער אין זיין מנהגים־בוך די „דיני ברכות המקדש השם״, וואָס ער האָט אָפּגעשריבן „מכתיבת יד״ פֿום באַרימטן שתּדלן יוזלמאַן רושהיים (דאַרמן, 58 — 59). מיט אמתן פּאַטאָס רעדט דערביי דער פֿאַרפֿאַסער וועגן דער חשיבות פֿון ביטחון. מען דאַרף און מען מוז, הזרט איין דער בעלֿ „יוסף אומץ״, לעבן מיט ביטחון, גלויבן אין גאָטס גרויסע ניסים, וואָרעם אָן וווּנדער קאָן גאָר קיין בן־ישׂראל ניט ביישטיין די אַלע געפֿאַרן, וואָס רינגלען אים אַרום אויף יעדן טריט און שריט. און יוסף נוירלינגן ברענגט אײנ־

---

4 דאָס ליד האָט יוסף נוירלינגן פֿאַרפֿאַסט אין: „פרט חדו מזאבי ערב״, ד״ה אין 1596.

5 דאַרמ, 85, 119, 135—136.

טערעסאַנטע פּרטים אוים דעם לעבן פון די אַרימע יידן אין דער מלחמה־צייט (דער דרייסיק־יאָריקער קריג); וואָסערע נסים עס זיינען יעדן באַזונדער בייגעשטאַנען, וואָס אין זייער זכות זיינען זיי לעבן געבליבן (דאָרטן, 166—167).

נאָך אינטערעסאַנטער איז דאָס מנהגים־בוך פון וואָרמס, וואָס ס'האָט פאַרפאַסט דער דאָרטיקער שמש און נאמן פון דער קהילה, יפתח יוסף יוזפא בן נפתלי הערץ לעווי אוים דער פאַמיליע מנצפך. מיר ווייסן לײדער גאַנץ ווייניק פּרטים וועגן דעם לעבן פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט. געבאָרן אין 1604 אין פיורדאַ, איז ער, ווי ער גופא דערציילט [6], געקומען אין 1623 קיין וואָרמס, בכדי צו לערנען אין דער ישיבה פון ר' אליהו לאָאַנץ, און אין וואָרמס שוין זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט. אין 1648 ווערט־ער באַשטימט אלס שמש און נאמן אין דער אָרטיקער קהילה, און די דאָזיקע שטעלע פאַרנעמט ער ביזן טויט (1678). אַט אין דעם פרומען און גאָטספאַרכטיקן שמש האָט אָבער געלעבט אַ פּאָעטישע נאַטור. די אַלטע פאַרמרה־שחורהטע שטאָט וואָרמס מיט אירע מיטלאַלטערלעכע סודות און װוּנדערלעכע מעשיות ציען אים צו מיט זייער פּאָעטישן כּישוף, און ער פילט זיך באַרופן צו פאַרשרייבן פאַר די קומענדיקע דורות די אַלע אַגדות און מיסטישע לעגענדעס, וואָס לויערן אין די שאָטנס פון די וואָרמסער מויערן און אין די ענגע קרומע גאַסן פונם יידישן געטאָ. אַט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן יוזפּאַ שמשס לעגענדעס־זאַמלונג „מעשה נסים", פון וועלכער מיר וועלן ערשט רײדן באַריכות אינם ווייטערדיקן באַנד, ווייל דער העברעיִשער אָריגינאַל־טעקסט פון דער דאָזיקער זאַמלונג איז, ווי עס שיינט, ניט אויפגעהיט געוואָרן [7], און באַקאַנט און פּאָפּולער איז געוואָרן בלויז די יידישע איבערזעצונג, וואָס דעם מחברס זון, אליעזר, האָט פאַרעפנטלעכט אין 1696. אָבער ניט בלויז די לעגענדעס פון אַמאָליקע צייטן זיינען ליב און טייער דעם שמש פון וואָרמס, נאָר אויך דאָס רעאַלע, ממשותדיקע לעבן, וואָס שפּינט זיך פאַר זיינע פרומע אויגן; די מנהגים, דער לעבנסשטייגער פון זיין קהילה, אויך זיי באַקומען דורך אים תיקון און ער באַשרייבט זיי אין 1648, אין זיין צווייטן בוך „מנהגים דק"ק ווירמישא" [8]. ניט דער

---

[6] זע „מעשה נסים", נומ' 2.

[7] בן־יעקב פאַרזיכערט אַפילו, אַז דער העברעיִשער טעקסט איז געדרוקט געוואָרן נאָך ביים מחברס לעבן (אין 1662); קיין ביבליאָגראַף האָט אָבער דאָס חערק אין די אויגן ניט געזען און בן־יעקבס מעלדונג ווערט פון קיינעם ניט באַשטעטיקט.

[8] לײדער איז דאָס דאָזיקע ווערק עד־היום ניט געדרוקט. גרעסערע אויסצוגן האָבן געגעבן: גידעמאַן, אין זיין באַקאַנט ווערק, און אַ. עפּשטיין אין קויפמאַן־געדענקבוך, 1900, 288—317. דאָס גאַנצע ווערק געפינט זיך אין כתב־יד 165 בל. אין 4^0.

דין, די רעליגיעז־געזעצלעכע זייט פון די דאָזיקע מנהגים אינטערעסירט דער עיקר דעם שמש יוזפא, ניט דאָס האַלט ער פאַר וויכטיק צו פאַר־ צייכענען פאַר די קומענדיקע דורות, נאָר טאַקע דעם לעבנסשטייגער גופא, ווייל אין אים פילט ער דעם ציטער, דעם אָטעם פון דעם לעבן, דעם תמימות־פּאַטעטישן חן פון קאָלעקטיוון אימפעט און לעבנס־פרייד... בעת דער בעל „יוסף אומץ'', אַ שטייגער, שטעלט זיך אָפּ אויף „דיני פורים'', האַלט ער פאַר וויכטיק קודם־כל צו וואָרענען, אַז די מגילה זאָל זיין גע־ שריבן „בהכשר בכל דינה'' (דאָרט, 133) און ביים מנהג פון „שינוי בגדים'' זאָל מען למען השם ניט עובר זיין קעגן דעם האַרבן פאַרבאָט פון שעטנז, וואָרעם דאָס איז דאָך אַ „איסור דאורייתא'' (דאָרטן, 135). גאַנץ אַנדערש איז זיך דאָ נוהג יוזפא שמש. אים אינטערעסירט קודם־ כל ניט דער דין, נאָר דער „פורים־שפּיל'', דער אַרט און שטייגער, ווי אַזוי די יידישע יוגנט איז זיך עס משמח אין די פריילעכע פורים־טעג, און ער גיט אונז אין זיין „מנהגים־בוך'' פאָלגנדיק, פילפאַרביק קולטור־ בילד:

„דעם שבת נאָך פורים, באַלד אינדערפרי, גייען די בחורים אין אַ הויז, וואָס ס'איז ווייט פון דער שול, און ציען דאָרט אָן די שבתדיקע איבער־מאַנטלען, וואָס הייסן „זייטי מנטיל'' [9]; יעדער פון זיי טראָגט אויפן קאָפּ אַ מיטרע (אַ שפּיציקע היטל), ווי דער שטייגער איז, אָבער ניט לשם טרויער. אַרויסגייענדיק פונעם הויז, מאַרשירן זיי פּאָרוויי, איינער לעבן צווייטן, און בראשם שפּאַנט אַ יינגל, זייער אַ משרת, וואָס ווערט גערופן „קנעל־גבאי''. דער דאָזיקער „קנעל־גבאי'' איז אָנגעטאָן אין נאַרן־קליידער, טאַנצט און מאַכט כלערליי נאַרישע שטיק. פאַר די בחורים גייען די „גבאים'', און יעדער פון זיי טראָגט אין דער האַנט אַ שטעקן מיט געמעלעכצן (מקל מצוייר); נאָך די גבאים גייט דער גאַנ־ צער פּאַק בחורים. אַזוי שפּאַנט עס דער גאַנצער קאַראַהאַד מיט גרויס יובל ביז זיי קומען צו דער שול; אין שול זעצן זיי זיך אַוועק אויף דער בימה: הגם אַ גאַנץ יאָר זיצן אויף דער בימה די באַלעבאַטים, אָבער אַז עס קומט דער דאָזיקער שבת גייען די באַלעבאַטים אַראָפּ פון דער בימה, בכדי פּלאַץ צו מאַכן פאַר די בחורים. און ווען דער חזן הייבט אָן די ברכה „מגן אָבות'', גייען די בחורים אַראָפּ פון דער בימה און קומען צו צו דער „שטאָט'', וווּ עס זיצט דער אב־בית־דין; און דער אב־בית־

[9] דאָס איז דאָס דער מאַנטל מיטן פאַרנייטן רעכטן אַרבל, וועלכן עס באַ־ שרייבט, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, דער בעל „יוסף אומץ": „מה יקר בעיני מנהג תירמישא שכל הליכתם בשבת חוץ לבתיהם הן לסעודה, או לילך לזכר או לשבינהולך לובשים הסרבל המיוחד לשבת וכו׳" (דאָרטן, דף 72).

דין לייגט אַרויף די הענט אויפן קאָפּ פון יעדן בחור און בענטש אים, פּונקט אַזוי ווי מען בענטשט די קינדער צום כּניסת שבת... דערנאָך גייען די בחורים אין דער ווייבערשער שול. אויב זיי ווילן, גייען זיי אַהין דורך דער אַזוי־גערופענער „יידיש־טיר" [10] און גייען צו צו דער „שטאָט" פון דער רביצין, דעם אַב־בית־דינס ווייב. און די רביצין לייגט אַרויף איר האַנט אויפן קאָפּ פון יעדן בחור, בענטשט אים. דערנאָך גייען זיי אַרום צווישן די רייען בענק פון דער ווייבערשער שול, און גייען אַרויס. דערביי גייען תּמיד די „גבאים" פאַרויס, און ערשט נאָך זיי גייען אַריין און אַרויס די בחורים.

שבת צו שחרית וויקלען זיך די „גבאים" איין אין טליתים, אַזוי ווי די באַלעבאַטים, און בעת מען זינגט די פּסוקי דזמרא, גייען צו די „גבאים" צו יעדן באַלעבאַס, וואָס דאַרף באַקומען אַ מצווה, למשל, צו דעם באַלעבאַס, וואָס איז אין דעם שבת זוכה צו „גלילה" אָדער צו „הגבה" אַאַז"וו, און זיי בעטן אים ער זאָל דאָס מאָל מוחל זיין אויף זיין מצווה. ווייל אַזוי איז שוין פעסטגעשטעלט, אַז יעדעס יאָר זאָלן אין דעם דאָזיקן טאָג אַלע מצוות פאַרטיילט ווערן צווישן די בחורים. און אַזוי גייען זיי אויך צו צום גבאי צדקה, און בעטן אים ער זאָל מוחל זיין אויף די מצוות, וואָס דאַרפן דעם טאָג פאַרקויפט ווערן. דאָס גלייכן קומען זיי אויך צום פּרנס חודש און בעטן אים, ער זאָל מוחל זיין אויפן „סגן", ווייל אויך דער „סגן" קומט אין יענעם שבת די בחורים. און זאָל אַפילו איינער אָדער אַ צווייטער (פון די באַלעבאַטים) זיך אַנטקעגנשטעלן און ניט וועלן מוחל זיין (אויף די מצוות), מאַכן זיך די בחורים נישט דערפון און נעמען זיך קעגן יענעמס ווילן אַלע מצוות, אַפילו דעם „סגן". און ווען אַפילו ס'איז עמעצן אַ חיוב דעם דאָזיקן שבת אויפרופן צו דער תּורה, אַ שטייגער אַזעלכע, ביי וועמען דאָס ווייב איז אָקאָרשט פון קימפּעט אויפגעשטאַנען און דאָס ערשטע מאָל געקומען אין שול, אָדער ווער ס'האָט דעם טאָג יאָרצייט, — זיינען די בחורים דאָך ניט מחוייב אים צו דער תּורה אויפרופן, סיידן ער גיט זיי ווייניקסטנס אַ מאָס ווײַן. גיט ער זיי יאָ (אַ מאָס ווײַן), זיינען זיי מחוייב אים אויפצורופן. אָבער דעם, וואָס דאַרף גומל בענטשן, זיינען די בחורים אין קיין פאַל ניט מחוייב אויפצורופן, וואָרעם ער קאָן דאָך גומל בענטשן אַן אַנדערש מאָל. כּללו של דבר — דעם שבת זיינען די בחורים דער עיקר! דער מנהג איז שטאַרקער פון דער הלכה און די בחורים זיינען

---

10 די טיר, דורך וועלכע די קוואַטערין טראָגט אַריין דאָס קינד אויף דעם ברית־מילה צום „יידישן".

אויבנאָן. „סגן״ נעמט איינער פון די בחורימס „גבאים״ און ער רופט
אויף די איבעריקע בחורים; בלויז „שביעי״ באַקומט דער רב. אויך אַלע
אַנדערע מצוות ווערן דורך די „גבאים״ פאַרטיילט צווישן די בחורים.
„גלילה״ פון דער ערשטער ספר־תורה קומט דעם רב [1]. פאַראַן נאָך איין
מנהג, וואָס פאַרשאַפט אַ גרויסע פּריווילעגיע פאַר די בחורים: די פרנסים
זיינען מחויב צו געבן די בחורים אַ צעטל, וווּ ס׳איז פאַרשריבן וויפיל
וויין עס וועט זיי געבן יעדער ראש־בית באַזונדער: ווער אַ האַלבע מאָס,
ווער אַ גאַנצע, און ווער צוויי אָדער דריי, אַלץ לויטן פאַרמעגן פון יעדן
ראש־בית און לויט דער צאָל בחורים. און יעדער באַלעבאָס איז מחויב
צו געבן אַזויפיל וויפל ס׳איז אויף אים פאַרשריבן אין צעטל, גיט ער
ניט מיטן גוטן ווילן, צווינגט מען אים, ביז ער טוט איינוויליקן די בחורים.
ס׳איז אויך דערלויבט צו נעמען אַ משכון אויף דעם, וואָס זיי קומט, אָן
אַ ספּעציעלן היתר פונם רב און פון קהל. דעם דאָזיקן צעטל שטעלן
צונויף דעם הגמן־פּרנס (יודנבישאָף), און דער פּרנס־חודש און ביידע
חתמענען זיך אויפן צעטל אַלס באַווייז.

נאָך פורים ווערן די בחורים פאַרבעטן צו אייניקע חשובע באַלע־
באַטים אַהיים. דאָרט באַקומען זיי צו עסן די סעודת פורים. די בחורים
ברענגען מיט זיך אַ סך פון דעם וויין, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן
צעטל, און טרינקען און זיינען זיך משמח איין טאָג ביי איין באַלעבאָס
און צומאָרגנס ביי אַ צווייטן. די דאָזיקע סעודות זיינען אַ רשות־זאַך:
מען צווינגט קיינעם ניט פון די באַלעבאַטים, אַז ער זאָל פאַרבעטן די
בחורים צו זיך אַהיים און מאַכן פאַר זיי אַ סעודה, נאָר ווער עס וויל
דערפילן די דאָזיקע מצווה און זיך משמח זיין מיט די בחורים, וואָס
לערנען תורה — וויל איז צו אים. אויף פורים נייען די בחורים אַרום
זייערע היטלען, וואָס זיי טראָגן אויף די קעפּ, אַ קליינעם קראַנץ, וואָס
זיי רופן „קרענצכען מיט ולינדרליך (פלידערלעך)״. די דאָזיקע קרענצלעך
נעמען די בחורים אַזוי לאַנג ניט אַראָפּ פון די היטלען, כל־זמן זיי האָבן
נאָך פון דעם וויין, וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן צעטל״.

ניט קיין ווייניקער אינטערעסאַנטן באַריכט גיט אונז יוזפּא שמש
וועגן דער סעודה, וואָס עס מאַכן אום שמחת תורה די צוויי „חתנים״ —
דער חתן־תורה און דער חתן־בראשית. אין דעם דאָזיקן באַריכט גיט
אונז דער ליבער יוזפּא שמש אַזאַ לעבעדיק און זאַפטיק בילד אויס דעם
יידישן לעבנס־שטייגער אינם 17טן י״ה, אַז עס איז כדאי צו ברענגען
די באַטרעפנדיקע שטעלע בשלימות:

1) עס איז דאָ ניט גאַנץ קלאָר, צי רעדט זיך דאָ וועגן שטאָט־רב אָדער „פורים־רב״.

„אום הושענא־רבא מאַכט מען שוין פאַרויס גרייט די טישן און דעם „ברויט־הויז" [12] פון דער סעודה וועגן, וואָס דער חתן־תורה און דער חתן־בראשית וועלן מאַכן אום שמחת־תורה... אום שמחת־תורה נאָך סעודת שחרית רופט אויס דעם שמשס אַ יינגל איבער די גאַסן בזה הלשון: „חתן וכלה אונטער דז ברויט־הויז וירן (פירן)!" דעמאָלט גייט דער חתן־תורה מיט זיינע גוטע פריינד און קרובים און אַזוי אויך דער חתן־בראשית צום ברויט־הויז, און זיי טראָגן מיט זיך אַ סך טייערע פירות אויסצושטעלן זיי אויפן טיש און אויך אויף צו וואַרפן זיי דורך די פענסטער די קינדער, וואָס שטייען אַרום דעם הויז און כאַפּן די פרוכטן מיט גרויס שמחה — אויך צוויי גבאי־צדקה ברענגען צו טראָגן זייער שיינע פירות און שטעלן זיי אויס אויף די טישן. איינער אַ קריסט־לעכער פרוי, וואָס האָט צוגעזען די דאָזיקע שמחה, איז דאָס אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט פאַר איר טויט אָנגעזאָגט אין איר צוואה, אַז דעם גאָרטן, וואָס זי האָט ניט ווייט פונם יידישן בית־הקברות, שענקט זי אַוועק דער יידישער קהילה מיטן תנאי, אַז יעדעס יאָר זאָל מען מיט די פרוכטן פון דעם דאָזיקן גאָרטן באַצירן די טישן אויף דער סעודה אום שמחת־תורה און וואַרפן זיי אַלס מתנה די קינדער, וואָס זיינען זיך משמח אונטער דעם ברויט־הויז. איך, וואָס שרייב די דאָזיקע שורות, האָב אַליין מיט מיינע אויגן דאָס צוגעזען און גענאָסן פון די דאָזיקע פירות, און ערשט ניט לאַנג איז אין דער מלחמה־צייט חרוב געוואָרן דער דאָזיקער גאָרטן. אַט פון דאָרטן זיינען עס געווען די פרוכטן, וואָס די צוויי גבאי־צדקה פלעגן מיט זיך אין דעם ברויט־הויז ברענגען. זינט אָבער דער גאָרטן איז חרוב געוואָרן, ברענגען די גבאי־צדקה זייערע אייגענע פרוכטן, און אַזוי איז דער מנהג ביז היינטיקן טאָג. די „חתנים" און זייערע באַגלייטער זעצן זיך אויס אַרום דעם טיש, עס קומען אויך אַלע רבנים לכבוד התורה, און אויך כמעט אַלע באַלעבאַטים פון שטאָט, אַ טייל זיצן, אַ טייל שטייען אַרום טיש. ווער ס'האָט נאָר אַ פעסל וויין אין קעלער, דער ברענגט מיט זיך אַ פולן קרוג וויין; די „חתנים" ברענגען אויך מיט זיך אַ סך וויין, עס זאָל אין געטראַנק קיין מאַנגל ניט זיין; אַלע עסן פרוכטן, טרינקען וויין און זיינען זיך משמח. אויפן הויף וואָס פאַרן ברויט־הויז צעלייגט מען אַ גרויס פייער, און אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווען דאָס פייער צעברענט זיך גוט, גייען אַרויס דער אב־בית־דין מיט די רבנים מיט די „חתנים" און די איבעריקע באַלעבאַטים, אַלע זעען זיי צו די דאָזיקע שמחה. די באַלעבאַטים טאַנצן אַרום דעם פייער־

12 ברויט־הויז — דאָס קהלשע הויז, וווּ עס פלעגן פאָרקומען די חתונות.

און שפילן אלערליי שפילן. אפט טרעט צו זיי צו אויך דער אב־בית־דין און אויך ער נעמט אנטייל אין די שפילן ארום דעם פייער לכבוד התורה. אזוי פארברענגט מען ביז מנחה, און מען טרינקט וויין אויך ביים פייער. די „חתנים" זיי זיינען עם מכבד מיטן וויין, דאס האלץ פאר דעם שייטערהויפן באזארגט דער שמש, און די „חתנים" באצאלן אים דער־פאר" [18].

אזוינע, פאר דער קולטור־געשיכטע אינטערעסאנטע מנהגים, זיינען אבער אויפגעהיט געווארן בלויז אין די דייטשע מדינות, ניט אין פוילן. און דאס ניט בלויז דערפאר, וואס די דייטשע קהילות, בפרט אין די ריין־פראווינצן, זיינען געווען באדייטנדיק עלטער ווי די פוילישע; א פיל גרעסערע ראלע האט דא געשפילט די איינזייטיקע פילפוליסטיש־ראציאנא־ליסטישע טענדענץ, אויף וועלכער מיר האבן אנגעוויזן אינם פאריקן קאפיטל.

די תלמידים פון די פוילישע ישיבות האט אינטערעסירט בלויז דאס שכלדיק־חריפותדיקע, דאס שארפזיניק־סכאלאסטישע. אמת, אויך צווישן די יידישע לומדים אין פוילן האבן זיך געפונען אזוינע געפילס־מענטשן ווי דער שמש און נאמן פון ווארמס, וואס האבן זיך ניט געוואלט באגני־גענען מיט חריפותדיקע „חילוקים", ווייל זיי האט געצויגן צום פאלקס־טימלעכן און עס האבן זיי דער עיקר אינטערעסירט די גייסטיקע באדער־פענישן פונם פשוטן פאלק, פון די „המוניים", ווי עס דריקט זיך אוים דער בעל „יוסף אומץ". זיי זיינען דערפאר געקומען צום לאגישן אויכ־פיר: גיין צום פאלק, שאפן אויף דער אים פארשטענדלעכער שפראך. מיר וועלן דערפאר ערשט ריידן וועגן זיי אין דעם ווייטערדיקן טייל פון אונזער געשיכטע. אבער אויך אין דער רבנישער ליטעראטור פון יענער צייט האבן זיך געלאזט הערן ווארענענדיקע שטימען, וואס האבן אפן אנגעוויזן אויף דער געפאר, וואס קאן מיט זיך ברענגען דער סדר הלימוד, וואס האט געוועלטיקט אין די פויליש־דייטשע ישיבות אינם סוף פונם 16טן י"ה. אמת, דער קאמף קעגן פילפול האט זיך אנגעהויבן „מחוץ לארץ", ניט אין פוילן גופא, נאר אין די דייטש־מערישע מדינות. און דער „ראש המדברים", די הויפט־ראלע אין דער דאזיקער „מלחמת מצווה" האט געשפילט דער גדול הדור, דער בארימטער פראגער רב ר' יהודה ליווא בן בצלאל, מער באקאנט אונטערן נאמען דער „מהר"ל מפראג".

דער מהר"ל איז בלי־ספק די אינטערעסאנטסטע און אריגינעלסטע

18 ציטירט חערק 312—313. דעם אריגינאל זע ביילאגע נומ' 5.

פערזענלעכקייט צווישן די אשכנזישע רבנים פונם 16טן און 17טן י"ה [14], און ניט אומזיסט איז „דער הויכער ר' לייב", ווי דער מהר"ל האָט ביי זיין דור געהייסן, געוואָרן דער באַליבטסטער העלד פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, און זי האָט אַרום זיין נאָמען דעם פילפאַרביקן קראַנץ פון די וואונדערבאַרסטע לעגענדעס געשאַפן. נאָך עד־היום לעבט אינם פאָלק די אגדה, אַז אויפן בוידעם פון דער אַלטער פראַגער שול ליגט דער „גולם", וואָס דער מהר"ל האָט אוים ליים געקנאָטן און מיט דער הילף פונם שם המפורש אוים אים אַ לעבעדיק באַשעפעניש געמאַכט, וואָס האָט דעם מהר"ל געדינט אַלס טרייער שליח און דערפילער פון זיין ווילן אין יעדן קריטישן מאָמענט, ווען די קהילה אָדער כלל ישראל זיינען געווען אין גרוים געפאַר. און אָקאָרשט פאַר אונזערע אויגן איז דעם מהר"לס גולם תחית־המתים אויפגעשטאַנען, און דער מאָדערנער טאַלענטפולער דיכטער ה. לייוויק האָט אים צוזאַמען מיט זיין באַשעפער דעם „הויכן ר' לייב" אויסדערוויילט אַלס צענטראַלע פיגורן פאַר זיין מייסטערווערק „דער גולם". אין דעם „הויכן ר' לייב" האָט דאָס פאָלק געזען ניט בלויז דעם גאון הדור, דעם גדול בישראל, נאָר אויך דעם טרייען פּאַטראָן און באַשיצער. אַלבאַקאַנט איז די פאָלקס־לעגענדע, ווי אַזוי דער גרויסער קיסר רודאָלף האָט עקסטרע ארויסגערופן צו זיך קיין ווין דעם פראַגער רב ר' ליוואַ, האָט זיך מיט אים אין אַ חדר מיוחד פאַרשפאַרט און שעהןלאַנג מיט אים אַ שמועס געפירט. וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט איז אומבאַקאַנט געבליבן, מען האָט זיך נאָר משער געווען, אַז דער רב מיטן קיסר האָבן געפירט אַ וויסנשאַפטלעכן וויכוח אויפן געביט פון אַסטראָנאָמיע און אַלכעמיע [15].

דער באַרימטער פראַגער רב איז טאַקע מער־ווייניק געווען באַהאַוונט אין די „חכמות חיצוניות"; ער האָט געהאַט געוויסע ידיעות אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, איז געווען באַקאַנט מיט דער מיטלאַלטערלעכער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, און וועגן דעם רמב"ם דערציילט ער מיט התפעלות, אַז יענער איז געווען פול, ווי דער ים מיט חכמה (הרב הרמב"ם המלא חכמה כים) [16]. אין זיינע פילצאָליקע ווערק ווייזט ער אָפטער אָן, אַז מען דאַרף זיין בקי אין אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטיק און אין די איבע־

---

14 דער מהר"ל איז געבאָרן אין די 20ער יאָרן פונם 16טן י"ה און געשטאָרבן אין 1609.

15 אַ בייסטערהאַפטע סצענע וועגן דער באַגעגעניש צווישן דעם קיסר רודאָלף און דעם מהר"ל גיט דער טאַלענטפולער מאַקס בראָדי אין זיין ראָמאַן „טיכאָ בראַהעס וועג צו גאָט".

16 „באר הגולה", 31.

ריקע נאטורוויסנשאפטן, ווייל זיי זיינען עם די שטאפלען, וואס פירן צו די שפיצן פון „חכמת התורה״ [17]. „מען דארף — זאגט ווייטער דער מהר״ל — לערנען אויך די חכמות פון די אומות העולם, ווארעם אויך יענע חכמות זיינען דאך פונם השם יתברך... בפרט די חכמות, וואס דער־קלערן דעם מהות און דעם סדר פון דער וועלט, זיי איז אוודאי א חיוב צו לערנען, ווארעם דורך זיי לערנט מען דאך צו באגרייפן דעם באשע־פער״ [18]. אבער אויך דער גאון בישראל, וואס איז מער פון אלע אנדערע דייטשע רבנים אוים יענער צייט געווען בקי אין וועלטלעכן וויסן — אויך ער איז געבליבן טריי דעם וועלטבאנעם פון יענער תקופה, אויך ער האט געהאט דעם גרעסטן פחד פארן פרייען קריטישן געדאנק, וואס וויל זיך נים בלינד פארלאזן אויף מסורת אבות; ער האט אין דעם געזען די גע־פערלעכסטע אפיקורסות און דעם חוצפהדיקן חילול השם. למען השם און למען השם — ווארנט דער גאטס־פארכטיקער מהר״ל — דארף מען זיך היטן צו פארלאזן זיך אויף די דעות פון די חכמי אומות העולם דארט, וווּ זיי זיינען מיט עפעס וואס סותר אונזער אמונה אדער די רייד פון אונזערע חכמי התלמוד! דערווייטערן דארף מען זיך פון די דאזיקע דעות, ווי פון דער געפערלעכסטער אפיקורסות, ווארעם די חכמי ישראל האבן דאך געשעפט זייערע ידיעות פון דעם איינציק זיכערן קוואל — „מפי הנבואה ומפי משה״; זיי זיינען די טרייע טרעגער פון דער הייליקער מסורה און יעדער ווארט זייערס איז א לעבעדיקער קוואל פון חכמה [19]. דער מהר״ל, אלס באהאוונטער אין אסטראנאמיע, איז שוין געווען באקאנט מיט די עפאכע־מאכנדיקע אנטדעקונגען פון דעם גרויסן קאפערניק [20]. עס איז אבער פאר אים קיין שום ספק נים, אז די איינציק ריכטיקע ידיעות וועגן די באוועגונגען פון דער זון און דער לבנה קאנען זיין נאר ביי יידן, ווייל, ווייזט דער מהר״ל אן מיט תמימותדיקער פשטות, „חכמי ישראל שהיה

---

17 זע: „נתיבות עולם״, נתיב התורה, פרק 14: „החכמה הזאת היא כמו סולם לעלות בה אל חכמת התורה״.

18 דארטן: „יש ללמוד חכמת האומות, כי למה לא ילמוד החכמה שהיא מן השם יתברך שהרי נתן להם מחכמתו יתברך... החכמות לעמוד על בציאות וסדר העולם בודאי מותר ללמוד... כל דבר שהוא לעמוד על מהות העולם יש לאדם ללמוד ומחויב הוא בזה כי הכל בעשה השם הוא ויש לעמוד עליהם ולהכיר את בוראו״.

19 דארטן; זע אויך: „באר הגולה״, 13, 90, 100 (מיר ציטירן לוים דער־ווארשעווער אויסגאבע פון 1873).

20 זע „נתיבות עולם״, נתיב התורה, פרק 14, ז׳ 24: „וכמו שבא אחד שהיה נקרא בעל תכונה הדשה אשר נתן ציור אחר, וכל אשר הבינו הראשונים אשר לפניהם ונתנו הראשונים ציור ומהלך לכוכבים ומזלות ולגרמים השמים — סתר את כלם ונתן ציור חכמה חדשה״.

הדבר מקובל בידם מפי משה מסיני שמסר לו הש"י הוא בלבד אפשר לו לדעת האמת" [21].

איצט קאָן מען זיך משער זיין, וואָס פאַר א גרויסער צאָרן געמישט מיט אמתן שרעק ס'האָט אָנגעפילט דעם פרומען מהר"ל, בעת ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם אָקאָרשט אין איטאַליע דערשינענעם עזריה די־רוסיס „מאור עינים". ס'טייטש? האָבן די העזה אָפן קבל עם ועדה דער־קלערן, אז אונזערע חכמים זיינען ניט געווען קיין מומחים אין געוויסע וויסנשאַפטלעכע בראַנזשעס, און א סך זייערע מימרות קאָן מען ניט נעמען ערנסט, נאָר מען דאַרף זיי אויפפאַסן ווי פּאָעטישע מליצות? די יידישע צייטרעכענונג, וואָס איז זיך דאָך סומך אויף דער מסורה פון אונזערע קדמונים — דערקלערן אַלס פאַלש און אומבאַגרינדעט? און אזא אפיקורסות דערלויבט זיך ניט איינער פון די אומות העולם, נאָר א בן־ישראל, איינער „מזרע אברהם"? איינער פון די אחרוני־אחרונים, א זון „פון אונזער מיט וויסן אזוי אָרעמען דור", בייזערט זיך דער מהר"ל, זאָל עס האָבן די העזה אַרויסצוטרעטן קעגן אונזערע אַלטע אויי־טאָריטעטן, „קעגן אונזערע הייליקע מענער, וואָס האָבן געלעבט מיט טויזנט יאָר פריער"; און ער אונטערשטרייכט זיך נאָך דערביי צו פאַררופן אויף פרעמדע אויטאָריטעטן? און אזוינע אפיקורסישע דעות, וואָס פאַר־דינען „מען זאָל זיי אויפן פייער ברענגען", ווערן נאָך געדרוקט אָפן און אומגעשטערט [22]. פאַרן מהר"ל איז געווען קלאָר, אז א מענטש, וואָס קאָן זיך דערלויבן אַרויסטרעטן מיט אזא מין ווערק, איז ניט נאָר א „מין ואפיקורס", נאָר טאַקע אויך א „כסיל ומוציא דבה". ווי זשע, חידושט זיך דער מהר"ל, האָבן די רועי ישראל געקאָנט דערלאָזן, אז די־רוסיס אפיקורסיש בוך זאָל די ליכטיקע וועלט דערזען? [23]. ער וויל אָבער האָפן, אז דאָס פאָלק ישראל, „וואָס האַלט טריי מיט גאָט און מיט זיין תורה", וועט אַרויסטראָגן זיין שטרענגן גזר איבער דעם זינדיקן בוך און וועט אויסמעקן זיין געדעכעניש. „זאָלן אַלע וויסן, — רופט ער אויס מיט פּאַטאָס, — זאָל דאָס זיין באַקאַנט צווישן אַלע קינדער פונם פאָלק ישראל, אז דאָס דאָזיקע ווערק איז פול מיט אפיקורסות, און יעדער גאָטספאָרכ־טיקער ייד דאַרף זיך היטן ניט נאָר לייענען דעם „מאור עינים", גייערט אפילו אין די הענט אים צו האַלטן" [24].

---

21 דאָרטן.

22 „באר הגולה", 91: „לפרסם דברים כאלו אשר הם ראויים להשרף כמו כפרי מינים וספרי קוסמים, והם יותר גרועים מהם ונתנו בדפוס".

23 דעם מהר"ל איז ווי עס שיינט אומבאַקאַנט געבליבן דער קאַמף, וואָס די איטאַליענישע רבנים האָבן געפירט קעגן די־רוסיס ווערק.

24 זע „באר הגולה", ז' 90—101.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דער מהר״ל, בעת ער טרעט אַרויס מיט אַזאַ גרימצאָרן קעגן דעם „מאור עינים״, רופט אין ערגעץ ניט אָן דעם מחבר ביי זיין נאָמען; ער ווערט בלויז דערמאָנט אַלס „איינער אויס אונזער פאָלק״ (אחד מבני עמנו). ער רעכנט אויך, אַז אַריסטו פאַרדינט ניט זיין נאָמען זאָל דערמאָנט ווערן [25], וואָרעם יענער לערנט דאָך, אַז די וועלט איז אַ קדמון, און אַז אַלץ געשעט לויט די אייזערנע אומפאַרמייד־לעכע געזעצן, און לייקנט דערמיט אָפּ די ניסים פון דער תורה.

און דאָך האָט דעם מהר״לס ליטעראַרישע ירושה אַ באַדייטנדיקן אינטערעס פאַר יעדן אָביעקטיוון קולטור־היסטאָריקער. בעת איר לייענט אויפמערקזאַם דעם אַלטן מהר״לס ווערק, אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך אין איר פולן פאַרנעם אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע וועלט. ענג און באַגרענעצט איז די דאָזיקע וועלט; חיהשע אכזריות און גיפטיקע שנאה פון אויסן האָבן אַפּגעצוימט מיט אַ הויכער פעסטער וואַנט דאָס דייטשע יידנטום פון דער אַרומיקער סביבה. אין דער דאָזיקער געטאָ־וועלט מיט די פאַרמאַכטע ריגל־טויערן איז אַלץ געווען אַזוי אָפּגעשטאַנען, אַלטמאָדיש. טיר און פענצטער האָט מען דאָרט פאַרשפּאַרט, עס זאָל אַהין ניט אַריינדרינגען קיין איינציקער שטראַל פונם פרייען פאַרשער־געדאַנק; דאָרט איז געווען די אומבאַגרענעצטע ממשלה פון מסורת אָבות, פון דעם פעסטגעזעצטן מנהג, וואָס די „קדמונים״, די פריערדיקע דורות האָבן געלאָזט בירושה... און דאָך ליגט אַן אייגנאַרטיקער פּישוף אין דעם דאָזיקן אַלטמאָדישן וועלטבאַנעם, וואָס טרעט אַזוי בולט אַרויס אין דער ליטעראַרישער ירושה פון דעם „הויכן רבי לייב״. ער אימפּאָנירט ניט ווילנדיק מיט זיין מאָ־ראַלישער קראַפט, מיט זיין ערנסטן פּאַטאָס און האַרמאָנישער גאַנצקייט. אָט די ענגבאַגרענעצטע, פאַרמרהשחורהטע און פאַרחושכטע וועלט איז פול און פיל דורכגעדרונגען מיט איין ווונטש, מיט איין־איינציקן פאַר־לאַנג — אַהין, אין די הייכן! צום ליכטיקן אמת, דעם א י נ צ י ק ן אוני־ווערסאַלן אמת...

דער מהר״ל רעדט מיט גרימצאָרן וועגן „אלו האנשים המתפלספים״, וועגן די, וואָס זיינען איבערגעגעבן דער אידעען־וועלט פון די גריכישע דענקער [26] און פלייסן זיך אין הסכם דערמיט אויסטייטשן דעם ביבלישן טעקסט, און די אַלע ניסים, וועגן וועלכע עס ווערט דאָרט דערציילט, פּרווון זיי דערקלערן על־פּי שכל און מיט דרך הטבע. „בלויז אונזערע חכמים—

---

25 זע פאָררעדע צו „גבורות ד׳״: „אשר לא יאות זכרונו״.

26 בעת דער מהר״ל רעדט וועגן די יידישע „מתפלספים״, שטעלט ער זיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם רלב״ג (זע די לאַנגע פאָררעדע צו „גבורת ד׳״).

שטרייכט דער מהר״ל אונטער,—בלויז זיי האבן באגריפן דעם טיפן אמת, אז די וואונדער קאן מען ניט דערקלערן מיטן מענטשנס געוויינלעכן שכל, ווייל די ניסים זיינען א פועל־יוצא פון א גאנץ אנדער מין געזעצמעסיקייט, ווי די אלטעגלעכע נאטור־דערשיינונגען. מען דארף וויסן און געדענקען, דערמאנט יעדעס מאל דער מהר״ל — אז עס זיינען פאראן צוויי מינים געזעצמעסיקייטן, און מען טאר זיי ניט צונויפמישן. אויב מען וויל ניט פלאנטערן אין דעם לאבירינט פון סתירות. אויסער דער נאטירלעכער געזעצמעסיקייט, וואס געוועלטיקט איבער די אלטעגלעכע און געוויינלעכע נאטור־דערשיינונגען, עקסיסטירט נאך א צווייטע — די אוניווערסאלע און איבערערדישע; און אט צו דעם לעצטן סדר פון געזעצמעסיקייט געהערן די דערשיינונגען, וואס הייסן ביי אונז וואונדער [27]. עס איז קלאר — פירט אויס דער מהר״ל — אז די ניסים קאן מען ניט דערקלערן און מסביר זיין מיטן פשוטן פראקטישן שכל, וואס זיין ארט דענקען איז צוגעפאסט צו דערקלערן די אלטעגלעכע נאטור־דערשיינונגען. ניט אין פראקטישן וויסן, ניט אין דעם פארפולקומען פון דעם מענטשלעכן פארשטאנד ליגט דערפאר דאס העכסטע גליק — דאס לעצטע דארף מען זוכן אויף אן אנדער געביט, אויפן געביט פון א מ ו נ ה. ניט מיטן באגרעניעצטן מענטשלעכן שכל, נאר מיט דער הילף פון דער אמונה, קאן דער מענטש זיך דערנענטערן צו גאט: „כי האמונה היא הדביקות בו יתברך״, חזרט מערערע מאל איבער דער מהר״ל [28]. אבער אפילו די „דביקות״, דער זיס־הארציקער צאפל, מיט וועלכן די אמונה פילט אן דעם מענטשנס הארץ — אט די דאזיקע געטלעכע מתנה ווערט דאך אויך דעם מענטשן ניט געגעבן בתכלית השלמות. דאס איז ערשט בלויז די הכנה, די מ ע נ ל ע כ ק י י ט פון שלימות, און ערשט ווען זי ווערט פארקערפערט אין דער מעשה, אין דעם טאן און אין דעם מענטשלעכן ווילן מקיים זיין די געטלעכע געבאטן, ערשט דעמאלט אנטפלעקט זיך די הכנה בפועל און

27 זע די הקדמה צו „גבורות ד׳״: „אנו מודים כי מצד הטבע — הנפלאות אינם נמצאים, אבל מצד פעולת הנבדל כל הנפלאות הם נמצאים... כמו שיש לעולם הטבע סדר מסודר נוהג על פי טבעו כך יש לנסים סדר ג״כ... כמו שיש לטבע פעל הטבעי כך יש לבלתי טבע פעל הנבדל״. דער מהר״ל באריט דא אגב די פראגע וועגן די „שכלים נבדלים״, און רעדט מיט א שמייכל וועגן דער דעה פון די „חוקרים״ און „מתפלספים״, וואס פארזיכערן, אז די זון און די לבנה זיינען לעבעדיקע אינטעלעקטן. „גלויבט ניט אין דעם, — ווארנט ער דעם לייענער — דאס איז לויטער נארישקייטן״ (ולא תשגיח בדברי הפילוסופים שאמרו כי השמש והירח חיים משכילים, שכל דבר זה הבאי).

28 „תפארת ישראל״, 108: „אין עצם האמונה רק הדבקות בו יתברך שהוא מאמין בו ומתדבק בו יתברך באמונתו״. זע אויך „גבורות ד׳״, פ״ק 9 און 11.

דער מענטש דערגרייכט די העכסטע שטאפל פון שלימות [29]. אט דאס אין דער איינציקער וועג, וואס פירט דעם מענטשן צום אמתן גליק. מקיים זיין די מצוות התורה — חזרט פיל מאל איבער דער מהר״ל — אט דאס זיינען די גאלדענע שטאפלען, וואס דערהויבן דעם מענטשן צום העכסטן גליק [30]. מיט ביטול און מיט סארקאזם רעדט דער מהר״ל וועגן די ראציאנאליסטן, וואס זעען די העכסטע מדרגה פון שלימות אין שארפן דעם שכל, אין דעם פארטיפן זיך אין דער געדאנקען־וועלט פון חקירה. זיי מיינען, אז דורך דעם פארטיפן זיך אין די „מושכלות״ ווערט אין דעם שטארבלעכן און צופעליקן געבארן דער אומשטארבלעכער מהות, און אויף דעם סמך קומען זיי צו דער מסקנא, אז אומשטארבלעך איז בלויז דער אינטעלעקט פונם דענקער און געלערנטן, וואס באהעפט זיך דורך זיין פארשן אין דער אידעען־וועלט מיטן „שכל הפועל״. „דאס אלץ — רופט אויס דער מהר״ל — איז לויטער נארישקייטן״ [31]. „זיי, די ראציאנאליסטן — זאגט ווייטער דער מהר״ל — וואס גייען אין די וועגן פון די „פילוסופים״, קאנען עס גארניט באגרייפן, ווי אזוי קאן עס דער מענטש דורך מצוות מעשיות, דורך פראקטישע קערפערלעכע מעשים דערגרייכן די שטאפלען פון אייביקן גליק און העכסטער שלימות [32]. זיי מיט זייער ענג־באגרענעצטן שכל הישר „לא עמדו בסוד ד׳״, קאנען ניט באגרייפן דעם געטלעכן סוד, און זיינען ניט משיג, אז די מצוות פון דער תורה זיינען געבויט ניט לויט די געזעצן פונם מענטשלעכן שכל, נייערט פונם שכל האלהי, און זיי שטיצן זיך ניט אויף די יסודות פון די נאטור־געזעצן, נאר אויף א געזעצמעסיקייט פון א פיל העכערער מדרגה. זיי, די ראציאנאליסטן, ווילן דערקלערן די מצוות פון דער תורה אויפן ריין אוטיליטארן אופן, מעסטן זיי מיט דער מאס פון נוצן און שעדלעך; זיי פלייסן זיך על־פי שכל און על־פי דרך הטבע צו דערווייזן דעם טעם פון יעדן געבאט באזונדער, „גלייך ווי די תורה איז א ספר ווי אנדערע ספרי רפואות אדער ספרי הטבע״. זיי קאנען ניט פארשטיין, אז אויפן ריין אוטיליטארן אופן, מיטן שטאנדפונקט פון נוצלעך און שעדלעך, קאן מען די טעמי המצוות ניט דערקלערן; ווארעם די תורה איז דאך ניט געבויט אויף די געזעצן פון דער נאטור, נאר אויף דעם געטלעכן שכל. ניט בכדי דעם מענטשן מהנה צו זיין, אים מזכה זיין מיט עולם הזה און חיי עולם הבא זיינען אים די מצוות געגעבן, נאר אלס שטרענגער עול און גזירה,

---

29 זע „תפארת ישראל״, קאפ׳ 2—3, 7 א״וו.
30 דארטן, קאפ׳ 4.
31 דארטן. 23 : „אלו הם דברי הבאי״.
32 „תפארת ישראל״, קאפ׳ 6.

אַלס געטלעכער באַפעל [33]. וואָרעם ניט אויס רחמנות איז די תורה געגעבן און ניט אויף רחמנות שטייט די וועלט, ניט בכדי גוטס טאָן און נוצן ברענגען האָט גאָט די וועלט באַשאַפן — נאָר אַלץ „בגזירת דין", אַלס אומפאַרמיידלעכער פּועל־יוצא פונם שטרענגן געטלעכן גזר־דין, וואָס איז לויטער גערעכטיקייט [34]. אמת, איז מוסיף דער מהר"ל, עס שטייט אין דער תורה: לעשות את החקים האלה לטוב לנו, איז דאָס אָבער ניט דער טייטש, אַז גאָט ברוך־הוא האָט אונז געבאָטן די מצוות בכדי אונז גוטס צו טאָן (בשביל להטיב לנו); ער, יתברך, האָט זיי אונז באַפוילן „כמלך הגוזר"; אמת, די אַלע מצוות, וואָס גאָט האָט גוזר געווען אויף די יידן, ברענגען אונז גוטס און גליק, ווי נאָר מיר זיינען זיי מקיים, וואָרעם פון גאָט ברוך־הוא קאָן דאָך קומען נאָר דאָס פולשטענדיק גוטע און גערעכטע, ווייל אַלע זיינע מעשים זיינען דאָך דאָס אַבסאָלוט גוטע. אָבער עס קאָן דאָ קיין רייד ניט זיין וועגן מיטלייד און רחמנות — וואָרעם אַלץ איז שטרענגער דין, דער גזר פונם געטלעכן ווילן, וואָס איז לויטער גערעכטיקייט [35]. דאָס וויכטיקסטע, חזרט מערערע מאָל איבער דער מהר"ל, וואָס טיילט אָפּ די תורה פון חקירה, פון די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, איז דאָס, וואָס אין די לעצטע פעלט דאָס ריין עטישע, דער גערעכטיקייט־פּרינציפּ. ניט בקיאות אין די נאַטורוויסנשאַפטן, ניט די ידיעה און די געניטקייט אין די גלגלים און אין דעם מהות פון די פיר גרונט־עלעמענטן, ווייזט אָן דער מהר"ל, קאָן אונז דערפאַר דערנענטערן צו גאָט און אונז מזכה זיין מיטן אייביקן גליק, נאָר דורך לערנען די תורה און אירע מצוות; וואָרעם די תורה איז דאָך די פאַרקערפּערטע גערעכטיקייט (שהתורה היא היושר בעצמו), און וואָס קאָן נאָך אַזוי דער־

---

33 „תפארת ישראל", קאַפּ' 6: „מצות התורה לא ליהנות רק לעול על האדם... המצוה עלינו כמלך הגוזר על עמו. זע אויך „נצח ישראל", דף 20, עמ' א': „כי אי אפשר לך לומר בשום פנים שנתינת התורה בשביל טובת ישראל כדי להביאם אל הטוב בעה"ז ולחיי עולם הבא... כי נתינת התורה היא לעול על ישראל... לא היה זה בשביל טובת ישראל רק בגזירה כמו מלך שגוזר גזירותיו על עבדיו לעול עליהם" (מיר ציטירן לויט דער פּראָגער אויסגאַבע פון 1599).

34 „תפארת ישראל", קאַפּ' 6, ז' 17: „כל הדברים הם בגזירת הדין ולא מצד הרחמים... לא ברא את העולם להטיב אל העולם רק בגזירת דין נברא... ואין מדות השם יתב' רק גזירות ולא רחמים".

35 דאָרטן: „הוא יתברך צוה עלינו כמלך הגוזר, רק שהגזירה היא לטוב לנו להיותנו כיום הזה אם נקיים המצות ולא שתחלת הגזירה היא לטוב לנו.. המצות הם גזירות על ישראל, הם לטוב לנו כי לא יבוא מאתו יתברך רק הטוב הגמור כי כל מעשיו הם הטוב הגמור רק כי הטוב הזה גזר עלינו ולא שיש כאן שום צד רחמנות רק הכל דין".

נענטערן צו גאָט ווי גערעכטיקייט. ער יתברך איז דאָך די אוניווערסאַלע גערעכטיקייט גופא (השם יתברך שהוא היושר לגמרי)[36]. זי, די תורה, קאָן ניט זיין אנדערש, ווי דאָס העכסטע פאַרבילד פון יושר און גערעכטיקייט, וואָרעם זי איז דאָך די אַנטפּלעקונג פון גאָטס חכמה, די מאַניפעסטירונג פון דער העכסטער טראַנסצענדענטער געזעצמעסיקייט; איר גרונט־יסוד איז — די אַבסאָלוטע געטלעכע גוטסקייט[37]. די תורה איז, לויט דעם מהר״לס אויפפאַסונג, דער גרונטשטיין פון דער וועלט, דער „חוק וסדר העולם", און אָן איר וואָלט דער גאַנצער קאָסמאָס אין תוהו ובוהו צעפאַלן[38]; זי איז אייביק, איינציק, גאַנץ און אומצוטיילבאַר אין איר איינציקייט, וואָרעם, חזרט דער מהר״ל מערערע מאָל איבער, בתכלית השלימות איז בלויז דאָס, וואָס ס׳איז איינציק און גאַנץ, און וואָס ס׳איז ניט איינציק און צעטיילבאַר — דעם פעלט די אמתע שלימות[39]. ווייל די תורה איז די העכסטע אַנטפּלעקונג פון דער געטלעכער חכמה, מוז דער, וואָס וויל זיך איר איבערגעבן מיט לייב און לעבן, אינגאַנצן זיך אויסטאָן פון דער וועלט, פאַרגעסן אין אַלע פאַרגעניגנס און גשמיות־זאַכן, טאַקע ווי עס שטייט געשריבן: „זאת התורה אדם כי ימות באהל"[40]. דער מהר״ל, דער רב און בעל־דרשן, האָלט אָבער פאַר נייטיק גלייך אָנצוווייזן: איר זאָלט אָבער ניט מיינען, אַז די תורה איז געגעבן בלויז פאַר יחידי סגולה, „לגדולי החכמים" — הפקר איז די תורה, אַלעמען געהערט זי גלייך מיט איר פשטות און גאַנצקייט[41].

„התורה נתנה לכל" — פאַר אַלעמען איז די תורה געגעבן, חזרט מערערע מאָל דער מהר״ל איבער; ניט יעדע נשמה איז אָבער מסוגל אויפצונעמען די געטלעכע חכמה, וואָס די תורה האָט פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט. דער מהר״ל ווייזט, אמת, אָן, אַז אונטערן וואָרט „העץ"

36 „תפארת ישראל", קאַפּ׳ 11; זע אויך „נתיבות עולם", נתיב התורה, קאַפּ׳ 9.

37 „תפארת ישראל", קאַפּ׳ 20: „ותכלית התורה הטוב הגמור... ענין התורה הוא לקיים הטוב האלהי... שיסוד שלה הטוב האלהי". זע אויך „נתיבות עולם", קאַפּ׳ 1.

38 „נצח ישראל", 20; זע אויך „תפארת ישראל".

39 „גבורות השם": „שכל מי שהוא יחיד הוא הכל... החלוק — דבר גשמי"; „נצח ישראל", 48: „שכל שלם הוא יחיד והאחד הוא שלם, כי הדבר שאינו אחד רק מחולק לא יפול עליו שלמות".

40 זע דרוש על התורה", 13; „נתיבות עולם", 11.

41 „נתיבות עולם", 10: „וכמו שהתורה היא הפקר, לפי שהתורה אינה מעולם הזה רק העליון ולכך התורה היא אל הכל בשוה... והכל הוא מצד הפשיטות שבתורה". זע אויך די פאָררעדע צו „תפארת ישראל": „ולא יאמר האדם כי התורה לא נתנה רק לגדולי החכמים שהם רחוקים מן הטבעית, אבל התורה נתנה לכל".

מיינט די תורה יעדן, וואס איז מקיים די זיבן געבאטן פון די בני נח [42]. אבער — שטרייכט דער מהר"ל מערערע מאל אונטער — כל המין מבני אדם אי אפשר שיהיו שוים כלם במעלת נפשם; ניט אלע מענטשן האבן גלייכע נשמות, און ניט דאס גאנצע מענטשן־געשלעכט (המין האנושי) איז אין גלייכער מאס דורכגעדרונגען מיטן געפיל פון געטלעכער הייליקייט. ניט ביי אלע אומות האט זייער נשמה דערגרייכט צו אזא מאראליש הויכער מדרגה, זיי זאלן בכוח זיין צו פארווירקלעכן די אלע „פעולות האלהיות שהם מצות התורה". דערצו מוז מען זיין מסוגל פון געבורט, עס מוז זיין א גייסטיקע קרובהשאפט, די נשמה זאל אינטויטיוו שטרעבן און גלוסטן דערצו. דאס איינציקע פאלק מיט דער באשטימטער הכנה, מיט דער קרובהשער „געטלעכער נשמה" (הנפש האלהית), וואס פילט זיך ענג פארבונדן מיט דער פארקערפערטער געטלעכער חכמה — מיט דער הייליקער תורה, איז דאס פאלק ישראל [43]. אין דעם באשטייט זיין אויסדערוויילטקייט, זיין פארויסבאשטימטע מיסיע.

מיר געפינען ביים מהר"ל פילע פאטעטיש געשריבענע בלעטער, וווּ ער איז מפליא דעם וווּנדערבארן סוד, וואס שטעקט אין דעם נאציאנאלן קיבוץ, וועלכער לעבט אין דער פילפאכער מערהייט פון יעדן יחיד באזונדער, נאר בלייבט שטענדיק אין זיין איינציקייט און גאנצקייט, ווארעם — „אויסער איינציקייט איז ניטא קיין שלימות" [44]. „דאס פאלק ישראל — פארזיכערט דער מהר"ל — איז ניט קיין טייל פון דעם גאנצן קיבוץ — דאס איז אן איין א י נ צ י ק ע אומה, וואס האט צו זיך איר גלייכן ניט... און טאקע אין איר איינציקייט ליגט איר אוניווערסאלע גאנצקייט, ווארעם בלויז דאס וואס ס'איז איינציק — דאס איז א ל ץ [45]. דאס פאלק ישראל האט זיך אפילו פארזינדיקט, ער בלייבט דאך דער ב ן ־ מ ל ך, וואס טראגט דעם שטעמפל פון דעם פאטערס שלימות. אויף אים האט גאט געזאגט: „בני בכורי ישראל"; ער איז די פארקערפערונג פון דער גאטהייט אויף דער ערד [46]. אין דעם מהר"לס טעאלאגישע קאנצעפציע שפיגלט זיך אפ אויף א גאנץ אייגנארטיקן אופן דער אלטער דריי־איינקייטס־באגריף וועגן גאט דעם באשעפער, דער געטלעכער

---

42 זע „באר הגולה", 104.

43 זע „תפארת ישראל", קאפ' 1; „גבורות ד'", לעצטער קאפיטל.

44 זע אויבן, ז' 102.

45 „גבורות ד'": „אבל ישראל אינם חלק כלל כי הם אומה יחידה שלא תמצא עוד כמותה, שאם אתה מוצא כמותה היתה האומה הזאת חלק.. אבל עתה שהיא יחידה היא הכל, שכל מי שהוא יחיד הוא הכל".

46 זע: „גבורות ד'", קאפ' 39; „נצח ישראל", קאפ' 13.

חכמה — די תורה, און איר „באשערטן״, דעם „בני בכורי ישראל״, וואס איז אויך אזוי אייביק ווי די תורה [47]. זיי דערגאנצן ביידע איינע די אנדערע, זיינען פארוים באשטימט איינער פארן אנדערן. און אט אין דער קרובהשאפט, אין דער פארויסבאשטימטקייט, וואס פארבינדט די תורה מיטן פאלק ישראל פון אייביקע צייטן, זעט דער מהר״ל דעם טיפן זין פון דער אלטער תלמודישער אגדה, וואס דערציילט, אז ווען גאט האט געוואלט מזכה זיין די יידן מיט דער תורה אויפן בארג סיני — „כפה עליהם ההר כגיגית שיקבלו תורתו״, ער האט איבער זיי געצווינגט דעם בארג און זיי געצוווּנגען זיי זאלן מוזן די תורה אננעמען, אלא ניט, וואלט זיי דער בארג אונטער זיך באגראבן. ווארעם אט דער בונד צווישן דער תורה און איר באשערטן, דעם פאלק ישראל, איז געווען א מוז־זאך, א פועל־יוצא פון דער העכסטער, אוניווערסאלער געזעצמעסיקייט [48]. דאך, שטרייכט דער מהר״ל אונטער, און עס פילט זיך דערביי אפשר די השפעה פון חסדאי קרשקש — האט דאס פאלק ישראל ניט נויט אנגענומען די פון גאט אנגעבאטענע תורה. עס איז טאקע געווען א מוז־זאך, ווייל עס איז געווען א פועל־יוצא פון דעם געטלעכן פארוים באשטימטן ווילן, און עס איז דערמיט געווען פארבונדן די פראבלעם וועגן דער הארמאניע און שלימות פון דער וועלט; דאך האט עס דאס פאלק ישראל געטאן אויס פרייען ווילן, ווייל זיין „נפש האלהית״, די געטלעכע נשמה האט געפילט איר קרובהשאפט צו דער „באשערטער״, צו דער געטלעכער תורה [49]. אמת פריי איז לויט דעם מהר״לס וועלטבאנעם דער טיפער מאמין, דער — וועמעס גאנץ טאן און טראכטן איז געווענדט צו דעם איינציק־לעבעדיקן קוואל, פון וואנען עס שעפט איר יניקה די הימלשע טאכטער — דעם מענטשנס נשמה [50].

דער בונד צווישן דעם פאלק ישראל און זיין „באשערטער״ דער תורה — דאס איז די התגלות פון דער אמת מענטשלעכער פרייהייט אויף דער וועלט. דא טרעט גאנץ בולט ארויס אין דעם מהר״לס רעליגיעזן וועלטבאנעם דער געדאנק, וואס פארנעמט אזא בכבודיקן ארט אין דער

---

47 „תפארת ישראל״, קאפ׳ 1: „והתורה נבראת קודם שנברא העולם הטבעי וישראל נבראו גם כן קודם שנברא העולם הטבעי״.

48 דארטן, קאפ׳ 32.

49 דארטן: „ולפיכך כפה עליהם ההר כגיגית במה שהחבור הזה הכרחי ואינו דבר שאפשר שיהיה ואפשר שלא יהיה, שאחר שקבלת התורה הוא שלמות כל העולם איך יהיה בדבר זה אפשרות כלל... ובזה די לבאר כי התורה לישראל ברצון מצד עצמם אבל הכרחי היה להם מצד השי״ת כאשר ראוי לכל הדברים אשר הם שלמות העולם שראוי שיהיה מוכרח ואינו אפשרי״...

50 זע „גבורות ד׳״, קאפ׳ 9.

קריסטלעכער אידעען־וועלט — די אידעע וועגן דעם מענטשן־גאָט. דער מענטשן־גאָט אַנטפּלעקט זיך אָבער דאָ ניט אין דער געשטאַלט פון דעם בן־אָדם, פון דער איינציקער מענטשלעכער פּערזאָן, נאָר אַלס גאַנצער קיבוץ, אַלס נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. די יידישע אומה, גאָטס „בני בכורי" — אָט דאָס איז דער מענטשן־גאָט, אין וועלכן דער גאַנצער מענטשן־געשלעכט, דער גאַנצער קאָסמאָס האָט באַקומען זיין באַשטימטע געשטאַלט, זיין ציל און תכלית.

דער מהר"ל טרעט דערביי גאַנץ אַנטשיידן אַרויס קעגן די, וואָס האַלטן מיטן רמב"ם דעה, אַז די מלאכים שטייען אויף אַ פּיל העכערער מדרגה פון שלימות, ווי דער מענטש און ווי זיין העכסטע אַנטפּלעקונג — די יידישע אומה [51]. די מלאכים, זאָגט דער מהר"ל, זיינען דאָך באַשטימט בלויז געוויסע שליחות דורכצופירן, דאָס פאָלק ישראל אָבער איז גאָטס זון און אַלס אַזעלכער אַנטפּלעקט ער מיט זיך גאָטס גרויסקייט און טוט פאַרקינדיקן זיין גלאַנץ און פּראַכט. אָט טאַקע מהאי טעמא טראָגט גאָט דעם נאָמען פון ישראל און ער, ברוך הוא, זאָגט: „אני ד' אלהיך", אָבער נים „אנכי ד' אלהי המלאכים" [52].

דאָ קומען מיר אין באַרירונג מיט איין וויכטיקן פּרט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מהר"לס וועלטבאַנעם. מיר האָבן שוין אינם אַריינפיר צו אונזער געשיכטע דערמאָנט די שיינע ביבלישע לעגענדע, וואָס דערציילט אונז, ווי דער באַשעפער האָט פאַר דעם אָקאָרשט אַנטשטאַנענעם מענטשן געבראַכט אַלע באַשעפענישן, וואָס ווידמען זיך אויף דער יבשה, אין דער לופט און אין די ימען, בכדי יענער זאָל זיי נעמען געבן; און אָט מיט דעם נאָמען, וואָס דער מענטש האָט געגעבן, לעבט יעדע באַשעפעניש. די דאָזיקע לעגענדע געפינט איר דערגאַנצונג אין דער שיינער תלמודישער אגדה, וואָס דערציילט: נאָכדעם ווי גאָט ברוך־הוא האָט דעם מענטשן אויס ליים באַשאַפן, האָבן די מלאכים מיט תרעומות געפרעגט: מה טיבו? צו וואָס טויג אָט דאָס באַשעפעניש? האָט הקב"ה צו זיי געזאָגט: „חכמתו מרובה משלכם — אָט דער אויס ליים באַשאַפענער איז פאַרשטענדיקער פון אייך. און בכדי דאָס צו דערווייזן, האָט גאָט געבראַכט פאַר די מלאכים אַלע חיות און עופות זיי זאָלן זאָגן „מה טיבם", און זיי זאָלן יעדן פון זיי מיט אַ נאָמען באַצייכענען. די מלאכים, וואָס וואַנדערן שטענדיק אין די הימלישע הייכן,

---

51 „גבורות ד'", קאַפּ' 44: „אני אומר כי כל האומר כי המלאכים הנבדלים הם יותר במעלה מן ישראל שהם אדם באמת אשר נקראו בנים לו יתברך, אין רוח חכמים נוחה הימנו".

52 דאָרטן.

איז אָבער געווען פרעמד די ערד מיט אירע באַווינער, האָבן זיי די ערדישע באַשעפעניש ניט געקאָנט שאַצן, און נעמען זיי געבן אוודאי ניט. האָט גאָט ברוך־הוא די באַשעפעניש פאַר דעם מענטשן געבראַכט, און יענער האָט גלייך געזאָגט: אָט די חיה זאָל טראָגן דעם נאָמען: אָקס, די — קעמל, די — אייזל און אַזוי ווייטער. האָט גאָט דעמאָלט געפרעגט ביים מענטשן: ואני מה שמי? ווי זשע איז מיין נאָמען? „דיר — האָט דער מענטש געענטפערט — פּאַסט דער נאָמען „אדוני", ווייל דו ביסט דער אדון הכל — דער האַר פון אַלץ!" אמר הקב"ה — האָט גאָט געזאָגט: זאָל אַזוי זיין! אני הוא שמי שקרא לו אדם — איך בין דער, מיט וואָסער נאָמען דער מענטש האָט מיך באַצייכנט!

אין דעם דאָזיקן מדרש, דערקלערט וויטער דער מהר"ל, איז פאַרבאָרגן איינער פון די טיפסטע „סודי התורה וסתרי החכמה", וואָרעם, שטרייכט דער מהר"ל אונטער, דער מענטש איז דער „עיקר המציאות, ער איז די מאָס פון אַלע זוערטן, דער „צענטראַלער פּונקט אין דעם עיגול פון דער וועלט", און אַלץ וואָס עקסיסטירט ווערט אָפּגעשאַצט לויט דער געשטאַלט, וואָס עס באַקומען אין דעם מענטשנס אויגן, לויט דעם נאָמען, מיט וועלכן דער מענטש באַצייכנט די זאַך [53].

דער מהר"ל פון פּראָג גייט אָבער נאָך ווייטער. אַפילו דער בורא עולם באַווייזט זיך פאַר דער וועלט אונטער דעם נאָמען און אונטער די באַגריפן, מיט וועלכע דער מענטש טוט אים באַקליידן. דער באַשעפער פון דער וועלט אַנטפּלעקט זיך אַלס „אלהי ישראל", און ווערט נתגלה אין דער געשטאַלט, אין וועלכער דער מענטש איז אים משיג [54].

מיר באַגעגענען אויך דאָ, אין דעם וועלטבאַנעם פונם מהר"ל, דעם אייגנאַרטיקן טעאָלאָגישן אַנטראָפּאָלאָגיזם *, וועלכער איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן „זוהר", וווּ דער מענטש ווערט באַטראַכט אַלס דער אַבסאָלוטער „אין־סוף" אין באַגרענעצטע פּערסאָניפיצירטע פאָרמען, אָדער, פּשוטער אויסגעדריקט, אַלס דער ערדישער מאַטעריעלער טרעגער פון דער גאָטהייט.

דער מענטש, ווי מיר האָבן געזען, איז לויט דעם מהר"לס וועלטבאַנעם דער „עיקר המציאות", און די קרוין פון דעם מין האנושי איז —

---

53 „תפארת ישראל", קאַפּ' 33: „ומפני שהאדם הוא עיקר המציאות הנה כל הדברים ראויים שיהיו נקראים כפי אשר מתיחסים אל האדם... יש לאדם משפט הנקודה שהיא בתוך העיגול וזה כי כמו שהנקודה היא עיקר ואמצע העגול ולכך היא מקבלת הכל וכך כל הנמצאים נקראים כפי אשר הם מתיחסים אל האדם שהוא עיקר המציאות".

54 דאָרטן.

* פון דעם גריכישן וואָרט אַנטראָפּאָס — דער מענטש.

„בני בכורי ישראל”. טרעט דאָ ארויס אין איר גאַנצער טראַגישער סתירה די הארבע שאלה: דער „געטלעכער זון”, דער געטלעכער תורהס „באַשערטער”, דאָס „איינציקע” און „אויסדערווײלטע” פאָלק — שמאַכט אין ביטערן גלות? אָט דער פּראָגער רב פונם 16טן י”ה איז דאָך געווען אַן עדות פון אַזוי פיל גזירות און רדיפות, וואָס יידן זיינען אין יענער צייט אויסגעשטאַנען, און ער רעדט מיט רירנדיקן פּאַטאָס וועגן די שרעקלעכע ליידן און דערנידעריקונגען, אין וועלכע עס לעבן די „צאצאי יעקב, זרע קדושים”. „ווי קאָנען דאָ העלפן ווערטער פון טרייסט!” — רופט אוים דער מהר”ל [55].

מען דאַרף אָבער, לערנט דער מהר”ל, דעם מוט נית פאַרלירן; אַזוי איז שוין דער סדר העולם: דורך פייער ווערט דאָס גאָלד געלייטערט און פון פּסולת באַפרייט; די אַלע צרות און פורענויות האָבן דאָס פאָלק ישראל געמאַכט האַלטבאַרער פון שטאָל, און עס געשיצט פאַר אונטערגאַנג. דאָס אויסדערווײלטע פאָלק מוז ליידן, ווייל עס איז פון אַן אַנדער וועלט, עס איז אַ טרעגער פון העכערע געזעצן, וואָס קומען אין סתירה מיט די מאַטעריעלע נאַטור־געזעצן, און זיין גורל וועט אויך טיילן דער דערלייזער פון דער וועלט, דער מלך המשיח. „אין סוף ליסורים של משיח” — אימהדיק גרוים וועלן זיין די יסורים פונם משיח, ווייל די ערדישע וועלט מיט אירע מאַטעריעלע נאַטור־געזעצן „מתנגד לדבר אלקי” — וויל נית אַנערקענען דאָס דערהויבענע און געטלעכע [56]. „ווייל דאָס פאָלק ישראל — שטרייכט דער מהר”ל אונטער — איז דער יסוד פון דער וועלט, דערפאַר מוז עס זיין צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און זיין געבורטסלאַנד דאַרף זיין די גאַנצע וועלט” [57]. צעשפּרייט זיין איבער דער גאַנצער וועלט און דאָך דערביי בלייבן אַן „עם לבדד ישכון” — דאָס האַלט פאַר נייטיק מערערע מאָל איבערצוחזרן דער מהר”ל, דער זון פונם מיטלאַלטערלעכן אָפּגעצוימטן געטאָ. דאָס יידישע פאָלק, ווייזט אָן דער מהר”ל, דאַרף לעבן אַ גאַנץ אָפּגעזונדערט לעבן, נית קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט די אומות העולם, אלא נית, וועט דאָס אויסדערווײלטע פאָלק פאַרלירן זיין אייגנאַרטיקייט און נית זיין מער די „איינציקע און גאַנצע” אומה. און נית אומזיסט האָבן אונזערע חכמים אָנגעוויזן, אַז די יידן זיינען פון דער קנעכטשאַפט אין מצרים אויסגעלייזט געוואָרן אין דעם

---

55 „נצח ישראל”, קאַפּ׳ 44.

56 דאָרטן, דף 45, עמ׳ א׳.

57 דאָרטן, דף 57: „ישראל הם עיקר העולם... ולכך נתפזרו בכל העולם שבך הוא ראוי לאומה שהיא כל העולם שיהיה מקומם בכל העולם”.

זכות, וואָס זיי האָבן זיך ניט אויסגעמישט מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ניט איבערגענומען ניט זייער לשון, ניט זייערע נעמען, ניט זייער הלבשה [58]. די יידן בנוגע צו אַנדערע פעלקער, ווייזט ווייטער אָן דער מהר״ל, זיינען ווי פייער מיט וואַסער: כל־זמן דאָס פייער איז אָפּגעזונדערט פון דעם וואַסער, טוט זיין פלאַם העל שיינען, ווי נאָר אָבער דאָס פייער קומט מיטן וואַסער אין באַרירונג — גלייך ווערט זיין פלאַם אויסגעלאָשן און די פינסטערניש שלינגט איין די ליכט [59].

דער מהר״ל טרעט דערפאַר אַנטשיידן אַרויס קעגן די, וואָס זיינען מקיל אין די באַציִונגען צווישן די יידן און די אַרומיקע פעלקער; ער איז זיך, למשל, שטאַרק מתרעם אויף די, וואָס רעכענען, אַז דער איסור פון יין נסך האָט שוין אָנגעוואָרן זיין ווערט, ווייל ס׳איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז די קריסטלעכע פעלקער „מנסכין עתה לעבודה־זרה״ [60]. מען דאַרף — לערנט דער מהר״ל — וואָס ווייטער זיך אָפּזונדערן פון דער אויסערלעכער וועלט, „גייט אין די וועגן פון אונזערע אָבות, גיט זיך איבער מיט לייב און לעבן דעם לימוד התורה מיט אירע מצוות מיט אַלע דקדוקי המצוות ודקדוקי דקדוקיה״ [61]. לערנען תורה, ווייזט דערביי אָן דער מהר״ל, דאַרף מען אָבער ניט ביחידות נאָר בחבורה, צוזאַמען מיט אַנדערע [62], ערשט אין פריינדלעכן וויכוח פון קרובהשע נשמות ווערט דער אמת געבאָרן. „אין התורה נקנית אלא בחבורה״, חזרט מערערע מאָל איבער דער מהר״ל. דער מהר״ל האָט אָבער זייער גוט געוווּסט, אַז ביי דעם דרך הלימוד פון פילפול און „חילוקים״, וואָס האָט דעמאָלט געוועלטיקט אין די פוילישע און דייטשע ישיבות, האָט דער „לימוד בחבורה״ ניט געקאָנט ברענגען צום „אויפדעקן דעם אמת״; דאָס האָט בלויז אימהדיק געשטאַרקט ביי די ישיבה־בחורים די תאווה צו קאַזויִסטיש־איבערגעשפיצטע דריידלעך, בכדי צו בלענדן איינער דעם אַנדערן מיט חריפותדיקע איינפאַלן און שכלדיקע המצאות. וועגן דעם אמתן פשט און ריכטיקן אינהאַלט פון דער באַטרעפנדיקער סוגיא אָדער הלכה האָט מען דערביי אַמווייניקסטן געזאָרגט. דער מהר״ל מיט זיין טעמפּעראַמענט פון אַן אמתן מוכיח און קעמפער איז דערפאַר מיט זיין

---

58 „גבורות ד׳״, קאַפּ׳ 43.

59 „נצח ישראל״, דף 37.

60 „דרוש על התורה״, 46.

61 „תפארת ישראל״, סוף קאַפּ׳ 13.

62 „דרך חיים״, דף 107, עמ׳ ב׳: „כי האדם כאשר הוא יחיד אינו מקבל התורה... אם עוסק בתורה יחיד הוא מפסיד״ (מ׳ד ציטירן לויט דער ערשטער קראָקער אויסגאַבע).

גאַנצער ענערגיע אַרויסגעטראָטן קעגן דער דעמאָלטיקער ערציִונג און בילדונג־סיסטעם, און ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע איינגאַנצן רעפאָרמירן דעם דרך הלימוד פון דער יידישער יוגנט. די דאָזיקע פּראָבלעם — ־רע־פאָרמירן די דערציִונגס־סיסטעם צוזאַמען מיט אַ זייער שאַרפער קריטיק פון דעם דרך הפילפול — ווערט ביי דעם מהר״ל ספּעציעל באַהאַנדלט אין זיין אַריינפיר צו דעם „נתיבות עולם״ און אין זיין באַקאַנטן „דרוש על התורה״, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1593. ער האָלט־אָבער די דאָזיקע פראַגע אויף אַזוי פיל וויכטיק, אַז ער קערט זיך צו איר אום כמעט אין אַלע זיינע פילצאָליקע ווערק. דעם מהר״לס קאַמף קעגן דעם דעמאָלטיקן סדר הלימוד האָט בלי־ספק אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן באַטייט, ווייל מיר באַקענען זיך דערביי מיט אינטערעסאַנטע פּרטים אויס דעם קולטורעלן שטייגער־לעבן אין די דעמאָלטיקע חדרים און ישיבות.

„מיום עמדי על דעתי — זינט איך בין געקומען צום פאַרשטאַנד, דערציילט דער מהר״ל אין דער הקדמה צו „דרוש על התורה״, קוק איך מיך אויפמערקזאַם צו און זע ווי שלעכט אונזער דור פירט דעם דרך הנהגת התורה והלימוד. האָב איך צו מיר געזאָגט: לא זו הדרך! ניט דאָס איז דער וועג, אין וועלכן אונזערע אבות און די הייליקע קדמונים זיינען געגאַנגען. דער אונטערשייד איז אַזוי גוואַלדיק גרויס, אַז עס קאָן גאָר קיין פאַרגלייכונג ניט זיין. האָב איך דערפאַר מיט אייניקע יאָר צוריק זיך גע־שטאַרקט ווי אַ לייב, און געוואָלט מאַכן תקנות אויף דעם געביט לויט מיין פאַרשטאַנד. איז דאָס מיר אָבער ניט געלונגען, ווייל די קינדער פון אונזער דור טוען דערקלערן: אחרי רבים נלך! ערשט ניט לאַנג האָב איך געמאַכט אַ נייעם פּרוּוו און זיך געווענדט מיט אַן אויפרוף למדינות פולין ורוסיא, זיי זאָלן זען מאַכן די נייטיקע תיקונים אויף דעם דאָזיקן געביט, איך האָב אָבער אויך דאָס מאָל גאָרניט געפועלט. דאָך טרעט איך ניט אָפּ און טו דעם מוט ניט פאַרלירן; איך וויל האָפן, אַז מיינע מוסר־רייד וועלן דאָך דערהערט ווערן און וועלן דערגרייכן די אויפמערקזאַמע און גאָטס־פאָרכטיקע הערצער... אויב עס וועט מיר דערביי געלינגען צו ברענגען הילף און אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג איינעם פון טויזנט, וועל איך מיך ניט רעכענען מיט די טויזנטער נאַראָנים, וואָס טוען פאַרשטאָפּן זייערע אויערן און ווענדן אָפּ זייערע אויגן״...

דער דרך הפילפול, זאָגט ווייטער דער מהר״ל אין זיין „דרוש על התורה״, מיט וועלכע אונזערע חכמי התלמוד האָבן זיך באַנוצט, איז כלל ניט געווען קיין „חריפות של הבל״; דאָס איז ווירקלעך געווען אַ וויכטיק מיטל בכדי אויף אַ דיאַלעקטישן אופן אַרויסבאַקומען דעם ריכטיקן תוך פון יעדער הלכה, ניט אַזוי ווי אונזערע היינטיקע בעלי הפילפול „שעושים

תורת אלהינו פלסתר״ — וואָס טוען פעלשן אונזער תורה. זיי רופן דאָס ,,דברי חידוד״ — אוודאי זיינען דאָס ,,שטעכעדיקע ווערטער״ (דברי הדודין), וואָס שטעכן און רייסן די הערצער פון די צוהערער. גאַנץ באַ־ ווסטזיניק פאַרדרייען זיי און פעלשן די סוגיא פונם תלמוד בלויז מיט דעם צוועק, בכדי אַרויסווייזן דעם קונץ פון חריפותדיקע איינפאַלן. דאָס ברענגט דערצו, וואָס ס׳ווערן פאַרלאָזן די וועגן פון תורה, וואָרעם די, וואָס דורשטן מיטן גאַנצן האַרצן נאָך אמתן וויסן, זאָגן: וואָס קאָנען אונז העלפן אָט די אַלע קונצשטיק און בלענדוועדקס? זיי דערווייטערן זיך דערפאַר פון אונזערע ישיבות, ווו עס בלייבן בלויז יונגע בחורים, וועלכע זיינען ליידיק פון וויסן און ניט די תורה איז זייער באַגער [63].

,,אוי לאותה חרפה ולאותה בושה וכלימה! — רופט אויס דער מהר״ל אין אַן אַנדער אָרט [64] — וואָס אונזער דור איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע דורות; פאַרשוואונדן איז אין אים דער כבוד התורה, איר גלאַנץ און פּראַכט, און מיר זיינען אַלע נאַקעט אָן וויסן. און דאָס אַלץ צוליב די ,,חילוקים״ מיטן פּילפּול... זאָלן זיי ניט זאָגן דער פּילפּול שאַרפט די מוחות — ער מאַכט בלויז נאַריש און אומוויסנד (איך יאמרו שהם מחדדין, אין זה אלא שמטפשין טפשות גמור); און מיר זעען דאָך צו וואָס דער דאָזיקער ,,חידוד״ האָט אונז געבראַכט... וואָלטן די בחורים אין די יונגע יאָרן אין דער התחלה געלערנט דעם פשט פון דעם תלמודישן טעקסט, וואָלט ביי זיי געבליבן די גירסא דינקותא, און וואָלטן ווייניקסטנס געקאָנט אייניקע מסכתות, אָבער איצט קאָנען זיי גאָרניט, אין דאָס דערפאַר, וואָס זיי הייבן גלייך אָן פון ,,תוספות״ נאָך איידער זיי האָבן באַקומען אַ וועלכן ס׳איז באַגריף וועגן דעם תלמודישן טעקסט גופא... מען קאָן דאָך ניט שטעלן איינע און די זעלבע פאָדערונגען קליינע קינדער צוזאַמען מיט דערוואַקסענע, ביי אונז וויל מען אָבער דערפון ניט וויסן, און פרוווט טענהט מיט דעם פאָטער און גיט אים צו פאַר־ שטיין, אַז ער דאַרף מיט זיין קינד פריער לערנען די ,,שיטת ההלכה״ און ניט אים גלייך פאַרשלאָגן דעם קאָפּ מיט תוספות — וועט דאָס ביי אים אויסזען גלייך, ווי איר זאָגט אים, אַז ער דאַרף זיין זון לגמרי ניט לערנען, וואָרעם דער פאָטער טראַכט בלויז וועגן כבוד (כי אין האב חפץ רק בשם)...

63 „דרוש על התורה", 33: „ומתוך כך ילכו בנויים אין תורה, כי אשר הם מוכנים ותמצים בתורה, קצת יאמרו: מה לנו ולדברים אלו חבדוים מלב ואותיות פורחות באויר? ונמנעים ע״י כך מישיבה, אין שם גם אחד זולת הנערים הנעורים מחכמה שאין מבקשים תורה".

64 „נתיבות עולם", קאַפּ׳ 5.

מיינט ניט, — זאגט ווייטער דער מהר"ל, — אז יעדער, ווער עס קאן פרעגן קשיות אין דער סוגיא, ווער עס איז אן „עוקר הרים" און חריפות־דיקער בעל פילפול — דער הייסט שוין א בעל־תורה. ניין! ניט קיין בעל תורה איז ער, נאר בלויז א בעל פילפול! און ווו עס איז ניטא קיין אמתע ידיעת התורה, דארט פעלט אויך יראת שמים... זייט וויסן, איר אלע לומדי התורה, וואס זיצן אין די ישיבות — רופט ער אוים ווייטער — ווען אלע ימען זאלן זיין טינט, וואלט נאך אלץ ניט געקלעקט צו באשרייבן, וואס פאר א גוואלדיקן חורבן ס'האט אנגעמאכט דער דאזיקער דרך הלימוד, וועלכער האט גורם געווען, אז אין די מדינות, ווו עס זיינען אמאל געווען אזוינע גדולי התורה ווי רש"י, דער רבנו תם און די בעלי התוספות—זאל איצט בעונותינו הרבים „נשתכחה התורה לגמרי והוסרה כהן הן התורה הן המעשים"... וואלט כאטש—פארענדיקט מיט טרויער דער מהר"ל — איינער פון טויזנט איינגעזען, ווי גרוים ס'איז די געפאר, וואלטן אט די ווייניקע געווען מיר א נחמה. קיינער אבער זעט ניט און וויל ניט פארשטיין. דערויף קלאגט מיין הארץ און עס טרערן מיינע אויגן!.. [65].

אין די ווייטערדיקע קאפיטלען פון דעם דאזיקן ווערק באריים ווידער דער מהר"ל די אנגעווייטאגטע פראגע וועגן קינדער דערציען. „אלע קינדער גייען צום רבין תורה לערנען, זייער גרוים איז אבער דער חשש, אז ביי דעם ווילדן סדר הלימוד, וואס געוועלטיקט ביי אונז, קאן דאס אלץ לויטער שאדן ברענגען. אויף לערנען ביבל און משנה לייגט מען בכלל קיין אכט ניט, און אויך דער לימוד פון גמרא ווערט געפירט אויף אזא אופן, אז ער קאן קיין פעולה ניט האבן. דאס קינד, ווי עס קומט צום רבין אן וועלכע ידיעות אין די כתבי הקודש, אזוי גייט עס אויך פון אים אוועק. די משנה, וואס איז דאך דער יסוד און דער עיקר אין דעם לימוד התורה, ווערט אויך ניט געלערנט, און אזוי בלייבן די קינדער ביי גארניט. מיט אייגענע הענט מאכן זיי זיך אומגליקלעך; זיי ווילן פליען אין די הויכע הימלען, און פאלן אלץ נידעריקער, און עס העלפן ניט קיין שום טענות. דער מלמד טראכט נאר וועגן זיך, און דער פאטער מיט זיין קנאפן פארשטאנד וויל, דער זון זאל אין א קורצער צייט אויסלערנען כל התורה כולה. זיין זון איז נאך א יינגל און ער שיקט אים שוין למרחקים, ער זאל דארט שעפן תורה פון די טיפע ברונעמער. די אלע חלומות צעשווימען אבער ווי וואסער, און ס'איז נאך גוט ווען דאס יינגל ברענגט מיט זיך ווייניקסטנס צוריק דאס ביסעלע תורה, מיט וועלכע ער איז אוועק. אזוי

[65] דארטן, קאפ' 5.

גוואַלטיק גרויס איז די צאָל פון די אומגעקומענע נעבעך, וואָס דער אומ־געלומפּערטער סדר הלימוד האָט זיי געמאַכט פאַר אייביקע קאַליקעס״ [66].

דער מהר״ל באַנוגנט זיך אָבער ניט בלויז דערמיט, וואָס ער קרי־טיקירט שטאַרק דעם דעמאָלטיקן סדר הלימוד. אין פילע פון זיינע ווערק [67] ווייזט ער אויך אָן דעם דרך, ווי אַזוי מען דאַרף רעפאָרמירן די קינדער־דערציִונג, און שטרייכט טאַקע דערביי יעדעס מאָל אונטער, אַז ער לייגט דאָ ניט פאָר קיין נייע רעפאָרמען — ער וויל נאָר מען זאָל זיך אומקערן צו דעם ריכטיקן וועג, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען אונזערע קדמונים, די חכמי התלמוד.

„די קדמונים — דערקלערט דער מהר״ל — זיי האָבן געפירט די תינוקות של בית רבם אויפן ריכטיקן וועג צו אַ באַשטימטן ציל; היינטי־קער דור אָבער האָט דעם דאָזיקן דרך פאַרלאָזן, ער וויל אויפבויען אַ בנין ניט טראַכטנדיק פריער וועגן דעם נייטיקן יסוד און פאַסיקע גרונט־שטיינער פאַר דעם דאָזיקן בנין. אין אַמאָליקע דורות האָט מען געפירט דעם סדר הלימוד לויט אַ באַשטימטן פּלאַן: בן חמש למקרא — צו פינף יאָר האָט מען מיטן קינד אָנגעהויבן לערנען חומש, צו 10 יאָר — משנה, און ערשט צו 15 — גמרא. מען האָט געפירט דאָס קינד מין הקל אל החמור, און ערשט נאָכדעם, ווי דאָס קינד האָט אין די קליינע יאָרן זיך באַקענט מיט די יסודות פון אונזער אמונה, איז עס אימשטאַנד געווען אי־בערצוגיין צום וויטערדיקן לימוד — צו משנה, וואָס איז דער לעבעדיקער שורש, אויס וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן דער מעכטיקער בוים פון דער תלמודישער ליטעראַטור. אַזוי האָבן זיך נוהג געווען אונזערע חכמים אין אַמאָליקע צייטן. גאַנץ אַנדערש איז מען זיך היינט נוהג אין אונזערע מדינות. הסכלים שבדורנו — טוען אַלץ קאַפּויר. חומש לערנט מען מיט די קינדער אויף אַ משונה ווילדן אופן. יעדע וואָך הייבט מען אָן מיטן קינד לערנען די געהעריקע סדרה, נאָר ווייל דאָס יונגע קינד איז ניט

---

66 „נתיבות עולם״, נתיב התורה, פרק 10: „אמנם עתה בדורנו זה אף כי יש תינוקות של בית רבם והם נכנסים לרבם ללמוד תורה, אבל אני חושש לגודל הקלקול שיש להם בהנהגת הלמוד התורה בענין ובפרט במקרא וכ״ש במשנת שאין שמים לב עליה כלל וכן בגמרא, יוצא שכרם של למוד התורה בהפסד הקלקול הגדול והעצום שנוהגים בענין הלימוד... ודבר זה בעצמם בלמדם בגמרא ועוזבים את המשנה שהיא היסוד ועיקר לכל התורה כולה וכבר בארנו קלקול הגדול והעצום אשר מאבדים עצמם לדעת רוצים לעלות בסולם השמימה והם נשארים מטה מטה... עד שבעו״ה רבים חללים הפילה ועצומים כל הרוגיה הכל בשביל תקלת הלמוד שאינם נוהגים כראוי בתורה״...

67 זע „תפארת ישראל״, קאַפּ' 56, ז' 110—111; „גור אריה״ (פירוש על התורה), V, 6, 7; „דרוש על התורה״, 7—36; „דרך חיים״, VI, 6.

אימשטאַנד אויסלערנען די גאַנצע סדרה, בלייבט ער שטיין אין דער מיט, און אויף דער צווייטער וואָך גייט מען שוין מיטן קינד גלייך איבער צו דער צווייטער סדרה; און אַזוי לערנט דאָס קינד בלויז אָפּגעריסענע שטיק־לעך אָן אַ שום צוזאַמענבונד און עס ווייס סוף־כּל־סוף קיין איינציקע סדרה בשלימות. פרוווט עמעצער אָנווייזן ווי ווילד ס'איז אַזאַ סדר און אַז מען דאַרף זוכן אַן אַנדער דרך, באַקומט ער גלייך איין און דעם זעלבן ענטפער: „ווי אַלע זיינען זיך נוהג, אַזוי פירן אויך מיר זיך אויף". און אַז דאָס קינד, וואָס האָט גאָרניט אויסגעלערנט, ווערט אַ 6—7 יאָר, הייבט מען מיט אים גלייך אָן גמרא. אפילו אין מער דערוואַקסענע יאָרן איז זייער שווער תּופס זיין דעם תּלמודישן טעקסט, אויב מען האָט פּאַרויס זיך ניט גרינטלעך באַקענט מיט דער משנה, בפרט נאָך אין די קינדערשע יאָרן. אונזערע מלמדים און מדריכים ווילן דאָס אָבער ניט פאַרשטיין. זיי איז אפילו דאָס אויך ווייניק. ווי נאָר דאָס יינגל איז אַ ביסל חיימיש געוואָרן אין דעם תּלמודישן טעקסט, הייבט מען אים שוין אָן צו שטאָפּן מיט תּוספות, וואָס ער איז מיט זיין יינגלשן שכל בכלל ניט אימשטאַנד משיג צו זיין. וואָלט עס נאָך ווייניקסטנס געבליבן ביי תּוספות — מען קלעטערט אָבער נאָך ווייטער, און מען פאַרשטאָפּט דעם יינגל דעם קאָפּ מיט פּילפּול און „חילוקים"; ער פטרט זיינע כּוחות און בעסטע יאָרן מיט ווילדע קלאָץ־קשיות, מיט פאַרדרייטע סברות און קרומע איינפאַלן, וואָס צערינען ווי שפּינוועבס, און ער בלייבט נאַקעט און בלויז אָן ריכ־טיקע ידיעות און אמתן וויסן [68]. צי קאָן אָבער אַזוינס דערלאָזן ווערן אין די געצעלטן פון פאָלק ישראל, מען זאָל קינדער געוויינען צו פאַלשקייט און רוח שקר? מען זאָל פטרן יאָרן בלויז אויף חידוד השכל — דעם שכל צו שאַרפן! דאָס איז אָבער אויך ניט אמת. ניט מיט קרומע שפּיצלעך און ווילדע המצאות קאָן מען שאַרפן דעם שכל, ער זאָל קאָנען לייכט משיג זיין דעם ריינעם אמת. אדרבה — דורכן קרומען פּילפּול איז דער שכל שוין ניט אימשטאַנד לאָגיש און קלאָר־צו דענקען. אונזער תּורה איז אָבער די תּורה פון אמת, און אייער פּילפּול פאַרטונקלט דעם אמת און פאַר־שפּרייט בלויז פאַלשקייט און ליגן. „ווערט בעסער — רופט אויס מיט רוגז דער מהר"ל — בעל־מלאכות, סטאָליערס און האָלצהעקערס, באַווייזט דאָרט קונצן און מייסטערשאַפט! דאָרט, אין דער בראַנזשע פון מלאכה

---

68 זע „גור אריה", דף 205, עמ' ב': „ואז יעסוק בתוספות ומי יתן והיה לו העיקר ולא יבקש תוספות ועוד יעלה בסולם לדרוש במשאות שוא, יגיע לריק כחו ויבלו בהבל ימיהם ושנותם בבהלה לעסוק בפלפול של הבל להסביר פנים אשר לא כן אוסף רוח בפניו והיה לרוח שקר בפיו"... (מיר ציטירן לויט דער ערשטער פּראָגער אויסגאַבע 1578).

און האנטארבעט, קאנען מייסטערשאפט און המצאות ברענגען דעם גרעסטן נוצן, דארט איז קונץ — דער דרך האמת, דער דרך, אין וועלכן אונזער תורה גייט. אבער אייערע קונצן ביים חידוד השכל זיינען לויטער ליגן, און פאלשקייט און אמת זיינען דאך דער פולסטער היפך[69].

„אט אזוי — קלאגט זיך דער מהר״ל — וואקסן ביי אונז אויס קינדער ליידיק פון וויסן, אן גרינטלעכע ידיעות אין תנ״ך, משנה און גמרא. די ישיבה־בחורים גופא פארשטייען דאס אבער נים. זיי פאסן זיך צו צום געשמאק פון די, וואס האלטן זיי אויס מיט אלע זייערע הצטרכותן. זאל מאכע דעם יונגגמאנס גאנץ ביסעלע וויסן באשטיין בלויז אין פילפול און שפיציקע המצאות — דער אומוויסנדיקער המון מיינט אבער, אז דאס איז די טיפסטע חכמה, און דער יונגערמאן זעט אין דעם זיין בעסטן תכלית, דעם ריכטיקן וועג צו מאכן א קאריערע. ווארעם ער טראכט ביי זיך: איך וועל דאך מיר דערמיט קונה שם זיין ביי די, וואס וועלן מיך באזארגן מיט אלדעם גוטן, איך וועל מיך איינקויפן ביי רייכע לייט, וועל באקומען א פראקטישע סוחרישע פרוי און וועל פון קיין שום דאגות נים וויסן״[70].

בכדי צו קעמפן קעגן דעם פארדארבענעם סדר הלימוד האט דער מהר״ל געגרינדעט פיל חברות לומדי משנה[71], און יענע האבן אגיטירט וועגן דורכפירן די פונם מהר״ל פראיעקטירטע רעפארם, וואס איז באשטאנען אין דעם באנייען דעם אלטן, נאך ביי די חכמי התלמוד אנגענומענעם סדר הלימוד: צום ערשט לערנען מיט די קינדער די ביבל, און ערשט דערנאך, ווען דאס קינד וועט שוין זיין א בקי אין תנ״ך, איבערגיין מיט אים צו משנה און דאן צו גמרא.

---

69 „תפארת ישראל", ז׳ 110: „ויותר היה ראוי שיהיה מתעסק באומנות שיש בו חכמה כמו הנגרות וכיוצא בזה מן האומנות ויאמר לחדודי בתורה בעינא, ואם יאמר שאין חידוד האמנות מתדמה ומתיחס לתורה הלא חדוד זה שהם מתעסקים בו הוא יותר רחוק מן התורה, כי החדוד של אומנות הוא תחת סוג אחד עם חדוד התורה ששניהם הם מבקשים לעמוד מתוך החדוד על האמת; והחדוד שלהם כונתו הראשונה לשקר והאמת והשקר הפכיים".

70 זע „גור אריה", 6—205: „וכאשר רציתי לתקן מה שאפשר, הלא גם זה לא עלתה בידי באמרם... נלך אחר מאהבינו נותני צמרי פשתי ושקוי כי אין טוב רק לאכול ולשתות, ישמח בחור בילדותו ויטיב לבו בימי בחרותו ויראה טוב בעמלו. ואם הוא עמל לרוח הלא הוא חכמתו ובינתו לעיני כל עמי הארץ, ודי לי בזה כבוד שם ותהלה כי יתנו לי אשה עירנית סחרנית בת מי זהב"...

71 אז דער מהר"ל האט נים בלויז פארגעלייגט, נאר טאקע אליין געגרינדעט אזוינע חברות, זאגן עדות זיין תלמיד ר׳ אפרים לענטשיצער („עמודי שש", 28) און דער בעל „תוספות יום־טוב", וועגן וועלכן עס וועט באלד זיין די רייד.

„מיין גאַנצע מי — קלאָגט זיך דער מהר"ל — איז אָבער אומזיסט פאַרלאָרן געגאַנגען. עס געפינען זיך אָבער שטענדיק מענטשן חוטאים ומחטיאים, וואָס זייער גאַנצע כוונה איז ביי לימוד התורה בלויז גדלות און כבוד־זוכעריי. זיי ריידן עס איין דעם פשוטן עולם: ס'איז דאָך גלייכער דיין זון זאָל וואָס מער זיך אָפּגעבן מיט „פילפול הגמרא", ווייל דורך דעם וועט ער גיך זיך קונה־שם זיין, ער וועט ווערן אַ גדול בישראל און באַשיינען מיט זיין רום דיך און דיין גאַנץ הויזגעזינד" [72], און דער פשוטער באַלעבאָס לאָזט זיך פאַרפירן דורך די דאָזיקע חנופישע רייד, ער גלויבט אין דער אמת, אַז משניות איז אַ צו פשוטער און עלעמענטאַרער לימוד, אַז אמתע חריפות קאָן מען באַווייזן בלויז אין פילפול און „חילוקים"...

אָט אַזוי איז אַפילו אַזאַ גאון בישראל מיט אַזאַ גוואַלטיקן אויטאָריטעט ווי דער מהר"ל דאָך ניט געווען אימשטאַנד צו שווימען מיט ער־פאָלג קעגן דעם שטראָם, און דורכפירן זיין געפּלאַנטע רעפאָרם אין דעם סדר פון קינדער־דערציִונג. עס איז אים ניט געלונגען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז ניט געווען איינער אַליין אין דעם אָנגעפאַנגענעם קאַמף, און האָט מיט זיך געהאַט טיכטיקע מיטהעלפער. דעם מהר"לס באַדייטנדסטער מיטהעלפער איז געווען דער פּאָפּולערער בעל־דרשן אפרים בן אהרן אוים לענטשיץ [73]. די יונגע יאָרן האָט ר' אפרים פאַרבראַכט אין יאַראָסלאַוו [74], דערנאָך געווען ראש־ישיבה אין לעמבערג, זינט 1604 איז ער רב און ראש־ישיבה אין פּראָג, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1619. אפרים לענטשיצער איז באַקאַנט אַלס פאַרפאַסער פון פילע ווערק: אַ פירוש אויף רש"י, „כלי יקר", וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף די קאַסטן פון דעם „ווער" [75], מוסר־ספרים „עיר הגיבורים" און דער

72 זה „דרוש על התורה", 34: „וכבר התהלתי להדריך בני אדם שיתנו ללמד בניהם משנה תחלה ליסוד גמור ואח"כ כל סדר הלמוד על פי שגדרו חז"ל בדברי התורה, ולא עמדה לי, באשר מתאמצים תמיד אנשים חוטאים ומחטיאים אשר כל כוונתם בתורה רק לשם, יוהרא ומנעום מזה באמרם: טיב שילמוד בנך פלפול הגמרא בו יעלה מעלה מעלה יהוא לתהלה ותפארת לך ולבנך עד עולם לפעול כשם הגדולים אשר בארץ. ומלמדים הנערים לצפצף כעוף המצפצף ואינו יודע מה".

73 ער רופט זיך גאַנץ אָפט אָן מיטן דאָפּלטן נאָמען: שלמה אפרים. דעם ערשטן נאָמען האָט מען אים ערשט צוגעגעבן אין די עלטערע יאָרן, ווען ער איז געפערלעך קראַנק געווען.

74 זע די פאָררעדע צו „עוללות אפרים".

75 זע די פאָררעדע צו „כלי יקר": „הנה כעת בשנת שס"א (1601) לפ"ק קודם ימי הפורים נפלתי למשכב בחולי מסוכן כמה שבועות עד שהוסיפו לי שם שלמה... ומנהיגי שלוש ארצות יצ"ו היושבים ראשונה במלכות שמים נודעים בשערים לשם ולתהלה, בכחם החזיקו בידי ומכיסם סייעו למלאכת הדפוס, ישלם ה' פעלם ומשכורתם שלמה".

זייער פאפולערער „עוללות אפרים'', ווו עס זיינען מיט אזא אינטימער הארציקייט אויסגענוצט אזוי פיל לעגענדעס און מעשיות אוים די מדרשים; זיין אומפאנגרייך ווערק „רבבות אפרים'' — דרוש אויף תורה, איז געבליבן אין כתב־יד [76]. באזונדערס האט ער זיך קונה־שם געווען אלס גלענצנדיקער בעל דרשן. זיינע דרשות האט ער געהאלטן ניט נאר אין לעמבערג און פראג, ווו ער האט פארבראכט זיינע יארן; ער פלעגט אויך ארויספארן אויף די בארימטע לובלינער „ירידים'', ווו דער „וועד'' פלעגט אפהאלטן זיינע זיצונגען, און דארט, פארן קיבוץ פון די רבני פוילן און די ראשי־הקהילות, פלעגט ער האלטן זיינע פייערדיקע שטראף־דרשות [77]. מיט זיינע שארפע שטראף־רייד האט ער זיך געשאפן א סך שונאים [78], און ווייל ער האט א טייל פון זיינע דרשות פארעפנטלעכט אין א ספעציעלער זאמלונג „עמודי שש'' [79], קאנען מיר זיך אוים זיי איבערצייגן, אז די „פני'', די רבנים און די רעדלפירער פון די דעמאלטיקע קהילות האבן טאקע געמוזט אויסהערן זייער ניט קיין אנגענעמע שטראף־רייד פון דעם קאמפלוסטיקן און אפנהארציקן בעל־דרשן. בעת אפרים לענטשיץ ברענגט, למשל, דעם מאמר פון דער גמרא „שאין דברי תורה מתקיימים כ''א בענוים כמו משה ואברהם'' און אז די חכמה איז „ביותר מצויה'' ביי די, וואס זיינען ביי זיך קליין און נידעריק — איז ער דערביי גלייך מוסיף: „אבער ביי די „תופשי תורה'' פון אונזער דור איז די מידה פון ענוה כלל ניט צו באמערקן. אדרבה — אין לך גאים בעולם כמותם, ס'אויף דער גאנצער וועלט ניט פאראן נאך אזעלכע גדלנים ווי זיי. ווער עס קאן נאר עפעס לערנען (מי שיש בו קצת ריח תורה), מיינט ער שוין, אז עס איז צו אים קיין גלייכן ניטא, און לאז זיך אים נאר אויסדאכטן, אז איר האט מיט עפעס אנגערירט זיין אויפגעפוישטן כבוד, וועט ער אויף גארניט קוקן און וועט נוקם ונוטר זיין מער ווי דער נחש הקדמוני. עס איז גארניט איבערצודערציילן, ווי יעדער פון זיי האלט זיך גרעסער

---

76 זע „עוללות אפרים'', 28 (מיר ציטירן לויט דער ווילנער אויסגאבע, 1877).

77 זע די הקדמה צו „עמודי שש''.

78 אין דער הקדמה צו „עמודי שש'' קלאגט זיך דער מחבר: „ושם היה מדרכי לדבר נגד מלכים מאן מלכי רבנן ולנגוע בקצה המחנה בקצינים... לא אשוב מפני כל אע"פ שזאת היתה נסבה לחיותי מן הנרדפים ומן שוט לשון חמון עמים רבים לא אוכל להחבא ונרמתי לעצמי שרבים היו רודפי וצרי''...

79 אין 1607—דערציילט ר' אפרים לענטשיץ—בעת ס'האט אויסגעבראכן א עפידעמיע אין פראג, איז ער מיט פילע אנדערע איינוווינער אנטלאפן פון דער שטאט און זיך באזעצט אין א קליין שטעטעלע בישיץ, פיר מייל פון פראג. דארט האט ער געהאט פיל פרייע צייט, וועלכע ער האט אויסגענוצט אויף צו פארשרייבן א טייל פון זיינע דרשות און זיי צוגרייטן צום דרוק. דער „עמודי שש'' איז ערשט דערשינען אין 1617.

פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער פון די דאָזיקע חכמי הדור וויל ניט אָנערקענען דעם צווייטן; יעדער איז דעם אַנדערן מבזה, רעדט אויף אים אוים וואָס אין דער קאָרט, פּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז דער צווייטער איז אַן עם־הארץ, אַ נידערטרעכטיקער מענטש, וואָס פאַרשטייט גאָרניט און ווייס גאָרניט — ער איינער איז דער חכם, דער גרויסער מאַן און אַלע אַנדערע זיינען גאָרניט... און ווי גרויס איז זיין פרייד, בעת ער הערט מען רעדט עפּעס שלעכטס וועגן אַן אַנדער תּלמיד־חכם; ער זעט דאָך אין יענעם זיין קאָנקורענט — דאַרף מען אים דערנידעריקן, מאַכן אים צו שפּאָט און געלעכטער'' [80].

אַט די מידה פון קרענקלעכער גדלות און ניט־פאַרגינען, וואָס איז אַזוי גוואַלטיק גרויס ביי תּלמידי חכמים פון זיין דור, נעמט זיך, לויט דעם בעל „עוללות אפרים'', אין אַ געוויסער מאָס פון דעם אומנאָרמאַלן סדר הלימוד, וואָס געוועלטיקט אין די חדרים און ישיבות. מיט דעם זעלבן רוגז און כמעט אין דעם זעלבן סיגנון, ווי דער מהר''ל, רעדט אויך אפרים לענטשיצער וועגן דעם ווילדן סדר פון לערנען חומש מיט די קינדער. „דאָס קינד — קלאָגט זיך אפרים לענטשיצער — איז נאָך אַזוי קליין, אַז עס איז ניט אימשטאַנד עפּעס צו־פאַרשטיין — הייבט מען שוין אָן דערמיט חומש צו לערנען, און דאָס ניט לויטן סדר נאָך, נאָר אָפּגעריסענע שטיקלעך: די וואָך עטלעכע פּסוקים פון בראשית, די צווייטע פון פרשת נח אאז''וו. און אויך אין די דאָזיקע פּסוקים לערנט מען מיטן קינד בלויז דעם פּירוש המלות, אָבער ניט דעם חיבור הפּסוקים, דאָס קינד זאָל ווייניקסטנס באַקומען אַ באַגריף וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער חומש ווערט דאָ אויסגענוצט בלויז אַלס לערנביכל אויף צו לערנען די שפּראַך גלייך מיט אַלע אַנדערע לערנביכער. חזרט מען מיט דעם קינד מעכאַניש איין דעם פּירוש פון די אָפּגעזונדערטע ווערטער, אָבער וועגן דעם תּוך פון דער תּורה, וועגן אירע געזעצן און לערע האָט עס קיין באַגריף ניט. און אָט מיט אַזעלכע קלאָגעדיקע ידיעות גייט דאָס קינד גלייך איבער צום לימוד פון גמרא; און אויך דאָ הייבט מען דערמיט אָן אַזוינע מסכתות, וואָס זיינען נאָך כלל ניט פאַר זיין פאַרשטאַנד, ווי אַ שטייגער, „עירובין'' און „חולין''. דאַרף מען זיך דאָ נאָך וווּנדערן, וואָס דאָס אַלץ ווערט באַלד אויסגעוועבט פון דעם קינדס זכרון און ביים יינגל בלייבט פון די חדר־יאָרן בלויז מטושטשע, סיסטעמלאָזע ידיעות, אָבער ניט די נייטיקע גענויטקייט אין די מצוות און אין דער עטישער לערע פון די חכמי

---

80 „עמודי שש'', קאַפּ' 5, דף 6, עמ' א', און דעם לעצטן קאַפּיטל.

81 דאָרטן, קאַפּ' 5.

התלמוד. אין דעם אלץ איז שולדיק די נארישע גאווה פון די פאטערס, וואס ווילן זייערע קינדער זאלן וואס גיכער ארויסווייזן זייער גרויס חריפות, מען זאל באוואונדערן זייערע געשפיצטע מוחות, וואס זיינען שוין תופס אין גאר די יונגע יארן דעם הארבסטן תוספות און שארפסטן חילוק, און פארשטייען שוין קונציק דעם סוד „לעייל פילא בקופא דמחטא בפלפולי״. דער עיקר הלימוד — איז מוסיף מיט ביטערקייט אפרים לענטשיצער — איז דאך ביי אונז דער „חידוד״, דאס שארפן דעם מוח מיט „פילפול של הבל ותוהו״, וואס הייסט ביי אונז „חילוק״. עס איז דאך ממש א שאנדע צוצוזען, ווי א רב א זקן ויושב בישיבה, וואס איז אנגענומען אין דער גאנצער געגנט, באווייזט קונצן, אנטדעקט גוואלטיקע „חידושים״ און מאכט דעם אנשטעל, אז אזוי איז דער פשט אין דער גמרא, בעת ער אליין ווייס, אז דאס איז שוא ושקר, ער פארבלענדט בלויז זיך און אנדערע די אויגן... צי איז נאך ווען אויף דער וועלט געווען אזא פארבלענדניש, מען זאל טעג און יארן פארברענגען מיט ווילדע המצאות, וואס זיינען גאלע שקר, און דאס אלץ צוליב פוסטער גאווה, בכדי באקומען א שם פון א חריף און עוקר הרים...

„אמת, — איז מוסיף דער לענטשיצער מגיד, האבנדיק פאר די אויגן דעם אלטן מהר״ל — איך ווייס גאנץ גוט, אז אויך אין איצטיקן דור זיינען פאראן „יחידי שרידי הדור״, וואס וואלטן זייער געוואלט אונטערברענגען דעם דאזיקן סדר הלימוד, זיי זיינען אבער ניט ביכולת דאס דורכצופירן, ווייל זיי זיינען „בטילים במיעוט״ קעגן דער גרויסער צאל רבנים, וואס פארפירן דעם המון און פארזיכערן אים, אז דער פילפול — „זה הוא עיקר התורה״, און דער המון לאזט זיך איינריידן און אזוי בלייבט עס״.

ער דערציילט ווייטער, ווי ער גופא פלעגט פירן לאנגע וויכוחים מיט די „גרויסע חכמי הדור פון אונזער לאנד״, וועגן דעם, מען זאל מבטל זיין „דעם לימוד פון חידוד און פילפול, וואס ווערט גערופן חילוק״; עס האט אבער גארניט געהאלפן, ווייל די דאזיקע „חכמי הדור״ . זעען אין דעם שפיציקן פילפול דאס בעסטע מיטל צו דערווערבן כבוד און שררה, פארנעמען די בכבודיקסטע ערטער אלס חריפותדיקע ראשי ישיבות. זייערע אלע טענות וועגן דער וויכטיקייט פון פילפול האט אבער קיין ייחום גרונט ניט. מיר זעען דאך באשיינפערלעך, ווי אין ארץ־ישראל א שטייגער און אנדערע לענדער, וווּ מען פארנעמט זיך ניט מיטן פאלשן פילפול (פלפול שקר) זיינען דארט די לומדים בקי „בכל החכמות ובכל הפוסקים״, ווייל זיי פטרן דאך ניט אזוי זייערע יארן אויף פוסטע נארישקייטן (ואינן מבלים בהבל ימיהם) ווי ביי אונז.

בכדי אָבער צו ראַטעווען די יוגנט, שטרייכט אפרים לענטשיצער אונטער, מוז מען רעפאָרמירן דעם סדר הלימוד. די רעפאָרם, וואָס ער לייגט פאָר, איז אין אַלע פּרטים ענלעך צו דעם סדר הלימוד, וואָס דער מהר"ל האָט פאָרגעלייגט, אויף וועלכן ער פאַררופט זיך טאַקע. דער מהר"ל האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אין זיין קאַמף פאַר דעם נייעם סדר הלימוד קיין ערפאָלג ניט געהאַט, אין איין פּרט האָט ער אָבער געהאַט גרויס מזל: ער האָט אַ תּלמיד דערצויגן, אַ גדול בישראל, וואָס האָט פאָרגעזעצט דאָס, פאַרוואָס זיין רבי האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט. בעת אפרים לענטשיצער ווייזט אָן אויף דער גרויסער וויכטי־קייט פון דעם מהר"לס תּקנה וועגן „חברות משניות", ווייל די משנה איז דער וויכטיקער יסוד פון דעם רבנישן יידנטום, איז ער דערביי מוסיף: „בפרט איצט איז דאָך דעם מהר"לס ווונטש יעדן טאָג די משנה צו לערנען זייער לייכט צו דערפילן, זינט ר' יום־טוב העלער האָט זיין פּירוש אויף משנה פאַרפאַסט, וואָס איז דאָך אַלעמען אַזוי לייכט פאַרשטענדלעך" [82].

ר' יום־טוב בן נתן העלער איז געווען דער באַגאַבטסטער צווישן דעם אַלטן ר' ליוואָס תּלמידים. געבאָרן אין וואַלערשטיין (בייערן) אין 1579, איז ער נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן אָנגעקומען אין דער פּראָגער ישיבה און צו 18 יאָר איז ער שוין געווען דיין אין פּראָג. דער יונגער דיין איז אָבער געווען ניט נאָר אַ גרויסער בקי אין ים התּלמוד, ער האָט אויך געהאַט גאַנץ ברייטע ידיעות אין די „חכמות חיצוניות". ער האָט פאַרפאַסט אַ ספּעציעל אַסטראָנאָמיש ווערק „דרוש הלבנה", איז געווען אַ טיכטיקער מאַטעמאַטיקער, צו 19 יאָר האָט ער געדרוקט אַ פּירוש אויף בדרשיס „בחינת עולם", געשריבן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן שמואל אַרקעוואָלטיס באַוווּסט פילאָלאָגיש ווערק „ערוגת הבושם" [83] און אין זיין פאָררעדע צו יצחק הלוים גראַמאַטיק „שיח יצחק" באַקלאָגט זיך העלער דערויף, וואָס אין זיין דור אינטערעסירט מען זיך אַזוי ווייניק מיט שפּראַך־פאָרשונג. עס איז מעגלעך, אַז דעם אינטערעס צום וועלטלעכן וויסן האָט שוין דערוועקט אין דעם וויסנדורשטיקן תּלמיד דער אַלטער מהר"ל, ס'איז אָבער אויסער ספק, אַז די גרעסטע השפּעה האָט אין דער הינזיכט געהאַט אויף דעם יונגן העלער אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכ־קייט, מיט וועלכער העלער האָט זיך באַקענט, בעת ער איז געווען דיין אין פּראָג. יוסף בן יצחק הלוי האָט דער דאָזיקער באַקאַנטער געהייסן.

82 „עמודי שש", מוסר עמוד התורה.

83 זע אונזער ווערק, באַנד IV, ז' 172.

דאָס איינציקע, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם דאָזיקן מאַן, איז, — אַז ער שטאַמט פון ליטע. פרעמד און אומבאַמערקט האָט ער פאַרגעשוועבט פאַר זיין דור, און גלייך ווי אַ שאָטן פאַרשווונדן און פאַרגעסן געוואָרן. יוואָרעם דער דאָזיקער אוים דער ליטע געקומענער האָט געהערט צו די טראַגיישע פיגורן, וואָס זייער ביטערער מזל איז גורם, זיי זאָלן ניט צו דער פאַסיקער צייט געבאָרן ווערן. איינזאַם און טרויעריק וואַנדערן זיי אַט די „אומצייטמעסיקע" געשטאַלטן. קיינער ווייס זיי ניט און פאַרשטייט זיי ניט. זיי בלאָנדזשען מיטן טיפן ווייַ אין האַרצן, ווייל זיי ווייסן, אַז זייער רייכע גייסטיקע אוצרות גייען נוצלאָז לאיבוד, און זייער גורל איז — עלנטקייט און דער קאַלטער כוס פון שכחה... מיר ווייסן ניט ווער ער איז געווען, ביי וועמען ער האָט תורה געלערנט. עס איז בלויז באַקאַנט, אַז שוין אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ מאַן פון ברייטן וויסן מיט טיפע ידיעות אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע פונם מיטלאַלטער. אַלס יונגערמאַן האָט ער זיין היים פאַרלאָזן, און זיך אין פראָג באַזעצט, ווו ער פלעגט מיט יונגעלייט לערנען חקירה־ספרים, אַמגערנסטן אָבער דעם רמב"מס „מורה נבוכים". אין פראָג האָט ער אין 1611 פאַרעפנטלעכט זיין „גבעת המורה", און דער פאַרלעגער און אויך אפרים לענטשיצער אין זיין הסכמה [84] זיינען ביידע מפליא דאָס אַלזייטיקע וויסן פון דעם יונגן פּראָפעסער (רך בשנים ואב בחכמה). אין דער צייט, ווען די שליטה פונם „פילפול" איז געווען אומבאַגרענעצט, און אַלע מוחות זיינען געווען פאַרטאָן אין לימוד התלמוד, האָט דער יונגער ליטוואַק זיין גאַנץ אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען בלויז פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אים אינטערעסירן ניט די דינים פון אסור והיתר, נאָר די לערע פון אַריסטו און אבן רשד, ניט די פוסקים און מפרשי התלמוד, נאָר דער „מורה נבוכים". דער בעל „גבעת המורה" איז אָבער געווען אַ גאַנץ איינגאַרטיקער מיימוניסט, אַ מיימוניסט, וואָס פירט אַ פלוגתא מיט זיין רבין, וואָס קריטיקירט און דעקט אויף סתירות אין דער שיטה פון דעם בעל „מורה נבוכים". דער יונגער פּראָפעסער פונם „גבעת המורה" שטרייכט טאַקע אונטער דעם גרויסן באַטייט פון מיימוני און זיין פילאָזאָפיש ווערק, ער פאַלט אָבער ניט אַריין אין התפעלות, און ווייזט אָן, אַז מיימוני איז אויך ניט מער ווי אַ מענטש און קומט צייטנווייז צו

---

84 אפרים לענטשיצער שרייבט אין זיין הסכמה: „מודעת זאת לכל כי בא הנה ק"ק פראָג איש רך בשנים הר' יוסף בן יצחק סגל... התחיל להפיץ מעיונותיו חוצה ללמד לזולתו החכמה בעניני הפילוסופים והחקירה באלהות, מאז נודע טבעו כי יש לו שם ויד בחכמת הנ"ל עד כי העידו עליו חכמים גדולים מן קהלתנו אשר שמעו ולמדו ממנו ספר „מורה נבוכים" ועניני החכמה הנ"ל... והוא כלי חדש מלא ישן".

לאָגישע טעותן. סיסטעמאטיש, געלאסן און מיט גרויס בקיאות אנאליזירט יוסף בן יצחק דעם רמב״מס פרווו פילאָזאָפיש צו באגרינדן די עקסיסטענץ פון דער סיבה ראשונה, וואס איז פריי פון דעם מינדסטן משהו פון חומר און גשמיות; און דער יונגער פאָרשער קומט צום אויספיר, אז דער דאָזיקער פרווו איז מיימונין נ י ט געלונגען [85]. דער פארפאסער דעקט דאָ, אגב, גאנץ שארפזיניק אויף דעם פעלער, וואס מיימוני באגייט, בעת ער וויל צונישט מאכן די טיפע סתירות, וואס ליגן צווישן דעם וועלטבאנעם פון די, וועלכע שטייען אויפן שטאנדפונקט, אז די וועלט איז געשאפן אין דער צייט, און דעם אריסטישן געדאנק, אז די וועלט איז א קדמון, און די מאטעריע איז פון אייביקער עקסיסטענץ. „זאָלן אָבער די לייענער ניט מיינען — וואָרנט דער פארפאסער — אז איך בין אויסן מיט מיין קריטיק פארקלענערן ביי זיי דעם חשק צו באקענען זיך מיט דעם דאָזיקן ווערק. אדרבה, איך שטרייך באזונדערס אונטער זיין אמתע גרויסקייט און גוואלטיקן ווערט, און מיט גרויס צאָרן פארהאלט איך מיך צו די נאראָנים, וואס האָבן בשעתם געהאט די העזה צו דערקלערן דעם „מורה״ אלס שעדלעך און געפערלעך בוך. און ניט דערפאר האָב איך קריטיקירט מיימונים אייניקע הנחות, ווייל זיי זיינען שוואכער באגרינדעט ווי די הנחות פון אונזערע אנדערע חכמים, נאָר גראָד פארקערט: די בלויזן ביי די אנדערע יידישע פאָרשער קאָן לייכט באמערקן יעדער, ווער עס אינטערעסירט זיך נאָר מיט פילאָזאָפישע פראָבלעמען, אָבער אויפדעקן די פעלערן ביי אזא טיפן דענקער ווי מיימוני איז זייער שווער [86].

יוסף בן יצחק טיילט איין אין פיר קאטעגאָריעס די אלע, וואס רעכענען, אז מען דארף זיך דערווייטערן פון דעם רמב״מס „מורה נבוכים״. צו דער ערשטער קאטעגאָריע געהערן די, וואס האלטן דעם „מורה״ פאר אן אפיקורסיש ספר, און מען דארף עס דן זיין לשריפה, ווייל זיינע גרונד־הנחות זיינען גענומען ביים גריכישן פילאָזאָף, וואס דערקלערט, אז די וועלט איז א קדמון. די צווייטע קאטעגאָריע, דאָס זיינען מענטשן, וואס רופן זיך „חכמי הקבלה״, אין דער אמתן זיינען זיי גאנץ ווייט פון קבלת אָבות, און אויך זיי זיינען דעם „מורהס״ קעגנער בלויז אויס

---

85 אָריינפיר צו „גבעת המורה״: כוונתנו בזה המאמר הקצר לגלות סוד הביאור שחשב החכם ר׳ משה ב ר מיימוני בקיום מציאות הסבה הראשונה והרחקות הגשמות ממנה והיתה אחת״. דער פאָרפאסער ווייזט דאָ אגב אָן, אז אים באפרידיקן ניט די טענות, מיט וועלכע חסדאי קרקש טרעט אָרויס קעגן מיימוני בנוגע דער דאָזיקער פראגע (דאָרט, דף 26, עמ׳ ב׳).

86 דאָרט, דף 29, עמ׳ ב׳.

קנאפער הבנה. די דריטע קאטעגאריע זיינען תורנים, וואס ווילן פון נאַ־ניט וויסן אויסער דעם תלמוד, און מיינען, אז בלויז די, וואס זיצן יומם ולילה איבער דער גמרא, דערגרייכן די אמתע שלימות און זיינען זוכה צו עולם הבא. די דאָזיקע מענטשן, איז יוסף בן יצחק מוסיף, באגרייפן ניט, אז צו אמתער שלימות איז אויך נייטיק אלגעמיין וויסן. און ווען זיי וואלטן פארשטאנען אין וואס באשטייט דעם מענטשנס גליקזעליקייט און שלימות, דאן ערשט וואלט פאר זיי רעכט קלאר געווען, אז דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" איז טאקע דער בעסטער וועגפירער פארן מענטשן, וואס שטרעבט צו זיין העכסטן ציל [87]. צו דער פערטער קאטעגאריע, ווייזט וויטער אן דער פארפאסער, געהערן די, וואס אנערקענען יא דעם גרויסן ווערט פון דעם „מורה", זיי זיינען אבער אזוי קליין ביי זיך, אז זיי רעכענען, אז קיין פשוטער בשר ודם איז גארניט אימשטאנד ארינצודרינגען אין די גוואלטיקע טיפעניש פון דעם דאָזיקן חקירה־ספר, וואס האנדלט וועגן אזוינע הויכע ענינים. די דאָזיקע מענטשן, איז דער פאר־פאסער מוסיף, דארפן אבער פארשטיין, אז אויך דער מחבר פון דעם דאָזיקן ווערק איז ניט געווען קיין מלאך, נאר א בן־אדם, זוי יעדער פון אונז, און וואס א מענטש האט געשאפן קאנען אויך אנדערע מענטשן באגרייפן, ווארעם אלע שטאמען דאך פון איין מענטשלעכן שורש [88].

עס איז קיין שום ספק ניט, אז די דאָזיקע פערטע קאטעגאריע איז צו יענער צייט איז געווען זייער קליין אין צאל און די דריטע האט זי איינגאנצן איינגעשלונגען. דאס האט, ווי עס שיינט, פארשטאנען דער בעל „גבעת המורה" גופא. ער האט באלד זיך איבערצייגט, אז ער האט ניט קיין אוידיטאריע, זיין שטימע געפינט ניט קיין אפקלאנג, און ער איז — „כערער בערבה". ער מאכט נאך א צווייטן פרווו און פארעפנט־לעכט מיט צוויי יאר שפעטער זיין זוייטערדיקע ארבעט „כתונת פסים" [89]. ער ווערט אבער דערנאך איינגאנצן אנטשווינגן. מיט דער צייט איז דער דאָזיקער פארשער אזוי גרינטלעך פארגעסן געווארן, אז אפילו אזא גרויסער בקי אין דער העברעישע ליטעראטור, ווי אברהם גייגער, בעת ער האט ביים געלערנטן יש"ר מקאנדיא באגעגנט דעם דערמאנטן „גבעת

---

87 דארטן, דף 30, עמ' ב': „ואם היו אנשי זאת זוכת מבינים גדר תאמיתי שנגדרה בו האמונה להרמב"ם היו הם מודים בלי ספק כי העסק בליכוד זה הספר הוא כבוא גדול להגעת האדם אל תכלית האחרון".

88 דארטן: „שמחבר זה הספר לא היה מלאך אבל בן אדם כאחד ממנו לא היה רחוק מעיניו שימצא בזמן מה איש כמוהו או לפחות שיבין הנרצה מדבריו אחר שכל בני אדם שוים באנושתם".

89 דאס דאָזיקע ווערק איז פון די גרעסטע יקר־המציאותן, עס זיינען אויפגעהיט געווארן נים מער ווי צוויי־דריי עקזעמפלארן, און אונז איז ניט געלונגען עס צו זען.

המורה'', איז ער זיך מודה, אז ער האָט קיין באַגריף ניט ווער ס'איז געווען דער מחבר פון דעם דאָזיקן חיבור [90].

איינער פון יוסף בן יצחקס גאַנץ ווייניקע אָנהענגער און פּערערער איז געווען ר' יום־טוב העלער. ער איז אָפנהאַרציק מודה, אז דאָס האָט אים דער יונגער געלערנטער אויס ליטע באַקאַנט מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען [91], און ווען יענער האָט געוואָלט פאַרעפנטלעכן זיין „גבעת המורה'', האָט העלער צוגעגעבן צום ווערק זיינע הגהות.

אַלס דעם מהר''לס טרייער תלמיד איז אויך העלער געווען אַ באַ־שטימטער קעגנער פון דעם סדר הפילפול, וואָס האָט געהערשט אין די ישיבות. און טאַקע אונטער דער השפּעה פון זיין באַרימטן רבין האָט ער זיין גאַנץ אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דעם „גרונטשטיין פון דער גאַנ־צער תלמודישער ליטעראַטור'' — דער משנה. ווי שלמה לוריא בשעתו האָט אַרויסגעשטעלט דעם תלמוד אַלס גרונט־מקור פון דער הלכה, האָט העלער אַלס אַזאַ גרונט־מקור דערקלערט די משנה. בכדי אָבער אַמפּעסטן צופּאַסן צו דער דאָזיקער ראָלע אַזאַ קדמוניש זאַמלווערק ווי די משנה, האָט העלער פאַרפאַסט זיין באַרימטן פּירוש „תוספות יום־טוב'' (צום ערשטן פאַרעפנטלעכט צוזאַמען מיטן משנה־טעקסט אין פּראָג 1614—1617). ווייל אָבער זינט דעם סיום המשנה איז זיך דאָס הלכה־געביט שטאַרק צעוואַקסן און פילע מנהגים און פּסקים איז מער ניט מעגלעך צו באַגרינדן און פאַרבינדן מיטן טעקסט פון דער משנה, האָט יום־טוב העלער פאַרפאַסט אַלס הוספה צו זיין ערשט ווערק אַ טאָפּלטן פּירוש („לחם חמודות'' און „מעדני מלך'') צו דעם באַרימטן פּוסק אשרים „הלכות''. העלערס פּירושים זיינען געשריבן אין אַ קלאָרער, שיינער שפּראַך, אַלץ איז דאָרט מיט מוסטערהאַפטער פּשטות לאָגיש און דייטלעך באַגרינדעט. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס העלערס קלאָרער סטיל איז געווען אַזוי ווייניק צוגעפּאַסט צו דעם געשמאַק פון יענער צייט, דאָך איז דער בעל „תוספות יום־טוב'' באַלד אָנערקענט געוואָרן אַלס איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין ריטועלע פראַגן. ניט אומזיסט אָבער דער־קלערט זיך העלער אַלס פריינד און תלמיד פון דעם בעל „גבעת המורה''. ער האָט דעם מוט אַרויסצוזאָגן צייטנווייז גאַנץ „אַפּיקורסישע'' געדאַנ־קען. ער רעדט אַ שטייגער מיט התפּעלות וועגן עזריה מן האדומימס „מאור עינים'', וועגן וועלכן זיין אייגענער רבי האָט דערקלערט, אז מען

---

90 „בלא חפנים", 75.

91 אין זיין הסכמה אויף „גבעת המורה" שרייבט העלער: „כי הנה אנכי אחרי שנעורתי מסני בידיעת מה שצריך שלא יעלם מהמשכילים בקשתי את שאהבה נפשי וחלותי כבודו שיבאר לי קצת מה שעלה בידו מעניני החכמה הלזו".

דאַרף עס דן זיין לשריפה; אין זיין פירוש אויף משנה איז ער ערטערווייז ניט מסכים מיט די דערקלערונגען פון די חכמי התלמוד. אין א הגהה צו איין משנה דערקלערט ער אָפן: „די חכמי התלמוד גיבן דאָ אפילו אַן אַנדער פירוש, ווייל די הלכה ווערט דערביי ניט געענדערט, האָבן מיר דאָס רעכט צו לערנען דעם פשט ווי מיר פאַרשטייען״.

א באַזונדער אַרט פאַרנעמט צווישן יום־טוב העלערס ווערק[92] זיין „מגלת איבה״, ווו ער באַשרייבט די קאַטאַסטראָפע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין דער צייט פונם דרייסיק־יאָריקן קריג. אַלס רב הכולל (זינט 1627) איבער אַלע קהילות פון דער פּראָווינץ בעמען, איז העלער געווען אויך פאָרזיצער אין דער קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט יערלעך צונויפמאָנען די באַדייטנדיקע סומע פון פערציק טויזנט גולדן, וואָס זיינען מצד דער רעגירונג אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין בעמען אַלס אויסעראָרדנטלעכער מלחמה־שטייער. די צונויפגעמאָנטע סומע פלעגט יערלעך אָפּגעשיקט ווערן קיין ווין. בשעת דעם שטייער אויפמאָנען פלעגן אָבער פאָרקומען, ווי דער שטייגער איז, געוויסע סיכסוכים. עס האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן אויס פּערזענלעכע טעמים אָנגעקלאָגט ביי דער קייזערלעכער שאַצקאַמער, אַז דער סדר, לויט וועלכן די קאָמיסיע האָט אַרויפגעלייגט דעם מלחמה־שטייער אויף פאַרשיידענע קהילות, איז צוגעגאַנגען ניט על־פי יושר. די אַנקלאָגער האָבן זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט: אייניקע פון זיי האָבן פאַרמסרט דעם רב הכולל פאַרן קיסר, אַז אין איינעם פון זיינע ווערק (אין „מעדני מלך״) האָט ער זיך דערלויבט צו לעסטערן די קריסטלעכע אמונה. אויפן גרונט פון דער דאָזיקער מסירה האָט מען ר׳ יום־טוב העלערן אַרויסגערופן (אין 1629) קיין ווין, און ווי ער איז אַהין געקומען, האָט מען אים לויט דעם קייזערלעכן באַפעל איינגעזעצט אין תפיסה אין איין קאַמער מיט שווערע פאַרברעכער. צווישן אַנדערע באַשולדיקונגען האָט מען דעם פּראָגער רב פאַררעכנט פאַר א שווערע זינד, וואָס ער לויבט אין זיינע ווערק דעם תלמוד, וועלכן מען האָט דאָך אַלס שעדלעך ספר געברענט אויפן שייטערהויפן לויטן באַפעל פון דעם פּויפּסט. אַלס לעסטערער פון דער קריסטלעכער אמונה האָט מען אים מיט טויט־שטראָף געדראָט. אַדאַנק דער השתדלות פון דער ווינער קהילה האָט מען העלערן פאַרביטן דעם טויט־שטראָף מיט א געלט־שטראָף (צען טויזנט גולדן), און אים פאַרבאָטן צו פאַרנעמען א רבנישע שטעלע אין וועלכער ס׳איז קהילה אין די אַלע פּראָ־

---

92 א פולשטענדיקן רייסטער פון יום־טוב העלערס פאַרעפנטלעכטע און אין כתב־יד פאַרבליבענע ווערק גיט ישראל היילפּערין אין „קרית ספר״, VII, 140—148.

ווינצן פון דער עסטרייכישער קרוין. יום־טוב העלער האט זיך דאן באזעצט (1631) אין פוילן, געווען א קורצע צייט רב אין נעמיראוו, באשטימט געווארן דערנאך (1634) אלס רב הכולל אין לודמיר־וואלינסק. אין די דאזיקע יארן, וואס ער האט פארבראכט אין וואלין, האט יום־טוב העלער זייער פיל זיך אפגעגעבן מיט קהלשע ענינים און איז אפט ארויסגעטראטן אויפן „וועד ארבע הארצות" אלס פארשטייער פון די וואלינער קהילות. א באזונדערס עקשנותדיקן קאמף האט ער געפירט קעגן דער אלטער „פלאג" אין דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן — וואס די שררות פלעגן פאר געלט פארקויפן די רבנישע שטעלעס, און אויף אזא אופן פלעגן ניט זעלטן דעם בכבודיקן רבנישן פאסטן פארנעמען ניט קיין פאסנדיקע מענטשן. ניט קוקנדיק אויף אלע מניעות האט ער אויפן „וועד ארבע הארצות" דורכגעפירט, אז מען זאל ווידער באנייען דעם פארבאט, „בגזרות וחרמות", אז קיינער זאל זיך ניט דערוועגן מיט דער הילף פון געלט באקומען א רבנישן פאסטן [93].

די לעצטע יארן פון זיין לעבן [94] איז יום־טוב העלער געווען רב הכולל אין קראקע. אט די לעצטע 25 יאר פון זיין לעבן, זינט דער מסירה אין פראג ביז ער האט זיך באזעצט אין קראקע, באשרייבט יום־טוב העלער אין זיין „מגלת איבה", וואס ער האט תחילת פארפאסט אין יידיש און ערשט דערנאך אליין איבערזעצט אין העברעיש [95]. די דאזיקע מעמוארן, וואס זיינען געשריבן אין א רויקן עפישן טאן, זיינען וויכטיק ניט נאר אלס די זיכערסטע קוועלע פאר דער ביאגראפיע פון דעם בעל „תוספות יום־טוב": זיי האבן אויך הן א ליטעראַרישן הן א באדייטנדיקן היסטאַרישן ווערט. העלערס אויטאביאגראפיע איז אזוי רייך מיט אינטערעסאַנטע פרטים, וואס שילדערן אונז דאס אינערלעכע יידישע לעבן בשעת דעם דרייסיק־יאריקן קריג, און אויך די באציונגען צווישן די יידישע קהילות און זייערע פארשטייער מיט דער אויסערלעכער מאכט, מיט די קליינע און גרויסע קייזערלעכע באאמטע.

---

93 „מגלת איבה", 36—38 (מיר ציטירן לויט דער ווינער אויסגאבע 1862).

94 יום־טוב העלער איז געשטארבן אין 1654.

95 דער יידישער מאנוסקריפט איז געווען אין די הענט פון דעם באקאנטן פארשקער א. יעלינעק (זע „לקרות הגזירות", I, 25).

פינפטער קאפיטל

ויכוחים וועגן תלמוד. — דעם מהר"לס אפאלאגעטיש ווערק „באר הגולה". — ראציאנאליסטישע שטרעמונגען אין פוילן. — יצחק טראקי און זיין „חיזוק אמונה". — די פארשטארקונג פון דער רעאקציע אין אנהייב פונם 17טן י"ה. — די יידישע מיסטישע שטרעמונגען פון יענער צייט. — דער מיסטיקער און בעל חפילפול נתן שאפירא. — ישעיה הורוויטש און זיין ליטע־ראריש שאפן. — די לערע פון אסקעטיק און „געהייליקטן" לעבן. — דער „שני לוחות הברית" און זיין באטייט.

יום־טוב העלער דערציילט אין זיין „מגלת איבה", ווי אזוי בעת ער האט זיך פארטיידיקט אויפן געריכט קעגן דער באשולדיקונג, אז ער האט געלעסטערט די קריסטלעכע אמונה, איז אים אויך אויסגעקומען צו פירן א גאנצן וויכוח וועגן דעם תלמוד און זיין „שעדלעכקייט". מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן [1], ווי אזוי די איטאליענישע הומאניסטן, וואס האבן מיט אזא גרויס חשק שטודירט מיט דער בייהילף פון יידישע געלערנטע די העברעישע שפראך און די קבלה־ליטעראטור, האבן דאך געהאלטן פאר נייטיק פארעפנטלעכן פאלעמישע ווערק קעגן דער יידישער אמונה. נאך אין א פיל מער שארפערער פארם האט זיך געפירט דער ליטע־ראַרישער קאמף קעגן יידנטום אין דייטשלאנד. די רעפארמאציע האט, אמת, ארויסגערופן א באזונדערן אינטערעס צו דער העברעישער שפראך, אבער שוין דער באגרינדער פון דער רעפארמאציע־באוועגונג, מארטין לוטער, איז זייער פיינדלעך ארויסגעטראטן קעגן די „ליגנערישע" יידן מיט זייערע „שטאקשטיין אייזנטייוולדיקע" הערצער. דאס האט ער עס דערמיט געוואלט דערוויזן, ווי אומגערעכט די קאטוילן זיינען מיט זייערע באשולדיקונגען, אז ער איז נוטה צו יידן. האנט אין האנט מיטן גרויסן אינטערעס און רעספעקט צו דער ביבל, האט זיך אין פראטעסטאנטישן דייטשלאנד אמבולטסטן באוויזן דער ווילדער האס צו דעם, וואס האט

[1] זע ב' VI, ז' 78.

מיט אזא זעלבסטאָפּערונג אָפּגעהיט דעם אָריגינאַל פון דעם דאָזיקן
ווונדער־בוך. מיט דעם דערפאָלג פון דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג האָט זיך
זייער געשטאַרקט די שאַרפע פּאָלעמיק קעגן די יידן: באַשר, זיי טייטשן
פאַלש אויס דעם טעקסט פון דעם „אַלטן טעסטאַמענט", ווייל זיי זיינען
פאַרבלענדט פון דעם „ליגנערישן" תלמוד, וואָס איז דאָך, כידוע, פול
מיט ווילדן אָבערגלויבן און גיפטיקן האַס צום קריסטנטום. דאָס אונ־
טערדריקטע און דערשלאָגענע דייטשע יידנטום האָט ניט געוואָגט זיך
אָפּן אריינלאָזן אין וויכוחים מיט זיינע קעגנער, ווי דאָס האָבן בשעתּם
געטאָן אין א שום פּחד די איטאַליענישע יידן. בעת דער באַוווּסטער
שתּדלן יוזלמאַן אויס ראָסהיים האָט געבעטן ביים שטראַסבורגער שטאָט־
ראַט א דערלויבעניש אָפּצוענטפערן אויף לוטערס אָנפאַלן, האָט מען זיין
בקשה אָפּגעוואָרפן. מיט מורא און פּחד, אין זייער א פאַרזיכטיקן און ווייכן
טאָן האָט מען זיך אונטערשטאַנען אָפּענטפערן אויף די באַשולדיקונגען,
וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף דעם „ליגנערישן" תלמוד. צווישן דער דאָ־
זיקער פאַרטיידיקונגס־ליטעראַטור באַדאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן
דעם מהר"לס „באר הגולה".

דער מהר"ל ווייזט אָן אין זיין אָפּאָלאָגעטישן ווערק, אז די אַלע
באַשולדיקונגען, מיט וועלכע די קעגנער פון תלמוד טרעטן ארויס, קאָנ־
צענטרירן זיך הויפּטזעכלעך ארום פאָלגנדיקע זיבן פּונקטן: 1) אין דער
משנה און תלמוד זיינען פאַראַן אזוינע דינים און תקנות, וואָס האָבן
קיין שום סמך ניט אין תורת משה, און דאָרט ווערט דאָך בפירוש גע־
וואָרנט: לא תוסיפו ולא תגרעו — איר זאָלט גאָרנישט מינערן און גאָרניט
צוגעבן. 2) אין תלמוד ווערן אויף א גאַנץ פאַלשן אופן אויסגעטייטשט
פילע געזעצן פון דער תורה. 3) דער תלמוד רעכנט זיך ניט מיטן פּשט
פונם ביבלישן טעקסט און טייטשט אים אויס ווי אים געפעלט. 4) פילע
תלמודישע אגדות און לעגענדעס זיינען פול מיט גאָטלעסטערונג. 5) דער
תלמוד אנטהאַלט פיל נאַרישע און געשמאַקלאָזע באָבע־מעשיות. 6) די
חכמי התלמוד זיינען געווען עמי־הארצים אין נאַטורוויסנשאַפטן. 7) די
חכמי התלמוד האָבן באַהאַנדלט געזעצלאָז און גרויזאַם די אַנדערש־
גלויביקע. דער מהר"ל פּרוּווט בלויז ריינוואַשן דעם תלמוד פון די אַלע
באַשולדיקונגען, ער האָט בלויז די מעגלעכקייט צו פירן א שוואַכן פאַר־
טיידיקונגס־קאַמף, וואָגט אָבער ניט אליין ווערן דער אָנגרייפער, ארויס־
טרעטן ביד רמה אין דער ראָלע פון א באַשולדיקער. גינסטיקער איז אין
דער הינזיכט געווען דעמאָלט די לאַגע אין פּוילן.

די רעליגיעזע אויפרודערונג, וואָס די רעפאָרמאַציע האָט ארויסגע־
רופן, האָט אין דער צווייטער העלפט פונם 16טן י"ה געשאַפן אין דער

פּוילישער סביבה א גאַנצע צאָל ראַציאָנאַליסטישע סעקטעס מיט באַשטימטע אַנטיקירכלעכע אָנשווינגען. אייניקע פון זיי, ווי א שטייגער די סאָציניאַנער און אַנטיטריניטאַריער, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן די דרייאייניקייטס־דאָגמע און געלייקנט אין דעם געטלעכן מהות פון קריסטוסן, האָבן זיך געפונען אין געוויסער קרובהשאַפט צו דער אידעען־וועלט פון דער יידישער אמונה. דאָס האָבן אויסגענוצט די קאַטוילישע גייסטלעכע און דערקלערט די דאָזיקע סעקטעס אלס „יודאַיסטישע", אָדער האַלב־יידישע. בכדי זיך ריינצוּוואַשן פון אזא „שווערער" באַשולדיקונג, האָבן די טעאָרעטיקער און פירער פון די סעקטעס געפונען דעם פּאַסיקסטן אויסוועג: דערקלערן א קאַמף דעם „פאַלשן" יידישן גלויבן, אים אטאַקירן מיט שאַרפע פּאַמפלעטן, און אַרויספאָדערן יידישע טעאָלאָגן און רבנים אויף רעליגיעזע וויכּוחים. באַזונדערס קונה־שם געווען האָבן זיך אין דער הינזיכט דער סאָציניאַנער ניקאָלאַוס פּאַרוטאַ, דער הויפּטפירער פון די אַנטיטריניטאַריער סימאָן בודניא, וואָס האָט איבערזעצט אויף פּויליש די ביבל און די עוואַנגעלישע ביכער (נעסוויזש, 1572), און דער לובלינער טעאָלאָג מאַרטין טשעכאָוויטש. דער אנדער צד האָט אויך ניט געשוויגן. קעגן טשעכאָוויטשעס „Razmowie Christianskie" דרייצן דיאַלאָגן, אין וועלכע ער באַקעמפט די דאָגמען פון דער יידישער אמונה און פירט א וויכּוח מיט די יידן פאַר זייער פיינדלעכער שטעלונג צו קריסטוסן און זיין לערע — איז אַרויסגעטראָטן פון דער יידישער זייט נחמן יעקב אוים בעלשיץ [2] מיט זיין פּאָלעמיש ווערק „Odpiss na dialogi Czechowicza" (1581). דאָס דאָזיקע ווערק [3] איז פון די גרעסטע יקר־המציאות, מיר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט דערמיט זיך צו באַקענען און מיר ווייסן אפילו ניט באַשטימט צי איז דער דאָזיקער פּאָלעמיסט געווען א ייד צי אפשר גאָר א קאַראַים [4]. יעדנפאַלס האָט דער דאָזיקער „ענטפער" געמאַכט א זייער קנאַפּן רושם. טשעכאָוויטש איז אפילו אין דעם זעלבן יאָר אַרויסגעטראָטן מיט א קעגנשריפט, נאָר יעקב בעלשיצערס ווערק איז באַלד סיי־ווי פאַרגעסן געוואָרן. נאָך יעקב בעלשיצער איז אָבער באַלד אַרויסגעטראָטן א באַדייטנדיק שטאַרקערער אָפּאָנענט, און זיין קאַמף קעגן די קריסטלעכע טעאָלאָגן פאַרנעמט בלי־ספק איינס פון די גלענצנדסטע בלעטער אין דער פּאָלעמישער ליטע־

---

[2] ער פלעגט זיך חתמענען: „נחמן חמכונה יעקב מבעל שיץ".

[3] אייניקע פראַגמענטן פון בעלשיצערס פּאָלעמיק ווערן געבראַכט ביי א. גייגער, „געזאַמעלטע שריפטען", III, 191, 213, און ביי דובנאָוו, „איסטאָריאַ יעווריעיעוו", III, 137.

[4] דער היסטאָריקער באַלאַבאַן איז אפילו מסופק צי האָט בכלל וועלן עקסיסטירט דער פּאָלעמיסט יעקב בעלשיץ.

ראַטור פונם 16טן י"ה. יצחק בן אברהם אוים טראָק האָט דער אַפּאָנענט געהייסן, דער באַרימטער פאַרפאַסער פון „חיזוק אמונה".

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן [5], אַז דער באַקאַנטער געלערנ־טער יוסף דילמידיגו האָט אין די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ליטע, הויפּטזעכלעך געפירט באַקאַנטשאַפט מיט די אָרטיקע קאַראַימען. ער האָט דאָס דערקלערט דערמיט, אַז אין פוילן קאָן מען בלויז צווישן די קאַראַימען באַגעגענען מענטשן מיט וועלטלעכן וויסן, די אָרטיקע יידן ווילן אָבער אויסער דעם תלמוד פון גאָרניט וויסן. אַז דער געבילדעטער פאַרפאַסער פון „אלים" איז געווען ניט אומגערעכט, באַשטעטיקט טאַקע דער פאַקט, וואָס גראָד צווישן די קאַראַימען האָט זיך אין יענער צייט געפונען אַ פּאָלעמיקער מיט אַזאַ פּילזייטיקן וויסן, ווי דער בעל „חיזוק אמונה". יצחק בן אברהם איז געבאָרן געוואָרן אין טראָק אין 1533. גוט באַהאַוונט אין לאַטיין און אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט יצחק טראָקי גרינטלעך שטודירט די קריסטלעכע טעאָלאָגישע ליטעראַטור, און שוין אין די יונגע יאָרן איז אים אויסגעקומען צו פירן רעליגיעזע וויכוחים מיט קאַטוילישע און פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגן [6]; שפּעטער איז אים אויך אויסגעקומען אָפט אַרויסטרעטן קעגן די אָנהענגער פון די סאָציניאַ־נער, אַנטיטריניטאַריער און אַנדערע סעקטעס.

„בהיותי בימי בחרותי — נאָך אין מיינע יונגע יאָרן — דערציילט יצחק טראָקי אין דער הקדמה צו זיין חיבור — איז מיר אויסגעקומען זיין אָפט אין די הויפן פון די שרים און קיניגלעכע ראַטגעבער. איך האָב מיך באַקאַנט מיט זייערע ווערק, האָב צוגעהערט זייערע רייד און מיי־נונגען, און איך האָב מיך איבערצייגט, ווי אומוויסנדיק זיי זיינען און אַז אַלע זייערע טענות און קשיות, וואָס זיי שטעלן אַרויס אויף זייערע וויכוחים, באַווייזן בלויז ווי ווייניק זיי פאַרשטייען דעם ביבלישן טעקסט".

די רעליגיעזע וויכוחים, דערציילט דער פאַרפאַסער, האָבן זיך גע־פירט אין אַ גאַנץ פרידלעכן טאָן, און זיי האָבן כלל ניט געשטערט די ווייר־טערדיקע פריינדלעכע באַציִונגען צווישן די אָפּאָנענטן. דאָס באַווייזט ווי באַקטפול און טאָלעראַנט עס האָבן זיך פאַרהאַלטן אין יענער צייט די פּוילישע גייסטלעכע און וועלטלעכע שררות ביי זייערע וויכוחים מיטן קאַראַימישן געלערנטן, וואָס איז געווען אַ גאַנץ ערנסטער און שאַרפער רעדנער. מען מוז דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז יצחק טראָקיס פּאָזיציע איז געווען באַזונדערס גינסטיק מהאי טעמא, וואָס ער איז געווען

---

[5] זע אונזער געשיכטע, ב' IV, ז' 209.

[6] פאַרגלייך צו „חיזוק אמונה": „נתוכחתי עם הגמונים ושרי המדינות הראשים".

א קאראים. אין דער פאלעמיק מיט אים האט מען שוין ניט געקאנט אויפנוצן די סקארבאווע טענות וועגן די „ליגנערישע המצאות" פונם תלמוד און זיינע „חוצפהדיקע אנפאלן" אויף דער קריסטלעכער אמונה. יצחק טראקי איז בכלל געווען גאנץ ווייט פון פילפול און קאזויסטישע שפיצלער; ער איז געווען א פשטן, און אים האט ספעציעל אינטערעסירט גרינטלעך אויסטייטשן דעם ביבלישן טעקסט. מען מוז מודה זיין, אז צווישן די רבנים פון יענער צייט איז שווער געווען צו געפינען אזא גרינטלעכן קענער פון דער ביבל־שפראך און אויסגעצייכנטן סטיליסט, ווי דער בעל „חיזוק אמונה". יצחק טראקיס סטיל איז געווען אזוי ריין און קלאר ווי זיין געדאנק. אמת, זיין וועלטבאנעם איז געווען גאנץ באגרענעצט. ער איז, למשל, געווען פעסט איבערצייגט, אז גאנץ תהילים האט טאקע פארפאסט דוד המלך [7]; ער האט, ווי עס שיינט, ניט געהאט נאך קיין באגריף, אז עס איז פאראן אן אמעריקע אויף דער וועלט, ניט קוקנדיק דערויף, וואס ער האט געלעבט בערך 100 יאר נאך קאלומבוסן. דאס אלץ האט אבער צו יענער צייט אים ניט געקאנט שטערן פירן מיט גרויס דערפאלג זיינע וויכוחים מיט די טעאלאגן און סעקטאנטן. א מענטש מיט א קלארן און קאלט־ניכטערן פארשטאנד, וועמען עס זיינען לחלוטין פרעמד געווען מיסטישע עמאציעס און דער פאטאס פון התלהבות, טרעט יצחק טראקי צו מיטן שארפן אנאליטישן מעסער צום עוואנגעלישן טעקסט, און אנטבלויזט מיט אומברחמנותדיקער לאגיק אלע זיינע סתירות און ווידערשפרוכן. ביי זיין גרויס בקיאות איז אים ניט שווער געווען אויפצווייזן, אז די קריסטלעכע דאגמע וועגן דער „אומבאפלעקטער" געבורט, און די לערע וועגן דעם אומשולדיק געקרייציקטן גאט, וואס איז תחית־המתים אויפגעשטאנען — זיינען געווען זייער פארשפרייט ביי די פעלקער אין אלטן מזרח, און פון זיי האבן עס איבערגענומען די קריסטן [8]. ער שטרייכט דערביי באזונדערס אונטער, אז אין די ערשטע פיר עוואנגעליעס זיינען פאראן פיל שטעלן, וואס באווייזן אמבולטסטן, אז ניט קריסטוס גופא, ניט זיינע מקורבים האבן אים געהאלטן פאר גאטס זון, מער ניט די פארפאסער פון די פיר עוואנגעליעס פרווון בלויז, און דאס גאנץ אומבאהאלפן, און איינער איז דערביי סותר דעם צווייטן, צו דערווייזן, אז קריסטוס שטאמט פון מלכות בית דוד [10]. בעת ער קריטיקירט שארף די דאגמע פון דריי־אייניקייט (אמונת השילוש) נוצט ער דערביי אויך

---

7 „חיזוק אמונה", ערשטער טייל, קאפ' 40.

8 דארמן, זייט 44, 226 (מיר ציטירן לויט דער אויסגאבע פון 1865).

9 דארמן, 29.

10 דארמן, 285, 288, 313.

אויס די אַרגומענטן פון די אַנטיטרינימאַריער, און ציטירט גאַנץ אָפּט די ווערק פון די פריער דערמאָנטע טשעכאָוויטש, בודני און ניקאָלאַוס פּאַרוטאַ [11]. רויִס און געלאַסן דעקט דער בעל „חיזוק אמונה" אויף, ווי אומלאָגיש און היסטאָריש פאַלש עס זיינען די אַלע פּירושים, וואָס די קריסטלעכע טעאָלאָגן האָבן געמאַכט אויף געוויסע פּסוקים אין די ביכער פון די ביבלישע נביאים, בכדי צו באַגרינדן די קריסטלעכע דאָגמען. מיט בייסנדיקער איראָניע רעדט דער פאַרפאַסער וועגן די טענות מצד די קריסטלעכע טעאָלאָגן, אַז די יידן טייטשן עס פאַלש אויס דעם ביבל־טעקסט. יעדנפאַלס, זאָגט יצחק בן אברהם, ניט זיי, די קריסטלעכע טע־אָלאָגן, דאַרפן וועגן דעם ריידן. און טריט ביי טריט, מיט פּילצאָליקע ציטאַטן, באַווייזט ער ווי לייכטזיניק און עם־האַרציש די באַשעפער פונם עוואַנגעליום האָבן באַהאַנדלט דעם ביבל־טעקסט, ווי אומגעלומפּערט זיי פלעגן אַרויסרייסן אָפּגעהאַקטע פראַזן, איבערקערן זייער ריכטיקן פּשט און אויף אַזאַ אופן אַרויסבאַקומען אַ סיוע צו זייערע טעזיסן [12]. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך ווייניק, איז יצחק טראָקי מוסיף, זיי, אָט „די אומ־ווייסנדיקע און ליגנערישע מענטשן" (אנשים ריקים ופוחזים טופלי שקר) האָבן ניט נאָר פאַרקריפּלט און פאַלש אויסגעטייטשט דעם טעקסט — זיי האָבן באַוווּסטזיניק געפעלשט דעם טעקסט (הם מזייפים הפסוקים) און אויס קליינלעכע פאַרטייִשע פניות אויסגעטראַכט ציטאַטן, וואָס זיינען אין דער ביבל נאָרניט פאַראַנען. אַפילו קריסטוסן גופא ליגן זיי גאַנץ אָפּט אין מויל אַריין פאַלסיפיצירטע ציטאַטן; ביי זיי, אַ שטייגער, קומט אויס, אַז קריסטוס זאָגט צו זיינע תלמידים: איר הערט, וואָס ס'ווערט דאָרט געזאָגט: זאָלסט ליב האָבן דיין נאָענטן און האַסן זאָלסטו דיין שונא [13]. זיי ווייזן דערביי אָן, אַז דער דאָזיקער פּסוק געפינט זיך אין חומש ויקרא (קאַפּ' 19, 17—18). עס איז אָבער לא היה ולא נברא, דאָרט שטייט בלויז: „לא תשנא את אחיך בלבבך... לא תקום ולא תטור את בני עמך". זיי מאַכן קריסטוסן פאַרגעסן, אַז אין דער תורה שטייט: „ואהבת לרעך כמוך", און לויט דעם עוואַנגעליום [14] טוט קריסטוס דערקלערן: אַ ניי געזעץ טו איך אייך געבן: איר זאָלט ליב האָבן איינער דעם צווייטן. אמת, איז יצחק טראָקי מוסיף מיט סאַרקאַזם, דאָס עוואַנגעליום שטעלט ווירקלעך אַרויס אַ ניי געזעץ: „טוט גוטס צו די, וואָס האַסן אייך, בענטשט די, וואָס שילטן אייך; און שלאָגט ווער דיך אין איין באַק, שטעל אים

---

11 דאָרטן 86, 91, 96, 173, 321 א"ח.

12 דאָרטן, 187, 194, 221 א"ח.

13 מאַטעוס, קאַפּ' 5, 43.

14 יאָהאַנוס, קאַפּ' 13, 34.

די אנדערע אונטער" [15]. אָבער — זיינען די קריסטן דאָס דאָזיקע געבאָט מקיים? און די אַפּאָסטאָלן גופא — האָבן זיי דאָס מקיים געווען? ווען דער כהן גדול חנניה האָט באַפוילן מען זאָל שלאָגן דעם אַפּאָסטאָל פּוילוס, האָט דען יענער ניט אויסגעשריען מיט גרוים כעס: גאָט וועט דיך דער־שלאָגן! און קריסטוס גופא, צי האָט ער דען ניט דערקלערט: „מיינט ניט, אַז איך בין געקומען ברענגען שלום אויף דער וועלט; ניט דעם שלום בין איך געקומען ברענגען, נאָר דעם שווערד!" [16]. קריסטוס האָט אויסגע־רופן: „פאָטער מיינער! זיי זיי מוחל, ווייל זיי ווייסן ניט, וואָס זיי טוען!" [17] פאַרוואָס־זשע רודפט איר אונז יידן מיט אזא גיפטיקער שנאה? פאַרוואָס זייט איר זיך אזוי גרויזאַם אין אונז נוקם? קריסטוס האָט באַשטימט דערקלערט, אַז ער איז ניט געקומען דאָס געזעץ אונטערצוברענגען, און כל־זמן הימל און ערד עקסיסטירן וועט קיין אות, קיין תג אין געזעץ ניט געמינערט ווערן. איר אָבער האָט אָפּגעוואָרפן די געזעצן פון תורת משה. ניט בלויז קריסטוס און זיינע אַפּאָסטאָלן, נאָר אפילו זייערע אָנהענגער האָבן אין משך פון דורות מקיים געווען איינע פון די וויכטיקסטע מצוות אין דער תורה — די רו פון שבת. פאַרוואָס־זשע זייט איר ניט מקיים די מצוות שבת? אָבער ניט נאָר תורת משה — אויך דאָס עוואַנגעליום טוט איר פאַרשוועכן, און דערפילט ניט די געזעצן, וואָס קריסטוס האָט אייך באַפוילן. קריסטוס האָט געזאָגט: „אַלץ וואָס פאַרמאָגסט — פאַרקויף און צעטייל עס צווישן די אָרעמע!" עס איז כלל ניט צו באַמערקן, איר, קריסטן, זאָלט מקיים זיין דאָס דאָזיקע געבאָט [18]. און ער ווייזט ווייטער אָן מיט פילע ביישפילן, ווי שטאַרק די קריסטלעכע קירך האָט זיך דער־ווייטערט פון דער עוואַנגעלישער לערע.

דאָך מוז מען מודה זיין, אַז יצחק טראָקיס זייער זאַכלעכע און לאָגיש באַגרינדעטע קריטיק איז צייטנווייז צו איינזייטיק. מיט אמתער חריפות און מיט דער פאַרשאַרפטער ראיה פון דעם אויפמערקזאַמען קענער געלינגט אים טאַקע אויפצודעקן אַלע שוואַכע פּונקטן און לאָגישע סתירות אין דעם עוואַנגעלישן טעקסט; דער ניכטערער בעל שכל הישר, טראָקי, ווערט אָבער ניט זעלטן קורצזיכטיק און אומגערעכט, בעת ער פרוווט זיך באַנוצן אויך אין פראַגן פון עטיק און אינטימע איבערלע־בונגען מיט איין און דעם זעלבן קריטעריום: מיט טרוקענעם ראַציאָנאַ־ליזם און שטרענגן ריגאָריזם. די אויסטערליש שיינע עוואַנגעלישע מעשה

15 לוקאַס, קאַפּ' 6, 27—29.

16 מאַטעאוס, קאַפּ' 10, 24.

17 לוקאַס, 23, 34.

18 דאָרט, 281: „ואני לא ראיתי שום נוצרי שיעשה כן".

וועגן דער גאָסנפּרווי און די פּרושים, צו וועלכע קריסטוס ווענדט זיך מיט זיינע ווונדערבאַרע, אָזוינע פּשוטע און דאָך דערשיטערנדיקע ווערטער: „ווער פון אייך ס'איז ריין פון זינד, דער זאָל דער ערשטער זי באַשטייניקן". — דערוועקט אין אונזער קאַראַימישן געלערנטן זיין פרומען גרימצאָרן: ס'טייטש, דאָס איז דאָך ניט על־פּי דין! עס שטייט דאָך בפירוש: ובערת הרע מקרבך!... די דאָזיקע חסרונות האָבן אָבער ניט אָפּגעשוואַכט די וואָגיקע קראַפט פון דעם בעל „חיזוק אמונה" שאַרפער קריטיק. אירע שוואַכע זייטן האָט מען אפשר געפילט, מען איז אָבער ביי דעם דעמאָלטיקן מצב פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג ניט אימשטאַנד געוועזן זיי אויפצודעקן און צו באַקעמפן.

ערשט אויף די עלטערע יאָרן האָט יצחק טראָקי באַשלאָסן צו פאַרשרייבן די אַלע אויספירן פון זיינע רעליגיעזע וויכוחים, וואָס ער פלעגט פירן, זיי סיסטעמאַטיזירן אין איין זאַמלבוך, עס זאָל קאָנען אויך ווייטער דינען אַלס קאַמף־געוועהר, אַלס „חיזוק אמונה". דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס ער האָט מהאי טעמא א נאָמען געגעבן „חיזוק אמונה", האָט ער פאַרענדיקט ניט לאַנג פאַרן טויט. ניט פאַרענדיקט איז בלויז געבליבן דער זוך־צעטל און מראה־מקומות, וואָס דער פּראָפעסער האָט נאָך בדעה געהאַט צוגעבן צום סוף, און דאָס האָט שוין פאַר אים געטאָן זיין תלמיד יוסף מאַלינאָווסקי [19], וואָס האָט אויך געשריבן אַן אַריינפיר צום ספר „חיזוק אמונה". וועגן דרוקן אַזאַ שאַרף קעגנקריסטלעך פּאָלעמיש ווערק האָט מען דעמאָלט ניט געקאָנט אפילו טראַכטן; דערפאַר אָבער איז עס באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אין פילע האַנטשריפטלעכע קאָפּיעס ניט בלויז צווישן קאַראַימען, נאָר אויך אין דער יידישער סביבה, ווו מען האָט אפילו קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז דאָס ווערק שטאַמט פון אַ קאַראַימישן פּראָפעסער [20]. דאָ האָט ניט ווייניק מיטגעהאָלפן דער טאָן, אין וועלכן דער „חיזוק אמונה" איז געשריבן. יצחק טראָקי רעדט איבעראַל אינם נאָמען פון כלל ישראל, פון דער „אומה הישראלית"; „אנחנו היהודים", „מיר יידן ווערן געיאָגט און געפּלאָגט"; „מיט דער יידישער אומה איז פאַרבונדן דאָס גליק פון דער גאַנצער וועלט" אאַז"וו.

אין ערגעץ איז ניט צו באַמערקן אַ וועלכע ס'איז שנאה צום תלמוד

---

19 מאַלינאָווסקי האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען ביי די קאַראַימען אַלס ליטורגישער פּייטן און פּראָפעסער פון רעליגיעזע זאַמלביכער (ספר „מנהגים" און „קיצור ענין השחיטה"). וועגן זיין תלמיד נח בן ישעיהו, זע ביילאַגע נומ' 6.

20 דער באַוווסטער רב פונם 17טן י"ה ר' יאיר בכרך דערמאָנט צווישן די באַדייטנדיקע רבנישע אויטאָריטעטן אויך יצחק בן אברהם טראָקי (וראיתי שהביא גם הריב"א בהקדמת ספרו „חיזוק אמונה").

און די „ראבאניטן״. אמת, איין פרט אינם „חיזוק אמונה״ האט געמוזט מאכן א גאנץ מאדנעם איינדרוק אויפן דעמאלטיקן יידישן לייענער. דער פארפאסער איז אין ערגעץ זיך ניט סומך אויף די חכמי התלמוד, ברענגט ניט קיין ציטאטן אויס דער תלמודישער ליטעראטור. דאס האט אויסגע־זען אזוי משונה און אומנאטירלעך, אז מען האט זיך טאקע גלייך גענומען „אויסבעסערן״ אין דער הינזיכט דעם „חיזוק אמונה״: מען האט ביים קאפירן דאס ווערק געמאכט פארשיידענע הוספות, צום פארפאסערס ראיות האט מען ליתר תוקף אפט צוגעגעבן דברי חז״ל [21]. איינע פון אזעלכע האנטשריפטלעכע קאפיעס, ווי עס איז אגב אנגעגעבן די שפע־טערדיקע דאטע 1615 [22], ווען דער בעל „חיזוק אמונה״ איז שוין לאנג געווען טויט, איז מיט דער צייט געקומען צו די הענט פון דעם באוווסטן דייטשן העברעיסט וואגענזייל, און דער האט פארעפנטלעכט (1681) יצחק טראקים ווערק צוזאמען מיט א לאטיינישער איבערזעצונג אין זיין אומפאנגרייכער זאמלונג „Tela ignea satanae“ (דעם שטנס פייער־דיקע פיילן). וואגענזייל האט דאס געטאן בכדי, ווי ער אליין ווייזט אן, „די קריסטן זאלן האבן די מעגלעכקייט מכחיש זיין דאס דאזיקע ווערק, וואס קאן דאך נאך מער פארשטארקן ביי די יידן זייער פארבלענדעניש״. דער פרומער דייטשער פראפעסאר האט אבער א גרייזלעכן טעות געהאט. דערמיט, וואס ער האט פארעפנטלעכט טראקים ווערק, האט ער ניט אפגע־שוואכט די „פארבלענדעניש״ ביי די יידן, נאר געגעבן א שארף געווער אין די הענט פון די „אפיקורסים״ און „פיינט פון קריסטנטום״. דער געדרוקטער „חיזוק אמונה״ האט געמאכט א גוואלטיקן רושם, און מיט וואגענזיילס לאטיינישער איבערזעצונג [23] האבן זיך שפעטער באנוצט אזעלכע אפיקורסים־ראציאנאליסטן, ווי וואלטער און די ענציקלאפעדיסטן אין זייער עקשנותדיקן קאמף קעגן דער דאגמאטישער לערע פון דער קריסט־לעכער קירך. „די שארפסטע קעגנער פון דער (קריסטלעכער) אמונה —

---

[21] זע „חיזוק אמונה“, 43, 53, 162, 250, 257.

[22] דארטן, 250, 257. אין דער לעגינגראדער „אפע“־ביבליאטעק האט זיך גע־פונען א מאנוסקריפט פון „חיזוק אמונה“, ווו עס איז אין די באמערקנדיקע שטעלן (קאפ׳ 42 און 44) אנגעוויזן די ריכטיקע דאטע: שנת השנ״ג (1593) לבריאת העולם.

[23] דעם „חיזוק אמונה“ צוזאמען מיט דער לאטיינישער איבערזעצונג האט מען איבערגעדרוקט אין 1705, אין 1717 איז דערשינען א דייטשע איבערזעצונג, אין 1851 — אן ענגלישע, אין 1865 — א נייע דייטשע איבערזעצונג פון ד. דייטש, צוזאמען מיטן העברעישן אויסגעבעסערטן טעקסט. עס איז אויך פאראן א יידישע און שפאנישע אי־בערזעצונג.

דערקלערט וואָלטער — האָבן ניט געבראַכט אַזעלכע ראיות, וואָס מען זאָל זיי ניט געפינען אָט אין דעם „חיזוק אמונה" פון יצחק טראָקי" [24].

בעת יצחק טראָקי רעדט וועגן די גרויזאַמע רדיפות, וואָס די יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין פאַרשיידענע קריסטלעכע לענדער, דערמאָנט ער מיט דאַנקבאַרקייט זיין געבורטסלאַנד, „וועמעס מושלים און שררות פירן זיך מיט יושר און רחמנות און טוען ניט אונטערדריקן די יידן, וואָס לעבן אין זייער לאַנד" [25]. גראָד צום סוף פונם 16טן י"ה האָט זיך אָבער די לאַגע פון די יידן אין פוילן באַדייטנד פאַרערגערט. די רעפאָרמאַטאָרישע שטרעמונגען אין דער פוילישער געזעלשאַפט ווערן מיט גוואַלד דערשטיקט דורך דער קאַטוילישער רעאַקציע. די אייבערהאַנט באַקומען אַלץ מער די יעזויִטן, און זיי האָבן זיך געשטעלט אַלס ציל אויפן גרויזאַמסטן אופן אונטערדריקן ניט נאָר די עוואַנגעליסטן און סאָציניאַנער, נאָר אויך די „קריסטוס־לעסטערער", די יידן, מאַכן פון זיי רעכטלאָזע פאַריער. אונטער דער השפעה פון דער אַלגעמיינער רעאַקציע און דער פאַרערגערונג פון דער סאָציאַלער לאַגע, האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, די שטרענג אָרטאָדאָקסישע שטרעמונגען אין דער יידישער סביבה. אַלץ בולטער און שאַרפער זיינען אויך געוואָרן די מיסטישע שטרעמונגען. מען דאַרף אָבער דערביי געדענקען וועגן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן מיסטיק אַלס וועלטבאַנעם און צווישן חכמת הקבלה אַלס אויף מסורה זיך שטיצנדיקע און זינט דורות אָנערקענטע לערע. די קאַבאַליסטישע לערע, וואָס איז געוועזן געהייליקט דורך מסורת אָבות און געשאַפּט דורכן פעסטן גלויבן, אַז איר שלשלת היוחסין פירט דירעקט ביז משה רבנו — די האָט אין יענער צייט געגאָלטן אַלס גרעסטער אויטאָריטעט; מיט איר האָבן זיך גערעכנט אַלע, אפילו אַזעלכע ניכטערע, „שׂכל הישר"־נאַטורן, וואָס זיי איז לחלוטין פרעמד געווען דער מיסטישער נשמה־דראַנג, דער זיסער צאַפּל פון עקסטאַז און השתפכות הנפש. צו חכמת הקבלה האָבן זיך פאַרהאַלטן מיטן גרעסטן רעספּעקט אַלע באַדייטנדיקסטע פוילישע רבנים פונם 16טן י"ה: אי דער רמ"א, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, אי דער רש"ל, וואָס האָט זיך מיט אַזאַ שנאה פאַרהאַלטן צו „אַריסטון דעם גריך"; דער בעל „הלבושים", ר' מרדכי יפה, האָט

Melanges, t. III, p. 344 : Il a rassemblé toutes les difficultés que les 24 incredules ont prodiquees depuis... Enfin les incredules des plus determines n'ont presque rien allegué qui ne soit dans ce „Rempart de la foi" du rabin Isaac" (מיר ציטירן לויט א גייגער, ציטירט ווערק, 211).

25 „חיזוק אמונה", 273.

שטודירט די „חכמת הנסתר" ביים איטאַליענישן מיסטיקער מתתיהו דעלאַקרוט [26] און געשריבן אַ פּירוש אויף ריקאַנאַטי, און דער באַוווּסטער פּוסק, דער ב״ח, האָט דערקלערט, אַז ווער עס גלויבט ניט אין חכמת הקבלה, דער איז אַ כּופר און פאַרדינט מען זאָל אים מחרים זיין [27]. די דאָזיקע גדולי הדור זיינען אָבער אַלע געווען בלויז פּוסקים, גרויסע לומדים און חריפים אויפן געביט פון תלמוד, נאָר ניט קיין מיסטיקער. אויף דער שוועל פונם 17טן י״ה האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן באַווייזן נייע שטרע־מונגען. דערביי האָבן, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ניט ווייניק מיטגעהאָלפן די אויסערלעכע אומשטאַנדן. ביי דער אומבאַגרענעצטער ממשלה פון די יעזויִטן האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט די עלילת־דם־פּראָ־צעסן קעגן יידן. די יידנפיינדלעכע באַוועגונג האָט אַלץ בולטער אָנגענו־מען די פאָרמען פון אַ מאַסן־באַוועגונג: אין ווילנע האָבן די אָרטיקע „מעשטשאַנעס" געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם אויף די יידן, ווייל זיי האָבן אין זיי געזען די געפערלעכסטע קאָנקורענטן; אויך אין פּויזנע האָט דער קריסטלעכער פעבל געמאַכט אָפטע אָנפאַלן אויף די יידישע גאַסן. די אָפטע ריטואַל־פּראָצעסן פלעגן מיט זייער ווילדער אכזריות דערמאָנען די שפּאַנישע אינקוויזיציע. אויך אין דער דעמאָלטיקער פּוילישער ליטעראַטור האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט די יידנפיינדלעכע אַגיטאַציע; די קלערי־קאַלע שריפטשטעלער מאָיעצקי, פּלעשקאָווסקי, מיטשינסקי א״א האָבן פאַרשפּרייט אין פאָלק גיפטיקע פּאַמפלעטן פול מיט שקרים און בילבולים אויף יידן און יידנטום [28].

גראָד אין יענער צייט האָט דורך איטאַליע אַריינגעדרונגען קיין פּוילן די לוריאַנישע „קבלה מעשיית", וועלכע איז געווען אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט „משיחישער" בענקעניש און האָפענונג. פאַר די דורך צרות און רדיפות איבערגעשראָקענע נשמות האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער פּראַכט דער שיינער חלום וועגן באַלדיקער גאולה, ווען כולה זכאי וועט ווערן די וועלט, באַפרייט וועט ווערן דער ניצוץ פון גוטן אויס די „קליפות" פון שלעכטס, און דערשיינען וועט דאָן דער לאַנג דערוואַרטער גואל... אָט די משיחישע קבלה האָט באַלד געפונען פילע פייערדיקע אָנהענגער ביים פּוילישן יידנטום. איינער פון די ערשטע

---

26 דער באַקאַנטער אַרויסגעבער און קאָמענטאַטאָר פון יוסף ניקאָמילאָס מיסטישע ווערק.

27 שו״ת, נומ׳ 4: „ומאחר דמילי חכמת הקבלה... אחרי נח ראוי להחמיר עליו ביתר עוז להחרימו בכל חומרות החרם".

28 זע: דובנאָוו, צ״ש. וו., III, 115—117.

באַדייטנדיקע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען דער קראָקער ראש־ישיבה נתן בן שלמה שאַפּיראָ.

געבאָרן אין 1585 אין א חשובער רבנישער פאַמיליע [29], האָט נתן שאַפּיראָ שוין אין די יונגע יאָרן געשמט אַלס עילוי. „מיין פאָטער — דער־ציילט מיט גרויס התפעלות זיין זון שלמה — איז געווען באַגנעדיקט מיט וווּנדערבאַרע פעיִקייטן, און א זכרון האָט ער געהאַט, וואָס ס'איז זיין גלייכן ניט צו געפינען" [30]. וועגן זיין גרויסן נאָמען, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אַלס בקי אין תּלמוד און אין דער רבנישער ליטעראַטור, זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס צו 32 יאָר האָט מען אים איינגעלאַדן קיין קראָקע פאַר א ראש־ישיבה אויפן אָרט פונם אָקאָרשט געשטאָרבענעם משה מרגלית. פיל מער אָבער ווי די חכמת התלמוד האָט נתן שאַפּיראָן אינ־טערעסירט די „חכמת הנסתר", דער „זוהר הקדוש" און לוריאס קבלה. זיין זון שלמה דערציילט אין זיין אויבן־ציטירטער הקדמה, ווי אזוי נתן שאַפּיראָ פלעגט אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט צו חצות און מיט האַרצרייסנדיקן געוויין פלעגט ער קלאָגן אויפן חורבן פון דער הייליקער שטאָט און אויף דעם, וואָס ישראל און די שכינה וואַנדערן אין גלות. מיט ביטערע טרערן פלעגט ער מתפלל זיין, עס זאָל וואָס גיכער קומען די גאולה און אויפגעריכט זאָל ווערן דודס איינגעפאַלן געצעלט. איינמאָל ביי „חצות" האָט זיך פאַר אים באַוויזן אליהו הנביא און ער האָט אים מודיע געווען, אז די מלאכי השרת זאָגן שירה פאַר גאָט מיט די ניגונים, וואָס ער, נתן נטע, באַנוצט בעת ער באַווייִנט דעם חורבן בית־המקדש און גלות־השכינה [31]. נתן שאַפּיראָ האָט זיך טאַקע קונה־שם געווען דער עיקר אַלס מקובל; אַלע שבתים און יום־טובים פלעגט ער האַלטן טיפע דרשות וועגן די סודות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין די אותיות פון דער תּורה [32], און די באַדייטנדסטע פון אַלע זיינע ווערק זיינען זיינע צוויי קבלה־ספרים, וואָס טראָגן ביידע א בשותּפותדיקן נאָמען „מגלה עמוקות". ער איז

---

29 זיין זיידע, ר' נתן נטע אשכנזי, איז געווען רב אין גראָדנע, און האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע חיבורים „מלא שערים" און „אמרי שפר".

30 פאָררעדע צו „מגלה עמוקות ואתחנן" (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אויס־גאַבע, 1637).

31 זע אויך אפרים מרגליתעס הקדמה צו „מגלה עמוקות על התורה" (מיר ציטירן לויט דער לובלינער אויסגאַבע. 1901).

32 זיין זון שלמה שרייבט אין דער דערמאָנטער הקדמה: „נתן ד' לו לשון למודים, לדרוש בשבתים ובמועדים, דברי אמת וצדק פרי מגדים, כפרים עם נרדים, פיטים מתוקים והדורים עמק הסודות אותיות טעמים ונקודים, דברים אשר לא שמעו אוזן מעולם מגידים".

אָבער געווען אַ גאַנץ איינאַרטיקער מקובל. אַ מקובל אַ בעל פּילפּול. אַלס מיסטיקער האָט ער בלי־ספק דורכגעלעבט די זיס־שמאַרציקע מאָמענטן פון מיסטישער התלהבות, פון התפשטות הגשמיות; ער האָט אָבער זון קינדווייז אָן געלעבט אין דער אַטמאָספער פון איבערגעשפּיצטער קאַזויסטיק, געאָטעמט די לופט פון טרוקענעם שקלא וטריא און קאַלט אויסגערעכנטן ישוב הדעת. ס׳איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס נתן שאַפּירא ווערט אַזוי נתפעל פון דעם תלמודישן מדרש, אַז משה רבנו, בעת ער האָט די תורה באַקומען „היה לומד ושכחה״ — וויפיל ער פלעגט זי לערנען, האָט ער זי גלייך פאַרגעסן, „עד שנתן הקב״ה פלפול במתנה״, ביז גאָט האָט אים מזכה געווען מיט דער גרויסער מתנה פון „פּילפּול״,— „שבפלפולו היה מהדר התורה״, מיט דעם פּילפּול האָט משה רבנו די תורה געטאָן באַשיינען [33]. און טאַקע מיטן גייסט פון שכלדיקן פּילפּול האָט דער קראָקער ראש־ישיבה דורכגעזאַפּט די גאַנצע לוריאַנישע קבלה. די פאַנטאַזיע פון דעם דאָזיקן מיסטיקער איז געווען אָן שווונג און פאַרבעס, ווי בלייַ האָט איבער איר געהויערט דער קאַלטער אָטעם פון איבערגעשפּיצטער אָבער טרוקענער סכאָלאַסטיק. „נתן שאַפּירא — זאָגט דער היסטאָריקער דובנאָוו — האָט ביי דער קבלה זיך באַנוצט מיט דער מעטאָדע פון תלמודישן פּילפּול און האָט דערביי געשאַפן אַ דיאַלעקטישע מיסטיק, וואָס האָט געהאַט אַזאַ ווייטע שייכות צו טעאָסאָפיע, ווי די פּשטלעך פון די בעלי הפּילפּול אין די ישיבות צו זיין וויסנשאַפטלעכן דענקען״ [34]. מיט דעם דאָזיקן שטרענגן גזר־דין מוז יעדער איינווייליקן ווער נאָר עס נעמט אין די הענט שאַפּיראָס „מגלה עמוקות ואתחנן״. זוי נאָר דער לייענער עפנט דעם דאָזיקן חיבור, פילט ער זיך גלייך אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן וואַלד פון מיסטישן ווערטער־געפלאָנטער, פון טונקעלע און אינהאַלטס־אַרעמע סימבאָלישע באַגריפן. די פּרשה ואתחנן, משה רבנוס תפילה, וואָס ער טוט בעטן צו גאָט, ער זאָל אים לאָזן זען מיט זיינע אייגענע אויגן דאָס לאַנד, צו וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג געגאַרט, דאָס לאַנד פון זיין פאָלק, דאָרט „אשר בעבר הירדן״ — אָט די דאָזיקע תפילה טוט דער מקובל שאַפּירא אויסטייטשן אויף 252 אופנים, און אין דעם באַשטייט דאָס גאַנצע ווערק. און דערביי איז דאָס ווערק אַ פראַגמענט געבליבן; שאַפּירא האָט זיך פאַרמאָסטן אויסטייטשן דעם „ואתחנן״ אויף גאַנצע טויזנט אופנים, דער טויט האָט אָבער זיין

---

[33] „מגלה עמוקות על התורה״, פּרשה לך־לך, 16 (לויט דער לובלינער אויסגאַבע, 1901).

[34] דובנאָוו, צית. וו., 136.

לעבן איבערגעריסן אויפן 48טן יאָר [85], האָט ער ניט באַוויזן דאָס ווערק צו פאַרענדיקן. ניט קיין ווייניקער פיינלעכן איינדרוק מאַכט שאַפּיראָס צווייטער, אומפאַנגרייכער חיבור — זיין מיסטישער פירוש אויף תורה „מגלה עמוקות על התורה". מיר באַגעגענען דאָ אַלע עלעמענטן פון לוריעס קבלה: די לערע וועגן „עולם התיקון", וועגן „עיבור", וועגן „חטא הקדמון", וועגן די „צינורות" אאַז"וו. „מגלה" זיין טוט אָבער שאַפּיראָ גאַנץ ווייניק. קיין איין נייער געדאַנק, קיין איין פאַרביק בילד; ער טוט בלויז „דערווייזן" די ריכטיקייט פון דעם אר"ים געדאַנקען מיט זיינע „אייזערנע" ראיות, וואָס באַשטייען אויס אַן אימהדיקן געפּלאָנ־טער פון אַ ווערטער־געוועב, דורכגעפּלאָכטן מיט כלערליי גימטריאות און צאָלן, צאָלן אָן אַ שיעור. דער סוד פון גימטריאות ווערט ביי דעם דאָזיקן מקובל מגולגל אין אַ קונציקן פּילפּול־שפּיל, און זיינע ווערק ווימלען אַזוי שטאַרק מיט די האַרבסטע און קאָפּברעכנדיקע חשבונות, אַז עס הייבט אייך אָן צייטנווייז דאַכטן, אַז איר האָט פאַר זיך ניט קיין קבלה־ספר, נאָר אַ רעכנבוך...

צערייסן אָט דאָס דאָזיקע שטויביקע פּילפּול־געוועב איז אָבער גע־לונגען אַן אַנדער מיסטיקער פון יענעם דור, דעם פריער דערמאָנטן אברהם הורוויטשעס זון, ישעיה. געבאָרן אין אָנהייב פון די 70ער יאָרן פונם 16טן י"ה, איז ישעיה, ווי זיין פאָטער, דערצויגן געוואָרן אין קראָקע. דאָרט האָט ער געלערנט תורה ביי ר' שלמה בן לייבוש און ביים באַרימטן ראש־ישיבה, דעם מהר"ם אויס לובלין. שוין נאָר אין די יונגע יאָרן האָט זיך ישעיה הורוויטש דערוואָרבן אַזאַ נאָמען אין דער רבנישער וועלט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין דער געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם פּוילישן יידנטום, און זיין נאָמען געפינט זיך צווישן די דרייסיק רבנישע חתימות אונטער דער החלטה, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1590, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן פאַר געלט אָפּקויפן אַ רבנישן פּאָסטן. אין דעם זעלבן יאָר האָט זיין פאָטער, אברהם הורוויטש, אים באַאויפטראָגט ער זאָל דורכזען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין מוסר־ספר „עמק ברכה", און אים אויך דערלויבט צוגעבן זיינע באַמערקונגען און הוספות. און אָט אין די דאָזיקע הוספות פון דעם נאָך זייער יונגן ישעיה לאָזט זיך שוין באַמערקן דער מיסטיקער, וואָס זעט איבעראַל טיפע, געטלעכע סודות. צו פילע מצוות און געבאָטן גיט ישעיה הורוויטש צו זיין באַמערקונג: מי שנכנס בפרדס, דער ווייס, אַז דאָ איז פאַרבאָרגן איינער פון די טיפע סודות התורה. דער יונגער ישעיה

85 נתן שאַפּיראָ איז געשטאָרבן אין 1633.

הורוויטש פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון רבנות און ראש־ישיבה אין פאַרשיידענע שטעט אין וואָלין; שפּעטער, אין 1606, ווערט ער איינגעלאַדן אַלס רב אין דער אַלטער פראַנקפורטער קהילה. נאָר נאָכן גירוש פון 1614 קערט ער זיך צוריק אום אין זיין געבורטשטאָט — פּראָג. אַלס ראש־ישיבה האָט ער געהאַט אַ גרויסן נאָמען; זיין ישיבה פלעגט צו זיך צוציען תּלמידים פון פאַרשיידענע פּראָווינצן, און פילע פון זיי פלעגט ער אויסהאַלטן מיט אַלע הצטרכות. „צו זיין טיש, — דערציילט זיין זון שעפּטל, — האָבן זיך קיינמאָל ניט געזעצט ווייניקער ווי 80 נפשות, און מען פלעגט דערלאַנגען די שענסטע שפּייזן סיי אינדערוואָכן סיי שבת און יום־טוב" [36]. דאָס אַלץ האָט אָבער ווייניק באַפרידיקט דעם מיסטיש געשטימטן ישעיה הורוויטש. זיין שענסטער חלום איז געווען — זיך באַזעצן אין „ארץ החיים", אין דעם צענטער פון דער וועלט, אין ירושלים, „קושן דעם שטויב" פון דער הייליקער שטאָט צפת, וווּ עס האָבן אין איין צייט געלעבט „דריי געטלעכע מענער": דער „מלאך אלהי צבאות" יוסף קארו, ר' משה קורדואירא און ר' יצחק לוריא. אין 1621 באַרלאָזט ישעיה הורוויטש פּראָג, און לאָזט זיך קיין ירושלים, וווּ מען נעמט אים אויף מיט גרויס כבוד [37]. אדאַנק דער מיטהילף פון ר' חיים וויטאַלס זון, שמואל, געלינגט עס ישעיה הורוויטשן זיך צו באַקענען מיט די מאַנוסקריפּטן, וואָס האָבן פאַר אים אויפגעדעקט אַלע סודות פון דעם אר"ים קבלה. און איינלעבנדיק זיך אין דער דאָזיקער מיסטישער וועלט, פאַרענדיקט הורוויטש (1623) זיין ריזן־ווערק, וואָס ער האָט נאָך אָנגעפאַנגען אין פּראָג — „שני לוחות הברית", מער באַקאַנט אונטער די ראשי תּיבות של"ה, און שרייבט זיין פּירוש אויף די תּפילות פון אַ גאַנץ יאָר „שער שמים". „הורוויטשעס „שלום ושלוה"־יאָרן האָבן אָבער אין ירושלים לאַנג ניט געדויערט. אין 1625 האָט מען אויפן באַפעל פונם אָרטיקן טערקישן פּאַשאַ אַרעסטירט ישעיה הורוויטשן און נאָך 15 רבנים און אָן אַ שום שולד זיי אַלע איינגעזעצט אין תּפיסה. דער מיין

36 זע די פאָררעדע צו „ווי העמודים".

37 אינטערעסאַנט איז הורוויטשעס באַשרייבן דאָס דעמאָלטיקע לעבן אין ירושלים: „ירושלים, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער חורבן איז אין איר גרויס, איז דאָך אויך איצט די פרייד פון דער וועלט. עס איז אין איר שלום ושלוה, עס געפינען זיך אין איר די שענסטע שפּייזן און די בעסטע וויינען, גענז און הינער — ווי אין פּראָג, שוין ניט צו ריידן וועגן פלערליי פּירות און ווייַנטרויבן. די צאָל פון די ספרדים מערט זיך פון טאָג צו טאָג; זיי באַטרעפן העכער 500 פאַמיליעס, און זיי בויען דאָרט גרויסע הייזער. דאָס איז בלי־ספק אַ סימן פון באַלדיקער גאולה — במהרה בימינו אָמן. באַלד וועט איר מיט גאָטס הילף הערן, אַז אויך דער אַשכנזישער ישוב וועט זיך דאָרט מערן און שטאַרקן, וואָרעם איך ווייס, אַז פילע פאָרן אַהין".

איז געווען צו באַקומען פון דער יידישער קהילה א געהעריקע סומע אויסלייז־געלט. הורוויטש איז אָבער געלונגען צו אַנטלויפן פון דער תפיסה, און ער האָט זיך באַזעצט אין צפת. אין 1629 איז ער געשטאָרבן און צו קבורה געקומען אין טבריה.

זיין הויפט־ווערק „שני לוחות הברית" האָט ערשט אין די פער־ציקער יאָרן (בשנת הקדש) זיין זון שעפטל אין אַמסטערדאַם פאַרעפנט־לעכט. די אַרכיטעקטאָניק פון דעם דאָזיקן ווערק איז א זייער פאַרפּלאָנ־טערטע. „שני לוחות הברית" — דאָס זיינען „ביידע תורות", די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה — „ותורה אחת" — און זיי זיינען ביידע איין תורה. דער מאַטעריאַל פון יעדן „לוח" ווערט אָבער ביי אונ־זער פאַרפאַסער צעטיילט אין דריי טיילן: 1) אין נ ר מ צ ו ה, דאָס איז דער קיום המצוות מיט די אַלע דערמיט פאַרבונדענע דינים; 2) ת ו ר ה אור — דאָס זיינען די סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין די מצוות, און 3) ת ו כ ח ת מ ו ס ר. און אָט דער דאָזיקער מאַטעריאַל פון ביידע „לוחות" איז אויסגעמישט צוזאַמען, איינגעפלאָכטן אין פאַרשיידענע „שערים", „סעיפים" און „בתים". ניט קוקנדיק אויף זיין סיסטעמלאָ־זיקייט, איז דער „שני לוחות הברית" דאָך איינס פון די מערקווירדיק־סטע ווערק, וואָס יענע תקופה האָט געשאַפן. אמת, צוזאַמען מיט זייער שיינע עטישע סענטענצן און טיפע פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע געדאַנקען, ווימלט דאָרט מיט גאַנץ נאַיווע, ריין־מיטלאַלטערלעכן אָבערגלויבן; דאָך פילט זיך אין אָט די פילע הונדערטער פּאַליע־בלעטער א וווּנדערבאַרע גאַנצקייט, דער טאָן אַזא ערנסטער און דאָך אַזא האַרציקער, און אַלץ איז דורכגעדרונגען מיט מיסטישער התלהבות, אָטעמט מיט פּאַטאָס פון באַגייסטערונג. גלייך אין דער הקדמה דערקלערט דער בעל השל"ה, אַז ער איז א התלהבותדיקער חסיד פון „חכמת האמת": „איך בין בלויז אויסן אויפצודעקן „קצת מהקצת", וואָס איך האָב מקבל געווען אויס סופרים און ספרים, וועלכע גייען אין די וועגן פונם „זוהר", בפרט פון די הייליקע ווערק פון ר' מאיר גבאי, ר' משה קורדואירא און דעם הוי־ליקן געטלעכן מאַן אר"י ז"ל". אמת, ישעיה הורוויטש איז ניט נאָר א מקובל, נאָר אויך רב און ראש־ישיבה, וואָס איז אויסגעוואַקסן אינם גייסט פון די פוילישע ישיבות און די „נושאי כלים" פון דעם „שולחן ערוך". ער אַליין גיט צו וויסן: אנחנו מחמירים בחומרא על חומרא, מיר זיינען פון די שטרענגסטע מחמירים. ער האָט אָבער די אַלע דינים און חומרות דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון מיסטיק, און פאָלגנדיק דעם אר"י, האָט ער יעדע מצווה פאַרוואַנדלט אין א מיסטעריע, אין יעדן געבאָט געזען א פילבאַדייטנדיקן סימבאָל, א הייליקן סוד, וואָס „קיין

בן־אדם איז ניט אימשטאנד צו דערגרונטעווען, ער זאל אפילו לעבן טויזנטער יארן" [38]. אבער ניט נאר אין מצוות און דינים — אפילו אין די אותיות איז באהאלטן א מיסטישע קראפט, אויך זיי זיינען סימבאלן פון קאס־מישע ערשיינונגען [39]. ניט נאר די תורה אליין, אויך דער טעקסט פונם תלמוד, פארזיכערט דער בעל השל"ה, באשטייט פון לויטער געטלעכע שמות. „ווער ס'האט געהאט די זכיה ארייננצודרינגען אין די סודות הקבלה, דער ווייס וואסערע חידושימדיקע זאכן עס זיינען באהאלטן אין די מאמרי חז"ל". אפילו אין די תלמודישע לעגענדעס, מעשיות און משלים זעט ישעיה הורוויטש „גרויסע, וווּנדערבארע סודות". אלע עטישע פראבלעמען, אלע התחייבותן, וואס דער מענטש האט צו אנדערע מענטשן און צו גאט, שטיצן זיך לויט דעם של"ה אויף צוויי גרונט־יסודות: אויף ליבע און הייליקייט. „לא לשנוא שום אדם בלב" — דער מענטש דארף אויף קיין שום מענטשן ניט טראגן קיין שנאה אין הארצן— לערנט דער בעל השל"ה. „דו דארפסט ניט באשולדיקן דיין חבר לא במחשבה ולא בדיבור ולא במעשה". „עס שטייט אין דער תורה: ואהבת לרעך כמוך, דאס הייסט: וואס דיר איז ליב און טייער, דאס דארפסטו אויך טאן דיין חבר". „האט ווער געזינדיקט קעגן דיר — זיי אים גלייך מוחל; די גאנצע עדה איז דאך ווי איין גוף, און וועסטו דען מיט איין האנט שטראפן די אנדערע האנט, אויב יענע האט א וועלכן אבר זיי געטאן" [40]. אויפן כלל פון „ואהבת לרעך" שטייט די וועלט, ווארעם, לערנט דער של"ה, הרי ואהבת לרעך כמוך הוא הגורם ואהבת את ד' אלהיך — דורך דער ליבע צום צווייטן מענטשן קומט דער מענטש צו דער ליבע צו גאט, ווייל ביידע ליבעס גיסן זיך צונויף אין דער געטלעכער איינהייט [41]. און גאט דינען קאן מען נאר מיט ליבע — דאס חזרט יעדעס מאל איבער דער בעל השל"ה. גאט דארף מען ליב האבן ניט „בשביל אהבת שכר" און אויך ניט אויס מורא פאר שטראף, נאר אויס־שליסלעך אויס „אהבה פנימית", אויס „גרויס בענקען און לעכצן מיט טיפער הארציקער ליבע צו גאט" (הוא החשק והדיבוק בו יתברך באהבה פנימית) [42], ער זאל זיך באהעפטן און צונויפגיסן מיט אים אין גרויסער, דורשטיקער און אייביקער ליבע (ולהדבק בו בדביקה חשיקה חפיצה

---

38 של"ה, „תולדות אדם": „כי לסודות ההם אין סוף ותכלית, אדם אם יהיה אלף שנים פעמיים לא יעלה לעומק הענין".

39 „יש לאותיות רוחניות הן מצד תמונתן, הן מצד מספרן".

40 שער האותיות, אות ב'.

41 דארט.

42 בעשרה מאמרות, המאמר השלישי.

באהבה רבה אהבת עולם) [43], און אין דעם — חזרט הורוויטש מערערע מאָל איבער — באַשטייט דאָך דער ציל און תכלית פונם מענטשן, ער זאָל זיך דערהויבן צו זיין געטלעכן פאַרבילד, ווערן ענלעך צו אים כביכול (ותכליתו הוא להיות כאלקים דביקות בשמו).

אין פולן הסכם מיטן זוהרס וועלטבאַנעם שטרייכט הורוויטש יעדעס מאָל אונטער די גוואַלטיק וויכטיקע ראָלע פונם מענטשן אינם קאָסמאָס [44]. די וועלט, דערקלערט דער בעל השל״ה, איז צוליב דעם מענטשן באַשאַפן געוואָרן; ער, דער מענטש, איז פון א העכערער מדרגה ווי די מלאכים, וואָרעם דער מלאך איז באַשאַפן פון כולו טוב, זיינע מעשים טובים ווערן ניט געהייליקט דורכן דראַנג פונם פרייען ווילן; ער טוט דק דאָס גוטע, ווייל ער איז ניט ביכולת שלעכטס צו טאָן. ביים מענטשן אָבער זיינען זיינע מעשים א פועל־יוצא פונם שווערן געראַנגל, וואָס ס'האָבן אין אים געפירט דער יצר־הרע מיטן יצר־טוב. ערשט דורך שווערע ליידן און עקשנותדיקן קאַמף דערגרייכט סוף־כל־סוף זיין ווילן צו דער הויכער מדרגה; דערפאַר גילט ער אלס מוסטער פאַרן מלאך — המלאך שואף ממנו. די מלאכים ווייסן ניט פון דערגרייכונגען, פון פאַר־פולקומונג; זיי געפינען זיך שטענדיק אין רו, און ניט אומזיסט זאָגט דער נביא (ישעיה, 6, 2): שרפים עומדים, זיי שטרעבן ניט, זיי שטייען אויף איין אָרט. גאַנץ אַנדערש איז אָבער דער מענטש: ער איז ניט קיין „עומד", נאָר א „מהלך"; ער איז אין שטענדיקער באַוועגונג פון שטאַפּל צו שטאַפּל, פון איין מדרגה צו דער צווייטער. דער מענטש מיט זיינע מעשים, מיט זיין דראַנג צום גוטן, איז אויך משפיע אויף די „עולמות עליונים", וואָרעם דער מענטש איז דאָך געשטעמפּלט בחותמו של הקב״ה, און דער דאָזיקער שטעמפּל פאַרבינדט דעם מענטשן מיט גאָט כביכול, „ווי מיט א הענגענדיקער קייט, וואָס אירע לעצטע רינגען, וועלכע שלעפּן זיך איבער דער ערד, זיינען משפיע אויף די רינגען, וואָס נעפינען זיך אין דער הויך".

אין פולן הסכם מיטן אידעען־גאַנג פון דער קבלה, וואַרפט אויך הורוויטש אָפּ דעם דואַליסטישן געדאַנק וועגן גוטס און שלעכטס. הור־וויטש טרעט דערפאַר אַרויס קעגן „הרלב״ג וסיעתו", וואָס גייען אַרויס פונם שטאַנדפּונקט, אַז נאָר דאָס גוטע שטאַמט פון דעם געטלעכן מהות און דאָס שלעכטע האָט א זעלבשטענדיקע עקסיסטענץ. אין דער התחלה,

---

43 דאָרטן, תולדות אדם.

44 דאָרטן: „מה נורא האדם וענין יצירתו וצלמו ודמותו והודתו ואחריתו כי הכל בגבהי מרומים".

זאָגט דער בעל השל"ה, איז געווען כולו טוב — לויטער דאָס גוטע, און כּול איז געווען דער חלל פון דער וועלט מיט אומפאַרטונקלטן ליכט. דאָס שלעכטע האָט עקסיסטירט בלויז אין דער פּאָטענץ; דער מענטש האָט אָבער דורכן „חטא", וואָס ער האָט זיך פונם נחש געלאָזט פאַר־פירן—„הוציא הרע מכּוח אל הפועל", האָט דאָס שלעכטע פאַרוואַנדלט אויס דער פּאָטענץ אין רעאַלן יש. דורכן פּגם, דורך די פאַרטונקעלונג פונם געטלעכן ליכט, איז דער גייסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חומר, אין „קליפּה". דורך אָדם הראשונס „חטא" האָט דאָס גוטע זיך צונויפגעמישט מיטן שלעכטן. די צעשטערטע האַרמאָניע קאָן אָבער דער מענטש ווידער מתקן זיין; דורך א ריין, געהייליקט לעבן קאָן דער מענטש די פאַרגרעבטע „קליפּות" ווידער דערהויבן צו זייער ליכטיקן מקור, און פאַרוואַנדלען דאָס שלעכטע אין זיין קעגנזאַץ, און דעם מקור פון גוטן [45]. דאַן וועט זיך ווידער אָנהייבן דער מלכות פון כּולו טוב אין כּולו אור. זיין גאַנץ לעבן דאַרף דער מענטש וועגן דעם טראַכטן און געדענקען; הייליקן דאַרף ער דאָס לעבן, אַלץ אַרום, דאָס ערדישע און פאַרגרעבטע דאַרף ער באַשיינען מיטן געטלעכן ליכט. „קינדער מיינע — לערנט דער בעל השל"ה — שטענדיק, בייטאָג און ביינאַכט, טוט טראַכטן וועגן פאַרגרעסערן די הייליקייט און דערנענטערונג צו גאָט". הייליקן דאַרף דער מענטש יעדן טריט, יעדן אבר זיינעם. די צען פינגער זיינע דאַרף ער באַטראַכטן אַלס סימבאָל פון די צען „ספירות", דאָס האַרץ איז די באַרקערפּערונג פון „קדשי קדשים" אאז"וו. דעם מענטשנס יעדער טריט, זיין גאַנץ טאָן און טראַכטן, דאַרף זיין געהייליקט מיט דער גאָטהייט־אידעע, בכדי דער מענטש זאָל זוכה זיין דערגרייכן צו דער מדרגה פון „גאָטס געצעלט", ווו גאָט טוט רוען. טיפּיש איז אין דער הינזיכט, ווי דער אסקעט הורוויטש פאַרהאַלט זיך צום געשלעכטלעכן פאַרקער צווישן מאַן און ווייב. די פוסקים באַהאַנדלען דעם ענין נשואים אויסשליסלעך אַלס מצות־עשה: פּרו ורבו. הורוויטש טרעט אָבער דאָ אַרויס ניט אַלס פּוסק, נאָר אַלס מיסטיקער. אין פולן הסכּם מיט די בעלי הקבלה זעט דער בעל השל"ה אין דעם זיווג־צווישן מאַן און ווייב א טיפן עטישן סימבאָל: דורך דעם באַהעפטן פוןביידע געשלעכטער דערגרייכט דער מענטש די העכסטע, געטלעכע האַרמאָניע (כּי צריך להיות האדם דוגמת היצירה העליונה דו פרצופין). דער געשלעכטלעכער טריב, דער אורקוואַל פון זיין און ווערן, ווערט ביים בעל השל"ה געליייטערט און איינגעהילט אין לבוש פון הייליקייט. „אין קדושה בכל הקדושות כּקדושת הזיווג" —

45 „כי אז הרע גרם הטוב הגדול כי לא זו שהרע נתבטל אף נתהפך לטוב". (דאָרטן, שער בית ישראל, בית דוד).

צווישן אלע הייליקייטן איז נישטא אזא הייליקע זאך, וואס זאל זיך קאנען גלייכן צום זיווג פון מאן און ווייב — רופט פאטעטיש אויס דער בעל השל"ה. דער זיווג פון צוויי געשלעכטער — דאס איז דער אפבילד פון דער גרויסער מיסטעריע — די באהעפטונג פון די „ספירות", „סוד תפארת ומלכות". און ישעיה הורוויטש רעדט באריכות וועגן דעם סוד „הזדווגות איש באשתו", און דערקלערט אויפן ריין־מיסטישן אופן די מאמרות פון די חכמי התלמוד: „כי מי שאין לו אשה אינו אדם", און „כל השרוי בלא אשה שרוי בלא טובה בלא שמחה בלא ברכה" [46]. אפילו ענין אכילה ושתיה ווערט אויך ביי הורוויטשן באטראכט אלס מיסטעריע. דער מענטש דארף בשעת דעם עסן זיך באטראכטן „במקום כהן", דאס עסנווארג „במקום קרבן" און דעם טיש „במקום מזבח". נאר אויף א נאך העכערער מדרגה ווי אכילה ושתיה איז — דאס פאסטן. דער תענית, דערקלערט דער של"ה, הייליקט דעם מענטשן, דערמיט, וואס ער פאסט, ברענגט ער זיך אליין פאר א קרבן.

הורוויטשעס ריזן־ווערק איז אינגאנצן דורכגעדרונגען מיטן שטרענגן אסקעטישן גייסט פון דעם אר"יס קבלה. די העכסטע מדרגה פון שלימות ווערט לויט דעם של"ה דערגרייכט דורך התבודדות. דער איינציקער ריכטיקער וועג, וואס רייניקט און הייליקט דעם מענטשן — דאס איז תשובה. די ראשי־תיבות פון תשובה, דערקלערט ווייטער דער בעל השל"ה, מאכן: תענית, שק, ואפר, בכיה, הספד. א ייד טאר ניט לאכן, לערנט דער של"ה, כל־זמן דאס פאלק ישראל און מיט אים אויך די שכינה זיינען אין גלות. ווי דער מהר"ל, אזוי שטעלט זיך אויך דער בעל השל"ה אפ אויף דער הארבער שאלה: פארוואס זיינען אזוי גרויס די ליידן פונם אויסדערוויילטן און איינציקן פאלק, וואס גאט אליין טראגט זיין נאמען? דורך ליידן קומט די גאולה, די ליידן—זיי רייניקן אפ פון די „קליפות" פון שלעכטס; אין דעם זעט הורוויטש די גרויסע מיסיע פונם יידישן פאלק, די דערלייזנדיקע קראפט פון זיינע שווערע ליידן. אין הארציקע ווערטער רעדט הורוויטש וועגן דעם מארטירער־וועג פונם יידישן פאלק, „פון אט דעם שעפעלע צווישן וועלף, וואס ס'איז אויסגעשטעלט דער שווערד, דעם הונגער, קנעכטשאפט און שאנד". און ער טרייסט דאס פאלק, אז זיינע ליידן וועלן ברענגען די גאולה און דער־נענטערן דעם „קץ". באלד, באלד וועט קומען משיח, דער דערלייזער; ער וועט באפרייען „זיין פאלק פון אונטער די פעלקערס יאך", גערעכ־טיקייט וועט רעגירן איבער דער גאנצער וועלט, „וד' אחד ושמו אחד!".

46 „שער האותיות", דף ק"א–ק"ג (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אמסטער־דאמער אויסגאבע).

הורוויטש האָט ניט געשאַפן קיין נייע סיסטעם, ער איז בלויז אַ נאָכ־פאָלגער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון די לוריאַנישע מיסטישע אידעען, וואָס די „גורי האר״י״ האָבן פאַרשפּרייט. דער פאַרחלומטער מיסטיקער פון די נילוס־ברעגעס האָט אָבער געפונען אין אָט דעם פּויליש־דייטשן רב אַ באַ־גייסטערטן תלמיד און שליח, וואָס האָט אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן פאַר־שטאַנען ווי האַרמאָניש צונויפּצופּאַסן דעם אר״יס לערע מיט דער אינטי־מער גייסטיקער וועלט פון דעם פּוילישן יידנטום. ער האָט געפונען דעם פּאַסיקן טאָן, די האַרציקע שפּראַך, אויסצודריקן אַזוי בולט און קלאָר די האָפענונגען, חלומות און גלויבונגען, אין וועלכע ס׳האָט געלעבט דאָס דעמאָלטיקע יידישע געטאָ, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיטן פייער־דיקן רינג פון שנאה און פאַראַכטונג. ס׳איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס ווען דאָס גרויסע אומגליק איז געשען, און דאָס פּויליש־אוקראַי־נישע יידנטום האָט אין די בלוטיקע כמעלניצקי־יאָרן ביז צום דעק אויס־געטרונקען דעם טיפן בעכער פון פיין און צער — איז דער של״ה גע־וואָרן דאָס באַליבטסטע בוך ביים פאָלק. אין אים האָבן די פאַראומערטע און פאַרוויטאָגטע הערצער געזוכט און געפונען טרייסט און זאַלבונג צו זייערע שמאַרציקע ווּנדן. מיט ליבע און דאַנק האָבן זיי צונויפגע־שמאָלצן דעם נאָמען פונם מחבר מיטן ספר צוזאַמען, און אין זכרון פון די קומענדיקע דורות איז איינגעקריצט געבליבן אַלס איינער פון די טייערסטע פריינד און לערער דער נאָמען פונם „של״ה הקדוש״ — דעם הייליקן של״ה...

זעקסטער קאַפּיטל

די גזירות ת"ח און זייער אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור. — די מעטואָרן פון נתן האַנאָווער, שמואל פייוויש פייטל, שבתי כהן, אַברהם אשכנזי, מאיר שעברשין און גבריאל שוסבורג. — די קינות און עלעגיעס פון שבתי כהן (ש"ך), יום־טוב הע׳לער, שעפטל הורוויטש, משה נאַראַל א"אַ. — די גייסטיקע ירידה פונם פוילישן יידנטום.

אויפן יאָר ת"ח (1648) האָט מען געהאַט גרויסע האָפענונגען. אין „זוהר הקדוש" איז דאָך פאָרויסגעזאָגט, אַז אין יאָר זאת וועט קומען די גאולה, „וישוב איש אל אחוזתו" [1]. האָבן אַלע געוואַרט מיט אומגעדולד [2]. און אָט איז געקומען דאָס לאַנג געוואַרטע יאָר — און דערוואַרט האָט מען זיך ניט אויף דער גאולה, נאָר אויפן גרויסן בראָך, אויפן אימהדיקן אומגליק. באָגדאַן כמעלניצקיס קאָזאַקן־חיילות האָבן מיט פייער און שווערד די יידישע קהילות געמשפּט, און געפאַלן זיינען אין דעם שרעקלעכן יאָר מער יידישע קרבנות, ווי בשעת די קרייצצוגן און דער „שוואַרצער מגפה". בערך 700 יידישע קהילות זיינען חרוב געוואָרן און הונדערטער טויזנטער נפשות זיינען אומגעקומען אונטער דעם מעסער פון די רוצחים, אָדער געפאַלן אַלס קרבנות פון די עפּידעמיעס, וואָס האָבן דערביי אויסגעבראָכן [3]. ווי די קרייצצוגן בשעתם אַזוי האָבן אויך

---

1 זע אונזער געשיכטע, ב' IV, ז' 417.

2 דער ש"ך קלאָגט זיך אין זיין „מגילת עיפה": „שנת ת"ח אשר חשבתי בזאת יבוא אהרן אל הקודש לפני ולפנים והפך כנורי לאבל ושמחתי ליגונים". און דעם בעל השל"ה'ס זון שעפטל הורוויטש שטרייכט אונטער אין זיין באַקאַנטער קינה:

ת"ח למספר אלף הששי
אמרתי בלבבי לצאת חפשי.

3 וועגן דער צאָל קרבנות זיינען די היסטאָרישע קוועלן ניט איינשטימיק. איינע פון די קינות אויף „גזירות ת"ח" רעדט וועגן „איבער דריי הונדערט" חרובע יידישע קהילות („לקורות הגזירות", I, 9); נטע האַנאָווער ווייזט אָן די צאָל 700 („יון מצולה", 10); דער בעל „צער בת רבים", וואָס פאַררופט זיך דערביי אויף „וויכטיקע פּנקסים", דערציילט, אַז ס'האָבן געליטן ניט ווייניקער ווי 744 קהילות (דאָרט, 14); דער רב מרדכי אויס קרעמזיר שאַצט די צאָל אומגעקומענע („לקורות הגזירות", III, 25) בערך 120 טויזנט; דער בעל „טיט היון" שאַצט אָבער די צאָל קרבנות פיל העכער (670 טויזנט).

די „גזירות ת"ח" ארויסגערופן א גאנצע ליטעראטור, וואס באשטייט הויפטזעכלעך אויס מעמוארן און עלעגיעס. דער ליטעראַרישער ווערט פון די דאָזיקע טרויעריקע דענקמעלער אויס די בלוטיקע שרעק־יאָרן איז גאַנץ פאַרשיידן. צווישן די מעמואַרן פון יענער צייט געפינען זיך א שטייגער אַזעלכע ווי „טיט היון" [4] פון שמואל פייוויש פייטל, וועלכער רעכנט אויס אין פּראַקטאַקאַליש טרוקענעם טאָן 262 קהילות, וואָס כמעל־ניצקים מיטהעלפער האָבן חרוב געמאַכט, און פאַרצייכנט דערביי די צאָל קרבנות אין יעדער קהילה באַזונדער. אַזעלכע „הזכרות נשמות" האָבן געוויס א היסטאָרישן באַטייט, זייער ליטעראַרישער ווערט איז אָבער א גאַנץ קנאַפּער. עס זיינען אָבער אויך אויפגעהיט אַזעלכע היסטאָרישע כראָניקעס פון יענער צייט, וואָס טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון ליטעראַרישן שאַפן, און עס איז קיין ספק ניט, אַז זייערע פאַרפאַסער האָבן געהאַט א שאַרף אויג פון אַן אויפמערקזאַמען באַאָבאַכטער און א פען פון א באַגאַבטן שריפטשטעלער. צווישן זיי פאַרנעמט דעם חשובסטן פּלאַץ דער „יון מצולה" פון נתן נטע האַנאָווער [5].

נתן־נטעס פאָטער, משה אשכנזי, האָט געלעבט אין אָסטראָ, און דאָרט איז העכסט־וואַרשיינלעך נתן־נטע געבאָרן. תורה האָט נתן־נטע געלערנט אין דער התחלה ביי זיין פאָטער און שפּעטער אין דער באַרימטער אָסטראָהער ישיבה. נאָר שוין אין די יונגע יאָרן האָט זיך האַנאָווער באַזונדערס פאַראינטערעסירט מיט „חכמת הנסתר", מיט וועלכע ס'האָט אים באַקאַנט דער באַוווּסטער מקובל שמשון אָסטראָפּאָלער, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען פון כמעלניצקים חיילות אין פּאָלאָנאָע. האַנאָווערס שטאַרקע נטיה צו קבלה לאָזט זיך שוין מערקן אין זיין דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן (1646) אין קראָקע „טעמי סוכה", ווו ער דערקלערט אַלע מאמרי חז"ל, וואָס האָבן א שייכות צו ענין סוכה, אויפן דרך פון סוד און רמז. די „גזירות ת"ח" האָט נתן־נטע איבערגעלעבט אין זאַסלאַוו, די געבורטשטאָט פון זיין פרוי. זיין פאָטער איז אומגעקומען בשעת דער שחיטה, אים אָבער מיט זיין פאַמיליע איז געלונגען אַנטרינען צו ווערן. א שטיקל צייט האָט ער פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, ווו ער האָט זיין פאַמיליע מפרנס געווען דערמיט, וואָס ער פלעגט האַלטן

---

[4] צום ערשטן געדרוקט אין ווענעדיק (1655), דערנאָך איבערגעדרוקט אין גורלאַנדס „לקורות הגזירות", V, און מיט הוספות ווידער אַמאָל געדרוקט אין דוד כהנאס צונאָב „לקורות הגזירות", ז' 18—28.

[5] באַר. ה. ווענן האַנאָווערס לעבן און ליטעראַרישער טעטיקייט, זעו: ד"ר י. איזראַעלסאָנס אַרבעט אין די „היסטאָרישע שריפטן", I, 1—26.

דרשות אין פאַרשיידענע שטעט [6]. נאָך לאַנגן וואָגל איז אים געלונגען צו דערלאַנגען זיך קיין איטאַליע; אין 1652 געפינט ער זיך אין ווענעדיק, אין אַ יאָר אַרום באַקומט ער די שטעלע פון רבנות און ליוואָרנאָ, וווּ ער באַפריינדעט זיך מיט חיים וויטאַלס תּלמיד, דעם מקובל חיים כּהן, און יענער מאַכט אים נאָענט באַקאַנט מיט דעם אר"ים קבלה. נתן־נטע גופא דערציילט [7], ווי ער האָט זיך באַקאַנט מיטן אָקאָרשט אויס פּאַלעסטינע געקומענעם מקובל נתן שפּירא, און ביידע צוזאַמען זיינען זיי אָפּגעפאָרן קיין ווענעדיק, וווּ זיי זיינען זיך צונויפגעקומען מיט די מקובלים שמואל אַבוהב און משה זכותא, מיט וועלכן האַנאָווער האָט זיך זייער נאָענט באַפריינדעט [8]. אַרומגערינגלט מיט חברים מקובלים, פאַרטיפט אין די סודות פון „חכמת הנסתר", האָט האַנאָווער פאַרבראַכט אייניקע רויִקע יאָר און מיט גרויס התמדה זיך אָפּגעגעבן זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. פון זיינע מיסטישע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן, האָט אַ בלייבנדיקן קולטור־היסטאָרישן ווערט בלויז זיין „שערי ציון" — אַ זאַמלונג פון תּפילות פאַר תּעניתים, יום־טובים א"אַנד מיט אַ קאַבאַליסטישן איהאַלט [9]. דעם אר"ים אַ הייסער חסיד, האָט האַנאָווער אַריינגענומען אין זיין זאַמלונג אַ סך תּפילות פון די „גורי האר"י" — פון חיים וויטאַל, חיים כּהן און אַנדערע צפתער מקובלים [10]. „דער חיבור פון נתן האַנאָווער — שרייבט ד"ר איזראַעלסאָן — איז געוואָרן ביים עולם שטאַרק באַליבט. אייניקע תּפילות זינען אַריבער אויך אין די איצטיקע סידורים און מחזורים און ווערן נאָך באַנוצט ביז הייננטיקן טאָג. אַזוי, למשל, איז אַדאַנק אים שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן דער תּיקון חצות — אַ מנהג, וואָס איז ביז יענער צייט געווען פאַרשפּרייט נאָר אין אייניקע איטאַליענישע קהילות. פון דאָרטן איז ער אַריבער אויך אין אונזערע סידורים. די תּפילה „רבונו של עולם", וואָס מען זאָגט נאָכן אַרויסנעמען די ספרי תּורה פונם אָרון קודש, און דער „יהי רצון"

---

6 דאָס רוב פון די דאָזיקע דרשות האָט ער צונויפגעזאַמלט אין זיין ביז איצט נים פאַרעפנטלעכטע ווערק „נטע שעשועים".

7 אין דער פאָררעדע צו זיין תּיקוני תּפלות „שערי ציון" (פּראָג, 1662, דערנאָך מערערע מאָל איבערגעדרוקט). די פאָררעדע געפינט זיך בלויז אין דער ערשטער אויסגאַבע).

8 אין דער פאָררעדע צו „שערי ציון" שרייבט האַנאָווער: „איש כערכי, אלופי ומיודעי דודי ורעי הרב הכולל המקובל הנאמן כמוה"ר משה זכותא".

9 דער „שערי ציון", דערציילט דער פאַרפאַסער אין דער פאָררעדע, איז דער פינפטער טייל פון אַ פאַרטראַכט, גרויס מיסטיש ווערק אין פינף טייל כנגד „חמשה פרצופים".

10 זע פערטן באַנד פון אונזער ווערק, ז' 326.

נאך „ברכת כהנים" — זיינען אויך גענומען געוואָרן פון דער דאָזיקער זאמלונג און זיינען איצט אריין אין די תפילות" [11].

אדאנק דער דאָזיקער תפילות־זאמלונג איז טאקע האנאווער גע־וואָרן א מפורסם און שטארק באליבט ביים ברייטן עולם, אָבער קונה־שם געווען ניט נאָר פאר זיין דור, נאָר אויך פאר די קומענדיקע דורות, האָט ער זיך מיט זיין קלאסיש היסטאָרישן ווערק „יון מצולה" (פאר־עפנטלעכט אין ווענעדיק 1653), ווו ער באשרייבט די שרעקלעכע גע־שעענישן פון די בלוטיקע יאָרן 1648—1652 [12]. אָט דער רב און מקובל האָט פארמאָגט דאָס, וואָס ס'איז געווען פון גרעסטער זעלטנהייט אין יענער צייט: א ברייטן היסטאָרישן וועלטבאנעם, וואָס גיט אים די מעגלעכקייט גאנץ אָביעקטיוו אָפצושאצן די געשעענישן, וואָס ער באַ־שרייבט אין זיין כראָניק. איידער ער גייט איבער צו די בלוטיקע מעשים פון די קאָזאקישע חיילות, גיט ער פריער אַן אימהדיק־טרויעריק בילד פון דער שווערער עקאָנאָמישער און רעליגיעז־נאציאָנאלער לאגע, אין וועלכע די „כלאָפּן", די קליינרוסישע באפעלקערונג האָט געלעבט אונטער דער דעספּאָטישער ממשלה פון די פוילישע מאגנאטן און שררות. ער שטרייכט אויך אונטער די טרויעריקע ראָלע, וואָס עס האָבן געשפּילט אין דער עקספּלואטאציע פונם קליינרוסישן פויער די יידישע ארענדאַ־טאָרן. טיפּיש איז דער שלום פון דעם דאָזיקן אריינפיר: „וכל כך היו (דלת עם היונים) שפלים, עד שכמעט כל האומות ואפילו אותה אומה הירודה בין כל האומות היו מושלים בהם" — דער קליינרוסישער אָרע־מער המון איז געווען אזוי ווייט דערנידעריקט, אַז כמעט אַלע אומות, אפילו די אומה, וואָס ווערט געטראָטן פון אַלע פעלקער, אַלע האָבן זיי איבער אים געוועלטיקט [13].

אין בולטע און שארפע שטריכן באשרייבט ער די בלוטיקע הריגות, וואָס האָבן חרוב געמאכט די עלטסטע יידישע קהילות אין אָסטראָ, נעמי־ראָוו, טולטשין. רויק, געלאסן, אָן געהויבענע מליצות און פאטעטישע ווייי־געשרייען דערציילט נתן האנאָווער וועגן די שרעקלעכע בלוטיקע מעשים, וואָס זיינען געשען אינם לאנד אוקראינע. ער דערציילט פאר די קומענדיקע דורות, ווי אזוי „מען האָט פון מענטשן לעבעדיקערהייט די הויט אָפּגעשונדן, און דאָס פלייש פאר די הינט געוואָרפן; ביי אנדערע

---

11 ציטירטע אַרבעט, ז' 18.

12 חענכן האנאָווערס חשוב פילאָלאָגיש ווערק „שפה ברורה" (אַ ווערטערבוך אין פיר שפּראַכן) וועלן מיר ריידן אין ווייטערדיקן טייל.

13 דאָרטן, 6 (מיר ציטירן לויט קראָקער אויסגאַבע פון 1895).

האט מען הענט און פיס אפגעהאקט, און איבער די נאך צאפלדיקע קערפערס — מיט די וועגענער איבערגעפארן און די פערד האבן זיי מיט די פיס געטראטן. מען האט מענטשן שווערע שמארציקע ווונדן געמאכט, נאר מיט א כיוון זיי ניט אויפן ארט דערשטאכן, זיי אויף די גאסן געשליידערט, זיי זאלן זיך אין שווערע שמארצן א צייט לאנג ראנגלען מיטן טויט; פילע האט מען לעבעדיקערהייט באגראבן, קליינע קינדער האט מען ביי די מוטערס ברוסטן געהרגעט, זיי ווי פיש געהאקט און געשניטן... אדער מען האט זיי אויף די שפיזן אויפגעשטאכן, אויפן פייער זיי געבראטן און זיי די מוטערס אלס פרישע געבראטנס דערלאנגט. מעוברתדיקע פרויען האט מען די בייכער אויפגעשניטן, די נאך ניט געבארענע קינדער זיי אין די פנימער געשליידערט און אין די אויפגעשניטענע בייכער לעבעדיקע קעץ איינגענייט און דערביי די הענט אפגעהאקט, בכדי די אומגליקלעכע קרבנות זאלן ניט אימשטאנד זיין די גראבלענדיקע קעץ ארויסנעמען... אין אנדערע ערטער האט מען פון די יידישע קינדער גאנצע בריקן געמאכט, איבער זיי מיט געלאדענע וועגן געפארן, אדער זיי אין די ברונעמס געווארפן און מיט ערד פארשאטן... עס איז ניטא די מיתה משונה, וואס אונזערע ברידער זיינען דארט ניט אויסגעשטאנען...״ [14].

פול מיט דראמאטישער קראפט איז ביי האנאווערן די באשרייבונג וועגן דעם חורבן פון דער טולטשינער קהילה. די ארטיקע פוילישע שליאכטע האט באשלאסן דעם שונא איבערצוגעבן אירע מוטיקע יידישע מיטקעמפער, בכדי דורך דעם זיך גופא צו ראטעווען. די יידן, וואס האבן זיך באצייטנס דערוווסט וועגן דעם דאזיקן געפלאנטן פארראט, האבן בדעה געהאט איבערפאלן די פאליאקן, וועלכע זיינען געווען קלענער פון זיי אין צאל. „דעמאלט, דערציילט האנאווער, איז אויפגעשטאנען דער ראש־ישיבה ר׳ אהרן און האט אויסגערופן: הערט, ברידער מיינע! מיר זיינען דאך אין גלות צווישן די פרעמדע פעלקער! וועט איר די שליאכטע באפאלן, וועלן וועגן דעם באלד זיך דערוויסן די אנדערע מדינות און זיי וועלן חלילה זיך נוקם זיין אין אונזערע דארטיקע ברידער. אויב דאס איז א גזר מן השמים — דארפן מיר דאס אננעמען פאר ליב און פארלאזן זיך אויף גאטס בארעמ. מיט וואס זיינען מיר עס בעסער פון אונזערע ברידער אין נעמיראוו?״ דערציילט ווייטער אונזער כראניסט, ווי אזוי די קאזאקן האבן ביי די טולטשינער יידן זייער האב און גוטס צוגענומען, די גאנצע יידישע באפעלקערונג אין א גארטן פארשפארט; זיינען דארט

---

14 דארטן, 15—16.

דריי רבנים געווען און זיי האָבן מזהיר געווען דאָס פאָלק, אַז אַלע זאָלן זיין גרייט אויף קידוש השם, קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו פעלשן אינם דת פון די אָבות. האָבן אַלע אויסגעשריען: „שמע ישראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד! אַזוי ווי ער איז ביי אייך אין הארצן דער איין־איינציקער, אַזוי איז ער אויך אין אונזערע הערצער!״ דריי טעג זיינען די יידן פאַרשפאַרט געווען; איז דערנאָך צו זיי אַ העראָלד פון די קאָזאַקן געקומען מיט אַ פאָן אין דער האַנט, די שטאַנג פון דער פאָן אין דער ערד אַריינגעשטעקט און הויך אויסגערופן: „ווער עס וויל דעם קריסטלעכן גלויבן אָננעמען, דער וועט בלייבן לעבן״. האָט קיינער ניט געענטפערט. דריי מאָל האָט דער העראָלד אויסגערופן — און אַלע אַרום האָבן געשוויגן. זיינען דאַן אַריין די קאָזאַקן און מיט ווילדער אַכזריות אַלעמען אויסגעהרגעט, צווישן זיי אויך די דריי רבנים״ [15].

און בכדי פאַר דעם לעזער נאָך בולטער מאַכן דעם גוואַלטיקן חורבן, וואָס ס׳האָט די אוקראַאינער יידן געטראָפן, גיט האַנאָווער צום סוף, אויף די לעצטע בלעטער פון זיין ווערק, אַ לעבעדיק בילד פון דעם יידישן גייסטיקן קולטורעלן לעבן אין פוילן ערב דער קאַטאַסטראָפע. זיין שילדערן די דעמאָלטיקע ישיבות מיט זייער סדר־הלימוד, די פאַרשיידענע צדקה־אַנשטאַלטן, דעם אויטאָנאָמען בית־דין, די וועד־צוזאַמענפאָרן אאַז״וו — דאָס אַלץ געהערט צו די וויכטיקסטע און ווערטפולסטע דאָקומענטן, וואָס באַקענען אונז מיטן לעבנסשטייגער פון די פוילישע יידן אין דער ערשטער העלפט פונם 17טן י״ה.

נאָך ביי האַנאָווערס לעבן [16] האָט איינער, משה בן אברהם, איבערזעצט דעם „יון מצולה״ אויף יידיש („און איז אויס דעם לשון הקדש אויף טייטש אין גריים גימאַכט גיוואָרדען״) און אין אַמסטערדאַם פאַרעפנטלעכט (אין 1655). אינם 18טן י״ה (1738) איז דערשינען אַ נייע יידישע איבערזעצונג פון האַנאָווערס כראָניק, און אינם 19טן י״ה איז דאָס ווערק אויך איבערזעצט געוואָרן אויף פראַנצויזיש, דייטש און רוסיש.

---

15 דאָרטן, 24—25.

16 דעם גייסטרייכן כראָניסט איז ניט באַשערט געווען רויק דורכצולעבן זיין לעצט ביסל יאָרן. אַ שטענדיקער נע־ונדניק, האָט האַנאָווער אין די זיבעציקער יאָרן פונם 17טן י״ה אויס מאָלדאַוויע איבערגעוואַנדערט קיין אונגאַריש בראָד (אין מערן), און דאָרט געהעען דיין און מגיד. בעת דער מלחמה צווישן טערקיי און עסטרייך האָט דער שונא זיך אַריינגעריסן קיין אונגריש־בראָד (14 יולי, 1683), און אויסגעקוילעט די גאַנצע יידישע קהילה: פונם שונאס האַנט איז אויך געפאַלן נתן־נטע האַנאָווער (זע „מאָנאַטשריפט״, 37, 272—274).

האנאווערס כראניק איז געשריבן אין א פשוטן און קלארן פראזע־סטיל, אן רעטאריק און מליצה. אין א גאנץ אנדער סטיל איז געשריבן די כראניק פון א צווייטן גדול הדור, וואס האט ביינעלעבט דעם גרויסן חורבן — די „מגלת עיפה" פון דעם בארימטן בעל „שפתי כהן" — דעם ש"ך [17]. די „מגלת עיפה" איז געשריבן אין א פארם פון אן אויפ־רוף צום כלל ישראל איבער דער גארער וועלט. דער ש"ך באשרייבט דאס גרויסע אומגליק, וואס דאס פוילישע יידנטום האט געטראפן, און ער ליינט פאר, אז כ' סיוון, דער טאג, וואס איז אין ספר הזכרונות פאר־צייכנט פאר א טרויער־טאג צום אנדענק פון די קדושים אין בלוזי [18], זאל פון היינט אן באשטימט זיין פאר א „יום צום ותענית ואבל ומספד וקינים", און מען זאל אין אלע קהילות אין דעם דאזיקן טאג באוויינען די קרבנות פון „גזירות ת"ח ות"ט" [19]. דעם ש"כס אויפרוף איז גע־שריבן אין געריימטער פראזע, און דער גאוגישער חריף און „עוקר הרים" באווייזט זיך דא פאר אונז אלס אויסגעצייכנטער סטיליסט און שפראך־מייסטער. פול מיט פאטעטישער קראפט איז צום ביישפיל די באשרייבונג אין דער „מגלת עיפה" וועגן דעם טראגישן חורבן פון דער האמלער קהילה: „די באנדעס האבן זי (די האמלער יידישע באפעל־קערונג) ארומגערינגלט אין אן ענגן ראד, צוגענומען זייער גאנץ האב, געלאזט אלעמען נאקעט און בלויז... און ווי די שאף פאר דער שחיטה האבן זיך די אומגליקלעכע צונויפגעטולעט, שטום, דערשראקן, נידערגע־שלאגן. זאגן די נידערטרעכטיקע צו די יידן אין פרידלעכן טאן: „נאך וואס זאלט איר אומקומען און לאזן זיך שעכטן ווי די רינדער צוליב אייער גאט, וואס האט אויף אייך אן רחמנות זיין גאנצן צארן אויסגע־גאסן? דינט בעסער אונזערע געטער, איין פאלק וועלן מיר דאן זיין אלע צוזאמען, פריי וועלן מיר אייך לאזן, אייער פארמעגן צוריקגעבן, און איר וועט לעבן ווי די רייכע שררות... וזרע קודש אמונים אשר נהרגים על ד' כל הימים — די טרייע דינער פון דעם הייליקן שטאם, וואס איז זיך שטענדיק מקריב פאר זיין ליבן נאמען — זיי האבן זיך אבער אפגעזאגט פון די תענוגים פון דער וועלט. יונג און אלט, בחורים ובתולות, זקנים און קליינע כשרע קינדער — אלע צוזאמען האבן אויסגעשריען זייער ביטער געשריי צום אל עליון שוכן מרומים: „דו אײנציקער גאט, דו מלך

---

17 זע אויבן, ז' 84.

18. זע אונזער חערק, ב' II, 32.

19 דעם ש"כס פארשלאג איז אנגענומען געווארן אויפן צוזאמענפאר פון דעם „ועד ארבע הארצות" (זע „לקורות הגזירות", 1892, 55).

פון אלע וועלטן! פון דיין הייליקן נאָמען וועגן גיבן מיר אונזער לעבן אָפּ — קיין פרעמדע געטער וועלן מיר ניט דינען!״ און זיי האָבן זיך מתוודה געווען אין זייערע זינד, האָבן מצדיק געווען אויף זיך דעם דין און מיט גרויס געוויין קינות געזאָגט... זיינען דאן די „רקים״ מיט גרויס צאָרן אָנגעפאַלן און אָן רחמנות געהרגעט יונגע און אַלטע, טעכטער און זין, אַלע אָן אויסנאַם״... [20].

בעת האַנאָווערס כראָניק איז געשריבן אין אַ רויִקן טאָן פון אַ מע־טואַריסט, הערן זיך אין „מגלת עיפה״ אָפּטע פאַטעטישע אויסגעשרייען, אין וועלכע עס רייסט זיך דורך דער שמאַרציקער וויטאָג און דאָס לעבעדיקע ניט באַפרידיקטע נקמה־געפיל. ווען דער ש״ך דערציילט, ווי אין איין שטאָט האָבן כמעלניצקים באַנדעס „פופצן הונדערט יידישע קינדער אין די גריבער געוואָרפן, זיי לעבעדיקערהייט מיט ערד פאַרשאָטן, און פון אונטער דער זיך נאָך באַוועגנדיקער ערד האָבן זיך די קינדערשע קולות געהערט״ — רייסט ער איבער אין דער מיט, און שליידערט זיין צאָרנדיקן אויסגעשריי: „העל אלה תתאפק ד׳ ותחשה יה שוכן ערבות! — און דו שווייגסט דערביי, און טוסט דאָס דערלאָזן, דו גאָט אין די הימלען!״

אין דער הינזיכט זיינען זייער טיפּיש צוויי אַנדערע כראָניקעס פון יענער צייט: „צער בת רבים״ פון אברהם בן שמואל אשכנזי און „צוק העתים״ פון מאיר בן שמואל אויס שעבערשין [21]. די דאָזיקע כראָניקעס, וואָס זיינען אויך ווי די „מגלת עיפה״ געשריבן אין געריימטער פּראָזע, האָבן ניט נאָר אַ ריין היסטאָרישן ווערט, זיי זיינען אויך אינטערעסאַנט פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט אברהם אשכנזיס כראָניק [22], וואָס האָט דעם אונטערקעפּל „מספד פולוניא״ — אַ קלאָג נאָך פּוילן. יעדער אָפּזאַץ הייבט זיך אָן מיט אַ באַזונדערן פּסוק פון „איכה״, און דערנאָך קומט די באַשרייבונג פון

---

[20] דער בעל „צוק העתים״ בעת ער באַשרייבט דעם חורבן פון דער האָמלער קהילה שטרייכט דערביי באַזונדערס אונטער די ראָלע פון דעם רב אליעזר.

[21] דער „צוק העתים״ איז צום ערשטן געווען געדרוקט אין קראָקע אין 1650. אין זעקס יאָר אַרום האָט אַ הוצפּהדיקער פּלאַגיאַטאָר, יהושע בן דוד אויס לעמבערג, איבערגעדרוקט דאָס ווערק אין ווענעדיק אונטער זיין נאָמען. זע: ח״י גורלאַנד, „לקורות הגזירות״, III, 7.

[22] דער פאַרפאַסער האָט, ווי עס שיינט, בדעה געהאַט צו דרוקן זיין ווערק אין ווענעדיק, ווייל דעם זאָגט עדית דער שיר פון דעם באַקאַנטן מקובל און דיכטער משה זכותא, וואָס געפינט זיך גלייך נאָכן שער־בלאַט. אויס אַן אומבאַקאַנטער סיבה איז אָבער דאָס ווערק בשעתו ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, און ערשט אין דער נייער צייט האָט עס ח״י גורלאַנד צום ערשטן געדרוקט אין זיין „לקורות הגזירות״, II.

די שרעקלעכע געשעענישן אין אוקראינע. די באשרייבונג ווערט אבער געפירט ניט אין געלאסענעם טאן פון א כראניסט — דאס איז א לויטער „איכה׳׳־יאמער, פול מיט שמארץ און שרעק; א ביטער געוויין איבער דעם חורבן פונם פוילישן יידנטום, א געוויין, וואס ווערט יעדעס מאל איבערגעריסן מיט צארנדיקע אויסגעשרייען און דרינגענדיקע פאדערונגען פונם גאט דעם אלמעכטיקן, גאט פון ישראל, ער זאל דערפילן זיין משפט און באצאלן דעם בלוטדורשטיקן שונא פאר זיינע אימהדיקע מעשים...

„ואתה ד׳, אל נורא עלילה! — רופט אויס דער כראניסט — דו הערסט דאך, דו גאט דער אלמעכטיקער, די וויי־געשרייען! דו ווייסט דאך זיך נוקם זיין אין די נידערטרעכטיקע, וואס האבן די ספר־תורות איבער די גאסן געשפרייט, זיי אין שמוץ געטראטן, און די בתי־כנסיות פאר שטאלן געמאכט... געדענק, ווי דאס פארגאסענע בלוט טוט צו די הימלען שרייען! צי קאן דען פארגעסן ווערן דאס דורך מענטשן אומשולדיק פארגאסענע בלוט? צי איז עס מעגלעך, אז דו האסט אונז אויף שטענדיק פארלאזן און פארגעסן?.. זע — הינט און חזירים רייסן די גלידער פון געשאכטענע קינדער, וואס זיינען צו קבורה ניט געקומען, שוואנגערע פרויען האט מען די בייכער אויפגעשניטן, צאפלדיקע קינדער האט מען אויף צווייען צעריסן, זייערע קעפ אויף די שטיינער צעשמעטערט... אלע היילן און גריבער זיינען איבערפולט מיט דערשלאגענע יידישע טעכטער און יונגען. פון יידישע מיידלעך האט מען די הויט געשונדן, די גלידער מיט גרויס אכזריות געריסן, געבונדערנהייט אין וואסער געשמיסן — נעם זשע נקמה, דו גאט, וואס פארנעמסט די געשרייען פון באדריקטע! זיי זיך נוקם פאר די אומשולדיקע רייניקע טייבעלעך — פארשאלטן זאלן זיין די בלוטיקע מערדער! זאלן זיי אייביק זיין געיאגט און געפלאגט, פארהאסט און פארפאלגט פונם פלאם פון דיין צארן...׳׳ און ווי־דער הייבט אן דער פארפאסער צו דערציילן די שרעקלעכע מעשים, וואס זיינען אין די אוקראינער קהילות געשען. ער דערציילט וועגן אן אומגליקלעכן פאטער, אין וועמעס האנט די בלוטיקע תלינים האבן מיט געוואלד א מעסער איינגעדריקט און מיט דעם פאטערס האנט דעם האלז פון זיין זון דורכגעשניטן, ער דערציילט וועגן א שמש, וואס האט זיין היילקטום, זיין בית הכנסת מיט די ספרי תורות פאר די באנדיטן געשיצט, און יענע האבן מיט א גלעכטער פון אים אן אבר נאך אן אבר געשניטן, דערנאך אים אויף פיר טיילן צעשניטן און אין די ווינקלען פון דעם בית־הכנסת צעהאנגען. ער דערציילט, ווי מען האט פרויען און טעכטער פאר די אויגן פון זייערע מענער און טאטעס מאנס געוועזן.

קינדער די העלזער איבערגעשניטן און מיט א שטן־געלעכטער בײַ די עלטערן געפרעגט, אויב די שחיטה איז כשר צי טריף. און די אלע באַשרייבונגען ווערן באַגלייט פונם פּראָפעסער מיט צאָרנדיקע אויסגעשרייען: ואתה ד׳ אל איום ונורא! גיס אויס דײַן צאָרן אויף דײַנע לעסטערער, זיי זיך נוקם אין די דאָזיקע גיפטיקע שלאַנגען, זיי זיך נוקם פאַר די אומגעקומענע קדושים, וואָס האָבן זיך מקריב געווען פון דײַן נאָמען וועגן!״

ווי אשכּנזי אין זײַן „צער בת רבים״, אזוי האָט אויך אן אנדער כראָניסט פון יענער צײַט דורכגעוועבט זײַן טרויעריקע כראָניק מיטן ביבלישן „איכה״־טעקסט. דאָס איז גבריאל בן יהושע שוסבורגס „פּתח תשובה״ [23]. דאָס ווערק איז געשריבן אין פאָרם פון א פּירוש אויף „איכה״; דאָס איז אָבער א גאַנץ אייגנאַרטיקער פּירוש: דאָס האָט דאָס לעבן גופא, די בלוטיקע יאָרן פון ת״ח און ת״ט דעם פּירוש צום ביבלישן טעקסט געשריבן, און יעדן פּסוק אילוסטרירט דער פּראָפעסער מיט די אימהדיקע געשעענישן אין אוקראַינע. די צעווילדעוועטע קאָזאַקישע באַנדעס זײַנען געווען אזוי אומדערשעפּלעך אין זייערע אכזריותדיקע רציחות, אז יעדע כראָניק פון יענער צײַט ברענגט אלץ נײַע האַרץ־דערשיטערנדיקע פּרטים. רײַך מיט אזוינע פּרטים איז אויך שוסבורגס כראָניק, און ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז געשריבן אין א טרוקענעם פּראָטאָקאָל־אַרטיקן סטיל, מאַכט זי דאָך א גאַנץ שטאַרקן רושם.

ווי אין די צײַטן פון די קרייצצוגן, אזוי האָבן אויך די שרעקן פון „גזרות ת״ח ות״ט״ אַרויסגערופן א קינות־ און סליחות־ליטעראַטור. „די נעטינס פון שרעק און אומגליק״, ווי צונץ דריקט זיך אויס, האָבן באַגייסטערט צו קינות און רעליגיעזער פּאָעזיע די רבנים און למדנים, וואָס האָבן איבערגעלעבט די בלוטיקע געשעענישן אין אוקראַינע. דער באַרימטער בעל „תוספות יום־טוב״ האָט זײַן האַרציקן „אל מלא רחמים״ געשריבן און אין זײַן באַקאַנטער סליחה „אלה אזכרה״ באַשרײַבט ער אין דערשיטערנדיקע בילדער די שרעקלעכע מעשים, וואָס זײַנען געשען, בעת „טויטע האָבן זיך איבער פעלדער און וועלדער געוואַלגערט און צו קבורה ניט געקומען, און לעבעדיקע האָט מען אין גריבער און קברים באַגראָבן״. סליחות און קינות האָט אויך געשריבן דעם של״הס זון, דער פּויזנער רב שעפּטל הורוויטש [24] און פילע אנדערע

---

[23] צום ערשטן געדרוקט אין אַמסטערדאַם, אין 1651, איבערגעדרוקט אין לעצטן קונטרס פון „לקורות הגזירות״, 1892, 30—54.

[24] די באַקאַנטע סליחה „שבתי בבית ד׳״ (איבערגעדרוקט אין „לקורות הגזירות״, III, 19—24).

רבנים, צווישן זיי דער ש"ך, וואס האט ניט נאר אין זיין „מגלת עיפה", נאר אויך אין פילע קינות באוויינט דעם חורבן פון די הונדערטער קהילות.

ווי אין די כראניקעס פון יענער צייט, אזוי הערט זיך אפט אויך אין די דאזיקע קינות און סליחות די שטים פון פראטעסט און ניט גע־שטילטער נקמה. שמואל הלוי, דער פארפאסער פון דער סליחה „אלי עת אזכור הצרה הגדולה"[25], ווו ער באקלאגט דעם חורבן פון נעמיראוו און טולטשין, רופט אויס מיט תרעומות צו גאט:

צָפִיתָ בְּמַכְאוֹב בָּנֶיךָ וְלֹא הִשְׁגַּחְתָּ מִמְּרוֹמִים,
אָסַפְתָּ מֵאוּמָּתְךָ אֶת הַחֶסֶד וְאֶת הָרַחֲמִים.

(האסט געזען די ליידן פון דיינע קינדער און ניט אומגעקוקט האסטו זיך פון דיינע הייכן. רחמים און גענאד האסטו פון דיין אומה אפגעווענדט).

און דער בעל „מזבח יעקב" און „קול יעקב", דער רב יעקב־קאפל מרגלית, וואס איז אליין על־פי נס אנטלאפן מיטן לעבן, פארענדיקט זיין שיינע קינה „על אלה אני בוכיה" מיטן אויפרוף צו גאט:

נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ הוֹדִיעָה,
אֵל נְקָמוֹת אֲדוֹנָי, אֵל נְקָמוֹת הוֹפִיעָה![26]

אבער ניט נאר די אין שרעקלעכע יסורים און עינויים קשים אומגע־קומענע קרבנות באוויינען די הארציקע קינות, זיי קלאגן אויך אויף דעם חילול התורה, אויף דעם גרויסן קולטורעלן חורבן, וואס ס'איז צעשטערט געווארן דער וויכטיקסטער צענטער פונם יידישן וויסן.

„נר מצוה ואור תורה כבה" — קלאגט זיך אין דער אויבן־דער־מאנטער קינה „על הרוגי חכמי פולניא" דער רב יעקב־קאפל מרגלית — אויסגעלאשן איז דאס ליכט פון דער תורה און פארשעמט זיצט זי אין דער פינסטער. א פייער־זייל האט געלויכטן בעדת ישראל, ווער וועט איצט אנטפלעקן די סודות התורה?"[27].

באזונדערס טיפיש איז אין דער הינזיכט די „בקשה" פונם נא־ראלער רב משה בן אליעזר הכהן (כ"ץ). זיין פאטער, דער בעל „ראשית חכמהם" א שוועסטער־זון, איז געקומען פון צפת קיין פוילן דרוקן זיין פעטערס מוסר־ספר, און ער איז שוין אין פוילן פארבליבן

---

25 איבערגעדרוקט אין „לקורות הגזירות", V.

26 מעלד אן דיין נקמה פארן בלוט פון דיינע קנעכט! מיין האר איז דאך דער גאט פון נקמה, — דערשיין זשע, דו גאט פון נקמה!

27 דארטן.

אויפן גאנצן לעבן. זיין יינגסטער זון, משה, וואס האט געלערנט תורה ביים בארימטן מהרש"א, איז געווען ניט בלויז א בקי אין ים־התלמוד, נאר האט זיך אויך פיל אפגעגעבן מיט מאטעמאטיק און מעדיצין. משה כ"ץ איז געווען רב אין דער וואלינער שטאט נארעל בשעת כמעלניצקיס חיילות האבן חרוב געמאכט די גאנצע קהילה, נאר דעם רב איז געלונגען צו אנטלויפן צוזאמען מיט זיין פאמיליע. ער האט זיך דערלאנגט קיין דייטשלאנד, און פון דארטן האט מען אים איינגעלאדן קיין מעץ אויפן פאסטן פון רב ומ"ץ [29]. און דארט האט ער זיין „בקשה" פארפאסט, וווּ ער באקלאגט דעם גרויסן חורבן פונם פוילישן יידנטום. „פוילן העדינה! — קלאגט דער בעל „הבקשה" — דו אויסדערוויילטע פאר תורה און וויסן! צו דיר איז קיין גלייכן ניט געווען, זינט דאס פאלק איז אין גלות גע־גאנגען — איצט ביסטו פארוויסט און פארוואגלט, פארגעסן און פאר־לאזן! אהין פלעגן זיך פארזאמלען אלע פאסטעכער פון פאלק, דארט פלעגט מען באפעסטיקן די יסודות פון דעם 'דת, לערנען די חוקים און געזעצן פארן גאנצן פאלק ישראל — איצט צו ועמען זאל איך דיך גלייכן, דו פוילן־לאנד? ווו זיינען די ישיבות מיט זייערע חכמים? ווער וועט איצט די געזעצן דערקלערן, ווער וועט די סודות התורה אנטפלעקן, ווער וועט אונז פירן איבער די טיפענישן פון חכמת התלמוד? צו אש איז געווארן דאס הויז פון יעקב, צוגענומען איז פון אונז גאטס הייליקער ארון!.."

---

[28] די בקשה איז צום ערשטן געדרוקט אין 1659, איבערגעדרוקט אין „לקורות הגזירות", III, 14—17.

[29] זע „לקורות הגזירות", III, 8—14, ווו עס זיינען אנגעגעבן אלע קוועלן װעגן משה כ"ץ ביאגראפיע.

זיבעטער טייל

צווייטער בוך

דער דייטש־פּוילישער קולטור צענטר


ספר
גבעת המורה
אשר איזן וחיקר הפילוסוף האלהי. אלוף בחכמה ורך בשנים. כהר"ר יוסף בר יצחק הלוי ממדינת ליטא:
נדפס פה קק פראגא

דער שער-בלאט פון יוסף הלוי׳ס „גבעת המורה״

ערשטער קאַפּיטל

די עקאָנאָמישע און גייסטיקע ירידה. — די שעדלעכע השפּעה פונם דרך הפילפּול אויף די דרשנים. — דער וועגווייזער פאַר דרשנים „לקט יוסף"; זיין געשמאַקלאָז־פאַרדאָרבענער סטיל. — די קעגנער פון פּילפּול ברכית ברך שפּירא און יאיר־חיים באַכראַך. — יונתן בן יוסף און זיין „ישועת בישראל". — דער געלערנטער דאָקטאָר טוביה כּהן און זיין „מעשה טוביה". — דוד גאַנז, יהודה בּריעלי, אבי־עד שר־שלום באַזילה און שלמה חענאַ. — שבתי באַס, יחיאל היילפּערין און יצחק לאַמפּראָנטי.

מיר האָבּן אין פריִקן קאַפּיטל געזען, ווי דאָס רוב קינות און בקשות, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן נאָך דער בּלוטיקער קאַטאַסטראָפע, זיינען דורכגעדרונגען מיטן ביטערן געפיל, אַז דאָס פּוילישע יידנטום איז שוין ניט אימשטאַנד צו פאַרהיילן זיינע שווערע ווונדן, און די פּוילישע אכסניה של תורה, דער וויכטיקסטער צענטער פאַר חכמת היהדות, איז שוין חרוב אויף שטענדיק. אמת, די מורא איז געווען ניט אינגאַנצן באַרעכטיקט; פּוילן איז אויך ווייטער געבּליבּן דער חשובסטער יידישער צענטער, אָבער טאַקע אַ האַלב חרובער צענטער, און אין משך פון גאַנצע הונדערט יאָר האָט ער נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו זיינע אַמאָליקע כּוחות. דערצו האָבּן אַגב ניט ווייניק מיטגעהאָלפן די ירידה פונם לאַנד גופא, דער קראַנקהאַפטער צעשטערונגס־פּראָצעס, וואָס האָט וואָס ווייטער אַלץ מער דורכגעפרעסן די פעאָדאַל־קלעריקאַלע פּוילישע מלוכה. די בּולטע צען יאָר, 1648—1657, האָבּן געבּראַכט אַ גוואַלטיקן חורבּן הן אין כאַציאַלער, אַזוי אויך אין קולטורעלער הינזיכט. די אַנטלאָפענע, בעת זיי זיינען צוריקגעקומען צו זייער חרובער היים, האָבּן זיך געפונען אין אַ העכסט שווערער לאַגע. דאָס גאַנצע לאַנד האָט נאָך די צענייאָריקע מלחמות געגעבּן אַ פחדימדיק בּילד פון ירידה און פאַרוויסטונג. און דער צעשטערונגס־פּראָצעס, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מלוכה מיט איר אָפּגעשטאַנענעם און אָפּגעלעבטן סדר, האָט זיך אַמשמאַרציקסטן געלאָזט פילן אויף דעם שוואַכן און רויִנירטן יידישן ישוב. די יסודות פון דער זעלבּסטפאַרוואַלטונג זיינען געווען שטאַרק דערשיטערט, און זי גופא האָט אָנגעוואָרן דעם אַמאָליקן גלאַנץ. די חובות פון די פאַראָרעמטע

קהילות זיינען אימהדיק געוואקסן: אלץ אפטער האט מען זיך געמוזט אפקויפן ביי דעם קלער און די יעזויטן מחמת די פילע רדיפות און כל המיני עלילות. בכדי צו דעקן די חובות זיינען אלץ מער געוואקסן די קהילה־שטייערן, און ווייל זיי איז געווען זייער שווער צונויפזאמלען ביי דער שטארק פאראָרעמטער באפעלקערונג, האט קהל געמוזט דערביי אָנ־נעמען די שטרענגסטע מיטלען. ביסלעכווייז, וואס ווייטער ס׳איז גע־וואקסן דער צעפאל פון דעם מלוכה־אָרגאַניזם, איז דאס „קהל־שטיבל״, די פארוואלטונג פון דער קהילה, מגולגל געווארן אין אן אמתער אָלי־גארכיע, וואס האט ברוטאל אויסגענוצט איר מאכט, בכדי צו אונטער־דריקן און עקספלואטירן אויפן אומפארשעמטן אופן די ברייטע פאָלקס־מאסע. דער המון, וואס האט באזונדערס שמארצהאפטיק געשפירט די לאסט פון די גוואלטיקע שטייערן, הייבט אָן צו פירן א קאמף קעגן די קהילה־פירער מיט זייערע אומגערעכטע „ראסקלאדקעס״ און ניט־יושרדיקן אויפמאָנען די מלוכהשע און קהלשע אפצאָלונגען. אין דעם דאָזיקן עקשנותדיקן קאמף פון די ברייטע פאָלקסמאסן קעגן די רייכע קהילה־לייט, וואס האָבן געהאט א „יד״ אין הויף ביים פריץ און געווען תקיף ביי די שררות און מלוכה־באאמטע — האָבן די רבנים פארנומען אן אומבאשטימטע לאגע. א טייל פון זיי האט אמת געהאלטן מיטן פשוטן פאָלק און פלעגט אפן ארויסטרעטן קעגן די אומגערעכטע מעשים פון די ראשי הקהל. די דאזיקע רבנים האָבן דערפאר געהאט פיל אויס־צושטיין פון די „בעלי הקרנים״ — מצד די תקיפים און געלט־אריס־טאָקראטן, וואס פלעגן זיי שטארק רודפן פאר זייער „ווידערשפעניקייט״[1]. על־פי רוב פלעגן אָבער די רבנים האלטן יד־אחת מיט די תקיפים און ראשי הקהל, און דערמיט ארויסרופן די אומצופרידנקייט פון דעם פראָסטן עולם. עס פלעגט אויך ניט זעלטן טרעפן, אז ס׳האט אויסגע־בראָכן א קאמף צווישן ביידע פריווילעגירטע גרופעס: צווישן די טרעגער פון גייסטיקער אריסטאָקראטיע — די רבנים, און די קהל־פירער און פינאנס־אריסטאָקראטן. יעדע גרופע באזונדער האט געוואָלט אליין פאר זיך האָבן די גאנצע דעה אין קהלשע זאכן.

דאס אלץ האט גורם געווען, וואס דאס רבנות, דער מרא דאתרא און דער מ״ץ, האט ביסלעכווייז אנגעווארן דעם אמאָליקן גלאנץ און הדרת הכבוד אין די אויגן פון די ברייטע פאָלקסשיכטן. דערביי איז אויך די גייסטיקע אטמאָספער פון דער רבנים־וועלט געווארן וואס ענגער און דערשטיקנדיקער. אמת, אין דער ליטע און אין קרוין־פוילן איז דאס

---

[1] זע: בערשאדסקי, „ליטאָווסקיע יעווריי״, 21—22.

רבנות אויך נאָך די „גזירות ת״ח״ געבליבן אויף זיינע אַמאָליקע פעסטע פּאָזיציעס, ווייל דאָרט האָבן די קאָזאַקן־מלחמות ניט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן ווי אין אוקראַינע; אָבער אויך דאָרט לאָזט זיך שטאַרק באַמערקן די גייסטיקע ירידה און פאַראָרעמטקייט. אפילו אויף דעם גלאַנץ־געביט פון פּויליש־יידישער קולטור, אויפן רבניש־תּלמודישן — אויך דאָרט איז ווי אויסגעלאָשן דער נשמה־יתירהדיקער גייסט פון אָריגינעלן שאַפן, און דער דור פון נאָך גזירות ת״ח האָט ניט געגעבן קיין איין קלינגענדיקן רבנישן נאָמען, וואָס זאָל זיך קאָנען גלייכן צו די גאוני התורה פון די פריערדיקע דורות. דאָס שאַפן פון די חשובסטע רבנים אויס יענער צייט איז באַשטאַנען פון גאַנצע בערג נייע הגהות און מילואים צום „שולחן ערוך״, וואָס האָט דעמאָלט שוין געגאָלטן אַלס דער ענדגילטיקער פּוסק, דער אורים ותומים אויפן געביט פון יידישע דינים און געזעצן. משה רבקהש אויס ווילנע שרייבט זיין „באר הגולה״, אברהם אבלי גאָמבינער — דעם „מגן אברהם״, הלל ב״ר נפתלי הערץ — דעם בית הלל״ אאז״וו. איז אַ רב אויס דער צווייטער העלפט פונם 17טן י״ה, אהרן שמואל קוידאַנאָווער (דער מהרש״ק), שוין יאָ געווען אויף אַזוי פיל אָן עומד על דעתו, אַז ער האָט ניט געוואָלט בלינד זיך פאַרלאָזן אויף דעם אוי־טאָריטעט פונם „שולחן ערוך״ און זיינע חריפותדיקע מפרשים דעם ט״ז מיטן ש״ך — האָט ער זיין אייגענע חריפות אויסגענוצט בלויז דערויף, וואָס ער האָט געשריבן שאַרפשפּיציקע הגהות צום סדר קדשים — צו הלכות קרבנות אין דעם סדר עבודה אין בית־המקדש, וואָס זיינען שוין בלויז אַ „הלכתא דמשיחא״ אָן אַ שום פּראַקטישן באַטייט.

ביי אַט דער גייסטיקער אָרעמקייט און געדאַנק־פאַרקימערונג האָבן זיך נאָך בולטער אַרויסגעוויזן די שעדלעכע פאָרמען, וואָס דער דרך הפּילפּול און די „חילוקים״ האָבן אָנגענומען אין דער פּוילישער לעבנער־וועלט. דאָס אויסטערלישע געשפּינס פון קונציק־פאַרדרייטע המצאות און פּשטלעך האָט פאַקטיש געהאָלפן ניט דעם מוח צו שאַרפן, נאָר צו פאַרדאַרבן און פאַרשטומפּן די גייסטיקע פעיִקייטן פונם מענטשן. ביי אַט דער דאָזיקער סאָפיסטיק פונם ערגסטן סאָרט ווערט די לאָגיק, דער שכל הישר, געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און דאָס פּשוטע און נאַטירלעכע באַקומט, ווי אין אַ קרומען שפּיגל, אומגעלומפּערטע און פאַרקריפּלטע פאָרמען. דער ליטעראַרישער סטיל, דער געשמאַק צום קונסטפול גע־טאַקטן וואָרט איז נאָך קיינמאָל אַזוי קלאָגעדיק ניט געפאַלן, ווי אין יענער בין־השמשותדיקער ירידה־תקופה. דער פּילפּול האָט אָבער גע־וועלטיקט ניט נאָר אין די ישיבות — נאָר אויך אויף דער בימה. ניט בלויז דער ווילנער האָט געפּלייסט זיך צו בלענדן מיט זיינע

חריפותדיקע איינפאלן, נאר אויך דער בעל־דרשן. דער בעל־דרשן האט זיך ניט געשטעלט די אויפגאבע לערנען דעם עולם מוסר און דרך־ארץ, נאר באווייזן זיין גרויס בקיאות און מיט וואס פאר א חריפות ער קאן פארענטפערן די הארבסטע קשיות און פארפלאנטערטסטע סתירות. אויף דעם דרך זיינען נעגאנגען ניט בלויז פשוטע מגידים, נאר אפילו די גדולי הדור פון יענער צייט, און א שטייגער אין דער דרשות־זאמלונג „תפארת הגרשוני" פון אזא אנגעזעענעם רבנישן אויטאריטעט ווי גרשון אשכנזי (געשטארבן אין 1693) קאן מען געפינען פילע פיקאנטע ביישפילן פון אט דעם מין אומגעלומפערטן פילפוליסטישן דרוש. עס זיינען אפילו נעשאפן געווארן אין יענער צייט ספעציעלע האנטביכער פאר מגידים מיט גרייטע פילפולישע פשטלעך און אנווייזונגען, ווי מען קאן זיי אויסנוצן. באזונדער כאראקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דאס האנטבוך פון יוסף בן מרדכי גינצבורג אויס בריסק דליטע „לקט יוסף", וואס איז דערשינען אין פראג אין 1689 [2]. די טעמעס זיינען דארט געארדנט לויטן סדר פונם א"ב, על־פי רוב לויט די נעמען פון די באדייטנדיקע ביבלישע פערזענלעכקייטן. אויף יעדער טעמע איז ביי דעם מחבר גרייט א גאנצע קאלעקציע איבערגעשפיצטע קלאץ־קשיות און גלייך דערביי ווערן גלייך געבראכט ניט ווייניקער חריפותדיקע תשובות. דאס אלץ איז אזוי ווילד משונה און געפינט זיך אין פולער סתירה ניט בלויז מיטן וויסנשאפטלעכן ארט דענקען, נאר אפילו מיטן פשוטן שכל הישר, אז דעם לייענער הייבט זיך אן דאכטן, אז ער האט דא צו טאן מיט א מין פורים־פאראדיע אדער סאטירישער קאריקאטור. ליידער איז דאס ניט קיין לוס־טיקע פאראדיע, נאר א האנטבוך און מורה־דרך פאר מגידים, און צו דער צווייטער אויסגאבע „לקט יוסף" (אפענבאך, 1716) איז נאך צום סוף צוגעגעבן א ספעציעלע אפטיילונג „סוגיות התלמוד" מיט כללים און אנווייזונגען, ווי אזוי מען דארף זיך מפלפל זיין אין די „חלוקי דרבנן" כדי „לחדד הבחורי חמד" [3]. אט די כללים, וואס דער בעל

[2] ווייל דער דאזיקער חיבור איז אצינד א יקר־המציאות, ברענגען מיר דא דעם שער־בלאט בשלימות: „ספר לקט יוסף על שם וילקט יוסף, מאמרים והקדמות ומדרשים נפלאים מספרים נכבדים והוסיף נוסף כשלו בסייעתא דשמיא דאברהם תלי תניא בדתניא בהרבת מדרשים והלכה תוספות. הלומדים יראו וישמחו והדרשנים יעלוזו כי כל אחד ימצא חפצו לעשות אזנים לתורה, ליקט וחיבור האברך בשנים ה"ה האלוף התורני כמוהר"ר יוסף בתגאון הגדול המפורסם כמהר"ר מרדכי גינצבורג זצ"ל שהיה אב"ד ור"ם דק"ק בריסק דליטא. בכן אל תחוסו על כספיכם לקנות דעה ולהניח ברכה בבתיכם".

[3] „סוגיות התלמוד לצירך הגמרא ללמוד הסוגיא בחלוקי דרבנן לרציא פתח האיך לישב בל"ז (בלא זאת) או נירן ברגיר או רענין שפארגר (רעגענסבורגער) ושאר סוגיות ברש"י ותוספות מה ששמענו מרבותינו הגאונים גאוני ארץ להורות סוגיות התלמוד והנהגותיו כדי לחדד הבחורי חמד".

„לקט יוסף" דערלאַנגט די „בחורי חמד", שטייגן באַביטנדיק איבער די אַלע אַנעקדאָטן, וואָס ווערן דערציילט וועגן דיסקאַלאַסטישע וויכוחים, אויף וועלכע עס זיינען געווען אַזוינע קונציקע מומחאס די אַמאָליקע קריסט־לעכע טעאָלאָגן [4]. דינים און הלכות, דברי מוסר און עטיק־סענטענצן, די כתבי־הקודש גופא — אַלץ ווערט דאָ אויסגענוצט אַלס מיטל פאַר אַ פּילפּול־שפּיל, פאַר אַ האָקוס־פּאָקוס שווינדל.

די דאָזיקע פּילפּול־האַנטביכער זיינען אויך זייער טיפּיש־ מצד זייער פאָרם און סטיל, ריכטיקער — מצד זייער פאָרם־ און סטיללאָזי־קייט. אין דעם דאָזיקן „טאָל פון טויטע געביינער", ווו עס איז אָפּגע־שטאָרבן יעדעס לעבעדיק געפיל און אויסגעלאָשן יעדער פונק פונם זוכנדיקן פאָרשער־געדאַנק — איז אַלץ מטושטש און פאַרנעפּלט; עפּעס אַ לאַנגווייליק געמיש פון אומקלאָרע ווערטער און קלאַנגען, וואָס וואָרפט אָן אַ שווערן אומעט אויפן לייענער...

דאָך מוז מען דערביי אָנווייזן, אַז אפילו אין דער דאָזיקער פאַר־חושכטער תקופה האָבן זיך דאָך געפונען אַזוינע רבנים און דרשנים, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן דעם פאַרקריפּלטן פּילפּול און זיין פאַר־דאַרבלעכער השפעה. צווישן די דאָזיקע קעמפער פאַרנעמט דעם בכּבודיקסטן אָרט דער באַקאַנטער קראָקער בעל־דרשן ברכיה ברך שפּיראָ. „עס האָבן זיך ביי אונז באַוויזן — קלאָגט זיך ברכיה ברך אין דער פאָרעדע צום צווייטן באַנד פון זיינע דרשות־זאַמלונג „זרע ברך" [5] — דרשנים שקרנים, קליינע פּיקסעלעך, וואָס מאַכן אָן אַזוי פיל שאָדן... זיי פאַרנעמען זיך מיט לויטער מעשים תעתועים, מיט האָקוס־פּאָקוס־שפּיל, פאַרברענגען די צייט בחריפת של הבל, מיט לויטער פאַרבלענדעניש, פירן צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, פאָרן צוזאַמען מדרשים און מאמרים, וואָס זיינען ווייט איינער פון אַנדערן כרחוק מזרח ממערב, און עס איז צווישן זיי ניט פאַראַן קיין שום קשר וחיבור... אָט די שווינדלער און פאָקוסניקעס פאַרפירן בלויז מענטשן מיט זייערע שקרים און פאַלש־קייטן; און זיי מאַכן זיך נאָך גרויס און האָבן די העזה צו דערקלערן, אַז די ראשונים, די דרשנים פון אַמאָליקע דורות, האָבן ניט פאַרשטאַנען

---

[4] מיר ברענגען אַלס ביישפּיל די זיבעצנטע סוגיא אויס דעם „לקט יוסף": „סוגיא י"ז: אני מקשה קושיא למטה וא"ת למה לא מקשה אני למעלה, ואם תשאל אותי למה אני מקשה בתחלה למטה ואח"כ למעלה ולמה לא בתחלה למעלה, וי"ל דוקא כשאני שואל למטה אז קשה למעלה ג"כ כי מתחילה הייתי אומר למעלה תי' אבל כשאני מקשה למטה ע"כ תירוצים דלמעלה אינם תירוצים דאל"כ למטה נמי אינן קשה כלום אעפ"י שתהיה למעלה אין שייך למטה מ"מ י"ל דנקט למטה וכו' וכו'".

[5] מיר ציטירן לויט דער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע, 1730.

דעם פשט פון דער תורה... מען טאר ווייטער ניט שווייגן. ראוי ונכון לקנא קנאת ד׳ וקנאת תורתו הקדושה — מען דארף זיך אננעמען פאר גאט און פאר זיין תורה, און זען מבטל זיין אט דעם דאזיקן לימוד שקר, מיט וועלכן מען פעלשט די תורה. דער דאזיקער לימוד האט פיל מער פארדינט ער זאל פארבאטן ווערן, ווי דער לימוד הפילוסופיה און חכמות חיצוניות, וואס איז פארבאטן געווארן בימי הרשב״א והרא״ש״.

„מיר האבן דאך מיט אונזערע אויגן געזען — קלאגט זיך ווייטער דער בעל „זרע ברך״ — ווי נאכדעם, וואס דער דאזיקער „לימוד המבולבל״ האט אנגעהויבן צו געוועלטיקן אין אונזערע מדינות — באה ערבוביה וחשיכה גדולה לעולם, איז געווארן א גרויס חשכות און צעמישעניש אויף דער וועלט. צרות צרורות, א בראך נאך א בראך, אן אומגליק נאך אן אומגליק איז איבער אונז געקומען. טייכן בלוט האבן זיך געגאסן, און מענטשן זיינען צו קבורה ניט געקומען. גאנצע קהילות זיינען חרוב געווארן, וויפיל גאוני התורה האט מען דן געווען במיתות קשות ומשונות, וויפיל בתי־כנסיות ומדרשות זיינען צעשטערט געווארן און ספרי תורות אין שטיקער צעריסן. אלפי אלפים יידישע נפשות זיינען אומגעקומען, פיל זיינען מיר געווען, און איצט א הייפעלע געבליבן. עס איז אוממעגלעך איבערצודערציילן, וואס אונז האט געטראפן, און דאס אלץ איז אן עונש פאר אונזערע זינד״...

ניט ווייניקער שארף איז ארויסגעטראטן קעגן דעם פילפול און די „חילוקים״ דער באקאנטער רב פון יענער צייט, יאיר חיים בן שמשון באכראך [6]. די פילפול־מגפה איז דעמאלט געווען אזוי גרויס, אז אייניקע דרשנים האבן געהאט די חוצפה צו ברענגען אין זייערע דרשות אזעלכע ציטאטן שלא היו ולא נבראו, און אט די אויסגעטראכטע הארבע סוגיאס פלעגן זיי גלייך אויסטייטשן און דערקלערן מיט כל המיני פילפולישע פשטלעך און דערמיט ארויסווייזן זייער גרויס חריפות. קעגן איינעם פון דעם דאזיקן סארט דרשנים, קעגן דעם בעל־דרשן אהרן תאומים, וואס איז דערנאך געווען רב אין קראקע, איז יאיר באכראך ארויסגעטראטן אין א ספעציעלער ארבעט [7], ווו ער ווייזט אן אויף דער גרויסער שעדלעכקייט פון דער פילפול־מעטאדע און ווי פאדארבלעך זי ווירקט

6 געבארן אין 1639, געשטארבן אין ווארמס אין 1702.

7 ווייל תאומים איז דערנאך טראגיש אומגעקומען אין קראקע ביי א באנדיטן־איבערפאל (זע „עיר הצדק", 132), האט באכראך באשלאסן זיין פאלעמיש ווערק ניט צו פארעפנטלעכן, און ער האט אפילו געמאכט וועגן דעם א רשימה אויפן כאנוסקריפט. באכראכס ארבעט האט ערשט אין דער נייערער צייט פארעפנטלעכט אהרן יעלינעק אין „בכורים", I, 4—26.

אויף דער יוגנט. צו דער זעלבער פראַגע קערט זיך באַכראַך אום אויך אין זיינע שו"ת „חות יאיר" [8], ווו ער שטעלט אפילו אַרויס אַ גאַנצע פּראָגראַם וועגן מער נאָרמאַלער קינדער־דערציִונג. אמת, ער איז דאָ ניט קיין מחדש, ער חזרט דאָ בלויז איבער די געדאַנקען פון זיין עלטער־זיידן, דעם באַרימטן מהר"ל מפּראָג. נאָר טאַקע אין די דאָזיקע באַכראַכס שו"ת באַווייזט זיך אָבער גאַנץ בולט אַרויס ווי אָרעם און אָפּגעשטאַנען ס'איז געווען דער וועלטבאַנעם אפילו פון אָט דעם חשובסטן רב אויס יענער תקופה. בעת דער בעל „חות יאיר" שטרייכט אונטער, ווי וויכטיק ס'איז פאַר די יונגעלייט, אַז זיי זאָלן שטודירן דעם „שולחן ערוך", איז ער דערביי מוסיף: „ווערליק איך האָב געהערט, פלעגט מען אין די פריערדיקע דורות אין די יונגע יאָרן לערנען דעם „עקידה", דעם „עיקרים", דעם „כוזרי" און זייער גלייכן... טוען אָבער זייער גלייך די היינטיקע דורות, וואָס דערווייטערן זיך פון די דאָזיקע לימודים, וואָרעם ס'איז גוט און פיין פאַר אונדז און פאַר אונזערע קינדער, וואָס מיר גלויבן אין אַלץ, וואָס אונדז איז געגעבן, אָן וועלכער ס'איז חקירה. מער באַריכות האָב איך גערעדט וועגן דעם אין אַן אַנדער אָרט" [9]. און מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז דער בעל „חות יאיר" גופא איז געווען מער־ווייניק באַהאַוונט אין דער מיטלאַלטערלעכער יידישער חקירה־ליטעראַטור, און האָט אויך געהאַט געוויסע ידיעות אין „חכמות חיצוניות", דער עיקר אין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. זייער אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט איין קאַפּיטל אין „חות יאיר" (נומ' 129). איינער פון זיינע קאָרעספּאָנדענטן האָט זיך צו אים געווענדט ווי צו אַ גרויסן בקי אין חכמת התכונה און מאַטעמאַטיק מיט עפּעס אַ האַרבער וויסנשאַפטלעכער פראַגע. באַכראַך דערציילט באַריכות אין זיין תשובה, אַז ער האָט אין דער יוגנט זייער פיל צייט געפּטערט אויף די דאָזיקע לימודים, ער האָט אפילו אַליין געשריבן אַסטראָנאָמישע חיבורים; ער האָט זיך אָבער סוף־כל־סוף איבערצייגט, אַז זיינע ידיעות זיינען אויף דעם געביט גאַנץ קנאַפּע און ער האָט זיינע מאַטעמאַטישע כתבים פאַרברענט [10]. מען דאַרף

---

[8] נומ' 123, 152

[9] „חות יאיר", נומ' 123, דף 116, עמ' ב': „והנה בדורות הראשונים לפי מה ששמעתי היו שומעים ולומדים בבחורותם ספר העקידה והעיקרים והכוזר ודוגמתם... ובזה יפה עושין דורות הללו שמתרחקין מאותן הלימודים כי טוב ויפה לנו ולבנינו להאמין האמונות המוטלות עלינו בלי חקירה, והארכתי בזה במקום אחר".

[10] דאָרטן: „קמתי בשחר ושרפתי בחמתי ומר נפשי כמה גווילין וניירות, הבלתי מעשי ידי אשר טרחתי בו זמן רב ואמרתי כי כבר השגתי די מה שהגעתי לידיעת לא ידעתי".

דערבײַ געדענקען, אַז זײַנע אַסטראָנאָמישע ידיעות האָט ער געשעפּט אויסשליסלעך פון יידישע מיטלאַלטערלעכע קוועלן; ער האָט נאָך אַלץ געגלייבט אין דער וועלט פונם אַלטן פּטאָלאָמעוס און געגלויבט, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, וואָס שטייט כּידוע פעסט אויף איין אָרט, ווי אין פּסוק שטייט: לעולם עומדת. דערפאַר האָט ער זיך אין זײַנע אַסטראָנאָמישע חשבונות אָנגעשטויסן אויף אומדערלאָזבאַרע שוועריקייטן [11], וועלכע זײַנען שוין פון לאַנג געווען פאַרענטפערט דורך די גאונישע אַנטדעקונגען פון קעפּלער, קופּערניק און גאַלילײַ.

אין אַן ענלעכער לאַגע האָט זיך אויך געפונען אַן אַנדער רב פון יענער צײַט, יונתן בן יוסף פון ראָזינאָי (רושאני) [12]. זינט די יונגע יאָרן האָט אים געצויגן צו „חכמת החשבון" און מיט דער הילף פון העבּרעיִשע מיטלאַלטערלעכע האַנטבּיכער האָט ער זיך דערוואָרבן סאָלידע ידיעות אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען דערויף, וואָס די דאָזיקע חכמות געפינען זיך איצט בײַ יידן אויף אַזאַ נידעריקער מדרגה, בעת זיי זײַנען אין אַמאָליקע דורות געווען אין אַזאַ בליענדיקן צושטאַנד. בעת ר' יונתן איז אין 1710 אַנטלאָפן פון זײַן ליטווישער געבורט־שטאָט, ווען ס'האָט דאָרט אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, האָט ער אַ נדר געטאָן, אַז באַם ער וועט בלײַבן לעבן, וועט ער זיך שטעלן די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן וואָס מער אַסטראָנאָמישע ידיעות צווישן יידן. דעם נדר האָט ער מקיים געווען אין צען יאָר אַרום (1720), ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט מיט פיל ציורים און צייכענונגען זײַן אַסטראָנאָמיש ווערק „ישועה בישראל", אַ פּירוש אויף דעם רמב"מס „הלכות קידוש החודש". ער האָט אויך געמאַכט אַ פּירוש אויף אברהם בר חייאס „צורת הארץ", און האָט צום ערשטן פאַרעפנטלעכט די העבּרעיִשע איבערזעצונג פון יאָהאַן די סאַקראָ־באָסקאָס אַן אַסטראָנאָמיש ווערק Liber de Sphaera. אָבער אויך דער דאָזיקער פלײַסיקער און וויסנדורשטיקער תּלמיד־חכם האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דער איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן געביט פון זײַן געליבטער וויסנשאַפט אַדאַנק די גאונישע געלערנטע פונם 16טן און 17טן י"ה. אָפּגעזונדערט מיט אַ פעסטער וואַנט פון האַס און פאַראַכטונג זײַנען די באַוווינער פון דעם דײַטש־פּוילישן געטאָ געווען אָפּגעשניטן פון דעם גײַסטיקן און וויסנשאַפטלעכן אייראָפּעיִשן לעבן פון יענער צײַט.

---

11 דאָרטן: „ואנכי נבער מדעת ולא בינת אדם ולא יספיקו לי כל ספרים יסופיים בעלי מדע בחכמה זו להבינני אמיתת הדבר שתנוח דעתי בו".

12 יונתן בן יוסף איז געווען דעם בעל „אוהל יעקבס" (אַ פּירוש אויף אלבום „עיקרים"), יעקב קאָפּעלמאַנס, אַן אייניקל (זע די פאָררעדע צו „ישועה בישראל", 1720).

אמתע חוני המעגלס. האָבן זיי, די לעבעדיק באַגראָבענע, געלעבט פון די ברעקלעך וויסן, וואָס ס'איז זיי געבליבן בירושה פון די אַמאָליקע מער גליקלעכע דורות...

איין גליקלעכן אויסנאַם מאַכט אין דער הינזיכט דער געבילדעטער דאָקטאָר טוביה בן משה כהן [13], דער בעל „מעשה טוביה", וואָס איס איז געלונגען זיך אַרויסרייסן פון די ענגע געטאָ־ווענט. טוביהס פאָטער, דער אונז שוין באַקאַנטער רב פון נאַראָל [14], איז ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, נאָכן חורבן פון דער נאַראָלער קהילה אַנטלאָפן קיין דייטש־לאַנד, פון דאָרט האָט ער אָנגענומען דעם רבנות־פּאָסטן אין מעץ, וווּ אין פיר יאָר אַרום (1652) איז זיין זון טוביה געבאָרן געוואָרן. צו אַכט יאָר איז טוביה אַ יתום געבליבן און ער האָט צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער זיך געלאָזט קיין פּוילן, וווּ עס האָבן געלעבט ווי פאַמיליעס פון זייערע עלטערן. אין פּוילן האָט דער קליינער יתום גרינטלעך זיך באַקאַנט מיט דער תּלמודישער ליטעראַטור; דאָס האָט אָבער דעם יונגן טוביהן ניט באַפרידיקט.

„כי ראיתי — דערציילט טוביה גופא — את הדלות והגלות והמלחמות אשר בארץ הלזו, וצרות רבות תכופות זו לזו, הוה על הוה, שבר על שבר" — איך האָב צוגעזען די גרויסע אָרעמקייט און דעם גלות מיט די שטענדיקע מלחמות, וואָס הערשן אין דעם דאָזיקן לאַנד, אומ־אויפהערלעכע צרות, איין אומגליק נאָכן אַנדערן, איין בראָך נאָכן אַנ־דערן; האָב איך מיר געטראַכט: וואָס האָב איך דאָ צו טאָן? מען דאַרף אַוועק וואָס ווייטער פון דאַנען". איס האָט געצויגן צו דער חכמה, אין וועלכער עס זיינען געווען באַהאַוונט זיין פאָטער און זיין זיידע — צו מעדיצין, און ער האָט באַשלאָסן זיך לאָזן קיין איטאַליע דאָרט מעדיצין צו שטודירן. מען מוז דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז ניט בלויז אין דעם רמ"אס צייטן, נאָר אַפילו שפּעטער, האָבן די פּוילישע ייִדן געהאַט אָפטע פאַרבינדונגען מיט די קהילות פון צפון־איטאַליע. אַפילו אין 17טן און 18טן י"ה, ניט קוקנדיק אויף דער אַלץ וואַקסנדיקער גייסטיקער אָפּגעזונדערטקייט און דער פיינדלעכער שטעלונג פון די פּוילישע ייִדן צו די „הכמות חיצוניות", פלעגט דאָך פאַר איין חכמה געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם — פאַר הכמת הרפואה, און ניט זעלטן פלעגן בחורים פון

---

13 א ספּעציעלע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם דאָזיקן געלערנטן האָט אין דער ייִדי־שער צייט פאַרעפנטלעכט ד״ר א. לעווינסאָן (טוביה הרופא וספרו מעשה טוביה, ברלין, 1924).

14 זע אויבן, ז' 58.

די פּוילישע ישיבות זיך לאָזן קיין פּאַדוא שטודירן מעדיצין [15]. יאַן וואַר־כאַל, וואָס האָט זיך באַקענט מיטן אַרכיוו פון דעם פּאַדוער אוניווערסי־טעט, האָט פאַרצייכנט די נעמען פון עטלעכע צענדליק יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען פון פּוילן קיין פּאַדוא לערנען מעדיצין [16]. די אָפּטע פּראָטעסטן מצד די קריסטלעכע בירגער און די אַלע מעגלעכע מסירות, מיט וועלכע געוויסע קריסטלעכע דאָקטוירים, ווי סלעשקאָווסקי, שולץ וכדומה, זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן זייערע יידישע קאָלעגן בכדי מען זאָל פאַרבאָטן יידישע דאָקטוירים פּראַקטיצירן צווישן קריסטן — דאָס אַלץ האָט ניט שטענדיק געהאַט ערפאָלג. פילע יידישע דאָקטוירים האָבן זיך דערוואָרבן צוטרוי איז געווען אָנגענומען אין די אָנגעזעענסטע קריסט־לעכע קרייזן. דער לעמבערגער דאָקטאָר און ראש הוועד, שמחה מנחם, איז אַ צייט לאַנג געווען לייב־מעדיקער ביים קיניג יאַן סאָבעסקי. אויך דער ווילנער דאָקטאָר אַהרן גאַרדאָן, וואָס האָט סוף 17טן י"ה שטודירט מעדיצין אין פּאַדוא, איז געווען הויף־דאָקטאָר. קיין פּאַדוא האָט זיך אויך געלאָזט טוביה כהן, נאָכדעם ווי ער האָט אַ שטיק צייט געלערנט מעדיצין אין אַ דייטשן אוניווערסיטעט. אַלס דיפּלאָמירטער דאָקטאָר איז טוביה כהן צוריקגעקומען קיין פּוילן, וווּ ער האָט זיך פאַרנומען מיט מעדיצינישער פּראַקטיק. די קריסטלעכע דאָקטוירים זיינען אָבער ניט געווען צופרידן מיט דער קאָנקורענץ פון זייער יידישן קאָלעגע, האָבן זיי אים אָנגעהויבן שטאַרק רודפן. מיט פאַרדרוס האָט טוביה פאַרלאָזן פּוילן און האָט זיך באַזעצט אין טערקיי, פריער אין אַדריאַנאָפּאָל, דערנאָך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וווּ ער האָט געפונען שטיצע ביים באַרימטן דיפּלאָ־מאַט און מעדיקער ישראל קוניאַן, און וואַרשיינלעך, דורך יענעמס מיט־הילף איז טוביה באַשטימט געוואָרן אַלס הויף־דאָקטאָר ביים סולטאַן אַכמעד דער דריטער. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט טוביה פאַרענדיקט (אין 1701) זיין ווערטפולן ווערק „מעשה טוביה" — אַ מין ענציקלאָפּעדיע פאַר מעטאַ־פיזיק, טעאָלאָגיע, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין און אַנדערע נאַטורוויסנשאַפטן [17].

---

15 וועגן אָפּטן פּאַרקער צווישן די פּוילישע קהילות מיט די איטאַליענישע זאָגט עדות פאָלגנדיקער פּרט: אין 1590 איז אין קראָקע דערשינען אַ לערנבוך „דבר טוב", וווּ די ביבלישע ווערטער, וואָס זיינען אויסגעשטעלט נאָכן א"ב, ווערן דערקלערט אויף יידיש-דייטש און אויף איטאַליעניש. אויך נתן האַנאָווער האָט אין 1653 אַן ענלעך האַנטבוך פאַרעפנטלעכט (שפה ברורה), וווּ די ביבלישע ווערטער ווערן איבערגעזעצט אויף יידיש-דייטש, לאַטיין און איטאַליעניש.

16 זע: Ks. Jan Warchal, Żydzi polscy na uniwersytecie padewskim (Kwartalnik Żydów w Polsce, 1913, III, 37—72. זע אויך באַלאַבאַנס אויבן-ציטירטן אַרטיקל; גרעץ-שפ"ר, VII, 325—326; ש. פין, „קריה נאמנה", 104, 113.

17 צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין ווענעדיק אין 1707.

דאָס דאָזיקע ווערק האָט טוביה פאַרטראַכט נאָך אין די סטודענטישע יאָרן, בעת ער און זיין חבר גבריאל, די איינציקע צוויי יידן אין אוני־ווערסיטעט אין פראַנקפורט ד׳אָדער, האָבן געהאַט פיל אויסצושטיין פון זייערע קריסטלעכע קאָלעגן, וואָס פלעגן אָפּשפּאָטן פון זיי און פון זייער פאָלק. „אין זייערע רעליגיעזע וויכּוחים, וואָס זיי פלעגן פירן מיט אונז — דערציילט טוביה — פלעגן זיי אַלס בולטסטן באַוויז, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פונם יידישן פאָלק, אַרויסשטעלן אונזער אומוויסן און גוואַל־טיקע אָפּגעשטאַנענקייט אויף אַלע חכמות־געביטן”. איך האָב דאַן אַ נדר געטאָן און באַשלאָסן, אַז ווי נאָר איך וועל מיין ציל דערגרייכן, וועל איך פון קיין רו און פון קיין שלאָף ניט וויסן, ביז איך וועל מיט גאָטס הילף אַ ווערק פאַרפאַסן, וואָס נעמט אַרום אַלע חכמות. זאָלן אונ־זערע לעסטערער זען און זיך איבערצייגן, אַז ניט נאָר ביי זיי זיינען אַלע חכמות פאַראַן” (להשיב חורפי דבר ולהראותם כי לא להם לבדם נתנו אלה החכמות).

שוין אין ערשטן קאַפּיטל פון זיין ווערק באַקלאָגט זיך טוביה כּהן, וואָס ביי די יידן איז די לעצטע צייט איינגאַנצן אויסגעלאָשן דער חשק צו חקירה, זוכן און פאָרשן דעם אמת. מען פאַרלאָזט זיך איינגאַנצן אויף מסורת אָבות, וואָס מען האָט באַקומען בקבלה, בעת אונזער תורה האָט געגעבן, אַז מען דאַרף ניט נאָר גלויבן, נאָר אויך פאָרשן „במציאת האל יתברך”. דעם פאַרפרומטן לייענער פונם דייטש־פּוילישן געטאָ, וואָס האָט איבער די אויערן געשטעקט אינם ווילדן אָבערגלויבן און פעסט גע־גלויבט אין אַלע מיני מחבלים און שדים, אין קבלהשע צירופים און קמיעות, אין השבעות און אָפּשפּרעכונגען פון בעל־שמען און מכשפים — אים פּרוווט דער בעל „מעשה טוביה” געבן מער ראַציאָנאַליסטישע האַ־נריפן וועגן דעם מהות פון מלאכים [18], וועגן ענין שכר ועונש [19] אאז״וו. פאַר די תּלמידים פון די פּוילישע און דייטשע ישיבות, וואָס ווייסן אַזוי גוט, אַז אויף יעדן מאמר חז״ל, זאָל דאָס אפילו זיין אַ פּשוט גלייכ־ווערטל אָדער וויציקער משל, האָט מען אָנגעזאַמלט גאַנצע בערג פון סברות און פּשטלעך — טוט טוביה כּהן אָפּן דערקלערן, אַז אפילו די מצוות פון דער תּורה זיינען ניט אויף אייביקע צייטן פעסט באַשטימט געוואָרן, נאָר „צריכות להשתנות כפי הזמנים” — זיי דאַרפן געענדערט ווערן לויט די באַדערפענישן פון דער צייט און די שינויים, וואָס קומען

18 דאָרטן, ערשטער חלק, מאמר ב׳, פרק ב׳.

19 דאָרטן, מאמר חמישי, פרק ג׳.

פֿאַר אין די „מקבלי התורה״ — אין די טרעגער פֿונם געזעץ [20]. אַ מענטש מיט אַ ניכטערן שכל הישר, טוט טוביה כהן מיט בייסנדיקער איראָניע אָפּשפּאָטן פֿון די, וואָס שטעקן אין אָבערגלויבן, גלויבן אין כל המיני באָבע־מעשיות און ציטערן פֿאַר שדים, נים־גוטע און מכשפים. „עס איז ניטאָ — רופֿט אויס מיט פֿאַרביטערונג דער בעל „מעשה טוביה״ — נאָך אַזאַ לאַנד ווי פּוילן, וווּ מען זאָל זיך אַזוי פֿיל אָפּגעבן מיט שדים, קמיעות, השבעות, צירופֿי שמות און אַלע מיני חלומות״ [21]. „אין לי עסק בנסתרות״ — דערקלערט טוביה כהן [22] — „מיך אינטערעסירט דאָס נאַטירלעכע און געזעצמעסיקע״, זאָגט ער אויף אַן אַנדער אָרט. בעת ער דערמאָנט דעם גלויבן אין דעם ביאת המשיח, האַלט דער פֿאַרבאַסער פֿאַר נייטיק באַריכות זיך אָפּשטעלן אויף די צרות, וואָס עס האָבן ביי יידן אָנגעמאַכט די משיחי השקר, און ער גיט דערביי אַ זייער וויכטיקן אין היסטאָרישער הינזיכט איבערבליק איבער דער שבתי־צבי־באַוועגונג.

זיין שאַרפֿן קאַמף קעגן אָבערגלויבן און פֿאַלשע פֿאָרשטעלונגען פֿירט טוביה כהן אויך אינם צווייטן טייל פֿון זיין ווערק, וווּ ער באַהאַנדלט ספּעציעל מעדיצינישע פּראָבלעמען. ער מאַכט באַזונדערס אויפֿמערקזאַם דעם לייענער, אַז די גרעסטע מניעה ביים היילן דעם קראַנקן איז דער אָבערגלויבן און די לייכטזיניקייט, מיט וועלכער מען פֿאַרלאָזט זיך אויף שאַרלאַטאַנעס, אָפּשפּרעכערס און בעל־שמען, וואָס היילן אַלע קרענק מיט השבעות, קמיעות און סגולות. „די מעדיצין — זאָגט טוביה כהן אין דער פֿאָררעדע צום באַטרעפֿנדיקן טייל — איז אַ גאַנץ לייכטע חכמה אין די אויגן פֿון אַט די אַלע שאַרלאַטאַנעס; זי איז אָבער זייער אַ שווערע וויסנשאַפֿטביים וויסנדיקן דאָקטאָר״. זייער אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט דער אַכטער קאַפּיטל, וווּ כהן באַקאַנט מיט זיין טעאָריע וועגן די סיבות, וואָס רופֿן אַרויס די באַקאַנטע קראַנקהייט „פּליקאַ־פּולוניקאַ״, וואָס הייסט ביים פֿאָלק „קאָלטן״. „איך וועל אין דעם קאַפּיטל — הייבט אָן דער פּראָפֿעסער — ריידן פֿאַר מיינע פֿריינד און ברידער פֿון פּוילן וועגן דער אַכזריותדיקער קראַנקהייט, וואָס איז אַזוי

---

20 דאָרטן, מאמר שלישי, פרק שלישי: „כן המצות האלהיות צריכות להשתנות כפי הזמנים... מכאן אתה לומד שהדת האלהית אפילו שלא תשתנה ולא תתחלף בכל דבר אפשר שתשתנה בחלק אחד מן האיסור אל ההיתר ומן ההיתר אל האיסור כפי השתנות מקבלי התורה״.

21 דאָרטן, צווייטער טייל, פרק שמיני: „אין לך ארץ שעוסקים יותר בעסקי שדים בקמיעות בהשבעות ובשמות ובחלומות כארץ הנזכר ובקהלם אל תחד כבודי״.

22 דאָרטן, פרק חמישי.

23 דאָרטן, מאמר ששי.

שכיח אין דער דאָזיקער מדינה". כהן ברענגט אַלע מיינונגען, וואָס זיינען ביז אים אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן דער דאָזיקער חולאת, עס זיינען אויך געווען אַזוינע מומחאָס, וואָס האָבן געזען אינם קאָלטן „אַן אָפּגעטאָנענע זאַך" מצד מכשפים און שדים; דער בעל „מעשה טוביה" אָבער דערקלערט אויפן גרונט פון זיין לאַנגיאָריקער פּראַקטיק אין פּוילן צווישן אָרעמען פאָלק, אַז די דאָזיקע קרענק נעמט זיך פונם שמוץ און אַנטיהיגיענישע צושטאַנדן, אין וועלכע עס לעבט די אָרעמע באַפעלקערונג [24].

די מאַכט פון מסורה און קבלת אָבות האָט אָבער אַזוי שטאַרק געוועלטיקט איבער דעם יידישן גײַסט, אַז אפילו אַזאַ ניכטערער וויכנשאַפטס־מאַן, ווי טוביה כהן, האָט ניט געוואָלט אָנערקענען די אייזערנע ראיות פון די נאַטורפאָרשער דעמאָלט, ווען יענע זיינען צו שאַרף סותר דעם „פּסוק", דעם טעקסט פון די כתבי הקודש. אין די קאַפּיטלען, ווו דער בעל „מעשה טוביה" רעדט וועגן אַסטראָנאָמיע, באַקענט דער פאַרפאַסער דעם לייענער מיט קופּערניקס סיסטעם, ער ווייזט טאַקע דערביי אָן, אַז „ביי היינטיקע צייטן זיינען פילע פעלקער מסכים מיט דער דאָזיקער דעה", ער גופא געפינט אָבער, אַז קאָפּערניקס טעאָריע מוז מען האַלטן פאַר פאַלש, ווייל זי געפינט זיך אין פולער סתירה מיט אַ סך פּסוקים פון דער ביבל [25], און ער דערקלערט דערפאַר דעם גאָונישן באַגרינדער פון דער מאָדערנער אַסטראָנאָמיע אַלס דעם „זון פונם שטן" (בכור שטן הוא). נעמענדיק אין באַטראַכט דעם קלאָרן און ניכטערן סטיל פון דעם בעל „מעשה טוביה", איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס זאָל זיין בלויז אַ קונצשטיק, אַ קלאָון־גרימאַסע, מיט וועלכער עס פלעגן בשעתם זיך אַזוי אָפט באַנוצן די מאָהיקאַנער פון דער רענעסאַנס־תקופה, אריה די מאָדענאַ און יש"ר מקאַנדיאַ... און מיר זעען טאַקע, אַז ניט נאָר אַ זון פונם דייטש־פּוילישן געטאָ, נאָר אפילו געבילדעטע פאָרשטייער פון אַנדערע יידישע קיבוצים אין מערב־אייראָפּע אויס יענער ירידה־צייט האָבן אויך באַוויזן זייער פיינדלעכע באַציִונג צום קריטיש־פרייען פאָרשער־געדאַנק. זייער טיפּיש איז אין דער הינזיכט טוביה כהנס אַ בן־

---

[24] זיין פאָרשונג וועגן קאָלטן האָט כהן צום ערשטן געשריבן אין לאַטיין און געהאַלטן וועגן דעם אַ פאָרטראָג אויף אַ זיצונג אין מעדיצינישן פאַקולטעט אין פּאַדואַ. צום סוף פון זיין ווערק גיט טוביה אַ קורצן אָבער ווערטפולן ווערטערבוך פון מעדיצינישע און טעכנישע אויסדרוקן אויף דריי שפּראַכן: לאַטיין, העברעיש און טערקיש.

[25] „בהכרח ראוי לכל פילוסוף אלקי שיבטל דעת קופירניקוש והנלוים עליו, כי כל אותן ראיות שהביא הוא וחבריו הם נגד כתבי הקודש ודברי נביאי אמת הנאמנים בדבריהם.

דור און קאָלעגע — דער ראש פון דער לאָנדאָנער קהילה — דער רב און פּרעדיקער דוד בן פּנחס נעטו.

אין ווענעדיק געבאָרן (אין 1654), האָט נעטו שטודירט מעדיצין אין איטאַליע, דערנאָך געווען אַ שטיק צייט דיין אין ליוואָרנאָ, פּאַרנעמענדיק זיך דערביי מיט מעדיצינישער פּראַקטיק. אין 1702 האָט ער אָנגענומען דעם רבנות-פּאָסטן ביי דער ספרדישער קהילה אין לאָנדאָן, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1728. דאָס איז געווען אַ מאַן פון ברייטן פילזייטיקן וויסן, גוט באַהאַוונט אין אייניקע אייראָפּעיִשע שפּראַכן, האָט נעטו אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס צו פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, שפּראַכפאָרשונג, וועלטלעכע טעאָלאָגישע לימודים, קונסט, פּאָעזיע [26] — אַלץ האָט אינטערעסירט דעם דאָזיקן וויסנבאַגיריקן „חכם“ פון דער לאָנדאָנער קהילה. אָט די פילזייטיקייט זיינע האָט דערוועקט אַ געוויסן חשד ביי די אָרטאָדאָקסן — עפּעס איז ער צו באַהאַוונט אין די „חכמות חיצוניות“. האָט זיך געטראָפן, אַז אין איינער פון זיינע פּרעדיקן, האָט נעטו זיך אָפּגעשטעלט אויף די באַגריפן: אלהים והטבע — וועגן דעם צוזאַמענבונד צווישן דעם באַשעפער און דער נאַטור. די גאָטספאָרכטיקע ראשי הקהל האָבן אין דעם דערשמעקט אַ געפערלעכע אפּיקורסות, זיי האָבן זייער „חכם“ חושד געווען, אַז ער איז נוטה צו שפּינאָזעס שיטה [27]; וועגן דעם האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת, ביז מען האָט זיך געווענדט צום גרעסטן רבנישן אויטאָריטעט פון יענער צייט — צום חכם צבי, אַז ער זאָל זיין דער בורר; און נאָך אַדאַנק דעם, וואָס דער חכם צבי האָט דערקלערט, אַז ער זעט אין נעטוס דרשה קיין שום אַפּיקורסות ניט [28], האָט נעגומען אַ סוף צום מחלוקת, און נעטו איז אויך אויף ווייטער געבליבן דער מנהיג הקהילה. דאָס גיט צו אַ באַזונדער אינטערעס נעטוס געדאַנקען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין באַקאַנטן ווערק „מטה דן“ (לאָנדאָן, 1714), וועגן דער שייכות צווישן דער אמונה און דעם וועלטלעכן וויסן. דאָס דאָזיקע פּאָלעמישע ווערק, וואָס באַצוועקט צו שיצן די תורה שבעל-פּה פאַר די אָנפאַלן פון די קאַראַימען, טראָגט דאָס אונטערקעפּל: „כוזרי חלק שני“, און אין הסכם דערמיט איז עס געשריבן ווי יהודה הלוים ווערק אין פאָרם פון פינף וויכוחים צווישן דעם יידישן חכם („חבר“) און דעם מלך פון די כוזרים. אמת, די אַרכיטעקטאָניק פון נעטוס „מטה דן“ איז שטאַרק

---

26 נעטו גופא האָט גאַנץ לייכט שירים געשריבן, אייניקע פון זיי זיינען אָפּגעדרוקט אין פּיפּערנאָס, „קול עוגב“, 1—2, 78.

27 זע גרעץ-שפ״ר, VIII, 371, 598. זע אויך „קול עוגב“, 78.

28 זע דעם חכם צבים שו״ת, ניב׳ 18.

הינטערשטעליק לגבי הלוים מייסטערווערק. דער קאַסטילישער דיכטער שטיצט זיך אינם „כוזרי" אויף אַ רעאַלן היסטאָרישן פאַקט, ביי נעטון אָבער איז דער סיפור המעשה זייער אַ געקינצלטער: אַ יידישער תּלמיד־חכם האָט אין 1710 זיך געלאָזט פון װענעדיק אויף אַ שיף איבער דעם ים. אויפן וועג האָט אַ שרעקלעכער שטורעם אויסגעבראָכן, די שיף האָט זיך צונעשלאָגן צו די ברעגעס פון דעם כוזר־לאַנד (דאָס אין יאָר 1710!?), און ווי נאָר דער מלך הכוזרים האָט זיך דערוווּסט, אַז אין זיין לאַנד געפינט זיך אַ גרויסער יידישער חכם, האָט־ער אים גלייך איינגעלאַדן צו זיך און מיט אים זיך אַריינגעלאָזט אין לאַנגע וויכּוחים וועגן וויכטיקע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע פּראָבלעמען. אין פערטן וויכּוח רעדט דער געבילדעטער נעטו באַריכות וועגן דער גרויסער וויכטיקייט פון חכמות חיצוניות און פלייסט זיך צו דערווייזן, אַז אויך די חכמי התּלמוד האָבן פיל זיך אָפּגעגעבן מיט וועלטלעכע וויסנשאַפטן און געהאַלטן זיי פאַר זייער נוצלעך ביים לימוד התּורה. נעטו האַלט אָבער פאַר נייטיק גלייך דערביי אונטערצושטרייכן, אַז מיט די חכמות חיצוניות קאָן מען זיך בלויז אויף אַזוי וויפל באַנוצן, כּל־זמן זיי זיינען ניט סותר דעם דת, „די סברות אָבער פון די חכמי האומות — פּירט אויס דער בעל „מטה דן", — וואָס געפינען זיך אין ווידערשפּרוך מיט אונזער תּורה שבכתב אָדער תּורה שבעל פּה — שקץ תּשקצנו ותעב תּתעבנו כּי חרם הוא". און גלייך ווי טוביה כּהן וואַרפט אויך דוד נעטו אָפּ קאָפּערניקס גרונט־זאַץ וועגן דער ערד־באַוועגונג, ווייל דאָס איז דאָך סותר דעם באַקאַנטן פּסוק: שמש בגבעון דום וכו'.

דער איטאַליענער נעטו איז אין דער הינזיכט זייער טיפּיש פאַר זיין צייט — פאַר דער בין־השמשות־צייט, ווען דער פאַרשער־געדאַנק איז אַזוי איינגעשראָקן געווען, און די געדיכטע שוואַרצע שאָטנס האָבן באַדעקט דאָס יידישע געטאָ ניט נאָר אין פּוילן און דייטשלאַנד, נאָר אויך אינם לאַנד פון דעם געוועזענעם רענעסאַנס. אפילו די געבילדעטסטע מענער, און אַזוינע זיינען נאָך געווען אין אַ געוויסער צאָל אין דעם איטאַליענישן געטאָ, — אויך זיי האָבן געהאַט פּחד פאַר פרייער קריטיק און פאַרן זעלבשטענדיקן פאָרשער־געדאַנק. ס'איז כּדאַי אַלס ביישפּיל צו דערמאָנען דעם פילאָזאָפיש געבילדעטן רב אין מאַנטואַ, יהודה ליאָון בריעלי (געבאָרן בערך 1643, געשטאָרבן 1722). אַן אַנטשיידענער קעגנער פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג, האָט בריעלי גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דעם קאַמף קעגן דעם נוכל און אינטריגאַן נחמיה חיון [30].

[29] „מטה דן", דף 59, עמ' ב'.

[30] זע בריעלס בריוו פאַרעפנטלעכט אין „עניני שבתי צבי".

אין זיין פאמפלעט „הצד צבי" ווארפט חיון פאר דעם כיאנטואנער רב, אז יענער איז כלל ניט בקי אין דער מיסטישער ליטעראטור, „רק בתורת לאטין ופילוסופי", און צווישן די איבעריקע בריעלס „חטאים" דער־מאנט אויך חיון, אז יענער ראזירט זיך די באָרד (את הזקן יספה) און האט כל ימיו ניט חתונה געהאט (ולא נשא אשה ולא נכנס לחופה), וואס דערמיט איז ער עובר אויף א מצוות עשה אין דער תורה [31]. און אָט דער „פילאזאף" און ספעציאליסט „בתורת לאטין", וואס האט איבערזעצט סענעקאס בריוו אויף העברעיש און פארפאסט אייניקע פילאָלאָגישע און פאָלעמישע ווערק [32], האט ניט געוואלט ניט נאר לייענען, נאר אפילו אין די הענט נעמען דעם רלב"גס „מלחמות ד'" אויף דעם סמך, וואס דער גאָטספאַרכטיקער בעל „העקידה", יצחק עראמה, האט אויף דעם רלב"ג עדות געזאגט, אז אין זיין ספר זיינען פאראן פיל אפיקורסישע געדאנקען [33].

נאך טיפישער איז אין דער הינזיכט בריעלס תלמיד, אבי עד שר שלום באזילה. געבארן אין א פארמעגלעכער פאמיליע, האט באזילה באַ־קומען א פיליזייטיקע ערציִונג. אין די יונגע יאָרן האט ער פלייסיק שטו־דירט אסטראָנאָמיע און מאטעמאטיק [34], איז געווען באהאוונט ניט נאר אין דער מיטלאלטערלעכער, נאר אויך אין דער נייער קארטעזיאנער פילאָזאָפיע [35]. אין די שפעטערדיקע יאָרן איז ער אבער געוואָרן א הייסער אָנהענגער פון חכמת הנסתר [36] און אן אנטשיידענער קעגנער פון פילאָ־זאָפיע, אין וועלכער ער האט געזען א גרויסע סכנה פארן דת [37], און ווי דער פרומער יואל סירקים [38], אזוי האט אויך אבי עד שר שלום געפסקנט:

---

31 זע גרעץ־שפ"ר, ב' VIII, 605–606.

32 די דאָזיקע ווערק זיינען געבליבן אין כתב־יד. אין לעגינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי געפינט זיך בריעלס אַן אייגנהאַנטיקער כתב־יד (פון 1708) — א פירוש אויף ספר דניאל און הגהות צו אייניקע אַנדערע ביבלישע ביכער. אויף די ראנדן פונם מאַנו־סקריפט זיינען צוגעשריבן מיט א שפּעטערדיקער האַנט פארשיידענע הערות אויף דער איטאַליענישער שפּראַך. דער מאַנוסקריפּט באַשטייט אויס 96 בלעטער, נאָר דער סוף פעלט.

33 „אמונת הכמים", פרק 11.

34 דאָרטן, דף 2, עמ' ב': „בימי חרפי למדתי הכמת הטבע וחכמת הכוכבים עד שיצא לי שם בין הגוים בגלילות האלה".

35 דאָרטן, 4, עמ' ב'.

36 אינטערעסאַנט זיינען זיינע ראיות, מיט וועלכע ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אז דער „זוהר" איז טאַקע א קדמוניש ספר (דאָרטן, קאַפּ' 25). באזילה גופא האט גע־שריבן מיסטישע פירושים, און אין באַראָן גינצבורגס קאָלעקציע האט זיך געפונען (נומ' 687) פאָלגנדיקער כתב־יד: „סודות וכונות השופר ועוד, ששלח אבי עד שר שלום לר' אברהם סגרי, 1701.

37 דאָרטן, 29, עמ' ב'.

38 זע איבן, ז' 81

כל באיה לא ישובון [39]. ער האט ניט געקאנט מוחל זיין אברהם אבן עזרא׳ן זיינע פרייע קריטישע געדאנקען, וואס ער האט ארויסגעזאגט בנוגע צו דער רעדאקציע פון תורת משה [40]; ער האט דערקלערט די מפרשים פון מיימונים „מורה נבוכים״ פאר „מחטיאי הרבים״, און דער עמקן נרבוני איז ־ביי אים ניט נאר א „מין גמור״, נאר טאקע א „טפוש בתכלית הטפשות״ [41]. אין דעם רלב״ג זעט ער דעם מאן, וואס קעמפט „קעגן גאט״ און דעם בעל „מאור עינים״ וויל ער אפילו ביים נאמען ניט דער־מאנען, „ווייל אלע יענעמס רייד זיינען נוטה צו אפיקורסות, ווארעם זיין מיין איז געווען אונז אפשטויסן פון גאט און דערווייטערן אונז פון זיין תורה״ [42]. אפילו אין ידעיה פנינים „בחינת עולם״ האט דער דאזי־קער קנאי אויך דערשמעקט אפיקורסות, וועלכע מען דארף עוקר מן השורש זיין [43] און ער האט זיך שטארק מתרעם געווען אויף דעם אנקא־נער רב ר׳ שמשון מורפורגא, דערפאר, וואס יענער האט אין די יונגע יארן (1704) פארעפנטלעכט די דאזיקע פאעמע מיט א נייעם פירוש („עץ הדעת״). „דער, וואס ס׳האט פארעפנטלעכט דאס דאזיקע ווערק — רופט אוים מיט כעס דער בעל „אמונת חכמים״ — דער איז עתיד ליתן את הדין״ [44].

ביי אזעלכע שטימונגען איז לייכט זיך פארצושטעלן, אין וועלכער שווערע לאגע עס האבן זיך געפונען די געציילטע מענער פון יענער צייט, וואס זיינען ניט געווען געזאגנען צו גיין בלינד אין דעם אויסגעטראטענעם וועג פון מסורת אבות און געמאכט דעם מינדסטן פרווו קריטיש זיך פארהאלטן צו די אויטאריטעטן פון די פריערדיקע דורות. זייער באַ־לערנד איז אין דער הינזיכט דער שווערער לעבנסוועג פון דעם שפראכ־פארשער שלמה־זלמן הענא. געבארן אין האנוי אין 1687, האט שלמה־זלמן שוין אין די יונגע יארן ארויסגעוויזן א באזונדערן אינטערעס צו דער

---

39 „אמונת חכמים״, דף 27, עמ׳ ב׳; דף 38, עמ׳ א׳.

40 דארטן, 10, דף א׳.

41 דארטן, דף 19, עמ׳ א׳.

42 דארטן, 38, עמ׳ א׳: „כי כל דבריו נוטים למינות, ואל תתמה מזה כי יותר על כן בקש האדום הזה להדיחנו מעל ד׳ ולגרשנו מנחלת תורתו״.

43 דארטן, 15, עמ׳ ב׳, 27, עמ׳ א׳.

44 דארטן, 16, עמ׳ א׳ (מיר ציטירן לויט דער ערשטער אויסגאבע, 1730).ווארשיינלעך איז דער שארפער טאן, אין וועלכן דער „אמונת חכמים״ איז געשריבן, געווען די סיבה, וואס אבי־עדס פריינד, גד די־לאקוילא, נאכדעם ווי ער האט זיך באַ־קענט מיטן ווערק אין כתב־יד, האט ער געבעטן דעם פארפאסער ער זאל דאס ווערק ניט פארעפנטלעכן.

וויסנס־בראַנזשע, וואָס האָט ניט געוועקט די קלענסטע אויפמערקזאַמקייט אין די דייטש־פּוילישע ישיבות — צו שפּראַכפאָרשונג און העברעאי־שער גראַמאַטיק. נאָך יונגלווייז האָט ער דורכגעשטודירט די אַלע אַלטע יידישע מדקדקים און פילאָלאָגן, און צו צוואַנציק יאָר איז ער שוין מיט אַן איינן ווערק אַרויסגעטראָטן — אַ העברעאישע גראַמאַטיק „בנין שלמה" (1708). אין דער צווייטער הקדמה קלאָגט זיך דער יונגער פאַרפאַסער, וואָס די גראַמאַטיק פון דער ביבל־שפּראַך ווערט אַזוי פאַרנאַכלעסיקט. יידישע יונגעלייט פאַרנעמען זיך מיט פּילפּול, באַווייזן זייער חריפות און בקיאות אין דער תלמודישער ליטעראַטור, זיי האָבן אָבער קיין שום באַ־גריף ניט, וואָס אַזוינס איז דיקדוק, און זיינען ניט אימשטאַנד איבערלייענען קיין איין תפילה, קיין איין זאַץ אַפילו אָן גראַמאַטישע גרייזן [45]. אַט די מוטיקע שווימערס איבערן ים התלמוד, טענהט ווייטער דער בעל „בנין שלמה", האַלטן פאַר ניט פּאַסיק פאַרנעמען זיך מיט דיקדוק, וואָס איז ביי זיי אַפילו פאַר קיין לימוד ניט פאַררעכנט. מיט יוגנטלעכער זעלבסט־צופרידנקייט פאַרזיכערט דער פאַרפאַסער, אַז ער האָט אין זיין ווערק אויסגעבעסערט פילע גרייזן ביי די אַלטע מדקדקים (ועוד זאת מדרכי זה החבור, שהשגתי לפעמים על איזה מחבר ולא מנעתי הדבור, אכן לא דחיתיו בלי טעם באמת הבנין, רק בסברות ברורות וראיות נכונות בררתי הענין).

דער טאָן פון דעם יונגן פאַרפאַסער איז טאַקע אַ גאַנץ תקיפער, ערטערווייז אַפילו מיט פּאָלעמישער שאַרפקייט. אַ יונגערמאַן זאָל אַרויס־טרעטן מיט אַזאַ זיכערקייט קעגן אַלט־אָנערקענטע אויטאָריטעטן, זיך דערוועגן כאַפּן אין גרייזן דעם אבן עזרא, דעם רד"ק, דעם אברבנאל — דאָס האָט אויסגעוויזן ווי אַן אומדערהערטע חוצפה, עס האָט ממש גע־שמעקט מיט „הפקירות". אינטערעסאַנט איז דערביי פאָלגנדיקער פּרט: אין דער דריטער פאָררעדע צו זיין ווערק מאַכט שלמה הענא חוזק פון דעם אברבנאל דערפאַר, וואָס יענער קומט מיט טענות צו ירמיהו הנביא, אַז יענער איז ניט געהעריק באַהאַוונט אין די כללים פון דיקדוק. אמת, שלמה הענא נעמט זיך דאָ אַפילו אָן פאַר דעם געטלעכן נביא בן חלקיהו, דאָך האָט דער שפּאָטישער טאָן זיינער בנוגע צו אַזאַ גדול בישראל ווי דער פרומער יצחק אברבנאל שטאַרק אויפגעבראַכט די ראשי הקהל פון פראַנק־פורט, ווו ס'האָט זיך געדרוקט הענאס בוך; און ווי נאָר „בנין שלמה" איז פון דרוק אַרויס, האָבן זיי גלייך אָנגענומען אַ החלטה דעם ספר צו

---

45 „בנין שלמה", צווייטע הקדמה: „ובני ישראל לא ידעו מה מדקדוק לשון הקודש קרוא מקרא שבת וחודש, ולא יכלו לקרוא פסוק אחד מבלי שגיאה".

באַרבערענען, ווייל ער קאָן דאָך אויך אַנדערע ברענגען צו דער חוצפּה אָפּשפּאָטן פון אָנערקענטע אויטאָריטעטן. נאָך אַראַנק דעם, וואָס פאַר הענאַן האָט זיך אָנגענומען דעם באַרימטן דוד אָפּענהיימס זייער אָנגע־זעענער איידעם, איז דער גזר בטל געוואָרן, אָבער בתנאַי, אַז דער מחבר זאָל צום סוף פון זיין ווערק אָפּדרוקן אַ כתב התנצלות, ווו ער בעט מחילה ביי די אַלע גדולים, וואָס ער האָט פוגע בכבודם געווען [46]. דער כתב התנצלות האָט טאַקע אָפּגעראַטעוועט דעם ספר פון שריפה, אָבער ניט דעם מחבר פון אַלע מעגלעכע רדיפות. ניט קוקנדיק אויף זיינע ברייטע ידיעות און גרויסע פעיִקייטן, האָט דאָך הענאַ זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן צו אַ וועלכער ס'איז שטעלע, און ער האָט זיך מפרנס געווען דערמיט, וואָס ער האָט געגעבן העברעיִשע לעקציעס [47] און פאַרקויפט עקזעמפּלאַרן פון זיין גראַמאַטיק. האָט הענאַ מיט אַ צייט שפּעטער שאַרף קריטיקירט איינעם אַן עזריאל מיט זיין זון אליהו אויס ווילנע פאַר זייער ניט געלונגענער תפילות־אויסגאַבע, האָבן יענע אין זייער פּאָלעמיק געהאַלטן פאַר נייטיק קודם־כל דערמאָנען זייער קריטיקער זיין „חטאת נעורים'', וואָס ער האָט געהאַט די העזה אָנפאַלן אויף גדולים און גאונים. הענאַ באַרירט דערפאַר נאָך אַמאָל אין דער פאָררעדע צו זיין שפּעטערדיק ווערק „שערי תורה'' די פאַר אים אַזוי טראַגיש געוואָ־רענע פראַגע: צי איז דערלויבט צו קריטיקירן די מיינונגען פון אָנער־קענטע אויטאָריטעטן? ער דערלויבט זיך דערביי אַרויסזאָגן דעם פאַר יענער צייט אַפּיקורסישן געדאַנק, אַז ס'איז יעדן דערלויבט צו זוכן און פאָרשן נאָכן אמת, און ער מעג זיך דערביי ניט בלינד פאַרלאָזן אויף דער מיינונג פון אָנערקענטע אויטאָריטעטן, וואָרעם יענע זיינען אויך ניט מער ווי מענטשן, און קאָנען אַ טעות האָבן [48]. הענאַ האָט מיט זיין אַרויסטריט ווידעראַמאָל דערוועקט דעם צאָרן פון די גאָסטפּאָרכטיקע

---

46 ווייל דער דאָזיקער „מחילה"־כתב איז אויפגעהים געוואָרן בלויז אין געצײלטע עקזעמפּלאַרן, ברענגען מיר אים בשלימות. זע ביילאַגע נום' 7.

47 לויט דער מיטטיילונג פון זיינעם אַ בן־דור, איז הענאַ געווען אַ לעקטאָר פון דער העברעיִשער שפּראַך אין איניקע האָלענדישע אוניווערסיטעטן (זע „ציימשריפט פ. העבר. ביבליאָגראַפיע", 1904, 94).

48 הענאַ שרייבט: „אמנם בתום לבבי ובנקיון כפי עשיתי זאת, אשר השגתי לפעמים על איזה מחבר ממחברים הראשונים, כי תורה היא, ומותר לכל אדם לחקור ולדרוש אחרי האמת; וכתוב בתשובות חות יאיר, כי מותר לכתוב על איזה מחבר מן הראשונים שטעה, כי גם מבחר מן האנושי לא נמלט מן הטעות. גם אין ראוי להעלם האמת"...

מנהיגי הדור און דער קנאי יעקב עמדן אשכנזי האָט אים אָנגערופן „הנמהר והנבהל״ [49].

אויף ווי ווייט דער פאַרגליווערטער גערעַנק פונם דייטש־פוילישן יידנטום אוים יענער צייט האָט זיך פאַרהאַלטן מיט חשד און שנאה צו אַלץ, וואָס ס'איז געווען ניט גאָר לויטן לאַנג פעסטגעזעצטן סדר — זאָגט אָמבעסטן עדות אַן אַנדער וויסנשאַפטלעך ווערק אוים יענער תקופה. דאָס איז דאָס ביבליאָגראַפישע האַנטבוך „שפתי ישנים״ פון שבתי בן יוסף באַס. אַלס פערצניאָריק יינגל [50] האָט שבתי אָנגעוואָרן זיינע עלטערן; זיי זיינען אומגעקומען בשעת דער שחיטה, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אויף יידן אין זיין געבאָרן־שטאָט קאַליש אין 1655. דער יונגער יתום איז דאַן אוועק קיין פּראָג, ווו ער איז אַדאַנק זיין פּראַכטפולער באַס־שטימע גלייך אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ זינגער אין דער באַרימטער פּראָגער אַלט־נייער שול. אַ רייך באַגאַבטער, האָט דער יונגער זינגער זיין גאַנצע פרייע צייט אָפּגעגעבן וויסנשאַפטלעכע לימודים. נאָך אין יאָר 1669 דרוקט באַס איבער משה שערטלס באַקאַנטן גלאָסאַר „באר משה״ [51], וועלכן ער באַגלייט מיט אַ ברייטער הקדמה, ווו ער באַקענט אין איינפאַכער קלאָרער פאָרם מיט די כללים פון דער העברעישער גראַמאַטיק. ער האָט אויך שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַן אייגענעם פירוש אויף רש״י. נאָר קונה־שם געווען האָט זיך שבתי באַס אויף אַ גאַנץ אַנדער געביט. ער האָט אין משך פון 1674 ביז 1679 געמאַכט אַ רייזע איבער פוילן, דייטשלאַנד און האָלאַנד, זיך אויפהאַלטנדיק אַ לענגערע צייט אין אַלע דעמאָלטיקע וויכטיקע יידישע קולטור־צענטערס. אין 1679 האָט באַס זיך באַזעצט אין אַמסטערדאַם, ווו ער האָט אויפן בעסטן אופן אויסגענוצט די רייכע ביבליאָטעק פון דעם מיטגליד פון דער ספרדישער קהילה משה דאַגוליאַר, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן (אין 1680) זיין פונדאַמענטאַל ביבליאָגראַפיש ווערק „שפתי ישנים״, וואָס ער האָט פאַרטראַכט נאָך אין פּראָג. אין דעם דאָזיקן ווערק, וואָס אַדאַנק אים איז שבתי באַס אָנערקענט געוואָרן אַלס דער „פאָטער״ פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע, זיינען פאַרצייכנט 2400 ווערק (2200 העבראַיִקע און איבער 160 יודאַיִקע) נאָכן אלף־בית־סדר פון זייערע נעמען; ביי

---

49 זיין ענטפער אויף עמדנס אָנפאַלן האָט חגיגא פאַרעפנטלעכט צום סוף פון זיין גראַמאַטיק „צהר התבה״ (1733), וואָס איז בשעתה געווען זייער פּאָפּולער, און איז בערערע מאָל געווען איבערגעדרוקט.

50 שבתי באַס איז געבאָרן אין 1641, געשטאָרבן אין קראָטאָשין אין 1718.

51 מער באַריכות וועגן דעם „באר משה״ — אין ווייטערדיקן טייל פון אונזער געשיכטע.

יעדן ווערק איז אָנגעמערקט דער נאָמען פונם פארפאסער, דער פאָרמאט, דער אָרט און יאָר פונם דרוק און אויך אין קורצן דער אינהאלט פונם ווערק. דעם רוב פארנאָטירטע ווערק האָט באַם גופא געהאלטן אין די הענט, די איבעריקע האָט ער באשריבן אויפן סמך פון בוקסדאָרף און בארטאָלאָטשי. די גאנצע אים באַקאַנטע יידישע ליטעראטור האָט באַם איינגעטיילט אין צוויי גרופעס: ביבלישע און נאָך־ביבלישע, און יעדע פון די צוויי גרופעס ווידער צעפאלן אויף ווייטערדיקע צען אָפּטיילונגען. אלס ביילאגע צו זיין ביבליאָגראפישן קאטאלאָג גיט נאָך באַם א נעמען־זוכצעטל, ווו צווישן די פארפאַסערס זיינען אויך פארצייכנט די תנאים, אמוראים, סבוראים און גאונים. א קולטור־היסטאָרישן ווערט האָט אויך די הקדמה צו „שפתי ישנים‟. שבתי באַס וויים זייער גוט מיט וואָסער חשד זיין דור פארהאלט זיך צו יעדן דבר חדש, צו אלץ, וואָס איז אויסער דעם אלטעגלעבן און פון קדמונים פעסטגעזעצטן סדר. האלט ער דערפאַר פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז א ביבליאָגראפיש האנטבוך קאָן דעם דת כלל נית שאָדן, נאָר אדרבה ואדרבה: עס קאָן זיין זייער נוצלעך און ברענגען צו יראת שמים. און ער פארופט זיך דערביי אפילו אויף א גדול בישראל, אויף דעם „של״ה הקדוש‟, דעם גאָטספאָרכטיקן ישעיה הורוויטש. אלס פיינט פון פילפול און „חילוקים‟ לייגט באַם אויך פאָר אין דער דאָזיקער הקדמה רעפאָרמירן דעם סדר פון קינדער־דערציִונג, און ער פארופט זיך אויך דאָס מאָל אויף א רבנישן אויטאָריטעט, אויף ישעיה הורוויטשעס זון, ר׳ שעפטל, וועלכער האָט פאר די „אשכנזים‟ — די דייטש־פוילישע יידן געשטעלט אלס מוסטער די שולן און חדרים פון דער ספרדישער קהילה אין אמסטערדאם [52].

די יידישע וועלט האָט ערשט אין די שפעטערדיקע דורות פארשטאַנען ווי געהעריק אָפּצושאַצן דעם „פאָטער‟ פון דער העברעִישער ביבליאָגראפיע, דערפאר אָבער אין דער קריסטלעכער געלערנטן־וועלט איז שבתי באַס גלייך געוואָרן א מפורסם ווי נאָר זיין „שפתי ישנים‟ איז דערשינען. דאָס ביבליאָגראפישע ווערק פון „באַססיסטא‟ (אזוי האָט שבתי באַס ביי די אומות העולם געהייסן) ווערט איבערזעצט אויף דייטש און לאטיין און דינט דאַן אלס גרונטשטיין פאַר וואָלפס דיק־בענדיקער „ביבליאָטעקא העבראַיִקא‟.

אין אידעיִשער קרובהשאפט מיט דעם „שפתי ישנים‟ געפינט זיך דאָס

---

52 וועגן שבתי באַס יידיש ווערק „דרך ארץ‟ — אין ווייטערדיקן טייל פון אונזער געשיכטע.

ווערק פונם מינסקער רב און ראש־ישיבה, יחיאל בן שלמה היילפערין [53]. ווי שבתי באס איז אויך היילפערין געווען א קענער פון דעם סדר הפילפול און, אליין א גרויסער בקי אין דער תלמודישער ליטעראטור, האט ער זיין גאנצע אויפמערקזאמקייט געשאנקען דעם לימוד, וואס האט אמווייניקסטן אינטערעסירט אין די פוילישע ישיבות — היסטאריאגראפיע און געשיכטע־פארשונג. זיין לעבנסווערק, איבער וועלכן ער האט געארבעט די צענדליקער יארן, „סדר הדורות", באשטייט אויס דריי טיילן: 1) ימות עולם, דער סדר הדורות פון קדמונישע צייטן אן ביז דער צווייטער העלפט 17טן י"ה. דער פארפאסער האט זיך דערביי באנוצט מיט די היסטאריאגראפישע ווערק פון זכותא, גדליה אבן יחיא און דוד גאנז. 2) סדר תנאים ואמוראים און 3) שמות הספרים והמחברים פון נאך דער תלמודישער תקופה. דער מחבר שטיצט זיך דערביי הויפטזעכלעך אויפן „שפתי ישנים". דער ווערטפולסטער טייל פונם ווערק איז דער צווייטער, ווו היילפערין סיסטעמאטיזירט און באלייכט אויף א גאנץ געשיקטן אופן די אלע פארפלאנטערטע און אפט אויך סתירותדיקע ידיעות וועגן די באשעפער פונם תלמוד — די תנאים און אמוראים.

אזוינע ווערק האבן אבער ווייניק אינטערעסירט היילפערינס אין פילפול פארטאנענעם דור, און דער „סדר הדורות", וואס איז שוין אין 1725 געווען פארענדיקט, איז ערשט דערשינען אין 1768, ווען היילפערין האט שוין פון לאנג אין קבר געפוט.

פילע יארן נאכן פארפאסערס טויט איז אויך דערשינען אן אנדער קאפיטאל ווערק פון יענער תקופה — דער „פחד יצחק", א תלמודישע ענציקלאפעדיע פארפאסט פון דעם פעראַרער דאקטאר, רב און ראש־ישיבה, יצחק לאמפרונטי [54]. נאך אלס סטודענט פון פאדוער אוניווערסיטעט האט לאמפרונטי שוין פארטראכט זיין ריזן־ווערק, איבער וועלכן ער האט געארבעט זיין גאנץ לעבן. ביים פארפאסערס לעבן זיינען דערשינען בלויז די ערשטע צוויי בענד (פון אות א' ביז אות ד'). די ווייטערדיקע בענד האבן זיך אנגעהויבן צו דרוקן ערשט אין 1796, און פולשטענדיק איז דאס ווערק דערשינען ערשט אין דער נייערער צייט (אין 1887). דער „פחד יצחק" צייכנט זיך אויס מיט די זעלבע מעלות אבער אויך מיט די חסרונות, וואס היילפערינס ווערק: גוואלטיקער ארבעטס־פלייס,

---

[53] געבארן בערך אין 1666, געשטארבן אין 1746. מער באריכות וועגן היילפערינס לעבן זע ביי משכיל לאיתן אין זיין אויסגאבע „סדר הדורות" (1878—1882).

[54] געבארן אין 1679, געשטארבן אין 1756. ביאגראפישע פרטים זע: „דברי חכם חן", 131—137; די פארריידע צו „פחד יצחק", אויסגאבע 1835.

גרויסע בקיאות, אָבער שוואַכע אַרכיטעקטאָניק, ביי ניט גענוגנדיקער קריטיש-וויסנשאַפטלעכער באַלייכטונג פונם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל. דער ווערט פון לאַמפּרונטיס ענציקלאָפּעדיע ווערט נאָך דערמיט פאַרגרעסערט, וואָס דער פאַרפאַסער ברענגט זייער פיל וויכטיקע דאָקומענטן און שו"ת פון חשובע פערזענלעכקייטן.

צווייטער קאַפּיטל

דער וווקס פון די משיחיש־מיסטישע שטרעמונגען. — יהודה „חסיד" און זיינע אָנהענגער. — דרשנים־מיסטיקער און מוסר־ליטעראַטור. — הירש קוידאַנאָווער און זיין „קב הישר". — דער אַסקעטיישער און טרה־שחורה־דיקער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן מוסר־ספר. — אליהו הכהן און זיין „שבט מוסר". — דער גאָט פון חסד און דער מענטש פול מיט זינד. — די „מחשבי קצין" און מיסטיקער־סעקטאַנטן. — דער קאַמף פון די רבנים קעגן די באַהאַלטענע „שבתי־צביניקעס".

מיר האָבן אין פאָריקן קאַפּיטל געזען, ווי אַזוי דער טרוקענער פּילפּול מיט זיינע חריפותדיקע „חילוקים" און איבערגעשפּיצט־שכלדיקע המצאות איז געוואָרן אַ זעלבסטצוועק, אַ בנין פאַר זיך, אַ ריזיקער בנין, פאַר וועלכן עס האָבן מיט גרויס פלייס געטראָגן ציגל די שאַרפסטע מוחות פון דעם פּוילישן יידנטום. אָט דער „פּילפּול לשם פּילפּול", די קאַלט אויס־גערעכנטע און שאַרף־שכלדיקע איינפאַלן בנוגע צו דברים שבלב, ביי עטיש־רעליגיעזע פראַגן און פּראָבלעמען, האָבן אָבער ניט געקאָנט באַפרידיקן די מענטשן מיט געפילפולע הערצער און גלויביק־בענקענדיקע נשמות. אין דער אַטמאָספער פון טרוקענעם פּילפּול, קליינלעכן פּעדאַנ־טיזם און פאַרגליווערטער רוטין האָבן די דאָזיקע מענטשן געשמאַכט נאָך דעם לעבעדיקן קוואַל פון הייסן גלויבן און רעליגיעזן פאַטאָס. מיר האָבן שוין פריער געזען ווי שטאַרק עס האָבן צו זיך געצויגן אָט די דאָ־זיקע פאַרחלומטע נשמות די פאַרבאָרגענע טיפענישן פון דער „חכמת הנסתר", און ווי ס'איז אין דער דאָזיקער סביבה געשאַפן געוואָרן דאָס אין זיין אַרט קלאַסישע ווערק „של"ה", וווּ עס ווערן מיט אַזאַ התלהבות פּראָפּאַגאַנדירט די אידעען פון דעם „אר"י הקדוש". די שטרענג אַס־קעטישע לוריאַנישע קבלה האָט מיט איר מיסטישן גייסט דורכגעדרונגען דעם גאַנצן חלל פון דער רבנישער וועלט, און טרעט אַלץ בולטער אַרויס אַלס דער באַדייטנדיקסטער פאַקטאָר אין דעם גייסטיקן לעבן פונם פּוילישן יידנטום. איבער דער פאָלקס־פאַנטאַזיע האָבן אומבאַגרענעצט געוועלטיקט די אימהדיקע מעשיות וועגן די שמראָפן, וואָס שטייען פאַר אינם גיהנום,

זועגן גילגול הנפש, וועגן בּלעריי מחבלים, וועגן השבעות, קמיעות מיט ווונדערבּאַרע „שמות", „צירופי אותיות", וואָס באַשאַפן און צעשטערן גאַנצע וועלטן. ווייל די רעאַלע וועלט איז פאַר דער יידישער פּערזענלעכ־קייט געוואָרן אַן „עמק הבכא", דער טאָל פון יאָמער, שרעקלעכע ליידן און אומענדלעכע דערנידעריקונגען, האָט זי פאַר זיך געשאַפן אַן אַנדער וועלט — אַ וועלט פון מיסטישע חלומות און פאַנטאַסטישע זעונגען. און יענע וועלט, די מיסטיש־פאַנטאַסטישע וועלט, האָט אין די אויגן פון די געטאָ־באַוווינער אָנגענומען מער רעאַלע און קאָנקרעטע פאָרמען ווי די רעאַלע ווירקלעכע וועלט. און דאָך איז אָט די פאַנטאַסטישע וועלט געווען אַן אָפּשפּיגלונג און נאָכקלאַנג פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט. די צאָל פון די פאַרביסענע שונאים און קעגנער פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַלץ געוואַקסן; די קאַטוילישע גייסטלעכע און די שטאָטישע צעכן און גילדיעס האָבן אָן רחמנות גערודפט די יידן אויף יעדן שריט און טריט, און אין דער זעלבער צייט האָט די אין מיסטישן נעפּל איינגעהילטע פאָלקס־פאַנטאַזיע געשאַפן אַנצאָליקע מחנות מחבלים און ניט־גוטע, וואָס לויערן אומעטום אויף מענטשן אויף יעדן טריט און זיינען גרייט אים אומ־צוברענגען אויף אייביקע צייטן. פאַרגעסט זיך דער מענטש נאָר אויף איין מינוט און לאָזט זיך פאַרפירן פונם יצר־הרע — איז ער שוין פאַר־פאַלן, און עס וואַרט אויף אים דער שרעקלעכער עונש פונם גיהנום; פאַר איין מינוט פאַרגעניגן ווערט באַצאָלט מיט אומענדלעכע יסורים און ליידן. מענטשן מיט צאַרט־פילנדיקע און צאַפּלדיקע נשמות האָבן געפלייכט זיך וואָס מער דערווייטערן פון דעם זינדיקן עולם־הזה, געפירט אַן אַסקעטיש לעבן, געפייניקט דעם לייב מיט תעניתים און סיגופים, בכדי דערמיט גובר זיין די מאַכט פון די „קליפות", און וואָס מער מקרב זיין דעם „קץ" און די גאולה פון דער וועלט. אַלץ מער פאַרמרה־שחורהט און פאַריאושט ווערט די סביבה אין דעם יידישן געטאָ. און נאָך דעם ווען די גרויסע קאַטאַסטראָפע איז געשען, און די ווילדע קאָזאַקן־חיילות האָבן אויף זייער בלוטיקן מאַרש די הונדערטער קהילות חרוב געמאַכט — איז אין דעם באַוווּסטזיין פון דעם אין טויט־שרעק פאַרשטאַרטן פאָלק אַלץ שאַר־פער און דרינגענדיקער געוואָרן דער געדאַנק: „ס'איז שוין מער ניט מעג־לעך אַזוי ווייטער צו לעבן". עפּעס מוז געשען און מאַכן אַ סוף צו די אומדערטרעגלעכע ליידן פונם פאָלק... דאָס גרויסע אומגליק, וואָס איז געשען, דאָס זיינען „חבלי משיח" — אָט דער גרונט־געדאַנק האָט געוואָלטיקט איבער דעם פאָלקס־באַוווּסטזיין און געטריפט מיט זאַלבּ־האָפענונג אין די אָנגעווייטאָגטע הערצער... מען האָט אויסגערעכנט און געפונען, אַז „חבלי משיח" באַטרעפט בגימטריא דאָס אייגענע ווי „ת"ח",

און דער נאָמען פון דעם הויפּט־פירער פון די קאָזאַקישע חיילות — חמיל (באָגדאַן כמעלניצקי) איז דער נוטריקון פון חבלי משיח ובוא לכם [1] און בעת עס האָט זיך דערהערט בכל תפוצות ישראל דער שטאָלצער אויפרוף פון דעם מיסטיקער אויס סמירנע: „איך אייער משיח, שבתי־צבי!", האָט דער דאָזיקער אויפרוף ארויסגערופן א געוואַלטיקע יובל־פרייד אין די פוילישע קהילות. „די יידן האָבן געיובלט — דערציילט דער אוקראַינישער שריפטשטעלער פון יענער צייט, גאַליאַטאָווסקי — אייניקע האָבן פאַר־לאָזן זייערע הייזער און פאַרמעגן, פאַרוואָרפן זייערע געשעפטן, און האָבן דערקלערט, אז משיח וועט באַלד קומען און וועט זיי קיין ארץ־ישראל ברענגען; אנדערע האָבן געפאַסט גאַנצע טעג, אפילו קליינע קינ־דער קיין עסן ניט געגעבן. אינם ווינטער געבאָדן זיך אין פּאָלאָנקעס, זאָגנדיק דערביי א ספּעציעלע ניי פאַרפאַסטע תפילה" [2]. די ליכטיקע האָפענונג איז אָבער ניט דערפילט געוואָרן, און טרויעריק האָט זיך פאַר־ענדיקט די משיחישע באַוועגונג; דעם דערוואַרטן משיח האָט דער סולטאַן אין תפיסה געוואָרפן און דאָרט איז ער א מוסלמענער געוואָרן. די ברייטע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס דער דאָזיקער אויסער־געוויינלעכער מאַן האָט ארויסגערופן, האָט אָבער ניט געקאָנט אינגאַנצן בטל ווערן. אין פּוילן זיך האָבן אין פאַרשיידענע פּונקטן באַוויזן התלהבות־דיקע מיסטיקער, וואָס האָבן גערופן און געוואָרנט דעם עולם צו זען וואָס מער פאַסטן און תשובה טאָן, ווייל די גאולה וועט באַלד קומען. א באַזונ־דערס שטאַרקן רושם האָט געמאַכט יהודה חסיד אויס שערלעץ [3]. א שטרענגער אסקעט און פייערדיקער אָנהענגער פון קבלה־מעשית, האָט יהודה חסיד פעסט געגלויבט, אז באַלד וועלן זיך באַווייזן די גרויסע וווּנ־דער. ער האָט געגרינדעט א ספּעציעלן אָרדן פון „חסידים", וואָס האָבן מיט שטרענגע תעניתים און סיגופים געוואָלט דערנענטערן דעם „קץ". יהודה חסיד האָט געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, און אין די שולן און בתי־מדרשים, מיט א ספר־תורה אין דער האַנט, האָט ער אין פייערדיקע דרשות גערופן דעם עולם צו תשובה און הארציקן געבעט. זיינע דרשות האָבן געמאַכט א שטאַרקן רושם אויפן עולם, די צאָל פון די „חסידים" איז אַלץ געוואַקסן און אין יאָר 1700 האָט א גאַנצע מחנה פון טויזנט מאַן מיט יהודה חסיד בראש געלאָזט זיך קיין ארץ־ישראל, בכדי דאָרט

[1] זע „לקורות הגזירות", II, 27.

[2] מיר ציטירן לויט דובנאָוו, צייט. וו. ב׳ III. וועגן דער דעפּוטאַציע, וואָס דער ס״ז האָט געשיקט צום שבתי־צבי, זע אונזער ווערק, פערטן באַנד, ז׳ 429.

[3] באַריכות וועגן יהודה חסיד, זע: דוד כהנ׳ אין „כנסת ישראל", I, 775—784; גרעץ־שפ״ר, VIII, 358 583—584.

מיט גרויס פאַראַד מקבל־פּנים זיין דעם לאַנג דערוואַרטן גואל. פילע פון די „חסידים" זיינען אויפן וועג אומגעקומען, און די וואָס האָבן זיך דערשלאָגן קיין ירושלים, האָט זיי דאָרט דערוואַרט אַ טרויעריקע אַנט־טוישונג. דער גואל איז ניט געקומען, יהודה חסיד איז באַלד געשטאָרבן, און זיינע אָנהענגער, אָן וועלכע ס'איז מיטלען צום לעבן, האָבן זיך גע־לאָזט צוריק קיין אייראָפּע און צעשפּרייט זיך איבער פאַרשיידענע לענדער[4].

עס איז קלאָר, אַז מענטשן מיט אומרויִקע נשמות און בענקענדיקע הערצער האָט ניט געקאָנט אינגאַנצן באַפרידיקן דער טרוקענער פּילפּול מיט אַלע זיינע שפּיצלעך און שכלדיק־דיאַלעקטישע איינפאַלן. עס איז דערפאַר גאַנץ נאַטירלעך, וואָס לעבן דער רעליגיעזער רבניש־סכאָלאַסטי־שער ליטעראַטור האָט זיך אויך פונאַנדערגעוואַקסן די אין מיסטיק איינ־געהילטע מוסר־ליטעראַטור. לעבן די אויבנדערמאָנטע פּילפּוליסטישע דרשנים, וואָס פאַר זיי איז געשאַפן געוואָרן דאָס האַנטבוך „לקט יוסף"[5], האָבן זיך אויך באַוויזן פּרעדיקער פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט: דרשנים־מיס־טיקער, וואָס זייערע „אורים ותומים" זיינען געווען די סודותדיקע „כתבי האר"י" — דעם אר"יס און זיינע תּלמידימס קאַבאַליסטישע האַנט־שריפטן, פול מיט „רזי עולם", מיט ווונדערבאַרע אַנטפּלעקונגען... מיט גרויס התלהבות פלעגן די דאָזיקע פּרעדיקער פאַרשפּרייטן דעם אר"יס אידעען, איינגעהילט אין „ספורי נפלאות", אין פירכטערלעכע מעשיות וועגן חיבוט הקבר, וועגן גילגול הנפש, וועגן מחבלים, וועגן דעם שרעק־לעכן עונש, וואָס ס'וואַרט אויף די רשעים אין גיהנום און דעם ליכטיקן שכר, וואָס ס'איז אָנגעגרייט פאַר די צדיקים אין גן־עדן. מען האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט בלויז מיט דרשות, עס זיינען אויך אין דעם זעלבן נוסח געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע מוסר־ספרים, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים פאָלק. בכדי די דאָזיקע מוסר־ליטעראַטור זאָל קאָנען פריי אַריינדרינגען אין די ברייטע פאָלקס־שיכטן, איז זי געשאַפן געוואָרן אין ביידע שפּראַכן: העברעיִש און יידיש. מער באַריכות וועלן מיר ריידן וועגן דעם אין דעם ווייטערדיקן באַנד פון אונזער ווערק, דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן בלויז אויף איינעם פון די טיפּישסטע מוסר־ספרים פון דעם שניט, וואָס ס'איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אין ביידע שפּראַכן — אויף דעם „קב הישר" פון צבי הירש בן שמואל קוידאַנאָווער[6].

---

[4] אייניקע פון יהודה חסידס אָנהענגער, אַנטטוישט אין זייערע האָפענונגען, האָבן אָנגענומען דעם איסלאַם, געצײלטע פון זיי זיינען איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום.

[5] זע אויבן, ז' 164.

[6] דער העברעיִשער טעקסט איז צום ערשטן דערשינען אין 1705, די יידישע איבערזעצונג — אין 1724.

דער „קב הישר" איז אין גרונט גענומען ניט קיין זעלבשטענדיק ווערק. דער פארפאסער גופא ווייזט אָן אין דער הקדמה, אז ער האָט זיך פיל באנוצט מיטן ווערק פון זיין רבין, דעם מינסקער רב יוסף בן יהודה, און אז מאנכע פרקים אין „קב הישר" — „הם ממש דבריו", ד"ה זיינען גענומען ווארט ביי ווארט פון יענעמס ווערק, וואס האָט געטראָגן דעם נאָמען „יסוד יוסף" [7]. דער „יסוד יוסף", וואָס איז פארפאסט געוואָרן סוף אכציקער יאָרן פונם 17טן יאָרהונדערט [8], האָט אָבער קיין מזל ניט געהאט: קארגע הונדערט יאָר האָט ער זיך אין כתב־יד געוואלגערט אומבאקאנט און פארגעסן, דאָס ווערק אָבער פון דעם בעל „יסוד יוספס" תלמיד, קוידאנאָווערס „קב הישר", איז געוואָרן איינס פון די באליבטסטע מוסר־ספרים ביים יידישן פאלק.

צבי־הירש קוידאנאָווער איז געווען א געבאָרענער אוים ווילנע. זיין פאָטער, אהרן שמואל, האָט זיך שטארק קונה־שם געווען אין דער רבנישער וועלט מיט זיינע תלמודישע חיבורים. וועגן צבי־הירשס לעבן אין ווילנע איז זייער ווייניק באקאנט; מיר ווייסן בלויז, אז עפּעס דורך א מסירה איז ער צוזאמען מיט זיין פאמיליע אפּגעזעסן גאנצע פיר יאָר אין תפיסה. אויף וויפיל מען קאָן זיך אָנשטויסן אוים אייניקע פראזן אין דער הקדמה צו זיין „קב הישר", האָבן אין זיין אומגליק גורם געווען די רעדלפירער פון דער דאָרטיקער קהילה, וועלכע הייסן ביי אים „בעלי קרנים" און „בעלי זרוע". אין דער פאָררעדע צו זיין פאָטערס ווערק „תפארת שמואל", וואָס ער האָט פארעפנטלעכט אין פראנקפורט אין 1696, ווייזט צבי־הירש אָן, אז אין דער מסירה, וואָס האָט אים געבראכט אין אזא גרויסער נויט, איז דער הויפּטשולדיקער געווען א געוויסער בן־ציון חורט [9]. פאר זיינע פיר יאָר תפיסה האָט צבי־הירש קוידאנאָווער אָפּגעצאָלט דערמיט, וואָס ער גיט אין זיין ווערק אַן אימהדיק בילד פון די קהלשע „מנהיגים און נשיאים", ווי זיי אונטערדריקן די ברייטע שיכטן פונם פאָלק און זויגן ווי פּיאַווקעס דאָס בלוט און מארך פון דעם אָרעמען המון. מען קאָן דאָ ניט חושד זיין דעם פארפאסער, אז ער האָט דאָ אויך שנאה צו־שוואַרצע פארבן באנוצט און א צו איינזייטיק בילד געגעבן,

7 מער באריכות וועגן דער פראגע, אויף וויפיל דער בעל „קב הישר" האָט געשעפּט אוים דעם „יסוד יוסף", זע די אַרבעט פון י. סאָכים אין „צייטשריפט", I, 15—24.

8 אין דער פאָררעדע צו דער ערשטער אויסגאַבע „יסוד יוסף", וואָס איז דערשינען אין שקלאָוו אין 1785, ווייזט אָן דער אַרויסגעבער: „והנה זה קרוב למאה שנה שהיה מונח זה הספר בכ"י ולא בא בדפוס עדיין".

9 „שקם עלי איש אחד למטה רשע הנקרא בשמו בן־ציון בן ר' משה חורט".

וואָרעם גראָד דאָס קאַפּיטל, ווו קוידאַנאָווער שילדערט די הנהגה פון די דעמאָלטיקע ראשי הקהל, האָט ער כמעט וואָרט ביי וואָרט אָפּגעשריבן פון זיין רבינס מוסר־ספר, דעם „יסוד יוסף". ווייל די דאָזיקע שטעלע האָט אַ באַדייטנדיקן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, ברענגען מיר זי דאָ בשלימות [10]: „ווי דער וואָלקן, וואָס צעגייט און ווערט פאַרשוואונדן, ווי דער ווינט, וואָס ווערט פאַרטראָגן און קערט זיך מער ניט אום, אַזוי איז מיטן מושל און מנהיג, וואָס איז זיך ניט נוהג ווי עס באַדאַרף זיך אויפפירן אַ מנהיג פון ישראל, און טראָגט ניט אויף זיך די משא פון די בני ישראל; ער שטאַרבט און גייט פלוצלונג אַוועק פון דער וועלט, און פון זיינע קינדער בלייבט ניט קיין געדעכעניש. און אין דעם דאָזיקן נעץ ווערן געכאַפּט פילע מנהיגים, פון וועגן זייער גאווה און שררות, וואָס זיי וואַרפן אַן איבעריקע אימה אויפן עולם, און דאָס ניט פון גאָטס נאָמען וועגן. זיי טוען זיך אָן אַלע תענוגים און פאַרגעניגנס, און העלפן ניט מיט דעם עולם ביי די מסים און באַצאָלונגען. אויף זיך מאַכן זיי גרינגער דעם מס און אויף אַנדערע מאַכן זיי וואָס שווערער. אַז עס קומט צו כיבודים און גדולה, נעמען זיי אַ חלק צום ערשטן. זייערע פּנימער זיינען שטענדיק פאַרפלאַמט, פעט און געזונט, ווייל זיי טוען זיך אָן אַלע וואוילטאָגן, וואָס זייער האַרץ גלוסט. אינם מענטשנס מי נעמען זיי קיין אַנטייל ניט, יענעמס ליידן באַרירן זיי ניט. און גאָטס עדה, די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב זיינען צעשטויסן און דערנידעריקט, זיי גייען אום נאַקעט און באָרוועס, מחמת די מסים, וואָס עס גזלען ביי זיי די אַגענטן און די באַדינער פונם קהל. יענע קומען מיט אכזריות אין די הייזער, כאַפּן און ראַבעווען פון זיי, וואָס זיי געפינען נאָר, און זעען, אַז די באַלעבאַטים זאָלן בלייבן נאַקעט און בלויז (ערום ובחוסר כל). אפילו די קליידער זייערע נעמען זיי אויך צו, אַפילו דעם טלית מיטן קיטל, און פאַרקויפן עס פאַר שפּאָט־געלט (במעות קל), און עס בלייבט ביי זיי גאָרניט, נאָר דאָס שטרוי אין די בעטן. און אין דער צייט פון קעלט און רעגן ציטערן זיי נעבעך, און ער און זיין ווייב און זיינע קינדער וויינען, איטלעכער אין אַ באַזונדער ווינקל. ווען אָבער דער מנהיג וואָלט באַהילפיק געווען ביים צאָלן די מסים, וואָלט ניט אַזוי שווער געווען די לאַסט אויף די מיטעלע באַלעבאַטים און אויף די אָרעמעלייט. און עס איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערע זינד, וואָס די מנהיגים עסן און טרינקען מקופּת הקהל, גיבן דערפון נדן זייערע זין און טעכטער און מתנות חתן־כלה. און דאָס געלט

---

10 מיר האָבן ליידער ניט געקאָנט באַקומען די ערשטע אויסגאַבן פון דער ייִדישער „קב־הישר"־איבערזעצונג, גיבן מיר דערפאַר דעם באַטרעפנדיקן קאַפּיטל אין אונזער איבערזעצונג.

איז אַלץ פון דעם אָנגעראַבעוועטן מס און יגיע כפּם פון ישראל. און פאַר איעדן אַזעלכן פּרנס און מנהיג גייט אַ כּרוז פאָרויס און רופט אויס: דאָס איז דער, וואָס עסט דאָס פלייש און דאָס בלוט פון דעם הייליקן פאָלק ישראל! ער באַגזלט אָרעמעלייט, יתומים און אַלמנות! און דער כּרוז שילט אים מיט פיל קללות, און זיין תּפילה ווערט ניט דערהערט, נאָט ב"ה זאָל אונז אָפּהיטן פון דעם דאָזיקן עונש"[11].

נאָכדעם ווי קוידאַנאָווער איז אַרויס פון תּפיסה, האָט ער באַשלאָסן די ווילנער קהילה צו פאַרלאָזן, און צום סוף פון דעם 17טן י"ה געפינט ער זיך שוין אין פראַנקפורט, וווּ ער האָט זיין מוסר־ספר פאַרעפנטלעכט (1705), וועלכן ער האָט נאָך אין ווילנע פאַרענדיקט[12].

אין קיין שום אַנדער פאָלקסבוך שפּירט זיך ניט מיט אַזאַ בלייערנער שווערקייט די געשטאָקטע, דריקנדיקע לופט פון דעם יידישן געטאָ אויס דעם 17—18טן יאָרהונדערט, ווי אין קוידאַנאָווערס „קב הישר". דער „יסוד יוסף", אַ שטייגער, פון וועלכן דער בעל „קב הישר" האָט, ווי מיר האָבן געזען, געשעפּט מיט אַזאַ ברייטער האַנט, רעדט „דברים כּבושים", ער זאָגט מוסר דעם עולם און בעט אים, אַז ער זאָל גיין אין דרך הישר און דערפילן גאָטס געבאָטן, דער „קב הישר" אָבער בעט ניט — ער פאָדערט מיט ירגזון און צאָרן, ער וואַרפט אָן אַן אימה אויפן לייענער, ער וויל אים איינשרעקן מיט די אימהדיקע יסורים פון גיהנום, יענער זאָל אויס פּחד מוזן פאָלגן און גיין אין רעכטן וועג: „איי דו, בן אדם! — רופט אויס דער פאַרפאַסער גלייך אינם ערשטן קאַפּיטל, — ווען דו זאָלסט וויסן, וויפיל שדים פון דער סטרא־אחרא עס לויערן אויף יעדן טראָפּן בלוט, וואָס געפינט זיך אין דעם מענטשנס האַרצן, וואָלסטו גלייך מיט דיין גאַנצער נשמה און מיטן גוף זיך איבערגעגעבן גאָט צו דינען". וואָרנט דער בעל „קב הישר" פאַר פאַלשע שבועות, סטראַשעט ער גלייך: „לילית הרשעה, די מוטער פון די שדים, וואָס זי דערוועקט עס, בעונותינו הרבים, אַזוי פיל גזירות רעות אויף ישראל — זי איז תּמיד אין דעם דאָזיקן הויז, וווּ עס זיינען דאָרטן פאַלשע שבועות פאַראַן; זי ווינט אין דעם הויז און איז ממית קליינע קינדער, רחמנא ליצלן; און אין דער שטוב אָדער אין דער שטאָט, וואָס דאָרט זיינען פאַלשע שבועות, דאָרטן איז געוויינלעך אָרעמקייט"[13]. דער גאַנצער „קב הישר" ווימלט

---

11 „קב הישר", קאַפּ' 9; „יסוד יוסף", קאַפּ' 9, ז' 7.

12 אין דער פאָררעדע צום „קב הישר", בעת דער פאַרפאַסער דערציילט, ווי ער איז פון זיין היים אַנטלאָפן בערום ובחוסר, איז ער דערביי מוסיף: „ולא נשאר בידי כי אם חבורי שחברתי זה הספר לזכות בו את הרבים".

13 „קב הישר", קאַפּ' 56.

ממש מיט כל המיני שדים, לצים און מזיקים; דאָרט ווערן געגעבן די גע־גויסטע ידיעות וועגן זייערע אַלע גענג און טייוולאַנישע המצאות; מיט גרוים בקיאות ווערט דאָרט אויסגערעכנט, וויפיל טויזנטער רוחות עס זעצן זיך אוים אויף די נעגל פון אַן אשה; וואָס פאַר אַ שליטה עס באַקומען אויפן מענטשן פאַר די מינדסטע זינד פלערליי מכשפים און ניט־גוטע. די לילית, רחמנא ליצלן, זי האָט דאָך אונטער זיך ת״פ (480) מחנות מזיקים כמנין לילית, און איר חברטע מחלת, זי האָט אונטער זיך תע״ח (478) מחנות כמנין מחלת [14]. וויל דער בעל „קב הישר״ דער־ווייזן, וואָס פאַר אַ גרויסע שטראָף עס וואַרט אויף דעם, וואָס איז אַ קמצן און גיט ניט קיין צדקה, דערציילט ער דערביי אַ לאַנגע מעשה פון איינעם אַ נגיד, וואָס איז געווען אַ גרויסער קמצן, ווי אַזוי ער איז, רחמנא ליצלן, אַריין צו די משחיתים אין די הענט, און נאָר אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט באַצייטנס תשובה געטאָן און גלייך זיך פאַרגענומען טאָן אַ סך צדקה, איז ער ניצול געוואָרן [15].

אָט די דאָזיקע פאָלקס־מעשיות, וואָס ווערן דערציילט פונם בעל „קב הישר״ אַלס „גופא דעובדא״ — אַלסווירקלעכע פּאַסירונגען, האָבן אַ געוויסן עטנאָגראַפישן, און אויך קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, מיר ברענגען דאָ דערפאַר אַלס אילוסטראַציע איינע פון זיי:

דאָס איז געווען אין 1681—1682, האָבן אין אַ שטיינערנעם מויער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ גרויסער גאַס אין פּויזנע זיך באַוויזן ניט־גוטע (חיצונים). צום ערשטן האָבן זיי פאַרנומען דעם קעלער. איז דער קעלער געשטאַנען סגור ומסוגר און קיין מענטש האָט ניט געוואָגט אַהין זיך צו באַווייזן. איינמאָל האָט איינער אַ בחור יאָ זיך געפּרוּווט אַראָפּלאָזן אין קעלער, האָט מען אים אין אַ פערטל שעה אַרום געפונען טויט אויפן שוועל פונם קעלער. אין אַ צייט אַרום נאָכן טויט פון דעם בחור האָבן די מזיקים זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן אויך אין „פּירהויז״ פונם מויער, און ווען די בני בית האָבן זיך געשטעלט קאָכן מיטאָג אין אויוון, פלעגן זיי, די משחיתים, אַרויסשלעפּן די טעפּ און אָנשיטן אין געקעכטס אַש און בלאָטע. ביסלעכוויז זיינען די משחיתים ביי זיך גע־וואָרן אַלץ שטאַרקער, האָבן פאַרנומען אַ חדר נאָך אַ חדר, ווו מענטשן האָבן געוווינט, און האָבן די איינוווינער ניט געלאָזט רוען: זיי פלעגן אַראָפּרייסן די לאָמפּן פון די עסעס און שליידערן אויף דער ערד, איבער־קערן אַלע אַנדערע כלים און חפצים. די מענטשן גופא פלעגן זיי ניט

14 דאָרט, קאַפּ׳ 68.

15 דאָרטן, קאַפּ׳ 25.

טשעפּען, נאָר מיט זייערע שפּיצלעך האָבן זיי יענע אַזוי פאַרביטערט דאָס לעבן, אַז די איינוווינער האָבן זיך געמוזט אַרויסציען פון דער דירה. והיתה יללה גדולה בק״ק פּוזנא, איז אין דער שטאָט פּויזנע געווען אַ גרויסע יללה. האָט זיך קהל מיישב געווען, וואָס קאָן מען אַזוינס צוטראַכטן, בכדי צו פאַרטרייבן די ניט־גוטע. האָט מען געטאָן אַלערליי פּעולות, עס האָט אָבער גאָרניט געהאָלפן. האָט מען דעמאָלט געשיקט אַ שליח מיוחד נאָכן באַרימטן בעל־שם, וואָס ער האָט געהייסן ר׳ יואל בעל־שם מק״ק זאַמאָשטש. ווי נאָר דער בעל־שם איז געקומען, האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו באַשווערן בשמות קדושים די מחבלים, אַז זיי זאָלן אים דערקלערן אויף וואָס פאַר אַ סיבה זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַ הויז, וווּ עס וווינען מענטשן; על־פּי דין טאָרן דאָך ניט די מזיקים זיך באַזעצן אין אַ מקום ישוב, נאָר במקום טינוף אָדער אין די וויסטענישן. האָבן אים די מזיקים דערקלערט, אַז דאָס דאָזיקע הויז געהערט בפירוש זיי און קאָנען דאָס דערווייזן על־פּי דין ודת התורה. זיי זיינען אַפילו גרייט צו גיין אויף אַ דין־תורה צום ב״ד צדק פון דער שטאָט פּויזנע. האָבן דער בעל־שם ר׳ יואל און די דיינים זיך אַנידערגעזעצט אין בית־דין־שטיבל, האָבן זיי געהערט אַ קול פון איינעם פון די מזיקים, אָבער קיין תמונת צורה האָבן זיי ניט געזען. טענהט אָט דער קול פון דעם דאָזיקן מזיק, אַז אַמאָל האָט אין דעם דאָזיקן הויז געוווינט איינער אַ ייד און דאָס הויז האָט געהערט צו אים. דער דאָזיקער ייד איז געווען אַ גאָלדשמיד און ער האָט געלעבט מיט אַ שדית און געהאַט מיט איר „בנים זרים בני משחיתים״. דער גאָלדשמיד איז געווען אַ באַווייבטער און אויך מיט איר געהאַט קינדער, ער האָט אָבער באַזונדערס שטאַרק ליב געהאַט די שדית ונפשו קשורה בנפשה. ער פלעגט אַפילו אָפּט מוזן איבעררייסן אין מיטן דאַווענען, פאַרלאָזן דעם בית־הכנסת און גיין טאָן דעם ווילן פון דער שדית. איינמאָל, פּסח אויף דער נאַכט, זיצט דער דאָזיקער גאָלדשמיד און פּראַוועט דעם סדר, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי יידן בכל תפוצות ישראל; אין מיטן דער סעודה שטייט אויף דער גאָלדשמיד פונם טיש און גייט לבית הכסא. דאָס ווייב מאַכט זיך ניט וויסנדיק, נאָר זי גייט באַלד נאָך שטילערהייט זען, וואָס זאַמט ער זיך אַזוי לאַנג אין בית הכסא. זי קוקט אַהיין אַריין דורך אַ שפּאַלט, זעט זי: אַ שיין ליכטיק צימער, אין דער מיט אַ טיש געדעקט מיט גאָלדענע און זילבערנע כלים, דערביי שטייט אַן אויסטערליש שיין באַפּוצט בעט, אין דעם בעט ליגט נאַקעט אַ וווּנדער־שיינע פרוי און מיט איר צוזאַמען ליגט איר מאַן דער גאָלדשמיד. מיט שרעק איז נעבעך די יידענע אַוועק צוריק אין שטוב אַריין; אין אַ פערטל שעה אַרום איז געקומען צוריק דער מאַן, זי האָט אים קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אויבן

אנדער טאָג איז די יידענע אוועק צום רב, דעם גרויסן גאון ר׳ שעפטל, און האָט אים אַלץ דערציילט. האָט דער רב גלייך געשיקט דעם גאָלד־שמיד רופן און יענער האָט זיך מודה געווען, אַז ער לעבט מיט איינער, וואָס זי איז ניט מזרע האדם. האָט דער רב אָנגעשריבן פאַרן גאָלדשמיד אַ קמיע מיט שמות הקדושים. אין כוח פון דער קמיע האָט דער גאָלדשמיד געמוזט פאַרלאָזן יענע פרעמדע פרוי, וואָס האָט געשטאַמט פון די מזיקים. פאַר זיין טויט איז געקומען צו אים די שדית און האָט געוויינט פאַר אים, וואָס ער פאַרלאָזט זי מיט אירע קינדער. זי האָט אים געהאַלזט און גע־קושט, ביז ער האָט איינגעוויליקט צו געבן איר מיט אירע קינדער אַ חלק אין זיין נחלה, און האָט איר אָפּגעזאָגט דעם קעלער פונם מויער. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן אין פוילן די מלחמות פון ת״ח ביז תי״ח (1648—1658), אין דער צייט איז געשטאָרבן דער גאָלדשמיד און זיינע יורשים, האָט ער איצט ניט קיין שום אַנדערע יורשים, ווי נאָר זיי, די קינדער פון דער שדית; זיי זיינען עס דעם גאָלדשמידס יורשים און דער מויער געהערט זיי על־פי דין. האָבן אָבער אויף די טענות פון די מזיקים אָפּגעענטפערט די פריערדיקע שכנים פון דעם דאָזיקן מויער, אַז זיי האָבן זייער דירה אָפּגעקויפט ביים גאָלדשמיד, היינט די שדים, זיי קאָנען דאָך ניט גע־רעכנט ווערן פאַר זרע בני אדם, און די מוטער זייערע די שדית, זי האָט דאָך געצוווּנגען דעם גאָלדשמיד בעל כרחו ער זאָל וווינען מיט איר. האָט טאַקע דער בית־דין צדק געפּסקנט, אַז אומגערעכט זיינען די מזיקים און זיי האָבן קיין שום חלק ניט אין דעם מויער, וואָרעם זייער אָרט איז אין מדבר, ניט אין ישוב. נאָך דעם דאָזיקן פּסק האָט ר׳ יואל בעל־שם באַ־שוואָרן די מזיקים און זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע הויז, אַפילו דעם קעלער האָבן זיי געמוזט פאַרלאָזן און זיינען אוועק אין די וועלדער און מדבריות. אָט האָסטו דעם בעסטן באַווייז, — איז דערביי דער בעל „קב הישר״ מוסיף, — וואָס פאַר אַ גרויסע זינד ס׳איז, ווען אַ מענטש איז זיך מתדבק מיט דער לילית אָדער מיט אַ שדית פון די כיתות איבער וועלכע עס האָט צו באַפעלן מחל״ת [16].

ווען אַ למדן און גדול בישראל דערציילט אַזעלכע „ווירקלעכע גע־שעענישן״ (גופא דעובדא), דאַרף מען זיך כלל ניט וווּנדערן, וואָס דער פּראָסטער עולם האָט געגלויבט אין כלערליי באָבע־מעשיות און פלעגט פּרוּוון פאַרבעסערן זיין געפאַלענע פּרנסה מיט דער הילף פון כישוף און סגולות פון מכשפים און אָפּשפּרעכערס. דער נאַיִווער בעל „קב הישר״

16 דאָרטן, קאַפּ׳ 69. ווענן די קוועלן פון דער דאָזיקער מעשה וועט באַריכות גערעדט ווערן אין דעם ווייטערדיקן באַנד פון אונזער ווערק.

איז זיך אָבער מתרעם דערויף, באשר עס איז אַ זינד און קעגן דער הייליקער תורה. „מענטשן — קלאָגט זיך דער „קב הישר" — זיינען געוואָרן מחסורי הבטחון... דאָס איז אזוי שכיח ביי די בעלי מחיות (קרעמער, שענקער וכדומה), אז ווען זיי זעען ווי זייער מחיה ווערט פארקלענערט, ווילן זיי דאָס ניט אָננעמען מיט ליבשאפט ווי א גזירה פון גאָט ב"ה, עס זאָל זיי גערעכנט ווערן פאַר א כפרה אויף זייערע זינד, נאָר זיי קלינגן זיך קעגן די גזירות פון השי"ת, און טוען כלערליי כישוף בכדי די מחיה זאָל זיך ווידער צו זיי אומקערן, און דאָס איז א גרויסע זינד" [17].

עס איז לייכט באַגרייפלעך, אז דער בייזער און אסקעטיש געשטימטער בעל „קב הישר" פארהאלט זיך מיט דער גרעסטער שנאה צו וועלכן ס'איז וועלטלעכן וויסן און בכלל צו אַלץ, וואָס שמעקט מיט דער אויסערלעכער, אייראָפעיִשער וועלט. א געוויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט האָט דערפאַר די שטעלע אין „קב הישר", ווו דער פרומער מחבר קלאָגט זיך דערויף, וואָס „איצונד זיין פר הנדין פיל מענשין, וואש זיי לאזין לערנין זייערע קלייני קינדער צו ריידן נאך פראנצוויזיש לשון". דער אויסדרוק „פיל מענשין" איז בלי־ספק א גוזמא, דאָך איז אויך קיין שום ספק ניט, אז דער פארפרומטער בעל מוסר באַריִרט דאָ א געוויסן רעאַלן פאַקט. די יידישע קהילות אין דייטשלאַנד און פוילן זיינען טאַקע דעמאָלט געווען שטאָק־פרום און דער „שולחן ערוך" צוזאַמען מיט דעם אר"יס קבלה האָבן אומבאַגרענעצט געוועלטיקט איבער די יידישע מוחות. דאָך איז די דעמאָלטיקע יידישע קהילה אויך אין קולטורעלער הינזיכט (שוין ניט ריידנדיק וועגן אינעווייניקסטע סאָציאַלע סתירות) ניט געווען אינגאַנצן „מעור אחד". עס איז געווען א געוויסע גרופע, ווען אויך א גאַנץ קליינע אין צאָל, וואָס זייער ספּעציעלע סאָציאַלע לאַגע האָט זיי געצוואונגען א ביסל מקיל זיין אין די דינים פונם „שולחן ערוך" און צייטנווייז פאַרבויגן געוויסע רעליגיעזע מנהגים. דאָס זיינען געווען די הויף־יידן, די באַנקירן און מוכסים, וואָס פלעגן אָפּקויפן און נעמען אין ארענדע געוויסע מלוכה־שטייערן און הכנסות. די דאָזיקע יידישע גבירים, וואָס האָבן פאַרקערט מיט די קריסטלעכע שררות און געווען אָפטע געסט אין די פירשטלעכע און אדעליקע הויפן, זיינען ביסלעכווייז געוואָרן מער „וועלטלעכער" און האָבן, ווייניקסטן פון אויסן, באַקומען א מער אייראָפעיִש

---

17 דאָרטן, קאַפּ' 28. די דאָזיקע שטעלע געפינען מיר כמעט מיט די אייגענע ווערטער אויך אינם „יסיד יוסף" (קאַפּ' 57, ד"ה 27, עמ' ב'): „ולא כן דרכי המון העם להוטים אחר מחייתם וכשרואים שמחיתם פסקה כביתם עושין פעולית של אָין בעו"ה בכישופים ומכניסין לבתיהם זונית שיהו כלבים נגררים אחריהם. אוי להם ואוי לנפשם".

אויסזען. מען מוז דערביי נעמען אין באטראכט, אז אין די דייטשע בירשטלעכע און אדעליקע הויפן פונם 17—18טן יארהונדערט איז געווען שטארק אין דער מאדע די פראנצויזישע קולטור און פראנצויזישע שפראך. דאס אייגענע איז אויך געווען אין פוילן. בפרט נאכדעם, ווי מען האט אין 1674 אויסגעקליבן פאר פוילישן מלך יאן סאבעסקין, וואס האט חתונה געהאט פאר א פראנצויזין, איז ביים פוילישן אדל די פראנצויזישע שפראך נאך מער אריין אין דער מאדע. דאס אלץ האט מיטגעווירקט, וואס אויך אין אייניקע פאמיליעס פון גאנץ רייכע יידישע מוכסים און באנקירן איז אריינגעדרונגען די פראנצויזישע שפראך, און צוזאמען מיט איר דער אויסערלעכער לבוש פון אייראפעישער קולטור. אט קעגן דעם „חילול השם" טרעט ארויס מיט גרויס תרעומות דער בעל „קב הישר":

„אין היינטיקן דור האב איך געזען פיל לייט המתפרצים בעם, וואס פירן זיך ניט אויף ווי דאס גאנצע פאלק, און גייען אנגעטאן אזוי ווי די אומות, דערצו גאלן זיי נאך די בערד און זיינען דערמיט עובר אויף פינף לאוון, ווארעם ביי דער בארד פונם מענטשן איז פאראן פינף עקן, אזוי ווי די גמרא רעכנט אויס, און אויף איטלעכן עק איז מען חייב איין באזונדערן לאוו. אויך דורך דעם דערקענט מען אפט ניט, צי איז ער א יהודי, און אז מען פרעגט אים ווי ער הייסט, רופט ער זיך אן מיט א נאמען פון די עכו"ם. און עס טרעפט אויך אמאל, אז ער גייט מיט וועלכע שרדות אין א וייטן וועג, וו מען קאן אים ניט און מען ווייס ניט אויב ער איז א יהודי, ווערט ער אויך נכשל אין טריפות עסן און טרינקט יין נסך, ווארעם איין עבירה שלעפט נאך די אנדערע. און ניט גענוג, וואס ער איז גורם שלעכטס צו זיך און צו זיין נשמה, איז ער נאך גורם רעה צו דעם כלל ישראל, דען אזעלכער איז מעכב די גאולה דערמיט, וואס ער איז משנה זיין נאמען פאר א נאמען פון א עכו"ם, דערום די, וואס טוען אזוי, וועלן האבן א גרויסן עונש. דער דריטער זכות, וואס די ישראל זיינען דורך אים אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, איז געווען, ווייל זיי האבן זייער לשון ניט פארענדערט. אצינד אבער האב איך אויך געזען א גרויסן מכשל אין דעם רוב המדינה, וואס בעוונותינו הרבים פיל לייט טוען ניט רעכט, דען מיר האבן דאך א קיימא לן, אז דער מענטש דארף לערנען מיט זיינע קינדער, ווען זיי זיינען קליין, אלע זאכן אויף לשון קודש, בכדי דער זון זאל זיך געוויינען בקדושה צו ריידן לשון קודש; די לעצטע צייט געפינען זיך אבער פיל מענטשן, וואס זיי לאזן לערנען זייערע קליינע קינדער ריידן פראנצויזיש לשון אדער אנדערע לשונות. און אז דאס קינד וואקסט אויס, גיט זיין פאטער קיין השגחה ניט, אז זיין זון זאל גיין אין בית־המדרש, נאר זיין עיקר השגחה איז,

ער זאָל גיין אין בית לימוד לערנען די לשונות פון די אומות. מיר האָבן אפילו א קיימא לן, אז די סנהדרין האָבן געקענט אלע שבעים לשונות, נאָר די דאָזיקע לשונות האָבן זיי געלערנט בלויז אלס בייזאַך, אָבער דער עיקר איז ביי זיי געווען לערנען תורה. אצינד אָבער טוען זיי פארקערט: דער עיקר איז לערנען פראנצויזיש און אנדערע שפראַכן פון די אומות, און נאָר צייטנווייז פארנעמען זיי זיך מיט לימוד התורה! דערפאַר וועלן זיי האָבן א גרויסן עונש״ [18].

ניט ווייניקער ווי דער „קב הישר״ האָט אויסגענומען ביים עולם און אנדער מוסר־ספר, וואָס האָט זיך באוויזן באַלד נאָך קוידאנאָווערס ווערק. „שבט מוסר״ האָט דאָס דאָזיקע מוסר־ספר געהייסן, און באַשאַפן איז עס געוואָרן ניט אין פוילן און ניט אין דייטשלאַנד, נאָר אין דער ווייטער געבורטשטאָט פון דעם שבתי־צבי. זיין פארפאַסער, אליהו בן אברהם הכהן [19], וואָס איז געווען דיין און בעל־דרשן אין סמירנע, האָט א סך ספרים געשריבן (דרשות, חידושים וכדומה), נאָר קונה־שם געווען האָט ער זיך בלויז מיט זיין „שבט מוסר״. דערשינען צום ערשטן אין קאָנ־סטאַנטינאָפאָל אין 1712, איז עס באַלד געוואָרן אזוי באליבט בכל תפוצות ישראל, אז שוין אין 1726 איז עס פארעפנטלעכט געוואָרן אין ווילנע אין א יידישער איבערזעצונג [20]. און אויף אזא אופן איז עס צו־גענגלעך געוואָרן די ברייטסטע שיכטן פונם פאָלק. אָט דער דאָזיקער דיין אויס סמירנע איז געווען בטבע א גרויסער אָפּטימיסט. ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אז דער מענטש איז געבאָרן פיל גליק צו געניסן, ווייל

---

18 דאָרטן, קאַפּ׳ 82. ס׳איז אינטערעסאַנט, וואָס קוידאנאָווערס א ייִנגערער בן־דור, ר׳ יעקב עמדנער, איז זיך אויך מתרעם דערויף, וואָס די יידישע גבירים לערנען זייערע קינדער פראנצויזיש. ער נעמינט, אז דער דאָזיקער לימוד, בפרט נאָך ווען צו זאַמען מיט אים פארנעמט מען זיך אויך מיט מוזיק — ברענגט צו לייכטזין און ניבול־פה: „ללמד בניהם ובנותיהם לשון צרפת, לחרגילם לשחוק ולנבול פה כידוע לכל שזה פרי ותולדות אותו חלשון וכל שכן כשיצורף לזה לימוד המוזיקא״.

19 געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין 1729.

20 די יידישע איבערזעצונג איז דערשינען אונטער פאָלגנדיקן שער־בלאַט: „אהובי רבותי מאגין אונ׳ פרואן, טום דש שיני ווערק שואין, דען דש חשוב אונ׳ ווערדט ספר האבן מיר אין טייטש טון שטעלן, מיר האפן דש עש נאט אונ׳ די וועלט וערט זייער וואול גפעלן, דען עש טוט דעם מענשן אין גאטש וועג פירן, אונ׳ טוט אים אוף עולם הבא צירן. איר מעגט מיר וואול זונדר שווערן גלויבן, דש דר עולם עד הנה זוא איין ספר שבט מוסר נים שוין האבן. דרום קומט צו לויפן אונ׳ דש ספר נחמד צו קויפן, אונ׳ טוט אייער געלט נים דראן שייאן, דען ווען איר ווערט דרינן ליינן, אונ׳ ווערט עש אייך נים גרייאן, דר דורך ווערן מיר זוכה זיין דש משיח אונז ווערט פארן אין ארץ ישראל אריין אמן סלה״ (מיר ציטירן לויט דער שקלאָווער אויסגאַבע פון 1797).

דער באשעפער איז דאך אן אל מלא רחמים, און אן גרענעץ איז זיין לייט־זעליקייט. ער רעדט דערפאר מיט גרויס גרימצארן וועגן די מינים און אפיקורסים, וואס ווילן דרינגען, אז דער מענטש איז דערצו באשאפן „מען זאל אין אים נקמה נעמען” [21]. גאט האט מיט זיין גרויסן גענאד באשאפן דעם מענטשן אין זיין געטלעכער געשטאלט און עס ליגט אין דעם מענטשנס בחירה, אז ער „זיך דארך זיינע מעשים שטערקן קאן צו קומען צו איין זאלכי מעלה די העכר איז אז די מלאכים” [22]. ווייל איז דער גורל פונם מענטשן, ווארעם אים איז די מאכט נעגעבן צו הייליקן און דערהויבן צו די העכסטע מדרגות אלץ, וואס ארום אים, אלע פארנעניגנס פון דער וועלט. די בעסטע וויינען און שפייזן, די שענסטע פאלאצן, די פראכטפולע פעדער, דאס ליבלעכע געזאנג פון די פייגל — אלץ קאן דער מענטש דערהויבן צו דער העכסטער בחינה פון א תהלה ותשבחה צו גאט יתברך [23], אין דעם דאזיקן גייסט פירט ביים בעל „שבט מוסר” אן אייגנארטיקן וויכוח דער מענטש מיט דער ערד [24] און די נשמה מיטן גוף, א וויכוח, וואס דערמאנט ניט ווילנדיק דעם שמועס, וואס דער הייליקער פראנציסק פירט מיט זיין „ברודער־אייזל”, ווי עס הייסט ביי אים דער זינדיקער גוף. דער מענטש טענהט זיך אוים מיט דער ערד; ער באשולדיקט זי, אז פון איר נעמען זיך אלע צרות; זי מיט איר גרויס גרויזאמקייט טוט פאר־וואנדלען די שענסטע פראכט אין פוילקייט און עקל, די בעסמע בשמים און נעווירצן מאכט זי צו געשטאנק און ווידערלעכקייט, די פריידיקסטע לאכנדיקע פארבן באדעקט זי מיט שמוץ און שימל... געלאסן און רויק דערווידערט דערויף די ערד, אז זי, די אם כל חי, די מוטער פון אלץ וואס לעבט, איז הייליק און ריין פון גאט באשאפן, דאס האט דער מענטש מיט זיין זינדיק לעבן אויף איר די קללה געבראכט; די מענטשן גופא, מיט זייערע אומריינע מעשים „מכלים ומביאישים את עצמם”. דאס גאנצע שלעכטס, וואס אויף דער וועלט — אין דעם איז דאך דער מענטש שולדיק. „כלל העולה — פירט צום סוף אוים די ערד — שהאדם בידו גורם מיתה או חיים לעצמו” — אין דעם מענטשנס אייגענע הענט געפינט זיך זיין לעבן און זיין טויט [25]. יא, גרויס איז די זינדיקייט פונם מענטשן, נאר

---

21 „שבט מוסר”, קאפ' 2.

22 „שבט מוסר”, קאפ' 2, דף 7, עמ' א' (מיר ציטירן לויט דער יידישער איבערזעצונג, שקלאווער אויסגאבע, 1798).

23 קאפיטל 3.

24 דארט, קאפ' 15.

25 דער וויכוח צווישן דעם מענטשן און דער ערד געפינט זיך בלויז אין העב־רעישן טעקסט; אין דער יידישער איבערזעצונג איז ניטא קיין זכר פון אים. מיר צי־טירן לויט דער ירושלימער אויסגאבע, 1863, דף 39.

גרעסער איז אָבער גאָטס לייטזעליקייט, און ווי נאָר דער מענטש הייבט אָן תשובה טאָן — גלייך ווערן פאַרגעסן זיינע זינד, די טרערן פון תשובה טוען זיי ריינוואַשן. „התשובה אין לה קץ ותכלית", רופט אויס מיט פאַטאָס דער בעל „שבט מוסר" [26]. און דער דיין אויס סמירנע ווערט דער באַגייסטערטער זינגער פון תשובה. ער גופא פאַרפאַסט תשובה־געבעטן [27]. ער ברענגט אויך אין זיין מוסר־ספר תפילות פון דעם רבנו בחיי, פון יהודה חסיד, דוד אבו זמרא און אַנדערע, בכדי צו דער־וועקן דאָס האַרץ פונם לייענער, דערוועקן אין אים דעם חשק צו תשובה. ער וויל זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגענען. דער בעל „שבט מוסר"; האַרטנעקיק איז דאָך דעם מענטשנס האַרץ, וויל עס בייקומען מיט דעם זעלבן מיטל, מיט וועלכן דער בעל „קב הישר" האָט זיך אַזוי גערן באַנוצט — מיט דער רוט פון שרעק און אימה. ניט אומזיסט האָט דער דיין אויס סמירנאָ זיין ספר אַ נאָמען געגעבן „די רוט פון מוסר". „למען יחרד ויפחד הקורא" [28], „להלהיב ולהפחיד הלבבות" [29] — בכדי וואַרפן אַן אימה אויפן לייענער, דערשרעקן און אויפמונטערן די איינגעדרעמלטע הערצער, טוט ער זיי איבערראַשן מיטן עונש של גיהנום, און שילדערט אין גרוויליקע בילדער דעם גיהנום של מעלה און גיהנום של מטה און די אימהדיקע יסורים, וואָס וואַרטן אויפן זינדיקן מענטשן, וועלכער האָט קיין תשובה ניט געטאָן. „ווי צו דעם — סטראַשעט דער בעל „שבט מוסר" — וואָס דענקט ניט וועגן די יסורים, וואָס שטייען אים פאָר, ווי צו דעם, וואָס געדענקט ניט, אַז ער איז ווי אַ שאָטן אויף דער ערד, ווי צו דעם, וואָס פאַרגעסט אָן דער אימהדיקער געשטאַלט פונם מלאך המות, ווי צו דעם, וואָס געדענקט ניט אין צער פון חיבוט הקבר, ווי צו דעם, וואָס גע־דענקט ניט אין יום־הדין און אין דעם געמשפּט פון גיהנום, ווי צו דעם, וואָס געדענקט ניט אין די מיתות משונות און אין די גילגולים פון דער נשמה אאז"וו אאז"וו [30]. און דער פאַרפאַסער ווערט ניט מיד צו באַ־שרייבן אין די קלענסטע פּרטים די פינסטערע קאַמערן פונם גיהנום מיט זייערע זינדיקע באַוווינער [31]. „דער גהינום של מטה — דערציילט דער בעל „שבט מוסר" — איז גרויס און ברייט און פאַרנעמט די צענדליקער

---

26 דאָרטן, קאַפּ׳ 19, דף 50, עמ׳ א׳.

27 דאָרטן, קאַפּ׳ 7, 18, 21, 29, 31 אאַז״וו.

28 דאָרטן, דף 69, עמ׳ א׳

29 דאָרטן, דף 68, עמ׳ ב׳.

30 דאָרטן, קאַפּ׳ 4, 8, 10.

31 דאָרטן, קאַפּ׳ 9, 26.

טויזנטער מייל און עס זיינען דאָרט אין די טויזנטער באַזונדערע אָפּטיי־לונגען, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער, און דאָרט ווערן עס גע־שטראָפט די אַלע רשעים, יעדער לויט זיינע מעשים. דאָס פייער, מיט וועלכן די רשעים ווערן געשטראָפט, איז זעכציק מאָל ברענענדיקער, ווי דאָס פייער, וואָס אויף דער ערד... דאָרט זיינען דאָ קוילן גרויס ווי די בערגער און טאָלן, און איבערן גיהנום פליסן טייכן פון פעך און שוועבל, וואָס קוואלן ארויס פון דעם תהומס טיפענישן. אָקן דאָרט זיינען פאַראַן כל המיני משונהדיקע און עקלהאַפטע מזיקים און מחבלים, וואָס באַ־שטראָפן די רשעים. און אָט די אַלע מחנות פון מחבלים זיינען עס טאַקע באַשאַפן געוואָרן דורך די זינדיקע מעשים פון די רשעים, ווי אונזערע חז״ל האָבן געזאָגט: העובר עבירה אחת קנה לו קטיגור אחד. חוץ די דאָ־זיקע מחבלים זיינען נאָך דאָ די טויזנטער מחבלים, וואָס זיינען באַ־שטימט די רשעים צו שטראָפן נאָך זינט דער גיהנום איז באַשאַפן. די יסורים און מכות, מיט וועלכע די רשעים ווערן באַשטראָפט, זיינען זייער פאַרשיידן: אייניקע ווערן אויפגעהאַנגען, און די מחבלים טוען זיי ווערגן; די שטעכט מען אויס די אויגן, די ענגגט מען ביי די האַלז און נאַקנס — יעדן לויט דער גרויס פון זיין זינד... [32].

דער בעל „שבט מוסר" ברענגט אָן אַ שיעור „באַגלויבטע" מעשיות, וואָס פאַר אַ שווערן עונש מענטשן האָבן באַקומען פאַר יעדן חטא באַ־זונדער, ווי אַזוי זינדיקע נשמות בלאָנדזשען אין עולם התועה און שטייען אויס די שרעקלעכסטע גילגולים. „יתחרד המשכיל ויתפחד המבין — עס זאל דרשרעקן דר קלוגי און זאל זיך פערכטן דר פר שטענדיגי; ווען ער אוף היבט זיינע אויגן קענען דעם הימל און ווען ער זיכט אויף אלי פיר זייטן פון דער וועלט, דז איינע פון דער אנדרי פינף הונדרט יאר־רייז איז, אונ דא ווערט דיא זינדגה נשמה מוזן הין אונ ווידר פליהן פון איין ענד וועלט צו דר אנדרי, גלייך אז איין פויגל דר אין ליפטן פליהט, און ווערט זיך במיהן ארויף צו גין קעגן דעם הימל, אבר זיא ווערט ניט קענן, דז זי מן פון אובן ווערט ארונטר ווערפן און שווער מאכן אירי פליגל זיא צו ווערפן אוף דר ערד. אונ ווען עז איז איין נשמה דז אירי זינד שווער אוף איר זיינן זוא ווערט מן זיא שליידערן בכף הקלע גלייך אז וויא מן איין שטיין ווערפט פון איין עק וועלט צו דר אנדרי, אונ פון אב גרונד דר ערד ביז ארויף קעגן דען הימל אונ זיא ווידר לאזן ארונטר פאלין" [33].
און אין פולן קעגנזאַץ צו די דאָזיקע טרויעריקע בילדער שילדערט דער

[32] דאָרטן, קאַפּ׳ 26, דף 68, עמ׳ א׳.

[33] יידישע איבערזעצונג, שקלאָווער אויסגאַבע, דף 76, עמ׳ א׳.

פארפאסער אין גרעלע פארבן די תענוגים, וואס ווארטן אין גן־עדן אויף די צדיקים און די, וואס האבן באצייטנס תשובה געטאן [34].

ווי דער בעל „קב הישר”, אזוי פארהאלט זיך אויך דער בעל „שבט מוסר” זייער פיינדלעך צו וועלטלעכן וויסן. אין די טיפסטע קאמערן פון דעם גיהנום פארשפארט דער „שבט מוסר” צוזאמען מיט די מוסרים אויך די „מינים ואפיקורסים” [35]. „די גרעסטע טיפשים זיינען די, וואס מיינען פון ספרים חיצונים קלוג צו ווערן” — דערקלערט דער בעל „שבט מוסר” [36]. „הרוצה ללמוד חכמות חצוניות יאטם אזנו מלשומען”, לייענען מיר ווייטער [37], „ווער עס וויל האבן גוטע תלמידים, זאל ער זיי ניט לאזן לערנען ספרים חיצונים” [38]. „ווער עס וויל ראטעווען פיל נפשות, זאל ער קיין רחמנות ניט האבן אויף מינים און אפיקורסים, ווארעם ווער עס איז זיך מרחם אויף א רשע, דער איז אן אכזר” [39]; „ווער עס וויל א ספר־תורה שרייבן, זאל ער אויסמעקן און פארברענען די אפיקורסישע ביכער” [40].

נאך איין כאראקטעריסטישן שטריך איז כדאי דא אנצומערקן. ווי גרוים ס'איז אפילו געווען ביים בעל „שבט מוסר” דער רעספעקט צום „אר”י הקדוש”, דאך האט ער זיך פארהאלטן מיט א געוויסער קאלטקייט צו דער משיחישער מיסטיק. „הרוצה לקרב הגאולה — דערקלערט דער „שבט מוסר” — ירחיקנה מדעתו שאין בא כי אם בהיסח הדעת” — ווער עס וויל דערנענטערן די גאולה, זאל ער זי ארויסלאזן פונם זינען; ווארעם זי וועט גראד קומען דעמאלט, ווען מען וועט אויף איר אמוויי־ניקסטן ווארטן. דאס קאן זיין א שטיק חיזוק צו גרעצס השערה, אז דער בעל „שבט מוסר” איז עס דער אליהו הכהן, וואס האט פארפאסט דעם פא־לעמישן פאמפלעט „ספר מריבת כהן” קעגן דעם סאבאטיאנער אברהם קורדוזו [41].

און גראד דעמאלט האט זיך באזונדערס געשטארקט די מלחמה קעגן אלע די, וואס האבן אויף זיך געצויגן דעם מינדסטן חשד, אז זיי זיינען

---

34 דארטן, קאפ׳ 26.

35 דארטן, דף 68.

36 דארטן, קאפ׳ 6, דף 14: „דע כי אין טיפש כי אם המתחכם בספרים חצונים”

37 דארטן, דף 22.

38 דארטן: „הרוצה להעכיד הלמידים ימנעם מללמוד בספרים חצונים”.

39 דארטן: „הרוצה להחיות נפשות רבות אל ירחם על מינין ואפיקורסים דרחמי רשעים אכזרי”.

40 דארטן: „הרוצה לכתוב ס״ת ימחוק וישרף ספרי מינין”.

41 דער „ספר מריבת כהן” איז געשריבן אין 1707 און אייניקע היספות האט דערצו צוגעגעבן איינער א געוויסער יום־טוב רוטנו אבן פקודה”.

פון שבתי־צבים אַנהענגער. דאָס איז געווען פאַרבונדן דערמיט, וואָס צווישן די מיסטיקער און „חסידים", ביי זייער גאַנצן אַסקעטיזם און אַפּטע תעניתים און סיגופים, האָט זיך אַלץ בולטער געלאָזט באַמערקן, כאָטש אונטער דער השפעה פון שבתי־צבים אידעען, אַן אַנטקעגנגעזעצטע טענדענץ: באַפרייען זיך פון די רבנישע חומרות און פאַרבאָטן אויפן נעבים פון ריטואַל און עטיק. און די דאָזיקע צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטרעמונגען: דער שטרענגסטער אַסקעטיזם און מאָראַלישע אויסגעלאַסנקייט, זיינען ניט זעלטן צונויפגעפלאָכטן צוזאַמען אין איין פאַרפלאָנטערטן קנויל. בראש פון די פריער דערמאָנטע „חסידים" איז צוזאַמען מיט יהודה חסיד געשטאַנען זיין מיטהעלפער חיים מלאך, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט צווישן די שבתי־צבייִשע קרייזלעך אין סאַלאָניקע. דער דאָזיקער מלאך („שטן" פלעגן אים זיינע קעגנער רופן) פלעגט פאַרזיכערן, אַז גלייך ווי משה רבנו האָט פאַרבראַכט פערציק טעג אויפן הימל און דערנאָך זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט, אַזוי וועט אויך שבתי־צבי אין פערציק יאָר אַרום נאָך זיין פּטירה צוריקקומען און פאַרענדיקן די גאולה [42]. ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון טערקיי קיין פּוילן האָט ער, אַן איבערגעגעבענער אַנהענגער פון שבתי־צבים לערע, ענערגיש אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן דעם געדאַנק, אַז בכדי געהייליקט צו ווערן און אין גאַנצן מנצח זיין די „קליפות", מוז מען קודם־כּל דורכגיין די ניין־און־פערציק טויערן פון טומאה, ווייל דאָס שלעכטע איז דאָך דער מקור פונם גוטן. די העכסטע און אמתע מדרגות פון ריינקייט קאָן ערשט דערגרייכן די נשמה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די אָפּגרונטן פון שמוץ, און האָט פאַרזוכט דעם גיפטיקן זאַפט פון שוואַרצער זינד....

אָט אַזוי האָבן אין פּוילן, דער עיקר אין גאַליציע און פּאָדאָליע, וואָס זיינען געווען אין שכנות מיט טערקיי און דעם הויפּט־נעסט פון דער שבתי־צבייִשער סעקטע — סאַלאָניקע — זיך געבילדעט גאַנצע גרופּעס סעקטאַנטן. דאָס פאָלק האָט זיי באַלד געקרוינט מיטן נאָמען „שבתי־צביניקעס" אָדער געקירצט — „שעבסין". די קרענקלעך מיסטישע פאַנטאַזיע, משיחישע האָפענונגען און פינסטערער אָבערגלויבן האָבן זיך ביי די דאָזיקע סעקטאַנטן צונויפגעפלאָכטן מיט אַן אומקלאָרן פּראָטעסט קעגן דעם שווערן יאָך פונם „שולחן ערוך" און האַלבסטיכישן דורשט נאָך אויפלעבונג און באַפרייונג. אין דער דאָזיקער שטיקנדיקער, אומגע־

42 עס האָבן זיך אַפילו אַרומגעטראָגן קלאַנגען, אַז חיים מלאך פלעגט מיט זיינע מקורבים פראַווען סימבאָלישע נאָטעדינסטן מיט טענץ אַרום שבתי־צבים אַ הילצערנעם בילד (י. עמדן, „תורת הקנאות", 57).

זונטער אטמאָספערע האָט דער זוכנדיקער נאָר פארקריפּלטער גערדאַנק פאַרפלאָנטערט זיך פאַרפלאָנטערט אין דעם לאַבירינט פון סתירות, פאַרלאָרן דעם קלאָרן באַגריף וועגן גוטס און שלעכטס, וועגן דערלויבטן און פאַרווערטן. מען דאַרף נאַטירלעך מיט גרויס פאָרזיכטיקייט זיך פאַרהאַלטן צו די ידיעות, וואָס ווערן געבראַכט פון אַזוינע פאַרביסענע קעמפער קעגן אַלץ, וואָס טראָגט אין זיך דעם מינדסטן רמז פון שבתי־צבי־ישער „אַפּיקורסות״, ווי דער קנאי יעקב עמדן, דאָך איז אויסער ספק, אַז די מיסטיקער־סעקטאַנטן פון חיים מלאכס חדר פלעגן אָפּט זיך דערלויבן אַזוינע מעשים, וואָס זיינען געשטאַנען אין סתירה ניט נאָר מיט די רבנישע „פּוסקים״, נאָר אויך מיט די כללים פון אייראָפּעישער עטיק...

אין 1713 האָט איינער פון די פאַרבאָרגענע שבתי־צבי־ישע אַגיטאַטאָרס, דער אַוואַנטוריסט נחמיה חיון, אויפגערודערט די גאַנצע רבנישע וועלט מיט זיין חיבור „עוז לאלהים״, ווו ער רעדט באריכות אין אַ מיסטיש־רמזימדיקער שפּראַך וועגן גאָטס דריי־איינִיקייט. עס האָט באַלד אויסגעבראָכן אַ שאַרפע מחלוקת, אין וועלכער עס זיינען בראש פון ביידע צדדים געשטאַנען די רבנים פון ביידע אַמסטערדאַמער קהילות, שלמה איליון און צבי אשכנזי, מער באַקאַנט אונטערן נאָמען „חכם צבי״. אין משך פון 1713—1714 האָבן ביידע צדדים אַרויסגעלאָזט אַ גאַנצע צאָל פּאַמפּלעטן, אויפרופן און קול־קוראס [43], אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אשכנזישע, ספרדישע און איטאַליענישע רבנים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נחמיה חיון האָט פיל אָנהענגער, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער די פאַרשיידנסטע לענדער. די רבנים האָבן דערזען אַ געפאַר פאַר דעם יידנטום אין די „אַפּיקורסישע״ אידעען, וואָס ווערן פאַרשפּרייט דורך די פאַרבאָרגענע „שבתי־צביניקעס״, און זיי האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען די שטרענגסטע מיטלען. זומער 1722 איז אין לעמבערג פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון רבנים, דעלעגירט, פון פאַרשיידענע קהילות, און דאָרט האָט מען אונטער די תרועות פון שופרות און ביי אויסגעלאָשענע שוואַרצע ליכט אַריינגעוואָרפן אין חרם אַלע די אָנהענגער פון שבתי־צבים לערע, וועלכע וועלן צום באַשטימטן טערמין ניט דערקלערן, אַז זיי האָבן חרטה און זיינען מחזיר בתשובה מיטן פולן הארצן. די שטרענגע מיטלען האָבן אָבער געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג, און אין דריי יאָר אַרום האָבן די רבנים געהאַלטן פאַר נייטיק נאָכאַמאָל אַרויסטרעטן קעגן די „שעבסין״ מיט דעם אַלטן חרם־געווער. די רדיפות זיינען

48 אַ טייל פון דער דאָזיקער פּאָלעמישער ליטעראַטור איז פאַרעפנטלעכט אין יעקב עמדנס „תורת הקנאות״ און אין דעם זאַמלבוך „עניני שבתי צבי״, 117—138.

אָבער ניט געווען אימשטאַנד צו פּאַרטיליקן די „צרעת ממארת‟, די כּעקטאַנטישע גרופּעס מיט זייערע „גאָטלעסטערנדיקע‟ אידעען.

אָט אין דער אומרוִקער צייט טרעט אַרוים אויף דער יידישער עפנט־לעכקייט איינע פון די שענסטע אָבער אויך טראַגישסטע פּערזענלעכ־קייטן, וואָס דאָס יידנטום האָט אינם 18טן יאָרהונדערט פאַרמאָגט — דער דיכטער און מיסטיקער משה חיים לוצאַטו. וועגן אים אין ווייטער־דיקן קאַפּיטל.

דריטער קאַפּיטל

משה-חיים לוצאַטאָ אַלס דיכטער און מיסטיקער. זיין פּאָעמע „ים ויבשת". לוצאַטאָס נייע פּאָעטישע פאָרמען. זיין ביבלישע דראַמע „מעשה שמשון" און דראַמאַטישע אידיליע „מגדל עוז". — די דיכטער שבשון מדונה און אברהם בן שבתי אויס זאַנטע. — לוצאַטאָ אַלס מיסטיקער. — זיינע משיחיש-מיסטישע חערק. — לוצאַטאָ אין „חרם". — זיין ווייטערדיקע ליטעראַרישע טעטיקייט. — דער באַטייט פון זיין אַלעגאָרישער דראַמע „לישרים תהלה". — דעם דיכטערס אומדערוואַרטער טויט.

די גרעסטע קללה פאַר אַ טאַלאַנטפולן דיכטער איז — געבאָרן ווערן אין אַ בין־השמשותדיקער ירידה־תקופה, אָטעמען אינם משך פונם גאַנצן לעבן די געשטיקטע לופט פון אַ נעפּלדיקער, אין גרויע שאָטנס איינגע־הילטער סביבה. און וואָס פילפאַרביקער און זאַפטיקער ס׳איז די פּאָעטישע באַגאַבונג — אַלץ טראַגישער איז דעם דיכטערס גורל. אָט אונטער דער לאַסט פון אַזאַ ביטערן און טראַגישן גורל האָט עס געלעבט און געשאַפן דער דיכטער משה־חיים לוצאַטאָ...

ליכטיק און פריידיק זייַען פאַרגאַנגען דעם דיכטערס קינדער־יאָרן; געבאָרן אין 1707 אין אַ זייער רייכער סוחרישער פאַמיליע אין פּאַדואַ, האָט ער באַקומען די זאָרגפולסטע דערציִונג. זיינע לערער און דערציער זיינען געווען דער באַקאַנטער תלמודי ישעיה באַססאַן און דער הויך־געבילדעטער פּאַדואַנער רב כהן־קאַטאַריני, וואָס האָט געשמט אַלס מיסטיקער דאָקטאָר. אויסער ביבל, תלמוד און די רבנישע ליטעראַטור, האָט דער יונגער לוצאַטאָ אויך פלייסיק שטודירט נאַטורוויסנשאַפטן און איניקע אייראָפּעיִשע שפּראַכן: פון די אַלטע — גריכיש און לאַטיין, און פון די נייע — איטאַליעניש און פראַנצויזיש. צו זעכצן יאָר איז לוצאַטאָ שוין געווען אַ גרויסער בקי אין ים התלמוד, און אין פּוסקים און דיני איסור והיתר האָט ער פאַרמאָגט ניט קיין קלענערע ידיעות, ווי די אָנגע־זעענע רבנים פון יענער צייט. דער טרוקענער תלמודישער שטאָף באַ־פרידיקט אָבער ניט דעם יונגן לוצאַטאָ, אים ציט אין אַן אַנדער וועלט — צו דער פאַרכישופטער וועלט פון דיכטונג און פּאָעטישן שאַפן. זיין נטיה

צו דיכטונג האט לוצאטו ארויסגעוויזן נאך גאר אין די יונגע יארן. און אין דער עלעגיע, אין וועלכער דער 15־יאריקער דיכטער באקלאגט דעם טויט פון זיין לערער כהן־קאטאריני [1], לאזן זיך שוין בולט באמערקן סימנים פון זיין באדייטנדיקער דיכטערישער באגאבונג. שוין אין דעם דאזיקן יוגנט־ליד באווייזט זיך לוצאטו אלס מייסטער פון פאעטישע פארמען, וואס פארשטייט ווי איבערצושמעלצן הארציקע געפילן אין ביינעוודיקע קלאנגפולע פערזן. ווי פולשטענדיק דער יונגער לוצאטו האט שוין דעמאלט באהערשט די ביבל־שפראך באווייזט אמבעסטן זיין פילאלאגיש ווערק „לשון לימודים", וואס ער האט פארפאסט צו 17 יאר (אין 1724). אין א קלארער און שיינער פארם באקענט דער יונגער פארפאסער דעם יידישן לייענער, ווי אזוי עס האט זיך אויף די יסודות פון דער אנטיקער רוימישער רעטאריק אנטוויקלט די מאדערנע טעארעטיש־וויסנשאפטלעכע פארשונג פון פאעטישן שאפן. די כללים פון אייראפעישן סטיל און זאץ־געבוי אילוסטרירט לוצאטו מיט פילע ציטאטן אויס דער ביבל, און ער באווייזט דערביי א וואונדערבארן חוש צו די אייגנארטיקייטן פון דער ביבל־שפראך, וואס איז שוין פון לאנג אפגעשטארבן אינם מויל פון פאלק און דאך ניט אויפגעהערט צו זיין דער וויכטיקסטער טרעגער פון דער לעבעדיקער נאציאנאלער קולטור. פארן דעמאלטיקן יידישן לייענער איז דאס ממש געווען אן אנטפלעקונג, בעת דער 17־יאריקער פארפאסער פלייסט זיך אים מסביר צו זיין, אז ניט די שפראך אנטוויקלט זיך לויט די כללים פון דער גראמאטיק, נאר פארקערט, די גראמאטיק ווערט ערשט אויפגעבויט אין הסכם מיט די פארמען, וואס די לעבעדיקע שפראך נעמט אן ביי איר נאטירלעכן וואקסן און אנטוויקלונג. און ווען מיר זעען, ווייזט ווייטער אן דער יונגער פארפאסער, אז דאס דאזיקע געפיל פעלט ביי די יידישע מדקדקים, איז דאס דערפאר, וואס זיי האבן אנגעווארן דעם חוש צו דער ביבל־שפראך ווי צו א לעבעדיקער שפראך [2]. און אז דער דיכטער גופא האט ווירקלעך געשפירט דעם לעבעדיקן קוואל פון דער ביבל־שפראך, האט ער אויפן גלענצנדסטן אופן באוויזן אין זיין שיינער פאעמע, וואס ער האט אין יענער צייט פארפאסט. אויפן ערשטן קוק זעט די דאזיקע פאעמע אויס ווי א פשוט „געלעגנהייטס־ליד". ס'א חתונה־ליד, וואס דער דיכטער האט צוגעשיקט א מתנה זיינעם א חבר. און חתונה־לידער זיינען דאך דעמאלט געווען שטארק אין דער מאדע ביי די איטאליענישע יידן — דאס פלעגן זיי עס נאכטאן זייערע קריסטלעכע שכנים,

---

1 פארעפנטלעכט אין „אוצר הספרות", IV, 158—163.

2 „לשון למודים", 21 (מיר ציטירן לויט דער ערשטער מאנטואנער אויסגאבע, 1727, 21.

ביי וועלכע עס איז געשאפן געוואָרן א ספּעציעלע חתוגה־ליטעראַטור, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „nozze". „אין יענע צייטן — דערציילט מרדכי גירונדי אויס פּאַדוא [3] — פלעגט יעדער, ווער ס'האָט נאָר געקאָנט שירים שרייבן — פאַרפאַסן לכבוד זיינע באַקאַנטע התונה־לידער" [4]. און כמעט יעדער אינטעליגענטער יונגערמאַן איז געווען א „יודע פרק בשיר". אפילו אין די בריוונשטעלער האָט יעדער געקאָנט געפינען ניט נאָר מוסטערן פון שיינעם סטיל, נאָר אויך כללים און אָנווייזונגען, ווי אַזוי שירים צו שרייבן [5]. אָט אויף דעם מבול פון לידער, אויף דער מגפה פון שירי־שרייבן אָן א פונק דיכטערישער באַגאַבונג, האָט אויסגעגאָסן זיין גאַנצן צאָרן לוצאַטוס בן־דוד, דער באַגאַבטער דיכטער שמשון מרונה, אין זיין סאָנעט „אל הר זמירות" [6], ווו ער שילדערט מיט בייסנדיקער איראָניע, ווי אַלע מינים טאַלאַנטלאָזע נישטיקייטן פּרוּוון זיך ארויפדערלאַנגען צום „הר זמירות" (פּאַרנאַס); זיי צעטרעטן בלויז אַלע צווימען און באַשמוצן דעם לעבעדיקן קוואַל פון געזאַנג. „די וואָס פאַרשטייען ניט א וואָרט צו ריידן — פרוּוון נאָך לידער זינגען. ווי קלוג וואָלט געווען זיי זאָלן שטיל שווייגן!"

---

[3] „תולדות גדולי ישראל", 18.

[4] זע אויך פּיפּערנאָס „קול עוגב". 79.

[5] זע צום ביישפּיל דעם בריוונשטעלער „מגלת ספר", געדרוקט אין קרעמאָנע, 1566.

[6] פאַרעפנטלעכט אין מרונהס סאָנעטן־זאַמלונג „קול מוסר" (מאַנטוּאַ, 1725). די דאָזיקע זאַמלונג איז אפילו איבערגעדרוקט אין 1845, דאָך איז זי א יקר־המציאות, מיר ברענגען דאָ דערפאַר דעם באַטרעפנדיקן סאָנעט בשלימות:

אֶל הַר זְמִירוֹת לַעֲלוֹת יַעְפִּילוּ
הַיּוֹם תַּמּוּרִים נוֹשְׂאֵי מִרְבַּעַת,
הַקּוֹף וְהַיַּנְשׁוּף וְאִישׁ רַךְ דַּעַת,
כָּל עִלְגֵי שָׂפָה בְּרוֹן יַצְהִילוּ.
מֵאָז קְצִינֵי שִׁיר גְּבוּל הִגְבִּילוּ
סָבִיב לָהָר לֹא יוּכְלוּ לָגַעַת
אַךְ פָּרְצוּ גָדֵר בְּרוֹב מִגְבַּעַת
גַּם עָלֹה עָלוּ וְלֹא הוֹעִילוּ.

הָהּ, כִּי מֵאוֹר זִמְרָה בְּצֵל הִקְדִּירוּ
שִׁירוֹת סְפִירוֹת מִשְּׁחוֹר הֶעֱמוּ
נוֹצַם מְלִיצוֹת צוּף כְּמַר הֵמִירוּ
לָהֶם מְקוֹרוֹת הַזָּמִיר נִסְתְּמוּ
לֹא יָדְעוּ דַּבֵּר וְשִׁיר יָשִׁירוּ
לוּ יַחֲרִישׁוּ, אָמַרְתִּי יֶחְכָּמוּ.

ווי ווייט ס'האָט דעמאָלט דערגרייכט אין איטאַליע ביי די יידישע אינטעליגענטע קרייזן די טעכנישע געניטקייט פון פערזנמאַכעריי, זאָגט אָמבעסטן עדות די ליטעראַרישע טעטיקייט פון מרונהם און לוצאַטום בן־דור, דעם דאָקטאָר אברהם בן שבתי כהן אוים זאַנטי. דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט געהאַט אַ גרויסע חולשה צו שירים שרייבן; האָט ער איבערגעאַרבעט אין פערזן גאַנץ „תהילים" און אויך די באַקאַנטע מיטל־אַלטערלעכע ליטורגישע פּאָעמע „פּרק שירה" [7], ווו אַלע חיות און פייגלען זיינען זיך מתקנא אין דעם „נעים זמירות ישראל" און זינגען אין תהילים־סטיל אַ שבח און לויב צום בורא עולם. די דאָזיקע פּאַראַפראַזע האָט אברהם כהן פאַרעפנטלעכט אין ווענעדיק אין 1719 אונטער דעם קעפּל „כהונת אברהם" [8]. פאַרן טעקסט זיינען אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע צאָל לויב־לידער פון דעם פאַרפאַסערס באַקאַנטע. אין שווערוואָגיקע אָקטאַוועס אָון סאָנעטן טוען זיי אַלע מפליא זיין דעם גרויסן אויפטו און די פּאָעטישע פאַרדינסטן פון דעם פאַרפאַסער. און דער מחבר פון זיין זייט, בכדי צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ בריה ער איז אין שירים שרייבן, האָט אויף יעדן לויבליד באַזונדער גלייך אָפּגעענטפערט מיט אַ ליד, וואָס איז געשריבן אין דעם זעלבן פערזן־בוי און מיט די אייגענע גראַמען, ווי דאָס לויב־ליד גופא. עטלעכע הונדערט זייטן פאַרנעמט דער „כהונת אברהם", און דאָך וועט דער לייענער אין דעם דאָזיקן ים פון גלאַטע פערזן קיין איין סטראָפע ניט געפינען, אין וועלכער עס זאָל זיך פילן ניט בלויז די „געניטע האַנט", נאָר אויך דער דיכטערישער פּאַטאָס...

און אָט דעמאָלט, ווען די לעצטע בלעטער פון דעם „כהונת אברהם" האָבן דעם דרוק־וואַרשטאַט פאַרלאָזן, האָט דער יונגער לוצאַטו דערלאַנגט זיין הבר, יצחק מאַריני, צום טאָג פון זיין חתונה מיט דער שיינער יהודית איטאַליע, זיין „האָכצייטס־קאַרמען" „ים ויבשת" [9]. אונטער דעם כישוף פון גלענצנדיקן פּאָעטישן טאַלענט ווערט אַ פּשוט חתונה־געשאַנק מגולגל אין אַ פּראַכטפולער פּאָעמע, וואָס פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון די פּאָעטישע פאָרמען אין דער העב־רעיִשער פּאָעזיע. דער דיכטער נוצט קונציק אוים דעם וואָרט־שפּיל, וואָס ליגט אין די נעמען פון דער חתן־כלה־פּאָר (מאַריני באַטייט דעם ים, און

---

[7] אויף יידיש האָט, ווי באַקאַנט, איבערגעאַרבעט דעם „פּרק שירה" אין גראַמען סענדעלע מוכר־ספרים.

[8] דער לעצטער טייל פון „כהונת אברהם" איז אַרוים פון דרוק ערשט סוף 1725 (י"ז טבת תפ"ו).

[9] צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין „החלוץ", II, 106—116; באַזונדער געדרוקט אין 1873.

איטאַליע — דאָס לאַנד, די יבשה), און ער שילדערט אין זיין פּאָעמע דעם מעכטיקן קאַמף צווישן די צוויי סטיכיעס; די הייסע ליידנשאַפט מאַכט אָבער שלום צווישן זיי און זיי גיסן זיך צונויף אין זיסע אומאָרעמונגען. אַלץ איז ניי און אויסערגעוויינלעך אין דער דאָזיקער חתונה־ליד. עס איז דאָס ערשטע פּאָעטישע ווערק אין דער העברעישער דיכטונג, וווּ עס לאָזט זיך בולט פילן די אויסשליסלעכע השפּעה פון דער אַלט־קלאַסישער ליטעראַטור און פון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס. אמת, די גריידער פּרענסים [10], בפרט דער יינגערער, באַנוצן זיך ניט זעלטן מיט די איטאַליענישע פּאָעטישע פאָרמען. עמנואל פרענסים שרייבט ניט בלויז מערצינען און סאָנעטן, נאָר אויך אָקטאַוון, סעסטינען און קאַנצאָנען [11]; ער באַנוצט זיך מיט דער גריכישער מיטאָלאָגיע, ציטירט ווירגיליען [12], ברענגט גאַנצע פּערזן פון טאָרקוואַטאָ טאַסאָ און אַנדערע איטאַליענישע דיכטער [13]. און דאָך פילט זיך אין זיין גאַנץ שאַפן, אין די בילדער, וואָס ער באַנוצט, אפילו אין דער מעטריק און דעם ריטם פון די פּערזן, די אויסשליסלעכע השפּעה פון די מיטלאַלטערלעכע העברעישע דיכטער אויס דער שפּאַניש־אַראַבישער תקופה. בלויז דער יונגער לוצאַטו האָט געהאַט דעם מוט מורד צו זיין אין דעם אַלטן פעסטגעזעצטן נוסח. ער וויל ניט גיין אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון די באַרימטע אַנדאַלוזישע דיכטער, ער וואַרפט אָפּ זייערע דיכטערישע פאָרמען מיט דער צוואַנג־יאָקע פון דער אַראַבישער מעטריק. ער, דער יונגער שטורמער, וויל אויך ניט אָנערקענען די אומבאַדינגטע ממשלה פון דעם גראַם; פריי און אומגעשטערט טוט אין „ים ויבשת״ פליסן, ווי אַ פרילינגס־שטראָם פון די באַרג־שפּיצן, דער ווייסער, ניט געריימטער פּערז. לוצאַטו האַלט ניט פון מאָזאַיק־קונסט, ער וואַרפט אויך אָפּ דעם אַזוי פּאָפּולערן מוסיוו־סטיל [14], ווייל ער וויל זיך ניט באַנוגענען מיט די טויטע אוצרות, וואָס גייען איבער בירושה — ביי אים איז די ביבל־שפּראַך אַ לעבעדיק־שפּרודלדיקער קוואַל פון וועלכער ער שעפּט מיט פולע עמער. דאָס ביבל־וואָרט באַטראַכט דער „ים ויבשת״־דיכטער ניט ווי אַ פאַרגליווערטן לאַוואַ־גוס, נאָר ווי אַ ווייכן פּלאַסטישן מאַטעריאַל, אויס וועלכן ער קאָן באַשאַפן אַלץ נייע און נייע פאָרמען.

צו דער זעלבער צייט, ווען דער יונגער 17־יאָריקער דיכטער האָט זיין „ים ויבשת״ געשריבן, מאַכט ער אויך דעם מוטיקן פּרוּוו אַ היסטאָ־

---

10 זע פריערדיקן באַנד, ז׳

11 זע „מתק שפתים״, 13, 48, 52, 54 א״וו.

12 דאָרטן, 11.

13 דאָרטן, 17.

14 באריכות וועגן מוסיוו־סטיל, זע ערשטן באַנד, ז׳ 243 - 253.

רישע דראַמע צו שאַפן. בעת ער האָט זיין „לשון לימודים" געשריבן, ווי ער באַקענט דעם לייענער מיט די פאַרשיידנאַרטיקע פּאָעטישע פאָרמען, איז ער ניט געווען אימשטאַנד צו ברענגען אַ וועלכן ס'איז מוסטער פון אַ מאָדערנער העברעיִשער דראַמע. דעמאָלט האָט ער באַשלאָסן אַליין אויסצופילן דעם ליידיקן ווינקל אין דעם היכל פון דער העברעיִשער דיכטונג, און ער שאַפט זיין דריי־אַקטיקע ביבל־דראַמע „מעשה שמשון"[15]. אויך דאָ זוכט דער דיכטער נייע, ריין אייראָפּעיִשע פאָרמען, שאַפט זיין אייגענעם סטיל. לוצאַטו בלייבט אַפילו טריי דעם ביבלישן סיוזשעט, דאָך פלעכט ער אויך איין אין זיין דראַמאַטיש ווערק די אויף דער איטאַליעני־שער בינע אַזוי באַליבטע אַלעגאָרישע עלעמענטן, און צוזאַמען מיט רע־אַלע ביבלישע פּערסאָנאַזשן פיגורירן אין „מעשה שמשון" אויך אַלעגאָ־רישע: דער ליבע־גאָט אַמור, דאָן פאַלשקייט און געלטזוכט. די דראַמע איז געשריבן אין ווייסע פערזן, נאָר יעדער אויפטריט פאַרענדיקט זיך ווי אין שעקספּירס דראַמעס מיט אַ געריימטער סטראָפע. עס פילט זיך נאָך אַפילו די יונגטלעכע אומרייפקייט פונם דיכטער אין דער אַרכיטעקטאָניק פון דער דראַמע און אויך אין דער כאַראַקטער־צייכענונג, דאָך באַמערקט זיך שוין דייטלעך אין דעם יוגנט־ווערק די מייסטער־האַנט פון אַ גלענצנ־דיקן דיכטער. באַזונדערס באַוווּנדערונגס־ווערט איז אין דעם ווערק פונם 17־יאָריקן דיכטער די פאָרמען־ און בילדער־רייכע שפּראַך. זי איז זייער נאָענט צו דער ביבלישער, און דאָך איז דאָס אַן אָריגינעלע און אייגנאַר־טיקע שפּראַך: עס איז ביי דעם יונגן לוצאַטו ניט צו באַמערקן אַפילו דעם מינדסטן רמז אויף דער בלינדער אונטערטעניקייט בנוגע צום „קאַנאָן", צום ביבל־וואָרט, ווי מיר זעען דאָס אין דער שפּעטערדיקער תּקופה ביי די בעלי „המאספים". ביי לוצאַטון איז בלויז דער ווערטלע־כער בוי־מאַטעריאַל אַ ריין־ביבלישער, אָבער דאָס געבוי פון דעם זאַץ, די בילדער־פּלאַסטיק און דער מוזיקאַלישער ריטם פונם פערז — דאָס אַלץ איז מאָדערן אייראָפּעיִש.

אין ריין ביבלישן גייסט און נוסח איז בלויז געשריבן דאָס פון לוצאַטו באַלד נאָך דעם „מעשה שמשון" פאַרפאַסטע (אין 1726) „תהילים"־בוך. דער דיכטער האַלט זיך דאָ טריי דעם באַרימטן ביבלישן מוסטער, אַפילו בנוגע דער צאָל קאַפּיטלען; ערטערווייז געלינגט אים טאַקע דערגרייכן די ווונדערבאַרע שיינקייט פונם ביבלישן אָריגינאַל —

15 ביז דער נייערער צייט איז לוצאַטוס יוגנט־דראַמע געווען באַקאַנט בלויז דורך די פראַגמענטן, וואָס יוסף אַלמאַנצי האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין אַרבעט וועגן לוצאַטו. פולשטענדיק האָט דעם „מעשה שמשון" פאַרעפנטלעכט ש. גינצבורג אין 1927 אין תּל־אָביב.

עס בלייבט אָבער דאָך ניט מער ווי אַ נאָכדיכטונג, און דערגרייכט ניט די מדרגה פון אָריגינעלן זעלבשטענדיקן שאַפן.

אין אַ יאָר ארום קערט זיך לוצאַטו ווידער אום צו דער דראַמע־פאָרם און ער שאַפט זיין אידילישע דראַמע אין פיר אַקטן, וואָס טראָגט אַ טאָפּלטן נאָמען: „מגדל עוז" או „תומת ישרים" [16]. שוין ניט די אַנטיקע ביבל־פאָרמען דינען דאָ דעם דיכטער פאַר אַ מוסטער, נאָר די מאָדערנע איטאַליענישע פּאַסטאָראַלן מיט זייער קלאַסישן פאָרבילד — גואַרינים באַרימטע הירטן־דראַמע „Pastor Fido". די פאַבולע פון לוצאַטוס „מגדל עוז" איז ווייניק אינטערעסאַנט:

אויף אַ שפּיץ באַרג איז פון קדמונישע צייטן געשטאַנען אַ גוואַלטיק פעסטער טורעם מיט אַ שיינעם לופט־גאָרטן אין דער הויך. קיין בן־אדם האָט אין דעם טורעם ניט געקאָנט אריינדרינגען, ווייל גלאַט און פעסט זיינען זיינע ווענט געווען, אָן טויערן און טירן. האָט דער מלך געלאָזט אויסרופן איבערן גאַנצן לאַנד: ווער עס וועט געלינגען אין דעם טורעם אריינצודרינגען און צום לופט־גאָרטן אויפשטייגן, דעם גיט ער זיין שיינע טאָכטער שולמית פאַר אַ פרוי. איז אַמאָל אַ פּרינץ פון אַ פרעמדן לאַנד, מיטן נאָמען שלום, פאַרביי־געריטן, דעם ווונדערבאַרן סודותדיקן טורעם דערזען, אים פון אַלע זייטן באַטראַכט, אין אים אריינדרינגען געוואָלט. לאַנג האָט ער געבלאָנדזשעט ארום אים, געזוכט אַ וועג צו די אינעווייניקסטע געמעכער, ביז ס'איז אים געלונגען אונטער מיט גראָז באַוואַקסענע שטיינער אַ פאַרבאָרגענע הייל צו געפינען, וואָס האָט אים געפירט אינם טורעם אריין; און דאָרט האָט ער אַ טיר באַמערקט, וואָס איז פון דרויסן־געווען מיט ליים און מיט קאַלך באַדעקט. ער האָט ברייט אויפגעעפנט די טיר, צום לופטגאָרטן אויפגעשטיגן און דערנאָך זיך אין זיין וועג ווייטער געלאָזט. דעם מלכם באַפעל איז אים אומבאַקאַנט געבליבן. דערנאָך ווערט דער סיוושעט זייער פאַרפלאָנטערט: אַ נידערטרעכטיקער ליגנער זיפה גייט דעם טורעם פאַרביי, דערזעט די אָפענע טיר אין טורעם, לויפט ער גלייך צום מלך און דערקלערט, אַז אים איז געלונגען דעם פאַרבאָרגענעם אריינגאַנג צו געפינען. אויף אַזאַ אופן ווערט זיפה שולמיתעס חתן. עס טרעפט באַלד, אַז שלום באַגעגנט זיך מיט שולמית און זיי פאַרליבן זיך ביידע. אויפן וועג צו זייער גליק שטייען אָבער זיפה און די אינטריגאַנטקע עדה; די פאַרליבטע האָבן פיל אויסצושטיין, נאָר אַלץ פאַרענדיקט זיך בכי־טוב: עס ווערט אַנטפּלעקט, אַז ניט זיפה נאָר שלום האָט דעם אריינ־

16 אויך דאָס דראַמע האָט דער דיכטער באַשטימט אַלס חתונה־ליד. צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין 1837.

גאנג אינם טוריִזם געפונען, די גערעכטע מיט די מידות טובות ווערן באַ־לוינט, און די זינדיקע ווערן באשטראפט. דער „מגדל עוז" איז אָבער איינגעטלעך ניט קיין דראמאטיש ווערק, נאָר אַ לויב־געזאַנג פון יובלענדיקער ליבע. זינט עמנואל רומים פארשייטע און לעבנסלוסטיקע מוזע איז אַנט־שווינגן געוואָרן און אָפּגעקלונגען האָבן סעדיה דאַנאַנס לידער, האָבן זיך אין דער העברעִישער ליטעראטור מער ניט געלאָזט הערן קיין לידער פון ערדישער ליבע. עס ווערט אַפילו אָנגעוויזן („מתק שפתים", 86), אַז עמנואל פרענסים האט אין זיינע יונגע יאָרן עראָטישע לידער געשריבן; ער איז אָבער באַלד דערנאָך אַ בעל־תשובה געוואָרן, האט עפנטלעך זיך מתוודה געווען פאר זיין „חטאת נעורים" (זע זיינע טערצינען־לידער אין „מתק שפתים", 81—85), און מיט ניט קיין קלענערן אימפעט ווי די באַשעפער פונם „שולחן ערוך" פאַלט ער אָן אויף עמנואל רומי דערפאַר, וואָס יענער האט „השחית את דרכו על הארץ בשירי נאופים שאסור לשמעם" — האט זיין לעבנסוועג פארדאָרבן מיט אויסגעלאַסענע לידער, וואָס ס'איז אַ זינד זיי צו הערן. און אָט נאָך אַ לאַנגער הפסקה פון גאַנצע דורות דערשאַלן ווידעראַמאָל די פרייע, פרײדיקע אַקאָרדן פון ליבע אויף דעם העברעִישן „הר זמירות"; עס קלינגען־אויף לידער, וואָס אָטעמען מיט דער הייס־שטורמישער ליידנשאַפט פון דער דרומדיקער זון און דרומדיקער ערד. לוצאטו שילדערט אין זיין ווערק די ליבע אין די פארשיידנסטע ניואַנסן און מדרגות. די צניעותדיק־שעמעוודיקע ליבע צווישן דעם איידעלן שלום און אַנטציקנדיקער שולמית פלעכט זיך צונויף מיט דעם פריוואָלן ראָמאַן פון דעם דינסטמיידל איה מיט דעמבארימערײשן זיפּהאָון מיט דער גיריקער תאווה פון דעם מכשף עירה און דער פארברעכערי־שער עדה. און פאר יעדער ליבע געפינט דער יונגער דיכטער די אַנט־שפּרעכנדיקע בילדער און פאַסנדיקע פארבן. מיט גרויס געשיקטקייט גיט דער דיכטער איבער אין זאַפטיקע פערזן די פיינסטע ניואַנסן פון די אינ־טימע געפילן, וואָס ציטערן און לעבן אין דעם יונגן ליבנדיקן הארצן...

דאָס דאָזיקע ווערק פון דעם צוואַנציק־יאָריקן דיכטער טראָגט שוין אויף זיך גאַנץ בולט דעם שטעמפּל פון אַ גאַנץ באַדייטנדיקן, ווען אַפילו נאָך ניט צייטיק געוואָרענעם טאַלאַנט. עס איז אָבער דעם דאָזיקן טאַלאַנט ניט באַשערט געווען אויסצושפּרייטן אין זייער גאַנצער מאַכט זיינע אָדלער־פליגל. די פארמרה־שחורהטע בין־השמשות־תקופה האט מיט אירע בליי־שווערע שאָטנס אָן רחמנות געלאַסטעט אויף דער יונגער, צאַרטער דיכטער־מוזע — און ניט אויסגעהאַלטן האָבן דער מוזעס פליגל...

שוין אין דעם „מגדל עוז" וואַרפט זיך אין די אויגן אַ זייער כאַראַק־

טעריסטישע שטעלע. צום סוף פון דער פאָררעדע ווייזט דער דיכטער אָן [17], אַז די מעשה וועגן טורעם מיטן פאַרבאָרגענעם אריינגאַנג איז ניט סתם אַ מעשה. דאָס איז אַ רמז אויף דעם באַקאַנטן משל, וואָס ווערט אין „זוהר" געבראַכט [18], ווו די תורה ווערט צו אַ בלענדנדיקער שיינהייט געגליכן, און די דאָזיקע שיינע בת־מלכה זיצט אין אַ פאַרבאָרגענעם טורעם באַהאַלטן און בלויז פאַר איר געליבטן און פריינד אַנטפּלעקט זי זיך אין איר אַנטציקנדיקער געשטאַלט, אַנדערע מענטשן זעען אָבער בלויז אַ פעסטגעשלאָסענעם טורעם פאַר זיך. אין דער ערדישער ליבע פון שלום און שולמית זעט דער דיכטער בלויז אַ לבוש פון מיסטישער ליבע. אין שלומען שילדערט דער דיכטער זיך גופא, וואָס וויל אַריינדרינגען אין דעם סודותדיקן טורעם, ווו די מיסטישע פרינצעסין איז באַהאַלטן...

נאָך דער שטורמישער באַוועגונג, וואָס דער משיח אויס סמירנע האָט אַרויסגערופן, איז דער יידישער קיבוץ ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין זיין קאַלטן יאוש. די משיחישע האָפענונגען זיינען אָבער דאָך ניט אָפּגע־שטאָרבן אין די אַנגעווייטאָגטע הערצער. שווער איז געווען זיך צו שיידן מיט דער איינציקער נחמה... און איינער נאָכן אַנדערן טרעטן אַרויס פאַרחלומטע מיסטיקער און התלהבותדיקע אַסקעטן, וואָס זאָגן אָן די באַלדיקע גאולה. נאָך מרדכי אייזנשטאַט טרעטן אַרויס אַברהם קורדוזו, יהודה חסיד, חיים מלאך און פילע אַנדערע. דאָס פאַריאושטע פאָלק גייט שוין אָבער ניט נאָך זיי; זיינע כוחות זיינען געבראָכן. עס פעלט אים שוין דער אימפּעט, דער התלהבותדיקער פּאַטאָס, ער זאָל אין אַקטיווע מעשים פאַרקערפּערן זיין האָפענונג, זיין נחמה. ער קאָן שוין בלויז ח ל ו מ ע ן וועגן משיחיש־מיסטישער גאולה, חלומען מיט קרענקלעכער עקשנות. ס'אַ חלום אין דער וואָך, אַ חלום אויס יאוש, אַן אָפּיום־חלום, בכדי זיך פאַרגעסן, זיך באַרוישן און ניט פילן דעם שווארצן שרעק, וואָס לויערט פון אַלע זייטן. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אין וואָסערע קרומע לאַבירינטישע הינטערוועגן עס האָט פאַרבלאָנדזשעט דער יידישער איינגעשראָקענער געדאַנק. די אָרטאָדאָקס־רבנישע וועלט, וואָס איז צו יענער צייט אין גאַנצן פאַרשטאַרט געוואָרן אין די ד' אמות פון לעבלאָזן פאָרמאַליזם, איז ביי זיין גייסטיקער ירידה ניט געווען ביכולת מיט דער־פאָלג צו באַקעמפן דעם משיחישן מיסטיציזם.

---

17 „במדרש הקדוש מדבר, ידמה במשלו תורת ד' ואשר חפץ בת אל נערה בתולה בת מלך היא ונעלמה מעיני כל חי במגדל עוז אשר לה חביון חתום. אל אוהבה אחד תגלה ואיש בלתו לא ידעה". ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין „מגדל עוז" טראָגט דער טורעם דעם מיסטישן נאָמען „אין".

18 זע אונזער ווערק, ב' III, 191.

און אַט אין דעם פּאַריתומטן דור, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט מיסטישע חלומות, איז אויסגעוואַקסן אַ יונגער דיכטער מיט אַ העכסט־איינדרוקספולער נשמה, וואָס האָט ווי דוד המלכם לעגענדאַרע האַרפּע ביי יעדער באַרירונג פון דער אויסנוועלט זיך אָפּגערופן מיט די וווּנדערבאַר־כטע טענער. שוין גאָר אין די יונגע יאָרן האָט לוצאַטאָן צו זיך געצויגן דער כישוף פון דער סודותדיקער וועלט, וואָס איז איינגעשלאָסן אין דער „חכמת הנסתר". לויט דער מעלדונג פון איינעם פון לוצאַטוס איבערגע־געבענסטע תלמידים, האָט דער דיכטער שוין צו פערצן יאָר פּליסיק שטו־דירט דעם אר"יס כתבים [19]. אים האָט אין אַנטציקונג געבראַכט די קבלהשע לערע זועגן דער אוניווערסאַל־קאָסמישער ראָלע פון דעם מענטשן און זיין ווילן; מיט גרויס התלהבות האָט ער זיך פּאַרהאַלטן צו דעם געדאַנק, וואָס ווערט אינם „זוהר" אַרויסגעזאָגט, אַז אַן דעם מענטשנס ווילנסאַקט, אָן זיין טאָן קאָן די געטלעכע שפע ניט שולט זיין, און אַז אַנטקעגן די שטראָמען געטלעכן גלאַנץ, וואָס פליסן פון די הייכן איבער דער גאַנצער רחבות פון דער וועלט, טוען אויפשטייגן ליכט־שטראַלן, וואָס דערהייבן זיך פון דער נידער. אַ גוואַלטיקן רושם האָט אויף אים געמאַכט דעם זוהרס פּאָעטישע פאַרגלייכונג, אַז די ערדישע וועלט איז פאַרבונדן מיט די עולמות העליונים, ווי די טאַסטנביינדלעך (קלאַווישן) מיט די סטרונעס פון אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט: באַרירט די האַנט די טאַסטער — און דער גאַנצער אינסטרומענט רופט זיך אָפּ מיט העלקלינגענדיקע אַקאָרדן. זיין גאַנץ פּאָעטיש וועזן איז געווען דורכגעדרונגען מיטן מיסטישן באַוווּסט־געפיל, אַז יעדער לעבנסשריט, יעדער ווילנסאַקט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דעם מענטשנס טאָן, איז פעסט פאַרבונדן מיט די הימלשע קרעפטן און געהייליקט דורך זייער הסכמה. פעסט איבערצייגט איז לוצאַטו געווען, אַז קיינער האָט ניט אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דעם טיפן סוד פון דעם געטלעכן לעבעדיקן גייסט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אַלע עקסיס־טענצן פון דער וועלט, ווי די בעלי „חכמת הנסתר" — די חכמי הקבלה. אָן עקזאַלטירטער דיכטער, וואָס דענקט אַלץ אין בולטע בילדער, פאַרלירט ער באַלד די גרענעץ צווישן דעם געדאַכטן און ריאַל־עקסיסטירנדיקן. אדרבה — דאָס מיסטישע און פאַרבאָרגענע איז אין זיינע פאַרחלומטע אויגן דאָס אמת רעאַלע און פעסט זיכערע. דער יונגער צוואַנציק־יאָריקער דיכטער פילט אין זיך אומגעהייערע קרעפטן, ער ווייס אָבער ניט זייער באַטייט: ער באַגרייפט ניט, אַז דאָס האָט ער עס זיין גרויסן דיכטערישן

---

19 זע יקותיאל גאָרדאָנס בריוו אין „תורת הקנאות", 91: „כשהיה בן י"ד שנים היה יודע כל כתבי הרב האר"י בעל פה".

טאַלאַנט צו פאַרדאַנקען, און זוכט זייער מקור אין דעם סודותדיקן כישוף פון חכמת הנסתר. אים באַזוכן די געטינס פון געזאַנג און ער מיינט דאָס קומען עס צו אים די קדושי עליון, די געטלעכע מענער אליהו הנביא און ר׳ שמעון בן יוחאי, וואָס וויקן אַנטפּלעקן פאַר אים די סודות פון „מעשה בראשית" און אָנזאָגן אים דעם „קץ", דעם טאָג פון דער גאולה, ווייל איבערפולט איז שוין דער ליידנסבעכער... דער ליבלינג פון די מוזעס, דאַכט זיך אים, אַז אים באַגלייט שטענדיק אַ הימלשער שליח, אַז ער הערט די שטימע פון אַ „מגיד". דער מאַן פון דיכטערישער התגלות און מיט דעם דורכדרינגענדיקן אָדלער־אויג פון אַן אמתן קינסטלער, מיינט ער, אַז דאָס האָט ער עס דערגרייכט די בחינה פון „גלוי עינים" אדאַנק זיין אַסקעטיש לעבן און זיין טיפן אריינדרינגען אין די סודות הקבלה. ער פילט און באַגרייפט, אַז ער איז געבענטשט מיט דער גרויסער מתנה צו געוועלטיקן איבער די גייסטער און הערצער פון מענטשן, ער מיינט אָבער, אַז די דאָזיקע מאַכט שעפּט יניקה ניט אויס דעם דיכטער־קוואַל, נאָר אויס די השבעות און צירופים פון דעם „אר"י הקדוש". אַ דיכטער פון גאָטס גענאָד, גלויבט ער — ער איז אַ הימלשער שליח, וואָס האָט אויף דער זינדיקער וועלט גענידערט, בכדי זי צו ריייניקן און דערהויבן, און אויסלייזן דאָס גלות־פאָלק פון וואָגל און קנעכטשאַפט. אין דער צאַר־מער איידעלער נשמה פונם דיכטער אַנטשטייט אַ דראַמאַטיש געראַנגל פול מיט טראַגיש־מיסטישער שיינקייט...

מיט אַ וואונדערבאַרן אימפּעט שרייבט לוצאַטו איין קבלה־ווערק נאָכן אַנדערן, אָט אין דעם סודותדיק טונקעלן זוהר־סטיל [20], אָט אין דער שיינער בילדער־שפּראַך פון דער ביבל. אין משך פון פיר יאָר האָט ער גאַנצע פערציק ווערק געשריבן [21], און ער איז פעסט איבערצייגט, אַז די אַלע ווערק זיינען דורך רוח־הקודש געשריבן; דער הימלשער שליח, דער „מלאך מגיד" האָט זיי אים דיקטירט און ער האָט זיי וואָרט נאָך וואָרט פאַר־שריבן [22]. „און עס האָט זיך צו מיר באַוויזן אליהו הנביא — דערציילט לוצאַטו אין זיין „זוהר תנינא", — האָט געעפנט זיינע ליפּן און צו מיר

20 לוצאַטו האָט געשריבן אַ „זוהר תנינא"; אין זוהר־לשון האָט ער אויך פאַר־פאַסט אַ גרויסן פירוש אויף „קהלת".

21 זע דעם בריוו פון די ווענעציאַנער רבנים צו משה חגיז („תורת הקנאות", 109).

22 לוצאַטו גופא האָט דערקלערט פאַר די רבנים: „החבורים... שחברתי בלשון זוהר הקדוש, ואעפ"י שלפי דעתי חברתים על פי דעתי על פי מגיד ונשמות קדושים". זיין התלהבותדיקער תלמיד יקותיאל גאָרדאָן מעלדעט: „והנה זה ב׳ שנים והצי אשר נתגלה לו מלאך מגיד קדוש ונורא והיה מגלה לו סודות נפלאות... ואחר שמונה חדשים שנתגלה לו המלאך הקדוש... ויצוה לו בהסכמה הקב"ה ושכינתיה לחבר הספר הזוהר שקראוהו מן שמיא זוהר תנינא".

אזוי געזאָגט: רבי, רבי! געבענטשט איז דיין גורל, ווייל אַלע הימלשע סודות זיינען אויפגעדעקט פאַר דיר, קיין זאַך איז פאַר דיר נים פאַרהוילן, און אָפן שטייען פאַר דיר אַלע סודותדיקע טויערן״ [23]. זיין גרויס שליחות האָט ער נאָך דערווייל בסוד, ער דערציילט וועגן דעם בלויז אין דעם ענגן קרייז פון זיינע מקורבים און באַקענט זיי מיט זיינע מיסטישע ווערק. דער סוד ווערט אָבער באַלד אַנטפּלעקט. צווישן דעם ענגן קרייז פון לוצאַטוס התלהבותדיקע אָנהענגער איז געווען יקותיאל בן לייב גאָרדאָן אויס ווילנע [24], וואָס איז געקומען קיין פּאַדוא לערנען מעדיצין. דער יונגער לוצאַטאָ מאַכט אויף גאָרדאָנען אַ גוואַלטיקן רושם; גאָרדאָן שרייבט באַלד (1729) זיינע צוויי באַקאַנטע רבנים, דעם מקובל מרדכי יפה אויס ווין און יהושע העשל אויס ווילנע, און זאָגט זיי אָן אין פּאַטע־טיש געהויבענעם סטיל די פריידיקע בשורה וועגן דעם נייעם ליכטיקן שטערן, וואָס ס'האָט אויפגעשיינט איבער די געצעלטן פון יעקב [25]. דער מקובל מרדכי יפה האָט געהאַלטן פאַר נייטיק גלייך צו שיקן קאָפּיעס פון גאָרדאָנס בריוו צו זיינע באַקאַנטע רבנים אין דייטשלאַנד [26]; יענע האָבן פון זייער צד אויך זיך געפּלייסט וואָס מער פאַרשפּרייטן די פריידיקע ידיעה וועגן דעם „נייעם ליכטיקן שטערן״. איינע פון די דאָזיקע אָפּ־שריפטן האָט אויך דערהאַלטן דער אַלטאָנער רב, משה חגיז, וואָס איז באַקאַנט געווען אַלס פאַרביסענער קעגנער פון דער שבתי־צביישער באַ־וועגונג און האָט אין 1714 גענומען אַ זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער מחלוקת קעגן דעם שבתי־צביישן אַגיטאַטאָר נחמיה חיון [27]. דער קנאַישער קעמפער קעגן סעקטאַנטישע „מינות״ האָט גלייך חושד געווען אין דעם יונגן מיסטיקער, וועגן וועלכן גאָרדאָן שרייבט מיט אַזאַ גרויס התפעלות, אַ נייעם משיח השקר. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן אָננעמען קעגן אים די שטרענגסטע מיטלען, און צו דעם צוועק האָט ער זיך גע־ווענדט מיט אַן אויפרוף צו די ווענעציאַנער רבנים, וואָס האָבן געשפּילט די אָנגעזעענסטע ראָלע אין איטאַליע, זיי זאָלן זען וואָס גיכער „עוקר מן השורש זיין די שעדלעכע צרעת (לוצאַטאָן און זיינע אָנהענגער) איידער זי האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן פאָלקס־קערפּער״. די

23 „תורת הקנאות״, 92—93.

24 באַריכות וועגן אים זע: ד. קויפמאַן אין „רעווי ד. עט. זשוויף״, XXIII, 256.

25 ביידע בריוו זיינען פאַרעפנטלעכט אין „תורת הקנאות״, 91—92.

26 זע „לוחות עדות״, דף 15, עמ׳ א׳: „הרופא יקותיאל אלי כתב ואני שלחתי העתקתו לרבני אשכנז״.

27 משה חגיזעס פאָטער, יעקב, איז געווען איינער פון די רבנים, וואָס האָבן דעם שבתי־צבי אַריינגעוואָרפן אין חרם

ווענעציאַנער רבנים האָבן זיך אָבער ניט געאײַלט אָנצונעמען שטרענגע מיטלען קעגן משה חיים לוצאַטו; ניט בלויז דערפאַר, וואָס דער יונגער מיסטיקער האָט שוין דעמאָלט געשמט איבער גאַנץ איטאַליע, נאָר דער עיקר מחמת זיי האָבן ניט געוואָלט אײַנרײַסן מיט דער רײַכער פאַמיליע לוצאַטו, וואָס האָט געשפּילט די חשובסטע ראָלע אין דער פּאַדואַנער קהילה. דער קנאי חגיז האָט זיך אָבער ניט געוואָלט באַרויִקן. אים האָט אפילו ניט באַפרידיקט דער האַרציקער בריוו, וואָס לוצאַטו האָט אים געשריבן, אין וועלכן דער יונגער מיסטיקער פּלייסט זיך אים צו איבערצײַגן, אַז ער איז רײַן פון וועלכער ס׳איז שבתי־צביִישער „מינות״ [28]. נאָכדעם ווי חגיז האָט זיך איבערצײַגט, אַז די ווענעציאַנער רבנים פאַרהאַלטן זיך פּאַסיוו צו זײַן אויפרוף, האָט ער זיך געווענדט צו די רבני אשכנז מיטן פאָרשלאָג, אַז זיי זאָלן מחרים זײַן לוצאַטון וויבאַלד ער וועט ניט גלײַך צוזאָגן, אַז ער וועט מער זיך ניט אָפּגעבן מיט קבלה, ניט אַליין, ניט מיט אַנדערע. דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט לוצאַטוס אַלטער רבי באַססאַנאַ, און מיט זײַן הילף איז געלונגען צו פועלן בײַ דעם שטילן, נאָכגעביקן לוצאַטון, ער זאָל אַרויסגעבן אַ שריפטלעכע התחייבות (אין 1730), ווו ער שווערט „בשבועות האלה החמורה״, אַז כּל־זמן ער לעבט אין חוץ לארץ (אויסער פּאַלעסטינע), טאָר ער זיך ניט פאַרנעמען מיט קבלה מעשיית און אויך ניט איבערגעבן אַנדערע וועלכע ס׳איז סודות אין נאָמען פון אַ „מגיד״ אָדער אַנדערע „הייליקע נשמות״ [29]. ער רעדט אָבער דערבײַ בפירוש אויס, אַז אונטער זײַן אייגענעם נאָמען מעג ער שרײַבן חיבורים אין לשון קודש (אָבער ניט אין זוהר־לשון).

די מחלוקת איז אויף אַ צײַט געשטילט געוואָרן. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין לוצאַטוס לעבן איז פאָרגעקומען אַ טיפער איבער־בראָך: פון חלומות און פאַנטאַסטישע זעונגען האָט ער זיך אומגעקערט צום רעאַלן וואָכעדיקן לעבן. אין 1732 האָט ער חתונה געהאַט און אפילו אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט מסחר. די אַלטעגלעכע לעבנס־פראַזע האָט אָבער ניט אויף לאַנג געקאָנט צו זיך צוציען דעם דיכטערס אומרויִקע

28 לוצאַטוס בריוו איז פאַרעפנטלעכט אין „תורת הקנאות״, 93—94.

29 דער טעקסט פון דעם דאָזיקן שריפטלעכן דאָקומענט איז אין יעב״צס „תורת הקנאות״ ערטערווייז געפעלשט. דער ריכטיקער טעקסט לויט לוצאַטוס אייגנהענטיקן כּתבֿ־יד, וואָס געפינט זיך אין ירושלימער ביבליאָטעק, איז פאַרעפנטלעכט אין „קרית ספר״, VIII, 199: „הנני בא בבסורת ברית נאמנת ובשבועת האלה החמורה... שלא לכתוב בשם מגיד או נשמות קדושים... אמנם בתנאי כל עוד שאהיה בחוץ לארץ, ורק אני משייר כלו לעצמי לחבר מדעתי בלשון הקודש לבד ובלבד שלא בשם מגיד ונשמות קדושים״...

נשמה. דיכטער זיינען בכלל זייער זעלטן מוצלחים אין מסחר, און משה חיים לוצאטו האט אין דעם פרט קיין אויסנאם ניט געמאכט. זיינע געשעפטן זיינען געגאנגען שלעכט און אין משך פון א קורצער צייט האט ער זיין גאנץ פארמעגן אנגעווארן. אין יענער צייט האט זיך אויך פון זיין פאטער די הצלחה אפגעקערט און פון א גרויסן עושר איז ער געווארן א יורד. דער דיכטער, וואס איז אויסגעוואקסן אין עשירות און ווילטאג, האט זיך איצט געפונען מיט דער פאמיליע אין מאטעריעלער נויט און שטארק געליטן פון דאגות פרנסה. האט אין אים ווידער אויפגעוואכט דער טרוימער; פון די קליינלעכע אלטעגלעכע זארגן זוכט ער שוץ אין דער פאנטאסטישער וועלט פון חלומות און האפענונגען. ער פילט זיך ווידער ארומגערינגלט פון הייליקע גייסטער, און דער הימלשער „מגיד" דעקט אויף פאר אים די וואונדערבארסטע סודות אין דער טונקעלער זוהר־שפראך. ער געדענקט אבער זיין שריפטלעכע התחייבות, אז ער טאר אזעלכע סודות אויפן פאפיר ניט ברענגען און אויך זיי זיינע תלמידים ניט איבערדערציילן, שרייבט ער בלויז אפאלאגעטישע ווערק, אין וועלכע ער שיצט מיט גרויס התלהבות די „חכמת הנסתר". אין ווענעדיק האט ער געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט דעם מאנוסקריפט פון אריה די־מאדענאס „ארי נוהם"; די גאליקע אנפאלן פון דעם פארביסענעם ראציאנאליסט אויף דעם „זוהר" האבן שטארק אויפגעבראכט לוצאטון, און ער איז ארויסגעטראטן קעגן מאדענאס קריטיק מיט א ספעציעל פאלעמיש ווערק „מאמר הוכוח". גלייך נאך דעם דאזיקן ווערק שרייבט ער זיין „חוקר ומקובל", וואס איז לויטן מוסטער פון יוסף אירגאסעס „שומר אמונים" [30] פארפאסט אין פארם פון א דיאלאג צווישן א פריידענקענדיקן „חוקר" און א „מקובל". דער „מקובל" (און אין זיין נאמען רעדט עס דער מחבר גופא) פלייסט זיך צו דערווייזן, אז ניט די ראציאנאליסטישע פילאזאפיע, נאר די קבלה איז אימשטאנד צו געבן אן ענדגילטיקע תשובה אויף די וויכטיקסטע פראבלעמען. בלויז די „חכמת האמת", פארזיכערט לוצאטו, איז אימשטאנד צו לעזן דאס גרויסע וועלט־רעטעניש: דער ווילן פון דער סיבה ראשונה, וואס איז אומבאגרייפלעך פארן מענטשנס פארשטאנד, איז דאך ביכולת אומענדלעך און אומבאגרענעצט, בפועל אבער, אין דעם שאפונגס־פראצעס, אנטפלעקט זיך איר ווילן אין באגרענעצטע פארמען פון ספירות און מידות, וואס זיינען צוגעפאסט צו דער באגרענעצטער בכלל מענטשנס השגה [31].

[30] דער „שומר אמונים" איז פארעפנטלעכט געווארן ערשט אין 1736, שוין נאך דעם מחברס טויט; לוצאטו האט אבער, ווי עס שיינט, זיך באקענט מיט דעם דאזיקן ווערק נאך אין מאנוסקריפט.

[31] „חוקר ומקובל", 8—12, 44—55 (לויט דער לייפציגער אויסגאבע, 1840).

אין דעם דאַזיקן ווערק, ווי אויך אין אַ גאַנצן סכום קלענערע אַר־בעטן, וואָס זיינען גלייך נאָך אים דערשינען[82], טרעט לוצאַטו אַרויס פאַר אונז אין אַ נייער ראָלע: אַלס מייסטער פון וויסנשאַפטלעכן סטיל, וואָס וויים דעם סוד ווי אַזוי איבערצוגעבן אין בולט־קלאָרע פאָרמען די קאָמפּליצירטסטע טעאָזאָפיש־פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דער התלהבות־דיקער מיסטיקער, וואָס פלעגט חלומען און האָבן זעונגען אין דער וואָך, איז געווען באַשאָנקען מיט דעם טאַלאַנט פון אַן אויסגעצייכנטן סיסטע־מאַטיקער און פּאָפּולאַריזאַטאָר. דאָס איז בלויז איינע פון די אַזוי פילע און אויפן ערשטן קוק גאַנץ אומדערקלערלעכע סתירות אין דעם אינער־לעכן גייסטיקן לעבן פון דעם דאָזיקן ווונדערבאַרן מענטשן. אין מוסטער־האַפטער קלאָרקייט טרעט אַרויס אין די דאָזיקע לוצאַטוס ווערק דער זוהרישער גרונט־געדאַנק וועגן דער קאָסמיש־אוניווערסאַלער ראָלע פונם מענטשן, וואָס ערשט דורך דעם מענטשנס אַקטיווע מעשים אַנטפּלעקט זיך דער געטלעכער מהות אין זיין גאַנצער פולשטענדיקייט. דער דיכטער מיט זיין מיסטישן וועלטבאַנעם פילט אַזוי שאַרף און בולט, אַז דער גורל פון דעם וועלטאַל, דער שליסל פון דעם גאַנצן קאָסמאָס געפינט זיך אין די טיפענישן פון דעם מענטשנס נשמה, וואָרעם די אַבסאָלוטע האַרמאָ־נישע גאַנצקייט פון דער וועלט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס אַלגעמיינע רעגירנדיקע וועלט־געזעץ איז צו דער זעלבער צייט אויך דאָס מענטש־לעכע געזעץ, די התגלות פון דעם מענטשנס גייסט, פון זיין מאָראַ־לישן באַוווּסטזיין. די מאָראַלישע התנהגות פונם מענטשן, דאָס מקיים זיין די געבאָטן פון דער געטלעכער תורה — דאָס איז, לויט לוצאַטוס וועלטבאַנעם, אַ מאָראַלישער אַקט פון קאָסמישן פאַרנעם. דער העכסטער לעבנסמוסטער, דאָס פאָרבילד פאַר דעם גאַנצן וועלטאַל — דאָס איז דער דיוקנא של אדם, דאָס מענטשלעכע בילד אין זיין שטרעבן צו גאָט. אויפשיינען קאָן די וועלט מיטן געטלעכן ליכט נאָר אין זכות פון דעם דערלויכטענעם מענטשן, וואָס טראָגט אין זיין האַרצן די געטלעכע אוני־ווערסאַלע גערעכטיקייט.

לוצאַטו האָט אין יענע יאָרן געלעבט אין מאַנטואַ ביי זיין שווער, און פון דאָרט האָט ער געפירט אַ גאַנץ טעטיקע חליפת־מכתבים מיט זיינע פריינד און פאַרערער, און זיי יעדעס מאָל דערמאָנט זיך וואָס מער אָפּ־געבן מיט דער „חכמת האמת״. לוצאַטו האָט זיך אָבער געפונען אונטער דער געהיימער השגחה פון די דאָרטיקע רבנים, וואָס האָבן מיט חשד

[82] „דרך חכמה״, „מאמר העיקרים״, „קנאת ה׳ צבאות״ (קעגן דער שבתי־צבי־באַוועגונג) געדרוקט אין 1863.

נאָכגעשפּירט נאָך זיין יעדן טריט. די ווענעציאַנער רבנים, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן צום מיסטיש געשטימטן דיכטער מיט דער מידה פון חסד כּל זמן ער און זיין פאַמיליע זיינען געווען רייך און אָנגעזען אין דער קהילה — האָבן איצט, ווען דער דיכטער האָט געלעבט אין דחקות, מיט אַמאָל געענדערט זייער טאַקטיק. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט מיט שפּיאָנען פונם נידעריקסטן סאָרט; יענע האָבן אים נאָכגעקוקט אויף יעדן טריט, גענישטערט אין זיינע זאַכן, געזוכט אין זיינע כּתבים. אויפן סמך פון דעם מאַטעריאַל, וואָס די דאָזיקע שפּיאָנען האָבן פאַר זיי אָנגעזאַמלט, האָבן די ווענעציאַנער רבנים געשיקט צו לוצאַטון ספּעציעלע שלוחים מיט דער שטרענגער פאָדערונג, אַז ער זאָל ווייזן אַלע זיינע כּתבים און אויפסניי געבן זיין הבטחה, אַז ער וועט קיין זאַך ניט דרוקן אָן דער דערלויבעניש פון דעם ווענעציאַנער ראַבינאַט. זייער אינטערעסאַנט איז דערביי פאָלגנדיקער פּרט: זיי באַשולדיקן לוצאַטון ניט נאָר, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט „כּישוף און השבעות", מען וואַרפט אים אויך פאָר אַלס חטא, וואָס ער איז צו גוט באַהאַוונט אין לאַטיין און אין דער קלאַסישער ליטעראַטור [33]. דער צאַרט פילנדיקער דיכטער איז געווען שטאַרק געקרענקט דורך דעם גאַנצן נעץ פון קליינלעכע אינטריגעס און עקלהאַפטן שפּיאָנאַזש, מיט וועלכן די ווענעציאַנער רבנים האָבן אים אַרומגערינגלט, און ער האָט דערפאַר מיט צאָרן אָפּגעוואָרפן אַלע זייערע פאָדערונגען. אַלס ענטפער דערויף האָבן די ווענעציאַנער רבנים אָנגענומען א באַשלוס (דעם 3טן דעצעמבער 1734) דעם איינגעשפּאַרטן לוצאַטון אַריינוואַרפן אין חרם און אַלע זיינע כּתבים פאַרברענען. דעם „פּסק ההרם" האָט מען אין דעם זעלבן טאָג מיט גרויס פּאַראַד פאַרגעלייענט אין אַלע ווענעציאַנער שולן און דער טעקסט איז צעשיקט געוואָרן צו אַלע אָנגעזעענע רבנים אין דייטשלאַנד, האָלאַנד און פּוילן. דער גערודפטער דיכטער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט און זיין היים פאַרלאָזן... אָבער אויך אין זיין וואַגל, ביים וואַנדלען איבער פרעמדע לענדער, האָבן די ווענעציאַנער רבנים אים קיין רו ניט געגעבן. ווי נאָר לוצאַטו האָט זיך דערלאַנגט קיין פראַנקפורט אויפן מיין, האָבן די אָרטיקע רבנים גלייך באַקומען די ידיעה, אַז עס קומט אַהין משה חיים לוצאַטו פון דער שטאָט פּאַדוא, וואָס וויל „צעשטערן און צעוואַרפן אַלע גרויזעכצן און שיצונגען פון אונזער תורה" (לנתוש ולנתוץ גדרי וסייגי תורתנו) [34]. די פראַנקפורטער רבנים האָבן לוצאַטון

---

83 די רבנים ווייזן אָן אין זייער אויפרוף: „איך יתחתן בלשון הקודש ובלשון הזוהר הקודש מי שכבר נתחתן באחות לוטין".

34 „תורת הקנאות", 109—111, 114.

זייער בייז אויפגענומען; זיי האָבן ביי אים צוגענומען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין „חוקר ומקובל״, און אַרויסגעצוואונגען ביי אים אַ שריפטלעכע הבטחה, אַז פון איצט אָן איז ער, משה־חיים לוצאַטאָ, זיך מתחייב אונ־טער דעם איום פון דעם „חרם גדול ובנדוי ובשמתא״, אַז ער וועט מער ניט לערנען קיין קבלה מיט קיין שום מענטשן אין דער וועלט, ניט בעל־פּה, ניט פון אַוועלכן ס׳איז ספר, אפילו ניט פון די כתבי האר״י און פון דעם זוהר. בלויז איין־איינציקע הנחה רעדט פאַר זיך אויס לוצאַטאָ: אַז באַם ער וועט זוכה זיין צו ווערן אַ „בן ארבעים שנה״, דעמאָלט האָט ער דאָס רשות צו לערנען דעם אר״יס קבלה מיט מענטשן פון די זעלבע יאָרן [35].

די שווערע נסיונות, וואָס דער פאַרוואָגלטער דיכטער האָט געהאַט אויסצושטיין, האָבן זיך ערשט דעמאָלט געענדיקט, ווען ער האָט פאַר־לאָזן דייטשלאַנד און האָט זיך דערלאַנגט קיין אַמסטערדאַם, ווו די דאָר־טיקע ספרדישע קהילה האָט לוצאַטאָן אויפגענומען בכבוד גדול. בכדי ניט דאַרפן אָנקומען צו פרעמדער הילף, האָט ער, ווי שפּינאָזע בשעתו, זיך מפרנס געווען דערמיט, וואָס ער האָט געשליפן אָפּטישע גלעזער [36]. אדאַנק זיינע גרינטלעכע ידיעות אין פיזיק און מאַטעמאַטיק, האָט ער אין דער טעכניק פון דער דאָזיקער מלאכה דערגרייכט צו באַדייטנדיקער שלימות און ער האָט געהאַט פרנסה בשפע. לויט אייניקע קוועלן [37], האָט לוצאַטאָ אויך געהאַלטן פאַרלעזונגען פאַר וויסנבאַגיריקע יונגעלייט זועגן רעטאָריק און נאַטורוויסנשאַפטן. נאָך די שטורמישע יאָרן פון קאַמף און וואָגל האָט איצט דער דיכטער געהאַט טעג פון רו און רחבת הדעת. ער קומט אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט זיינע איטאַליענישע פריינט און תלמידים, און אין די בריוו, וואָס ער שרייבט, שפּיגלט זיך אַזוי אויסטערליש אָפּ די קינדערשע ריינקייט און האַרציקע ענוות פון דער דאָזיקער פּאַעטישער נשמה. אין 1740 פאַרעפנטלעכט לוצאַטאָ זיין „מסילת ישרים״, איינס פון די בעסטע מוסר־ספרים, וואָס די העברעישע ליטעראַטור פאַרמאָגט. דער מיסטישער דיכטער רופט, אמת צו תשובה, צו התבודדות, צו שטרענג־אַסקעטישן לעבן, איז אים אָבער אַזוי פרעמד דער בייזער טאָן פון די בעלי „ראשית חכמה״, „קב הישר״ און „שבט מוסר״, וואָס פלייסן זיך אַנצוּוואַרפן אַן אימה אויף דעם לייענער, טרייבן אים מיט דער בייטש פון שרעק און שטראָף אויף דעם דרך פון פרומקייט און גאָטס־פאַרכטיקייט. אַן אינטימע האַרציקייט און ליבעפולע שיינקייט איז אויס־

---

35 דאָרטן, 116–115.

36 לויט אַנדערע קוועלן (זע צ״ב „תורת הקנאות״, 116), האָט לוצאַטאָ זיך פאַרנומען מיט שלייפן טייערע שטיינער.

37 זע „כּרם חמד״, VI, ו, 4.

געגאָסן איבער דעם דאָזיקן מוסר־ווערק, וואָס איז געשריבן אין לוצאַטוס מייסטערהאַפט געטאָקטן סטיל. „אנחנו יתומי יתומים" — מיר זיינען יתומים פון אַ פאַריתומט דור, קלאָגט זיך לוצאַטו [38], און ניט מיט אימה און ירגזון, נאָר מיט שטילע, מוזיקאַליש־צאַרטע ווערטער באַלערנט ער די „יתומי יתומים", און ווייזט זיי דעם וועג, וואָס פירט צו אמתער, זעלבסט־אָפּגעגעבענער ליבע צום בורא עולם. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס דער „מסילת ישרים" איז געווען אַזוי שטאַרק באַליבט ביים פאָלק, און עס ווערט אַפילו דערציילט, אַז דער ווילנער גאון, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם דאָזיקן מוסר־ספר, זאָל האָבן אויסגערופן: ווען משה חיים לוצאַטו זאָל איצט לעבן, וואָלט איך צו אים צופוס געגאַנגען לערנען ביי אים מוסר און אמתע יראת שמים [39].

אין דעם דאָזיקן אָפּגעזונדערטן אסקעט, וואָס האָט געפּרעדיקט, אַז די ערדישע וועלט איז בלויז אַ פאָרהויז פאַר דעם „עולם דקשוט", איז אָבער ניט אָפּגעשטאָרבן דער ענטוזיאַסטישער דיכטער, וועלכער נעמט גיריק אויף מיט זיין שאַרף אויג די וווּנדערבאַרע פאַרבן־רייפקייט פון דער אַרומיקער וועלט און גיסט איבער דאָס געזעענע אין פּלאַסטישע בולטע פאָרמען. דריי יאָר נאָך דעם דערשיינען פון דעם „מסילת ישרים" האָט לוצאַטו פאַרעפנטלעכט זיין אַלעגאָרישע דראַמע „לישרים תהלה", וואָס ווערט מיט פולן רעכט באַטראַכט אַלס דער ווינקלשטיין פון דער נייַ־העברעיִשער פּאָעזיע. ערשט ווען מען פאַרגלייכט דאָס דאָזיקע ווערק מיט לוצאַטוס פריערדיקער דראַמע „מגדל עוז", ווערט קלאָר וויפיל דער דיכטער האָט איבערגעלעבט פאַר דער דאָזיקער צייט. מיר זעען פאַר אונז שוין ניט דעם ראָמאַנטישן דיכטער, וואָס באַזינגט די ליבע אין ענטוזיאַסטישע לידער, נאָר דעם פיל געפּרוּווטן מאַן, וואָס האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דאָס אַרומיקע לעבן און נאָענט צוגעזען זיין נישטיקייט און נידערטראַכט. דער דיכטער באַנוצט זיך מיט דער אַלט־מאָדישער, אין דער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּעיִשער דראַמאַטישער קונסט אַזוי פּאָפּולערער פאָרם, ווו אויפן אָרט פון לעבעדיקע מענטשן טרעטן אַרויס פּערזאָניפיצירטע אייגנשאַפטן פון דער מענטשלעכער פּערזענ־לעכקייט. גרויס איז אָבער דער כישוף פון דעם אמתן דיכטער: אַפילו פשוטע אַבסטראַקציעס ווערן ביי אים מגולגל אין פילפאַרביקע סימבאָלן, באַקומען בלוט און לעבן. דער דיכטער דערקלערט גלייך אין אָנהייב, אַז מיט זיין ווערק איז ער אויסן דידאַקטישע צוועקן. „המשל מדבר" —

---

38 „מסילת ישרים", 46 (ערשטע אויסגאַבע, 1740).

39 „נזיר אלהים", 34.

דער פערזאָניפיצירטער משל טרעט ארויס אין פראָלאָג און איז מודיע, אז דאָס וועט ער, דער חכמהס שטענדיקער און טרייסטער דינער, ריידן צום עולם, און אין די מענטשלעכע הערצער וועט ער ווארפן די זוימען פון מוסר ודעת. אויף דער בינע טרעטן ארויס דער זון פון אמת — יושר און זיין חבר שכל, דער המון, די טאָכטער זיינע תהלה און זיין דינסט סכלות (נארישקייט), דער תאוות זון רהב (נארישער שטאָלץ), וואָס האָט זיך אויפגעצויגן אין דעם הויז פון דמיון, דעם רהבס פריינד און ראַטגעבער תרמית (פאַלשקייט), דאַן יושרס אָם סבלנות (געדולד), דער נאַטורפאָרשער מחקר און דער קיניג משפט. מיט אַן איראָנישן שמייכל שילדערט דער פיל געליטענער דיכטער די לייכטזיניקייט פון דעם המון, וואָס לאָזט זיך אַזוי לייכט פאַרפירן דורך אַזוינע נישטיקייטן, ווי רהב מיט דער הילף פון סכלות און תרמית, און ווי שווער עס קומט אָן דעם המון איינצורעדן ער זאָל פאָלגן די אָנווייזונגען פון יושר און זיין באַגלייטער שכל. עס מוז ערשט אַ קאַטאַסטראָפע געשען, וואונדערבאַרע צייכנס דאַרפן זיך פונם הימל באַווייזן — דער המון זאָל ענדלעך קומען צום זינען און איינזען, ווי פאַרפירט ער איז געווען. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס ביי אַזאַ אומפאַרשטענדיקייט פונם המון באַקומט די לויב און רום (תהלה) ניט דער, וואָס האָט זי מיט רעכט פאַרדינט, און עס געשעט פיל אומגערעכטיקייט און ווילדע אכזריות, ביז יושר און שכל ווערן ענדלעך די וועגפירער פונם המון און עס געלינגט זיי גובר זיין דעם תרמית און די אויפגעבלאָזענע נישטיקייט פון רהב. מיט אַ הארציקן אומעט שילדערט דערביי דער געוודפטער דיכטער, מיט וואָס פאַר אַ ביטול דעם המונס דינסט — סכלות — טוט באַשפּאָטן די טרעגער פון וויסן און קולטור, און אונטער דעם יושרס נאָמען גיסט דער דיכטער אויס אין פראַכטפולע לירישע סטראָפן זיין הייסן פאַרלאַנג זיך דערוויטערן פון דעם קליינ־לעכן מארק־געטומל און זוכן רו אויפן שוים פון דער קיניגלעך שיינער און דערהויבן מעכטיקער נאַטור. דאָך איז דער דיכטער גאַנץ ווייט פון פעסימיזם, און ניט קוקנדיק אויף זיינע שווערע איבערלעבונגען גלייבט ער דאָך פעסט אין דעם ניצחון פון שכל און יושר. „ווען מיר — רופט אויס שכל (צווייטער אַקט, ערשטער אויפטריט), וואָלטן זוויניקסטנס איינמאָל געקאָנט באַטראַכטן די וועלט אין איר אמתער געשטאַלט, דאַן וואָלטן מיר דערזען, אַז אונזערע פאַרברעכערישע קעגנער זיינען אַזוי אומגליקלעך און דערשלאָגן, אַז ווען אַ גרעסערער נקמה איז זיך נאָר שווער צו דענקען. בלויז אויפן אייבערפלאַכיקן קוק דאַכט זיך, אַז זיי זיינען „מלאי טוב ושבעי נחת", אין דער אמתן זיינען זיי אָבער אין אַן ענגן נעץ פאַרפּלאָנטערט, אויס וועלכן זיי קאָנען זיך ניט באַפרייען". די

שפּראַך פון „לישרים תהלה" דערגרייכט צו אמת קלאַסישער שלימות. מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז דאָס האָט זיך דער מייסטער־סטיל פון „משלי" און „שיר השירים" צונויפגעשמאָלצן מיטן ריטם און גלייכמעסיקער גע־טאַקטקייט פון דעם לאַטייניש זאַץ אין איין האַרמאָנישן גוף. אַפילו דער היינטיקער לייענער ווערט נתפּעל פון דעם נאַטורפאָרשער מחקרס געשלי־פענע סטראָפן, ווו עס ווערט אין אַזוינע שיינע פּאָעטישע בילדער געשיל־דערט דאָס לעבן פון פלאַנצן, זייער בליען און גדייען, און צוזאַמען דער־מיט דאָס געפיל פון העכסטער אַנטציקונג, וואָס דער פאָרשער לעבט איבער בעת ער באַטראַכט און שטעלט פעסט די געזעצן, וועלכע געוועל־טיקן אין דער נאַטור. מיר פאַרגעסן לחלוטין, אַז מיר האָבן פאַר זיך דעם אַסקעט דעם מיסטיקער, ניט דעם דענקער אויס דעם אַלטן גריכנלאַנד, וואָס שפּאַצירט מיט פילאָזאָפישער רחבות איבער די בליענדיקע סעדער פון דעם קיניגלעך געלאַסענעם עפּיקור. און גלייך נאָך מחקרס מאָנאָלאָג טרעט אַרויס די יונגע תהלה מיט איר געבעט, וואָס דערגרייכט מיט איר לירישן פּאַטאָס און האַרציקייט די קלאַסישע שיינקייט פון די בעסטע ביבלישע תהלים־מוסטערן.

דער התלהבותדיקער מיסטיקער איז דאָך אָבער ניט אָפּגעשטאָרבן אין דעם רויק־געלאַסענעם, פילאָזאָפיש דענקענדיקן דיכטער. מחקרס קלוגע רייד זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרטרייבן דעם כישוף, מיט וועלכן די „חכמת האמת" באַוועלטיקט דעם באַשעפער פון לישרים תהלה". ווי אין די יונגע יאָרן פאַרבלייבט אויך איצט דער דיכטער איר טרייער דינער און פאַרערער. פעסט איז אויך איצט געווען ביי אים דער גלויבן, אַז אין דער קבלה איז פאַרבאָרגן די ווונדערבאַרע קראַפט, וואָס מיט איר הילף וועט אים, דעם פון גאָט אויסדערוויילטן שליח, באַשערט זיין אויסדער־לייזן די וועלט און מאַכן אַ סוף צו די אומענדלעכע לײדן פונם פאַרוואָגלטן גלות־פאָלק. אַלע מקובלים זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז נאָר אויפן הייליקן באָדן פון ארץ־ישראל קאָן מען אריינדרינגען אין אַלע סודות פון דער קבלה; בלויז דאָרט קאָן זיך אַנטפּלעקן דער רוח הקודש און זיך באַווייזן די ווונדער־צייכנס פון ביאת המשיח. אויך ביי משה חיים לוצאַ־טון איז דאָס געווען אַ זיכערער אמת. זיין שענסטע האָפענונג, דער לייט־שטערן פון זיין לעבן איז געווען דער געדאַנק דערלאַנגען זיך צום לאַנד פון די אָבות, צום ווונדערלאַנד פון רוח הקודש און געטלעכע נביאים. דאָרט, ווי נאָר ער וועט אַלט ווערן פערציק יאָר, וועט ער פראַנק און פריי, ניט מורא האָבנדיק מער פאַר די רבנים מיט זייערע חרמות, זיך איבערגעבן דער חכמת הקבלה און דערפילן זיין שליחות... ער האָט שוין ניט באַדאַרפט מער לאַנג צו וואַרטן. באַלד וועט ער שוין ווערן אַ „בן ארבעים"... אין

א קורצער צייט נאכדעם ווי ער האט פארעפנטלעכט זיין „לישרים תהלה״, האט ער צוזאמען מיט זיין פאמיליע פארלאזן אמסטערדאם, און ווי דער ציונס־דיכטער יהודה הלוי בשעתו האט זיך לוצאטו געלאזן אין שווערן מיזאמען וועג. נאך פיל מאטערנישן האט ער זיך ענדלעך דערלאנגט קיין צפת, די רעזידענץ־שטאט פון דעם אר״יס קבלה. דער מיסטיקער האט ענדלעך זיין ציל דערגרייכט: ער האט די הייליקע ערד פון די אבות באטראטן, און באלד קומט שון דער טאג, ווען ער וועט קאנען אפן פרעדיקן די „חכמת האמת״ און מגלה זיין פאר דער גאנצער וועלט די וואונדערבארע סודות, וואס דעם שליסל צו זיי פארמאגט נאר די געטלעכע קבלה...

דער לאנג דערווארטער טאג איז אבער ניט געקומען. די שיינע האפענונגען און גראנדיעזע פלענער פון דעם התלהבותדיקן מיסטיקער האט אומברחמנותדיק דערשטיקט די קאלטע האנט פון דעם טראגישן טויט. אינם פרילינג 1747 האט אין פאלעסטינע די פעסט אויסגעבראכן און צווישן אירע ערשטע קרבנות זיינען געפאלן לוצאטו מיט זיין גאנץ הויזגעזינד. ער איז געשטארבן אין עכו דעם 6טן מאי, אויפן פערציקסטן יאר פון זיין לעבן, און מען האט אים מיט גרויס כבוד צו קבורה גע־בראכט אין טבריה לעבן דעם קבר פונם בארימטן תנא ר׳ עקיבא.

אויף אזא טראגישן אופן האט זיך איבערגעריסן דער לעבנסוועג פון דעם גרויסן בעל החלומות, דעם אומגליקלעכן גאון מיט די געבראכענע פליגלען. אזוי איז אומגעקומען איינע פון די שענסטע און איידלסטע יידישע פערזענלעכקייטן, אומגעקומען א צעבראכענע, א פארקריפלטע אונטער דער שווערער לאסט פון דער פארמרה־שחורהטער בין־השמשות־תקופה. א ציכטיק־ווייסע, פאראיינזאמטע מעווע האט זיך איבער דעם פארחושכטן געטא באוויזן; די איינזאמע, ניט צו דער צייט געקומענע, האט געמוזט אומקומען; אבער איר אנגסט־געשריי איז ניט דערשטיקט גע־ווארן. און שארף און העל האט איר עכא אפגעקלונגען... לוצאטון איז ניט באשערט געווען צו אנטפלעקן די גאנצע קראפט פון זיין גרויסער באגאבונג, אבער אפילו דאס, וואס ער האט אויפגעטאן ביי די אומגינסטיקע באדינגונגען, האט געשאפן א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער העברעישער פאעזיע.

פערטער קאַפּיטל

דער „שולחן־ערוך"־רבנות אין זיין ירידה־תקופה. — י מאַכטלאָזיקייט פון די „מנהיגי הדור". — ר' יונתן אייבשיץ און זיין באַטייט. — אייבשיץ אַלס „זוכער"; זיין נטיה צו קבלה. — אייבשיצעס קבלה־ווערק „שם עולם". — ווי קאָן מען אַ פּשרה מאַכן צווישן דעם „גאָט פון אַריסטו" און דעם „גאָט פון אַברהם"? — חי איז צו פאַרענטפערן די שאלה וועגן „חזל צפוי" און בחירה חפשית. — אייבשיצעס חעלטבאַנעם — „סיבה ראשונה" און „אלהי ישראל". — אייבשיצעס גלויבן אין צירופי אותיות. — ר' יעקב עמדן אַשכנזי אַלס מענטש און שריפטשטעלער; זיין זעלבסטביאָגראַפיע „מגילת ספר"; זיין קאַמף קעגן יונתן אייבשיץ. — דער באַטייט פון דעם דאָזיקן קאַמף.

מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען געזען מיט וואָסער געוועט די רבנים האָבן געקעמפט קעגן דער שבתי־צבי׳ישער „מינות" און „אפיקורסות": מיט חרמות און רדיפות. קיין אַנדער געווער האָבן זיי פּאַקטיש אין זייער רשות ניט געהאַט. די מנהיגי הדור האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז — „לא נחת ביעקב", ס'איז ניט רויִק אין די געצעלטן פון יעקב. זיי האָבן געזען, אויף וואָסערע ריזיקאַלישע און גליטשיקע וועגן עס פאַרפירן די משיחיש־מיסטישע שטרעבונגען, זיי זיינען אָבער מאַכטלאָז געוועזן צו קעמפן קעגן דער פאַרשטייענדיקער געפאַר מיטן געווער פון איבערצייגונג, מיטן התלהבותדיקן פּאַטאָס פונם באַגייסטערדיקן וואָרט. עס איז קלאָר, אַז צווישן די תלמידים און אָנהענגער פון יהודה חסיד, חיים מלאך ופרומה זיינען געווען ניט נאָר אַוואַנטוריסטן פון גאַנץ נידעריקער מאָראַלישער קוואַליטעט, ווי נחמיה חיון, נאָר אויך טיף עטישע „זוכערס", וואָס זייער צאַרט פילנדיק געוויסן האָט זיי קיין רו ניט געקאָנט געבן. אין די מיסטיש־טעאָסאָפישע, אין סודות איינגעהילטע, פאַרפּלאָנטערטע וועגן, האָבן זייערע לעכצנדיקע נשמות געזוכט אַ תשובה אויף דער האַרבער רעטעניש פונם לעבן, געהאָפט צו געפינען אַן ענדגילטיקן ענטפער אויף דער שמאַרציקער פּראָבלעם וועגן דער שליטה פון שלעכטס אויף דער וועלט און וועגן די ניט־פאַרגיטיקטע לייד פונם אויסדערוויילטן פאָלק, דעם טרעגער פונם „הייליקן בונד". וואָס האָבן געקאָנט געבן אָט די אומרויִקע, זוכנדיקע גייסטער די פאַרגליווערטע משגיחים

איבער דעם „שולחן ערוך״־רבנות, וואס האבן אלע זייערע גייסטיקע כוחות פארשווענדט אויף פרוכטלאזן טרוקענעם פילפול, און זייער גאנצע שאפונגס־קראפט האט זיך אויסגעשעפּט דערמיט, וואס זיי האבן געזאמלט גאנצע בערג אלץ נייע הגהות און פשטלעך צו די פוסקים און רעליגיעזע קאדעקסן פון די פריערדיקע דורות?.. דעם גרעסטן שבח, וואס מען האט נאכגעזאגט איינעם פון די באדייטנדסטע רבנים אום דעם סוף פונם 17טן י״ה, איז באשטאנען אין דעם, וואס יענער האט געדענקט אויס־ ווייניק דעם „טורים״ און דעם „בית יוסף״ [1]. זיין א וועגווייזער פאר די, וואס האבן געבלאנדזשעט איבער די פארפלאנטערטע וועגן פון מיס־ טיק, באַרויִקן די לעכצנדיקע נשמות, וואס זוכן אן ענטפער אויף דער שמארציקער רעטעניש פונם לעבן — דאס איז געווען איבער די כוחות פון די דעמאלטיקע מנהיגי הדור, וואס האבן אליין געגלויבט אין כישוף, שדים און מחבלים, אין כל המיני השבעות און אין דער וונדערבארער קראפט פון קמיעות און „צירופי אותיות״. האבן זיי קיין אנדער מיטל ניט געפונען ווי ארויסטרעטן מיטן אלטן געווער פון חרמות און רדיפות. עס האט זיך אבער באלד ארויסגעוויזן, אז דאס דאזיקע געווער קאן צו קיין ניצחון ניט ברענגען, דערפאר אבער קאן עס ווערן גאנץ געפערלעך פאר די גופא, וואס באנוצן זיך מיט אים. די מנהיגי הדור האבן באלד געהאט די געלעגנהייט זיך צו איבערציינגן, אז מיט זייער געווער האבן זיי די שלאנג פון „מינות״ ניט געטויט, דערפאר אבער האבן זיי שטארק אפגעשוואכט זייער אייגענעם אויטאריטעט און געמאכט וואקלדיק דעם גאנצן רבנישן בנין.

אין זייער קאמף קעגן דעם מיסטישן דיכטער לוצאטו האבן די רבנים מנצח געווען. באלד אבער נאך דעם דיכטערס טראגישן טויט האט א נייער קאמף אויסגעבראכן, וואס האט אויפגערודערט די גאנצע רבנישע וועלט און געפונען אפילו א געוויסן אפקלאנג אין דער קריסטלעכער סביבה. דער חשד פון שבתי־צביישער אפיקורסות איז דאס מאל געפאלן אויפן גרעסטן רבנישן גאון פון יענער צייט, וואס זיין גלייכן האט די רבנישע וועלט ניט געזען זינט שבתי כהן (דער ש״ך) ביז אליהו אויס ווילנע. דאס איז ר׳ יונתן בן נתן אייבשיץ. ער איז געבוירן אין פראגע אין 1690 אין א חשובער רבנישער פאמיליע, וואס פירט איר שלשלת היוחסין פון נתן שאפירא דעם בעל „מגלה עמוקות״. נאך אין די קינ־ דערשע יארן האט יונתן אייבשיץ שוין געשמט אלס „עלוי״; אלס קליין יינגל איז ער שוין געזעסן אין זיין פאטערס ישיבה צוזאמען מיט די דער־

---

[1] יעקב עמדן, „מגילת ספר״, 5.

וואקסענע בהורים און זיי געמאכט שטוינען מיט זיין בקיאות און חריפות. ווען יונתן איז אלט געווען 11 יאר איז זיין פאמיליע אריבערגעפארן קיין אייבשיץ, ווייל די אָרטיקע קהילה האט זיין פאטער אויסגעקליבן פאר א רב. דער פאטער איז אבער אין א יאר ארום געשטארבן און די אייבשיצער קהילה האט אוועקגעשיקט דעם 12־יאריקן יתום קיין פראסניץ (מערן) לערנען אין דער ישיבה פון דעם בעל „פנים מאירות”, מאיר אייזנשטאט. ער איז אבער, ווי עס שיינט, ניט לאנג פארבליבן אין דער דאזיקער ישיבה און האט דערנאך געלערנט אין די ישיבות פון האלישאו און ווין. אדאנק זיינע גאונישע פעיִקייטן האט אייבשיץ שוין אין די יונגע יארן זיך קונה־שם געווען מיט זיין אויסערגעוויינלעך חריפותדיקן שכל און גוואלטיקע בקיאות אין תלמוד און קבלה. צו 18 יאר איז ער שוין געווען אב־בית־דין אין יונגבונצלאוו און צו 24 יאר איז ער געשטאנען בראש פון דער בארימטער פראגער ישיבה [2]. צום יונגן ראש־ישיבה האבן זיך פון די ווייטסטע מדינות געצויגן די הונדערטער תלמידים [3]. יעדער ישיבה־בחור האט געחלומט צו האבן די זכיה לערנען תורה ביי דעם גאונישן ראש־ישיבה, וואס פארענטפערט אזוי לייכט און מיט אזא וואונדערבארער חריפות די הארבסטע סוגיות פונם תלמוד. דערצו איז נאך אייבשיץ געווען א „פה מפיק מרגליות” און געשעצט אלס גלענצנדיקער רעדנער [4]. מיט יעדן יאר איז אלץ מער געוואקסן אייבשיצעס נאמען, ער האט געגאלטן אלס דער גדול הדור, אלס דער גרעסטער גאון פון זיין צייט. דער גרויסער שם האט אבער ניט באפרידיקט דעם פראגער ראש־ישיבה, ניט באפרידיקט האט אים אויך די חכמת התלמוד, ניט קוקנדיק דערויף, וואס ער איז געווען איר אומפארגלייכלעכער מייסטער. זיין חריפותדיקער שכל האט פון יוגנט אן געשטרעבט צום אלזייטיקן וויסן. די מיטלאלטערלעכע אפזונדערונגס־מויער, וואס האט ארומגעצוימט די דעמאלטיקע רבנישע וועלט, איז אבער געווען אזוי פעסט און שטארק, אז אפילו אזא רייך באגאבטער מאן ווי אייבשיץ האט ניט געהאט דעם מוט זי דורכצוברעכן. דער „שולחן ערוך” האט ביי אים געגאלטן אלס דער העכסטער און אומבאגרענעצטער אויטאָריטעט; ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אז די בעלי „שולחן ערוך”

---

[2] גרעץ ווייזט אפילו אן, אז אייבשיץ איז געווארן ראש־ישיבה צו 21 יאר, אייבשיץ גופא דערציילט אבער, אז ראש־ישיבת איז ער ערשט געווארן אין 1714 (שנת דע"ת). זע „לוחות עדות”, 1755, דף 45. עמ׳ ב׳.

[3] צום אנפאנג פון די 50ער יארן האט די צאל פון אייבשיצעס תלמידים דערגרייכט ביז 20 טויזנט (זע דעם אויפרוף פון „ועד ארבע הארצות”, אין „לוחות עדות”, דף 50, עמ׳ ב׳).

[4] זינט 1728 איז אייבשיץ געווען אויך בעל־דרשן.

האָבן געשאַפן דאָס דאָזיקע זאַמלווערק דורך רוח הקודש, און דערפאַר איז יעדער מחוייב צו דערפילן אַלץ, „וואָס שטייט דאָרט געשריבן" [5]. „עס טאָר — לערנט אייבשיץ — אונז אפילו אויף דער מחשבה ניט קומען מבטל צו זיין אַ וועלכן ס'איז פעסטגעזעצטן מנהג [6]. יעדע נייע ערשיינונג איז ביי אים פאַרדעכטיק שוין דערמיט, וואָס זי איז נ י י, און דאַרף דער־פאַר באַקעמפט ווערן. ער רעדט דערפאַר מיט גרויס ירגזון וועגן די, וואָס באַזוכן „די אַזוינערופענע שוישפּיל, קאָמעדיע, אָפּעריא" [7]. אייבשיץ שטרייכט מיט גדלות אונטער, אַז ער איז אַ גאַנצער ידען אין חכמת הפילוסופיה און אויך אין די חכמות הטבע. די דאָזיקע ידיעות האָט ער אָבער געשעפּט אויסשליסלעך אויס די העברעיִשע מיטלאַלטערלעכע קוועלן. דעם באַרימטן ניוטאָנס אַ יינגערער בן־דור, האַלט דאָך אייבשיץ פאַר מעגלעך צו ריידן מיט ביטול וועגן „קאָפּערניקס נאַרישער סברה, וואָס איז דאָך סותר אונזער מסורה" [8]. אייבשיץ דערמאָנט, אמת, די „קאַרטעזיאַנער פילאָזאָפישע שול" [9], עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז וועגן דעם גרויסן פראַנצויזישן דענקער האָט ער בלויז צופעליק געהערט ביי זיינע גע־שפּרעכן, וואָס ער פלעגט אָפּט פירן מיט די וועלטלעכע און גייסטלעכע אַנגעזעענע באַאַמטע [10]. גרינטלעך און אַלזייטיק האָט אייבשיץ בלויז דורכגעשטודירט די יידישע מיטלאַלטערלעכע רעליגיעזע דענקער און זייערע מפרשים. ניט ביי זיי האָט ער אָבער געפונען אַ באַפרידיקנדיקן ענטפער אויף די גרונט־פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען אין מיטל־

---

5 אין זיין „אורים ותומים" שרייבט אייבשיץ: „שאנו יתמי דיתמי אין כח בידינו לטעון נגד השלחן ערוך והסכמות הרמ"א ז"ל, באשר שרות ד' נוססת בם וקיימו וקבלו חכמי דור להורות ולשמור הכל הכתוב בשלחן ערוך".

6 „באשר שידוע שתורתנו הקדושה היא נצחיית וכל מצות דרבנן נכללו בלאו דלא תסור מכל הדבר וכו' אין לעלות על לב שיש כח בידינו לבטל שום דבר מדקדוקי סופרים מעתיקי הדת וכרונם לברכה ולחדש שום דבר לפי העת והזמן מה שלא מצינו בדברי הראשונים, כי אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חבירו וכו', אף אין לשנות שום דבר מנהג ותיקן".

7 „יערות דבש", II, 308 (לובלינער אויסגאַבע, 1888): „לשמור רגלם מלכת למקום שקורין שוישפיל קאמעדיע אופרייא, המשחקים שם על טיאטרות שזה אמרו חז"ל: במושב לצים לא ישב אלו בתי טיאטרות... ששוחקין הקומידאנטן על טיאטרות, אוי לנו איך מלאו לבכם... ואתם הולכים ותשבו במקום מושב לצים הנ"ל".

8 „ועבור זה נתפשטו הרבה מתוכני קורפינקו וסייעתו באמרם שהארץ מסבב, אבל שקר נחלו והאמת עד לעצמו כי הארץ לעולם עומדת".

9 „שם עולם", 89, 257.

10 אַז די פּראָגער אַנגעזעענע באַאַמטע פלעגן גערן זיך אונטערהאַלטן מיטן שאַרפזיניקן און באַריידזאַמען ראַבינער, זע: „שם עולם", 175.

פונקט פון זיין וועלטבאַנעם, נאָר ביי די מיסטיקער און בעלי הקבלה. נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן האָט אים מיט דער „חכמת האמת'' באַקאַנט זיין פאָטער, וואָס איז אַליין געווען אַ הייסער מקובל, און די אגדה דערציילט, אַז פאַר אים האָט מגלה געווען די טיפסטע סודות הקבלה זיין זיידע, דער בעל „מגלה עמוקות''. מיט באַזונדערן אינטערעס שטודירט דער יונגער אייבשיץ די כתבים פון היון און קורדוזו [11], און בכדי געוויסע פּרטים גענויער אויפצוקלערן, פאַרפירט ער אַ חליפת מכתבים מיט די סאַבאַטיאַנער פּראָסניץ, חסיד און קאָמענטאַר. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ האָט געוואָרפן אַ געוויסן חשד אויף אייבשיצן, און ווען די רבנים, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער שבתי־צבי־ישער „אפיקורסות'', האָבן אין 1725 אַרויסגעוואָרפן אין חרם די נאָר וואָס דערמאָנטע דריי „שבתי־צביניקעס'', האָבן אייניקע פון די קנאישע קעמפער בדעה געהאַט צוזאַמען מיט די דריי מחרים זיין אויך דעם פּראָגער רב. צו גרויס איז שוין אָבער דעמאָלט געווען אייבשיצס אויטאָריטעט, האָבן די קנאים ניט געוואָגט צו אויספירן דעם דאָזיקן ריזיקאַלישן שריט; דאָך האָט אייבשיץ געפונען פאַר נייטיק, בכדי זיך ריינוואַשן פון וועלכן ס'איז חשד, אַליין אויסרופן צו „כל נדרי'' בראש פון נאָך אייניקע רבנים און די פּראָגער טובי העיר דעם גרויסן חרם קעגן די אַלע, וואָס געהערן צו דער שבתי־צבי־ישער סעקטע. דער היסטאָריקער גרעץ, וואָס איז אַזוי אומגערעכט צו יעדן, וועלכן ער איז חושד, אַז יענער האָט אַ נטיה צו מיסטיק, דערקלערט גלייך, אַז אייבשיץ האָט דאָס געטאָן אויס צביעות און צוויי־פּנימדיקייט, ווייל ער גופא האָט דאָך אויך געהאַלטן פון דער גאָטלעסטערלעכער שבתי־צבי־ישער תורה, אַז די „סיבה ראשונה'' געפינט זיך אויסער וועלכן פאַרבאַנד מיט „מעשה בראשית'', און בלויז דער סיבה ראשונהס ערשטע אצילה, דער אלהי ישראל, דער פאַרבילד פון די עשר ספירות — ער איז דער באַשעפער פון דער וועלט, דער געזעצגעבער, דער וואָס האָט מיט דעם פאָלק ישראל דעם בונד געשלאָסן. עס איז קלאָר, איז גרעץ מוסיף, אַז אייבשיץ האָט אָנגענומען אויך אַלע ווייטערדיקע אויספירן פון דער דאָזיקער אפּיקורסישער תורה: אַז שבתי־צבי איז דער אמתער משיח, די פאַרקערפּערונג פון מלכא קדישא, און זינט ער האָט זיך אויף דער וועלט באַוויזן זיינען די געזעצן פון תורת משה בטל געוואָרן. גרעץ האָט דערביי ניט גענומען אין באַטראַכט, אַז דעם „אפּיקורסישן'' גרונט־געדאַנק וועגן סיבה ראשונה און אלהי ישראל האָט אייבשיץ גענומען ביים גאָטספאַרכטיקן מנחם די פאַנו, וועלכער איז

[11] אין איינער אַן אַרבעט, וואָס ער האָט געשריבן אין 1728, דערציילט אייבשיץ: „שוין איבער צוואַנציק יאָר זינט איך האָב מיך באַקענט מיט די כתבים פון היון און קורדוזו'' („שם עולם'', 31).

געשטאָרבן נאָך איידער שבתי־צבי איז געבאָרן, און אויך אזא איבערצייג־טער קעגנער פון דער שבתי־צביִישער לערע, ווי יוסף אירגאַס, וועלכן גרעץ גופא אַטעסטירט אלס „קלאָרן קאָפּ", ווייזט אָן אין זיין „שומר אמונים" (דף 38, עמ' א), אז „המאמין בקדמות הרצון לא יאמין בשניות ה"ו". גרעץ, בעת ער זאָגט ארויס זיין פעסטע איבערצייגונג, אז יונתן אייבשיץ איז געווען אַן אָנהענגער פון דער שבתי־צביִישער לערע, פאַר־רופט ער זיך דערביי אויף דעם אַדאַנק י. מיזעסן אויסגעפונענעם מאַנוסקריפּט „שם עולם", וואָס אייבשיצעס תלמיד, שמעון בוכהאַלטער, האָט פאַרענדיקט אין 1748. אין דעם דאָזיקן ווערק, אויף וועלכן גרעץ איז זיך סומך, גיט בוכהאַלטער איבער אויפן גרונט פון שריפטלעכע דאָקו־מענטן און מינדלעכע געשפּרעכן זיין רבינס פילאָזאָפיש־מיסטישע וועלט־אָנשויונג. איצט איז אָבער בוכהאַלטערס מאַנוסקריפּט פאַר אַלעמען צו־גענגלעך, ווייל א. ווייסמאַן האָט דעם „שם עולם" פאַרעפנטלעכט אין 1891; קאָן זיך טאַקע איצט יעדער גאַנץ לייכט איבערצייגן ווי ווייט אומגערעכט גרעץ, און נאָך אים דער משכּילישער קנאי דוד כּהנא [12], זיינען מיט זייער באַהויפּטונג, אז דער גרויסער חריף יונתן אייבשיץ איז געווען א באַהאַלטענער „שבתי־צביניק".

אייבשיצעס תלמיד, שמעון בוכהאַלטער, האָט אויף דער עלטער צונויפגעזאַמלט אַלע פון זיין רבין באַקומענע [13] בריוו און נאָטיצן, וואָס באַהאַנדלען פילאָזאָפישע און רעליגיעז־מיסטישע פּראָבלעמען, זיי אָפּגע־שריבן, ווי בוכהאַלטער פאַרזיכערט, „וואָרט ביי וואָרט און אות ביי אות", און געמאַכט פון זיי א גאַנץ חיבור „שם עולם". דער גאַנצער בריוולעכער מאַטעריאַל, וואָס איז געשריבן אין דיאַלאָגן־פאָרם צווישן א רבין און זיין תלמיד, דרייט זיך פּאַקטיש אַרום די צוויי אַלטע גרונט־פּראָבלעמען: ווי אזוי האָט דאָס אַבסאָלוטע און אומענדלעכע באַשאַפן דאָס מאַטעריעלע און באַגרענעצטע, און ווי איז צו פאַרענטפערן דעם באַ־גריף פון „הכל צפוי" — גאָט איז אַלוויסנד, מיט דער לערע פון בחירה חפשית און שכר ועונש. לאַנג און מיט גרוים עקשנות האָט אייבשיצעס חריפותדיקער מוח געאַרבעט איבער די דאָזיקע צוויי פּראָבלעמען. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר א יראת הכבוד אייבשיץ האָט זיך פאַרהאַלטן צו די אָנגענומענע אויטאָריטעטן. דערמאָנט ער, א שטייגער, משה קורדואירא, איז ער דערביי גלייך מוסיף: „הלוואי שנשמתנו

---

12 זע זיין „אבן עופל".

13 די בריוו זיינען געשריבן אין די יאָרן 1728—1730.

יחד תהיה הדום רגלי הרמ"ק" [14], ער קאָן זיך אויך גאָרניט פאָרשטעלן עס זאָל זיך ווער אונטערשטיין „לחלוק על ספר יצירה" [15]. און דאָך באַווייזט ער, ביי דער דעמאָלטיקער אָפּגעשטאַנענער רבנישער סביבה, אַ ממש באַוווּנדערונג־ווערטן מוט צו שעפּן פון פרעמדע קוועלן און נעמען צו הילף ביי זיין מיזאַמען זוכן און פאָרשן נאָכן אמת אויך די חכמי אומות העולם, די ניט יידישע פילאָזאָפן און דענקער. „כי מה שיש ביד הפילוסופים לאמת אני מקרב — אַלץ וואָס ביי די פילאָזאָפן איז אמת און ריכטיק, דאָס נעם איך פון זיי איבער" — חזרט אייבשיץ מערערע מאָל איבער [16]. ער פאַרהאַלט זיך מיטן גרעסטן הדרת הכבוד צום אויטאָריטעט פונם רמב"ם ניט נאָר ווי צום גרויסן פּוסק, דעם אומפאַרגלייכלעכן באַשעפער פונם „משנה תורה", נאָר ווי צום אומדערמידלעכן אמת־זוכער, צום גאונישן באַשאַפער פונם „מורה נבוכים". „ווי טיף זיינען די אידעען פון דעם דאָזיקן מאַן, רופט ער אויס מיט התפעלות, ווי דערהויבן זיינען זיינע געדאַנקען!" [17]. אין פולן הסכם מיטן רמב"ם שטרייכט אויך אייבשיץ שטענדיק אונטער, אַז דעם געטלעכן פּרינציפּ, די סיבה ראשונה [18], קאָן מען ניט באַקליידן מיט וועלכע ס'איז מידות און אַטריבוטן. די סיבה ראשונה האָט אפילו קיין נאָמען ניט, וואָרעם — „השם הוא עצמותו ממש" [19], דער נאָמען פון אַ זאַך איז דאָך דער אויסדרוק פון איר מהות און תמצית [20], און דער מהות פון דער סיבה ראשונה איז דאָך פאַרבאָרגן און פאַרהוילן. אָט דעם געדאַנק, אַז אַ נאָמען איז ניט עפּעס צופעליקס און זייטיקס, נאָר דריקט אויס דעם תמצית פון דער זאַך, האַלט אייבשיץ פאַר זייער וויכטיק און קערט זיך צו אים מערערע מאָל אום. „אָט אין דעם — זאָגט אייבשיץ — זעט מען טאַקע די גרויסע חכמה פון אדם הראשון, וואָס ער האָט אַלע באַשעפענישן נעמען געגעבן; ער האָט בכן פאַרשטאַנען די טבע און דעם מהות פון יעדן

---

14 „הלוואי וואָלט אונזער נשמה געווען אַ פוסבענקעלע ביי דעם רבי משה קורדואירו" („שם עולם", 113).

15 „שם עולם", 130.

16 דאָרט, 88, 122 א"וו. אמת, מען מוז דערביי געדענקען, אַז אַלע זיינע פילאָזאָפישע ידיעות האָט אייבשיץ געשעפּט אויסשליסלעך אויס די יידישע קוועלן.

17 דאָרט, 156: „כמה עמקו מחשבות האיש הלזה וכמה שגבו עשתנותיו".

18 ווי קורדווו, אַזוי געברויכט אויך אייבשיץ שטענדיק דעם טערמין „סיבה ראשונה" אין מענלעכן מין (דער סיבה ראשונה ניט די סיבה ראשונה).

19 דאָרט, 157.

20 וועגן דעם דאָזיקן געדאַנק ביי די פריערדיקע יידישע מיסטיקער, זע אונזער ווערק, באַנד III, 42—45.

בעל־חי באזונדער" [21]. די סיבה ראשונה קאָן מען אויך ניט באַקליידן מיטן וואָרט „איינציקער" [22], וואָרעם דער באַגריף „איינציקייט" איז אויך אַ מידה, זי דריקט אויס דעם איכות. אפילו דער שם ההויה (דער נאָמען מיט די פיר אותיות) איז אויך ניט דער נאָמען פון דער סיבה ראשונה, וואָרעם דער דאָזיקער נאָמען באַטייט דאָך — הויה, זיין, און „זיין איז דאָך אויך אַן אַטריבוט, אַן אייגנשאַפט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם עצם" [23]. אויך דער נאָמען „אין־סוף" קאָן מען ניט אָנווענדן בנוגע צו דער סיבה ראשונה, וואָרעם, ווייזט אָן אייבשיץ, אין „זוהר" און אין אַנדערע קבלה־ספרים באַגעגנט מען אָפט דעם אויסדרוק „האין־סוף, ברוך הוא"; בנוגע צו דער סיבה ראשונה איז אָבער אַזאַ אויסדרוק ממש אַן אומזין, וואָרעם די סיבה ראשונה איז דאָך דאָס אַבסאָלוט פּאַרהוילענע און אומבאַקאַנטע, זי קאָן ניט ווערן געבענטשט, ווייל זי איז אויסער אַלע ענדערונגען און איז העכער פון וועלכער ס'איז לויב און ברכה [24]. אומפּאַרענדערלעך איז די סיבה ראשונה, ס'איז לעכערלעך צו דענקען וועגן וועלכער ס'איז אויסערלעכער השפּעה. שטעלט טאַקע אייבשיץ שאַרף און בולט די פראַגע: צו וועמען אייגנטלעך ווענדן זיך די תּפילות פון די מענטשן? וואָס פאַר אַ זין האָט צו רופן צו דער סיבה ראשונה: „סלח נא, מחול נא, כפר נא!" ער* איז דאָך אויסער וועלכן שינוי, ער איז אין אַלע אייביקייטן איינער און דער זעלבער, ווי זשע קאָן מען עס גאָר טראַכטן וועגן ענדערונגען דורך אויסערלכער ווירקונג? [25]. ניט ער, דער פאַרבאָרגענער און אומבאַקאַנטער, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט און קיין נאָמען, שטראַלט אויס ליכט און טרייסט אויף די רעליגיעזע שמאַכטנדיקע נשמות, ניט צו אים דערהויבן זיך די הייסע געבעטן, ניט צו אים זיינען געווענדט די מיט האָפענונג און גלויבן אָנגעזאַפּטע אויגן. ווי־זשע איז צו פאַרייניקן, ווי יהודה הלוי דריקט זיך אויס, דעם „אלהי אריסטו" מיטן „אלהי אברהם"? ווי קאָן מען עס איבערוואַרפן אַ בריק צווישן אַזוינע צוויי גרונט־פאַרשיידענע באַגריפן: פון איין זייט די סיבה ראשונה,

---

[21] דאָרמן, 165: „וזהו כחכמת אדה"ר שנתן שמות לכל בעלי חיים, שהבין בכל יצורים טבעיהם ואיכותיהם".

[22] דאָרמן, 51, 64: „על סיבה ראשונה לא יחול שם אחד".

[23] דאָרמן, 7—8: „הויה הוא רק תואר נוסף על העצם".

[24] דאָרמן, 135, 145, 240: „על הסבה ראשונה אין לאמר ברוך... אין לומר לו ברוך — הוית מרומם על כל ברכה ותהלה". זע אויך וועגן דעם זעלבן געדאַנק אין מנחם מסאַנוס „מאה קשיטה", נומ' 22 און אין באַזילחס „אמונת חכמים", דף 36, עמ' ג'.

* מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אייבשיץ ברענגט שטענדיק דעם באַגריף סיבה ראשונה בלשון זכר.

[25] דאָרמן, 23, 30, 193 א"ו.

די אַבסטראַקטע און אומענדלעכע, די טיף פאַרבאָרגענע און מיטן נאָמען אומבאַקאַנטע, וואָס איז אויסער וועלכער באַרירונג מיט צייט און מיט גרענעץ, און פון דער אַנדערער — דער גאָט פון ישראל, דער באַשעפער פון הימל און ערד, דער גאָט פון משפט און גערעכטיקייט, דער באַשיצער פון יתומים און אלמנות, וואָס פאַרנעמט דאָס געבעט און די טרערן פון די ליידנדיקע און שווער באַדריקטע? לויט אייבשיצעס פעסטער איבערציי־גונג, גיט די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע אויף דער דאָזיקער פּיינלעכער פראַגע קיין שום ענטפער ניט. און די פראַגע מוז דאָך אַן ענטפער באַ־קומען, און איר איז דאָך דער שליסל, דער אמתער תמצית פונם מענטשנס עקסיסטענץ און לעבן. בלויז אין דער קבלה, פאַרזיכערט אייבשיץ, אין דער לערע וועגן די אויסגעשטראַלטע צען ספירות, קאָן מען געפינען אַן ענד־גילטיקן ענטפער אויף דער דאָזיקער לעבנספראַגע [26]. ס'איז אָבער כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם גרויסן חריף און עוקר הרים, וואָס האָט כל ימיו פאַרבראַכט אין תלמודישן פּילפּול, ווי ער פלייסט זיך אונטערצו־שטרייכן, אַז די „תורה שבלב" געפינט זיך כלל ניט אין סתירה מיטן שכל. אין דעם — ווייזט אָן אייבשיץ — באַשטייט דאָך אונזער גרויס־קייט, דערמיט אונטערשיידן מיר זיך פון אַלע אַנדערע אומות, וואָס אין אונזער תורה איז ניטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל סותר זיין דעם שכל הישר. מיר באַשטייען בלויז דערויף, אַז מיר האָבן בקבלה אַזוינע אמת;, וואָס זיינען העכער פונם מענטשנס שכל [27].

מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין חריפותדיקער דיאַלעקטיק פלייסט זיך אייבשיץ לאָגיש באַווייזן, אַז הן אין די כתבי הקודש, הן אין תלמוד, יעדעס מאָל, ווו עס ווערט דערמאָנט דער באַשעפער, דער גאָט פון ישראל, און די סיני־התגלות — איבעראַל איז די רייד ניט וועגן דער סיבה ראשונה גופא, נאָר בלויז וועגן איר רצון. אייבשיץ שטרייכט אָבער דערביי באַזונדערס אונטער, אַז די באַצייכענונג „רצון" דאַרף מען דאָ ניט פאַר־שטיין אין דעם געוויינלעכן, פּשוט „מענטשלעכן" באַטייט. דאָס וואָרט „רצון" וויל דאָ בלויז לאָזן הערן, אַז די וועלט־באַשאַפונג איז געווען אַ באַוווּסטזיניקער אַקט, ניט קיין חיוב, קיין אומבאַוווּסטזיניק טאָן ווי די זון טוט אירע שטראַלן פאַרשפּרייטן [28]. הכלל, פירט אויס

26 דאָרטן, ז' 89, 91, 101, 150, 174 אאַז"וו.

27 דאָרטן, 118: „חס ושלום לומר על התורה שליטה שלנו שהשכל מנגדו, כך הוא לימוד שלנו שתורתנו נשגבה מהשכל וא"צ מופת השכל לקיימו אבל שיהיה שהשכל כנגדתו היה לא תהיה". זע אויך ז' 42 און באַזונדערס 231.

28 דאָרטן, 46—47: „אמנם באמת בבורא ענין רצון רק דרך שלילה, לשלול החיוב ופירושו רצון כוונה רצוני לומר שמכוון בבריאת העולם ולא נתהוה ממנו דרך חיוב כהים מהשמש". זע אויך דאָרטן, 57, 59.

אייבשיץ, דאָס וואָרט ווילן באַטייט באַוווסטזיין, דאָס ד ע נ ק ע נ ד י ק ע פּרינציפּ ביים שאַפֿן. ווילן — הייסט דענקען; ווילן און געדאַנק זיינען איינס צוזאַמען. „ער (סיבה ראשונה), זיין חכמה, זיין ווונטש און זיין ווילן — אַלץ צוזאַמען איז איינס" [29]. ניט צופעליק דערמאָנט אייבשיץ, ווען אַפילו בלויז אַגב אורחא, דעם בעל „אור ד'", חסדאי קרשקש. אויך אייבשיץ ווייזט אָן גאַנץ דייטלעך, ווען אַפילו אין אַ ביסל מער פאַרשטעלטע ווערטער ווי קרשקש, אַז „מעשה בראשית", די וועלט־באַשאַפונג, איז געווען אַ נ ו י ט ו ו ע נ ד י ק י י ט, אַ מ ו ז ־ זאַך [30]. אָבער אויך ער, ווי קרשקש בשעתו, שטרייכט דערביי אונטער, אַז דער באַגריף „נויטוועדיקייט" וויל כּלל ניט לאָזן הערן, אַז דער מוז־אַקט איז געשען אָן באַוווסטזיניקן ווילן. דער געטלעכער דענקענדיקער ווילן, אָדער ריכטיקער געזאָגט — גאָטס ווילן־געדאַנק (כי הכל אחד ענין רצון און מחשבה), איז אויך אַזוי אייביק ווי די סיבה ראשונה גופא, וואָרעם, דערקלערט אייבשיץ, „די דענקענדיקע סיבה ראשונה קאָן מען דאָך ניט אָפּטיילן פונם געדאַנק גופא". און אָט דער דענקענדיקער פּרינציפּ, דאָס געטלעכע באַוווסטזיין און דער אייביקער געטלעכער געדאַנק—איז דאָך דער „שאַפנדיקער" געדאַנק; ער איז דער ציור, ד"ה דער פאָרבילד פון די צען ספירות, וואָס פון זיי און דורך זיי זיינען אַלע וועלטן געשאַפן [31].

אָט דער פאָרבילד פון אַלע הוויות, פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט, איז אומטיילבאַר פון דער סיבה ראשונה, זיי זיינען צוזאַמען באַהעפט און דאָך ניט איינס און דאָס זעלבע (ממש עצם אחד אף שאיננו עצם אחד). און טאַקע דער דאָזיקער פאָרבילד, וואָס אין אים זיינען איינגעשלאָסן בכּוח אַלע צען ספירות, איז דער טרעגער פון דעם שם הוויה, וואָרעם ער, אַלס שאַפנדיקער געטלעכער געדאַנק, איז דער מקור פון אַלע הוויות [32].

---

29 דאָרטן, 85 : „בכּה שכתבו בבורא — רצון, רצוננו לומר מכוין ומשכיל.. ומילת רצון פירוש מחשב... כי הכל אחד ענין רצון או מחשבה". דאָרטן, 84 : „והוא ושכלו וחכמתו וחפצו שהוא רצונו — הכל חדא".

30 דאָרטן, 83', 188, 208, 209 : „אלהי ישראל מחיוב מן הסבה הראשונה.. מחיוב [illegible]יציאות".

31 דאָרטן, 105 : „ובזה הצייר יוד ספירות היו כלולים בכח י"ס דאצילות ובעת אצילות יצא לפועל". זע אויך דאָרטן, ז' 48, דעם אָפּזאַץ, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער : „יהיה יוד ספירות בציור דק".

32 דאָרט 49 : „ודע כי לסבה ראשונה לא יחול שום שם ולא הויה ולא אלקים, ובזה שמו אשר יקראו לו, כי הוא נשגב מכל השמות, ובסבה ראשונה אין לומר בו שום שם כלל, אמנם ציור יוד ספירות שהמה בסוד מושכל מסבה ראשונה — להן קראו בעצם הויה ואלוה, כי הוא מקור הוויות ואלהות ועליו חל השם בעצם, כי הוא סוד שם הויה באמת, ולכך נקראו אלו עשר ספירות עצם אלוה ולא עצם הסבה ראשונה".

צו אים, דעם פאַרבילד פון די עשר ספירות, באַלאַנגט אויך די באַצייכע־נונג: „אחד“, בכדי אַנצודייטן זיין איינקייט מיט דער סיבה ראשונה; דאָס ווערט אויך ער געמיינט אונטערן נאָמען: ד׳ אלהי ישראל! און אין דעם איז באַהאַלטן דער טיפער געדאַנק אין די ווערטער: שמע ישראל! ד׳ אלהינו ד׳ אחד! דאָס וויל באַטייטן: אומטיילבאַר און צונויפגעגאָסן אין איין איינקייט איז ער מיט דער סיבה ראשונה, וואָרעם אומטיילבאַר איז דער געדאַנק פונם דענקענדיקן [33]. און טאַקע נאָך דער פאַרבילד פון די עשר ספירות, אָבער ניט די סיבה ראשונה גופא, חזרט אייבשיץ מע־רערע מאָל איבער, טראָגט דעם נאָמען „אין־סוף“. „האין סוף היא המחשבה והשם“ [34], דערקלערט אייבשיץ, און דערפאַר הייסט ער „אין־סוף“, ווייל ער האָט ניט קיין סוף, ער האָט אָבער אַן אָנהייב — אין דער דענקענדיקער סיבה ראשונה [35]. און אין דעם, איז אייבשיץ מוסיף [36], ליגט דער טיפער מיין פון ר׳ אליעזר הגדולס אויסשפּרוך: „עד שלא נברא העולם היה הוא ושמו בלבד“. דאָס וויל באַטייטן: ער, די סיבה ראשונה, און דער טרעגער פון זיין נאָמען — דער פאַרבילד פון די צען ספירות, וואָס הייסט אויך אלהי ישראל. און ניט אומזיסט, ווייזט אייב־שיץ ווייטער אָן, מאַכט „שמו“ בגימטריא „רצון“ [37]. און אייבשיץ מאַכט דערביי פאָלגנדיקע זייער כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג: דאָס, וואָס איך רוף אָן „ציור עשר ספירות“, טראָגט ביי די אַלטע מקובלים דעם נאָמען „כתר“, און אַפּלמון, וואָס איז דאָך געווען ירמיהו הנביאס תלמיד און אַדאַנק דעם זיינען פאַר אים נתגלה געוואָרן, ווען אפילו אין אַ פאַרקריפלטער געשטאַלט, געוויסע סודות — רעדט וועגן דעם „חומר היולי“ (materia prima) [38]. אייבשיץ האַלט אָבער פאַר נייטיק אַמשאַרפסטן דערביי אונ־טערצושטרייכן, אַז אין דעם דאָזיקן געדאַנק, ועלכן ער האָט איבערגענ־ומען ביי מנחם די־פאַנו, איז ניטאָ קיין שום רמז פון צוויי־ אָדער פיל־גאָטיקייט, און געפינט זיך אין פולן קעגנזאַץ מיט דער קריסטלעכער דאָגמע פון דריי־איינקייט, ווו יעדע גאָטהייט האָט פאַקטיש איר גע־

33 דאַרבון, 49.

34 דאַרבון, 117. „אָט דעם דאָזיקן געדאַנק, ווי אויך דאָס אַנטקעגנשטעלן דעם אייביקן רצון — דעם בעל הרצון, האָט אייבשיץ גענומען, אין ער גופא ווייזט טאַקע דערויף אָן, ביים איטאַליענישן מקובל מנחם די פאַנו (זע יענעמס: „יונת אלים“, קאַפּ׳ 1—2; „פלח הרמון“, פערטער שער, קאַפּ׳ 1—2, 4). גרעץ און זיינע מיטקעמפער קענען דעם „שבתי־צביניק“ אייבשיץ האָבן דאָס פאַרזען.

35 דאַרבון, 51, 53, 108, 109, 133, 145, 152, 204.

36 דאַרטן, 51.

37 דער צאָל־ווערט פון ביידע ווערטער איז איין און דער זעלבער (346).

38 דאַרטן, 48—49, 116, 118, 159, 191.

שטאלט. „הכל מתייחד בתכלית הייחוד" — חזרט אייבשיץ מערערע מאל איבער, אלץ איז פארבונדן אין פולשטענדיקער איינהייט, עס קאן דא גאר קיין שום רייד נישט זיין וועגן טאפלקייט (שניות) אדער מערהייט, ווארעם פאראייניקט בתכלית הדביקות והיחוד איז די סיבה ראשונה מיט זיין רצון, דעם אלהי ישראל, וואס איז דער פארבילד פון די צען ספירות. ווי ס'איז אוממעגלעך אפטיילן דעם געדאנק פונם דענקענדיקן, אזוי איז אוממעגלעך אפטיילן פון דער סיבה ראשונה דעם שם היחוד, וואס איז דער אויסדרוק פון זיין שאפנדיקער קראפט (כי הוא שמו על פי פעולותיו) [39].

און טאקע צום שם הויה, דערקלערט אייבשיץ, צום אלהי ישראל טוען מיר אונזערע תפילות, אונזערע געבעטן און טרערן דערהויבן, ווארעם די אבסאלוטע סיבה ראשונה, וואס קאן מיט קיין נאמען נישט באצייכנט ווערן, ווייל זי איז אומבאגרייפלעך אין איר תכלית הפשיטות — בנוגע צו איר איז כלל נישט שייך צו דענקען זי זאל קומען אין וועלכער ס'איז בארירונג מיט פרטים און איינצלהייטן, און רעאגירן אויף וועלכער ס'איז השפעה פונם יחיד און פון צייטווייליקע און צופעליקע דערשיינונגען [40]. בנוגע צו דער סיבה ראשונה איז נישט שייך צו זאגן, אז זי ווערט „משתנה מדין לרחמים" [41], ווארעם אין איר קומט קיין שום שינוי נישט פאר, צו איר ארט וויסן זיינען נישט נוגע קיין פרטים און איינצלהייטן — זי נעמט

---

[39] דארטן, 55: „והכל מתייחד עמם בתכלית הייחוד, ועל מה שכתב מכ"ת חרד על דברי ואוחז פלצות שהוא בצד מה כענין בעלי הריב ומתנגדים מכת הסועים ודי למבין, הלא כבר אמרתי לך איך למדו לשקר... השיאו לדבריהם ויחפאו על ד' דברים אשר לא כן; יתעלה הבורא עילוי רב מדבריהם רחמנא ליצלן, ובפרט שבכל זאת פקו פלילה כנודע עושים נבדלים, ואמנם אצלינו שהכל בתכלית הדביקות והייחוד והסבה ראשונה מתאחד עם האלהי ישראל ואלהי ישראל עם האצילות, וגם אנו אומרים שהעילה אחד פשוט, ולדבריהם יש ריבוי והרכבה, ובזו פקו פלילה ביחידו של עולם, ולא כן אנחנו שאומרים שהעילה אחד פשוט... וכל תכלית עבודתנו לשמו שמתיחד עמו בתכלית הייחוד ואין זה רבוי כלל בחיק הסבה ראשונה". דארטן, 7: „ואין כן שניות אלה שהוא מחובר עמו בתכלית הדיבוק, ואלו היו שנים עילה היה מקום לקושיא זו, אבל כאן שהסבה ראשונה עילה וזה (ציור עשר ספירות) עלול והוא מדובק עמו בתכלית הדביקות וכשעלול מדובק בעילה שלו הרי הכל חד". דארטן, 94—95: „וזהו אלהי ישראל... כי הוא דבק בתכלית הייחוד והדיבוק עם הסבה ראשונה באחדות גמור לא יפרד כלל כשם שהוא אפשר להפריד המחשבה מן המחשב שהוא דבק זה בזה כך הוא השם הויה ב"ה עם הסבה ראשונה". זע אויך דארטן, 145.

[40] דארטן, 63—64: „סיבה ראשונה הוא פשוט בתכלית הפשיטות, לא יתכן בו זמן הנמנעות שבנמנעות לומר בו שינוי ומתפעל; ואם כן אף ידיעתו בחלקים ובפרטים לא יתכן בו כי במה שלא יחים בו שינוי בהתפעלה לא יוחס בו ידיעת בחלקים ובפרטים". דארטן, 215: „אנו אומרים לרוב גודל פשיטתו וגבהותו אינו משגיח בפרטים".

[41] דארטן, 207.

אָרום רק דאָס אוניווערסאַלע, אַלוועלטלעכע [42]. די סיבה ראשונה איז דער איינציקער מקור, אויס וועלכן עס פליסט דאָס אַבסאָלוטע לייטזעלי־קייט פון לעבן און זיין איבער דעם גאַנצן קאָסמאָס, אָבער ניט ע ר (אייבשיץ באַנוצט דאָך די סיבה ראשונה נאָר בלשון זכר), דער אַבסאָלוטער, אומדערגרייכבאַרער און אומבאַגרייפלעכער, פאַרנעמט זיך מיטן פונאַנ־דערטיילן די שפע פון לעבן און גליק [43]. און עס איז אומלאָגיש, שטרייכט אייבשיץ מערערע מאָל אונטער, צו זען אין דעם אַ פאַרמינערונג פון זיין (דער סיבה ראשונה) יכולת און מאַכט, נאָר אדרבה, דאָס איז דער פועל־יוצא פון זיין אומבאַגרייפלעכער גרויסקייט און העכסטער מדרגה פון פשיטות [44]. עס איז ממש לעכערלעך צו זען אַ באַגרענעצטקייט אין דער מאַכט פון דער סיבה ראשונה אויס דעם גרונט, וואָס ער, דער אַב־סאָלוטער און אומענדלעכער, וואָס האָט ניט קיין תמונה און קיין פאָרם, איז לויט זיין מהות ניט ביכולת זיך צו אַנטפּלעקן אין דער באַגרענעצ־טער געשטאַלט פון אַ בשר ודם. ניט ביכולת דאָס צו טאָן איז ער דאָך דערפאַר, ווייל אין אים, דעם אוניווערסאַלן אורקוואַל פון האַרמאָנישער גנזעצמעסיקייט, קאָן גאָרניט געבאָרן ווערן דער ווילן צו ענדערן זיין מהות און פאַרוואַנדלט ווערן אין זיין פולן היפוך: פון דעם אוניווערסאַלן, אומבאַגרענעצטן — פאַרוואַנדלט ווערן אין באַגרענעצטן און צופעליקן. אייבשיץ באַרירט מערערע מאָל דעם דאָזיקן פאַר אים וויכטיקן פונקט, און עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער לאָזט דערביי קיין מאָל ניט דורך די געלעגנהייט אָנצוווייזן ווי שטאַרק עס גרייזן אין דער הינזיכט די „מינים" און די „בעלי הרב ובת הטועים", ד"ה די פאַרשטייער פונם קריסטנטום [45].

בכן, די סיבה ראשונה האָט ניט צו טאָן מיט קיין פּרטים, ניט זי ווירקט דירעקט אויף דעם גורל פון יעדן יחיד; זי דענקט בלויז און באַ־גרייפט איר אייגענעם אוניווערסאַלן געדאַנק און ווילן; און אָט דער אוני־ווערסאַלער רצון־מחשבה איז דער שם הויה, דער אלהי ישראל, דער פּאַר־

42 דאָרטן, 207. „הסבת ראשונה אין ידיעתו מקפת בפרטים כלל רק בכללית עולמות". זע אויך דאָרטן, 63—64, 215 און ווייטער.

43 דאָרטן, 63, 67, 78—79, 215 א"וו.

44 דאָרטן, 234 א"וו.

45 דאָרטן, 63, 74, 90. עס איז דערפאַר ממש ניט צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דער היסטאָריקער גרעץ האָט געקאָנט קומען צום אויספיר, אַז אייבשיץ האָט אין דעם שבתי־צבי געזען דעם אמתן משיח, דעם אין מענטשלעכער געשטאַלט פאַרקערפּערטן „מלכא קדישא". אייבשיץ האַלט אויך פאַר נייטיק זיך אָפּצוצוימען פון דעם שבתי־צביס אָנהענגער קורדווזו און חיון, און ראָט אויך זיין תלמיד „ער זאָל זיך דערווייטערן פון זייערע רעות" (מנע דעתך מנתיבתם). דאָרטן, 245, 253—254.

בילד און ציור פון די צען ספירות. דער אקטיווער שאפנדיקער רצון עמאַנירט און ברענגט ארויס בפועל די צען ספירות, וואָס דורך זיי ווערן באַשאַפן אלע וועלטן און עס ווערט פאַרשפרייט די לייטזעליקייט, וואָס די סיבה ראשונה איז משפיע לויט די געזעצן פון דער געטלעכער חכמה און גענאַד, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דעם געטלעכן לבוש פון דעם שם הויה — אין די חוקים פון דער תורה [46].

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גרויסן חריף און גאונישן מייסטער אויפן געביט פון תלמודישן וויסן, וואָס ער פלייסט זיך דערביי אונטערצושטרייכן, אז די תורה שבעל פה איז ניט ווייניקער וויכטיק ווי די תורה שבכתב, ווייל זיי זיינען איין גאַנצע אומטיילבאַרע זאַך (ותורת אחת לכולנו שהוא עצם אחד). עס איז גענוג בלויז דורכצולייענען די זייטן 194—195 אין „שם עולם", מען זאָל ווידעראַמאָל שטוינען, ווי האָט עס גרעץ געקאָנט קומען צו דער החלטה, אז לויט אייבשיצעס איבערצייגונג איז נאָך דעם דערשיינען פון דעם שבתי־צבי די תורה שוין בטל געוואָרן.

דאָ טרעט אייבשיץ צו צו דער סתירותדיקער פּראָבלעם: פון איין זייט די געוועלטיקונג פון דער השגחה און געטלעכן אַלוויסן, און פון דער אַנדערער — דעם מענטשנס בחירה חפשית. מיט זיין גאַנצער חריפותדיקער דיאַלעקטיק פּרוּווט אייבשיץ באַלייכטן און אויפדעקן אַט דעם געפלאָנטער פון די הארבסטע סתירות. לויט אייבשיצעס וועלטבאַנעם איז דער סיבה ראשונהס וויסן כלל ניט קיין רעזאָלוטיווע אין פאָרם פון ענגדגילטיקער גזירה; זי נעמט בלויז ארום דאָס אלגעמיינע און אוניווערסאַלע [47]. ניט רעזאָלוטיוו איז אויך דאָס וויסן פונם אלהי ישראל, דעם פאַרבילד פון די צען ספירות, וואָס איז שוין יאָ משפיע אויף פרטים און יחידים; ווייל אויך ער נעמט דאָך בלויז ארום די גרונט־נאָרמען פון די דערשיינונגען, ווי זיי פליסן ארויס לויט באַשטימטע געטלעכע געזעצן אויס דער סיבה ראשונה [48]. דער אלהי ישראל, אָדער, מיט אַנדערע ווער־

46 דאָרטן, 192: „היותו עצמות התורה והוא והתורה חד". דאָרטן, 174: „כי הסבה ראשונה משגיח בכללות עולמות כמ"ש כל הפילוסופים שהשגחת וידיעת השם הוא בכלליות ולא בפרטית וחוק מסבה ראשונה לאלהי ישראל על פי התורה שהוא סוד השם המפורש שהוא סוד התורה להשפיע בפרטים כפי חוק התורה". זע אויך דאָרטן, ז' 102.

47 דאָרטן, 217: „אין ידיעתו החרטית כלל". דאָרטן, 491: „אין ידיעתו גוזרת, כי ידיעתו רק בדרך השכלה אבל לא בדרך מוחלט וגזירה".

48 דאָרטן, 102: „שאין ידיעתו מוחלטת כי כך עצם ציורו אשר לבל יחית ידיעתו החלטי וגזירה". דאָרטן, 174: „וחוק מסבה ראשונה לאלהי ישראל על פי התורת שהוא סוד השם המפורש שהוא סוד התורה להשפיע בפרטים כפי חוק התורה, ולכך הזובר ושב מקבל שפע כפי חוק הנכסר וכ"ש העובר ואינו שב, ולכך אין ידיעתו

טער, דער רצון־מחשבה, דער אין ווילן געפארמטער געטלעכער געדאנק — גייטיקט זיך ניט אין די מעשים טובים, אין די ברכות און תפילות פון די מענטשן, בכדי ער זאל זיך געפינען אין שטענדיקער פאריייניקונג מיט איר מקור, דער דענקענדיקער סיבה ראשונה. דעם מענטשנס אקטיווע מעשים האבן אבער א גוואלטיקן באטייט אלס באוווּסטזיניקע באשטעטיקונג פון די העכסטע געזעצן, וואס פליסן ארויס אויס דער געטלעכער חכמה. און טאקע לויט די דאזיקע מעשים איז דער אלהי ישראל משפיע די געטלעכע שפע פון גענאד, ווארעם דורך זיי, דעם מענטשנס מעשים, ווערט דאס געטלעכע וויסן, די געטלעכע געזעצן פון חכמה און חסד, פארקערפערט אינם לעבן, מאניפעסטירט דורכן באוווּסטזיניקן אקטיוון טאן [49]. מיר זעען בכן, ווי אזוי, אין פולן הסכם מיט די פריערדיקע מקובלים, זאגט אויך אייבשיץ ארויס דעם געדאנק, אז ניט נאר דער מענטש איז פון דער גאטהייט אפהענגיק, נאר דער מענטש מיט זיין פרייען ווילן איז אויך משפיע אויף די עולמות העליונים. און טאקע, איז אייבשיץ מוסיף, אט אין דעם אנערקענען די אוניווערסאלע ראלע פון דעם מענטשנס טאן, גייען זיך דיאמעטראל פונאנדער די מקובלים מיט די פילאזאפן [50].

בעת אייבשיץ חזרט מערערע מאל איבער, אז דער אלהי ישראל, דער געטלעכער רצון, איז דער מנהיג העולם [51], און טאקע נאר ער קאן באצייכנט ווערן מיטן ווארט „אלוה" [52], האלט ער דערפאר פאר נייטיק צו ווארענען מען זאל דערביי ניט קומען צו א פאלשער החלטה, אז די סיבה ראשונה האט קיין שום שייכות ניט צו דער הנהגה פון דעם וועלטאל. די

בההלם כי אם כפי השכלתו בסבה ראשונה שהוא למעלה הימנו ומשפיע בו, ואע"כ הכל על נכון, פעולת הסבה ראשונה להשפיע בכללית העולמות ואלהי ישראל מקבל השפע ומשפיע לפרטים כפי החק כמ"ש והכל על נכון והכל בתכלית היחוד והאידוק כמ"ש כל המחברים כמחשבה במחשב ומשכיל במושכל והרוצה ברצון וזה ברור".

49 דארטן, 205—206: „כי המושכל לעצמו אין צריך שפע וברכה כי הוא מחויב בצד המשכיל, רק מה שצריך הוא לזולתו לעולמות התחתונים שכך הוטבע בו טבע השכלתו ועצמותו הוויות מבלי להשכיל בעילתו לצורך תחתונים כי אם כפי העבודה והתפלה... הנאותה כמו שנאות עבודה לשדה כרם וזית כל אחד לפי טבעו, אבל לעצמו לא צריך בהכאן כי הוא קשור עם הסבה ראשונה ממש חד, כי כמו שלא יצויר משכיל בלתי מושכל כן לא יצויר מושכל בלתי משכיל".

50 דארטן, 119—120: „והלא הבדל רב בין פילוסופים למקובלים שהם אומרים שאפילו לגלגל חמה אין פגמי בני אדם מגיעים, והמקובלים אומרים שמגיעים ממש לכל העולמות".

51 דארטן, 121: „אלהי ישראל, הרצון, הוא המנהיג עולמות".

52 דארטן, 102: „והוא אלוה באמת כי מלת אלוה הוא ענין מנהיג ומשגיח בפרטים".

סיבה ראשונה, שטרייכט אייבשיץ אונטער, איז דאָך דער מקור פון אַלץ, אויסער אים. אָן זיין השפעה וואָלט ניט דער פאָרבילד פון די עשר ספירות, ניט יעדע ספירה באַזונדער געווען בכוח אנטפלעקן איר שאַפנדיקע קראַפט, וואָרעם די סיבה ראשונה איז דער אורקוואַל פון אַלע שאַפנדיקע קרעפטן, ווי דאָס האַרץ אינם לעבעדיקן אָרגאַניזם [53]. אייבשיץ פרווּוט דערביי אויף אַ גאַנץ שאַרפזיניקן אופן פאַרענטפערן נאָך איין סתירה. ער אונטערשיידט אויפן בולטסטן אופן דעם ציור עשר ספירות, וואָס איז לויט אייבשיצעס וועלטבאַנעם אידענטיש מיטן שם הויה, און איז אויך אַזאַ קדמון, ווי די סיבה ראשונה [54] — פון די אצילות, וועגן וועלכע עס ריידן די מקובלים, ד״ה די עמאַנירטע צען ספירות, וואָס אנטפּלעקן זיך אין זייער אַקטיוון שאַפן [55]. וויבאַלד אָבער דער ציור עשר ספירות, ד״ה דער געטלעכער דענקענדיקער רצון איז אַ קדמון צוזאַמען מיט דער סיבה ראשונה, ווי זשע איז צו דערקלערן, וואָס די בריאת העולם איז פאָרגעקומען אין אַ באַשטימטער צייט, ניט פריער און ניט שפּעטער? דעם ווידעראַנאַנד באַזייטיקט אייבשיץ אויף פאָלגנדיקן אופן: די דאָזיקע פראַגע, ווייזט ער אָן, האָט פאַקטיש אונטער זיך קיין שום באָדן ניט, פשוט דערפאַר, ווייל די צייט גופא הייבט זיך דאָך ערשט אָן פון נ א ך בריאת העולם... עד שלא נברא העולם, איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ווען עס האָט עקסיסטירט „רק הוא ושמו בלבד״, בלויז די סיבה ראשונה מיט איר רצון־מחשבה, קאָן דאָך ניט מעגלעך זיין ניט קיין באַוועגונג, ניט קיין קיום פון דערשיינונגען; האָט דאָך במילא קיין זין ניט צו ריידן וועגן „פריער״ און „שפּעטער״. עס איז דערפאַר כּלל ניט ריכטיק, ווען מען זאָגט, אַז די וועלט איז אין דער צייט באַשאַפן — די צייט גופא איז ערשט אנטשטאַנען צוזאַמען מיט בריאת העולם [56].

---

53 דאָרמן, 101—102: „אבל בשביל כך אין לומר שאין הסבה ראשונה פועל העולם כי הוא עיקר הפועל, כי לולי הוא הס״ר שמשפיע לדבר ספיריי שהמה אמצעים לנבול ואינו גבול אי אפשר לספירה לברוא דבר גבוליי כלל ולולי הוא שהמשפיע לציור יוד ספירות הנ״ל אי אפשר לציור להשפיע. הוא העיקר הפועל והיוצר והבורא... לא יכחיש שכל פעולת החושים הן מיוחסים להלב שהוא עיקר הפועל, רק הלב פועל כללי והחושים פועלים בפרטים וכן הדבר כביכל בס״ר״ (סבה ראשונה).

54 דאָרמן, 92: „ציור עשר ספירות או שם הוי״ה ב״ה שהוא קדמון בקדמות הס״ר״. זע אויך דאָרמן, 76, 94.

55 דאָרמן, 201: „הספירות קדמונים כיוונו על אלהי ישראל אבל אצילות הן בזמן״. זע אויך דאָרמן, 95: „השם הוי״ה... לא קדמו הסדר ולא יקרהו הסדר והוא ראשון ואחרון ודבק עמו בתכלית היחוד והדיבוק מה שאין כן ספירות דאצילות שקדמן הסדר גם נתהוו בזמן״.

56 דאָרמן, 198: „ולא קשה כלל למה לא מקודם... כי קודם הבריאה לא היה זמן כלל, כי הזמן מכלל הנבראים ונמשך אחר התנועה כנודע מחקירת הפילוסופים, וא״כ

נאך איין אינטערעסאנטן פרט איז דא כדאי אנצומערקן. אייבשיץ האלט פאר נייטיק מערערע מאל אנצווייזן, אז די דעות, וואס ער זאגט דא ארויס וועגן דעם צוזאמענהאנג צווישן דער סיבה ראשונה און אלהי ישראל און וועגן דעם באטייט פון דעם שם הויה און דעם ציור עשר ספירות — זיינען כלל נים קיין נ־יס אין דער יידישער רעליגיעזער ליטעראטור, און ס'איז בפירוש נים זיין אייגענער אויפטו. „מיינט נים — רופט ער אויס [57], — אז איך זאג דא א דבר חדש, וואס ס'איז אין פריערדיקע צייטן אומבאקאנט געווען; ואני אין אומר כי אם דבריהם — איך חזר בלויז איבער די ווערטער פון מיינע פארגייער". און ער פלייסט זיך מיט זיין געוויינלעכער חריפות צו דערווייזן, אז די דאזיקע דעות, וואס ער זאגט דא ארויס, געפינען זיך נים בלויז ביי דעם רוב מקובלים זינט יצחק סגי נהורס און דעם רמב"נס צייטן ביז דעם אר"י און ישראל סרוק [58], נאר אויך ביי די גאונים און די חכמי התלמוד; מער נים ביי יענע איז דאס ארויסגעזאגט בלויז בדרך רמז וסוד, און ער גיט איבער די אייגענע געדאנקען אין א מער קלארער פארם און אין א סיסטעמאטישן סדר [59].
און טאקע בנוגע דער דאזיקער אויפגאבע: איבערגעבן אין א סיסטעמאטישער, קלארפארשטענדלעכער פארם די טונקעלע מיסטיש־טעאזאפישע אידעען פון אונזערע מקובלים — איז אייבשיצעס „שם עולם" אן אינטערעסאנטע ליטעראריש דערשיינונג. דער דאזיקער גדול בישראל איז אפילו נים שטארק געניט אין די כללים פון דיקדוק, דאך האט ער זיין אייגנארטיקן סטיל, און אדאנק זיין גאוניש אנאליטישן שכל געלינגט אים איינצופאסן אין בולטע קאנקרעטע פארמען די לאבירינטארטיקע, אויסטערליש גע־ציקטע און אין מיסטישן נעפל איינגעהילטע טעאזאפישע פראבלעמען און

איך נוהל לומר לכה לא ברא מקודם, שמילת קודם ואיחר הוא ממשיגי הזמן וכל שלא נברא הזמן לא יתכן קודם. ואנו אומרים שבאותו רגע שהתחיל הזמן שמה היא הבריאה ומקודם לא שייך זמן כלל". ס'איז אינטערעסאנט, וואס דעם זעלבן געדאנק האט אויך ארויסגעזאגט אייבשיצעס בן־דור, יוסף אירגאס, אין זיין „שומר אמונים", וואס איז דערשינען ערשט נאכן מחברס טויט אין 1736: „דע כי קודם בריאת שום דבר כשחית האל ית"ש לבדו לא היה אז מציאות זמן כלל, שהרי הזמן בפני עצמו אין לו מציאות כי הוא מקרה דבק ונמשך אחר תנועת איזה דבר שנתהוה והולך והווה שהוא נופל תחת הזמן ויתבחנו בו שלשה הבדלי זמן שהם העבר והוה ועתיד". („שומר אמונים", דף 36, עמ' א').

57 „שם עולם", 110.

58 בלויז קורדווו און חיון, שטרייכט אייבשיץ אונטער, האבן ווירקלעך ארויס־געזאגט אזעלכע געדאנקען שלא שערום אבותינו — וועלכע האבן קיין ספק נים ביי די פריערדיקע מקובלים.

59 דארט, 74—75, 76, 77, 126, 127, 106, 151.

באַגריפן. פילע געדאַנקען, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין די קבלה־ספרים פון די פריערדיקע דורות בלויז אין דער פאָרם פון רמזים און פאַרשטעלטע משלים, ווערן ביי אייבשיצן מיט אייזערנער קאָנסעקווענץ אַנטוויקלט אין קלאָר באַגרינדעטע הנחות ביז צו זייערע אומפאַרמיידלעכע לאָגישע אויספירן. אין דער הינזיכט איז דער „שם עולם" פון גרעסטער וויכטיקייט פאַר יעדן, ווער עס אינטערעסירט זיך מיט דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם יידישן מיסטישן געדאַנק.

בעת מיר ריידן וועגן אייבשיצן אַלס מקובל מוז אָבער נאָך אָנגעוויזן ווערן אויף איין כאַראַקטעריסטיש פּרט: זיין פעסטן גלויבן אין דער גרויסער ווונדער־קראַפט, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער באַצייכענונג פונם וואָרט, אין די „צירופי אותיות". מיר האָבן געזען [60], ווי ביי איינעם פון די אָבות הקבלה, ביי אלעזר דעם בעל „הרוקח", האָבן זיך זייער פריינדלעך צונויפגעלעבט די טיפסטע פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע אידעען מיט אַלערליי שפּרוכן, השבעות, צירופי אותיות און קמיעות. ביי דעם אר"י און זיינע תלמידים האָט די „קבלה מעשית" פאַרנומען דעם גאַנצן אויבן־אָן; דאַרף עס דערפאַר ניט חידושן, וואָס אַזאַ הייסער חסיד פון לוריאַס קבלה, ווי אייבשיץ, איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז דאָס ליכט פון די עולמות העליונים אַנטפּלעקט זיך אין דער צורה פון אותיות, און אַז דעם מענטשנס נשמה איז אויך אַן „אור מחוברת מאותיות" — אַן אויס אותיות געפאָרמט ליכט [61], און פון די דאָזיקע אותיות ווערט צונויפגעפּאַסט דעם מענטשנס נאָמען. ווי פילע אַנדערע רבנים פון יענער צייט, האָט אויך אייבשיץ געגלויבט אין דער פאַרכישופטער מאַכט פון קמיעות [62], און אין פּראָג און שפּעטער אין מעץ האָט ער גאַנץ אָפט געטיילט אַלס סגולות און היילמיטלען פילע קראַנקע און ליידנדיקע מיטגלידער פון דער קהילה אייגנהענטיקע קמיעות. דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג, אייבשיץ האָט אָבער אין די יונגע יאָרן דערוועקט דעם חשד, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער „שבתי־צביניק", דערצו האָט נאָך אייבשיצעס מזל געטראָגן, ער זאָל זיך אין זיין ווייטערדיקן לעבנסוועג, ווען מען האָט אים אין 1750 באַשטימט פאַרן רב הכולל איבער די דריי קהילות האַמבורג, אַלטאָנאַ און וואַנזבעק, צוזאַמענשטויסן מיט דעם

60 זע אונזער געשיכטע, ב׳ II, 100—101.

61 „שם עולם", 10.

62 ער האָט אויך געגלויבט, אַז דורך מעשי כישוף, מיט דער הילף פון ספּעציעלע צייכענונגען, לחשים און שפּרוכן קאָן מען דערווערבן די השפעה פון געוויסע פּלאַנעטן (זע אייבשיצס „יערות דבש", אויסגאַבע 1789, 32: „ענין כישוף להוריד שפע מכוכב ע"י צורות ולחשים והקטרת".

פארביסענעם קנאי יעקב עמדן, וואס האט איבעראל געשפירט די שבתי־צבייִשע „אפיקורסות". עס האט לאנג ניט געדויערט, און די סגולות און קמיעות, וואס די קראנקע פלעגן באקומען אלס היילמיטל פון אייבשיצן, איז געווארן דער „סלע המחלוקת", דער טרויעריקער „שבולת" אין דעם עקשנותדיקן קאמף, וואס האט אויפגערודערט די גאנצע רבנישע וועלט פון יענער צייט.

דער ראש המדברים אין דער דאזיקער מחלוקת איז געווען דער נאר זואס דערמאנטער יעקב בן צבי עמדן, מער באקאנט אונטער די „ראשי תיבות" יעב"ץ. יעקב עמדן דערציילט אליין, אז אין די יארן, ווען ער איז געבארן געווארן [63], איז זיין פאטער, דער בארימטער „חכם צבי" [64], קראנק געווען „בחולי המרה שחורה" [65]. דאס האט געווים זייער ניט גינסטיק געווירקט אויף דעם פסיכישן כאראקטער פון זיין זון [66]. שוואך און נערוועז פון קינדערייז אן, איז ער שטענדיק געווען א פאר־ברוגזטער, א בייזער כעסן און קרענקלעך אויפגערייצטער. וואס עלטער ער איז געווארן, אלץ אפטער פלעגט ער אריינפאלן אין שווערער מרה־שחורה, און אין זיין זעלבסטביאגראפיע קלאגט ער זיך יעדעס מאל אויף זיין קרענקלעכן צושטאנד, אז ער ווערט אלץ אפטער „עלול משחורה", אדער „גברה עלי עצבות" און עס באפאלט אים דער „מיחש השחורה" [67]. דערצו איז ער נאך געווען א מענטש מיט א קרענקלעך גרויסער אמביציע, א שטארקער עומד על דעתו, און אויף יעדער פרעמדער זעלבשטענדיק ארויסגעזאגטער מיינונג האט ער רעאגירט ווי אויף א פערזענלעכער באליידיקונג. דאס האט אים געמאכט פאר א „איש ריב ומדון". ער איז בלי־ספק געווען אן ארגטלעכער, באגלויבטער מענטש, נאר זיין קרענקלעכע אויפגערייצטקייט און שנעלע שטימונגס־ענדערונגען האבן עס גורם גע־ווען, וואס ביי אים פלעגן זיך גאנץ אפט בייטן די מיינונגען און ער איז

---

63 געבארן אין אלטאנא אין 1697, געשטארבן אין 1776.

64 צבי בן יעקב אשכנזי, געווען רב אין האמבורג און אמסטערדאם. איינער פון די אנגעזעענסטע רבנים אין זיין צייט.

65 חענן דעם דערציילט יעקב עמדן גופא אין דער פאררעדע צו זיין „שאלת יעב"ץ", זע אויך זיין „מגילת ספר", 18, 56.

66 דערויף ווייזט אן יעקב עמדן גופא. בעת ער דערציילט ווען זיין פאטערס קראנקהייט, איז ער דערביי מוסיף: „כמדמוני שעשה קצת רושם בתולדתי, כי מילדותי הייתי עלול מדאגה ויגון לבי סחרחר עזבני כחי בעונותי קלני מראשי ונוח לחשחורת בפרטות אחר שמצאוני השוערים הסובבים בעיר הכוני פצעוני... מאז גברה בי המרת לא יכולתי כפרה" (פארעדע צו „שאלת יעב"ץ").

67 „מגילת ספר", 42, 60, 98 או"וו.

געווען אזוי ניט אויסגעהאלטן אין זיינע מעשים, אז פילע פלעגן אים באַשולדיקן אין צביעות און צוויי־פנימדיקייט. יעקב עמדן האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקן ליטעראַרישע טאַלאַנט, און זיין זעלבסטביאָגראַפיע „מגילת ספר" [68] פאַרנעמט אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט אין אונזער ניט באַזונדערס רייכער מעמואַרן־ליטעראַטור. פילע בלעטער פון דעם דאָזיקן ווערק זיינען אויך זייער אינטערעסאַנט מצד זייער סטיל און אייגנאַרטיקער אַרכיטעקטאָניק; נאָר דאָס אַפטע איבערחזרן איין און דאָס זעלבע, אַפילו מיט די אייגענע ווערטער, די אומנייטיקע הפסקות צוליב זייטיקע פראַגן, וואָס האָבן קיין שום שייכות ניט צום ענין, פאַרמינערן דעם ליטעראַרישן ווערט אויך פון דער דאָזיקער בעסטער יעב"צס אַרבעט, וואָס אַן איר קאָן זיך ניט באַגיין קיין איינציקער פאָרשער, וואָס אינטערעסירט זיך מיטן קולטורעלן שטייגער־לעבן פונם דייטש־פּוילישן יידנטום אין דער ערשטער העלפט פונם 18טן י"ה [69]. אַ מענטש מיט אַן אומגעהייערן זכרון, מיט אַ געוויסער ליטעראַרישער באַגאַבונג אָבער אַ גאַנץ מיטלמעסיקער בעל מוח, האָט יעב"ץ געשריבן די צענדליקע חיבורים, אין וועלכע ער באַווייזט גוואַלדיקע בקיאות, אָבער גאַנץ ווייניק אָריגינעלע געדאַנקען. ער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך פאַרהאַלטן מיטן גרעסטן יראת־הכבוד צום אָנדענק פון זיין פאָטער, דעם „חכם צבי", וועלכן ער האָט אָנגעוואָרן צו 21 יאָר, און מיט אַ ממש קרענקלעכער עקשנות האָט ער זיך געפלייסט צו גיין אין זיין פאָטערס דרכים און אין אַלע לעבנספראַגן נאָכטאָן דעם „חכם צבי". און ווייל דער „חכם צבי" האָט שטאַרק גערודפט די אָנהענגער פון שבתי־צבי, געווען דער אָנפירער אין דעם קאַמף קעגן נחמיה חיון און געמוזט דערפאַר אַפילו אַנטלויפן פון אַמסטערדאַם (1714), האָט אויך יעקב עמדן געהאַלטן פאַר נייטיק צו „שטיין אויף דער וואַך" און, ווי זיין פאָטער בשעתו, זיין אַ קעמפער במלחמת שמים. ער איז שטענדיק געווען גרייט אַרויסצוטרעטן מיט רעש און געפילדער, ווו נאָר ער האָט דערשמעקט אַ חשד פון אפּיקורסות, אָנפאַלן מיט גרויס אימפּעט אויפן „שונא" מיט זיין הילכעדיק געוועוער: שרייענדיקע פאַמפלעטן, פול מיט נאַליקע אָנפאַלן און צאַרנדיקע באַשולדיקונגען. ווייל די „שבתי־צביניקעס" פון אַלערליי שאַטירונגען, מיט די פראַנקיסטן צוזאַמען, האָבן דעם „זוהר" געהאַלטן פאַרן גרעסטן אויטאָריטעט און אויף אים געשטיצט זייער גאַנצע תורה, איז יעקב עמדן, אַליין אַן אָנהענגער פון קבלה, אין ברען פון דער מלחמה פאַרגאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט געהאַט דעם מוט

[68] צום ערשטן פאַרעפנטלעכט דורך דוד כהנא אין 1896.

[69] יעב"ץ דערפירט זיינע זכרונות ביז צום יאָר 1766.

אַרויסצוזאָגן אַזאַ אַפּיקורסישן, פאַר זיין צייט, געדאַנק: ניט דער גרויסער תנא ר' שמעון בן יוחאי האָט דעם „זוהר" פאַרפאַסט, און בכלל איז עס ניט קיין איינהייטלעך ווערק פון איין פאַרפאַסער, ווייל אין אים געפינען זיך פיל הוספות פון שפּעטערדיקע צייטן [70]. אַט דאָס האָט גורם געווען, וואָס די שפּעטערדיקע משכילים און בעלי „המאספים" זיינען גרייט געווען זען אין דעם שטאָק־פרומען יעקב עמדן אַ קעמפער פאַרן פרייען קריטישן געדאַנק. אויף ווי וויט דאָס איז אומבאַגרינדעט קאָנען עדות זאָגן פאָלגנדיקע פאַקטן:

ווען דער מדקדק שלמה־זלמן הענא [71] האָט זיך דערלויבט אָנצואווייזן אין דער פאָררעדע צו זיין „שערי תפילה", אַז מען דאַרף זיך ניט בלינד פאַרלאָזן אויף די אַלטע אויטאָריטעטן, ווייל אויך די גדולי הדור קאָנען אַמאָל גרייזן, איז טאַקע יעקב עמדן געווען דער ערשטער, וואָס איז שטאַרק אָנגעפאַלן אויף דעם יונגן פאַרפאַסער פאַר זיין „חוצפה". אויך האָט ניט קיין אַנדערער ווי יעקב עמדן אַרויסגעטראָגן דעם פּסק, אַז איינער אויס איטאַליע געקומענער גר טאָר ניט חתונה האָבן פאַר אַ יידישער טאָכטער אויף דעם סמך, „שידוע" — עס איז אַלעמען באַקאַנט, אַז אין דער אומגעגנט פון רוים וווינען די בני־אדום, וואָס שטאַמען פון עשון [72]. גלייך מיט פילע אַנדערע מקובלים האָט אויך יעקב עמדן געגלויבט, אַז דעם מענטשנס נשמה ווערט מגולגל אין כלערליי חיות, אַז מיט קמיעות און מיסטישע השבעות קאָן מען ממש וווּנדער באַווייזן, און דערציילט דערביי ליתר תוקף אַ מעשה „שראיתי בעיני" — געזען מיט אייגענע אויגן: וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע קראַפט עס האָט אַרויסגעוויזן אַ רינג מיט איינגעקריצטע „שמות", ווי נאָר עס האָט אים אָנגעטאָן אַ בתולה, אין וועלכער עס איז געזעסן אַ „דיבוק" [73]. די מעשה מיט די שדים אין דעם גאָלד־שמידס הויז אין פּויזנע, וואָס ווערט דערציילט אין „קב הישר" [74], ברענגט אויך יעקב עמדן אַלס טרויעריקע פּאַסירונג „שידוע ומפורסם בעולם" [75].

---

70 זע „משפחת סופרים", 2—3: אין ספק אצלי כלל שעם כל שבחו של ספר הזוהר הנה לא נמלט מבוא אל קרבו דברים אשר אין להם שחר... נבלעו בחבור הלז דברים רבים ממחברים אחרונים מאוחרים מאוד... חבור הזוהר עצמו כל עיקר לא חברו רשב"י התנא אע"פ שמיוחס אחריו ובשמו יכונה אלא תלמידי תלמידי תלמידיו עשוהו קבצוהו וחברוהו בלי ספק... זה מוכרח וברור אצלי".

71 זע אויבן, ז' 179.

72 „שאלות יעב"ץ", I, נומ' 6, דף 76, עמ' ב'.

73 „מגדל עוז", עליית הטבע, דף 3, עמ' ב'.

74 זע אויבן, ז' 191.

75 דאָרטן.

מיט גרוים כּעס און ירגזון, ווי זיין שטייגער איז, פֿאַלט יעקב עמדן אָן אויף עזריה מן האדומים דערפֿאַר, וואָס דער דאָזיקער פֿאָרשער, וועלכן עמדן רופֿט מיט ביטול „אדומי הלז", האָט זיך געלאָזט „פֿאַרפֿירן פֿון פֿרעמדע קינדער" (בילדי נכרים יספיק, תעה אחרי בני נכר) און האָט געהאַט די העזה קריטיש זיך פֿאַרהאַלטן צו געוויסע לעגענדעס, וואָס ווערן געבראַכט פֿון די חכמי התלמוד [76]. בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן עמדנס פּאָלעמישן סטיל, איז גענוג צו ברענגען פֿאָלגנדיקע פּערל פֿון עמדנס „קריטיק" קעגן דעם בעל „מאור עינים": „רוח עועים הסיתו, „מעשה כסילות כזה", „כל דבריו שם המה מהבל יחד", „לא ידע מאי קאמר", „דובר שקרים", „כהתעות שכור בקיאו", „אולת לאין חקר", „הבל יפצה פיהו בבלי דעת מלין יכביר", „עני הדעת", „כפתי יאמין לכל דבור", „חתר ושקע באולתו", „יפה לטפשים שכמותו" [77]. ניט „מאור עינים" — רופֿט מיט כּעס אויס יעקב עמדן — דאַרף הייסן דעם „אדומים" ווערק, נאָר „מעוֵר עינים" — דער אויגן־פֿאַרבלענדער [78]. פֿילאָזאָפֿיע האָט ער פֿיינט געהאַט תּכלית שנאה, און רעדט מיטן גרעסטן ביטול וועגן „הפילוסופים המשוגעים"; זיין שנאה צו פֿילאָזאָפֿיע גייט אַזוי ווייט, אַז אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס ס'האָט געטראָפֿן די יידן אין אוקראַינע אין די יאָרן 1648—1649, איז דער דאָזיקער קנאי גרייט צו זען אַן עונש דערפֿאַר, וואָס די דאָרטיקע יידן האָבן זיך צו פֿיל אָפּגעגעבן מיט אַריסטאָטעלס פֿילאָזאָפֿיע [79]. ביי אַזאַ מין שטאַנדפּונקט דאַרף עס בכלל ניט חידושן, וואָס יעקב עמדן האָט זיך גאָרניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, ווי זאָל עס מעגלעך זיין, אַז אַזאַ גאון בישראל, ווי דער רמב"ם, זאָל פֿאַרפֿאַסן אַזאַ אַפּיקורסיש בוך ווי דעם „מורה נבוכים". פֿאַלט ער דערפֿאַר אויף דער שאַרפֿזיניקער השערה, אַז דאָס האָט עס בלי־ספק עפּעס אַן אומבאַקאַנטער אַפּיקורס „תלה עצמו באילון גדול", ער האָט אַליין פֿאַרפֿאַסט דאָס דאָזיקע ווערק און בכדי מענטשן צו פֿאַרפֿירן האָט ער זיך פֿאַררופֿן

---

76 „מגדל עוז", דף 29, עמ' א': „לא היה ראוי ופדאי לטפל בהבאת דברי אדומי הלז אשר הבל יפצה פיהו בבלי דעת מלין יכביר עני הדעת היה... ללצים הוא יליץ לרעים התחבר כל כה שמצא שיחה בטילה בספרי עע"ז קבעה כמרגלית בספריו... ולא בשום מדע ותבונה רק פטפוט דברים רבים מרבים הבל וכפתי יאמין לכל דבר האמין בכותבי פלסתר... לטפשים שכמוהו אשר חכם לא יבין הוות ולשוא נברא להם פה כי לא יטעמו מאומה טעם זקנים ולא ידעו להבדיל בין נאה וכיעור".

77 דאָרטן, 28—29.

78 דאָרטן.

79 יעקב עמדן פֿאַררופֿט זיך דערביי אויף דעם באַקאַנטן בריוו, וואָס דער רש"ל האָט געשריבן דעם רמ"א. זע אויבן ז' 56.

אויף דעם בארימטן בעל „משנה תורה״ [80]. ווארנט ער דערפאר שטארק זיינע לייענער, און ווייזט אן, אז מען דארף ניט פטרן די צייט אויף דעם „מורה נבוכים״, און ס׳איז גארניט כדאי אפצוענטפערן אויף זיינע שקרים און אויסגעטראכטע חלומות [81].

אט דער דאזיקער מאן איז עס געווען דער אנפאנגער און רעדל־פירער אין דער עקשנותדיקער מחלוקת, וואס האט אנגעמאכט אזא רעש אין דער רבנישער וועלט. עס איז קלאר, אז ניט דערפאר איז יעקב עמדן ארויסגעטראטן אנטקעגן אייבשיצן, ווייל יענער האט געטיילט קמיעות אלס שמירות און היילמיטלען — עמדן גופא האט אויך פעסט געגלויבט אין דעם גוואלטיקן כוח, וואס שטעקט אין קמיעות. א רעש האט ער בלויז געמאכט דערפאר, וואס דער אינהאלט, די „שמות״ פון אייבשיצעס קמיעות זיינען אים געווען פארדעכטיק. ער, דער גייסטיקער יורש פונם „חכם צבי״, וואס האט כל ימיו געקעמפט קעגן אפיקורסישע סעקטעס, האט זיך דאך געהאלטן פארן טרייען שומר, וואס שטייט אויף דער וואך ביי גאטס ווייננארטן, און ער האט פון לאנג געקוקט מיט חשד אויף אייבשיצן, ווי אויף א פארבארגענעם אנהענגער פון שבתי־צבי׳ישער „מינות״ [82]. דערצו איז נאך צוגעקומען א ריין פערזענלעכער מאטיוו. נאכן טויט פונם אלטאנער רב, יחזקאל קאצענעלענבויגן (דער בעל „כנסת יחזקאל״), האט די קהילה אויסגעקליבן פאר א ממלא מקום ניט אים, יעקב עמדן, נאר ארפגעבראכט יונתן אייבשיצן, און אים באשטימט פאר א רב הכולל איבער די קהילות אלטונא, האמבורג, וואנזבעק און איבער דעם יידישן קיבוץ פון גאנץ מעקלענבורג. יעקב עמדן האט אין דעם דערזען א פחיתת הכבוד, און אייבשיץ איז ביי אים געווארן ניט נאר דער „מין״ און „שבתי־צביניק״, נאר אויך דער מסיג גבול, וואס האט מיט אומרעכט פארנומען דעם כסא הרבנות.

„ארויסטרעטן אין געראנגל מיט דעם דאזיקן גייסטיקן גלית פון דער דעמאלטיקער רבנישער וועלט — באמערקט מיט רעכט איינער פון די היסטאריקער פון דעם דאזיקן קאמף, נ. גאלובאוו [83] — וואס איז געווען

---

80 „לחם שמים״, אבות, פרק ב׳: „ספר מורה נבוכים אינו מעשה ידי אומן המחבר הגדול הר״מ ז״ל, אלא מאחר שרצה ליחנק, תלה עצמו באילן גדול״.

81 „מטפחת סופרים״, 80: „ולאבד זמן רב בקריאת ספר „מורה נבוכים״ ודאי לא טוב הדבר, אם לא כדי להשיב על הזיותיו ובדיותיו״.

82 „מגילת ספר״, 81—82.

83 „וואסכאד״, 1900, X, 83. באריכות וועגן דעם דאזיקן מחלוקת זע: יונתן אייבשיצעס „לוחות עדות״, 1755 (זאמלונג פון בריוו און אויפרופן); יעקב עמדן: „תורת הקנאות״, 1752, „עדות ביעקב״, 1756, „שבירות לוחות האון״, 1759; גרעץ־

ארומגערינגלט מיט טויזנטער איבערגעגעבענע תלמידים און פייערדיקע פארערער, דאס איז פאר אזא פאנאטיקער ווי עמדן געווען אזוי אנציענד, אז ער האט דעם נסיון ניט געקאנט ביישטיין. ער איז ארויסגעטראטן אין קאמף באוואפנט מיט אלע זיינע מעלות און חסרונות: מיט זיין גוואלטיקער בקיאות אין דער תלמודישער און קבלהשער ליטעראטור, מיט זיין אומאויסשעפלעכער ענערגיע, מיט זיין ברענענדיקן חשק צו גיין אויף מסירת־נפש, מיט זיין קרענקלעך־איבערגעשפאנטער פאנטאזיע, וואס איז אלץ חושד, ווייל זי זעט אלץ אין אן אימהדיק פארגרעסערטער גע־שטאלט״...

אנגעהויבן האט זיך די מלחמה פון א קמיע, וואס אייבשיץ האט געגעבן איינער א יולדת. אייבשיצעס קעגנער האבן די דאזיקע קמיע גע־עפנט און גלייך זי אוועקגעטראגן צו יעקב עמדן, ער זאל אויפקלערן דעם טעקסט, וואס איז דארט געשריבן. דורך קאמבינירן די אותיות פון דער קמיע לויטן סדר פון „את־בש״ [84] און אויף אנדערע אופנים, האט יעקב עמדן ארויסגעפונען, אז אין דער דאזיקער קמיע ווערט צוויי מאל איבער־געחזרט שבתי צבים נאמען. אייבשיץ גופא און אויך פילע אנדערע רבנים [85] האבן מיט רעכט אנגעוויזן, אז מיט דער סיסטעם, וואס עמדן האט זיך באנוצט, קאן מען זייער לייכט ארויסבאקומען שבתי־צבים נא־מען אויס יעדער אנדער קמיע און בכלל אויס יעדן באליביקן טעקסט. עס איז אבער אויסער ספק, אז עמדן גופא איז ווירקלעך געווען פעסט איבער־צייגט, אז די דאזיקע קמיע האט „אנטבלויזט״ אייבשיצן, און פאר דער גאנצער וועלט באוויזן, אז ער איז א באהאלטענער „שבתי־צביניק״. איז קיין וווּנדער ניט, וואס דער דאזיקער פאנאטיקער האט גלייך אנגעגורט זיינע לענדן און געלאזט זיך אין מלחמה. ער האט פון דער בימה פאר דער גאנצער קהילה מכריז ומודיע געווען, אז „דער, וואס האט די דאזיקע קמיע געשריבן — לייקנט אין גאט״ [86]. דאס האט געמאכט א גוואלטיקן רושם, און אייבשיץ האט געפונען פאר נייטיק זיך ריינוואשן פונם חשד. שבת

שפ״ר, ב׳ VIII, קאפ׳ XIII און ביילאגע 7; ד. כהנא: „אבן אופל״, 1913, „עדות ביעקב״ („השלח״, V); ב. פין, „ר׳ יעקב עמדן״ („השלח״, IV); מ. גרינוואלד, „דער האמבורגער אמולעטענשטרייט״ („מיטטיילונגען ד. געזעלשאפט פ. יוד. פאלקסקונדע״, 1903; יעקב כהן, „עהרענרעטונג ד. ר׳ יונתן אייבשיץ״, 1870.

84 מען פארבייט די אותיות אין אנטקעגנגעזעצטן סדר, ד״ה: דאס ערשטע אות פונם אלף־בית פארבייט מען אויפן לעצטן אות, דאס צווייטע אות אויפן פאר־לעצטן אאז״וו.

85 „זע „לוחות עדות״, 8, 41.

86 „עדות ביעקב״, 41.

האָט ער געהאַלטן אַ דרשה און דערביי אַרויסגעטראָטן מיט שבועות און חרמות, אַז ריין איז ער פאַר גאָט און געפינט זיך ניט אין קיין שום באַריר רונג מיט דער דאָזיקער „פאַלשער כיתה". „שווערט ער פאַלש — האָט ער מיט פּאַטאָס אויסגערופן, זאָל גאָט אויף אים אַנשיקן אַלע זיינע שטראָפן" [87]. און ווידעראַמאָל ווי מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז ער אַרויסגעטראָטן בחרם ובשמתא קעגן שבתי־צבים אָנהענגער; אַלס רב און מרא דאתרא דערקלערט ער אויך אין חרם אַלע די, וואָס טראַכטן אויף אים אויס בילבולים, זיינען מחרחר ריב און מאַכן אַן מחלוקת צווישן יידן. די פאָרשטייער פונם יידישן מעקלענבורגער ישוב האָבן דאַן באַפוילן יעקב עמדן ער זאָל אין משך פון זעקס חדשים פאַרלאָזן אַלטאָנאַ און די מיט־גלידער פון דער אָרטיקער קהילה איז געווען פאַרבאָטן צו באַזוכן עמדנס הויז. דאָס האָט אָבער ניט איינגעשראָקן יעקב עמדן. אדרבה, מיטן ב־עין פון אַ פאַנאַטיקער האָט ער געגאַרט צו גיין אויף מסירת נפש, ווערן אַ „קדוש". מיט נאָך מער אימפעט און עקשנות האָט ער זיך געפלייסט אַנטפּלויזן פאַר דער גאַנצער וועלט דעם געפערלעכן „מין" און גאָט־לעסטערער, און דער פלאַם פון דער מלחמה האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט, אַרומגעכאַפּט אַלץ נייע קהילות. אייבשיץ האָט צעשיקט זיין „אגרת קנאה" [88] זיינע פילצאָליקע תלמידים, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט איבער מערן, בעמען און פוילן, און זיי געבעטן זיי זאָלן זיך אָננעמען פאַר אים און פאַר זיין פאַרשוועכטן כבוד. יעקב עמדן פון זיין זייט האָט געבעטן שטיצע ביי די רבנים פון אַמסטערדאַם, מעץ און פראַנקפורט, וועלכע האָבן אויס פערזענלעכע פניות זיך פיינדלעך פאַרהאַלטן צו אייבשיצן. עמדן האָט זיך אויך געווענדט צום „וועד ארבע ארצות", און באַלד האָט די „קמיעות"־מחלוקת צעטיילט דאָס גאַנצע פּויליש־דייטשע יידנטום אויף צוויי פיינדלעכע מחנות. כמעט אַלע קהילות פון לאָטאַרינגיע און וועגעדיק ביז פאָדאָליע האָבן אָנטייל גענומען אין דעם אויסגעבראַ־כענעם קאַמף. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור פון קול־קוראָס, פּאַמפלעטן און כרוזן. אליין יעקב עמדן האָט אָנגעשריבן העכער צען פּאַמפלעטן, פול מיט זילזולים, חרמות און בייז־צאָרנדיקע אָנפאַלן. דער אַלטער אייבשיץ האָט אויך ניט געקאָנט פאַרשווייגן. אַט דעם גאון בישראל, דעם דאָזיקן ערשטקלאַסיקן תלמודיסט, איז לחלוטין פרעמד געווע־

---

87 „לוחות עדות", דף 76, עמ' ב': „חס ושלום לחשוב ולומר שאני בכלל כת הכוזבת הזה, לא מיניה ולא מקצתו ח"ו... ישלח ד' עלי כל מגפותיו אם ח"ו יש בי שמץ דשמץ והנני מקבל עלי בח"ה ובשמתא שם מית' אם אני ויפת בסתר לבי לילך אחרי צבי שבור ש"ץ ימ"ש וכת הכוזבת המאמינים בו".

88 פאַרעפנטלעכט אין „לוחות עדות", 43—44

גיען די שריפטשטעלערישע „חולשה״, זען וואס גיכער זיינע ווערק גע־דרוקט און זיך קונה־שם זיין אלס מחבר. זיינע גלענצנדיקע רבנישע ווערק זיינען פארעפנטלעכט געווארן ערשט נאך זיין טויט, און בלויז א יאר פאר זיין טויט (אין 1763) האט ער, בכדי באצאלן די חובות, וואס זיין זון האט געמאכט, פארעפנטלעכט דעם ערשטן טייל פון זיין „כרתי ופלתי״ (ביאור אויף טור יורה דעה). אין דעם ברען פון מלחמה מיט עמדנען האט אבער אייבשיץ קיין ברירה ניט געהאט, און בכדי צו ווירקן אויף דער עפנטלעכער מיינונג און זיך ריינוואשן פון די באשולדיקונגען, האט ער פארעפנטלעכט (אין 1755) זיין „לוחות עדות״, וווּ עס איז צונויפגע־זאמלט פיל אינטערעסאנטער מאטעריאל צו דער געשיכטע פון דעם דא־זיקן רבנים־קאמף. דאס דאזיקע ווערק איז געשריבן אין רויִקן רעספעקט־פולן טאן, און דער גינסטיקער איינדרוק ווערט נאך באדייטנדיק פאר־שטארקט, בעת מען פארגלייכט דעם „לוחות עדות״ מיט עמדנס גאליקע פאמפלעטן. עמדן דערמאנט זיין קעגנער ניט אנדערש ווי מיט אזוינע ביי־נעמען ווי „רשע״, „כלב רע״ אאז״וו, אייבשיץ אבער רעדט תמיד אין געלאסענעם טאן: איש ריבי הנקרא ר׳ יעקב רב מעמדן.

די פיינדלעכע צדדים האבן אבער זיך כלל ניט באנוגנט בלויז מיט פאמפלעטן און כרוזים, מען האט זיך אויך גענומען צום אלטן רבנישן גע־ווער — צום „חרם״: אויסשליסן פון דער געזעלשאפט, דערקלערן דעם פארשולדיקטן פאר א לעבעדיקן בר־מינן, מיט וועלכן קיין מיטגליד פון דער קהילה טאר קיין שום מגע ומשא ניט האבן. דעם אייבשיצעס געוועז־ענער תלמיד, דער לובלינער רב חיים כץ, האט מחרים געווען זיין רבינס אלע קעגנער [89], האט צעשיקט איבער גאנץ פוילן דעם טעקסט פונם חרם און פארלאנגט אלע אנדערע רבנים זיי זאלן אויך מיט זייערע חתימות באשטעטיקן דעם חרם. פילע רבנים האבן טאקע געגעבן זייער הסכמה, אויסגערופן אין די שולן פאר דער גאנצער קהילה, אז זיי באשטעטיקן דעם דאזיקן חרם, און האבן ארויסגעגעבן א באפעל, אז מען דארף דן זיין לשריפה יעדן ספר, וווּ עס ווערט פארשוועכט דער כבוד פון דעם „נשר הגדול״, דעם שוץ און שטיצע „של כל הגולה״ ר׳ יונתן אייבשיץ. מען האט אויך די דרוקעריי־באזיצער געווארנט, אז זיי זאלן זיך ניט דערוועגן צו דרוקן אזעלכע ספרים. דער אנדערער צד האט אבער אויך ניט גע־שוויגן. אייבשיצעס קעגנער, די רבנים פון מעץ, אמסטערדאם און פראנק־פורט, האבן אין 1753 אנגענומען א החלטה, אז דער, וואס האט גע־שריבן דעם טעקסט פון די פארדעכטיקע קמיעות, איז „מחרם ומנודה״.

---

[89] דער טעקסט פון דעם דאזיקן חרם איז פארעפנטלעכט אין „לוחות עדות״, 20.

צו דעם דאַזיקן פּסק האָבן געגעבן זייער הסכּמה נאָך אייניקע רבנים פון דייטשלאַנד. ס'איז אויך, ווי דער שטיינער איז, ניט צוגעגאַנגען אין דער מחלוקת אָן מסירות; ביידע צדדים האָבן ניט געקאַרגט קיין שוחד און בכלל געהאַלטן פאַר כּשר יעדער קאַמפּסמיטל, וואָס ס'איז נאָר געקו־מען צו די הענט. מען האָט אפילו גֿעזוכט הילף און שטיצע ביי דער וועלטלעכער מאַכט; מען האָט דערלאַנגט בקשות דעם מלך פון דענע־מאַרק [90], און אייניקע פון אייבשיצעס אָנהענגער האָבן אויסגענוצט זייער חשיבות ביי דער דענישער מלכּה [91]. מיט דער מחלוקת אין די יידישע קהילות האָט מען זיך אפילו פאַראינטערעסירט אין דער אַלגע־מיינער פּרעסע, און דאָרט איז געוען געמעלדעט, אַז דעם קאַמף האָט אַרויסגערופן אַ נייער יידישער משיח, וואָס האָט זיך אָקאָרשט באַוויזן. אייבשיץ גופא האָט אין אַ קריטישן מאָמענט, ווען דער צד שכּנגד האָט באַקומען די איבערהאַנט [92], זיך געווענדט נאָך הילף צו זיין געוועזענעם תּלמיד, וואָס האָט דערנאָך אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, צו קאַרל אַנטאָן, און יענער האָט באַלד פאַרעפנטלעכט (אין 1752) אַ ספּעציעל ווערק „קורצע נאַכריכט פאָן דעם פאַלשען מעססיאַס", וואָס ער האָט גע־ווידמעט דעם מלך פון דענעמאַרק. עס האָט זיך אפילו געפונען אַזאַ נאַיִווער פּראָפעסאָר, פּאַסטאָר דוד־פרידריך מעהערלין, וואָס האָט אין אַ ספּעציעל ווערק געפלייסט זיך צו דערווייזן, אַז אויס דעם טעקסט פון די באַטרעפנדיקע קמיעות זעט מען באַשיינפּערלעך אַרויס, אַז דער רב אייבשיץ איז אַ באַהאַלטענער קריסט; יעקב עמדן און זיינע אָנהענגער האָבן אַ טעות אין פּשט, אין די פאַרדעכטיקע אותיות איז פאַרבאָרגן ניט שבתי־צבי'ס נאָמען, נאָר טאַקע קריסטוס בכבודו ובעצמו.

זעקס יאָר נאָכאַנאַנד האָט געדויערט דער דאָזיקער רבנים־קאַמף. פאַר־ענדיקט האָט ער זיך מיט אייבשיצעס ניצחון; ער איז ווידער באַשטימט גע־וואָרן פאַרן רב הכּולל איבער דעם גאַנצן יידישן ישוב אין מעקלענבורג, און לאות ניצחון, אַלס צייכן פון פרייד און ניצחון, האָבן זיינע אָנהענגער

90 די שטאָט אַלטאָנאַ איז דעמאָלט געווען אין רשות פונם דענעמאַרקער מלך.

91 זע: מ. גרינוואַלד, ציט. וו, 91.

92 דעם 30טן יוני 1752 האָט דער מלך פון דענעמאַרק אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, לויט וועלכן יעקב עמדן האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צוריקצוקערן זיך קיין אַלטאָנאַ; די פאָרשטייער פון דער קהילה האָבן באַדאַרפט באַצאָלן 100 טאָלער שטראָף, אייבשיצן האָט מען דערלויבט צו פאַרבלייבן רב בלויז אין איין האַמבורגער קהילה, און דערביי אים מחייב געווען, ער זאָל געבן אַן ענדגילטיקע תּשובה אויף 15 אַרויסגעשטעלטע פראַגן און אויך דערקלערן אויף אַן אייראָפּעיִשער שפּראַך דעם טעקסט פון די געוויסע קמיעות, וואָס צוליב זיי האָט די מחלוקת אויסגעבראָכן.

א יום־טוב געמאכט און אין די חנוכה־טעג האבן זיי איינגעאָרדנט מיט גרוים פאראד א פילפארביקן מאסקאראדן־צוג און בראש פון דעם צוג איז געפאָרן רייטנדיק אויף א פערד אין א הוזארן־קאָסטיום אייבשיצעס א הויכגעוויקסיקער תלמיד [93].

דאָס איז אָבער געווען א זייער טרויעריקער ניצחון, א פירוס־ניצחון, וואָס טראָגט אין זיך אלס פועל־יוצא די אומפארמיידלעכע מפלה. אייבשיץ גופא ווייזט מערערע מאָל אָן אין זיין „לוחות עדות״, אז די דאָזיקע קמיעות־מחלוקת מאכט די יידישע באפעלקערונג און אירע פאָרשטייער צו שפּאָט און צו געלעכטער ביי די אומות העולם [94]. דער פרעסטיזש פון די יידישע גייסטלעכע פאָרשטייער, פון די רבנים, איז אָבער דורך דעם געפאַלן ניט נאָר אין דער אויסנוועלט, נאָר אויך אין דער קהילה גופא. שאַרף און בולט, פאר דער גאנצער יידישער וועלט, האָט זיך באוויזן דער רבנות־אינסטיטוט אין זיין גאנצער פוילקייט און טויטער פארגליווערטקייט. דעם דאָזיקן עקשנותדיקן קאַמף, וואָס האָט אויפגערודערט דעם גאנצן דייטש־פּוילישן יידישן ישוב און איז געווען אזוי רייך מיט קליינלעכע פניות, מיט מסירות, שוחד און אפילו מיט גע־שלעגן אין די שולן און די בתי־מדרשים — האָט געפעלט א וועלכער כ׳איז אידעאָלאָגישער אינהאַלט. דער „מחרחר ריב״, דער אָנהייבער פון דער גאנצער מחלוקת, יעקב עמדן, האָט פאקטיש געקעמפט מיט ווינט־מילן, געמאכט גרוים געפילדער וועגן א סכנה, וואָס לא היה ולא נברא און האָט עקסיסטירט בלויז אין זיין קרענקלעכער פאנטאזיע; די אנדערע צוויי גדולי הדור, יחזקאל לאנדוי און יהושע פאלק, וואָס האָבן נוטה גע־ווען צו עמדנס צד, האָבן געשפּילט אין דער מחלוקת א גאנץ צווייטיטישע ראָלע, און דאָס אוים קליינלעכע פּערזענלעכע פניות, ווייל זיי האָבן מקנא געווען אייבשיצן און אים ניט געקאָנט מוחל זיין זיינע גאונישע פעיקייטן און גוואַלטיקע חריפות [95].

93 זע: „מגילת ספר״, 84; מ. גרינוואַלד, צים. וו., 124.

94 „לוחות עדות״, דף 40 עמ׳ א׳ און ב׳, דף 72, עמ׳ ב׳ אאז״ח.

95 ווען אייבשיץ האָט אויף דער עלטער געוואָלט זיך באַזעצן אין פראָג, האָט יחזקאל לאַנדוי, וואָס איז דאָרט געווען מרא דאתרא, אַוועקגעשיקט אַ געבעט־בריוו דער קייזערין מאַריאַ טערעזאַ, אַז זי זאָל פאַרווערן אייבשיצן צו באַזעצן זיך אין פראָג, ווייל יענער איז אַ נידערטרעכטיקער מענטש און אַ געפערלעכער אינטריגאַן. באַלד, אין צוויי יאָר אַרום, איז דער אַלטער אייבשיץ געשטאָרבן, האָט יחזקאל לאַנדוי געמאַכט אַ גלאַנציקן הספד אין דער פראָגער שול, באַוויינט די גרויסע אַבידה, געקלאָגט, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעוואָרן אַזאַ גרויסן גאון, וועלכער איז געווען באַשאָנקען מיט די שענסטע און איידלסטע מענטשלעכע מידות.

דער קמיעות־קאַמף האָט אונטערגעגראָבן דעם אויטאָריטעט פון די נייסטיקע פירער גראָד אין דער צייט, ווען עס האָט זיך איבער דעם דייטשן יידנטום באַוויזן די ערשטע שטראַלן פון דער „אויפקלערונג״־תקופה, און די אידעען פון די פראַנצויזישע ראַציאָנאַליסטן און מאַטעריאַליסטן האָבן וואַקלדיק געמאַכט דעם פעסטן מויער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס יידישע געטאָ פון דער אויסערלעכער וועלט. די אָפּגעלעבטע, נאָך דער קמיעות־מחלוקת אָפּגעשוואַכטע און דיסקרעדיטירטע רבנישע וועלט איז געווען מאַכטלאָז בייצוקומען די „פורצי גדר״ — די צווימען־ברעכער, וואָס האָבן זיך פלוצלונג באַוויזן אויף דער יידישער גאַס. שטורמיש און מוטיק, ווי אַ שוימענדיקער באַרגשטראָם אין אַ לאַכנדיקן פרילינגס־טאָג, האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער אָפּגעלעבטער אַלטמאָדישער געטאָ־וועלט נייע אידעען און שטרעמונגען. אַלץ האָט דער שטורמישער שטראָם אויף זיין ניצחונדיקן וועג אומגעשליידערט און אַוועקגעשווענקט: דאָס אַלטע, דורכגעפוילטע און פאַרשטאַרטע צוזאַמען מיט זייער ווערטפולן און לעבנסקרעפטיקן. וועגן דעם אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק.

פינפטער קאפיטל

די ירידה פון דער פויליש-ליטווישער רבנים-וועלט. — דער בעל „שאגת אריה" און זיין מחלוקת מיט דער קהילה. — דער פראטעסט פון יהודה מרגלית און די מלחמה פונם ווילנער קהל מיטן „רב האחרון". — על פרשת דרכים. — דער ווילנער גאון, זיין ראלע און באטייט. — דער „דו-פרצופין".

מיר האבן אין פאריקן קאפיטל געזען, ווי אזוי די זעקס-יאריקע מחלוקת האט אפגעשוואכט דעם רבנים-אויטאריטעט אין דייטשלאנד, אויפגעדעקט די פוילקייט פון דעם יידישן קהלשן לעבן מיט זיינע מסירות און קליינלעכע פניות. די ראשי המדברים, די הויפטראלע אין דער דאזיקער מחלוקת האבן געשפילט די רבנים פון דייטשלאנד און פון מערן; ניט בעסער, אויב ניט ערגער, איז אבער אויך געווען די לאגע אין מדינות פוילן וליטע. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, וואסערע טויטע פארשטארניע פארמען דער „שולחן-ערוך"-רבנות האט דארט אנגענומען אין דער צווייטער העלפט פונם 17טן י"ה. אפגעשטארבן איז דער גייסט פון אריגינעלן שאפן אפילו ביי די גדולי הדור, ביי די באדייטנדסטע טרעגער פון תלמודישן וויסן אין יענער תקופה. אט אין דער מלוכה פון פוילקייט און פארגליווערטקייט, ווו ס'האט געמוזט אפשטארבן אלץ, וואס לעבט און צאפלט נאך פרישער לופט, האבן ניט געקאנט גדייען קיין פרוכטבארע לעבן-דערוועקנדיקע אידעען. די גלענצנדיקסטע פעיקייטן, די שארפסטע מוחות האבן געמוזט דארט פארקריפלט ווערן, גיין לאיבוד אויף נוצלאזע, קליינלעכע שפילערייען.

זייער באלערנדיק איז אין דער הינזיכט דער לעבנס-וועג פון דעם בארימטן חריף אריה-לייב בן אשר [1], מער באקאנט אונטער דעם נאמען פון זיינע שו"ת „שאגת אריה". באשאנקען מיט אן אויסערגעוויינלעכן

1 געבארן אין מינסקער גובערניע בערך אין 1695. אויף דער עלטער איז ער געווען רב אין מעץ, ווו ער איז געשטארבן אין 1785. ביאגראפישע פרטים, זע: ד. מגיד, „תולדות משפחת גינצבורג", 35—50, און אין יידיש-רוסישער ענציקלאפעדיע, III, 244—249

אנאליטישן שכל, איז דער „שאגת אריה" געווען א שטארקער עומד על דעתו און ארויסגעוויזן פאר יענער צייט אן אומגעווינלעכן מוט ניט נתפעל צו ווערן פון אנערקענטע אויטאריטעטן. אין זיינע שו"ת דערלויבט ער זיך גאנץ שארפע אויסדרוקן אפילו אנטקעגן אזעלכע אנערקענטע פוסקים, ווי דער רמ"א, דער ב"ח, דער ש"ך וכדומה. גאנץ אפט באגעגנט מען ביי אים אזוינע אויסדרוקן, ווי: אין בדבריו טעם, שגג בזה הרבה, אינו יודע מה הוא סח, דבריו מבולבלים ואינם מובנים. ער האט זייער גוט איינגעזען די שוואכע זייטן פון דעם דרך הפילפול, און פלעגט אפט אנווייזן, אז ווי מען זאל ניט זיין געווארנט און זיך פלייסן אויסנוצן דעם פילפול אויסשליסלעך בכדי ארייַנצודרינגען אין דעם ריכטיקן פשט פון דער תורה, פונדעסטוועגן איז אוממעגלעך עס זאל זיך דערביי ניט צומישן פאלשע סאפיסטיק, וואס פירט אראפ פון דעם אמתן וועג [7]. זיינע אייגענע ארבעטן זיינען אבער אויך פול מיט פילפוליסטישן שפינוועבס. דער „שאגת אריה" באווייזט טאקע די קונציקסטע איינפאלן פון א שארף צוגעשפיצטן אנאליטישן מוח, ער איז אבער גארניט מחדש, ער זאגט ניט ארויס קיין אייגן געדאנק, וואס זאל טראגן אויף זיך דעם שטעמפל פון שעפערישער קראפט, פון אריגינעלן דענקען. זיין ניט בטל ווערן פאר אויטאריטעטן האט אים געפירט ניט צום פרייען קריטישן געדאנק, ניט אויף זעלבשטענדיקע פארשער־וועגן, נאר צו קליינלעכער גאווה, צום עזותדיקן ביטול, מיט וועלכן ער פלעגט זיך פארהאלטן צו אנדערע תלמידי־חכמים פון זיין דור. דאס האט אים, בפרט אין זיינע יונגע יארן, געבראכט צו שארפע קאנפליקטן און גרויסע אומאנגענעמלעכקייטן. בעת ער איז געווען ראש־ישיבה אין מינסק, האט ער זיך דערלויבט אפצושפאטן מיט אזא אומכבוד פון דעם באקאנטן תלמיד־חכם יחיאל הייל‌פערין (דער בעל „קורא הדורות"), אז דאס האט אלעמען שטארק אויפגעבראכט און ער האט געמוזט מיט גרויס בזיון גלייך פארלאזן מינסק. אן אגדה דערציילט, אז די מינסקער קהילה האט ארויסגעזעצט דעם גאוהדיקן ראש־ישיבה אין א שמוציקן לאסט־וואגן אום ערב שבת און אונטער שפאט־געשרייען און פייפערייַ האט מען אים פון דער שטאט ארויסגעפירט [8]. דער דאזיקער סיכסוך צווישן דער קהילה און דעם ראש־ישיבה קאן בלויז פארצייכנט ווערן אלס כאראקטעריסטישער

---

[7] „כמה שיזהר האדם בכל מה דאפשר שיהיה עיקר הפלפול באמתה של תורת, בכל מקום אי אפשר שלא יתערבו בו דברים שאינם לאמיתה". א נאך מער שארפערע אפשאצונג וועגן פילפול, זע „שאגת אריה החדש", דף 26, עמ' ב'.

[8] זע ד. מגיד, ציט. ווערק 36; יהודה לייב גארדאן, „אגרות", II, 374.

פרט, וואָס האָט גיט אַרויסגערופן קיין שום וויכטיקע פאָלגן. פון אַ גאַנץ אַנדער באַטייט איז געווען אַן אַנדער מחלוקת, וואָס האָט אויסגעבראָכן קעגן דעם רב אין דער הויפּטשטאָט פון ליטע, אַ מחלוקת, וואָס האָט אויפן בולטסטן אופן אויפגעדעקט די גאַנצע פּוילקייט און דעמאָראַליזירטקייט פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין ליטע און פּוילן אינדערמיט פונם 18טן י״ה.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי די גזירות ת״ח און די שרעקלעכע מהומות און בלוטיקע מלחמות, וואָס האָבן דערנאָך געוועלטיקט אין די פּוילישע מדינות אין משך פון צען יאָר, האָבן אויף גאַנצע דורות געבראַכט דעם יידישן קיבוץ אַן עקאָנאָמישן און מאָראַלישן חורבן. בכדי זיך אָפּקויפן פון די ווילדע באַנדעס און חיילות, וואָס האָבן דעמאָלט פריי געבאַלעבאַטעוועט איבער דעם גאַנצן לאַנד, האָבן די קהילות געמוזט מאַכן חובות, ס׳רוב ביי די קאַטוילישע קלויסטערס און גייסטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע בהלה־צייט האָט נאָך מער אָפּגעשוואַכט די צענטראַלע פּוילישע מלוכה־מאַכט, וואָס איז שוין פון דורות לאַנג אינגאַנצן אָפּהענגיק געווען פון דעם אַדלשטאַנד, פון דער דעה און אינטערעסן פון די פּוילישע פּריצים און שליאַכטע. נאָך די צעניאָריקע מלחמות איז די ממשלה פון דער שליאַכטע נאָך מער געוואַקסן; יעדער פּריץ, יעדער אָרטיקער שררה איז געווען תקיף אין זיין געגנט, געטאָן וואָס אים האָט זיך געוואָלט און געגלוסט, און קיינער האָט אים ניט גע־קאָנט פאַרווערן. אַט דער צעפאַל און גוואַלטיקע ירידה פונם גאַנצן לאַנד האָט אויפן שערלעכסטן אופן געווירקט אויך אויפן יידישן געזעלשאַפטלעכן און קהלשן לעבן. בכדי צו צאָלן די גרויסע חובות און זיך אָפּקויפן ביי די אָרטיקע וועלטלעכע און גייסטלעכע שררות זיי זאָלן ניט אַזוי שטאַרק רודפן און ניט באַווייזן זייער תקיפות קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, האָבן די פּרנסים און טובי העיר, ד״ה די פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה, געמוזט אַרויפלייגן אַ גרויסן קאָפּשטייער און אַנדערע אָפּצאָלונגען אויף יעדן יידן באַזונדער. בראש פונם קהל זיינען געשטאַנען די גבירים און אנשים חשובים, וואָס האָבן געהאַט אַ יד ביי די פּריצים און אין די הויפן פון די אָרטיקע שררות. אַט די ראשי הקהל, באַקומענדיק די מאַכט אין די הענט, פלעגן נאָכטאָן די פּריצים און אונטערדריקן דעם אָרעמען עולם. ביים באַשטימען די אָפּצאָלונגען, פלעגן זיי מאַכן כל המיני פאַלשקייטן: זיך און זייערע מקורבים פלעגן זיי פון אָפּצאָלונגען באַפרייען און אַלע אַרויפלייגן אויפן המון, אויף די ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. די אָרעמעלייט האָבן ניט געהאַט פאַר וועמען זיך צו קלאָגן, ווייל די ראשי הקהל זיינען דאָך געווען חשובים ביי די

שררות און זייערע לייט, האָבן זיי געמעגט טאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

מיר האָבן שוין אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען [4] אָנגעוויזן, ווי אַזוי אין דעם דאָזיקן עקשנותדיקן קאַמף, וואָס די אָרעמע פאָלקסשיכטן האָבן געפירט קעגן די „טובי העיר", וואָס זיינען געווען די רעדלפירער אין דעם „קהלס־שטיבל" און אויך גרויסע חשובים ביי די שררות, האָבן די רבנים געשפּילט אַ גאַנץ אומבאַשטימטע ראָלע. אַ טייל פון זיי האָבן געהאַט דעם מוט אָפן אַרויסצוטרעטן קעגן די אומגערעכטע מעשים, וואָס זיינען געטאָן געוואָרן בנוגע צו די אָרעמע מאַסן, און דערפאַר האָבן די דאָזיקע פּראָטעסטירנדיקע רבנים געהאַט אויסצושטיין גענוג רדיפות מצד די קהלשע תקיפים. אַנדערע רבנים אָבער זיינען געווען יד־אחת מיט די ראשי הקהל און דערמיט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם רבנות־אויטאָריטעט ביי דער פאָלקסמאַסע.

מיר האָבן שוין פריער געזען, אין וואָסערע שוואַרצע פאַרבן דער בעל „קב הישר" האָט געשילדערט די דעמאָראַליזירונג פון די „בעלי זרוע", וואָס זיינען געווען די רעדלפירער אינם „קהל־שטיבל". אין נאָך שוואַרצערע פאַרבן שילדערט איינער פון די געציילטע געבילדעטע רבנים אויס דער צווייטער העלפט פונם 18טן י"ה, יהודה מרגלית [5], די קלאָגנדיקע, הכנעהדיקע ראָלע, וואָס די רבנים שפּילן אויף דעם פאָן פון דער דעמאָראַליזירטער זעלבסטפאַרוואַלטונג:

„אַ טייל מנהיגי ישראל — קלאָגט זיך יהודה מרגלית — לא יחוסו על כבוד קונם כ"א על כבוד עצמם, זיי טראַכטן ניט וועגן גאָט, נאָר וועגן זייערע אייגענע אינטערעסן; זייער גאַנצע מאַכט נוצן זיי בלויז אויס אויף צו וואַרפן אַן אימה אויפן ציבור... מיט זייערע שאַרפע ציינער טוען זיי פרעסן די אָרעמעלייט; פון זיך וואַרפן זיי אָפּ דעם עול פון די מסים, און וואַרפן אַלץ אַרויף אויף די אַנדערע. ווי נאָר איינער באַקומט די מאַכט אין האַנט, ווערט ער בקי אין אַלע פאַלשקייטן, ויתנו יד לפושע ורשע, מאַכן איין קאָמפּלאָט מיט די נידערטרעכטיקסטע מענטשן, אויף קיינעם טוען זיי זיך ניט דערבאַרעמען. אַלע קבצנים און אָרעמעלייט טוען זיי באַליי גן מיט די שווערע שטייערן, און וואָס קאָנען זיי טאָן, די אומגליקלעכע נעבעך? מען הייסט געבן — גיבן זיי, ווען עס טרעפט אַפילו גאַנץ גוט, אַז די אָפּצאָלונגען, וואָס מען האָט אויף זיי

4 זע אויבן, ז' 162.

5 וועגן זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, זע ווייטער, קאַפּ' זיבן

ארויפגעליינט, שטייגן איבער כפל כפלים דאָס, וואָס עס גיט דער גביר. פאַלן זיי פון די פיס, די אָרעמע, אונטער דער שווערער משא. און זאָלן נאָר פרוּוון די זיפצנדיקע און שווער אונטערדריקטע אָרעמעלייט פּראָטעסטירן קעגן די אַלע שענדלעכע מעשים — ווי וועט זיין צו זיי, ווייל די תקיפים וועלן פאַר קיין זאַך זיך ניט אָפּשטעלן, בכדי די קעגנער צו רוינירן; גלייך קויפן זיי מיט מסירות צו זייערע באַקאַנטע שרים, נוצן אויס זייער תקיפות אין די „הויפן", ווי ווילדע וועלף טוען זיי אָפּ אין דער טיפער נאַכט זייערע פינסטערע מעשים. מיט זייערע נידערטרעכטיקע און פרעפלערישע מיטהעלפער שפינען זיי אַלערליי בילבולים בכדי לנהוג שררה על הציבור; מיט די פיס טרעטן זיי די אָרעמעלייט און פעסט דריקן זיי מיט זייער שווערער האַנט די אָרעמע מאַסע".

„מיינט ניט, קלאָגט זיך מרגלית ווייטער, אז מען קאָן זיך ווענדן נאָך הילף צו די גדולי הדור, צו אונזערע רבנים, וואָס זייער חוב איז דאָך צו זיין די היטער און שיצער פונם פאָלק. וואָרעם זיי זיינען יד־אחת מיט די באַדריקער, גייען צוזאַמען מיט די „תקיפים והשליטים אשר בעיר", ווערן מיטהעלפער פון יעדן סיפּאָס, גיבן רעכט יעדן באַטריגער (להיות זרוע ומגן לנרגן ואומץ לחומץ), דעם רבס נאָמען און אויטאָריטעט ווערט אויסגענוצט צו אַלע רשעותן, אַלץ באַקומט דעם הסכם פון דעם מרא דאתרא. דער וואָס דאַרף זיין דער היטער פון גערעכטיקייט — ווערט דער שירם פון רויבער און באַנדיטן, דער שופט צדק מיט באַטריגער אין איין באַנדע... אלה המה דייננו שופטינו ומחוקקינו — אָט דאָס זיינען אונזערע דיינים, אונזערע שופטים און געזעצגעבער! רויִק זעען זיי צו, וואָסערע רויבערייען און אומרעכטן עס קומען פאָר אין דער קהילה, און זיי טוען נאָך חנפענען די עשירים און תקיפים, וואָס פון זיי קומט דאָך „כל ריב וכל נגע" — יעדע קריג און פּלאָג..."

„ועיקר האשמה תלויה בראש הרוזנים והסגנים — זאָגט ווייטער יהודה מרגלית — דער עיקר זיינען אין דעם שולדיק די ראשי הקהל; דאָס ווילן זיי מיט אַ כיוון ניט לאָזן ווײלן קיין דיינים הגונים, און קלויבן אויס ניט קיין פּאַסיקע מענטשן, „שאין בהם לא ברית ולא תורה". דאָס טוען זיי אַלץ אויס דער שלעכטער מידה פון גאווה און זייער דורשט נאָך מאַכט און כבוד. זיי, די ראשים ושליטים פון דער קהילה, ווילן ניט דערלאָזן אויפן רבנות־פּאָסטן אָנגעזעענע און בכבודיקע מענטשן, בכדי זיי זאָלן ניט דאַרפן זיך רעכענען מיט זייער אויטאָריטעט און זיין נכנע אונטער זיי. קלויבן זיי ליבער אויס פאַר אַ רב אָדער אַ מגיד גאַנץ גײש־

טיקע מענטשן, וואָס זיינען גרייט צו טאָן אַלץ, וואָס זיי, די תקיפים, ווילן״

אין דער זעלבער צייט, ווען מרגלית האָט געשריבן זיינע צאָרנדיקע שטראָף־רייד, האָט אין דעם הויפּט־צענטער פון ליטע, אין דער עיר ואם בישראל — אין ווילנע, זיך געפירט אַן עקשנותדיקער קאַמף צווישן די ראשי הקהל און דעם ווילנער רב הכולל, אַ קאַמף, וואָס האָט סוף־כל־סוף אונטערגעגראָבן די מאַכט פון ביידע צדדים: הן פון דעם „כסא הרבנות״ הן פון דעם „חדר הקהל״ — פון דער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין מדינת ליטע. אָט די מחלוקת, וואָס האָט געדויערט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר, האָט אומבאַדינגט אַ באַדייטנדיקן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, ווייל ער גיט אַ בולט בילד פון דער טרויעריקער מאָראַלישער ירידה, צו וועלכער די יידישע זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט דערגרייכט אין דער צווייטער העלפט פונם 18טן י״ה [7].

אזוי זעען מיר אין ביידע וויכטיקסטע יידישע קיבוצים — אין דייטשלאַנד און אין פוילן, איין און דאָס זעלבע טרויעריקע בילד: מחלוקתן און סכסוכים אין דעם קהלשן לעבן דעקן אויף פון איין זייט די גאַנצע צעפוילטקייט פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג, און פון דער אַנדערער — דעם מאָראַלישן באַנקראָט פון די גייסטלעכע פאַרשטייער, פון די רבנים און מנהיגי הדור. אויף דער אייבערפלאַך, אויפן אייבערשטן שטח פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זעען מיר אין ביידע קיבוצים אַ פולשטענדיקע גייסטיקע ירידה; אָבער אין די טיפענישן פונם פאָלקס־לעבן קומען פאָר קאָמפּליצירטע, פאַרן אויבנאויפיקן אויג ניט באַמערקבאַרע פּראָצעסן — אַ פּועל־יוצא פון פאַרשיידנאַרטיקע סאָציאַלע און גייסטיקע כוחות — און באַלד ווערט דאָס פאַרבאָרגענע אַנטפּלעקט, דאָס איינטעניקע געבירט פאַרשיידענע פאַרבן און דאָס איינפאָרמיקע באַקומט קאָמפּליצירטערע געשטאַלטן. די צוויי צווילינג־ברידער, דער פויליש־דייטשער קיבוץ, וואָס איז ביז איצט געווען ווי מעור אחד — ווערן אָפּגעזונדערט, יעדער באַקומט זיין אייגענעם נוסח. אויפגעוואַכט פון זייער גליוער, האָבן זיי זעלבשטענדיק אָנגעהויבן זוכן וועגן, די וועגן גייען זיך

---

6 זע: „בית מדות, 40—42 (מיר ציטירן לויט דער ליקער אויסגאַבע פון 1862); „סל אורות״, 38 (ציטירט לויט דער פּרעסבורגער אויסגאַבע פון 1813).

7 דעם דאָזיקן קאַמף האָבן מיר באַריכות באַשריבן אין אונזער אַרבעט „מלחמת הקהל בהרב האחרון״ („העבר״, 1918, II). מיר האָבן דערביי אויסגענוצט אַ האַנטשריפטלעכן פנקס, אין וועלכן עס זיינען צונויפגעזאַמלט „כתובים וכרוזים הנוגע לדברי ריבות ומחלוקת ע״ד האב״ד האחרון בווילנא״. ווייל די צייטשריפט האָט ניט געהאַט קיין אריכת ימים, איז די צווייטע העלפט פון אונזער אַרבעט געבליבן ניט פאַרעפנטלעכט.

פונאנדער, ערטערווייז קרייצן זיי זיך דורך, גיסן זיך צונויף אויף א ווייל, און באלד וויקלען זיי זיך ווייטער אין פארשיידענע זייטן און ריכטונגען...

אין דער זעלבער שטאט, ווו עס איז פארגעקומען די „מלחמת הקהל בהרב האחרון", וואס האט, ווי מיר האבן פריער אנגעוויזן, אנטבלויזט דעם מאראלישן באנקראט פון דער רבנישער וועלט — האט געלעבט און געשאפן א ווונדערבארער מאן, איינע פון די מערקווירדיקסטע און אויסערגעוויינלעך באגאבטסטע פערזענלעכקייטן, וואס יידן האבן געבארן אין משך פונם 18טן י"ה. א שטרענגער אסקעט און פרוש איז ער געווען, אינגאנצן אויסגעטאן פון עולם הזה, און גראד אים איז געלונגען אומקערן דער פארשטארטער רבנישער לומדות איר אמאליקן גלאנץ און אויטאריטעט. אים האט אינטערעסירט בלויז דאס געוועזענע און אמאליקע, זיין גאנצער מהות, זיין גאנץ טאן און טראכטן האט געהערט דעם עבר, דער מסורה פון פארגאנגענע דורות, און דאך האט ער מיט זיין שאפן, ווען אפילו קעגן זיין ווילן, געפירט צו נייע וועגן; ער איז געווען דער פארבינדונגס-רינג צווישן דער אלטער וועלט און די נייע אויפגעוואכטע שטרעמונגען. ר' אליהו בר' שלמה זלמן האט דער דאזיקער מאן געהייסן, ביים פאלק אבער איז ער פאר אלע דורות פארבליבן סתם „דער ווילנער גאון", דער איינציקער, דער אויסדערוויילטער... [8].

אין זיינע לערניארן דארף אונטערגעשטראכן ווערן איין כאראקטעריסטישער פרט: ער האט אין קיין שום ישיבה ניט געלערנט. שוין גאר אין די יונגע יארן האט ער געשמט פאר א גוואלטיקן עילוי, האט ער שוין פון יינגלווייז אן געלערנט פאר זיך, געגאנגען זיין דרך. דאס האט בליספק געהאט א גרויסן באטייט פאר זיין ווייטערדיקער גייסטיקער אנטוויקלונג. ער האט זיך ניט געפונען אונטער דער השפעה פון דעם דרך הפילפול, פון דעם אלטפרענקישן סדר הלימוד אין די דעמאלטיקע ישיבות; אנגעוויזן אויף זיינע אייגענע כוחות, האט ער שוין גאר אין די יונגע יארן געלערנט צו זיין אן עומד על דעתו, פריי און אומגעשטערט זוכן זיין אייגענעם דרך אויפן געביט פון תלמודישן פארשן און לימוד התורה. צו צוואנציק יאר פארלאזט דער ווילנער גאון זיין הויזגעזינד און היים און לאזט זיך אין דער וועלט אריין „אפריכטן גלות". אין משך פון פינף יאר האט ער געוואנדערט איבער פוילן און גאנץ דייטשלאנד. עס זיינען פאראן א סך לעגענדעס וועגן דעם, ווי די חכמי אומות העולם, גרויסע פראפעסארן און געלערנטע זיינען אין בערלין נתפעל גע-

---

8 געבארן אין 1720, געשטארבן אין ווילנע אין 1797.

וואָרן פון דעם ווילנער גאונס בקיאות אין די אלע „שבע חכמות״ [9].
אַ קערנדל אמת איז אין די דאָזיקע לעגענדעס יאָ פאַראַנען: אין דער ייִדישער רבנישער וועלט האָט דער יונגער גאונישער פּרוש פון ווילנע געמאַכט אַ זייער גרויסן רושם, און ר׳ יונתן אייבשיץ זאָגט עדות, אַז „ער (אליהו מווילנא) איז שטאַרק באַרימט אין פּוילן, בערלין, ליסע און אין אַלע אַנדערע מקומות, ווו ער האָט האָט נאָר געוואַנדערט״ [10].
אין יאָר 1745 איז דער גאון צוריקגעקומען קיין ווילנע, ווו ער האָט פאַרבראַכט זיין גאַנץ לעבן. און דאָס דאָזיקע לעבן איז געווען אָפּגעגעבן אין איינציקער באַשעפטיקונג, האָט געשטרעבט צו איין באַשטימטן ציל — לערנען תּורה. אויסגעטאָן פון וועלטלעכע אינטערעסן און פון דאגת פּרנסה [11], פלעגט ער זיצן טאָג און נאַכט אין טלית און תּפילין פאַרמאַכט ביי זיך אין צימער ביי צוגעשפּאַרטע לאָדן, די שיין פון דער זון זאָל אים ניט שטערן, און אַלץ געלערנט. אפילו מיט די אייגענע קינדער האָט ער זעלטן ווען אַ וואָרט גערעדט, ניט געוואָלט מפסיק זיין; און פילע לעגענדעס וועגן דעם גאונס פּרישות און אָפּגעזונדערטקייט האָבן צירקולירט אין דער אַלטער ווילנע. ער, דער גרעסטער בקי אין ים התּלמוד, דער למדן, וואָס האָט אפשר זיין גלייכן ניט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָרהונדערט, האָט ניט געוואָלט פאַרנעמען דעם כּסא הרבנות: אַ רב, האָט ער געזאָגט, [12] מוז דאָך האָבן צו טאָן מיט מענטשן, מיט וועלט־זאַכן; און נאָר אַ פּריוואַטער מענטש קאָן זיין אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, ווייט פון גשמיות און עולם־הזה־זאַכן — רק לויטער רוחניות, אויף קיין אײַן טריט ניט פאַרלאָזן אהלה של תּורה — די געצעלטן פון דער תּורה. און ניט רק „דער גאון״ האָט ער ביי זיין דור געהייסן, נאָר אויך „דער חסיד״, דער איש אלהים... [13].
איבער זיבעציק ווערק האָט ער פאַרפאַסט, נאָר קיין איינס ביי זיין לעבן ניט געדרוקט, פילע פון זיי אפילו ניט מיט דער אייגענער האַנט

9 י. ה. לעווין, „עליות אליהו״, 4טע אויפלאַגע, 16.

10 „לוחות עדות״, 1.

11 פאַר אַלע הצטרכותן פון דעם גאונס הויזגעזינט האָט געזאָרגט די ווילנער קהילה: זי פלעגט דערויף אַסיגנירן יערלעך 1400 זלאָטעס, געזאָרגט אויך פאַר פרייע וווינונג און באַפרייט פון וועלכע ס׳איז אָפּצאָלונגען.

12 זע „תּנא דבי אליהו״ (אַ פּירוש אויף משלי), 19.

13 דערפאַר בעת עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסער מחלוקת צווישן די ראשי הקהל און דעם רב שמואל בן אַבינדור, האָט דער צד שכנגד אין זיין אָנקלאָגע, וואָס ער האָט דערלאַנגט דער אויבערלעכער מאַכט, צווישן אַנדערע באַשולדיקונגען קעגן די ראשי הקהל אויך אַרויסגעשטעלט דעם חטא, וואָס מען פלעגט יערלעך אויסצאָלן פון קהילה׳ס געלט 1400 זלאָטעס „עפּעס איינעם אַ אליהו בן זלמן, וואָס ווערט אָנגערופן

נעשריבן; און דאך האט ער שוין בײם לעבן, נאך אין זײנע מיטעלע יארן געגאלטן אלס דער גרעסטער אויטאריטעט אויפן געביט פון תלמודישן װיסן, און הן אין דער רבנישער װעלט הן בײם פשוטן עולם איז דער „װילנער גאון״ געװארן דער סימבאל פון גאונישער לומדות און הײליקער חסידות. יעדעס װארט זײנס האט געמאכט א רושם, דורך זײנע תלמידים מפה אל פה פארשפרײט, מיט יראת הכבוד פארשריבן און מיט פילע פירושים פארטײטשט. װארעם אן ערשטקלאסישער פאר־שער איז דער װילנער גאון געװען. זיצנדיק פארשפארט בײ זיך אין חדר מיט די צוגעמאכטע לאדנס, האט ער מיט זײן אדלער־בליק דאך דערזען װי אומנארמאל, װי פארקריפלט ס׳איז דאס גײסטיקע לעבן פון זײן דור. מיט זײן גאנצן אויטאריטעט איז ער ארויסגעטראטן קעגן דעם דרך הפילפול, און האט אפן דערקלערט, אז דער דאזיקער סדר הלימוד „פאר־טרײבט דעם אמת״ [14]. די מוחות זײנען אין יענעם דור דורך דעם איבערגעשפיצטן פילפול געװען אזוי פארדרײט, אז עס האט ערשט גע־מוזט קומען א װילנער גאון און „אנטדעקן״ אזא פשוטע זאך, אז בײם חינוך פון קינדער דארף מען גײן מן הקל אל החמור, אז פריער דארף מען מיט די קינדער לערנען תנ״ך און דיקדוק, דערנאך משנה און ערשט דאן גמרא מיט רש״י און די װײטערדיקע פירושים [15]. עס איז פאר יענער צײט געװען ממש א התגלות, בעת דער װילנער גאון האט ארויסגעזאגט דעם פשוטן געדאנק, אז דער תלמוד איז דאך א פועל־יוצא פון די ספרי הקודש, פעסט און ארגאניש מיט זײ צונויפגעבונדן, בכן איז גאר אוממעגלעך דעם תלמוד גרינדלעך און װיסנשאפטלעך צו פארשטײן װיבאלד מען איז ניט בקי אין תנ״ך, װאס איז דאך דער יסוד, אויף װעלכן דער גאנצער תלמוד איז אויפגעבויט. בכדי אבער דעם תנ״ך צו פארשטײן מוז מען דאך אויספארשן די שפראך, אויף װעלכער דער תנ״ך

מיטן בײנאמען חסיד״, און מען גיט אים נאך דערצו פרײע דירה און מען באצאלט אים פון אלע שטײערן. זע די אקטן פון דער װילנער קאמיסיע, ב׳ 29, ז׳ 468, 470: Eliaszowi Zelmanowiczowi, tytuiącemu się patriarsze, czyli po hebraysku chossidowi... nic nie czynemu, żadnego szeląga do kahału niepłacącemu, ani też do żądney króbki nie importującemu, stancyą onemu arenduje, y co tydzień z kahalnych pieniendzy tym sposobem zebranych dwadzieścia ośm złotych opłaca, co na rok wyniesie wydatku daremnego tysiąc czterysta złotych, y różne onemu akkomodacye, jako to rubę y dalsze rzeczy kupują.

14 „עליות אליהו״, 72.

15 זײן פראגראם װעגן קינדער דערציען גיט דער װילנער גאון אין דער הקדמה צו זײן פירוש אויף „שולחן ערוך״ טור „אורח חיים״, און װערט מיט התלהבות אי־בערגעחזרט אין פילע װערק פון זײנע תלמידים. זע, צ״ב, דעם װילנער מגידס, יחזקאל פײװל אױם דראהאטשין, „תולדות אדם״, ערשטער טײל, קאפ׳ 3.

אין געשריבן [16], קודם־כל וויסן דעם פשוטן פשט, דעם פירוש המילות, און דערנאך ערשט זוכן אין די ווערטער די סתרי תורות, וואס זיינען אין זיי פארבארגן [17]. אויך מיידלעך, שטרייבט דער ווילנער גאון אונטער, דארפן לייענען די ספרי הקודש (אין יידיש־דייטשער איבערזעצונג); און אין זיין באוווסטן בריוו, וואס ער האט געשריבן אהיים אויפן וועג קיין ארץ־ישראל [18], זאגט ער אן, אז זיינע טעכטער זאלן „למען השם יעדן טאג לייענען „משלי״ אויף עברי־טייטש, ווייל דער דאזיקער ספר איז וויכטיקער פון אלע אנדערע מוסר־ספרים״.

דער ווילנער גאון איז אבער אין זיין דערציִונגס־רעפארם געגאנגען נאך ווייטער, און האט זיך דערלויבט ארויסצוזאגן אזוינע געדאנקען, וואס האבן שוין ממש געשמעקט מיט אפיקורסות. דער דאזיקער פאר־גאטיקט־פרומער מאן, וואס איז גרייט געווען זיך מקריב זיין פאר א מינדסטער מצווה, דערקלערט גאנץ באשטימט, אז בכדי צו זיין אימ־שטאנד גרינטלעך אויסצופארשן דעם תלמוד, מוז מען דערצו באזיצן ניט נאר ריין־יידישע ידיעות, נאר זיין בקי אין „חכמות חיצוניות״ אויך. אסטראנאמיע, געאגראפיע, מאטעמאטיק, מעדיצין וכדומה, ווייזט אן דער ווילנער גאון, האבן א גרוים שייכות צו גמרא, ווייל אן די דא־זיקע וויכטיקע חכמות איז גאר אוממעגלעך משיג צו זיין פילע געזעצן אין דער תורה און דינים אין תלמוד.

„אלע חכמות — דערקלערט דער ווילנער גאון — זיינען נייטיק פאר אונזער תורה״ [19]; „יעדער מאנגל פון וויסן אין די חכמות חיצוניות איז גורם א הונדערטפאכן מאנגל ביים לערנען די תורה, כי התורה והחכמה נצמדים יחד״ [20]. בלויז צו דער פילאזאפיע האט זיך דער ווילנער גאון פארהאלטן מיט שנאה. ער האט שמארק באדויערט, וואס אזא גדול בישראל, ווי דער רמב״ם, האט זיך געלאזט פארפירן דורך דער „פארשאלטענער פילאזאפיע״ (הפילוסופיה הארורה) [21]. ווי

---

16 חענך דעם גאונס גרויסע ידיעות אין דיקדוק און יידישער שפראך־פארשונג, זע: מ. פלונגיאן, „בן פורת״, 67.

17 „אדרת אליהו״, 1.

18 אוים אן אומבאקאנטער סיבה איז פון דער נסיעה גארניט געווארן און דער גאון האט זיך אומגעקערט פון מיטן וועג.

19 „כל החכמות נצרכות לתורתנו הקדושה וכלולים בה״ (זע: י. ה. לעווינזאָן, ווי. 23; ישראל שקלאָווער אין זיין פארעדע צו „פאת השלחן״).

20 זע ברוך שיק אין דער הקדמה צו זיין אוקלידוס־איבערזעצונג.

21 הירש מאצענעלענבוינגן פארזיכערט אפילו („קריה נאמנה״, 152), אז דער דאזיקער אויסדרוק „אינם דברי הגר״א״, נאר א ווייטיקער מענטש „האט די דאזיקע ווערטער בשעתן דרוקן אריינגעשמועלט״. אז די דאזיקע באהויפטונג האט קיין שום יסוד נים, האט שוין פון לאנג דערוויזן שמואל לוריא, וואס האט אליין געזען דעם ווילנער גאונס איינגהענטיקן מאנוסקריפט (זע „עליית אליהו״, 25).

מיר וועלן ווייטער זען, האט דער ווילנער גאון אנגעוויזן זיינע תלמידים ווי נייטיק ס'איז איבערזעצן וויסנשאפטלעכע ווערק און לערנביכער פון אייראפעיִשע שפראכן אויף לשון־קודש. ער איז אבער געווען ניט נאר א נאה דורש, נאר אויך א נאה מקיים. ער גופא האט אויך געשריבן ווערק וועגן דיקדוק, מאטעמאטיק און געאָגראפיע. ער שרייבט א לערנבוך „איל משולש״ [22], ווו עס ווערן דערקלערט ספעציעלע מאטעמאטישע פראגן, וואס האבן א שייכות צו געוויסע דינים, וועלכע ווערן באהאנדלט אין פארשיידענע מסכתות פון תלמוד. אויפן יסוד פון די ידיעות, וואס ווערן געגעבן אין דער ביבל, פארפאסט ער א געאגראפיע פון פאלעסטינע (צורת הארץ) און צייכנט אויך א סכעמאטישע קארטע פון ארץ־ישראל, בכדי דער יידישער לייענער זאל האבן א קלארן באגריף, ווי אזוי דאס לאנד כנען איז צעטיילט געווארן צווישן די צוועלף שבטי ישראל (די קארטע איז פארעפנטלעכט אין צווייטן זאמלבוך „פערעזשיטאיע״). ער שרייבט אויך ווערק וועגן אסטראנאמיע, גראמאטיק אאז״וו. דער ווילנער גאון האט ניט באהערשט קיין איין אייראפעיִשע שפראך, אלע זיינע וויסנשאפטלעכע ידיעות האט ער געשעפט אויסשליסלעך אויס אלטע העברעיִשע קוועלן, דערפאר האבן די דאזיקע ווערק זיינע ניט געקאנט האבן א באדייטנדיקן וויסנשאפטלעכן ווערט. אין אומפארגלייכלעך גרעסערן באטייט האבן אבער זיינע פארשונגען אויפן געביט פון חכמת התלמוד. דא איז ער בלי־ספק געווען א מחדש, און דער באטייט פון זיינע ארבעטן ווערט נאך גרעסער, בעת מען נעמט אין באטראכט, אז אין יענער צייט איז די קריטישע באלייכטונג און אויספארשונג פון היסטארישע דאקומענטן געגאנגען נאך אין די קינדער־שיכלעך אפילו ביי דער אייראפעיִשער געלערנטער וועלט. מיט זיין גאנצער גאונישער חריפות און גוואלטיקער בקיאות האט ער זיך גענומען קריטיש אויס־צופארשן און אויסצובעסערן דעם טעקסט פון דער אלטער תלמודישער ליטעראטור. יעדעס ווארט אין תלמוד איז טאקע ביי אים געווען קדשי קדשים, ער האט אבער אויך זייער גוט געוווסט, אז איידער מען האט דעם תלמוד אנגעהויבן דרוקן, פלעגט מען דעם טעקסט אפשרייבן מיט דער האנט. און די סופרים און אפשרייבערס זיינען דאך געווען פשוטע בשר ודם און דערצו נאך צייטנווייז אן די נייטיקע ידיעות אויך, האבן זיי ניט ווילנדיק אנגעמאכט גרייזן, אפט פארוועגדט גאנצע דפים אדער איינציקע שורות. און דא האט ר׳ אליהו מווילנא באוויזן זיין גאנצע גאונות. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן [23], אז דער רש״ל האט מיט זיין

22 געדרוקט אין 1833.

23 זע אויבן, ז׳ 52.

חריפות פיל אויפגעטאָן מיט זיינע קריטישע אויספאָרשונגען וועגן דעם טעקסט פון תּלמוד בבלי, האָט דערפאַר דער ווילנער גאון געשינקט זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט דעם אַמווייניקסטן אויסגעפאָרשטן תּלמוד ירושלמי. קריטיש אויספאָרשן און אויסבעסערן דעם פאַרגרייזטן טעקסט איז נאָך געווען באַזונדערס שווער דורך דעם, וואָס דער ווילנער גאון האָט ניט געהאַט אונטער די הענט אַ גענוגנדיקע צאָל אַלטע מאַנוסקריפּטן. האָט דער ווילנער גאון זיך דערפאַר באַנוצט מיט דער מעטאָדע פון פאַרגלייכונגען: דעם טעקסט, וואָס ס'האָט אַרויסגערופן אַ וועלכן ס'איז חשד, האָט ער פאַרגליכן מיטן טעקסט פון דעם זעלבן ענין אין אַלע אַנדערע אַלט־העברעיִשע מקורים. דערביי האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שאַרפן קריטישן חוש, בעת ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין גרויס באַדויערן, וואָס עס זיינען ניט פאַראַן אין העברעיִשער איבערזעצונג יוסף פלאַוויוס ווערק. וועלכע וואָלטן בלי־ספק געקאָנט באַלייכטן פילע טונקעלע שטעלן אין תּלמוד. מיט חריפות, וואָס ס'האָט קיין גלייכן ניט, און מיט גרויס מי און פלייס האָט ער קריטיש און וויסנשאַפטלעך דורכגעפאָרשט דעם טעקסט פון גאַנץ תּלמוד ירושלמי, אַ סך מדרשים און פילע אַנדערע זוּיכטיקע ספרים. פאַרהאַלטנדיק זיך מיט גרויס יראת־הכבוד צום טעקסט פון די קדמונים, האָט ער זיין קריטישע אַרבעט דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיקייט. יעדע אויסבעסערונג זיינע האָט אים געקאָסט גוואַלטיק פיל מי און צייט, און די תּלמידים זיינע דערציילן, אַז עס האָט ניט זעלטן געטראָפן, וואָס ער פלעגט פאַרברענגען גאַנצע חדשים מיזאַמע אַרבעט איבער איין אויסבעסערונג צו אַ פאַרגרייזטן טעקסט [24]. דערפאַר אָבער, אַז ער האָט זיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון זיין השערה, האָט ער שוין אָן שום פּחד געענדערט דעם טעקסט, פלעגט אויסמעקן אָדער איבערטראָגן פון איין קאַפּיטל אין אַ צווייטן גאַנצע שורות און זאַצן. גאַנץ אָפט פלעגט מיט איין קליינער הערה אָדער מיט איין וואָרט נעלינגען דעם ווילנער גאון צו צעשטערן גאַנצע בערג בויך־סברות און קונציקע פשטלעך פון זיינע פאָרגייער, און וואָס ס'האָט פריער אויסגעוויזן אַזוי האַרב, פאַרפלאָנטערט און אומפאַרשטענדלעך, איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי פשוט און קלאָר. זיינע טיפע און ווערטפולע דערקלערונגען פלעגט דער ווילנער גאון על־פּי רוב מאַכן אין פאָרם פון הגהות אויף די ראַנדן פון דעם באַטרעפנדיקן ספר גופא. אין דעם לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי געפינט זיך אַן עקזעמפּלאַר „מכילתא", וואָס אויף די ראַנדן פון זיינע בלעטער האָט דער ווילנער גאון נעשריבן זיינע ווערטפולע

---

[24] זע ר' חיים וואָלאָזשינערס הקדמה צו „ספרא דצניעותא".

הגהות און אויסבעסערונגען, און טעקסט פון דעם דאָזיקן עקזעמפּלאַר זיינען זיי איבערגעדרוקט אין אַלע שפּעטערדיקע מכילתא־אויסגאַבעס אונטער דעם קעפּל „איפת צדק״ [25].

ס'איז אויסער ספק, אַז פון היינטיקן וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט אין די „פאַרגלייכונגס־מעטאָדע״, מיט וועלכער דער ווילנער גאון האָט זיך באַנוצט, ניט קיין גאַנץ זיכערע. די ניט גלייכע נוסחאות פון איין און דעם זעלבן דין אָדער החלטה אין פאַרשיידענע מקורים זיינען ניט שטענדיק קיין פועל־יוצא פון אַ פּשוטן „טעות סופרים״ — וואָס די אַפּשרייבערס האָבן אַ טעות געהאַט און פאַרדרייט דעם טעקסט. סיי נאָך דעם וועלטבאַנעם און סיי נאָך דער צייט און סביבה, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די פּרזאָנען, וואָס האָבן רעדאַקטירט די באַטרעפנדיקע קוועלע, האָט דער אָדער יענער דין באַקומען אַ גאַנץ אַנדערע טענדענץ און נוסח. אַזוי ווייט האָט אָבער דער ווילנער גאון, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון צוויי תקופות, ביי זיין גאַנצער חריפות ניט געקאָנט זיין. פאַר אים מיט זיין שאַרפן פאָרשער־חוש איז טאַקע געווען קלאָר, אַז די מסורה און די מנהגים פון פאַרשיידענע תקופות געפינען זיך אין געוויסן צוזאַמענהאַנג מיט דער ביבל־ירושה, מיט די דינים און געזעצן פון דער תורה. אים האָט אָבער אויף דער מחשבה ניט געקאָנט קומען, אַז די „תורה שבעל פה״ איז אַ פּראָדוקט פון שפּעטערדיקע דורות, אַז זי איז דער המשך, די נייטיקע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און הוספה צו דער תורה שבכתב, וואָס פאַרהיט דערמיט דאָס געשריבענע געזעץ, עס זאָל ניט פאַרשטאַרט און פאַרשטיינערט ווערן. דאָס געשריבענע געזעץ איז בלויז די ריכטשנור, דער גרונט־כלל, וואָס מוז יעדעס מאָל, בעת עס ווערט דורכגעפירט אין לעבן, אָננעמען די פאָרמען, וואָס זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער באַטרעפנדיקער צייט און סביבה. בייטן זיך ניט די

[25] מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער ווילנער גאון האָט ביי זיין לעבן ניט פאַרעפנטלעכט קיין איינס פון זיינע פילצאָליקע ווערק. פילע פון זיי זיינען געווען פאַרשריבן ניט מיט זיין אייגענער האַנט. בכדי ניט צו דערלאָזן קיין ניט געוואונטשענע פעלשונגען, האָבן די ווילנער רבנים גלייך נאָך דעם גאונס טויט אַרויסגעלאָזט אַ פּרוז, קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו פאַרעפנטלעכן אונטער דעם גאונס נאָמען אַ וועלכע ס'איז ווערק, איידער אַ קאָמפּעטענטע אינסטאַנץ וועט ניט פעסטשטעלן נאָך אַ גרינטלע־כער חקירה ודרישה, אַז דעם באַטרעפנדיקן חיבור האָט ווירקלעך פאַרפאַסט דער וויל־נער גאון. דעם באַדייטנדיקסטן טייל פון דעם גאונס ליטעראַרישער ירושה האָבן פאַר־עפנטלעכט זיינע זין און תלמידים. ניט יעדער פון זיי האָט אָבער פאַרמאָגט די דערצו נייטיקע ידיעות, דערפאַר זיינען אייניקע פון דעם גאונס ווערק דערשינען שטאַרק פאַרגרייזט. דעם פולן רייסטער פון דעם גאונס חיבורים, זע אונזער אַרטיקל אין דער רוסיש־יידישער ענציקלאָפּעדיע, ב׳ 8.

פארמען — דאן פארלירט דאס גענוץ דעם רעאלן באדן, ווערט עס אן אנאכראניזם, אן אפגעשטארבענע זאך. דער דאזיקער אמת איז בכלל נאך געווען פרעמד יענער תקופה, וואס האט אמווייניקסטן געהאט דעם געהעריקן חוש פאר געשיכטלעכער אנטוויקלונג. נאך וויניקער האט דאס געקאנט פילן דער ווילנער גאון, וואס איז אויסגעוואקסן אין דעם ענגן וועלטבאנעם פונם שולחן־ערוך־רבנות. די לעבעדיקע מסורה, א פועל־יוצא פון דעם געשיכטלעכן פראצעס, — ווערט ביים ווילנער גאון פאר־וואנדלט אין פאר אלע דורות פעסטגעזעצטע כללים, מיט א גאנץ באַ־שטימטן לבוש און פארם, און דאס לעבן דארף און טאר אויף זיי קיין שליטה ניט האבן. לויט דעם גאונס וועלטבאנעם איז די תורה שבעל־פה בנוגע צו תורת משה גארנישט ניט מחדש, ברענגט ניט אריין קיין שום נייע עלעמענטן אוים דער דרויסנדיקער וועלט און שפעטערדיקע דורות. ביידע תורות צוזאמען זיינען — הלכה למשה מסיני, א געטלעכע התגלות אויפן בארג סיני לעיני כל ישראל. דער תלמוד און אלע זיינע מפרשים — זייער אויפגאבע איז בלויז צו דערקלערן און צו פארטייטשן די דינים און געזעצן, וואס זיינען געגעבן געווארן לעולם ועד — פאר אלע קומענדיקע דורות. אמת, דער ווילנער גאון האט מיט זיין שארפן קריטישן פארשער־בליק איינגעזען דאס, וואס קיין אנדער תלמוד־פאר־שער פון זיין צייט האט ניט געזען: אז די חכמי התלמוד זיינען מיט זייערע טייטשן און דערקלערונגען צייטנווייז סותר דעם אמתן פשט פון דער תורה. און אפן און אן פחד ווייזט ער טאקע אן, אז די תורה שבעל פה (דער תלמוד) „עוקרת את המקרא״ — גראבט אונטער די תורת משה. אלס זון פון זיין צייט איז ער אבער ניט געווען ביכולת צו זען אין דעם א פועל־יוצא פון די פארענדערטע לעבנס־באדינגונגען, וואס פאדערן און צווינגען, מען זאל אין דעם ווארט פון דעם געשריבענעם געזעץ ארייגלייגן אן אנדער פשט, וואס איז בעסער צוגעפאסט צו די תביעות פון דער צייט. ער זעט בלויז אין דעם „די גרויסקייט פון תורה שבעל פה״, א שטארקן באווייז, אז — גם אלה ואלה דברי אלהים חיים, ביידע צוזאמען, די תורה שבעל פה גלייך מיט תורת משה, זיינען „הלכה למשה מסיני״.

עס איז דערפאר גאנץ לאגיש פון זיין שטאנדפונקט, וואס ער איז זיך שטארק מתרעם אויף די שפעטערדיקע פוסקים און מפרשים, ווי נאר ער באמערקט ביי זיי א וועלכע ס׳איז נטיה צופאסן דעם געשריבענעם געזעץ צו די לעבנס־פאדערונגען. דאס באווייזט זיך באזונדערס בולט אין זיין פירוש אויפן „שולחן־ערוך״, ווו ער פלייסט זיך אויפצודעקן די מקורים און דעם תמצית פון יעדן געזעץ באזונדער. ער איז א גוואלטיקער

מחמיר, און שטייט שטאָל און אייזן פאַר יעדן פּינטעלע פון וועלכן ס׳איז דין, פאַר אַלע חומרות און דיקדוקים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט וואַסער ס׳איז מצווה. ער געפינט, אַז מען דאַרף זיך אַפילו אין דער הינזיכט ניט רעכענען מיטן אויטאָריטעט פון די בעלי „שולחן ערוך״, און ער גופא פּאָלט אָן מיט גאַנץ שאַרפע אויסדרוקן אויף זיין אייגענעם זיידן, דעם בעל „באר הגולה״ (משה רבקהש) דערפאַר, וואָס יענער איז צייטנווייז אַ מקיל בנוגע צו געוויסע מצוות און דינים. ער טרעט אַרויס אויפן אַנטשיידנסטן אופן קעגן אַלע תקנות, וואָס חשובע רבנישע אויטאָריטעטן האָבן איינגעפירט בכדי מקיל זיין ביי געוויסע דיני שבת. ער געפינט, למשל, אַז מחוץ לארץ טאָר מען ניט טראָגן אום שבת אַפילו דאָרט, וווּ עס איז פאַראַן אַן עירוב. ער האָט אַפילו געפונען, אַז מען דאַרף צוריק אויפסנייַ איינפירן אויך די מנהגים פון ימי חכמי התלמוד, וואָס זיינען מיט דער צייט בטל געוואָרן [26]. ניט דאָס גייען דאַרף זיך צופּאַסן צום לעבן, נאָר דאָס לעבן צום געזעץ — דאָס איז געווען דעם גאונס גרונט־פּרינציפּ. יעדער דין, יעדער מנהג מוז בלייבן פאַר אַלע דורות, עס טאָר אין אים קיין אות, קיין מינדסט תּגעלע ניט געענדערט ווערן. „המצוות הם קביעים ואינן מתחדשין כלל״, דערקלערט דער ווילנער גאון [27]. און אין דעם קיום המצוות איז דער ענדציל פון דעם מענטשלעכן לעבן. אין דעם גאונס וועלטבאַנעם פאַרנעמט דער רעליגיעזער קולט דעם גאַנצן אויבנאָן. „המצוות הם רצון ד׳״ [28], די מצוות זיינען „לבושא דשכינתא״ [29] און די גאַנצע תורה, אַלע מעשים־טובים זיינען פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן געטלעכן לבוש. די מצוות זיינען דער ווינקלשטיין־פון מאָראַל. „הצדיקים — דערקלערט דער גאון — אינן מתאוין, גלוסטן ניט, לא לדבר הערב ולא לדבר המועיל, ניט צו דעם, וואָס איז אָנגענעם, און ניט צו דעם, וואָס קאָן נוצן ברענגען, אך לדבר שהוא טוב בעצם, נאָר צו דעם, וואָס איז דער תמצית פונם גוטן — והן המצוות, און דאָס זיינען די מצוות״ [30]. „וואָס קאָן העכער זיין, וואָס קאָן בעסער זיין, האָט ער ווייטער געזאָגט, ווי מקיים זיין מצוות!״ אים, דעם אַסקעט, האָט באַנג געטאָן גיין פון דער וועלט נאָר דערפאַר, וואָס נאָכן טויט וועט ער דאָך שוין מער ניט קאָנען מקיים זיין קיין מצוות און ניט ביכולת זיין גאָט

---

26 אַלע ביאָגראַפן שטרייכן אונטער, חאָס פאַר אַ גרויסער מחמיר דער ווילנער גאון איז געווען בנוגע צו יעדן מנהג אָדער דין. זע, למשל, „עליות אליהו״, 33—34, 70.

27 „תנא דבי אליהו״, 21.

28 דאָרטן, 40.

29 „ספרא דצניעותא״, 41.

30 „תנא דבי אליהו״, 39.

צו דינען. און בעת ער איז סוכּות געלעגן אויפן טויטנבעט, האָט ער פון דער פאַרשטאַרטער האַנט ניט געוואָלט אַרויסלאָזן דעם אתרוג מיטן לולב, און אַזוי איז ער טאַקע געשטאָרבן.

אָט אַזוי האָבן אין דעם דאָזיקן וווּנדערבאַרן מאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון צוויי תּקופות, זיך פרידלעך צוזאַמענגעלעבט דער שאַרפזיניקער פאָרשער מיטן גאָטספאַרכטיקן עובד, וואָס איז געווען אַן עבד כּנעני ביי דער פאַרגליווערטער דאָגמע. אַלס געלערנטער און אומדערמידלעכער פאָרשער האָט ער געזען דעם מענטשנס העכסטע אויפגאַבע אין דעם שטרעבן און זוכן דעם ווּיסנשאַפטלעכן אמת. דער כּבוד וויסן, וואָס ווערט דערגרייכט כּלאחר יד, אָן יסורימדיקן און מיזאַמען פאָרשן — האָט ביי אים קיין שום ווערט ניט געהאַט. „ההשגות על ידי המלאכים המגידים ושרי התורה" — דערקלערט דער ווילנער גאון — די השגות און באַגריפן, וואָס עס האָבן זיי מיר אַפילו געמענט אַראָפּברענגען די מלאכים און די שרי התורה — אשר לא עמלתי ולא חכמתי, נאָר איך גופא האָב זיך ניט געמיט איבער זיי און דעם מוח איבער זיי ניט געשאַרפט — אין לי בהם חפץ, דאַרף איך זיי ניט האָבן"[31]. „אין התורה נתנה אלא על ידי יסורין"[32], די תּורה דערווערבט מען נאָר דורך יסורים. דאָס גאַנצע לעבן דאַרף דער מענטש פאַרברענגען איבער דעם לימוד התּורה; ער דאַרף זיצן און לערנען ווי טאָג אַזוי נאַכט, יעדע שעה, יעדע מינוט[33]. דער חריפותדיקער לערנער און פאָרשער איז אָבער נכנע דעם עובד, וואָס שטייט אויף דער וואַך און איז גרייט זיך מקריב זיין פאַרן מינדסטן מנהג, פאַר יעדן פּינטעלע פון אַן אָפּגעשטאָרבענעם דין. בלינד, אָן שום חקירות מקיים זיין אַלע מנהגים און געזעצן, דאָס — שטרייכט דער גאון אונטער — איז דאָס וויכטיקסטע אינם מענטשנס לעבן, די העכסטע מדרגה פון „גאָט דינען", און „גאָט דינען" איז לויט דעם גאונס וועלטבאַנעם געווען דער העכסטער ענדציל, וואָס נייטיקט זיך ניט אין קיין שום שכר. „אליהו — האָט ער געזאָגט אויף זיך גופא — יכול לעבוד אלהים גם בלי עולם הבא".

דער ווילנער גאון איז בלי־ספק איינע פון די טראַגישסטע פיגורן אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור פאַרן 18טן י"ה. זיין גורל דערמאָנט ניט ווילנדיק אין סוויפטס, דעם באַרימטן ענגלישן סאַטירי־

---

31 זע די פאָררעדע צו „ספרא דצניעותא".

32 „תנא דבי אליהו", 40.

33 „כי תורת צריך אדם ללמוד יומם ולילה.. בכל עת ובכל שעה" (זע: „תנא דבי אליהו", 7, 21).

קערם, העלד גוליווער, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ לאַנד פון קאַר־ ליקעס (ליליפוטן). אַ גוואַלטיקער ריז איז דער גוליווער געווען צווישן די דאָזיקע קליינינקע מענטשעלעך; יענע האָבן אים אָבער אין שלאָף מיט טויזנטער דינינקע פעדים פעסט ארומגעבונדן. און דער גוואַלטיקער ריז איז ניט אימשטאַנד געווען די דאָזיקע דינינקע פעדים צו צערייסן, אַזוי פיל זיינען די פעדים געווען אין צאָל; און דער ריז איז געלעגן צווישן די קאַרליקעס אַ געבונדענער, מיט קיין אבר ניט געקאָנט רירן. אַט אַזאַ טראַגישע פיגור איז אויך ר' אליהו אוים ווילנע געווען. אַ גאון, אַ גייסטיקער ריז איז ער געווען, נאָר ארום און ארום געפּענטעט מיט טויזנטער פעדעם פון אָפּגעשטאָרבענע דינים און פאַרגליווערטע מנהגים; אַ טיפער פאַרשער מיט אַ שאַרפן קריטישן אויג — און דאָך אַ בלינדער, וואָס טאַפּט אין דער פינסטער און קאָן ניט אונטערשיידן די פאַרטריקנטע שאָלעכץ פונם זאַפטיקן קערן, דאָס אָפּגעשטאָרבענע פונם לעבעדיקן תוך. דאָס שפּינוועבס פונם פאַרחושכטן אָפּגעזונדערטן תחום האָט פאַר זיין אָדלער־בליק די שיין פון דער זון פאַרשטעלט... אלס געלערנטער האָט דער ווילנער גאון בלי־ספק געשאַפן דאָס באַדייטנדיקסטע און ווערט־ פולסטע, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען צו שאַפן אין די ענגע גרענעצן פון דער דעמאָלטיקער רבנישער וועלט, ער איז אָבער ביי זיינע אויסער־ געוויינלעכע באַגאַבונגען ניט אימשטאַנד געווען זיך ארויסצורייסן פון די דאָזיקע ענגע גרענעצן. אַ טיפער פאַרשער און שאַרפער קריטישער מוח, איז ער אין דער זעלבער צייט געווען אַ פאַנאַטישער קנאי, וואָס פאַלט כורעים פאַר יעדן טויטן אות פונם געשריבענעם געזעץ. אויסער־ אָרדנטלעך שטרענג צו זיך גופא בנוגע צו „עבודת הבורא״, ד״ה צו קיום המצוות, איז ער אין דער הינזיכט געווען ניט ווייניקער שטרענג אויך בנוגע צו אַנדערע. אין ריטועלע פראַגן איז ער געווען אַן אמתער איש מלחמה, וואָס איז געווען קאַפּאַבל צו רודפן עד חרמה פאַר אַ מינדסטן „קוצו של יוד״. יעדער דין אָדער מנהג מוז אויסגעפירט ווערן אויפן שטרענגסטן אופן, און יעדע נטיה אויף מקיל צו זיין, ווען עס געשעט אפילו אויפן סמך פון חשובע רבנישע אויטאָריטעטן — דאַרף באַשטראָפט ווערן. בעת ער שרייבט זיין זון, יענער זאָל השגחה געבן זיינע טעכטער זאָלן זיך אויפפירן פרום און מיט דרך־ארץ, ווייזט ער דערביי אָן, אז פאַר ניט פאָלגן, פאַר אַ ליגן זאָגן וכדומה „תכה אותן במכות אכזריות״ — זאָלסטו זיי שלאָגן אומברחמנותדיק [84].

אַט דער בולט קנאישער שטריך אין דעם גאונס כאַראַקטער, בפרט

---

84 „עלים לתרופה״, 15, 22 (מיר ציטירן לויט דער ווילנער אויסגאַבע, 1865).

ווען עס האַנדלט זיך וועגן „עבודת הבורא" לויט זיין וועלטבאַנעם, מאַכט עס באַגרייפלעך זיין אַקטיווע ראָלע אין דעם קאַמף קעגן דער חסידישער באַוועגונג. דער רעליגיעזער קאַמף, וואָס האָט אין יענער צייט אויסגעבראָכן צווישן די „חסידים" און די „מתנגדים", האָט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, געהאַט אויך ריין סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות, ווי דאָס איז אויך געווען דער פאַל ביי דער מחלוקת צווישן די ווילנער ראשי הקהל און די אָנהענגער פון דעם „רב האחרון" שמואל בן אביגדור. דער ווילנער גאון אָבער, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ אַקטיווע ראָלע אין דעם דאָזיקן קאַמף, האָט דאָ געהאַנדלט בלויז אויס ריין אידעאָלאָגישע מאָטיוון. אויסגעטאָן פון דער וועלט, האָט ער אין דער התחלה ניט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דער נייער באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס. פאַר די מתנגדים איז אָבער געווען זייער וויכטיק אויסצונוצן אין דעם קאַמף דעם גאונס גוואַלטיקן אויטאָריטעט. האָבן זיי מהאי טעמא זיך געפּלייסט וואָס גיכער צו באַקענען דעם גאון מיט דער „אפיקורסות" און „שערלעכקייט" פון דער נייער באַוועגונג, וואָס קאָן נאָך חלילה ברענגען צו „הריסת הדת". דער ווילנער גאון האָט געמוזט זיך פאַרהאַלטן מיט שנאה צו דער חסידישער תורה, וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט דעם דרווּיז, אַז אָן דעם לעבעדיקן גייסט פון התלהבות איז טויט און אָפּגעשטאָרבן דאָס געשריבענע אות פונם געזעץ, און אין דער רעליגיעזער פּראַקטיק איז אַמוויכטיקסטן ניט דאָס מעכאַניש־פאָרמעלע מקיים זיין דעם דין, נאָר דאָס דורכדרינגען דעם דין מיט וואַרעמען און לעבעדיקן אינהאַלט, ווייל אויפן רעליגיעזן געביט איז די מאָראַל העכער פונם קולט, און דאָס באַוווּסטזיניקע איבערצייגונגס־געפיל איז וויכטיקער פון דער מעכאַניש אָפּגעטאָנענער מצווה. אַן אַסקעטישער פרוש ווי דער גאון איז געווען, וואָס איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז „אין היצר הרע בא אלא מתוך אכילה ושמחה", האָט ער געמוזט זיך פאַרהאַלטן מיט גרוים חשד צו דעם בעש"טס מימרא, אַז „דער מענטש דאַרף שטענדיק פריילעך זיין, וואָרעם גאָט דינען קאָן מען ניט מיט עצבות נאָר בלויז דורך שמחה". דאָס ביטול־געפיל, מיט וועלכן די חסידים האָבן זיך פאַרהאַלטן צו די טרוקענע „לומדים", היינט דאָס, וואָס זיי האָבן איינגעפירט זייערע אייגענע „חסידישע" קלייזלעך מיט אַן אייגענעם נוסח — דאָס האָט נאָך מער אויפגעבראַכט דעם גאון קעגן דער נייער סעקטע. ער האָט אין איר געזען דעם דירעקטן המשך פון דער שבתי־צבי'שער סעקטע, די גרויסע געפאַר פאַרן קיום היהדות. האָט ער באַשלאָסן, אַז — „עת לעשות לד' הפרו תורתך", בכדי צו שיצן דעם דת דאַרף מען זיך ניט אָפּשטעלן פאַר די שטרענגסטע מיטלען. אויף זיין

באפעל האט מען אין אלע ווילנער שולן און בתי־מדרשים, ביי שווארצע ברענענדיקע ליכט און שטורמישע תקיעות פון שופרות, מחרים געווען אלע חסידים. ווען דער שטאט־מגיד ר׳ חיים, וואס האט געהאלטן מיט די חסידים און האט אונטער די אויגן פוגע בכבוד געווען דעם ווילנער גאון, איז לויט דער פאדערונג פון דער קהילה געגאנגען צום גאון בעטן מחילה, האט יענער אים געענטפערט מיט גרויס ירגזון, אז אויף זיין כבוד וואלט ער אים מוחל געווען, אבער אויף כבוד ד׳ ותורתו קאן ער ניט מוחל זיין ניט אים, ניט זיינע חברים לעולם ועד. „רבי, האט דער מגיד געבעטן, באשטימט פאר אונז א תשובה!״ „כל באיה לא ישובון!״ פאר רשעים איז קיין רעטונג ניטא, איז געווען דעם גאונס ענטפער. „ווען איך זאל זיין בכוח — האט דער ווילנער גאון דערקלערט — וואלט איך זיי (די חסידים) דן געווען, ווי אליהו הנביא האט דן געווען די נביאי הבעל״ [85]. ווען דער ראש פון די ווייסרוסישע חסידים, דער לאדיער רבי שניאור־זלמן, איז ספעציעל געקומען קיין ווילנע בכדי זיך זען פערזענלעך מיטן גאון און אים איבערצייגן, אז די חסידים זיינען כלל ניט קיין פורצי גדר און גראבן ניט אונטער די יסודי הדת — האט דער ווילנער גאון אים ניט צוגעלאזט צו זיך אוים דעם טעם, וואס מיט א „מין ישראל״, מיט א יידישן אפיקורס איז „אסור להתוכח״, דארף מען קיין וויכוחים ניט פירן. זיין שנאה צו די חסידים איז נאך מער געוואקסן נאכדעם, ווי דער פולנאער רב, יעקב־יוסף, דעם בעשטס א תלמיד, האט פארעפנטלעכט זיין „תולדות יעקב יוסף״, אין וועלכן עס זיינען צום ערשטן געגעבן געווארן אין סיסטעמאטישער פארם די יסודות פון חסידות. אין דעם דאזיקן ווערק טרעט באזונדערס בולט ארויס דער ביטול, מיט וועלכן די חסידים האבן זיך פארהאלטן צו די „לומדים״; דערצו ווערט נאך דארט אויף א גאנץ ריזיקאלישן אופן דורכגעפירט דער פאנטעיסטישער שטאנד־פונקט, אז אלע, וואס עקסיסטירט, זיינען דעם באשעפערס „לבושים״, ווי אויך דעם בעש״טס גרונטזאץ, אז עס איז ניטא קיין שארפע גרעניץ ניט בלויז צווישן חומר און גייסט, נאר אויך צווישן דעם גוטן און שלעכטן, ווייל דאס שלעכטע איז דאך די גרונטלאגע פארן גוטן. אויפן באפעל פונם גאון האט מען אין פילע ערטער עפנטלעך פארברענט די חסידישע כתבים, און אין אלע ווילנער בתי־מדרשים האט מען אום שבת אויסגערופן א כרוז, אין וועלכן עס ווערט נאך אמאל באשטעטיקט דער חרם קעגן די חסידים. אין א געמישטער שפראך, האלב יידיש, האלב העברעיש, ווענדט מען זיך „צו כל הקהל הקדוש״, אז זיי זאלן אנגורטן

---

[85] ד. כהנא אין „השלוח״, XX, 364.

ווייערע לענדן „להחזיק דת תורתנו הקדושה ולכלות קוצים מן כרם עדת ישראל... און די וואָס זיינען מחזיק ידיהם און גיבין עצות און זיינין מחפה אויף זייא, איז חל כל החרמות.... איטליכער מענטש זאָל זייא מרחיק זיין בשתי ידים, צא תאמר לו, און זיינען מוחרם ומנורה, מופרש ומובדל מכל עדת ישראל, און פשיטא דאָס מען טאָר זיך ניט מדבק זיין אין ריידין מיט זייא. גם דיא לייט, וואס זיינען מכת ההוא בקהילתנו, איז חרם גדול, אז זיי מוזין עוקר דירה זיין מקהלתינו עם נשיהם ובניהם... און ווער עס וועט עובר זיין, איז מוחרם ומנודה וכל הארורים והקללות יחולו על ראשו'' [36].

עס איז אויסער ספק, אַז דאָס האָבן עס די גערודפטע חסידים זיך באַטייליקט אין דער אויבן־ציטירטער אָנקלאָגע [37], אין וועלכער עס ווערט צווישן אַלע אַנדערע חטאים, וואָס די ראשי הקהל זיינען באַגאַנגען, אויך דערמאָנט דער פאַקט, וואָס „עפּיס אַ עליאַש זאַלמאַנאָוו'', וועלכן מען רופט מיטן ביינאָמען „חסיד'', טוט גאָרניט און דאָך האַלט מען אים אויס אויף קהלס חשבון ביד רחבה און באַפרייט אים נאָך פון אַלע אָפּצאָלונגען. אין הסכּם דערמיט באַקומט אויך אַ געוויסן רעאַלן באָדן די מסורה, אַז דער ווילנער גאון איז אין אָנפאַנג 1788 אָפּגעזעסן עטלעכע וואָכן אין ווילנער פעסטונג. ביז אין סוף פון זיין לעבן האָט דער קנאישער גאון געפירט דעם פאַרביטערטן קאַמף קעגן די „פורצי גדר'', די חסידים. אַ יאָר פאַר זיין טויט (1796) האָט ער זיך געווענדט מיט אַן אָפענעם בריוו „אל החרדים על דבר ד' ועל תורתו, בני אברהם יצחק ויעקב'', אַז יעדער, ווער עס טראָגט נאָר אַ יידישן נאָמען און האָט „גאָטס פאָרכט אין האַרצן'', אויף דעם איז מוטל ער זאָל אָן רחמנות רודפן די חסידים „להדפם ולרדפם בכל מיני רדיפות ולהכניעם עד מקום שיד ישראל מגעת'', ווייל גרויס איז זייער זינד „וקשים המה לישראל כספחת''. און נאָך עטלעכע טעג פאַר זיין טויט ווענדט ער זיך נאָכאַמאָל מיט אַן אָפענעם בריוו צו די ראשי הקהילות זיי זאָלן ניט פאַרגעסן אין דער מחלוקת לשם שמים און זען אויסראָטן די חסידים. „לא יחמול איש עליהם ולא יחנם — עס זאָל אויף זיי קיינער קיין רחמנות ניט האָבן, אָפּגעשטויסן און אָפּגעזונדערט זאָל בלייבן די דאָזיקע זינדיקע עדה, והשומע להם ימתח על העמוד — און ווער עס פאַרבינדט זיך מיט זיי — דאַרף באַשטראָפט ווערן''.

86 דאָרטן, 528.

87 זע אויבן, ז' 161.

זעקסטער קאפיטל

דעם ווילנער גאונס תלמידים. — דער דובנער מגיד. — נייע שטרעמונגען. — צוריק צו משה בן מיימון. — די אמת־זוכערס. — דער רב שלמה כעלמא, רפאל לעווי דער „בעל חשבון“ און ישראל אויס זאמאשטש. — אבא גלאסק און שלמה מיימון.

מיר האבן שוין אין פאריקן קאפיטל אנגעוויזן, אז דער ווילנער גאון איז געשטאנען אויף דער גרענעץ צווישן צוויי וועלטן, א טאפלטיקע געשטאלט אויפן סאמע שיידוועג. מיט ביידע פיס איז ער געשטאנען אין אלטן עבר, און דאך איז ער אויף געוויסע געביטן א מחדש געווען, איינער פון די ערשטע אויף דער יידישער גאס, וואס האבן אנגעוויזן נייע וועגן, וועלכע פירן צו א פרייערער ברייטערער וועלט. אן עקשנותדיקער קעמפער פארן אלטן שולחן־ערוך־רבנות מיט אלע זיינע דינים, חומרות און דיקדוקים — איז ער דאך אין געוויסן זין געווען אויך אן אנזאגער פון א נייער תקופה — א תקופה פון אויפקלערונג און וועלטלעכן וויסן פאר די יידן אין ליטע, וואס זיינען אין יענער צייט מיטן צעפאל פון דער פוילישער מלוכה ארונטערגעפאלן אונטער דער ממשלה פון דער רוסישער גרויסמאכט. ער, מיט זיין גוואלטיקן אויטאריטעט, איז געווארן דער גרונטזייל, דער עמוד הימיני פאר אלע'די, וואס האבן געשטרעבט צו וועלטלעכן וויסן און זייער דורשטיק זוכנדיקער גייסט האבן ניט געקאנט באפרידיקן ניט די סודות פון דער קבלה מעשית, ניט דער טרוקענער פילפול. פאר זיי אלע איז דער גאון געווען די צענטראלע פיגור, דער זיכערער שירעם, צו וועלכן עס האבן זיך געצויגן אלע וויסנסדורשטיקע. אפילו די, וואס האבן געלעבט ווייט פון ווילנע, זיינען דאך זייערע אויגן געווען געווענדט צו אים, דעם גאון. פון ווייט ארום פלעגט מען „עולה רגל“ זיין קיין ווילנע, און גליקלעך האט זיך געשעצט יעדער, ווער עס האט געהאט די זכיה צוגעלאזט צו ווערן צו דעם חדר מיוחד און ריידן פה אל פה מיטן גרויסן פרוש, הערן תורה פון זיין מויל גופא. דער אויבן־דערמאנטער מגיד יחזקאל פייוול דערציילט מיט גדלות אין דע־

פאָרדערע צו זיין „תולדות אדם'', אַז ער האָט זוכה געווען גאַנצע פינף מאָל צו ריידן פה אל פה מיטן ווילנער גאון.

אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט פאַרנעמט צווישן דעם גאַונס מקורבים איין אייגנאַרטיקע און אָריגינעלע פערזענלעכקייט. יעקב בן זאב קראַנץ האָט דער דאָזיקער מאַן געהייסן, נאָר זעלטן ווער עס ווייס און געדענקט דעם דאָזיקן נאָמען, וואָרעם באַרימט און באַליבט און געדעכעניש פונם פאָלק איז קראַנץ ניט אונטער זיין פריוואַטן נאָמען, נאָר סתם אַלס „דובנער מגיד''. ער איז ניט געווען קיין קעמפער פאַר וויסן, פאַר ביל־דונג, ער האָט ניט געזוכט קיין נייע וועגן, אַ פשוטער מגיד איז ער גע־ווען, און דאָך איז ער געווען פון די נייע, פון די באַפרייער; איינער פון די, וואָס האָבן געפרווט אריינברענגען אינם געשטיקטן אוויר פונם בית־המדרש פרייע לופט, זאַפט פון לעבן און ריחות פון פרישע פעלדער...
געבאָרן אין 1740 אין אַ חשובער רבנישער פאַמיליע אין שטעטעלע זשעטל (ווילנער גובערניע), איז יעקב קראַנץ צו 18 יאָר געווען מגיד אין מעזריטש, דערנאָך געפראַוועט אַ קורצע צייט מגידות אין זשאָלקיעוו, גאַנצע אַכצן יאָר אין דובנע, דאַן אין וולאָדאַווע, כעלם און צולעצט אין זאַמאָשטש, וווּ ער איז געשטאָרבן אין 1804. ווי ווייניק איז אָבער דער דאָזיקער מגיד ענלעך געווען צו די מגידים פון יענער צייט, הן צו די, וואָס פלעגן אָנוואַרפן אַן אימה אויפן עולם מיט די שרעקלעכע יסורים, וואָס שטייען פאַר אין גיהנום פאַר דער מינדסטער עבירה, הן צו די אנדערע, וואָס זייער גאַנצער מיין איז געווען ארויסצוווייזן פאַר זייער אודיטאָריום זייער גרויס חריפות אין פילפול, איבעראַשן די צוהערער מיט שפּיציקע המצאות. פון אַ גאַנץ אַנדער שניט איז דער „דובנער מגיד'' געווען. אין דער ארכיטעקטאָניק פון זיינע דרשות פלעגט ער זיך דווקא האַלטן אין דעם אַלט־פעסט־געזעצטן נוסח. די דרשה הייבט זיך אָן מיט אַ באַשטימטן פסוק פון דער סדרה, מיט איינעם פון די פסוקים, וואָס איז עפּעס ניט אין גאַנצן גלאַט און בעט זיך, ווי רש''י זאָגט — „דרשני'' — אים אויסטייטשן, דערקלערן. און אָט אין דעם פאַרענט־פערן דעם פסוק, אין דער אייגנטלעכער אָרט דערקלערן ליגט דער גאַנצער חן און אָנציענדיקע קראַפט פון דעם דובנער מגידס דרשות. יעקב קראַנץ בויט ניט זיינע דערקלערונגען אויף חריפותדיקע פשטלעך, ער שיט ניט מיט ציטאַטן און פסוקים פון די הייליקע ספרים — ער ווענדט זיך צום פשוטן לעבן, צום לעבעדיקן קוואַל פון פאָלקסשאַפן, און פון דאָרט שעפּט ער גאַנצע אוצרות, וווּנדערבאַרע פערל און אבנים טובות. אין דעם „דובנער מגיד'' האָט דער יידישער קיבוץ מפליא געווען ניט אַזוי זיין אויסערגעוויינלעכן רעדנערישן טאַלאַנט, נאָר דער עיקר זיין

גוואַלטיקע פּיקחות און טיפע לעבנסגעניטקייט. אַ פּיקח איז דער דובנער מגיד געווען, נאָר די פּיקחות זיינע איז געווען אַ גאַנץ אייגנאַר־טיקע: ניט קיין לומדישע, נאָר אַ ריין פֿאָלקסטימלעכע, ניט פֿון ספרים געשעפּטע, נאָר אויס די טיפֿענישן פֿונם פֿאָלקסלעבן. דאָס איז געווען איינער פֿון די פֿאָלקס־חכמים, וואָס זאָפּן אין זיך איין דאָס פּיקחות פֿונם קיבוץ, פֿונם כלל, פֿונם פּראַקטישן לעבן גופא, וואָס איז דער פּועל־יוצא, דער סך־הכל פֿון גאַנצע דורות. וואָרעם מיט אַ זעלטענער גאָב איז דער דובנער מגיד געווען געבענטשט, פֿון וועלכער ער האָט אפשר אַליין ניט געוווּסט: אַ ניצוץ פֿון אַ דיכטער איז אין אים געווען פֿאַרבאָרגן, וואָס דענקט ניט אין פֿאָרם פֿון אַבסטראַקטע באַגריפֿן, נאָר אין לעבעדיקע בילדער און פֿאַרגלייכונגען. אַ קינסטלער־אויג האָט ער געהאַט, וואָס באַ־מערקט דאָס, וואָס ס'איז פֿאַרבאָרגן פֿאַר פּשוטע בשר־ודמס, און דווקא דאָס פֿאַרבאָרגענע איז דאָס וויכטיקסטע, דער תּוך פֿונם לעבן. די גאַנץ אַבסטראַקטע און פֿאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען פֿאַרשטייט דער דובנער מגיד אָנצוקליידן אין אַן איינפֿאַכן און אמת פֿאָלקסטימלעכן לבוש; טרוקענע, שכלדיקע כּללים ווערן ביי אים מגולגל אין שיינע אַלעגאָריעס און משלים, וואָס שפּראָצן מיט לעבנסגעניטקייט און פֿאָלקס־פּיקחות. טיפֿע רעיונות, האַרבע פּראָבלעמען און שאלות באַקומען ביי דעם דאָ־זיקן מגיד אַזאַ אויסטערליש שיינע הלבשה, ווערן מגולגל אין פּשוטע מעשהלעך און פֿאָלקסטימלעכע גלייכווערטלעך, באַגאָסן מיט אַ באַזונ־דערן חן.

די מעשיות, וואָס זיינען איינגעפֿלאָכטן אין דעם דובנער מגידס דרשות, זיינען גאַנץ פֿאַרשיידנאַרטיק: אייניקע פֿון זיי דערמאָנען די אַלע־גאָריעס, מיט וועלכע עס פֿלעגן זיך באַנוצן די דענקער פֿון דער אַנטיקער וועלט, אַנדערע ווידער טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון נאַיִוועד פֿאָלקסטימלעכקייט.

בכדי צו באַקענען דעם לייענער מיט דעם דובנער מגידס אייגנאַר־טיקער האָמילעטיק, וועלן מיר דאָ ברענגען אַ פּאָר פֿראַגמענטן אויב זיינע דרשות:

עס שטייט אין דער תּורה: כּבד את אביך ואת אמך — זאָלסט ערלעך האַלטן פֿאָטער און מוטער. אַלץ, וואָס טאַטע און מאַמע הייסן, איז אַ חיוב מקיים צו זיין. פֿרעגט זיך אָבער: וועמעס באַפֿעל דאַרף צום ערשטן דערפֿילט ווערן: דער באַפֿעל פֿון פֿאָטער און מוטער, צי דאָס געבאָט פֿון גאָט יתברך? ענטפֿערט דערויף יעקב קראַנץ מיט אַ שיינער

באַלקס־מעשה, וואָס איר מאָטיוו איז זייער פאַרשפּרייט אויך ביי אַנ־דערע מזרח־פעלקער [1]:

אמאָל זיינען געווען דריי חברים, האָבן זיי באַשלאָסן צו לאָזן זיך איבער דער וועלט לערנען אַלערליי חכמות. זיי האָבן זיך דערביי אָפּגערעדט, אַז אַלע דריי וועלן זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע לענדער, און צו אַ פעסטגעזעצטער צייט וועלן זיי זיך אַלע ווידער צונויפקומען אויף איין אָרט. און כך הווה. צום באַשטימטן טערמין זיינען זיך די דריי חברים צונויפגעקומען אויפן באַטרעפנדיקן אָרט, און יעדער באַזונדער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָסערע חידושים ער האָט אויסגעלערנט אויף דער וועלט. איינער דערציילט, אַז ער האָט צוגעטראַכט אַזאַ חידושימדיק שפּיגעלע, וואָס ווי נאָר מען קוקט זיך אין דעם איין, זעט מען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גאָרער וועלט. דער צווייטער באַרימט זיך, אַז ער האָט צוגעטראַכט אַזאַ רייטוואָגן, וואָס מען קאָן מיט אים דורכמאַכן דעם וווּנדערבאַרסטן „קפיצת הדרך", און אין איין אויגנ־בליק קאָן ער אייך ברענגען אין די ווייטסטע מקומות [2]. דער דריטער דערציילט, אַז ער פאַרמאָגט אַ חידושימדיק גן־עדן־עפּעלע, וואָס היילט גלייך אויס פון אַלע מיני קרענק, און ווי נאָר דער קראַנקער טוט דאָס עפּעלע אַ שמעק, ווערט ער אויפן אָרט געזונט. מיד פון דער שווערער נסיעה, האָבן זיך די דריי חברים געלייגט אָפּרוען. דערנאָך האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו באַטראַכטן זיין ווונדערבאַר־שפּיגעלע. דערזעט ער גלייך ווי אין דער רעזידענץ־שטאָט איז אַ גרויסע בהלה, אַלע לויפן צום פּאַלאַץ, ווו דעם מלכס בת־יחידה ליגט געפערלעך קראַנק און אַלע דאָקטוירים האָבן זיך שוין מייאש געווען. האָבן זיך אַלע דריי חברים גלייך אַריינגעזעצט אין דעם ווונדערבאַרן רייטוואָגן, אין איין אויגנבליק זיינען זיי שוין אין דער רעזידענץ־שטאָט געווען, מען האָט זיי גלייך אין פּאַלאַץ אַריינגעלאָזט און ווי נאָר די קראַנקע בת־מלכה האָט אַ שמעק געטאָן דאָס גן־עדן־עפּעלע, איז זי גלייך אויפגעשטאַנען פריש און געזונט. די פרייד איז געווען אין לשער, אַלע האָבן מפליא געווען די חכמה פון די דריי חברים, וואָס אַדאַנק זיי איז דעם קייסערס איינציקע טאָכטער ניצול גע־וואָרן. דער איבערגליקלעכער קייסער האָט דערקלערט, אַז אַלע זיינע אוצרות זיינען צו קליין, ער זאָל מיט זיי קאָנען באַצאָלן פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס זיי האָבן מיט זיין טאָכטער געטאָן; ער איז דערפאַר גרייט

---

[1] אַ גאַנץ איינגאַרטיקן יידישן וואַריאַנט פון דער דאָזיקער מעשה זע אין דעם זאַמלבוך „ביי אונז יידן", 68—69.

[2] אין דעם אַראַבישן נוסח פון דער דאָזיקער מעשה פיגורירט אויפן אָרט פון אַ רייטוואָגן — אַ פליענדיקער טעפּעך.

אוועקגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ פרוי דעם פון די דריי רעטער, וועלכן זיי גופא וועלן באַשליסן. האָבן די דריי חברים ניט געקאָנט צווישן זיך מושווה ווערן, ווייל יעדער פון זיי האָט געטענהט, אַז ער איז בעל מיצר. דער ערשטער האָט אָנגעוויזן, אַז ווען ניט זיין שפּיגעלע, וואָלטן זיי דאָך זיך ניט דערוווּסט וועגן דער גרויסער געפאַר, אין וועלכער די בת־מלכּה האָט זיך געפונען; דער צווייטער האָט געטענהט, אַז ווען ניט זיין רייט־וואָגן, וואָלטן זיי ניט באַוויזן אָנקומען באַצייטנס מיט זייער הילף, און דער דריטער האָט אויפגעוויזן, אַז געזונט געמאַכט די קראַנקע בת־מלכּה האָט דאָך קיין אַנדער זאַך ווי זיין ווונדערבאַר עפּעלע. נאָך דעם, ווי מען האָט געזען, אַז די חברים קאָנען זיך ניט צונויפריידן, האָט מען באַשלאָסן — לשאול את הנערה, פרעגן די בת־מלכּה אַליין. האָט יענע געענטפערט: אוודאי, אין דעם, וואָס איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך אין אַ גלייכער מאָס צו פאַרדאַנקען אַלע דריי חברים גלייך. דאָס אַלץ איז אָבער בנוגע צו דעם, וואָס ס'איז שוין געשען; אָבער אויף להבא, אויף מיין ווייטערדיקן לעבנסוועג וועל איך מיך שוין ניט נייטיקן ניט אין דעם שפּיגעלע, ניט אין דעם רייטוואָגן. בלויז דעם ווונדער־גן־עדן־עפּל וועל איך שטענדיק נייטיק האָבן, ווייל דאָס איז דאָך דער קוואַל פון געזונט און לעבן...

נאָך דער מעשה, ציט יעקב קראַנצ׳ס דערקלערונג: „אונזערע חכמים זאָגן, אַז „ג׳ שותפים לאדם" — דריי באַטייליקן זיך אין דער געבורט פונם מענטשן — הקב"ה, אב ואם, גאָט ברוך־הוא און פאָטער און מוטער. אוודאי האָט דער מענטש צו פאַרדאַנקען זיין טאַטע און מאַמע, וואָס ער איז אויף דער וועלט געבאָרן. דאָס איז אָבער אַ זאַך, וואָס איז שוין פון לאַנג געשען, אין גאָטס גנאָד און השגחה נייטיקט זיך אָבער דער מענטש כל ימיו, יעדע מינוט און יעדע רגע [8].

אינם גייסט פון די קדמונישע וועלט־חכמים איז געבויט דעם דובנער מגידס פאָלגנדיקער משל: ער ברענגט אַ מימרא פון אַן אַלטן מדרש, אַז איינס פון די צען טייערסטע זאַכן אין דער וועלט איז — די באַגרענעצטקייט פון דעם מענטשנס פאַרשטאַנד (סכלות מעט). פרעגט דער דובנער מגיד: איך יתכן? ווי איז מעגלעך, אַז „הסכלות הוא מן הדברים היקרים שנבראו בעולם?" דערקלערט ער דעם דאָזיקן מדרש מיט פאָלגנדיקער מעשה:

אמאָל האָט געלעבט אַ גרויסער עושר, נאָר אַ שרעקלעכער קמצן. ער האָט שטענדיק פּחד געהאַט מאַמער וועט מען זיך אונטערקוקן, ווי

---

[8] „משלי יעקב", נומ׳ 81.

ער האלט זיין גאלד און זילבער; האט ער זיינע רייכטימער באהאלטן אין די פארבארגנסטע ערטער, קיינער זאל ניט וויסן. האט זיך אבער גע־מאכט, אז דער קמצן איז ראפטאם געשטארבן, האט ער דעם סוד פון זיינע אוצרות מיט זיך אין זיין קבר באגראבן, און קיינער האט ניט גע־ווּסט, וווּהין זיין רייכטום איז אהינגעקומען. דעם קמצנס הויז איז איבערגעגאנגען בירושה צו זיינעם א קרוב, און יענער האט קיין באגריף ניט געהאט, אז דארטן זיינען גרויסע אוצרות באהאלטן. מאכט זיך אמאל ביים נייעם באלעבאס האט זיך א גאלדענע מטבע אוים דער האנט ארויסגעגליטשט און וויט זיך ערגעץ פארשטופט, און דער באלעבאס האט זי ניט געקאנט געפינען. האט ער געזוכט אין אלע ווינקעלעך, ביז ער האט באשלאסן אויפרייסן א ברעט אינם דיל, אפשר איז די מטבע דורך א שפאלט ארונטערגעפאלן. ווי גרויס איז אבער געווען זיין איבער־ראשונג, בעת ער האט דארט, אויפן ארט פון זיין פארלארענער מטבע, געפונען א גאנצן טאפ מיט גאלדענע רענדלעך. ער האט אלץ וויטער געזוכט זיין פארלארענע מטבע, און דערביי געפונען אלץ נייע אוצרות. ווען ער האט ענדלעך געפונען די פארלארענע מטבע, איז זי ביי אים גע־ווען שטארק טייער און ער האט זיך מיט איר ניט געוואלט צעשיידן, וויל איר האט ער דאך צו פארדאנקען זיין גאנץ עשירות.

נאך דעם משל גייט דער נמשל: גאט ברוך־הוא — דערקלערט יעקב קראנץ — האט דעם מענטשן באשאפן מיט א שוואכן, באגרענעצטן שכל, נאר וויל דער מענטש פארשטיים אזוי ווייניק — דורשט ער כל ימיו נאך דעם, וואס ער איז ניט משיג און וואס ס'איז פארבארגן פאר זיינע קורצזיכטיקע אויגן. וואס באגרענעצטער ס'איז דעם מענטשנס וויסן — אלץ מער זוכט ער, און אלץ גרעסער ווערן די אוצרות, וואס ער דערוועבט און זאמלט...

עס שטייט אין פסוק (תהלים, קי"ג): „ממזרח שמש עד מבואו מהולל שם ד'" — פון עק מזרח ביז סוף מערב ווערט געלויבט גאטס נאמען. עס זיינען אבער אויף דער וועלט פאראן אזוי פיל געצנדינער, און זיי טוען דאך ניט גאט דעם באשעפער לויבן, נאר זיי קניען פאר שטיינערנע און הילצערנע אפגעטער? דערציילט דערביי דער דובנער מגיד פאלגנדיקע מעשה: ס'איז געווען אמאל א גרויסער חכם, וואס זיין נאמען האט געקלונגען איבער אלע לענדער. איז געקומען א רמאי, איז ארומגעפארן פון שטאט צו שטאט און האט זיך אומעטום אויסגעגעבן פאר דעם דאזיקן חכם. האט מען אין יעדער שטאט דעם רמאי אויפגע־נומען מיט גרויס כבוד. דעם חכמס באקאנטע און מקורבים האבן זיך ווען דעם דערוווּסט, זיינען זיי געווארן מלא חימה, דער חכם אבער האט

דערביי געשמייכלט. „לאָזט אים געווערן — זאָגט ער זיינע באַקאַנטע — דער רמאי טוט דאָך דערמיט פאַרשפּרייטן מיין נאָמען, און דער כּבוד, וואָס מען גיט אים אָפּ, איז דאָך פאַר מיר באַשטימט״. די געצנדינער — דערקלערט ווייטער יעקב קראַנץ — קניען טאַקע פאַר שטיקער האָלץ, זיי גופא מיינען אָבער, אַז זיי קניען פאַרן אמתן גאָט, פאַרן גאָט פון לעבן און באַשאַפן. „ואם כן הלא בין כך יתכבד שם האלהות״ — ווערט דאָך סיי ווי גאָטס נאָמען געלויבט און געאַכפּערט [4].

פרווט דער דובנער מגיד דערלאַנגען טרייסט און האָפענונג דעם פאַרוואָגלטן פאָלק [5], איז ער מפליא דעם מענטשנס גרויסקייט, פאַר וועלכן מלאכים טוען מיט יראת־הכּבוד קניען [6]. שטענדיק זעען מיר פאַר זיך דעם פּיקח, וואָס ווייס אַזוי גוט דעם גייסט פונם פאָלק און פאַרשטייט מייסטערהאַפט אויפצוּוועקן די אינטימסטע סטרונעס פון זיין נשמה. אמת גייסטיקער אַדלשטאָלץ הערט זיך אין יעקב קראַנצס מעשהלע וועגן דעם בן־מלך, וואָס געפינט זיך אין אומחן ביי זיין פאָטער [7]. א בן־מלך האָט זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט ביי זיין פאָטער; האָט אים דער מלך פון זיין פּאַלאַץ פאַרטריבן, בלאָנקעט ער זיך נעבעך אַרום צווישן פרעמדע מענטשן, ביז ער האָט זיך פאַרדונגען פאַר א קנעכט ביי א פויער אין דאָרף. דער פויער איז געווען א מגושמדיקער און זייער האַרט־האַרציקער מענטש, פלעגט ער זיין קנעכט קאַרגן דאָס שטיקל ברויט און שטאַרק אים באַלאַסטיקן מיט שווערער אַרבעט. אין פיל יאָרן אַרום האָט דער מלך זיך פאַרבענקט נאָך זיין פאַרטריבענעם זון און ער האָט באַשלאָסן אים אויפצוזוכן. ווי דערציטערט איז דער פאָטער געוואָרן, בעת ער האָט דערזען, ווי זיין זון, וואָס אים איז דאָך אָנגעצייכנט געווען צו רעגירן איבער גאַנצע לענדער און מדינות, איז אַזוי דערנידעריקט און געפאַלן, אַז ער טראַכט בלויז וועגן דעם ווי נושא־חן זיין ביים גראָבן אומוויסנדיקן פויער, יענער זאָל אים געבן ברויט צו זאַט און אים ניט אַזוי אומברחמנותדיק מאַטערן מיט שווערער לאַסט־אַרבעט, וואָס איז איבער זיינע כּוחות...

דער דובנער מגיד איז געווען ביי אַלעמען געשעצט און געליבט. אים האָט ליב געהאַט דאָס פּשוטע פאָלק און אויך די גדולי הדור. מענדעלסאָן, מיט וועלכן יעקב קראַנץ האָט זיך באַקאַנט בשעת ער האָט באַזוכט בערלין, האָט געקוואָלן פון דעם דובנער מגידס קונציקע משלים,

---

4 דאָרבן, 49.

5 דאָרבן, 16טער משל.

6 דאָרבן, 1‚0טער משל.

7 דאָרבן, 209טער משל.

און ער האָט אים גערופן ,,דער יידישער עזאָפּ"; און דער שטרענגער פּרוש ר' אליהו גאון פלעגט אָפּט שריפטלעך איינלאַדן צו זיך דעם דובנער מגיד, און פלעגט שטענדיק זאָגן, אז דעם דובנער מגידס גלייכ־ווערטלעך און איינפאַלן מאַכן אים געזונט פון יעדער קרענק [8].

אין דער טרוקענער, אַסקעטיש פאַרמרה־שחורהטער סביבה האָט יעקב קראַנץ אַריינגעטראָגן דעם מונטערן לעבנסלוסטיקן פאָלקס־הומאָר. מיט זיין פרישן און קלאָרן געמיט האָט דער דובנער מגיד זיך ניט גע־קאָנט באַנוגענען ניט מיטן קונציקן שפּיגוועבס פון דעם חריפותדיקן פּילפּול, ניט מיט די מיסטישע אויפטועו פון דער קבלה מעשית; האָט ער זיך געלאָזט אהין, וווהין ס'האָט אים אינסטינקטיוו געפירט זיין נאַ־טירלעכע באַגאַבונג — צום לעבעדיקן קוואַל פון פאָלקס־שאַפן. יעקב קראַנץ איז אָבער ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט רעמאָלט גע־פרוווט זוכן נייע וועגן. ער איז בלויז געווען איינער פון די ערשטע שוואַלבן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט וועגן דער גייסטיקער יוירונג און וועגן די נייע שטרעמונגען, וואָס האָבן אין דער צווייטער העלפט פונם 18טן י"ה זיך געמאַכט באַמערקבאַר אין דעם פּויליש־ליטווישן יידנטום.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אויס וועלכע סיבות ס'האָט זיך גראָד פון דער צווייטער העלפט 17טן י"ה אָנגעהויבן דער אמתער יידישער מיטלאַלטער, די תקופה פון קולטורעלער פאַרווילדונג און אָפּגע־שטאַנענקייט. פאַרשטאַרט און פאַרגליווערט איז געווען די רבנישע וועלט. די משיחיש־מיסטישע שטרעמונגען האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דעם לאַבירינט פון קרענקלעך־פאַנטאַסטישע חלומות, און הילפלאָז האָט זיך געראַנגלט דער פאַרקריפּלטער געדאַנק אין דעם געדיכטן וואַלד פון גוואַלדיקע סתירות, פאַרלירנדיק דערביי די גרענעץ צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן מאָראַליש ריינעם און שמוציק פאַרדאָרבענעם. און דאָך, ניט קוקנדיק אויף דער גייסטיקער פאַרקריפּלונג און שטאַרקער עקאָנאָמישער ירידה, האָט דאָך דער פאָלקס־אָרגאַניזם נאָך פאַרמאָגט געגוג געזונטע גייסטיקע כוחות, וואָס האָבן זיך ביי די ערשטע גינסטיקע

---

[8] זע: „עליות אליהו", 4טע אויפלאַגע, 72–73; „משלי יעקב", 5. ווי דער ווילנער גאון אַזוי האָט אויך דער דובנער מגיד ביי זיין לעבן נים געדרוקט קיין איין ווערק זיינס. ערשט נאָך זיין טויט האָבן זיינע כתבים פאַרעפנטלעכט זיין זון יצחק און זיין תלמיד א. ב. פלאַם. זיינע באַדייטנדסטע ווערק זיינען: „אוהל יעקב", דרוש (צום ערשטן געדרוקט אין 1830) און „ספר מדות", וואָס ס'איז צום ערשטן דערשינען ערשט אין 1862 מיט אַ לאַנגער פאָררעדע, וו עס ווערן געגעבן ביאָגראַפישע פרטים וועגן דעם פאַרפאַסער. אין 1886 האָט מ. נוסבוים אויס פשעמיסל אַרויסגעגעבן פון דעם „אוהל יעקב" אַלע משלים און מעשיות און זיי פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער ווערק „משלי יעקב".

באַדינגונגען גלייך באַוויזן אויף דעם איבערפלאַך פון דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן. אין דער זעלבער צייט, ווען די מיסטיש־משיחישע שטרעמונגען האָבן געבאָרן דעם פראַנקיזם, וועלכער האָט דערקלערט אַן אַנטשיידענעם קאַמף דעם יידנטום, און די אָנהענגער פון דער דאָזיקער סעקטע זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאַרביטערטער שנאה קעגן זייערע אייגענע ברידער, האָט אויס די טיפעניש פונם פאָלקסלעבן זיך באַוויזן אַ נייע שטרעמונג, וואָס איז אויפן באָדן פון דער זעלבער מיסטישער אידעען־וועלט אויסגעוואַקסן אין אַ מעכטיקער ,,חסידות״־באַוועגונג, וועלכע האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקע השפעה אויף דער ווייטערדיקער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום. נייע שטרעמונגען האָבן זיך געמאַכט באַמערקבאַר אויך אין די איבערשטע לומדישע קרייזן. עס האָבן זיך געבילדעט געוויסע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך שוין נים געקאָנט באַנוגענען נים מיטן טרוקענעם פּילפּול, נים מיט די מיסטיש־משיחישע חלומות. עס האָבן זיך באַוויזן אַזוינע יחידי סגולה, וואָס האָבן דערשפּירט, ווען אַפילו נאָך גאַנץ טונקל און נים קלאָר, אַז דאָס גרויסע און נייע, מיט וואָס דאָס קולטורעלע מערב־אייראָפּע איז דעמאָלט שוואַנגער געווען; האָבן זיי געזוכט און נאָכגעפאָרשט, געוואָלט זיך דערוויסן אין וואָס באַשטייט דער תמצית פון אָט דעם ניי־געבאָרענעם...

דערביי האָבן שטאַרק מיטגעהאָלפן פאָלגנדיקע זייער וויכטיקע אומשטענדן. דער שולחן־ערוך־רבנות פון איין זייט, און גיפטיקע שנאה און גאַווהדיקער ביטול פון דער אַנדערער האָבן זיך מאַקע געפלייסט וואָס מער צו פאַרגרעסערן די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס יידישע געטאָ פון דער אויסנוועלט. די עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען אָבער אַ גוואַלטיק שטאַרקער פאַקטאָר אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און זיי איז עס געלונגען ערטערווייז, און וואָס ווייטער אַלץ מער, דורכצוברעכן די פעסטע אָפּזונדערונגס־מויער. ווי גרויס עס איז נים געווען די אָפּגעזונדערטקייט פון דעם גייסטיקן לעבן אין דעם יידישן תחום, עקאָנאָמיש זיינען דאָך די מזרח־יידן נים געווען אַן עם לבדד ישכון. פילע ליטווישע שטעט, ווי ווילנע, שקלאָוו וכדומה, האָבן געטריבן האַנדל מיט קיניגסבערג, דאַנציג, פראַנקפורט אויף דער אָדער; אויף די לייפּציגער יריד׳ים האָבן יידישע סוחרים פון ליטע געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע, און אַזוינע גאַליצישע שטעט, ווי בראָד, האָבן געהאַנדלט נים בלויז מיט דייטשלאַנד, נאָר אויך מיט ענגלאַנד. נים אָבער בלויז סוחרים האָבן געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער אייראָפּעיִשער וועלט, נאָר אויך די יידישע לומדים און יודעי התורה (אמת, אין יענע צייטן איז

דאָס תּלמודישע וויסן געווען אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט אין ליטע, אַז דער למדן און דער סוחר האָבן גאַנץ אָפט פיגורירט אין איין און דער זעל־בער פּערזאָן). פּוילן פלעגט שוין זינט דורות־לאַנג פאַרזאָרגן די דייטשע קהילות מיט מגידים, מלמדים און ווײַללערגער. די פּוילישע לומדים פלעגן אָפט אָנקומען אין רײַכע ייִדישע הײַזער, וואָס האָבן אויס רײן־עקאָנאָ־מישע סיבות ניט געקאָנט פירן אַ גאַנץ אָפּגעזונדערט לעבן און בלײַבן גאַנץ פרעמד דער אויסערלעכער קולטורעלער סביבה. מיר האָבן שוין אויבן געזען, ווי דער שטאָק־פרומער יעקב עמדן (יעב״ץ) איז זיך מתרעם אויף ייִדישע גבירים אין דײַטשלאַנד, וואָס טוען נאָך דעם אָרטיקן אדל און לאָזן זייערע קינדער לערנען פראַנצויזיש און מוזיק שפּילן. און אין דײַטשלאַנד זײַנען דעמאָלט גראָד פאָרגעקומען גרויסע שינויים אינם קולטורעלן לעבן. אין די אייבערשטע אינטעליגענטע־שיכטן האָט זיך אַלץ מער געלאָזט מערקן די השפּעה פון די ענגלישע דענקער און פראַנצויזישע ראַציאָנאַליסטן און אויפקלערער. שעפּנדיק יניקה פונם שכנותדיקן פראַנקרייך, האָט דער דײַטשער גאונישער גייסט אָנגעהויבן אויפצולעבן און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גאָלדענע שטראַלן פון דער קלאַסי־שער תּקופה אין דער דײַטש־נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. אַ גאַנץ ווײַטן און קוים באַמערקבאַרן אָפּקלאַנג האָבן די דאָזיקע וויכטיקע קולטורעלע געשעענישן געפונען די ערשטע צײַט אין דעם ייִדישן אַלט־פראַנקישן געטאָ; צי פרעמד און ווייניק פאַרשטענדלעך איז פאַר די ליטוויש־פּוילישע אורחים געווען די אייראָפּעיִשע אויסנוועלט; דאָך האָבן זיי מיט זייער חוש דערפילט, אַז דאָרט אין דער פרעמד זײַנען גוואַלטיקע גייסטיקע אוצרות באַהאַלטן. זיי זײַנען ניט געווען אימשטאַנד די דאָזיקע אוצרות ווי געהעריק אָפּצושאַצן, נאָר פונם גייסטיקן דרעמל זײַנען זיי דאָך אויפ־געוואַכט, זיי האָבן זייער רו פאַרלאָרן... זיי האָבן נאָך אינגאַנצן געהערט דער אַלטער וועלט, דער אַלטער לעבנסשטייגער האָט בײַ זיי זײַן חן ניט אָנגעוואָרן, דאָך האָבן זיי זיך שוין מער ניט געקאָנט באַנוגענען נים מיט די שפּיציקע המצאות פונם טרוקענעם פּילפּול, ניט מיט דעם פאַנטאַסטישן געוועב פון דער קבלה־מיסטיק. האַלב אויפגעוואַכט, האָבן זיי נאָך געטאַפּט אין דער פינסטער, און מיט אַ גיריקער פאַרשמאַכטער נשמה האָבן זיי געזוכט אַ מורה דרך, אַ וועגווײַזער, וואָס זאָל זיי אַרויס־פירן אויפן ריכטיקן וועג, זיי זאָלן ניט דאַרפן בלאָנדזשען אין דער פינ־סטער. געזוכט האָבן זיי אין דער התחלה ניט אין דער פרעמד — אַזוי־ווײַט זײַנען זיי נאָך ניט געגאַנגען — נאָר בײַ זיך אין ייִדישן תּחום. די רבנישע ליטעראַטור איז ניט געווען ביכולת צו שטילן דעם אויפגע־וואַכטן וויסנס־דורשט, און טאַקע דערפאַר לאָזט זיך אָנפאַנג צווייטער העלפט

פונם 18טן י״ה באמערקן פאלגנדיקע אינטערעסאנטע דערשיינונג [9]: דער אויפסניי שטארק אויסגעוואקסענער אינטערעס צו די מיטלאלטערלעכע אראביש־יידישע דענקער, בפרט צו רבנו משה בן מיימון. ווידער ווי אין די אמאליקע דורות איז דער רמב״ם געווארן דער לעבנס־לערער, דער „אורים ותומים״ פאר אלע וויסנסבאגיריקע, און זיין „מורה נבוכים״ איז אויפסניי געווארן דער זיכערער „וועגווייזער״ פאר אלע „בלאנדזשענדיקע״ און דורשטיק זוכנדיקע יונגע מוחות. און ניט צופעליק האבן זיך דעמאלט אויך די פארלעגער אין מיימונים מייסטערווערק דערמאנט. דער „מורה נבוכים״ איז געווען צווישן די ערשטע יידישע ספרים, וואס האבן דעם דרוק־ווארשטאט דערזען. מען האט אים דערנאך עטלעכע מאל איבערגעדרוקט, דאס לעצטע מאל אין 1553. אין יענער צייט אבער פארשטארקט זיך דער אינטערעס צו קבלה־ספרים, דער „זוהר״ און דער „שולחן־ערוך״ פארנעמען דעם גאנצן אויבנאן, און דעם רמב״מס פילאזאפיש ווערק געפינט מער קיין פארלעגער ניט אין משך פון קארגע צוויי הונדערט יאר. דער „מורה נבוכים״ איז געווארן צו פארדעכטיק, ער איז צו אנגעשמעקט מיט „חכמות חיצוניות״, וואס קאן נאך ברענגען צו אפיקורסות, קאן, חלילה, אראפפירן פונם דרך הישר, דערווייטערן פון מצוות און מעשים טובים. ערשט ווען עס האט זיך געלאזט באמערקן דער באנייטער אינטערעס צו די מיטלאלטערלעכע חקירה־ספרים, האט מען אויך געפונען פאר נייטיק דעם „מורה נבוכים״ אויפסניי איבערצודרוקן (יעסניץ, 1742).

איינער פון די ערשטע תורנים און אנגעזעענע תלמודיסטן, וואס האבן ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו דער מיטלאלטערלעכער פילאזאפיע, איז געווען דער אויפגעקלערטער רב שלמה בן משה כעלמא. מיר באזיצן וועגן אים גאנץ קנאפע ביאגראפישע ידיעות; עס איז אפילו ניט פעסטגעשטעלט דאס יאר פון זיין געבורט. עס איז בלויז באקאנט, אז ער איז א געבארענער אויס זאמאשטש, אין די יונגע יארן איז ער געווען רב אין כעלם און דערנאך האט ער פארנומען דעם רבנישן פאסטן אין זיין געבורטשטאט. נאכדעם ווי ס׳איז אין לעמבערג געשטארבן דער רב חיים ראפאפארט, האט דער רוסישער וואיעוואדע טשארטאריסקי באשטימט אויף דעם פריינגעווארענעם פאסטן שלמה כעלמא (אין דעצעמבער 1771). אין זעקס יאר ארום האט זיך כעלמא אפגעזאגט פון רבנות און זיך געלאזט פארן קיין ארץ־ישראל. אויפן וועג האט ער זיך אפגע־

9 ליידער האבן די יידישע קולטור־פארשער זייער ווייניק אויפמערקזאמקייט געשענקט דער דאזיקער דערשיינונג.

שטעלט אין סאַלאָניקע, וווּ ער האָט באַזאָרגט די צווייטע אויפלאַגע פון זיין הויפטווערק „מרכבת המשנה" (אַ פירוש אויפן רמב"מס „יד החזקה"). ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָט אים דערגרייכט דער אומדערוואַרטער טויט (1778)[10].

אין דער אינטערעסאַנטער פאָררעדע צו זיין „מרכבת המשנה" (צום ערשטן דערשינען אין 1751) דערציילט כעלמא, ווי אַזוי ער האָט שוין אין די יונגע יאָרן געוואָרפן אַן אומחן אויפן דרך הפילפול, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער פילפול איז בלויז מבלבל די יונגע מוחות און איז אַן אָבן־נגף פאַר יעדן וויסן. פון אַלע מיטלאַלטערלעכע גאונים און פוסקים איז פאַר אים דער גרעסטער אויטאָריטעט דער בעל „יד החזקה", רבנו משה בן מיימון. פאַר שלמה כעלמא איז דער בעל „משנה תורה" און „מורה נבוכים" דער איינציקער און אומפאַרגלייכבאַרער, „דער גרויסער אָדלער מיט די גרויסע פליגל", דער גרעסטער יידישער גאון, אַ איש אלהים, וואָס „ממשה עד משה לא קם כמשה"[11], און זיינע ווערק זיינען אים דערפאַר „זיסער פון אַלץ אין דער וועלט". שלמה כעלמא האָט זיך שוין ניט געוואָלט באַנוגענען בלויז מיט תלמוד און פוסקים. ער דערציילט אַליין, ווי אַזוי פאַר אים איז שוין אין די יונגע יאָרן דער „מורה נבוכים" געוואָרן דער מדרך און וועגווייזער, און אַדאַנק אים האָט ער אָנגעהויבן צו שטודירן לאָגיק, אַסטראָנאָמיע און אַנדערע וויסנשאַפטן, באַזונדערס מאַטעמאַטיק, וואָס זי איז ביי אים געוואָרן די באַליבטסטע וויסן־בראַנזשע.

מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, ווי אין סוף 17טן י"ה האָט איינער פון די דעמאָלטיקע גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן, דער בעל „חות יאיר", געהאַלטן פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז „היינטיקע דורות טוען זייער גלייך", וואָס זיי דערווייטערן זיך פון אַזוינע לימודים, ווי „עיקרים", דער „כוזרי" וכדומה, „וואָרעם ס'איז גוט פאַר אונז און ווייל פאַר אונזערע קינדער צו גלויבן אין אַלץ, וואָס אויף אונז איז מוטל אָן שום חקירות"[12]. אין פופציק יאָר אַרום האַלט שוין אָבער דער רב פונם

10 וויטערדיקע פרטים וועגן שלמה כעלמאַס לעבן, זע: שלמה בובער, „אנשי שם", 207—209.

11 אין זיין פאָררעדע צו „מרכבת המשנה" רעדט כעלמא וועגן דעם רמב"ם אין פאַלגנדיקן פאַטעטישן טאָן: „הנשר הגדול בעל הכנפים ארך האבר, אבי כל בני עבר, ואב המון רבנו משה בן מיימון אשר עליו נאמר ממשה עד משה... לו יהיו כל האגמים קולמסין ובני אדם לבלרין, לאו לכתוב אפס קצהו שמע מנהו... כי זה משה האיש יצא חפשי, למעלה משכל האנושי, הגבה למעלה למעלה ולו דומיה תהלה".

12 אויבן, זייט 167.

קליינעם זאמאשטש, שלמה כעלמא, פאר מעגלעך צו פירן מלחמה קעגן די „פארנארישטע און פארפינסטערטע", וואס מיינען און גלויבן, אז אין בילדונג און אין חכמות היצוניות שטעקט אפיקורסות [13]. אן אזוינע חכמות, ווי מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, זאאלאגיע וכדומה — דערקלערט יעקב כעלמא — איז מען גאריט אימשטאנד צו פארשטיין א סך דינים אין דער תורה. און טאקע דערפאר, איז ער מוסיף, זיינען אין אמאליקע דורות אונזערע גדולים און חכמים געווען בקי אין אלע חכמות, אין אלע צווייגן פון וויסן [14]. ווי דער ווילנער גאון, אזוי האט אויך שלמה כעלמא אונטערגעשטראכן, ווי וויכטיק ס'איז צו זיין בקי אין דיקדוק הלשון [15]; און ער איז טאקע געווען א נאה מקיים און אליין פארפאסט א ווערק וועגן דיקדוק „שערי נעימה".

און ר' שלמה כעלמא איז ניט געווען קיין חד בדורו. דעם רמב"מס א הייסער פארערער איז אויך געווען רפאל לוי האנאווער. געבארן אין א קליין שטעטעלע ווייקערסהיים אין 1685 [16], איז אויך פאר אים דער „מורה נבוכים" געווען דער וועגווייזער און וועקער. מיט גרוים פלייס האט ער שטודירט נאטורוויסנשאפטן און פילאזאפיע, האט געפירט מיט מענדעלסאנען א חליפת־מכתבים אויף פילאזאפישע טעמעס [17], געווען באפריינדעט מיט דעם בארימטן לייבניצן און א געוויסע צייט איז ער געווען זיין פערזענלעכער סעקרעטאר [18]. ווי ביי שלמה כעלמא אזוי איז

18 „הבל יפצה פי המטילים בלמוד החכמות שמץ דופי... זה דרכם כסל למו בי אין בפיהם מענה וננעלו לפניהם שערי בינה ויעבורו קול בטחנה: סורו ממנה".

14 „כל גדולי הקדמונים רוב בנין ורוב מנין, היה להם בכל החכמות קנין לראות את הענין אשר נתן אלקים לענות בו לאכול מפריו ולשבוע מטיבו".

15 „ודקדוק הלשון ראש וראשון, בלעדו לא ירים איש את ידו, ולא יצליח בלימודיו".

16 געשטארבן אין טיפן עלטער דעם 17טן מאי 1779. ביאגראפישע פרטים וועגן אים זע: „ליטעראטורבלאט ד. אריענטס", 1849, 140—143.

17 מענדעלסאנס א בריוו צו האנאווערן איז פארעפנטלעכט אין מענדעלסאנס געזאמלטע שריפטן (1845), V, 446—449. זע אויך: „היסטארישע שריפטן", ב' ו, 301, 340.

18 ווען דער בארימטער דענקער איז געשטארבן איינזאם און פארלאזן אין האנאווער, האט דער שכנים־מאגיסטראט און די גייסטלעכע געפונען פאר ניט פאסיק צו באגלייטן, צום קבר דעם „ראציאנאליסטיש" געשטימטן געלערנטן, און נאך זיין ארון איז נאכגעגאנגען בלויז איין איינציקער פארערער — זיין טרייער תלמיד רפאל לוי, דאס מיינט עם אים א. ג. פאסט אין זיין ליד, וואס ער האט געווידמעט לייבניצעס אנדענק, בעת ער שרייבט:

Zuletzt erscheint der Mann,
der seines Lehrers Sarg
Einsam um Mitternacht begleitet,
Ein alter (?) Jude war's — und leitet
Ihn zu der öden Gruft,
Die dich, o Leibniz, barg.

(זע „צייטשר. פ. ד. געשיכטע ד. יודען", ו, 7).

אויך ביי רפאל האַנאָווער מאַטעמאַטיק געווען דער באַליבטסטער לימוד, און אין דער יידישער גאַס איז ער געווען דערפאַר גאַנץ אונטערן נאָמען „רבי רפאל בעל חשבון". ער האָט פאַרגעלייגט דער לײדענער אַקאַדעמיע (1756) זיינע „לוחות העיבור", און אין דעם זעלבן יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין „תכונת השמים" (וועגן אַסטראָנאָמיע און חכמת העיבור), וואָס ער האָט פאַרפאַסט, ווי ער גופא דערקלערט אין דער הקדמה, בכדי צו מאַכן צוגעגנגלעך און לייכט פאַרשטענדלעך דעם רמב"מס מייסטערווערק „הלכות קידוש החודש", וואָס איז פאַר די היי־טיקע חכמי הדור, וועלכע זיינען זייער ווייניק באַהאַוונט אין מאַטעמאַטיק און אַנדערע חכמות — ווי אַ „ספר החתום"[19].

שלמה כעלמאַס און רפאל האַנאָווערס אַ בן־דור איז געווען דער גאַליציאַנער ישראל בן משה זאַמאָשטש[20]. אויך אים האָט דער „מורה נבוכים" די אויגן געעפנט, דערוועקט אין אים דעם דורשט נאָך בילדונג און וויסנשאַפט. ער האָט זיך פאַרטיפט אין די יידישע חקירה־ספרים און זיינע געליבטע חכמות זיינען געווען פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק. דאָס איז אָבער שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן די גאָטספאָרכטיקע איינ־וווינער פונם שטעטל; מען האָט דעם יונגן „אפיקורס" אָנגעהויבן רודפן ביז ער האָט געמוזט זיין געבורטסשטאָט פאַרלאָזן. בכדי צו באַווייזן ווי נייטיק און וויכטיק עס זיינען וויסנשאַפטלעכע ידיעות, האָט ער אין יאָר 1741 אָפּגעדרוקט זיין ספר „נצח ישראל", ווו ער דערקלערט און פאַר־טייטשט אַ סך האַרבע און ווייניק פאַרשטענדלעכע ערטער אין דער גמרא מיט דער הילף פון מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. „עס איז קיין שום ספק ניט — שרייבט שלמה מיימון וועגן זאַמאָשטשס ווערק, — אַז ר' ישראל איז דאָ מער אויסן געווען פאַרשפרייטן חכמת החשבון צווישן יידן, איידער דערקלערן דעם דין אין דער גמרא".

דאָס איז אָבער דעם פרומען עולם שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן: מאַכן די הייליקע גמרא פאַר אַ נעבן־זאַך, אויסטייטשן די סוגיא אָן פשטלעך, אָן פילפול, נאָר עפּעס גאָר מיט אַלגעברע און געאָמעטריע. דאָס

---

19 „ואחרי אשר ראיתי להנשר הגדול הרמב"ם ז"ל חבר לנו הלכות קדוש החודש והיו דבריו בעיני חכמי הדור הזה כדברי הספר החתום אשר יתנו אותו אל יודע ספר לאמר: קרא נא זה! ואמר: לא אוכל כי חתום הוא על כן ערב לבי לגשת ולבאר כל דרכיו כיד ד' הטובה עלי". אין בערלינער שטאָט־ביבליאָטעק געפינט זיך האַנאָווערס אַ ניט פאַרעפנטלעכטער מאַנוסקריפט „חשבון הקץ והתחיה".

20 געבאָרן אין 1700. פרטים וועגן זיין לעבן, זע: י. ב. לעווינזאָן אין זיין „זרובבל", ו, 68; ש. י. פין אין „שפה לנאמנים", 149; ש. סטאַניסלאַווסקי אין „ווּאָס־כאָד", 1886, VI, 131—137.

האָט שוין געשמעקט מיט אַפּיקורסות, האָט מען דעם „נצח" (אַזוי האָט דער פּשוטער עולם אַ נאָמען געגעבן זאַמאָשטשן פאַר זיין אַפּיקורסיש ספר) אָנגעהויבן צו רודפן. האָט ער ווידער גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין די הענט און ווייטער געוואָרן אַ נע־ונדניק. אין אַ יאָר אַרום טרעפן מיר אים שוין אין בערלין, וווּ ער האָט באַקומען אַ שטעלע אַלס לערער אינם הויז פונם רייכן באַנקיר דניאל איטציג. מיטן איטפּעט פון אַן אויפ־קלערער פלעגט ער האַלטן גאַנצע דרשות פאַר וויסנבאַגיריקע יונגעלייט, וועקן ביי זיי דעם חשק צו בילדונג און וויסן. באַזונדערס האָט אים פאַר־אינטערעסירט אַ קרענקלעך 15־יאָריק יינגל, וואָס איז אָקאָרשט אָנגעקו־מען קיין בערלין פון דער שטאָט דעסוי. זאַמאָשטש האָט מיט אים שטו־דירט דעם „מורה נבוכים", געלערנט מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסנ־שאַפטן. דער דאָזיקער תּלמיד איז מיט דער צייט געוואָרן דער גלאַנץ און שטאָלץ פונם דייטשן יידנטום — דער באַרימטער משה מענדעלסאָן [21]. מענדעלסאָן האָט דערנאָך באַקענט זיין געוועזענעם רבין מיט די דייטשע גדולים פון יענער צייט, מיט לעסינגן, ניקאָלאַיען און אַנדערע, און יענע האָבן זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם אָריגינעלן יידישן תּלמיד־חכם. לעסינג לויבט אים אַלס „טיפן און אויסגעצייכנטן מאַטעמאַטיקער". און פרידריך ניקאָלאַי וויזט אָן אין זיינע „אָנמערקונגען" צו מענדעלסאָנס און לעסינגס בריוו־וועקסל, אַז זאַמאָשטש איז געווען „איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן דערוועקט ביי די בערלינער יידן „דעם געשמאַק אין דעם ווינשאַפטען" און אַלס „זייער טרעפלעכער קאָפּ און גרויסער מאַטעמאַטיקער" איז אים געלונגען, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט געלעבט אין גרויס דחקות, דערגרייכן צו אַזאַ שלימות, אַז ער איז געווען

---

21 שלמה מיימון, בעת ער רעדט אין זיין „לעבנסגעשיכטע" וועגן מענדעלסאָנען, גיט אַזאַ פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק דעם בעל „נצח ישראל": „מענדעלסאָן איז גע־ווען... אַ תּלמיד פון דעם דעמאָלט באַריכטן פּוילישן רב ר' ישראל נעסוויזשער, אָדער דעם „נצח ישראל", ווי מען האָט אים גערופן אויפן נאָמען פון זיין ספר, וואָס האָט אַזוי געהייסן". דער דאָזיקער רב האָט אויסער זיינע גרויסע תּלמודישע פּשרונות און ידיעות נאָך געהאַט אַ סך און טיפע קענטעניש אין אַנדערע וויסנשאַפטן, באַזונדערס אין מאַטעמאַטיק, וואָס ער האָט נאָך אין פּוילן גרינטלעך דורכגעשטודירט לויט אייניקע העברעישע ביכער, ווי דאָס קאָן מען זען פון דעם דערמאָנטן ספר גופא. דערפאַר האָט מען אים אין זיין קאַנט געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס. אין דעם דאָזיקן ספר באַ־נעמענען זיך לייזונגען פון זייער קאָמפּליצירטע און וויכטיקע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען נייטיק צו דערקלערן אייניקע טונקעלע שטעלן אין תּלמוד אָדער צו באַ־שטימען אַ הלכה. פאַרשטייט זיך, אַז ר' ישראלן איז דאָ געגאַנגען מער אום פאַר־שפּרייטן נוצלעכע קענטענישן צווישן זיין פאָלק, איידער אום דערקלערן אָדער באַשטימען אַ דין, און צו דעם צוועק האָט ער גענוצט פאַר אַן אויסרייד די דערקלערונג פון תּלמודישע הלכות („לעבנסגעשיכטע", יידישע איבערזעצונג, 275—376).

אימשטאַנד צו מאַכן וויכטיקע אַנטדעקונגען״. וועגן זאַמאָשטשס לעצטע יאָרן שרײַבט ניקאָלאַי: „אַלס פרײַדענקער האָבן אים די ייִדן געהאַסט... מען האָט אים שטאַרק גערודפט, און ער האָט זיך דאָס אַזוי גענומען צום האַרצן, אַז ער איז אויף דער עלטער אַרײַן אין מרה־שחורה״ [22].

נאָך טראַגישער איז געווען דער גורל פון אַ צווייטן קעמפער פאַר אויפקלערונג, וואָס האָט געלעבט אין איין צײַט מיט זאַמאָשטש. אפילו דעם נאָמען ־זײַנעם ווייס מען ניט אויף זיכער; עס איז אַ ספק, צי האָט ער געהייסן אַבאַ און אפשר גאָר אַברהם. אויסמעקן האָט זײַן דור געוואָלט דעם נאָמען זײַנעם אויס דער געדעכעניש פון די קומענדיקע דורות, און ער וואָלט טאַקע אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן, ווען עס זאָל זיך אויף אים ניט געווען דערבאַרעמען דער באַשעפער פון „פעטער שלומיאל״, דער באַוווּסטער דײַטשער דיכטער אַדאַלבערט שאַמיסאָ, וואָס האָט באַזונגען דעם טראַגישן גורל פון דעם ייִדישן השׂכּלה־קעמפער אין זײַן פּאָעמע „אַבאַ גלאָסק לעטשעקאַ״ (Abba Glosk Leczeka). די דאָזיקע פּאָעמע איז כּמעט די איינציקע קוועלע, וואָס מיר באַזיצן וועגן גלאָסקס טרויעריקער לעבנסגעשיכטע, אָבער אויך די קוועלע איז ניט קיין גאַנץ זיכערע, ווײַל שאַמיסאָ איז אָנגעקומען קיין בערלין אַלס צעניאַריק קינד אין אָנהייב נײַנציקער יאָרן פונם 18טן י״ה, ווען גלאָסק איז שוין פון לאַנג געווען טויט. זײַן פּאָעמע האָט שאַמיסאָ געשריבן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, און עס איז דערפאַר גאַנץ שווער פעסטצושטעלן, וואָס איז דאָרט רעאַלע „וואַרהייט״ און וואָס בלויז „דיכטונג״. מען איז זיך משער, אַז אַבאַ איז געבאָרן בײַ לובלין, אין דעם קליינעם שטעטעלע גלאָסק [23]. אויך זײַנע לערער און מורי־דרך זײַנען געווען די מיטלאַלטערלעכע ייִדישע דענקער פון אַראַבישן שפּאַניע; זיי האָבן אים די אויגן געעפנט, אַדאַנק זיי האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אויסער דעם „שולחן ערוך״ עקסיסטירט נאָך אַ ברייטע אידעען־וועלט, און אויסער פּילפּול און „שאלות ותשובות״ זײַנען נאָך פאַראַן טיפע וויסנשאַפטלעכע פראַגן, האַרבע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. אַ מגיד איז ער געוואָרן [24], און אין זײַנע דרשות

---

[22] דאָרטן, 204—205. ישׂראל זאַמאָשטש איז געשטאָרבן אין בראָד אין 1772. פון זײַנע מאַנוסקריפּטן זײַנען דערנאָך איניקע פאַרעפנטלעכט געוואָרן (זײַנע פּירושים אויף „כוזרי״ און „חובות הלבבות״), די איבעריקע זײַנען פאַרלאָרן געגאַנגען, צווישן זיי אַ גרויס ווערק „ארובות השמים״, וועגן אַסטראָנאָמיע, מיט פילע צייכענונגען. יצחק בער לעווינסאָן דערציילט, אַז ער האָט דעם מאַנוסקריפּט געזען בײַ נחמן קראָכמאַלן, וועלכער האָט בדעת געהאַט דאָס דאָזיקע ווערק צו פאַרעפנטלעכן.

[23] זע „הכרמל״, 1871, 462.

[24] איניקע פאָרשער זאָגן אַרויס די השערה, אַז אַבאַ גלאָסק און דער באַקאַנטער „גלוסקער מגיד״ זײַנען איינס און די זעלבע פּערזאָן

האט ער פארן עולם זיינע געדאנקען און ספיקות אנטפלעקט. דער פרומער עולם האט אבער אין זיינע דרשות אפיקורסות דערשמעקט, האט מען אים גענומען רודפן און ווי עס שיינט אים פארווערט האלטן דרשות. אבא גלאסק איז אבער געווען א קעמפער־נאטור, האט ער ניט געוואלט זיך אונטערגעבן, גענומען די פעדער צו הילף און א סך ספרים געשריבן [25]. די ספרים זיינע האבן אבער די ליכטיקע וועלט ניט דערזען: מען האט אלע זיינע כתבי־ידן אויפן ווילנער שול־הויף פארברענט [26]. אים אליין זאל מען האבן מלקות געשלאגן און אוים דער שטאט פארטריבן [27]. אבא גלאסק האט לאנג געוואנדערט ביז ער האט זיך דערלאנגט קיין בערלין. ער האט אויך דארט אנגעהויבן האלטן דרשות און פראפאגאנדירן זיינע פרייע געדאנקען פאר דער יוגנט. דאס איז ווידער די ארטאדאקסן ניט גע־פעלן געווארן, און זיי האבן אנגעהויבן צו קוקן מיט חשד אויף דעם ניט באקוועמען אורח. דער רויקער און געלאסענער מענדעלסאן האט אים געראטן, ער זאל זיך בעסער ניט ווארפן אין די אויגן און זיינע פרייע געדאנקען פארן עולם ניט אויפדעקן. „ווילסטו א היגער בלייבן — האט מענדעלסאן אים געווארנט — מא שווייג בעסער און זיי ניט מגלה דאס, וואס עס פאסט ניט; זאל בעסער דיין געדאנק בארשן אין דער שטיל און פארבארגן" [28]. „ווי הייסט — האט דער גלאסקער מגיד פארחידושט געפרעגט, — אז מיר ביידע וועלן דעם אמת פארשוויגן, ווער זשע וועט אים פאר דער וועלט אנטפלעקן, ווער וועט דעם עולם אויפקלערן?" [29].

ווידער אמאל האט אבא גלאסק דעם וואנדערשטעקן אין די הענט גענומען, געוואנדערט איבער דייטשלאנד, האלאנד, פראנקרייך און ענג־

---

25 אין שאמיסאס פאעמע דערקלערט גלאסק: „אונד דרויצן ביכער האטטע איך פארפאסט מיט אללען פליים".

26 זע „המגיד", 1871, 234.

27 שאמיסא דערציילט וועגן דעם אין זיין פאעמע:

Ich selbst ich sollte sterben, kaum heimlich war der Rath;
Doch fand sıeп ein Rabbiner, der um mein Leben bat,
Ich wurde bloss gegeisselt, und als man frei mich gab,
Da griff ich heitern Sinnes zu meinem Wanderstab.

דער בעל „עליות אליהו" דערציילט אויך וועגן דעם (דערסן, פערטע אויפלאגע, 24), ווי מען האט אויפן ווילנער שולהויף געשמיסן איינעם, וואס מען האט חושד געווען אין אפיקורסות, און ער זאגט דערביי ארוים די השערה, אז דאס איז געווען אבא גלאסק.

28 ביי שאמיסא:

„Bleib hier und lerne schweigen, wo sprechen nicht am Ort,
Du magst im stillen forschen, erwägen Geist und Wort".

29 דערסן:

„Du schweigst, du Kluger, und schweigen sol mein Mund!
So sprich, wer soll dann reden und thun die Warheit kund?"

לאַנד, אין ערגעץ קיין רו ניט געפונען, ביז ער איז סוף־כל־סוף צוריק קיין פוילן געקומען, און וואָס מיט אים איז ווייטער געשען ווייס קיינער ניט.

אבא גלאָסק איז ניט געווען איינער מיט זיין ביטערן גורל. אין זיין צייט איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדערער, אַ פיל באַדייטנדיקער דענקער, וואָס האָט אויך געהאַט דעם מוט אָפּן זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַרומיקער סביבה, און זיין נאָמען איז שוין אוממעגלעך געווען אויסצומעקן פאַר די קומענדיקע דורות — ער גופא האָט אים, נאָך אַ לאַנגן שמאַרציקן וועג פון שווערער נויט און אוממענטשלעכע דערנידעריקונגען, מיט אַ פעסטער האַנט איינגעקריצט אין דער געשיכטע פונם אייראָפּעישן פילאָזאָפישן געדאַנק. שלמה בן יהושע האָט דער דאָזיקער וואַנדערלעכער מאַן געהייסן. אין אַ אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין דער ליטע ביי אַן אָרעמען ישובניק איז ער געבאָרן געוואָרן (1754) און נאָך דער חתונה אַלס דאָרף־מלמד געשעפּט חיונה. און דאָס, וואָס דער אָרעמער דאָרפס־מלמד איז מגולגל געוואָרן אין אַן אָנגעזעענעם דייטשן פילאָזאָף, אין איינעם פון די בעסטע און טיפסטע מפרשים פון קאַנטס פילאָזאָפיע — דאָס האָט ער, אויסער זיינע גאונישע פעיִקייטן, דעם „מורה נבוכים“ צו פאַרדאַנקען. ער גופא דערציילט אין זיין „לעבנסגעשיכטע“, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקן רושם עס האָט אויף אים געמאַכט דער רמב״ם, וואָס איז אין זיינע אויגן „דער גרויסער, אפשר דער גרעסטער מאַן פון אונזער פאָלק“. „מיין פאַר־ערונג — דערציילט ער ווייטער — פאַר דעם דאָזיקן גרויסן לערער איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אים געהאַלטן פאַרן העכסטן אידעאַל פון אַ מענטשן, אַ פולקומען בתכלית השלימות, און זיינע געדאַנקען זיינען ביי מיר געווען אַזוי הייליק, ווי זיי וואָלטן דיקטירט געוואָרן דורך דער חכמה עליונה, פון גאָט אַליין. מיין יראת הכבוד פאַרן רמב״ם איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען מיינע פאַרלאַנגען און ליידנשאַפטן און איך האָב מורא באַקומען, דער יצר־הרע זאָל מיך ניט גובר זיין און ניט אָנריידן צו טאָן עפּעס קעגן דער לערע פון מיימוני — פלעג איך אָנווענדן ווי אַן אויסגעפּרוּווטן קעגנמיטל די דאָזיקע שבועה: „איך שווער ביים יראת־הכבוד פאַר מיין גרויסן לערער רבי משה בן מיימון ניט צו באַגיין דאָס אָדער יענס!“ און די דאָזיקע שבועה, ווי ווייט איך קאָן מיך נאָר דערמאָנען, האָט ווירקלעך מיך שטענדיק אָפּ־געהאַלטן פון ניט שיינע מעשים“ [30]. און אויס דאַנקבאַרקייט צו זיין גרויסן לערער האָט ער דעם נאָמען „מיימון“ פאַר זיין פאַמיליען־נאָמען געוויילט, און זיין איינציק העברעיִש ווערק, וואָס ער האָט פאַר־

---

[30] „לעבנסגעשיכטע“, יידישע איבערזעצונג, 1928, ז' 240—241.

עפנטלעכט — איז א פירוש אויף „מורה נבוכים" (גבעת המורה), וווּ ער פרווּט קריטיש באַלייכטן מיימונים אידעען־וועלט מיט דער הילף פון דער מאָדערנער, קאַנטיאַנער פילאָזאָפיע.

צו ענג איז פאַר דעם דאָזיקן שאַרפן דענקער געווען די יידישע סביבה אין די קליינע אַלט־פּרענסישע ליטווישע שטעטלעך. מיט גרויס מי האָט ער זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן, און אַריין אין דער ברייטער אייראָפּעישער אידעענוועלט. אויף דער יידישער אידעענוועלט, אויף דער יידישער קולטור האָט שלמה מיימון אַ גאַנץ קנאַפּע השפעה געהאַט. אַלע זיינע העברעישע וויסנשאַפטלעכע ווערק, וואָס ער האָט געשריבן, זיינען, אויסער זיין פירוש אויפן „מורה נבוכים", אין כתב־יד געבליבן [81]. אַ דייטשער פילאָזאָפישער שריפטשטעלער איז ער געוואָרן; נאָר שווער, זייער שווער איז אים דאָס אַלץ אָנגעקומען. זיין לעבנס־דראַמע האָט ער גופא באַשריבן אין זיין מייסטערווערק, זיין זעלבסטביאָגראַפיע („לעבנסבאַשרייבונג") [82], וואָס האָט אויך אַ קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, ווייל דער געשיכטע־פאָרשער געפינט דאָרט אַ שלל וויכטיקע ידיעות וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון דעם יידישן קיבוץ אין ליטע און פרייסן אין דער צווייטער העלפט פונם 18טן י"ה.

אָפּנהאַרציק און מיט גרויס פשטות דערציילט דער דאָזיקער גאוניש באַגאַבטער מאַן, ווי אַזוי די שרעקלעכע נויט און דחקות, אין וועלכער ער האָט זיין נע־ונד־לעבן פאַרבראַכט, האָט זיין נשמה מיט זינד באַפלעקט, זיין כאַראַקטער פאַרדאָרבן, זיין געזונט און כוחות צעשטערט. אין אַ מאַיאָנטעק ביי אַ שלעזישן גראַף, וואָס האָט זיך אויף דעם פאַרוואָגלטן יידישן דענקער דערבאַרעמט, האָט מיימון זיינע לעצטע יאָרן פאַרבראַכט. און ווען ער איז אין 1800 פון אויסצערונג צו 46 יאָר געשטאָרבן און מען האָט זיין טויטן קערפּער קיין גלאָגוי אַוועקגעפירט אים דאָרט צו קבר ישראל ברענגען, האָבן די פירער פון דער דאָרטיקער קהילה זיך נויסם געווען אין דעם „מין" און אפיקורס, און דעם בר־מינן, איינעם פון די חריפותדיקע דענקער, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געגעבן, האָט מען מיט שפּאָט און בזיון מקבר געווען „קבורת חמור", הינטערן צוים פונם בית־הקברות...

---

81 די רשימה פון מיימונים העברעישע כתבי־ידן זע אין דער פאָררעדע צו דער יידישער איבערזעצונג פון זיין „לעבנסגעשיכטע".

82 איבערזעצט אין יידיש דורך א. י. גאָלדשמידט.

זיבעטער קאַפּיטל

די אָנזאָגער פון דער נייער תקופה. — יהודה הורוויטש אַלס סטיליסט און אויפקלערער. — זיין „עמודי בית יהודה". — הורוויטשעס שטאַנדפּונקט וועגן „ביאת המשיח". — זיין „מגלת סדרים". — דער רב יהודה־לייב מרגלית אַלס אויפקלערער. זיין טיפּיש ווערק „בית מדות" און זיין „אור עולם" וועגן חכמות הטבע. — פּנחס הורוויטש און זיין „ספר הברית". — זיין פאַרהאַלטן זיך צו מיסטיק און נאַטורוויסנשאַפטן. זיין קאַמף קעגן ראַציאָנאַליזם. — זיין פּראָגראַם וועגן איבערבויען די סאָציאַלע יסודות פונם יידישן לעבן. — וועגן דעם גרונט־פּרינציפּ „ואהבת לרעך כמוך". — „די ליבע צום מענטשן איז די גרעסטע פרייד פאַר דער נשמה".

„בכדי דעם אמת צו דערלאַנגען — דערציילט שלמה מיימון אין זיין „לעבנסבאַשרייבונג" — האָב איך פאַרלאָזן מיין פאָלק, מיין משפּחה, מיין היים". דאָס, וואָס שלמה מיימון האָט זיך פון זיין פאָלק דערווייטערט, האָבן אין געוויסער מאָס גורם געווען די זייער אומגינסטיקע צושטאַנדן, אין וועלכע אים איז אויסגעקומען צו לעבן; מען קאָן אָבער ניט לייקענען, אַז דאָ האָט אויך מיטגעהאָלפן נאָך איין וויכטיקע סיבה: צו ענג איז געווען אין דער דעמאָלטיקער אָרטאָדאָקס־רבנישער וועלט פאַר אַזאַ פרייען דענקער ווי שלמה מיימון, וועמעס „אײַדעלע דרייסטקייט פון זיין דענקען האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום אַנדערע גרענעצן, אויסער די גרענעצן פונם שכל גופא". אין איין צייט מיט שלמה מיימון האָבן זיך אָבער אין דער זעלבער ליטע באַוויזן אויך אַנדערע אמת־זוכערס פון אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן שניט. אויך זיי האָבן דעם אמת נעזוכט, נאָר פעסט און שטאַרק זיינען פאַרבליבן די וואָרצלען, וואָס האָבן זיי פאַרבונדן מיט דער סביבה, מיט דער אַלטער קולטור פון זייער פאָלק, מיט דער ירושה פון זייערע אָבות. אמת, קיינער פון זיי איז ניט געווען געבענטשט מיט אַזאַ גאוניש אַנאַליטישן שכל, ווי שלמה מיימון, דערפאַר אָבער האָבן זיי ניט געוווּסט פון דעם „קרע שבלב", ווי אָט דער חריפות־דיקער קריטיקער פון קאַנטס פילאָזאָפישער סיסטעם. זיי האָט גאָר ניט נעקאָנט קומען אויף דער מחשבה אפילו „זייער פאָלק פאַרלאָזן", בכדי

„דעם אמת צו דערגרייכן". פעסט און זיכער זיינען זיי געווען, אז דער אמת, דער ריכטיקער אמת, קאן בשום אופן ניט סותר זיין די קולטורעלע ירושה פון זייער פאלק, די תורה פון זייערע אבות. זיי האבן נאר געזוכט נייע מיטלען, ווי דעם אין די היילקע יידישע ספרים פארבארגענעם אמת צו געפינען, אים דערנענטערן און פארשטענדלעכער מאכן דעםברייטן עולם, דעם גאנצן פאלק. און זיכער זיינען זיי געווען, אז בכדי דאס צו דערגרייכן, און אין דעם איז באשטאנען זייער אייפקלערערישע ראלע, מוז מען זיך באנוצן מיט וויסן און בילדונג. ניט ארויסרייסן זיך פון דער היימישער און אייגענער סביבה איז געווען זייער באגער, נאר זי ברייטער מאכן, דורכלופטערן, די פעסט פארמאכטע לאדנס אויפמאכן, בכדי עס זאל מער ליכט אריינדרינגען, און די טונקעלע שאטנס פארטרייבן...

איינער פון די ערשטע צווישן זיי איז געווען דער דאקטאר יהודה בן מרדכי הלוי הורוויטש. אין ווילנע א געבארענער [1], האט הורוויטש שטודירט מעדיצין אין פאדוא און דערנאך, ווי דאס רוב אויפקלערער פון יענעם דור, געפירט א נע־ונד לעבן. ער האט פיל געררייזט איבער אייראפע, האט א שטיק צייט פארבראכט אין בערלין, וו ער האט זיך באקענט מיט מענדעלסאנען, האט דערנאך פראקטיצירט אלס דאקטאר אין זיין געבורט־שטאט ווילנע, דאן אין זאגער און א לענגערע צייט אין מיטוי. אין דער ביבליאטעק פון דער ארטיקער גימנאזיע זיינען אפילו פארבליבן הור־וויטשעס העברעישע מאנוסקריפטן, צווישן זיי פאעמעס, איבערזעצט פון דייטש [2]. זיינע לעצטע יארן האט ער פארבראכט אין גראדנע, וו ער איז געשטארבן אין 1797.

שוין אין די יונגע יארן האט הורוויטש פיל זיך אפגעגעבן מיט די יידישע דיכטער און דענקער פון דעם שפאניש־אראבישן מיטלאלטער, און ער רופט זיי גאנץ אפט אן מיטן נאמען „מורי ורבותי" — מיינע לערער און ווענפירער. די השפעה פון די שפאניש־אראבישע דיכטער פילט זיך שטארק אין הורוויטשעס סטיל. ער באנוצט זיך אפט מיטן מאקאמען־נוסח, מיט דער דיאלאג־פארם אין געריימטער פראזע; זיין שפילעוודיקער מוסיוור־סטיל דערמאנט צייטנווייז דעם בעל „תחכמוני" און עמנואל רומי. אינם נוסח פון די מיטלאלטערלעכע העברעישע דיכטער האט אויך הורוויטש ליטורגישע לידער געשריבן, און דא פילט זיך באזונדערס די

[1] דאס יאר, ווען ער איז געבארן־געווארן איז ניט פעסטגעשטעלט.

[2] זע הונדערבאר, „געשיכטע ד יודען אין דען פראווינצען ליוו- אונד קור-לאנד", ז' 71—73.

השפעה פון שלמה גבירול [3]. עס פילן זיך אָבער ביי הורוויטשן אויך מאָדערנע השפּעות. דאָס איז שוין לייכט צו באַמערקן אין זיין ערשטע אַרבעט „צל המעלות“, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1764. דער „צל המעלות“ איז אַ זאַמלונג פון 365 עטישע סענטענצן געשריבן אין גע־רייכטער פּראָזע. עס שמעקט מיטן אויפקלערער־גייסט פונם 18טן י״ה, בעת הורוויטש רעדט אין זיינע סענטענצן וועגן דער ברידערלעכקייט פון דער גאַנצער מענטשהייט. „וויס, דו מענטש, אַז די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע איינוווינער זיינען ענג פאַרבונדן ווי גלידער פון איין קערפּער“ [4]. און די הויפּט־סיבה, וואָס צעשפּאַלט די מענטשן־משפּחה אין פיינדלעכע לאַגערן, זעט דער דאָזיקער טיפּישער זון פון דער אויפ־קלערער־תקופה אין דעם שנאת הדת, וואָס פאַרפירט די נאַרישע אומ־וויסנדיקע מענטשן. אָבער די פאַרשטענדיקע און געבילדעטע פון אַלע פעלקער — פאַרזיכערט הורוויטש — זיי פילן זיך ווי אמתע ברידער און גרויס איז ביי זיי די ליבע פון איינעם צום אַנדערן“ [5]. אין אַנדערע סענטענצן טרעט הורוויטש שאַרף אַרויס קעגן די תקיפים און ראשי־הקהל, וועלכע הייסן ביי אים „בעלי אגרופים“, און ווייזט אָן ווי ווייט די דע־מאָראַליזירונג איז פאַראַן, אַז מען מוז ציטערן פאַרן יעדן מוסר, ווייל ער איז אַ תקיף ביים שררה [6].

8 גאַנץ אין גבירולס סטיל קלינגען הורוויטשעס פאַלגנדיקע סטראָפן:

מְקוֹר כֹּל! וּקַדְמוֹן לְכֹל! אֲשֶׁר לֹא סָר וְלֹא יָסוּר מֵהיוֹת,

עִלַּת כָּל הַסִּבּוֹת — וְסִבַּת כָּל הָעִילוֹת וְהַהֲוָיוֹת!

אֱלוֹהַּ! אָנָא אֲחַפְּשֶׂךָ? וְאָנָה לֹא אֶמְצָאֶךָ?

אַיֵּה לֹא אֶרְאֶה יָהּ! וַחֲסָדָיו בִּמְקוֹם מִפְעֲלֵי יָהּ?

הֲלֹא אֵין טוֹבָה וּבְרִיָּה — אֲשֶׁר לֹא תִּתֵּן מְזוֹנָהּ וְחַיָּה:

נעלמת מכל מַבָּטֵי עַיִן — וּמִיֶּשׁוּתְךָ נִבְעוּ כָּל מָקוֹר וָעַיִן,

ובלתי שִׁפְעָתְךָ כְּמַעְיָן — כּוּלָּם יָשׁוּבוּ לְאֶפֶס וָאָיִן.

הורוויטשעס לידער־זאַמלונג „קול יהודה“ איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט (אויפן מאַ־נוסקריפּט איז פאַרצייכנט די דאַטע 1790). דער כתב־יד געפינט זיך אין פּריוואַט־באַזיץ פון פּראָפ. ד. מגיד, וואָס איז געווען אַזוי פריינטלעך און אונז געגעבן די מעג־לעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער דאָזיקער זאַמלונג.

4 „אדם, דע שהתבל עם כל הגברים המה בגהותם מחוברים כאיש אחד בעל האברים“ (מיר ציטירן לויט דער באַנדאַדער אויסגאַבע פון 1892)

5 „אין לך שנאה גדולה יותר משנאת הדתות אצל המון הסכלים, אך משכילי העמים הגדולים נפלאו אהבתם יחדיו כאלו מקנה אחר עולים“.

6 „משרבו התקיפים גברו בעלי אגרופים ובטלו המוסרים והחנפים כי לכל איש המדבר על עמו סרה יאמרו עליו שהוא תקיף אצל השררה“.

אין א יאָר אַרום (1765) איז דערשינען הורוויטשעס הויפּטווערק „עמודי בית יהודה״ [7]. כמעט דאָס גאַנצע ווערק איז געשריבן אין גע־ריימטער פּראָזע בדרך וויכּוח צווישן דריי סימבאָלישע פיגורן: עירי היערי, חושי הערכּי און אתי הגיתי. די דאָזיקע דריי סימבאָליזירן די דריי מדרגות פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג: די חיהשע אינסטינקטן, די געפילן־באַגריפן און דער קריטישער שכל. אין הורוויטשעס ווערק געפינען זיך גאַנץ אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם דעמאָלטיקן שטייגער־לעבן. די דאָזיקע פּרטים זיינען באַזונדערס ווערטפול, ווייל מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן ניט מיט קיין שטאָק־פרומען בעל־מוסר, נאָר מיט א געבילדעטן פיל־געררייזטן דאָקטאָר. דער פּראָפעסער קלאָגט זיך אַ שטייגער אויף דער מכּת מדינה, וואָס די רייכערע קלאַסן יאָגן זיך נאָך די פּאַריזער מאָדעס און ברענגען אויס גאַנצע פּאַרמעגנס אויף לוקסוס־זאַכן, וואָס היינט זיינען זיי אין דער מאָדע און מאָרגן ווערן זיי מיט־אַמאָל אָן דעם חן „כּפי הסכּמת יושבי פּאַריז הבירה״ [8]. ער איז זיך מתרעם אויף די יידישע גבירים, וואָס ווילן נאָכטאָן די שררות און דעם גרויסן אדל; זיי בויען פאַר זיך פּראַכטפולע פּאַלאַצן און דערמיט דער־וועקן זיי בלויז קנאה, ווייל יענע זאָגן: זעט ווי אונזערע קנעכט האָבן אונז באַראַבעוועט, און פאַר אונזער געלט טוען זיי זיך שיינע הייזער בויען [9]. טיפּיש זיינען אויך די פּאַטעטישע שורות וועגן די גרויסע ליידן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסצושטיין. „ווען איך דערמאָן מיך אין די אַלע צרות און אומגליקן — פּאַרענדיקט הורוויטש — געפין איך, אַז עס וואָלט פאַר אונז פיל בעסער געווען מיר זאָלן צווישן ווילדע רויב־חיות לעבן, איידער צווישן די דאָזיקע פעלקער מיט זייער פאַלשער קולטור״ [10].

דאָך ליגט ניט אין דעם דער הויפּט־ווערט פון הורוויטשעס ווערק, נאָר אין זיין עטיש־רעליגיעזן וועלטבאַנעם. אין רעליגיעז־פילאָזאָפישע פראַגן גילט ביי הורוויטשן אַלס העכסטער אויטאָריטעט און וועגווייזער דער רמבּ״ם. אים שענקט ער אין זיין ווערק א ספּעציעלן „שער״, ווו ער רעדט גאַנץ אינם גייסט פון דעם בעל „מורה נבוכים״ וועגן דעם געט־

---

7 אין דער הקדמה ברענגט דער פּראָפעסער דעם הסכּמה־בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון מענדעלסאָנען, וועלכער האָט זיך באַקענט מיט זיין ווערק אין כּתב־יד.

8 „עמודי בית יהודה״, 9—10.

9 דאָרטן, 13, 18.

10 דאָרטן, 45—46: „ובזכרי את כל אלה הצרות והתרורות אשר הריעו לאבותינו, חשבתי שטוב היה אם נתן ד׳ אותנו בידי חיות טורפות, ולא בידי אומות המזויפות״.

11 „גן עדן המאמין אשר נטעתי מכּל פּרי הרב רבנו משה בר מיימון״.

לעבן מהות און זיינע מידות. דאָך, ווען עס קומט צו עטישע פראגן, וויל הורוויטש ניט גיין אין די וועגן פון זיין גרויסן „וועגווייזער“. ער וויל ניט מסכים זיין מיט מיימונין, אז גאָט דינען קאָן מען נאָר מיטן שכל און די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער שלימות ליגט ניט אויפן געביט פון מאָראַל, נאָר פונם פאָרשנדיקן געדאַנק. הורוויטש אָנערקענט טאַקע דעם גרויסן ווערט פון פילאָזאָפיע, אָבער — שטרייכט הורוויטש אונטער — דאָס איז דאָך בלויז פאַר יחידים. בעת ער רעדט וועגן דער גרויסער ראָלע, וואָס די וויסנשאַפטן שפּילן אינם מענטשלעכן קולטורעלן לעבן, האַלט הורוויטש פאַר נייטיק גלייך צו דערמאָנען אינם „אלטן כלל“, אז „החכמות בלי מוסרים כאילנות בלי עיקרים“ [12]. אין הורוויטשעס ווערק פלאַקערט ווידער אויפסניי אויף מיט זיין גאַנצן ברען דער אַלטער היסטאָרישער וויכוח, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן אויבנאָן אין דעם מיטלאַלטערלעכן יידישן קולטורעלן שאַפן: דער קאַמף צווישן „שלטון השכל“ און „תורת שבלב“, די האַרבע פראַגע וועמען קומט די בכורה — דעם אַליינהערשנדיקן שכל, צי דער פּילאַרטיקער געפיל־וועלט מיט איר טיפן גלויבן אין געטלעכער התגלות און רוח הקודש. הורוויטש לייקנט פאַקטיש אין דעם גרונט־„אני מאמין“ פון די ראַציאָנאַליסטן; ער גלויבט ניט, אז מיט דער הילף פונם פאָרשנדיקן פילאָזאָפישן געדאַנק קאָן דער מענטש אריינדרינגען אין דעם תמצית „מכל הנמצאות“ — פון אַלץ, וואָס עקסיסטירט, און דורך דעם שאַפן א פאַרבינדונג צווישן זיך און דער געטלעכער חכמה. פאַר הורוויטשן איז אויסער ספק, אז ניט מיטן באַגרענעצטן מענטשלעכן שכל קאָן מען אריינדרינגען אין די אומענדלעכע טיפענישן פונם קאָסמישן לעבן, און נאָר די התגלות, די תורה מן השמים איז דער איינציקער זיכערער מקור אוים וועלכן מיר קאָנען שעפּן אונזערע ידיעות וועגן דעם באַשעפער פון דער וועלט. אין דער פילאָזאָפיע, פאַרזיכערט הורוויטש, קאָן מען ניט געפינען זיין איין פעסט־באַשטימטן כלל, וואָס זאָל זיין פון אַלעמען אָנערקענט; אַבסאָלוט און אויסער יעדן ספק איז בלויז די געטלעכע התגלות, וואָס איז אויך דער ווינקלשטיין פון מאָראַל און עטיק. לויט הורוויטשעס וועלטבאַנעם ליגט דער וועג צו גאָט ניט דורך די שווינדלדיקע הייכן פון דעם פילאָזאָפישן געדאַנק, נאָר דורכן פרוכטבאַרן גאָרטן פון רעליגיעזער מאָראַל. פאַר הורוויטשן, וואָס איז געשטאַנען פעסט אויפן באָדן פון דעם טראַדיציאָנעלן יידנטום, זיינען נאָך די מאָראַל און דער דת געווען איין און דאָס זעלבע, יעדנפאַלס איז די מאָראַל געווען דער ענדפּונקט, צו וועלכן

---

12 „עמודי בית יהודה“, 32.

דער דת האָט געפירט. די הויפּט־אויפגאַבע און ענדציל פונם מענטש אויף דער וועלט איז דאָך — ברענגען דאָס מאָראַליש־עטישע צום ענד־גילטיקן ניצחון, דערנענטערן צום מקור פון מאָראַל און גערעכטיקייט — צו דער גאָטהייט, און אין דעם, פאַרזיכערט הורוויטש, באַשטייט דאָך דאָס העכסטע גליק, די גרעסטע פרייד און הייסטער באַגער פונם מענטשנס נשמה.

דאָ באַרירט הורוויטש דעם צענטראַלן פונקט פון זיין וועלט־באַנעם — זיין קוק אויף „ימות המשיח והתחיה"; דעם פירוש, וואָס ער גיט צו דער נאַציאָנאַלער האָפענונג אויף „משיחס צייטן" און ענד־גילטיקער דערלייזונג. אַלס בן־דור פון די הומאַניסטן און „אויפקלערער" פונם 18טן י"ה, נעמט הורוויטש פאַקטיש אַראָפּ דעם מיסטישן לבוש פון דער נאַציאָנאַלער האָפענונג וועגן ביאת המשיח, און פּרוּווט איר געבן אַ מער רעאַלן תוך און יסוד. אַ קינד פונם 18טן י"ה, גלויבט ער פעסט אין דעם גוואַלטיקן כוח פון דעם מענטשנס אינטעלעקטועלן־גייסט, און זיכער איז ער, אַז דעם מענטשן וועט געלינגען מיט דער הילף פון וויסן און פלייס צו פאַרוואַנדלען „דעם מדבר אין גאָטס גן־עדן"; ברייט און פרוכטבאַר וועט מיט דער צייט די וועלט ווערן, אַדאַנק דעם מענטשנס גאונישע המצאות, פאַר אַלע מענטשן־קינדער, „און דער מענטש וועט זיך שוין ניט דאַרפן באַקלאָגן, אַז ס'איז אים ענג, ער קאָן זיינע הצטרכותן ניט באַפרידיקן" [13]. אָבער דאָס אַלץ וועט דערגרייכט ווערן, לויט הור־וויטשעס פעסטער איבערצייגונג, בלויז דאַן ווען איבער דער וועלט וועט געוועלטיקן דער מאָראַלישער פּרינציפּ און אינטעלעקט וועט פאַר אַלעמען ווערן „האור הצפון לישרי לב", דאָס ליכט, וואָס איז באַהאַלטן אין די גערעכטע הערצער. גאַנץ אינם גייסט פון מיימוני, טייטשט הורוויטש אויס די פּרטים וועגן שכר ועונש און תחית המתים אין ריין גייסטיקן, עטישן אופן, אָן אַ שום משהו פון גשמיות און חומר. „אין סעודה

---

[13] דאָרטן, 72—73: „בימות המשיח והתחיה אשר אנו מקוים לתקות שלום ואמת, אז ירחיבו ידיעות עולם ויסודותיו יתחזקו בעמודי יכין ובועז לאלקים כי יגלה האור הצפון לישרי לב בנזכר, ואם לא נכזב את הטבע מהאפשרי עוד תשוב ותראה שלא נתגלה אלינו כעת מכל מרחבי הנה"ז כ"א כתפוח קטון השום בתוך ספל גדול מלא מים כן תראה את היבשה בתוך הים הגדול ורחב הידים; והתפוח הזה מלא חורבן ושממון עד שלא תמצא חלק העשירי ממנו הראוי לישוב כידוע מכותבי רשומי הארץ. וכבר ראיתי כמה מדינות אשר בתחבולות בני האדם עומדים על קנה רצוץ והמים סביב להם חומה והיל... ובני האדם בבחירתם ותחבולותם הפכו את הרעות לטובות כנודע לחכמים. אמנם עתיד תתגלה ותראה היבשה אשר כסה המים הזדונים ויעברו את הים בנעלים והיתה המדבר כגן ד' וערבתה כעדן.. ולא יאמר אדם צר לי המקום הזה"...

אלא לנפש — ווייזט הורוויטש אָן — היעודים יהיו כולם רוחניים" [14]. און די אַלע מאמרי חז"ל, וואָס ריידן וועגן דעם „לוויתן" און דעם „יין המשומר", דערקלערט הורוויטש פאַר לויטער משל און רמז. „ביאת המשיח" — דאָס איז ביי הורוויטשן דער ענדגילטיקער ניצחון פונם מאָראַלישן פּרינציפּ איבער דער גאָרער וועלט. „ימות המשיח והתחיה" — דאָס זיינען ביי הורוויטשן דער סימבאָל, דער פאַרקערפּערטער מאָראַלישער ניצחון ביי דער גאַנצער מענטשהייט. ניט בלויז פאַר איין אומה וועגן וועט קומען דער ליכטיקער גואל, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט, פאַר אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן (משיח המקווה יבוא להושיע אל החיים). זיין אויפגאַבע איז אָן אַלוועלטלעכע, ער וועט ברענגען שלום און אחדות דער גאַנצער מענטשהייט, ער וועט זי אויפהייבן צו דער העכסטער מדרגה פון יושר און גערעכטיקייט, ער וועט ברענגען דעם ליכטיקן טאָג „שכולו שבת קודש, יום שכולו טוב". משיח — שטרייכט הורוויטש אונטער — קאָן דערפאַר ערשט דעמאָלט קומען, ווען די מאַטעריעלע און עקאָנאָמישע צושטאַנדן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט וועלן אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט ווערן, אַז זיי וועלן אויך גורם זיין דער קולטורעלער מצב זאָל זיך באַדייטנד דערהויבן. הורוויטש, דער בן־דור פון די הומאַניסטן און אויפקלערער, האַלט דערפאַר פאַר נייטיק אַראָפּנעמען דעם מיסטישן שלייער פון „משיח בן דוד". ניט אויף אַ ווייס אייזל וועט קומען דער גואל; אַ מענטש, אַ בשר־ודם, וועט זיין דער משיח, געבאָרן אויף נאַטירלעכן אופן פון טאַטע און מאַמע (נוצר מאב ואם טבעי), „אַ מושלם הן אין גוף הן אין גייסט". דער ליכטיקער משיח — דאָס איז די העכסטע מדרגה, צו וועלכער דער מענטשלעכער גאָונישער גייסט איז אימשטאַנד זיך צו דערהויבן; דער גלאַנצנדיקער שטערן וועט ער זיין, וואָס וועט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט באַלייכטן דעם וועג פון אויפלעבונג און העכסטער קולטור; ער וועט אויפהויבן דעם נידערגעשלאָגענעם און אויסגעמאַטערטן מענטשן־דור פון די טיפענישן פון שאַנד און לײדן — אַרויף צו די הימלען, באַגאָסן מיט ליכט און שיינקייט... משיח — דאָס איז דער הויפּטציל, די העכסטע גרענעץ, צו וועלכער די פון גאָט געשאַפענע מענטשן־קינדער שטרעבן און האָפן, ער איז דאָס שענסטע און דאָס העכסטע, וואָס די מענטשהייט קאָן און וועט אויף דער וועלט געבאָרן [15].

---

[14] דאָרט, 73.

[15] דאָרט, 74—75, 88—90: „משיח שאנו מקווים הוא יהיה איש שלם בתכלית שליכות הנפשיות והגופניות, והוא יהיה מקור נפתח אל החכמה והבינה להשקות את הנפשות הצמאות לדבר ד'. ימלוך על כל העמים כולם... איש אחד מיוחד באיש ובמין יתקן את המין האנושי כלו... האלקים חפץ מאוד במין האנושי לבל ילכו לחרפות

בעת הורוויטש האט געחלומט וועגן אלמענטשלעכע אחדות, ליבע
און ברידערלעכקייט, און אין שנאת הדת געזען די הויפט־סיבה פון
מחלוקת און רדיפות, האט אין זיין היים, אין דער ליטע, און אין אייניקע
אנדערע פוילישע מדינות א רעליגיעזער קאמף אויסגעבראכן, וואס האט צע־
טיילט דעם גאנצן יידישן קיבוץ אויף צוויי פיינדלעכע מחנות, אויף חסידים
און מתנגדים. דאס טרוקענע מקיים זיין די תלי תלים דינים און מצוות
על־פי „שולחן ערוך" און זיינע מפרשים האבן געקאנט צופרידנשטעלן
די רבנים און לומדים, וואס זייערע מוחות זיינען געווען אזוי שטארק
פארטיפט אין שפיציקן פילפול און שכלדיקע „חידושים". דער פשוטער
המון אבער, דער בעל־מלאכה, דער ישובניק און סתם עמי־הארצים —
פאר זיי איז דער פילפול געווען צו הארב און אומפארשטענדלעך, דאס
טאג־טעגלעכע מקיים זיין פון מצוות לויט דעם באפעל פונם „שולחן
ערוך" און אנדערע „פוסקים" איז געווען צו קאלט, צו וואכעדיק און
לאנגווייליק. דאס האט אים ניט געקאנט דערווארעמען די צעבראכענע און
אנגעווייטאגטע הערצער, ניט געווען אימשטאנד ברענגען זאלב און
טרייסט די פארחושכטע און פארמאטערטע נשמות. וואס דאס קאלט־
לומדישע רבנות איז ניט געווען ביכולת צו געבן, דאס האט דאס פשוטע
פאלק געפונען אין דער חסידות־באוועגונג, מיט איר התלהבות און מיס־
טישן פאטאס. דאס חסידות האט דאס פשוטע און וואכעדיקע באגאסן
מיט גלאנצנדיקע פארבן, דערווארעמט מיט אינעווייניקסטן פייער. יעדעס
ווארט פון א וואכעדיקער תפילה איז געווארן אן אוצר פון ברענענדיקער
התלהבות און התפשטות הגשמיות, יעדע מצווה — א לבוש פון אימה־
דיקע סודות און געטלעכע כוונות, וואס דערהויבן דעם נידערגעשלא־
גענעם מענטשן אין די הויכע הימלען. דאס רבנות האט אינם חסידות
זיין גרעסטן שונא דערזען; דאס איז געווען ניט בלויז אן אידעען־קאמף,
נאר א קאמף פאר מאכט, פאר סאציאלער עקסיסטענץ [16]. האט דערפאר
אויסגעבראכן א פארביטערטע מלחמה מיט חרמות, רדיפות און שרעק־
לעכע מסירות... הורוויטש האט דאס ניט געקאנט רויק צוזען, און האט
א ספעציעלע פלוגשריפט „מגלת סדרים" ארויסגעלאזט [17], געפרווט

ולדראון עולם, לכן ישלח אלקים את הפועל צדק נוצר מאב ואם טבעי... העולם חוה
לא לתוהו ברא אותו אלקים ולא לריק יסדו, להישירו ולהאירו מכבודו... וזת לא יתכן
כי אם באיש אחד המעולה כהמין כולו אשר על קוטבו ומרכזו יסובו המין כלו כאיש
אחד חברים... המשיח הוא הנקודה האמצעית אשר על קוטבו יסוב גלגל התחיה".

16 מער באריכות וועגן דעם — אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק.

17 פארעפנטלעכט אין 1793. מיר האבן זיך באנוצט מיט דער ווארשעווער
אויסגאבע, 1884.

שלום מאַכן צווישן די פאַרביטערטע קעגנער. דאָס ווערק איז געשריבן אין גערייםטער פּראָזע און אין דיאַלאָגן־פאָרם. וועגן דעם צוועק פון זיין ווערק ווייזט הורוויטש מערערע מאָל אָן. „אונזערע ברידער — קלאָגט זיך דער פאַרפאַסער — האָבן גאָר פאַרגעסן אין דעם גרעסטן כלל פון דער תורה: ואהבת לרעך כמוך! פאַרגעסן האָבן זיי, אַז די ליבע איז דער גרונטשטיין פון דער וועלט. זיי צערייסן דעם באַנד פון דער היילי־קער אומה, זיי טוען זייען קריג און שנאה און דערפרייען דערמיט אונזערע שונאים, וואָס יאָגן אונז ווי ווילדע חיות... אַזוי איז אונזער אומה געבליבן כאניה סוערה בלי תורן — ווי אַ שיף אין אַ שטורעמווינט, אָן אַ מאַסטבוים און זעגל“ [18]. „צו אייך, מיינע ברידער, ווענד איך מיך מיט דער דאָזיקער מגילה, וואָס איז געשריבן מיט בלוט און טרערן! איך בעט וועגן שלום און פרידן!“ [19].

אין דעם ערשטן טייל „מגלת סדרים“ פירן צווישן זיך אַ וויכוח די ברידער עובדיה און חשביה. דער ערשטער איז אַ פייערדיקער מקובל, לעבט אין עולם הנסתר, און חשביה איז אַ למדן מופלג, איינער פון די קאָנזיקסטע שווימער איבערן ים התלמוד. זיין געביט איז די הלכה, די חריפותדיקע בקיאות, און האַלט זייער ווייניק פון „חכמת הנסתר“. די ברידער פלעגן שטענדיק פירן צווישן זיך שאַרפע וויכוחים, ביז עס האָט צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ גרויסע שנאה און האָבן אָנגעהויבן שטאַרק רודפן איינער דעם אַנדערן. דער אַלטער פאָטער זייערער האָט דאַן איינ־געלאַדן צו זיך אַ גאַנצן בית־דין און די דיינים איז סוף־כל־סוף געלונגען מאַכן שלום צווישן די פיינדלעכע ברידער. „לא יאמר עוד המקובל אל הרבני, האָט דער בית־דין אין זיין פסק דערקלערט, זאָל מער דער מקובל ניט זאָגן דעם רבני: עשיר בדת אני, ואתה בדת ובדעת עני, והרבני לא יאמר עוד אל המקובל: אתה מבולבל ומנבל כבוני מגדל בבל“ [20].

זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין „מגלת סדרים“ פאָלגנדיקער פּרט. שוין אין דער פאָררעדע ווייזט הורוויטש אָן, אַז אויסער די צוויי קעמפנ־דיקע לאַגערן, די „חכמי הקבלה“ און „גאוני לומדי הנגלה“, ד"ה אויסער די חסידים און מתנגדים, האָט זיך אויף דער ייִדישער גאַס באַוויזן אַ דריטע גרופּע — „שרי מחקר השכלה“, און דער פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער גרופּע איז דער דריטער ברודער, הודיה, וואָס האָט געלערנט „חכמת יוונית“ און נאַטורוויסנשאַפטן. אין דער התחלה האָט דער אַלטער ידידיה שטאַרק מורא געהאַט זיין דריטן זון זאָל די וועלטלעכע בילדונג ניט

---

18 „מגלת סדרים“, פּאָררעדע, ז' 42 אאַו"וו.

19 דאָרטן, 43, 44 א"וו.

20 דאָרטן, 37.

בּרענגען צו אַפּיקורסות, ער האָט דערפאַר מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש געוואַרט אויף הורוויצן, בעת יענער האָט זיך נעדראַפּט צוריקקערן ממרחקים ווו ער האָט נעלערנט די אַלע חכמות. ווי נאָר ער איז געקומען, האָט דער פאָטער גלייך פאַרפירט מיט אים אַ לאַנגן וויכוח, און מיט גרויס פרייד האָט דער אַלטער זיך איבערצייגט, אַז זיין זון איז טריי געבליבן דער מסורת אָבות און די חכמות חיצוניות פירן כלל ניט אַראָפּ פונם דרך הישר [21].

אין נאָענטער אידעישער קרובהשאַפט מיט יהודה הורוויטש געפינט זיך זיין יינגערער בן-דור, דער שוין אויבן-דערמאָנטער רב יהודה-לייב מרגלית [22]. ווי דאָס רוב השכלה-פּיאָנערן פון יענעם דור, האָט אויך דער דאָזיקער אויפגעקלערטער רב געפירט אַ נע-ונד לעבן. ער האָט געלעבט אין כאַטין, פאַרבראַכט אַ שטיק צייט אין בערלין, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיט מענדעלסאָנען, געווען רב אין בוסנאַוו, שעברשין, פּאַלאַצק, ליעסל און פראַנקפורט אויפן אָדער. אַלס בעל-דרשן פלעגט ער אויך אַרומ-פאָרן איבער פילע שטעט און האַלטן דאָרט דרשות [23]. אַלס רב האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט נאָענט זיך צו באַקענען מיט דער התנהגות פון די ראשי הקהל און דער טרויעריקער ירידה פון דער יידישער זעלבסטפאַר-וואַלטונג; און ער האָט געהאַט דעם מוט אָפן אַרויסטרעטן מיט זיין פּראָטעסט הן אין זיינע פרעדיקן הן אין זיינע געדרוקטע ווערק. דאָס איז ער דער פאַרפאַסער פון די אויבן-געבראַכטע צאַרנדיקע שורות [24], ווו עס ווערן אין אַזוינע טונקעלע פאַרבן געשילדערט די מנהיגים פון דער קהילה. מיט דער זעלבער שאַרפקייט טרעט מרגלית אַרויס אויך קעגן דער דע-מאַלטיקער סיסטעם פון קינדער-דערציִונג, וואָס דאַרף, לויט זיין מיינונג, אינגאַנצן רעפאָרמירט ווערן. מיט גרויס כעס רעדט ער וועגן דעם דרך הפילפול און די בעלי „החילוקים" מיט זייערע „ווילדע חלומות און נאַרישע סברות", וואָס זיינען מבלבל די תלמידים און פאַרדרייען דעם ריכטיקן פשט [25]. ער איז זיך אויך מתרעם אויף די רבנים פון זיין צייט, וואָס פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט רבנישע לימודים און ווילן ניט וויסן פון קיין אַנדערע חכמות. וועגן זיך גופא דערציילט אַגב מרגלית, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן זיך פיל אָפּגעגעבן מיט שפּראַך און פילאָ-

---

21 דאָרטן, 57.

22 געבאָרן אין 1747, געשטאָרבן אין פראַנקפורט אויפן אָדער אין 1811.

23 זע „עליות אליהו", 61.

24 אויבן, ז' 257 א"ו.

25 זע „בית מדות", 31 (מיר ציטירן לויט דער ליקער אויסגאַבע פון 1862); „טל אורות", 38 (ציטירט לויט דער פרעסבורגער אויסגאַבע פון 1843).

זאָפיע [26]. ווי יהודה הורוויטש, אַזוי האָט אויך מרגלית זיך פיל אָפּגעגעבן מיט דער יידישער מיטאַלטערלעכער פילאָזאָפיע, און אויס איר האָט ער, ווי עס שיינט, געשעפּט זיינע ידיעות וועגן דער אַלטער גריכיש־רוימישער פילאָזאָפיעער ליטעראַטור. ער ציטירט אָפט פּלאַטאָנען, סענעקען און פילע אַנדערע [27], נאָר העכער פון אַלע איז ביי אים אַריסטו; יענער איז ביי אים דער איינציקער אומפאַרגלייכלעכער דענקער, און ער דערמאָנט אים טאָקע שטענדיק אין זיינע ווערק סתם אונטער דעם נאָמען „החוקר". אַריסטוס „עטיק", וואָס דעם קאַסטילישן קיניגס לייב־דאָקטאָר, מאיר אַלגואַדעז, האָט נאָך אין 1405 איבערזעצט אויף העברעיִש [28], איז ביי מרגליתן געווען אַזוי באַליבט, אַז ער האָט באַשלאָסן, לויט דעם מוסטער פון דעם דאָזיקן „ספר המידות", צו פאַרפאַסן אַ זעלבשטענדיק עטיש ווערק. אין דער הקדמה צו זיין „בית מדות" דערקלערט מרגלית, אַז ער האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַקענען דעם ברייטן עולם מיט די דעות, וואָס עס האָבן אַרויסגעזאָגט אויפן עטיק־געביט די יידישע גדולים סעדיה גאון, יהודה הלוי, מיימוני, יוסף אַלבו א"א. די דאָזיקע געדאַנקען וויל ער איבערגעבן אין אַ קלאָרער, פּאָפּולערער שפּראַך, בכדי עס זאָלן זיי לייכט פאַרשטיין אפילו אַזעלכע, וואָס זיינען ניט בקי אין חקירה־ספרים. לויט דעם מוסטער פון אַריסטוס „עטיק" האָט מרגלית אויך זיין ווערק איינגעטיילט אין צען שערים [29]. אָבער שוין אין דעם אַריינפיר האַלט מרגלית פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן דעם גרונד־טעות פון אַריסטוס „ספר המדות", מיט וועלכן ער קאָן בשום אופן ניט מסכים זיין. „ביי אים, ביים „חוקר" — ווייזט אָן מרגלית — איז דער עיקר שלימות הדעות, זיך פאַרטיפן אין די פילאָזאָפישע באַגריפן וועגן דעם געטלעכן מהות, איך אָבער לייג אַלס ווינקלשטיין פאַר מיין חיבור די שלימות המדות, וואָרעם מיט דער דאָזיקער שלימות איז אויך פאַרבונדן די שלימות הדעות [30]. ווי יהודה הורוויטש, אַזוי שטייט אויך יהודה מרגלית אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די פילאָזאָפיע איז ניט אימשטאַנד צו געבן ענדגילטיקע אַבסאָלוטע כללים, וואָס שטייען אויסער יעדן ספק;

---

26 זע „עצי עדן", 16: „בילדותי קראתי הרבה מספרי העמים". אין זיין „בית מדות" (ז' 20) דערקלערט מרגלית: „והנה אני עברתי משער לשער בספרי הפילוסופיא".

27 זע „טל אורות", 61, 62, 30—31, 32, 41, 69.

28 זע אונזער ווערק, באַנד III, ז' 244.

29 זיין עטיש ווערק, וואָס ס'איז צום ערשטן דערשינען אין 1777, האָט מרגלית שפּעטער באַדייטנד פאַרגרעסערט און עס פאַרעפנטלעכט אונטער דעם נאָמען „טל אורות".

30 „טל אורות", 1: „ואף שכונת החוקר היא על שלמות הדעות שהוא ציור המושכלות וענינים אלהיים, אנכי יסדתי פנת חבורי על שלימות המדות, כי שלימות הדעות אחוז בעקב המדות".

אבסאָלוט און ענדגילטיק איז בלויז דער דת פון התגלות, די תורה מן השמים. צו צוויי גלייכמעסיקע זיינען געגליכן די תורה און דער שכל. צווישן זיי — שטרייכט מרגלית אונטער — איז אָבער אַזאַ אונטערשייד, ווי צווישן דער זון און דער לבנה. דעם מענטשנס שכל איז בלויז אַ בלאַסע אָפּשפּיגלונג פון דעם גרויסן גליכט — דער געטלעכער התגלות. דערפאַר אָבער טרעט מרגלית אַרויס אויפן אַנטשיידנסטן אופן קעגן די „פּרוּ־מאָקעס״, וואָס ווילן ניט וויסן פון חקירת און חכמות חיצוניות. אַלס „עקלהאַפטן ליגן״ דערקלערט מרגלית די טענה, אַז פילאָזאָפיע און חקירה פירן דעם מענטשן אַראָפּ פון דעם דרך הישר און ברענגען אים צו אַפּיקורסות. דערמיט, זאָגט מרגלית, גיבן זיי נאָר אַ פּתחון פה די אמת׳ע אַפּיקורסים, וואָס ווילן טאַקע דערווייזן, אַז די חכמות חיצוניות געפינען זיך אין סתירה מיט דער אמונה, און דערפאַר קאָנען זיין אמת־גלויביקע בלויז אומוויסנדיקע און נאַרישע מענטשן, און וואָס פאַרשטאַנדיקער דער מענטש ווערט, אַלץ מער דערווייטערט ער זיך פון דער אמונה [81]. אַרויסטרעטן קעגן די „לימודי החכמות״ און אָנפאַלן אויף די וואָס פאַרנעמען זיך מיט זיי קאָנען, לויט מרגליתעס מיינונג, בלויז „שוטים ובוערים בעם״, אָדער פאַלשע צבועקעס, וואָס זיינען זיך מתקנא אין די „מפורסמים בחכמה״ און פאַרגינען זיי ניט דעם כבוד, וואָס מען גיט זיי אָפּ [82]. מרגלית שטרייכט אָבער גאַנץ אָפּט אונטער דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם ספּעקולאַטיוון, ריין פילאָזאָפישן, און דעם פּראַקטישן וויסן. מיר וועלן ווייטער זען, אויס וואָסערע מאָטיוון מרגלית וואָרנט מען זאָל פילאָזאָפיע שטודירן בלויז אויס די יידישע קוועלן [83]. דערפאַר אָבער אַגיטירט ער שטאַרק פאַר פּראַקטישע וויסנשאַפטן, דער עיקר פאַר חכמות הטבע. גראָד אין יענער צייט האָבן די נאַטורוויסנ־שאַפטן געמאַכט ריזיקע פאָרשריטן, ביי דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ האָבן זיי פאַרנומען דעם גאַנצן אויבנאָן און דאָס פאָרשן די נאַטור און אירע געזעצן האָט געגאָלטן אַלס די וויכטיקסטע און נייטיקסטע באַ־שעפטיקונג. דער אויפגעקלערטער רב מרגלית טרעט אַרויס אַלס טרייער זון פונם 18טן י״ה; אויך ער באַווייזט אַן אויסשליסלעכן אינטערעס צו

81 „טל אורות״, 60: „מה שהדעת המתנגדים תגזר אומר שהעיון והחקירה בידיעת אלהיות ישללו האמונה מלב האדם — פגול הוא... כי את הדת היא מחללת ליתן יד לפושעים האומרים שהחכמה סותרת האמונה. ושהאמונה היא יותר מיוחדת לאיש שוגה ופתי ויותר שיהיה האדם חכם יותר יבעט באמונה״.

82 דאָרטן: „ולא יבזום כי אם הנלוזים במעגלי הצדק והמדות אשר יתקנאו בכבודם של המפורסמים בחכמה״.

83 דאָרטן, 59—61.

די דאַזיקע וויסנשאפטן. ער באַדויערט שטאַרק, וואָס די יידן, וועלכע זיינען אין די פריערדיקע דורות געווען אזוי שטאַרק טעטיק אויף די פאַרשיידענע בראַנזשעס פון וויסן, זיינען די לעצטע דורות אזוי פאַרווילדעט געוואָרן, אז „מיר זיינען געוואָרן צו שפּאָט און געלעכטער ביי די אומות העולם, און זיי קוקן אויף אונז ווי אויף פשוטע בהמות [84]. מרגלית פליסט זיך צו דערווייזן דעם יידישן לייענער ווי נייטיק די נאַטורוויסנשאפטן זיינען הן פאַרן פראַקטישן לעבן הן ביים לימוד התורה (החכמות הנצרכות לאדם לעולמו ולתורתו). ער באַנוגנט זיך ניט דערמיט, וואָס ער נוצט אוים יעדע געלעגנהייט בכדי צו געבן זיינע לייענער נייטיקע וויסנשאַפטלעכע ידיעות און אָנווייזן, ווי וויכטיק עס זיינען פאַר יעדן מענטשן די פאַרשיידענע חכמות [85], — ער שרייבט אויך א ספּעציעל ווערק „אור עולם“, וואָס טראָגט דאָס אונטערקעפּל „על חכמת הטבע“ [86].

טיפּיש איז די פאָררעדע צו דעם דאָזיקן ווערק. אין ריין אָריענטאַלישן סטיל דערציילט דער פּראָפעסער, ווי עס האָט זיך צו אים באַוויזן אין פרויען־געשטאַלט איינגעהילט אין שווארצן די „חכמת הטבע“ און זי קלאָגט זיך פאַר אים, וואָס זי איז ביים אויסדערוויילטן פאָלק געוואָרן „כבלי אובד וכנגדר הדחויה“, פון אַלעמען איז זי „עזובה ושכוחה ונשויה“. ביי אַלע אַנדערע פעלקער פאַרהאַלט מען זיך צו איר מיטן גרעסטן כבוד און אַלע שטרעבן וואָס נעענטער מיט איר זיך צו באַקענען, נאָר דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט דאָך אַמאָל געגאָלטן אַלס „עם חכם ונבון“, וויל פון איר ניט וויסן, און עס איז אין העברעיִש ניט פאַראַן אַפילו קיין איין ווערק, וואָס זאָל קאָנען שטילן דעם דורשט פון די, וועלכע ווילן זיך באַקענען מיט דער נאַטור און מיט אירע געזעצן. בעט זי ביים פּראָפעסער ער זאָל זיין איר גואל, ער זאָל אָנגורטן זיינע לענדן און שרייבן א ווערק, וואָס זאָל דערציילן דעם יידישן לייענער, ווער זי איז און וואָס איז איר באַדייט. מיט פרייד דערקלערט דער פּראָפעסער, אז ער איז מוכן ומזומן איר פאַרלאַנג צו דערפילן, באַקענען דאָס יידישע פובליקום מיט די גרונט־געזעצן פון דער נאַטור.

---

[84] דאָרטן, 60: „ועתה גלה כבוד מישראל כי ניאלנו בעיני העמים נחשבנו כבהמת בעיניהם נדמינו“.

[85] ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס צווישן די נייטיקע וויסנשאַפטן, וועלכע דער מענטש דאַרף לערנען, ווערט ביי מרגליתן פאַררעכנט אויך שפּראַכפאָרשונג, ווייל די שפּראַך, דערקלערט מרגלית, איז דאָך די העכסטע שטופע פון מענטשלעכער קולטור (וכן דקדוק הלשונות... כי הלב והלשון הם השלמת גדר האדם). זע: „טל אורות“, 60; „עצי עדן“, 13.

[86] פאַרעפנטלעכט אין 1777.

אינטערעסאַנט איז אין דער דאָזיקער הקדמה נאָך איין כאַראַקטע־ריסטישער פּרט. דער פּאַרפאַסער קאָן עס גאָרניט פאַרשטיין, וואָס אַזאַ ערשטקלאַסישער געלערנטער ווי מיימוני האָט זיין גאַנץ אויפמערקזאַמ־קייט געשאָנקען בלויז דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע, און אַזאַ וויכטיקע וויסנשאַפט, ווי חכמת הטבע — „הניח אותה שכולה וגלמודה", האָט ער פאַרוואָרלאָזט און אין אַכט ניט גענומען.

אינם אַריינפיר־קאַפּיטל גיט דער פאַרפאַסער, לויט דעם מוסטער פון די מיטלאַלטערלעכע יידישע שריפטשטעלער, ווי שם־טוב פאַלקירה און אַנדערע, אַן אַלגעמיינעם איבערבליק, ווי ער רעכנט אויס די פאַר־שיידענע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען, איינגעטיילט אין באַזונדערע גרופּעס 1) אין חכמות לימודיות, צווישן וועלכע ער רעכנט ניט בלויז מאַטעמאַטיק, נאָר אויך אַסטראָנאָמיע, 2) חכמות טבעיות, עקספּערי־מענטאַלע נאַטורוויסנשאַפטן, ווי כעמיע, פיזיק אאַז"וו. אין דער דאָזיקער גרופּע שליסט דער פאַרפאַסער אויך איין כירורגיע (מלאכת הנתוח); 3) מעטאַפיזיק און רעליגיעזע פילאָזאָפיע (מה שאחורי הטבע); 4) חכמות השמוש, ווי לאָגיק (ההגיון), רעטאָריק ובדומה; און צולעצט: 5) חכמות הנהגת האדם — די סאָציאַלע וויסנשאַפטן, וואָס ווערן ביי מרגליתן איינ־געטיילט „לשלשה ראשים": א) הנהגת המדינה, שטאַטסוויסנשאַפט, ב) הנהגת הבית — עקאָנאָמיק און ג) הנהגת האדם — עטיק. אין דעם ווערק גופא באַהאַנדלט אָבער מרגלית אויסשליסלעך די נאַטורוויסנ־שאַפטן, דער עיקר כעמיע. אמת, דער בוסנאָווער רב אָפּערירט נאָך אין זיין ווערק מיט דער אַלטער לערע וועגן די פיר גרונט־עלעמענטן: אש, מים, רוח, עפר און ער האָט נאָך קיין שום באַגריף ניט געהאַט, אַז אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט זיין קליין חיבור געשריבן, האָט דער גאונישער לאַוואַזיע, מיט זיינע גלענצנדיקע אַרבעטן איבער דער זויער־שטאָף אין דער לופט און דעם מהות פונם פאַרברענונגס־פּראָצעס, צע־שטערט די אַלטע אָנשויונגען, וואָס האָבן געוועלטיקט אויפן כעמיע־געביט, און געלייגט די ווינקלשטיינער פאַרן שטאָלצן בנין פון דער מאָ־דערנער כעמיע־וויסנשאַפט. דאָס איז שוין אָבער ניט מרגליתעס שולד. ער, דער דילעטאַנט, האָט זיך נאַטירלעך געקאָנט באַנוצן ביי זיין אַרבעט בלויז מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געקאָנט געפינען אין די ספּעצ־יעלע האַנטביכער פון זיין צייט. עס געניגט אָבער אָנצווייזן, אַז אַפילו אין אַזאַ חשוב וויסנשאַפטלעך ווערק ווי באָמעס Chimie experim. et raisonnee", וואָס ס'איז דערשינען סך־הכל מיט פיר יאָר פאַר מרגליתעס „אור עולם" (אין 1773), ווערן אויך פייער, לופט, וואַסער און

ערד באַטראַכט אַלס די פיר גרונט־עלעמענטן, וואָס פון זיי ווערן אויפ־געבויט אַלע באַקאַנטע קערפּער.

געשריבן אין אַ קלאָרער פּאָפּולערער שפּראַך, האָט מרגליתעס ווערק געהאַט אַ באַדייטנדיקן ערפאָלג און אויסגעהאַלטן אין משך פון זעקס יאָר (1783—1777) דריי אויפלאַגעס. דאָס באַווייזט, אויף ווי ווייט ס'איז דע־מאָלט אויסגעוואַקסן דער אינטערעס צו אַזאַ כאַרט ביכער. ס'איז דער־פאַר קיין חידוש ניט, וואָס ס'האָבן זיך באַלד געפונען בעלנים נאָכצאָן מרגליתן און אויך שרייבן פּאָפּולערע ביכער וועגן נאַטורוויסנשאַפטן און אַנדערע חכמות. צווישן די דאָזיקע שריפטשטעלער האָט געהאַט דעם גרעסטן ערפאָלג פּנחס אליהו בן מאיר הורוויטש אויס ווילנע מיט זיין דיקן באַנד „ספר הברית'', וואָס ס'האָט אויסגעהאַלטן פילע אויפלאַגעס און האָט נאָך ביז צו דער לעצטער צייט געהאַט זיין ברייטן לייענער־קרייז.

דער בעל „ספר הברית'' איז איינע פון די אָריגינעלסטע פיגורן ביי די פּויליש־ליטווישע יידן פון יענער צייט. לײדער ווייסן מיר זייער ווייניק ביאָגראַפישע פּרטים וועגן אים. עס איז אפילו אומבאַקאַנט דאָס יאָר פון זיין געבוירט [37]. וועגן זיין אויסזען גיט אונז איבער איינער פון זיינע בני־דור, וואָס האָט אים פּערזענלעך געקענט, פאָלגנדיקע פּרטים: „הוא איש יפה עינים וטוב רואי, דבריו בנחת נשמעים והכרת פניו תעיד חכמתו — אַ מענטש פון אָנשטענדיקן אויסזען און מיט שיינע אויגן, ער רעדט געלאַסן, און זיין געזיכט זאָגט עדות אויף זיין חכמה'' [38]. ווי דאָס רוב „אויפקלערער'' פון זיין דור, האָט אויך פּנחס הורוויטש געפירט אַ נע־ונד לעבן, געוואַנדערט איבער גאַליציע, דייטשלאַנד, האָלאַנד, פאַר־בראַכט אויך אַ שטיק צייט אין לאָנדאָן [39]. דאָס איז געווען אַ טיף־גלייביקע, מיסטיש־געשטימטע נאַטור. די קבלה מיט אירע טיפע סודות איז ביי אים געווען פאַררעכנט אַלס טייערסטער אוצר פון חכמה און וויסן; אַלס העכסטער אויטאָריטעט האָט ביי אים געגאָלטן דער „אר''י הקדוש'' און זיין געליבטער תלמיד חיים וויטאַל. בלייבנדיק טריי דער מסורת אָבות, האָט הורוויטש ניט געוואָלט אָנערקענען די ריכטיקייט פון קאָפּערניקס סיסטעם, וואָס באַטראַכט די זון אַלס מיטלפּונקט, אַרום וועלכער עס דרייען זיך די פּלאַנעטן און צווישן זיי אויך אונזער ערד. דאָס געפינט זיך דאָך אין סתירה מיט די כתבי הקודש, וואָס לערנען, אַז „הארץ לעולם עומדת''. שטייט דערפאַר דער בעל „ספר הברית''

37 געשטאָרבן אין הורוויטש אין 1821.

83 זע „המאסף", 1809, 73.

89 זע „ספר הברית", 1797, 78.

שטאָל און אייזן פאַר טיכאָ־דע־בראַהעס באַקאַנטער השערה, אַז אַלע אַנדערע פּלאַנעטן דרייען זיך טאַקע אַרום דער זון, די זון אָבער גופא דרייט זיך אַרום דער ערד [40].

און דער דאָזיקער איבערצייגנטער מיסטיקער איז דאָך געווען אַ טרייער זון פון זיין דור, און האָט מיטן גאַנצן ציטער פון זיין האַרצן דערשפּירט דאָס נייע, וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט מיט גרויסע ווייען פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט. ער באַווייזט אַ גרויסן אינטערעס ניט בלויז צו נאַטורוויסנשאַפטן, נאָר אויך צו די נייע שטרעבונגען, וואָס האָבן דאַן געוועלטיקט אין די אינטעליגענטע קרייזן פון מערב־אייראָפּע. הורוויטש האָט ניט באַהערשט קיין איין אייראָפּעיִשע שפּראַך, בלויז דייטש האָט ער מער־ווייניקער פאַרשטאַנען, דאָך האָט דער דאָזיקער באַגאַבטער און וויסנבאַגיריקער מאַן דערוואָרבן אַ בערך גאַנץ באַדייטנדיקן סכום ידיעות אויף פאַרשיידענע געביטן פון וויסן. ער גופא גיט דערביי איבער אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישן פּרט: ביים זאַמלען דעם נייטיקן מאַטעריאַל, פלעגט זיינער אַ באַקאַנטער, וואָס איז געווען באַהאַוונט אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן, אים פאַרלייענען די באַטרעפנדיקע שטעלן אין אָריגינאַל, און ער, הורוויטש, פלעגט זיך פאַרנאָטירן דעם אינהאַלט אויף פּראָסט טאַמע־לשון און ערשט דערנאָך איבעראַרבעטן אויף העברעיִש [41]. הורוויטשן האָבן שטאַרק אימפּאָנירט די הומאַניטאַרע און אויפקלערערישע אידעען, וואָס ס'האָבן דעמאָלט מיט באַגייסטערונג געפּרעדיקט די פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער אייראָפּעיִשער געזעלשאַפט, דערפאַר אָבער זיינען אים, דעם התלהבותדיקן מיסטיקער, געווען שטאַרק דערווידער די שאַרף־מאַ־טעריאַליסטישע אָנשויונגען פון די דעמאָלטיקע ראַציאָנאַליסטן. ניט צום האַרצן איז אים אויך געווען די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע, וואָס טוט זיך אַזוי שטאָלץ פאַרמעסטן אַריינדרינגען מיט דער שאַרף פונם שכל אין דעם „לפני ולפנים", ווהיין מען קאָן זיך דערלאַנגען, לויט הורוויטשעס פעסטער איבערצייגונג, בלויז מיט דער הילף פון התגלות און געטלעכער אינטויִציע. דערפאַר איז אָבער ביי אים געווען אויסער ספק, אַז בכדי משיג צו זיין די סודותדיקע טיפן פון דער לוריאַנער קבלה, מוז מען אויך זיין בקי אין נאַטורוויסנשאַפטן. ער האָט זיך דערפאַר פאַרגענומען פאַר־פאַסן אויף העברעיִש אַ קאָמפּענדיום־ווערק, וואָס זאָל זיין אַן אמתער

[40] זע „ספר הבריה", 1797, ערשטער טייל 48—49. ביים טיכאָ־דע־בראַהעס השערה האָט הורוויטש זיך בלי־ספק באַקאַנט אויס „מעשה טוביה".

[41] „אני במלאכתי זאת שהיה איש אחד היודע בכל ספר ולשון קורא לפני הדברים אשר בספרי העמים ככתבם ולשונם וכל אשר יקרא לי הייתי מעתיק, תחילת מעתיק בכל לשונות הגויים על הנייר בלשון עמי ומשם על הספר בלשון הקודש".

„כל־בו" פאַר פאַרשיידענע בראַנזשעס פון וויסן. אין משך פון פילע יאָרן האָט ער מיט ריזיקן פלייס געאַרבעט איבער דעם דאָזיקן ווערק. שוין אין די אכציקער יאָרן, בעת ער האָט געוווינט אין בוטשאַטש, איז שוין ביי אים פאַרטיק געווען דער ערשטער טייל [42]; אין 1790 קלויבט ער שוין הסכמות פאַר זיין ווערק, נאָר אייניקע פרקים האָט ער ערשט פאַרענדיקט אין 1794 [43]. פאַר גרויס התמדה, וואָס ער פלעגט אַרבעטן דורך די נעכט, האָט ער זיך קאַליע געמאַכט די ראיה און איז אַ שטיק צייט געווען אַ סגי נהור. האָט ער דאַן אַ נדר געטאָן, אַז באַם ער וועט ווידער געזונט ווערן און וועט זיין אימשטאַנד צו פאַרענדיקן זיין חיבור, וועט ער אים דרוקן אַנאָנים — „לא אקרא את שמי עליה". אדאַנק דער הילף פון די לעמבערגער דאָקטוירים, איז הורוויטש ווידער געזונט געוואָרן און נאָכדעם ווי ער האָט פאַרבראַכט אַ שטיק צייט ביים לעמבערגער מעצענאַט נחמן רייס, איז ער אָפּגעפאָרן קיין פרעסבורג. דאָרט האָט ער מיט דער הילף פון דעם געבילדעטן שפּראַך־קענער בער אָפּענהיימער פאַרענדיקט זיין בוך און עס פאַרעפנטלעכט אין 1797 אָן זיין אונטער־שריפט [44].

אין דער הקדמה ווייזט אָן דער פאַרפאַסער, אַז ער האָט זיין ווערק געשריבן ניט פאַר „גדולים וחכמים" און ניט „לפני כל יודעי דעת ודין אשר אתם החכמה והמדע בהלכה והוראה, ולא אל המשכילים בכל ספר וחכמה בפילוסופיא ובטבע", נאָר פאַר דעם ברייטן עולם, פאַר מענטשן מיט קליינעם וויסן (לקטן בחכמה). דער „ספר הברית" איז טאַקע גע־שריבן אין אַ קלאָרער פּאָפּולערער שפּראַך; ניט קוקנדיק דערויף, וואָס דער פאַרפאַסער מוז אָפט קעמפן מיט גרויסע שוועריקייטן, ווייל עס האָט געפעלט אין דער העברעישער שפּראַך די נייטיקע טערמינאָלאָגיע. דאָך איז הורוויטשעס סטיל לייכט און פליסנד, און ער זאָגט עדות, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ טאַלאַנטפולן פּאָפּולאַריזאַטאָר מיט אַן אמת ליטע־ראַרישער באַגאַבונג. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דערביי פאָלגנדיקע דערקלערונג, וואָס דער פאַרפאַסער האַלט פאַר נייטיק צו מאַכן אין דער פאָררעדע: „והיה, ווען עס טרעפט ערטערווייז אַ ניט־געלונגענער אויס־דרוק, אַ שווערוואָגיקער זאַץ, זאָל עס דעם לייענער ניט אויפפעליק זיין;

42 זע, „ספר הברית", I 124
43 דאַרבין, II, 66.
44 זיין נאָמען האָט הורוויטש דאָך אָנגעמערקט בדרך רמז אין די ראשי תיבות פונם פאָלגנדיקן זאַץ: אני פחות נבזה הברתי ספר זה, אבל לאל יתברך השבח וההודיה בחננו נמלה מקטני ארץ ישע רב ודעת ותבונה ישתבח לנצח נצחים אמן (פנחס אליהו בן מאיר ווילנא).

וואָרעם איך דאַרפט וויסן, אַז דאָס גאַנצע ווערק איז דאָך לויטער איבערזעצונג, ווייל אַלץ וואָס ס'איז דאָרט געשריבן האָב איך עס אין דער התחלה פאַרטראַכט און פאַרנאָטירט אויף מיין מוטער־שפּראַך, דאָס הייסט אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, וואָס יידן רעדן אין פּוילן, און מיין ווערק איז דאָך פאַרפאַסט אויף העברעיִש. איז דאָס בכן אַן איבערזעצונג פון איין שפּראַך אויף דער אַנדערער, פון דער שפּראַך, וואָס איך האָב געטראַכט אין מיין האַרצן, אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס בוך איז געשריבן. הלוואי וואָלט מיין ווערק געווען געשריבן אויף דער שפּראַך פון מיין פאָלק (ד״ה אויף יידיש. י. צ.), אַזוי ווי איך האָב עס אין מיין האַרצן פאַרטראַכט, וואָלט דאַן אַוודאי דער סטיל געווען איבעראַל גלאַט און שיין״ [45]. עס איז בלי־ספק אַ גרויסע אבידה פאַר דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, וואָס דער דאָזיקער באַגאַבטער פאַרפאַסער האָט טאַקע ניט פאַרעפנטלעכט זיין ענציקלאָפּעדיש ווערק אויף דער ,,שפּראַך פון זיין פאָלק״, ווי ער האָט עס ,,אין זיין האַרצן פאַרטראַכט״, ד״ה אויף פּראָסט יידיש, און גע־דרוקט בלויז די העברעיִשע איבערזעצונג...

ווייטער פאַרזיכערט דער פאַרפאַסער, אַז כאָטש ער באַהאַנדלט אין דעם ,,ספר הברית״ זייער פאַרשיידנאַרטיקע ענינים, דאָך איז זיין ווערק איין גאַנצע זאַך, איין קאַפּיטל איז האַרמאָניש פאַרבונדן מיטן צווייטן, און דער פילאַרטיקער מאַטעריאַל איז צונויפגעשטעלט לויט דעם בעסטן סדר [46]. פונם מאָדערנעם שטאַנדפּונקט איז גאַנץ שווער מסכים צו זיין מיט דער דאָזיקער באַהויפּטונג, און אָנערקענען אין דעם געמיש פון פאַר־שיידענע טעמעס און כל המיני וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען אַ שטרענג־דורכגעפירטן סדר. נעמט מען אָבער אין באַטראַכט דעם פאַרפאַסערס וועלטבאַנעם און די אויפגאַבן, וואָס ער האָט פאַר זיך געשטעלט, מוז מען ווירקלעך אָנערקענען, אַז דאָס דאָזיקע דיקבענדיקע ווערק איז דורכגע־

45 ,,והיה אם תדבק לשוני לפעמים מליצה דחוקה וכבד לשון אַל תתמה.. מפני כי הספר הזה כלה העתק. כי הדברים אשר הנני אלקים בו ומלבי כלם השתרגו עלו על לב בלשון אמי והוא לשון חול שמדברים בו היהודים אשר במדינת פוילין, ואני כותב על הספר בלשון הקודש וכתבתי על הלוחות בלשון אחרת, והרי זה העתק ממכתב מלשון אל לשון, מלשון מורשי לבבי אל הלשון אשר נכתב בספר. מי יתן אפו ויכתבון מלי בלשון עמי ככל אשר בלבבי היה בלי ספק כלה ממהליך לשון רך וטוב״.

46 ,,מפני שהספר הזה כלו ענין אחד דבוק ומחובר ערוכה בכל ושמורה הסדר הנכון. כל פרק סמוכה למה שראוי לה לפי הפרק הקודם אליה וכל מאמר למה שיאות ע״פ הדברים האמורים במאמר הקודם לה אין מוקדם ומאוחר בה אלא על פי הסדר הראויה וההדרגה הנכונה להבנת הקורא״.

דרונגען מיט א באשטימטער איינהייטלעכער אידעע, וואס גיט צו דעם פארשיידנארטיקן מאטעריאל א געוויסע הארמאנישע גאנצקייט.

אין דעם ערשטן קאפיטל באהאנדלט דער פארפאסער אסטראנא־מישע פראגן און באקענט דעם לייענער מיטן גאנג פון שטערן און פלא־נעטן; דערנאך גייט ער איבער צו די פיר „גרונט־עלעמענטן", און דאס גיט אים די געלעגנהייט צו באקענען אין אלגעמיינע שטריכן מיט פאר־שיידענע וויסנשאפטלעכע און טעכנישע פראבלעמען. אינם מאמר „מענה באש", ווו עס ווערט באהאנדלט דער „יסוד" פון פייער, רעדט דער פארפאסער אויך וועגן טעמפעראטור־ענדערונגען, וועגן ווולקאנען, וועגן פולווער וכדומה. אינם מאמר וועגן לופט דערקלערט אויך דער פארפא־סער דעם מהות פון אטמאספערישן דרוק, און וועגן כלערליי כלי מכשירים, ווי לופט־פאמפע, באראמעטער, לופטבאלאנען וכדומה. אין מאמר וועגן וואסער באקענט דער פארפאסער מיט די סיבות פון וואסער־הייבונג און אפפלוס אויפן ברעג פונם ים, באשרייבט פארשיידענע מינעראל־קוואלן און גיט געוויסע געאגראפישע ידיעות וועגן ימען, דורכגוסן און איינ־גוסן. אין דעם מאמר וועגן דער ערד, באשרייבט דער פארפאסער פאר־שיידענע לענדער, רעדט וועגן דעם כוח המושך פון דער ערד אאז"וו. אין דעם ווייטערדיקן קאפיטל (צענטן) דערציילט דער פארפאסער וועגן ערדציטערניש, וועגן אייז און דאמף, וועגן נעפל און רעגן, האגל און רעגנבויגן, דונערן און בליצן. אין די ווייטערדיקע פיר קאפיטלען בא־האנדלט דער פארפאסער די דריי געביטן פון „דומם" (מינעראלאגיע), „צומח" (באטאניק) און „חי" (זאאלאגיע), און דערנאך גייט ער איבער צו דער „קרוין פון אלע באשעפענישן" (המועלה והמובחר מכל היצורים)— צום מענטשן. אינם 16טן און 17טן קאפיטל ווערט באשריבן די פיזיא־לאגיע און אנאטאמיע פונם מענטשלעכן קערפער; אין די ווייטערדיקע דריי — וועגן דעם מענטשנס פסיכאלאגיע און דענקונגס־פארמען. בא־זונדערס כאראקטעריסטיש איז דער צוואנציקסטער קאפיטל, ווו דער פארפאסער רעדט באריכות וועגן די מקורים פון דעם מענטשנס גאט־באגריף, און וועגן דער ראלע פון ספעקולאטיווער פילאזאפיע. מיר האבן שוין געזען ווי דער פארפאסער פון „עמודי בית יהודה" און אויך יהודה מרגלית האבן ביי זייער גאנצן רעספעקט צו אריסטון און זיין יידישן תלמיד, מיימוני, דאך אנטשיידן אפגעווארפן דעם גרונט־טעזיס פון די פעריפאטעטיקער, אז די העכסטע מדרגה פון דעם מענטשנס שלימות ליגט ניט אויפן געביט פון עטיק, נאר אין די הייכן פונם פארשער־גע־דאנק. דער מיסטיש־געשטימטער בעל „ספר הברית" שטעלט נאך שאר־פער די דאזיקע פראגע. ער רעדט טאקע מיטן גרעסטן הדרת הכבוד וועגן

דעם רמב״ם, און בעת ער דערמאָנט זיין נאָמען, רופט ער אויס מיט התפעלות: „כי אין זולתו בתורה, מי כמוהו מורה בהלכות ויראת ד׳ טהורה״; און דאָך טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דעם רמב״מס גרונט־מעזים, אַז מען קאָן דורכן „מופת הנקנה״, דורך לאָגישע באַווייזן פעסט־שטעלן די עקסיסטענץ פון גאָט דעם באַשעפער, אין וועלכן דער מענטש דאַרף גלויבן און אים ליבן און פאַרערן. פאַר הורוויטשן איז קלאָר, אַז דער „מופת הנקנה״, די לאָגישע באַווייזן שטיצן זיך ניט זעלטן אויף פאַלשע יסודות און ברענגען צו גאַנץ אומבאַגרינדעטע אויספירן. מיט אַ שמייכל ברענגט ער (אין צענטן קאַפּיטל) שלמה מיימונס דערקלערונג, וואָס יענער מאַכט אין זיין „גבעת המורה״, אַז אין אונזער צייט האָט די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע דערגרייכט „תכלית שלמותה״. „אין יעדן דור — ווייזט דערביי אָן פנחס הורוויטש — נאָך אין די קדמונישע צייטן, בפרט אין דור פון אַריסטון, האָבן די פילאָזאָפן פאַרזיכערט דאָס זעלבע, נאָר די פילאָזאָפן פון די שפּעטערדיקע דורות „בטלו דבריהם ודעותיהם״ — האָבן צונישט געמאַכט זייערע רייד און זייערע דעות. פאַר אים, דעם איבערצייגטן מיסטיקער, איז קלאָר און זיכער, אַז „סוד ד׳ לא יצויר על פי מופת״, ניט דורך לאָגישע באַווייזן קאָן מען אַריינ־דרינגען אין דעם סוד פון דער גאָטהייט, — „סוד ד׳ רק לפי הקבלה״; „באמונה ולא בחקירה״, ניט דורך „מושכלות״, נאָר דורך גאָטס גע־באָטן (במעשים מצווים מאת אלקים), ניט דורך ספּעקולאַטיווער פילאָ־זאָפיע, נאָר דורך התגלות, נבואה און קבלה...

אַמאַינטערעסאַנטסטן איז דערביי, וואָס פנחס הורוויטש, בעת ער פּלייסט זיך צו דערווייזן, ווי ניט זיכער עס זיינען די יסודות פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע, און ווי באַגרענעצט עס זיינען אירע ראיות און סברות, ברענגט ער אַלס עדות דעם גרויסן רעוואָלוציאָנער אויפן געביט פון פילאָזאָפישן פאָרשן—עמנואל קאַנט און זיין אָקאָרשט דערשינענע ווערק „קריטיק דער ריינען פערנונפט״, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ גוואַל־טיקן רושם אין דער גאַנצער געלערנטער וועלט. מיט גרויס נחת־רוח ברענגט הורוויטש קאַנטס ראיות, אַז דער מענטש איז ניט אימשטאַנד מיט דער הילף פונם בלויזן שכל צו דערקענען דעם אמתן מהות פון דעם, וואָס געפינט זיך אויסער אים, ווייל אַלע באַגריפן, וואָס דער מענטש באַקומט פון דער אויסנוועלט, ווערן דאָך קודם־כל אויסגעפאָרמט דורך דעם מענטשנס אויפנעמונגס־אַפּאַראַט, זיינען אַ געוויסער פועל־יוצא פון די ספּעציפישע פאָרמען, וואָס דעם מענטשנס שכל האָט לויט זיין עצם נאָך [47].

[47] „ספר הברית״, ו, 117—118.

נאָך כאַראַקטעריסטישער איז פאַרן „ספר הברית" זיין קאַמף קעגן די ראַציאָנאַליסטן און מאַטעריאַליסטן פון זיין דור. גראָד דעמאָלט ווען פּנחס הורוויטש האָט די לעצטע קאַפּיטלען פון זיין ווערק געשריבן, איז אין דעם פראַנצויזישן קאָנווענט פאָרגעקומען די היסטאָרישע זיצונג (דעם 7טן נאָוועמבער 1793), אויף וועלכער עס איז אָנגענומען געוואָרן די החלטה, אז דער רעליגיעזער קולט קאָן דערלויבט ווערן נאָר בנוגע צום שכל, דעם רעגירער פון דער וועלט. „די העכסטע עק־סיסטענץ — האָט דערקלערט דער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער זיצונג, לאַלואַ, — וויל ניט קיין אנדער קולט; אלע דאַרפן קניען פאַרן שכל, וואָס רעגירט די וועלט. אזוי באַפעלט די העכסטע עקסיסטענץ, און פון היינט אָן וועט דער שכל־קולט אָנערקענט ווערן אלס נאַציאָנאַלע רעליגיע". ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָבן די ראַציאָנאַליסטישע אידעען פון די פראַנ־צויזישע „אויפקלערער" געפונען א שטאַרקן אָפּקלאַנג אין געוויסע שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, מיט וועלכע הורוויטש איז געקומען אין באַרירונג. ער, דער מיסטיקער און התלהבותדיקער פאַרערער פון דעם „אר"י הקדוש", דערציילט ממש מיט שרעק, ווי די מאַטעריאַליסטן פון זיין דור דרינגען, אז די וועלט איז געשאַפן געוואָרן אָן א באַשטימטן שאַפנדיקן ווילן, נאָר דורך דעם צופעליקן צוזאַמענשטויס פון די אַטאָ־מען, וואָס זיינען א קדמון, און געפינען זיך אין שטענדיקער באַוועגונג (אני שמעתי אומרים מקצתן מהם שהעולם נתהוה במקרה גמור מן החלקים הדקים והקטנים במאד המשתנים בתמונתם ואיכותם אשר נפלו ונפגשו זה בזה והתחברו והורכבו אלה באלה... ונתחברו במקרה ונתהוה עולם ומלואה...) און די דאָזיקע אידעען, קלאָגט זיך הורוויטש, האָבן אויך אריינגעדרונגען אין דער יידישער מחנה. „רבים עתה המתפרצים בעם ד' באפיקורסית על ידי החקירה הפילוסופיית"; און מיט גרויס צאָרן דערציילט ער, ווי די יידישע ראַציאָנאַליסטן דערקלערן, אז „מעולם לא עלה משה למרום ולא ירד ד' על הר סיני", און לייקענען אין תורה מן השמים. אינטערעסאַנט זיינען די פּרטים, וואָס הורוויטש גיט איבער, ווי אזוי די דאָזיקע אפּיקורסישע „המתפרצים בעם" האָבן געפּרוּווט דער־קלערן „מתן תורה" אויף ריין „ראַציאָנאַליסטישן" אופן. משה רבנו איז טאַקע געווען א „חכם גדול בחכמת הטבע", און דערצו נאָך א גרוי־סער פּאָליטיקער און בקי „בהנהגת המדינה". בכדי צו מאַכן א גרויסן רושם אויף דעם אומוויסנדיקן פאַרגרעבטן פאָלק, האָט משה בן עמרם אינסצענירט אויפן באַרג סיני דאָס גרויסע ווונדער. פאַקטיש איז דאָס אַליץ צוגעגאַנגען אויף א גאַנץ נאַטירלעכן אופן. משה, דער געאיבטער נאַטורפאָרשער, האָט מיט פּלעריי כלי מכשירים צוגעטראַכט „את

הסולות ואת הלפידים״, אַט די אַלע דונערן און בליצן. און בכדי די פֿארשטאַנדיקערע פֿונם פֿאָלק זאָלן די פּאָקוס־שטיק ניט באַמערקן, האָט משה שטרענג פֿאַרבאָטן, קיינער זאָל ניט דערוועגן צום באַרג זיך דערנענטערן: „השמרו לכם עלות בהר, כל הנוגע בהר מות יומת׳. און די גאַנצע תורה מיט אַלע אירע מצוות, חוקים און משפטים, די האָט משה אַליין פֿאַרפאַסט [48]. פֿאַרן מיסטיקער הורוויטש זיינען די דאָזיקע ראַציאָנאַליסטן, וואָס דערקלערן, אַז „משה האָט גענאַרט דעם גאַנצן דור המדבר״ (הטעה כל דור המדבר מראש אמנה) — „לעבעדיקע מתים״. ער וויל אַפילו מיט זיי קיין וויכּוחים ניט פֿירן. „אין אני דורש אל המתים!״ — פֿאַר טויטע, דערקלערט ער, וויל איך ניט פּרעדיקן, וואָרעם זיי קאָנען ניט באַגרייפֿן די וועגן פֿון לעבן (לא ישגו ארחות חיים). איך ווענד מיך בלויז צו די, וואָס גייען ניט אין די וועגן פֿון רשעים; זיי טו איך וואָרענען, זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון אָט די דאָזיקע מסיתים און מדיחים [49].

אין דעם שלום־קאַפּיטל פֿונם ערשטן טייל ווייזט דער פֿאַרפֿאַסער אָן, אַז דער דאָזיקער טייל איז בלויז אַן אַריינפֿיר צום צווייטן טייל, וואָס באַהאַנדלט דעם מענטשנס ציל און תכלית. אין אָט דעם צווייטן שטאַרק מיסטיש געפֿאַרבטן טייל, וואָס טראָגט אַ ספּעציעלן נאָמען „דברי אמת״, איז פֿאַראַן — „מכל המינים״. נאַיווע פֿאַנטאַסטיק און מנידישער דרוש זיינען צונויפֿגעמישט מיט מיסטישן פּאַטאָס און מאָדערנעם אויפֿקלערערישן הומאַניזם. אין אַ האַרציקן געהויבענעם טאָן רעדט דער פֿאַרפֿאַסער צו זיין פֿאַריתומט דור: „לאַנג פֿאַרשוווּנדן איז די נבואה, אויסגעלאָשן איז דער רוח הקודש!..״ פּרוּווט ער טרייסטן זיין דור, מען דאַרף ניט זיין געפֿאַלן ביי זיך... „הערט מיינע פֿריינד און ברידער! טרייסט טו איך אייך ברענגען — זייט אייך ניט מתיאש פֿון גאָטס הילף. ער איז דאָך דער גאָט פֿון רחמים. זייט וויסן אויף זיכער, אַז ווען אַפילו די נבואה האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אונז — דער רוח הקודש שוועבט דאָך איבער אונז, און ניט פֿאַרשלאָסן זיינען זיינע טויערן אויך אין אונזער דור... איבער יעדן מענטשן, צו יעדער צייט און אויף יעדן אָרט טוט, לויט זיינע מעשים נאָך, דער רוח הקודש רוען״ [50].

---

[48] דאָרטן, I, 103—104. הורוויטשעס אַ בן־דור, נוכּפּעל שנאָבער (וועגן אים אין זיבעטן באַנד פֿון אונזער ווערק), גייט איבער, אַז אייניקע פֿון די יידישע ראַציאָנאַליסטן זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער און דערקלערט, אַז די תורה האָט פֿאַרפֿאַסט ניט משה נאָר עזרא הסופר (באשר יאמרו רבים מהמכחישים שעזרא הסופר כתב את התורה).

[49] דאָרטן, 117.

[50] דאָרטן, II, 22: „הנבואה פסקה יהחזון נחתם... ורוח הקדש נשתכחה... ואם כן איפוא במה יתנחם עפר ואפר... לכן אחי ורעי אנשי לבב, שמעו לי! אנכי אנכי

און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז דערביי, וואָס אָט דער איבער־ציינטער מיסטיקער, וואָס חלומט וועגן רוח הקודש, טרעט אויך אַרויס אַלס ענערגישער קעמפער פאַר פּראָדוקטיווער אַרבעט, דעקט אויף אויפן בולטסטן אופן דעם אומנאָרמאַלן עקאָנאָמישן מצב פונם יידישן תחום און ווייזט אָן, אַז דאָס סאָציאַלע יידישע לעבן מוז געבויט ווערן אויף נייע יסודות, באַשר די פּרנסה־קוועלן, פון וועלכע דאָס רוב יידישע באַפעלקערונג שעפט חיונה, זיינען שוין פון לאַנג פאַרטריקנט און פאַר־עיפּושט. מען קאָן בלי שום גוזמא זאָגן, אַז אַלע טענות, וואָס די משכילים פונם שפּעטערדיקן דור האָבן אַרויסגעשטעלט אַנטקעגן די יידישע לופט־פּרנסות, און די ראיות, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געפליסט צו דערווייזן, ווי וויכטיק עס איז יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט נוצלעכע מלאכות און מיט ערדאַרבעט — דאָס אַלץ קאָן מען שוין געפינען ביים מיסטיקער פּנחס הורוויטש אין זיין „ספר הברית".

„איך בין — שרייבט הורוויטש — געקומען צו דער פעסטער איבערצייגונג, אַז יעדער גאָטספאַרכטיקער מענטש, וואָס וויל גיין בדרך הישר און דערפילן גאָטס געבאָטן, מוז האָבן אַ מלאָכה אין די הענט בכדי ער זאָל זיך קאָנען מפרנס זיין מיגיע כפּיו און נישט דאַרפן אָנקומען צו יענעמס הילף. דערפאַר איז יעדער פאָטער מחוייב צו לערנען זיינע קינדער אַ וועלכע ס'איז מלאָכה, וואָס זאָל אים מפרנס זיין. ווי אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: כשם שחייב האב ללמדו תורה כך חייב ללמדו אומנות. עס איז דערפאַר זייער צו באַדויערן, וואָס אין אונזערע דורות איז דער רוב פון אונזער פאָלק אַזוי פאַרווילדעט (מנהג של גסות רוח), אַז זיין אַ בעל־מלאָכה איז ביי זיי אַ חרפּה, און קוקן מיט ביטול אויף וועלכע ס'איז האַנטאַרבעט. מענטשן האַלטן עס פאַר אַ פּחיתת הכבוד לעבן פון אייגענער פּראַצע, און רעכענען פאַר פיל אָנשטענדיקער לעבן פון שווינדל און פון וואָכער. און אָט דאָס פאַרנאַכלעסיקן די נוצלעכע מלאָכות, דאָס גאַווהדיקע פאַרהאַלטן זיך צו האַנטאַרבעט ברענגט עס צו אַזאַ אימהדיקער מאָראַלישער ירידה פונם גאַנצן קיבוץ. וואָרעם די נויט, דער הכרח ברענגט דאָך דעם מענטשן צו פילע מיאוסע מעשים. צו וואָס קאָנען זיך נעמען מענטשן, וואָס אין מסחר האָבן זיי קיין מזל ניט און קיין מלאָכה אין די הענט האָבן זיי אויך ניט? זעען מיר טאַקע צווישן אונז, ווי מענטשן באַגזלען און באַגנבענען הן יידן הן קריסטן, טוען די

הוא מנחמכם וינחמו בני ישראל כאשר אומר את ישועת ד' והיא: כל אדם המקדש עצמו לחזות בנועם ד' אל יתיאש עצמו בן הרחמים כי אם מדרגות הנבואה פסקה... נאמנה תדע שרוח הקודש עצמה לא פסקה ולא נגנזה ולא ננעלו שעריה אפילו בזמן הזה... הכל לפי מעשיו רוח הקודש שורה עליו ולא גבל שום זמן או מקום על זה".

נרעסטע נבלות און שענדלעכע מעשים; און אַזוי ווערט פאַרשוועכט גאָטס נאָמען צווישן די אומות העולם, וואָרעם יענע טוען זאָגן: „זעט, באַטראַכט אָט דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, וואָס שטאַמט פונם הייליקן לאַנד: עס איז ניטאָ די נידערטרעכטיקע זאַך, וואָס זיי זאָלן ניט טאָן, ניטאָ דער שווינדל, וואָס זיי זאָלן ניט בקי זיין אין אים, ניטאָ די פאַלשקייט אין דער וועלט, וואָס זיי זאָלן אין איר קיין מומחים ניט זיין. און זיי, די גויים, מיינען, אַז אין דעם איז דער תּלמוד, וואָס יידן לערנען יומם ולילה, שולדיק: דאָס לערנט ער עס די יידן זיין אַזוינע חריפותדיקע שווינדלער. וואָלטן אָבער יידן געלערנט מלאָכות בכדי זיך מפרנס צו זיין, וואָלטן זיי דאָך אַזוינע פאַלשע מעשים ניט אָפּגעטאָן" [51].

הורוויטש פאַלט באַזונדערס אָן אויף די „תּלמידי חכמים", ד״ה אויף די רבנים און ווילנערער, דערפאַר וואָס זיי קומט גאָרניט אויף דער מחשבה צו לערנען זייערס אַ קינד וועלכע ס'איז מלאָכה; פון אַלע זייערע קינדער ווילן זיי מאַכן לויטער רבנים און דיינים. ניט יעדער אָבער — טענהט הורוויטש — איז מסוגל צו ווערן אַ רב, אַ גדול בישראל. און אָט דערפאַר טאַקע זיינען ביי אונז יידן פאַראַן אַזוי פיל לאָ יוצלחס, שלימ־מזלניקעס, וואָס טויגן צו גאָרניט און זיינען ניט פעיִק צו עפּעס זיך צו נעמען. די אַלע טויגעניכטסן ווערן מלמדים, איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס ביי אונז זיינען פאַראַן מלמדים מער ווי תּלמידים, דאָס מלמדות איז ניט אימשטאַנד מפרנס צו זיין, און די אַלע מלמדים זיינען גרויסע עניים ואביונים, פאַרלאָזן וויב און קינדער, וואַנדערן איבער פאַרשיי־דענע שטעט, זוכן דאָס שטיקל ברויט. און אין דעם אַלץ זיינען די על־טערן שולדיק, וואָס זיי האָבן זיי קליינערהייט קיין מלאָכה ניט געלערנט".

„ווען זשע, ברידער מיינע, — רופט הורוויטש אויס — וועט איר קומען צום שכל און פאַרשטיין, אַז אַ קינד מוז מען לערנען אַ מלאָכה, און אַז אונזערע חכמים זיינען זייער גערעכט געווען, בעת זיי האָבן געזאָגט, אַז ווער עס לערנט ניט זיין זון אַ מלאָכה, דער איז אָן עתיד ליתּן את הדין. בפרט נאָך דאָ אין גלות, ווו יידן טאָרן ניט האָבן קיין פעלדער, ניט קיין ווייגגערטנער און עס איז אונז אויך פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט אַ סך אַנדערע פּרנסות. און דווקא בעל־מלאָכות האַלטן די מלוכות,

---

51 „ומהם גוזלים ונעשים ליסטים מבּיש ומהם גונבים מיהודים ומשאר העמים ומהם מחללים את ד׳ בין הגוים על ידי נבלות גדולות אשר יעשון ואכלו את כל העמים. אז יאמרו בגויים: „עם ד׳ אלה ומארצו יצאו ולא יש נבלה שלא מלומדים בה, ולא רמאות שלא בקיאין בה, ולא זיוף שלא ידעו בה". עד שיאמרו בגוים שהתלמוד אשר היהודים מלמדים לבניהם אינו אלא חריפות וחריצות לרמאות את הבריות. ואבנם אם היה בידם מלאכה להתפרנס בה, לא היו עושים כל אלה"...

ווו דער רוב יידן וווינען, נערן אונטער; זיי מאַכן פאַר זיי פילע הנחות, גיבן זיי וווינרעכט, באַפרייען פון אַ טייל שטייערן. נאָך וואָס זאָלן מיר די אַנדערע פעלקער געבן אַ פּתחון פּה זיי זאָלן אויף אונז זאָגן: אַט איז אַ אומה, וואָס לעבט צווישן פרעמדע, און באַשטייט פון לויטער ליידיק־גייער און בטלנים, זיי ווילן ניט אַרבעטן און לעבן פון יגיע כפּים, נאָר פאַרנעמען זיך מיט לויטער שאַכער און רמאות, לעבן פון וואָכער און זויגן דאָס בלוט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג״ [52].

און די ,,אַרומיקע באַפעלקערונג״, די ,,פרעמדע״, די ,,אומות העולם״, פלייסט זיך פּנחס הורוויטש צו דערווייזן, זיינען דאָך אונזערע אייגענע ברידער. אויך ער, ווי דער בעל ,,עמודי בית יהודה״, האָט זיך דאָרט אין מערב־אייראָפּע מיט דער נייער אידעען־וועלט באַקענט, וואָס האָט געחלומט וועגן גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן אַלע, ,,וואָס טראָגן אַ מענטשן־געשטאַלט״. מיטן גאַנצן ברען פון זיין מיסטיש־פּאַע־טישער נשמה פּרוּווט דער מחבר פון ,,ספר הברית״ דורכרייסן דאָס אָפּ־געזונדערטקייט פון זיינע ברידער; ער וויל זיי אָנזאָגן די בשורה, אַז דער גאָלדענער חלום פון די געטלעכע נביאים האַלט ביי מקויים ווערן; אויפ־וועקן וויל ער אין זיי דעם גלויבן, אַז די פינסטערע נאַכט פון שנאה און ווילדע אכזריות איז שוין פאַרביי, און די ליכטיקע זון פון מענטשנליבע און יושר וועט באַלד באַשיינען די וועלט... ,,אהבת רעים״ אַזוי הייסט דער דרייצנטער קאַפּיטל, וואָס איז פּאַקטיש דער צענטראַלער פּונקט פון דעם גאַנצן ווערק. ,,דער מהות פון אהבת רעים״, דערקלערט הורוויטש גלייך אין אָנפאַנג קאַפּיטל — איז ליבע צום גאַנצן מענטשלעכן מין, אַלע אייגנס פון וואָסער פאָלק ער זאָל ניט זיין און פון וואָסער לשון ער זאָל ניט שטאַמען; ווייל יעדער מענטש טראָגט דאָך אונזער אייגן גע־שטאַלט, און גלייך מיט אונז איז ער עוסק בישובו של עולם. דער מענטש איז ניט באַשאַפן פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, מיט וועלכער ער איז פעסט צונויפגעוואַקסן, און אָן איר קאָן ער קיין קיום ניט האָבן, וואָרעם אָן דער הילף פונם קיבוץ גייט דער יחיד צו גרונט [53]. דאָס גאַנצע מענטשן־געשלעכט איז ווי איין קאָמפּליצירטער אָרגאַניזם, און יעדער יחיד איז ווי אַ קליין טיילכל פון אַ גאַנצן קערפּער [54]. ,,יעדער

---

52 „ספר הברית״, ווו, 40—42.

53 דאָרטן, ווו, 48: „כל בני אדם צריכים זה לזה ותלוים זה בזה וקשורים זה עם זה כמו שליבות השלשלת המשולבות אחת אל אחת בקושרים״.

54 דאָרטן, ווו, 46: „חברת מין האנושי בכלל הוא כמו איש אחד ממש המחובר מאברים רבים ומחלקים רבים וכל איש פרטי ממינו הוא כמו אבר או חלק אחד מכלל גוף איש אחד״

זיך — לערנט הורוויטש — דארף וויסן און געדענקען, אז דאס, וואס עס שטייט אין דער תורה „ואהבת לרעך כמוך", מיינט מען דערמיט ניט נאר, אז מען דארף זיך פארהאלטן מיט ליבשאפט רק צו א בן־ישראל, נאר צו יעדן מענטשן פון וועלכער אומה ער זאל ניט זיין, ווארעם יעדער מענטש, וואס טראגט דעם צלם אלהים, איז דיין ברודער [55]. ליב האבן דעם נאענטן, הייסט ליב האבן די גאנצע מענטשהייט, ווארעם די גאנצע מענטשהייט איז ווי איין קערפער".

„שמעו נא בני יעקב! — רופט אויס דער בעל „ספר הברית" — ליבע און ברידערלעכקייט זאל זיין אויסגעקריצט אויף אייער פאן! שטרעקט אויס די האנט פון שלום צו אלע פעלקער אין דער וועלט!"

„די ליבע צום נאענטן — שטרייכט דערביי הורוויטש אונטער — איז בכלל ניט קיין אוטיליטארע פראגע, עס האנדלט זיך דא ניט וועגן נוצן און באקוועמלעכקייט — דאס איז א מאראלישער קאטעגארישער חוב, וואס איז איינגעקריצט אין דעם מענטשנס נשמה און אין זיין באוווסטזיין [56], א חוב, וואס איז שטארקער און העכער פון ליבע צו חכמה און וויסן (אהבת החכמה והמדע), פון ליבע צו אמת (חיבת השגת האמת) און אפילו פון ליבע צו דער תורה (חובת אהבת האדם קדמה לחובת אהבת התורה). און דער דאזיקער הייליקער חוב איז חל אויף יעדן מענטשן אן אונטערשייד: סיי סנעבט, סיי האר, סיי מלך, סיי פועל, סיי א נאענטער, סיי א פרעמדער — פאר אלע מענטשן אין דער וועלט איז גלייך גילטיק דאס וויכטיקסטע און גרעסטע געזעץ: ליב דיין חבר!" [57].

ווי א הארמאנישער שלום־אקארד פארענדיקט דאס גאנצע זוערק דער קאפיטל „האהבה והשמחה". מיט הארציקער התלהבות דערקלערט דער פארפאסער, אז „די ליבע איז די גרעסטע פרייד פון דער נשמה", אז אן ליבע קאן קיין פרייד ניט זיין [58] און די ליבע צום מענטשן גיסט זיך צונויף אין איר העכסטער מדרגה מיט דער גרויסער אומענדלעכער פרייד — די ליבע צו גאט... „בן־אדם — רופט אויס מיט פאטאס פנחס הורוויטש — געדענק, ווי טאג אזוי נאכט זאל דיין הארץ און דיין מחשבה

---

55 „מה שכתוב ואהבת לרעך כמוך אין הכונה בו לישראל דוקא... אבל הכונת בו לרעך שהוא אדם כמוך... וכל האומות במשמע וכל חב״ע לאיש".

56 „הוטבע בטבע האדם שיחפוץ תמיד להטיב לזולתו באישי מינו".

57 דארטן, וו, 48: „וכן המלך בכבודו ובעצמו ראוי שיאהב לכל אחד מאנשי ארצו, כי חובת אהבת רעים נוהג בכל מי שהוא אדם; ועל כלם נאמר: ואהבת לרעך כמוך, יהיה עבד ואדון מלך ועב... או קרוב ורחוק או גר ותושב — משפט אחד לכולם".

58 „ענין אהבה היא שמחת הנפש... כי האהבה והשמחה מבטן אחד יצאו והשמחה קשורה בעבותות האהבה".

פול זיין מיט דעם באַוווסטזיין, אַז גאָטס הייליקער נאָמען טוט איבער דיין קאָפּ רוען!״

דער אַנאָנים־דערשינענער „ספר הברית״ האָט געהאַט אַן אומגעהייערן ערפאָלג. יעדער האָט געוואָלט וויסן ווער זיין פאַרפאַסער איז. אייניקע האָבן פאַרזיכערט, אַז דעם חיבור האָט פאַרפאַסט ניט קיין אַנדערער ווי דער ווילנער גאון, אַנדערע ווידער האָבן געדרונגען, אַז מענדעלסאָן האָט דעם „ספר הברית״ געשריבן. דאָס בוך איז זיך צעגאַנגען ניט נאָר איבער גאַנץ אייראָפּע, נאָר אויך איבער מצרים, אַלזשיר און מאַראָקאָ, און אין אַ קורצער צייט זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן [59]. אַ קריסטלעכער דרוק־באַזיצער האָט באַלד (פּראָג, 1799) איבערגעדרוקט אָן דעם פאַרפאַסערס וויסן דעם ערשטן טייל „ספר הברית״; די אויסגאַבע איז אָבער געווען אַזוי צעדרייט און פאַרגרייזט, אַז הורוויטש האָט געהאַלטן פאַר נייטיק באַלד איבערדרוקן, שוין אונטער זיין פולן נאָמען, דעם „ספר הברית״ מיט פילע ענדערונגען און הוספות [60].

---

59 זע צווייטע פאָררעדע צו דער ווילנער אויסגאַבע פון 1818.

60 באַזונדערס פאַרגרעסערט איז אין דער צווייטער אויסגאַבע דער 13טער קאַפּיטל „אהבת רעים״.

אכטער קאַפּיטל

ברוך שקלאָװער אַלס אױפקלערער. — מענדל לעפין אַלס סטיליסט. — זײן טעטיקײט אַלס אױפקלערער. — זײן „חכמת הנפש". — שקלאָװ אַלס אױפקלערונגס־צענטער. — יהושע צײטלין אַלס מעצענאַט. — די „פרײע אַקאַדעמיע" אין אוסטיע. — נפתלי שולמאַן. — די אױפקלערער אױסן שײדװעג.

אין דער פאָררעדע צו דער צװײטער אױסגאַבע „ספר הברית" האָט פנחס הורװיטש דערקלערט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זײן אויטאָררעכט, און בכדי צו פאַרשפּרײטן װיסן צװישן ײדן, דערלױבט ער יעדן, װער עס װיל נאָר, איבערדרוקן זײן װערק, נאָר בתנאי, ער זאָל דרוקן בײדע טײלן צוזאַמען, נים דעם ערשטן טײל אַלײן, װײל ער, דער פאַרפאַסער, באַטראַכט דעם דאָזיקן טײל, װאָס באַהאַנדלט די נאַטורװיסנשאַפטן, בלױז אַלס פאָרשטופּע צו דעם צװײטן, װאָס איז דער װיכטיקסטער, װײל ער באַהאַנדלט רײן עטישע און רעליגיעזע פראַגן. פון אַ גאַנץ אַנדער שניט איז געװען הורװיטשעס אַ בן־דור, אויך אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר פון נאַטורװיסנשאַפטן, ברוך שיק, מער באַקאַנט אונטערן נאָמען ברוך שקלאָװער. רײן פילאָזאָפישע און עטישע פראַגן האָבן אים כלל נים אינטערעסירט, און זײן גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקײט װײס בלױז פון אײן באַשטימטן ציל: פּאָפּולאַריזירן אין די ײדישע קרײזן ידיעות װעגן מאַטעמאַטיק און נאַטורװיסנשאַפטן.

ברוך בן יעקב איז געבאָרן בערך 1740 אין שקלאָװ אין אַ רבנישער פאַמיליע. אין 1764 האָט ער שױן געהאַט סמיכות אויף רב, די תלמודישרבנישע ליטעראַטור האָט אים אָבער נים אין גאַנצן באַפרידיקט: ער גופא דערצײלט װי גרױס זײן דורשט איז געװען נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן נאָך װעלטלעכן װיסן, און שױן דעמאָלט האָט ער געחלומט װעגן אַן אױפקלערערישער טעטיקײט און מיט דער הילף פון העברעיִשע איבערזעצונגען פאַרשפּרײטן װיסן צװישן ײדן. שיק איז שױן געװען דײן אין מינסק, בעת ער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס פאַרלאָזן זײן הײם און זיך לאָזן קײן אױסלאַנד שטודירן. נאָך לאַנגע װאַנדלונגען האָט ער זיך דערלאַנגט

קיין לאָנדאָן, וווּ ער האָט שטודירט מעדיצין און איז אויך געוואָרן א מיטגליד פון א מאַסאָן־לאָזשע [1]. אַלס דיפּלאָמירטער דאָקטאָר פאַר־לאָזט ער ענגלאַנד, און עס הייבן זיך אָן זיינע נע־ונד־יאָרן איבער פאַר־שיידענע אייראָפּעיִשע שטעט. ער האָט פאַרבראַכט א שטיק צייט אין פּראַג, וווּ ער האָט געהאַלטן פאַרלעזונגען וועגן מאַטעמאַטיק [2], האָט אויך באַזוכט בערלין און דאָרט זיך באַקענט מיטן דיכטער וועזעל און מיט די איבעריקע אָרטיקע משׂכּילים.

די אייראָפּעיִשע בילדונג און וויסנשאַפטלעכע בקיאות האָבן ניט וואַקלדיק געמאַכט שיקס שטרענג־אָרטאָדאָקסישן וועלטבאַנעם. אין רע־ליגיעזע פראַגן, אין אָפּהיטן מסורת אָבות האָט זיך דער דאָזיקער געביל־דעטער דאָקטאָר און נאַטורפאָרשער קאַרג וואָס אונטערגעשיידט פון יעדן אַנדערן תורני אוים ווילנע אָדער מינסק. א הייסער קעמפער פאַר וועלט־לעכן וויסן, איז אים אָפילו אויפן געדאַנק ניט געקומען, אַז דאָס קאָן ברענגען אין סתירה מיטן רעליגיעזן וועלטבאַנעם. שיקס ערשטער ארויס־פאָר אין דער ליטעראַטור איז געווען פאַרבונדן מיטן קאַפּיטאַלן ווערק פון דעם ראַ"שם תלמיד יצחק הישראלי, „יסוד עולם" [3]. ביים בערלינער רב, הירשל לעווין, האָט שיק זיך באַקענט מיט א כּתב־יד (ניט קיין פול־שטענדיקן) פון דעם דאָזיקן וויכטיקן מאַטעמאַטישן ווערק, וואָס איז נאָך אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט. ער האָט גלייך באַשלאָסן עס מאַכן צו־גענגלעך דעם ברייטן לייענער־קרייז, און האָט עס פאַרעפנטלעכט אין 1777 אין בערלין [4]. אין דעם זעלבן יאָר האָט שיק אויך פאַרעפנטלעכט אין בערלין זיין „עמודי שמים" — א וויסנשאַפטלעכער פירוש אויף דעם רמב"מס הלכות קידוש החודש, און א קורץ לערנבוך פאַר אַנאַטאָמיע „תפארת אדם". באַלד נאָכדעם פאַרלאָזט שיק בערלין, און דורכפאָרנדיק ווילנע, באַזוכט ער דעם ווילנער גאון. דער גאון האָט אים געגעבן א יישר כּוח פאַר זיין אויפקלערערישע אַרבעט און דערביי אָנגעוויזן, אַז ווען עס פעלן ידיעות אין אַנדערע חכמות, דער בלייבט זייער הינטערשטעליק

1 זע יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע, X, 680.

2 אין דער פאָררעדע צו „קנה המדה" דערציילט שיק: „ולמדתי לתלמידי בק"ק פראג, כלם אנשים חכמים שלמים בתורה וביראת שמים".

3 זע אונזער ווערק, באַנד III, ז' 197.

4 חייל דער כּתב־יד איז געווען א דעפעקטער, איז דערפאַר אין דער דאָזיקער ערשטער אויסגאַבע דער „יסוד עולם" געווען געדרוקט ניט בשלימות. א פולשטענדיקע אויסגאַבע פון ישראלים ווערק האָט פאַרעפנטלעכט אין 1846—1848 ב. גאָלדבערג, וועלכער האָט זיך באַנוצט מיט א צווייטן כּתב־יד.

אויך אין חכמת התורה, וואָרעם תורה און חכמה זיינען ענג צוזאַמענ־געבונדן [5].

„דער ווילנער גאון — דערציילט ווייטער ברוך שיק — האָט מיר געראָטן, איך זאָל זען איבערזעצן אויף אונזער הייליקער שפּראַך וואָס מער וויסנשאַפטלעכע ווערק, בכדי צו פאַרשפּרייטן וויסן צווישן אונזער פֿאָלק ישראל, און זאָלן מער די אומות העולם ניט האָבן קיין פּתחון פּה צו מאַכן חוזק פון אונז פאַר אונזער אומוויסן און מער ניט פרעגן אונז מיט גאווה: ווו איז אייער חכמה?״ [6].

פאַרשפּרייטן וועלטלעך וויסן צווישן יידן און „פאַרמאַכן די מיילער״ די אומות העולם, זייז זאָלן מער ניט חוזק מאַכן פון דעם „אויס־דערוויילטן פאָלק״ פאַר זיין אָפּגעשטאַנענקייט אין „חכמות חיצוניות״ — אָט די צוויי מאָטיוון קלינגען ניט נאָר אין די אָקאָרשט ציטירטע רייד פון דעם ווילנער גאון, זיי לאָזן זיך אויך הערן ביי פילע אַנדערע תלמידי חכמים פון יענער צייט. דער סלאָנימער רב ר׳ שמשון, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן פאַרבראַכט אַ צייט לאַנג אין דייטשלאַנד און פלעגט דערנאָך באַהאַלטענערהייט פליייסיק שטודירן דייטשע וויסנשאַפטלעכע ביכער [7], לויבט שטאַרק אין זיין הסכמה צו דער „אוקלידוס״־איבערזעצונג ברוך שיקן פאַר זיין אויפקלערערישער אַרבעט. דער אויפגעקלערטער רב איז זיכער, אַז אַדאַנק שיקס וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן וועט ביסלעכווייז „אַפּגעטאָן ווערן אונזער זינד״, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי דערווייטערט פון אַלע וועלטלעכע חכמות. ער האָפט, אַז מיר וועלן אינגיכן ווערן „לייטן גלייך״ און ביי יידן וועט זיך מערן די חכמה „כמים לים מכסים״. ער האַלט אָבער פאַר נייטיק גלייך דערביי מוסיף צו זיין, אַז אַדאַנק שיקס מעטיקייט, וועט „פאַרשטומט ווערן דעם שונאס חוצפּהדיק מויל״; ער וועט שוין ניט האָב די מעגלעכקייט אָפּצולאַכן פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס אויף אים איז געזאָגט געוואָרן „רק עם חכם ונבון

---

[5] ברוך שיק דערציילט וועגן דעם אין דער הקדמה צו זיין „אוקלידוס״-איבערזעצונג: „והנה בהיותי בק״ק ווילנא המעטירה אצל הרב המאור הגאון הגדול מאיר עיני הגולה החסיד המפורסם כמוה״ר אליהו נר״ו בחדש טבת תקל״ח שמעתי מפי קדוש כי כפי מה שיחסר לאדם ידיעות משארי החכמות לעומת זה יחסר לו מאה ידות בחכמת התורה, כי התורה והחכמה נצמדים יחד״.

[6] דאָרטן: „ותוסר גאון עוזם וגאות עריצים המון עמים ולשון לאומים אשר כשאון מים רבים ישאון לעומתינו: איפה חכמתם? ונמצא שם שמים מתחלל״.

[7] צו דעם דאָזיקן אויפגעקלערטן רב האָט זיך דער יונגער וויסנדורשטיקער שלמה מיימון געלאָזט צופוס אין רעכטן מיטן ווינטער פון נעסוויזש קיין סלאָנים, צו באַקומען ביי אים אַ פּאָר דייטשע וויסנשאַפטלעכע ביכער (זע „שלמה מיימונס לעבנס־באַשרייבונג״, I, 105—106).

הגוי הגדול הזה", און אים פרעגן מיט חוזק: „ווו איז אייער הכמה? ווו איז אייער פארשטאנד?"

אין דעם זעלבן טאן זיינען אויך געשריבן די הסכמות פון די שקלאַ־וער רבנים, צבי הירש און חנוך הענאך, צו שיקס „קנה המדה" (וועגן טריגאנאמעטריע). „מען דארף באגריסן אזוינע ביכער, וואס אדאנק זיי טוט זיך ביי אונז דאס וויסן פארמערן, און מיר וועלן זיך נים נייטיקן שעפן פון פרעמדע קוועלן". און דער מינסקער רב, ר' ישראל, ווייזט אויך אן, אז אדאנק שיקס ווערק וועט ווי א שפרודלדיקער קוואל די חכמה ביי אונז שטייגן, און איבערצייגן וועלן זיך די פעלקער, אז אויך אויף אונזער אויסדערוויילטער שפראך קאן מען פריי באהאנדלען אלע וויסנ־שאפטלעכע פראגן [8].

פעסט איבערצייגט אין דער וויכטיקייט און גרויס נוצלעכקייט פון זיין אויפקלערערישער ארבעט, טרעט שיק זייער שארף ארויס אין זיין אויבן־ציטירטער פאררעדע צו „אוקלידום" קעגן די קעגנער פון וועלט־לעכן וויסן. „אין דעם ביטערן גלות — קלאגט זיך ברוך שיק — פרעמדע, פארלאזענע גרים, זיינען מיר הינטערשטעליק געבליבן אויף אלע געביטן פון וויסן. אבדה חכמת חכמינו ובינת נבונינו, פארגעסן און פארקריפלט אין די יידישע וויסנשאפט (נשתבשה חכמת עברית). און ווען איינער האט דעם מוט צו נעמען אויף זיך דעם טאפלטן יאך פון תורה און חכמה, פאלט מען אויף אים אן פון אלע זייטן. אט די גרויסע מחנה קעגנער באשטייט אוים צוויי כיתות. צו דער ערשטער געהערן מענטשן, וואס פאר זיי זיינען פארבארגן אלע וועגן פון וויסן, דערפאר טוען זיי מבזה זיין יעדע חכמה; אפן, אן בושה באשפאטן זיי וויסן און בילדונג, דערקלערן חכמים פאר טפשים און נאראנים, און בכדי זיי נמאס מאכן אין די אויגן פונם פשוטן המון (ההמוניים), דערקלערן זיי זיי פאר מינים און אפיקורסים [9]. אבער פיל ערגער פון זיי אלע זיינען די, וואס געהערן צו דער צווייטער כיתה. דאס זיינען די פאלשע צבועקעס, וואס הילן זיך איין אין דעם מאנטל פון פרומקייט און עניוות, נאר זיינען גוואלטיקע בעלי גאווהס און ניט פארגינערס, און קאנען קיינעם גיט מוחל זיין טאמער זאגט מען אויף יענעם, אז ער האט מער חכמה פון זיי. זיי רע־כענען, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן זי זאל פאלן כורעים פאר זיי ולהתאבק בעפר רגליהם — און וואלגערן זיך אין שטויב פון זייערע פים.

---

8 „והרבה הדעת ויפוצו החכמה בישראל כמעין הנובעת להראות לעיני העמים כי נוכל לדבר צחות בכל חכמה ומדע גם בלשוננו הנבחר ולא יצטרכו ישראל לעם אחר".

9 „לרמסם בחלאת המינות ואפיקורסות למען יהיו לזרא ולהבאיש ריחם בעיני ההמונים".

און וואס מער חכם יענער איז, אלץ מער טוען זיי אים האסן, שטילער־הייט גראבן זיי אונטער אים, טוען מערן מחלוקת, רודפן אלע מענטשן פון וויסן, בכדי זיך צו גרויסן און זיין אויבנאן. און עס ארט זיי כלל נים דער חילול השם, וואס זיי זיינען גורם דערמיט... אט זיי, די צבועקעס און רמאים, זיי האבן עס געבראכט דערצו, וואס דאס פאלק ישראל האסט אלע חכמות און איז געשלאגן מיט דער „מגפת העורון" (מיט דער מגיפה פון בלינדקייט). זיי האבן עס גורם געווען, וואס מיר זיינען צו שפאט און צו שאנד אין די אויגן פון אלע פעלקער, ווייל מיר האבן זיך דער־ווייטערט פון אלע וויסנשאפטן, וואס זיינען דאך אין אמאליקע צייטן געווען דער שטאלץ און די קרוין פון אונזערע אבות, און איצט געפינען זיי זיך בלויז אין דעם רשות פון די אומות העולם" [10].

שיק, וואס האט זיך פיל באשעפטיקט אלס פראקטישער דאקטאר, און איז דערפאר אין דער גאנצער געגנט געווען באקאנט אונטערן נאמען „רבי ברוך דער דאקטאר" [11], האט אויך בדעה געהאט צו פארפאסן א פאפולער האנטבוך „ספר רפואות". אין זיין קורצן לערנבוך פאר היגיענע און מעדיצין „דרך ישרה" (האג, 1779), ווייזט ער אפילו אן, אז זיין „ספר רפואות" איז שוין גרייט צום דרוק, דאך האט ער דאס דאזיקע ווערק נים פארעפנטלעכט. דאס, וואס שיק האט נים מקיים געווען, האבן מיט ערפאלג פארווירקלעכט צוויי אנדערע אויפקלערער פון יענעם דור — ד"ר משה מארקוזי, „דער קיניגסבערגער דאקטאר", וועגן וועלכן מיר וועלן באריכות ריידן אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק, און מענדל לעפין.

מענדל בן יהודה־לייב לעפין איז געבארן אין 1749 אין דעם קליינעם פאדאליער שטעטל סאטאנאוו, דערפאר האט ער אויך געהייסן סאטאנאווער, און ווייל ער האט דערנאך געלעבט א לענגערע צייט אין דעם שטעטל מיקאלאיעוו, איז ער אויך באקאנט אונטערן נאמען מיקא־לאיעווער [12]. דערצווינגן אויפן אלטן, שטרענג־פרומען שטייגער, האט

---

10 „הן חמה היו לבני ישראל למעול מעל בחכמות ולנגפם במגפת העורון, לתתם חרפה ובוז בעיני העמים להשליך אחרי נוָם עטרת צבי וצפירת תפארתם לעזוב את הלמודיות והאלקית אשר המה נחלת אבותינו מעולם והדר תפארתנו בידי זרים".

11 אייניקע קוועלן גיבן אפילו אן, אז ברוך שיק, בעת ער האט געלעבט אין סלוצק און דארט פארנומען א דיין־שטעלע, איז אויך צו דער זעלבער צייט געווען לייב־דאקטאר ביים פירשט ראדזיוויל.

12 ביבליאגראפישע ידיעות וועגן מענדל לעפין, זע: נאטלאבער אין „הסגיד", 1873, נומ' 28—40, אין אין „האסיף", I, 6—7; ם. לעטערים אין „זכרון בספר", 38—40, אין „המאסף", I, אויסגאבע, 1862, 96—97, 182—186; ישראל חיינלעז („העולם", XIII,

לעפין פארבראכט זיינע יונגע יארן אויסשליסלעך איבערן תלמוד און פוסקים. צופעליק איז אים צו די הענט געקומען יש"ר מקאנדיאס „אלים", און דאס ווערק פון גאליליים טאלאנטפולן שילער האט אין דעם יונגן סאטאנאווער דערוועקט דעם אינטערעס צו מאטעמאטיק און אנדערע וויסנשאפטן. ער שטודירט מיט גרויס התמדה די ווערק פון די יידישע מיטלאלטערלעכע רעליגיעזע דענקער; דעם גרעסטן רושם מאכט אויף אים דעם רמב"מס „מורה נבוכים", און אין די שפעטערדיקע יארן, בכדי מאכן מיימונים ווערק צוגענגלעך אויך פאר די, וואס קאנען ניט איינ־בייסן דעם הארבן, שווערוואגיקן תיבונישן סטיל, האט ער איבערגעאר־בעט דעם „מורה נבוכים" אויף א קלארער און פארשטענדלעכער משנה־שפראך [13]. בכדי נאך פארשטענדלעכער צו מאכן מיימונים פילאזאפיש ווערק, האט לעפין געשריבן א ספעציעלע ארבעט „אלון מורה" — א מין ארייגפיר צו „מורה נבוכים". די ארבעט איז אבער געבליבן אין מאנו־סקריפט, ווי אויך די לעצטע צוויי טייל פון זיין „מורה נבוכים"־פא־ראפראזע. ווי פנחס הורוויטש, אזוי האט אויך לעפין ביי זיין גרויסער התמדה צו פיל אנגעשטרענגט די ראיה און קראנק געווארן אויף די אויגן. בכדי צו היילן זיין אויגן־קראנקהייט האט ער זיך געלאזט קיין בערלין (1780), וואס האט שוין פון לאנג געצויגן צו זיך דעם קליינשטעטלדיקן משכיל אלס וויכטיקער קולטור־צענטער. דארט פלעגט ער אפט באזוכן מענדעלסאנס הויז, וווּ ער האט זיך באקענט מיט שלמה מיימון, לעסינג, ריימארוס, טעלער און מיט פילע אנדערע דייטשע שריפטשטעלער. גאנצע פיר יאר האט לעפין אין בערלין פארבראכט, און די דאזיקע יארן זיינען געווען זיינע פרוכטבארסטע לערניארן. ער האט גרינטלעך שטודירט דייטש און פראנצויזיש [14], און זיי האבן אים געגעבן די פולע מעגלעכ־קייט זיך צו באקענען מיט דער מאדערנער ליטעראטור און וויסנשאפט. די ראציאנאליסטישע אידעען פון די דעמאלטיקע „אויפקלערער" האבן אין אים געפונען א הייסן אנהענגער. אין 1784 האט לעפין פארלאזן בערלין, און לאנגע יארן געפירט א נע־ונד־לעבן. א לענגערע צייט האט ער פארבראכט אין דעם שטעטלע מיקאלאיעוו, וואס האט געהערט צום

גום' 39–42), וועלכער האט זיך באנוצט מיט לעפינס נאך ניט פארעפנטלעכטן ארכיוו; ד. נעלבער, „אויס צוויי יאהרהונדערטען", 39—57; י. חייסבערג, „מאנאטשריפט", 1927, 54–62.

18 דעם ערשטן טייל פון דער דאזיקער פאראפראזע האט נאך לעפינס טויט פארעפנטלעכט זיין תלמיד כוכבסטאווער (אין 1829).

14 מענדל לעפינס בקיאות אין דער פראנצויזישער שפראך שטרייכט אונטער טענ־דעלסאן אין זיין הסכמה אויף דעם „ספר רפואות".

פירשט אדאם טשאַרטאָריסקי. אין נאָמען פון לעפינס תלמיד, מרדכי סוכאָכטאָווער, גיט גאָטלאָבער איבער פאָלגנדיקן אינצידענט אוים לעפינס לעבן אין מיקאָלאיעוו: דער פירשט טשאַרטאָריסקי האָט אמאָל צופעליק באזוכט אין מיקאָלאיעוו א געפעס־קראָם, וואָס האָט געהערט לעפינס ווייב, דער אשת חייל, וועלכע איז געווען די פרנסה־געבערין. אויפן טיש האָט ער דאָרט באמערקט א דיק דייטש בוך — דעם באוווסטן געלערנטן וואָלפס א מאטעמאטיש ווערק. דערוויסנדיק זיך, אז דאָס דאָזיקע בוך שטודירט דער קרעמערקעס מאן, איז ער געווען טשעקאווע מיט אים זיך צו באקענען. דער פירשט איז געווען שטארק איבערראַשט, בעת ער האָט אין דעם קליינשטעטלדיקן קרעמער דערזען אן אייראָפעיש געבילדעטן מאן, מענדעלסאָנס א פריינד און א גרינטלעכער קענער פון קאנטס פילאָזאָפיע. לעפין איז געוואָרן א בן־בית ביי טשאַרטאָריסקין; יענער פלעגט אים אָפט מאטעריעל שטיצן, געבן אים די מעגלעכקייט דרוקן זיינע חיבורים [15], און לעפין פלעגט זיין באַשיצער באקענען מיט די רייכע ידיעות, וואָס ער האָט אנגעזאמלט אין בערלין און אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דער דיכטער לעטערים דערציילט [16], אז ער האָט אליין געזען ביי נחמן קראָכמאַלן לעפינס א האנטשריפטלעכע אָפּהאנדלונג וועגן קאנטס פילאָזאָפיע, געשריבן אויף פראנצויזיש ספּעציעל פאַרן פירשט טשאַרטאָריסקי. העכסט וואָרשיינלעך האָט אויך אויף טשאַרטאָריסקיס פאָרשלאָג, בעת עס האָט זיך געעפנט דער „פיריאָדיקער סיים" (1792—1789), וועלכער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער פראַגע וועגן יידישער רעפאָרם — מענדל לעפין פאַרפאַסט זיין פראנצויזישע בראָשור, וו ער טרעט ארויס פאַר דער פוילישער רעגירונג מיט זיין פּראָיעקט ווי אזוי צו רעפאָרמירן די יידישע לאַגע [17]. בעת דער מיסטיקער פנחס הורוויטש

---

15 אין דער הקדמה צו זיין „רפואות העם" ווייזט לעפין אָן: „והנה הניר ד' את רוח הדוכס הגדול אדאם טשארטאריסקי יר"ה ונתנדב מאוצרו סך שלשים אדומים להדפסת הספר הזה לטובת אחינו בני ישראל". אין זיין בריוו צו שמעון פּיים ווייזט לעפין אָן: „ווערדע פאן מיינעם גוטן פערשטן נאך איבער אונטערשטיצט" („היסטאָרישע שריפטן", I, 813).

16 „זכרון בספר", 40.

17 די בראָשור, וואָס איז איצט איינע פון די גרעסטע יקר־המציאות, הייסט: „Essai d'un plan de réforme; ayant pour objet declairer la nation juive en Pologne et la redresser par ses moeurs" (ווארשע, 1789). עס איז אויסער ספק, אז לעפין האָט זיין בראָשור געשריבן אין פראנצויזיש, ווייל אין דער פוילישער שפּראַך איז ער געווען ווייניק באהאווענט. דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז לעפין איז געווען דער פאַרפאַסער פון דער דאָזיקער העכסט זעלטענער בראָשור און האָט אויך באקענט מיט איר אינהאַלט — איז געווען נ. געלבער („מיטטיילונג צ. יודישען פאָלקסקונדע", 1914,

שטרייכט אונטער די אומנאָרמאַלע עקאָנאָמישע לאַגע פונם יידישן קיבוץ, און אַז קודם־כל מוזן איבערגעבויט ווערן די סאָציאַלע יסודות פונם יידישן לעבן, אינטערעסירט דעם ראַציאָנאַליסט לעפין אין דער יידישער רעפאָרם פריער פון אַלץ די קולטורעלע זייט. ער שטרייכט אונטער אין זיין בראָשור, אַז מיימוני איז געווען איינער פון גרעסטע לערער און פירער פונם יידישן פאָלק, דער מיסטיציזם האָט אָבער ליידער פאַרווילדעט דאָס פאָלק און עס אַראָפּגעפירט פון דעם גלייכן וועג. און איצט אין דער אויפקלערונגס־צייט, בעת אין דייטשלאַנד רופט מענדעלסאָן און זיינע תלמידים דאָס יידישע פאָלק צוריק אויף מיימונים ראַציאָנאַליסטישע וועגן, האָט זיך ביים פּויליש־יידישן קיבוץ געשטאַרקט אַ נייע מיסטישע באַוועגונג, וואָס איז פול מיט ווילדן אָבערגלויבן און פאַרהאַלט זיך פיינדלעך צו בילדונג און אויפקלערונג. דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל איז דערפאַר רעפאָרמירן דעם יידישן חינוך. די דערציִונגס־פראַגע שטעלט לעפין אַרויס אַלס דעם ווינקלשטיין פון דער יידן־רעפאָרם. מען דאַרף אויפבויען אַ גאַנצע נעץ פון נאָרמאַל־שולן, אויך פיל זיך אָפּגעבן מיט אויפקלערערישער אַרבעט, עפענען דעם פאָלק די אויגן, קעמפן מיט דער בייטש פון סאַטירע קעגן דעם אָבערגלויבן, קעגן די אַלע בעלי נסים און בעל־שמען מיט זייערע השבעות און קמיעות.

לעפין גופא איז לויט זיין טעמפּעראַמענט געווען ווייניק צוגעפּאַסט צו דער ראָלע פון אַ קעמפער, וואָס באַנוצט זיך מיט דער בייטש פון סאַטירע, דערפאַר טאַקע האָט ער פאַר זיך געשטעלט ריין אויפקלערערישע אויפגאַבן — פאַרשפּרייטן און פּאָפּולאַריזירן וויסן צווישן זיינע ברידער [18]. מענדל לעפין איז פעסט איבערצייגט, אַז כבוד און דאַנקבאַרקייט

46—48). אין דעם דורך ישראל וויינלעז פאַרעפנטלעכטן פראַגמענט פון מענדל לעפינס אַ בריוו („היסטאָרישע שריפטן", I, 814) ווייזט לעפין אָן: „זאָ גאַב איך אַנאָ 91 מיינע פראַ:צויזישע בראָזשירע צו בעהופע דער קאָנסטיטוציאָן דעם 3טן מאַיום אין װאַרשוי הערויס". ווי עס שיינט, האָט דאָ לעפין די דאַטע ניט ריכטיק אָנגעגעבן, ווייל לויט נעלבער איז די בראָשור דערשינען אין 1789.

18 אין אַ נים פאַרענדיקטער העברעישער אַרבעט, ווו לעפין באַהאַנדלט די זעלבע פראַגע וועגן רעפאָרמען און וועגן איינפירן הויז־אינדוסטריע ביי יידן, געפינט זיך לעפינס פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטישע דערקלערונג: „גם עם החכם ר"מ מדסא ז"ל (משה מענדעלסאָן) נמלכתי בנידון זה ולא מצא להניה עלי זולתי מקצת השגות של פרטים קטנים בעלמא חוץ מדבר אחד שהקפיד עליו ביותר, דהיינו, שלפי דעתו צריך ליתן עול כלל העסק הזה על חצי השררה יר"ה. ואני לא יהיה לי עסק עמהם, אלא להיות פנוי לחבר חבורים ומועצות טובות בלבד. שבאם לאו יש לחוש שלא תקפוץ עלי קנאה ושנאה מקלקלת השורה ומאבדת כל טובה זו מישראל ח"ו" (מיר ציטירן לויט י. וויינלעז אַרבעט אין „ייוואָ־בלעטער", 1931, II, 350).

פאָרדינט נאָר דער געלערנטער און פאָרשער, וועלכער באַנוגנט זיך ניט דערמיט, וואָס ער האָט געזאַמלט אַ סך וויסן פאַר זיך גופא, נאָר שטרעבט אויך אָן אַלע זיינע כוחות בכדי די אַלע ידיעות זיינע פאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע שיכטן פונם פאָלק, באַקענען מיט זיי דעם פּשוטן עולם [19].

כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקער פּרט. אין 1819, בעת דער אַלטער לעפין האָט געלעבט אין בראָד, האָבן די אָרטיקע משׂכּילים געפייערט אין אַן ענגן קרייז זיין 70־יאָריקן יובילײ. אויף דעם פייערלעכן אָוונט איז אויך בייגעווען דער טיפער דענקער נחמן קראָכמאַל, וואָס איז געווען פון לעפינס תּלמידים און חסידים. קראָכמאַל האָט שוין דעמאָלט געשמט מיט זיין ברייטן אַלזייטיקן וויסן, ער איז אָבער געווען אַ נחבא אל הכלים, און קיין זאַך ניט פאַרעפנטלעכט. דאָס האָט אים לעפין ניט געקאָנט מוחל זיין, און טאַקע אין דעם דאָזיקן אָוונט האָט ער אויפן באַנקעט, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט פון זיין כּבֿוד וועגן, זיך געווענדט צו קראָכמאַלן מיט אַ גאַנצער שטראָף־רעדע. „וואָס וואָלט אונז גענוצט — האָט ער צו אים געזאָגט — די זון מיט איר גאַנצער פּראַכט, ווען זי זאָל ניט איבער אונז אירע שטראַלן פאַרשפּרייטן? וואָס וואָלט אונז אַרויסגעקומען, וואָס איבער די הייליקע נביאים טוט גאָטס גייסט רוען, ווען זיי וואָלטן זיך ניט געפלייסט זייער רוח הקודש איבער דעם פּשוטן פאָלק צו פאַרשפּרייטן און ניט געפונען פאַר נייטיק, ניט קוקנדיק אויף אַלע רדיפות און ליידן, צו גיין איבער די גאַסן און געמאַרקן און רופן: קרבו בנים, שובו! שמעו דבר אלהים וראו! דו אָבער, וואָס ביסט ביכולת צו ברענגען ליכט דיין פאָלק, דו, וואָס גאָט האָט דיך באַשטימט צו עפענען די אויגן פון די, וואָס טאַפּן אין דער פינסטער, באַפרייען די נשמות, וואָס שמאַכטן אין געפענגעניש — דו זיצסט פאַרשפּאַרט אין דיין חדר, באַנוגנסט זיך דערמיט, וואָס דו האָסט פאַר זיך פיל וויסן געזאַמלט, און דיין האַנט וויל די פעדער ניט באַנוצן?״

און לעפין איז טאַקע געווען אַ נאה דורש און נאה מקיים. ווען ער האָט נאָך געלעבט אין בערלין, האָט ער פאַרטראַכט אַ גאַנצע ריי פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן פאַרן פאָלק. אין 1789 איז דערשינען זיין „אגרות חכמה״ — פּאָפּולערע אויפזאַצן וועגן נאַטורוויסנשאַפטן [20].

---

[19] „שמאס בכה אית, החכמים שנאמר בהם: אם חכמת — חכמת לך, אלא היה טורח כל ימיו להחכים גם את המון העם ולהוכיח את הכושלים שבדורו על פי מוסר".

[20] פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן ווערק זיינען געווען פאַרעפנטלעכט אין דעם „המאסף", 1789, 81—92, 136—144.

שוין אין דעם דאַזיקן ווערק באַווייזן זיך אַלע מעלות פון לעפינס אייגנ־ אַרטיקן סטיל. די בערלינער „אויפקלערער", די בעלי „המאספים" האָבן זיך געפלייסט צו קאָפּירן דעם ריין ביבלישן סטיל, און האָבן כלל נים געוואָלט זיך רעכענען מיט די גרויסע שינויים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער שפּראַך־אַנטוויקלונג אין משך פון דער נאָך־ביבלישער תקופה; לעפין אָבער האָט מיט גרויס ערפאָלג אויסגענוצט די רייכע אוצרות פון דער קלאָרער, קערנדיקער משנה־שפּראַך, און דורך דעם איז זיין סטיל אַזוי פריש און זאַפטיק [21]. אַלס אמתער סטיל־מייסטער באַווייזט זיך לעפין אין זיין שפּעטער דערשינענעם האַנטבוך פאַר היגיענע און מע־ דיצין, ווו ער שטרייכט אַליין אונטער אין דער פאָררעדע, אַז ער האָט זיך באַזונדערס געפלייסט צו שרייבן אין אַ קלאָרן פּאָפּולערן סטיל בכדי זיין ווערק „תהיה קלה ונמרצת להבין" [22]. אויף מענדעלסאָנס פאָרשלאָג [23] האָט לעפין איבערגעאַרבעט אויף העברעיִש דאָס אין יענער צייט אַזוי פּאָפּולערע מעדיצינישע ווערק פון דעם דאָקטאָר טיסאָ, און די דאָזיקע אַרבעט („רפואות העם") איז געווען אַזוי קונציק געמאַכט, אַז זי איז גלייך פאַרשפּרייט געוואָרן בכל תפוצות ישראל און יידישע קהילות פלעגן קויפן מערערע עקזעמפּלאַרן „רפואות העם", זיי פונאַנדערטיילן די רבנים און די משגיחים פון די שפּיטאָלן בכדי צו וויסן, ווי מען דאַרף אַרומגיין ביי אַ קראַנקן און מקיים זיין אויפן געהעריקן אופן די מצווה פון ביקור חולים [24].

21 „הנה עיקר מלאכת בעלי לשון חללו הוא להלביש תיקף המבוקש עכשיו לצורך שעה זו בקצוצי פסוקים שונים מכתבי הקודש ופסקי מאמרי חז"ל מצומדים ראשו של זה בעקבו של זה. ולא זו בלבד אלא שלפעמים הם מקשים את מלאכתם עוד בהמצאות יתירות בכדי להוציא את הכתובים ממשמעותם ולהכריחם להגיד את מבוקשם עכשיו ע"י חילוף אותיותיהם באותיות אחרות דומות לחן קצת במבטא. והנה המעיין בלשונות מגומגמים כאלו אי אפשר לו להבין מתוכם כלום, אלא אם כן כבר ידע תוכן המאורע שבה ע"י סיפור אחר בעל פה".

22 חענן לעפינס שאַפונגען אויף יידיש וועט זיין באַריכות די רייד אין די חייטערדיקע טיילן פון אונזער „געשיכטע".

28 מענדעלסאָן גופא חייזט אָן אין זיין הסכמה צו „רפואות העם": „ואחרי אשר הועתק (טיסאָס ווערק) לכל יושבי אירופא לעם ועם כלשונו, חוקתי ואמצתי אף אני את לב ידידי החכם נר"ו לחעתיקו ללשון הקודש לתועלת אחינו בני ישראל אשר לא ידעו לקרות בספרי העכים. ולהבין את לשונם". די דאָזיקע הסכמה, וואָס איז דאַטירט: י"ב אדר הקמ"ה, האָט לעפין צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין זיין „מודע לבינה" (דאָרט זיינען צוזאַמען מיט די פריער דערמאָנטע „אגרות חכמה" געדרוקט די ערשטע קאַפּיטלען „רפואות העם" און דערנאָך אין דער פולשטענדיקער אויסגאַבע פון „רפואות העם" (זשאָלקיעוו, 1794) צוזאַמען מיט די הסכמות פון די רבנים אויס לעמבערג, בראָד, זשאָלקיעוו און פראַנקפורט אויף דער אָדער.

24 דער פאַרפאַסער גופא ווייזט אָן אין דער הקדמה צו „רפואות העם": „וכל

נאָכדעם ווי לעפין האָט פאַרענדיקט זיין האַנטבוך ווי צו תיילן פיזישע קראַנקהייטן, האָט ער באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ צווייט „רפואה־בוך" — אַ רפואה־בוך פאַר דער נשמה, אַ ווערק, וואָס זאָל זיין אַ מורה־דרך אויפן געביט פון עטיק, באַהילפיק זיין אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס מאָראַלישן באַוווסטזיין. „חשבון הנפש" הייסט דאָס ווערק[25], געשריבן האָט עס לעפין אין די לעצטע יאָרן פונם 18טן י"ה, נאָר פאַר־עפנטלעכט ערשט מיט אַ יאָר צען שפּעטער (1808, לעמבערג). אין דעם סדר פון די מאָראַלישע כּללים און עטישע פּרינציפּן, וואָס ווערן דאָרט באַטראַכט אַלס „זיכערער הילפסמיטל צו „חשבון הנפש" און „מלאכת חינוך המדות", שטעלט זיך לעפין אַלס מוסטער דעם באַרימטן בנימין פראַנקלינס פּאָפּולערע אַרבעטן וועגן „זיטן־פאַרבעסערונגס־קונסט". ניט אָבער בלויז די כּללים פון זעלבסט־דערציִונג איז אויסן לעפין מיט זיין חיבור. פיל וויכטיקער איז דער אָרט און שטייגער ווי דער בעל „חשבון הנפש" דערקלערט די יסודות און גרונט־פּרינציפּן פון דער יידישער רעַ־ליגיעזער עטיק. די טראַדיציאָנעלע באַגריפן וועגן דער יידישער אמונה פלעגטן זיך ביי לעפינען צונויף־מיטן גייסט און וועלטבאַנעם פונם סוף אכצנטן יאָרהונדערט. די יסודות פון דער יידישער עטיק טרעטן ביי לעפינען אַרויס ניט אין אַ מיסטישן אָדער פּילפּוליסטיש־רבנישן לבוש, נאָר אין מער מאָדערנע פאָרמען. ביים דערקלערן די פון אים אַרויסגעשטעלטע כּללים, ברענגט לעפין ניט זעלטן ראיות פון די חכמות הטבע (נאַטורוויסנשאַפטן), שטיצט זיך אויף פּראָבלעמען פון פּסיכאָלאָגיע און פיזיאָלאָגיע פון עמפּינדונגען[26]. אין פולן הסכּם מיט די אָנשויונגען פון די יידישע מיטלאַלטערלעכע בעלי־מוסר און רעליגיעזע דענקער, שטרייכט אויך לעפין אונטער, אַז דער מענטש שטייט מאָראַליש העכער פון די מלאכים, ווייל דער מלאך האָט ניט קיין פרייע בחירה, ער איז בלויז אַ פּאַסיווע אָפּשפּיגלונג „ממדת הרחמים"; דער מענטש אָבער, וואָס האָט אַ פרייען ווילן, קעמפט אויף זיין אייגענעם חשבון, און דורך עקשנותדיקן קאַמף און שווערע מאָראַלישע ליידן און שמערצן דער־

מי שחשקה נפשו לקיים מצות ביקור חולים שיש בו פיקוח נפש יגמור את החבור הזה ואח"כ ירגיל את עצמו בבתי החולים וישגיח עליהם כפי המבואר כאן עד שיאורו עיניו לסדר לו הדברים בבירור על פי הראיה ואז יכול להתחיל אחת אחת לשמור ולעשות בעסקי הרפואות עצמן תקל הקל תחילה והש"י יצליח בידו"

25 „חשבון הנפש והיא תחבולה נפלאה להתרפאות בחליי המדות על ידי התמדת חנוך תיקוניהן בדרך חשבון והנהגה נוחה וקלה, ולהתמהות לרפאות גם אחרים ולהקל היגוניהם בדרך התובה".

26 זע צום ביישפּיל: „חשבון הנפש", 106, 115, 117 אאַז"וו (פּיר ציטירן לוים דער ערשטער אויסגאַבע).

גרייכט ער די „מדת חסד". „דעם מענטשנס נשמה, פירט לעפין אויס, פאַרדינט געצאָלט פאַר אירע שווערע ליידן" [27]. און בעת לעפין רעדט וועגן דער העכסטער מדרגה פון גליק און פאַרגעניגן, וואָס דער מענטש קאָן דערגרייכן, טרעט ער פאַר אונז אַרויס אַלס אמתער זון פונם „אויפ־קלערונג" 18טן י"ה: צוזאַמען מיטן פאַרגעניגן, וואָס דער מענטש האָט, בעת ער טוט גערעכטע מעשים און טוט גוטס „מיט יעדן באַשעפעניש", דערמאָנט לעפין מיט התלהבות דאָס העכסטע גליק־געפיל, וואָס דרינגט דורך דעם מענטשן, בעת ער פאַרטיפט זיך אין די סודות פון דער נאַטור און פאָרשט אויס די געזעצן, וואָס געוועלטיקן איבער אַלץ, וואָס עקסיסטירט [28]. אינטערעסאַנט איז אויך לעפינס באַמערקונג, אַז די אַנטיקע פעלקער האָבן אין גאָט דעם באַשעפער געזען קודם־כל דעם גאָט פון דער געוואַלטיקער קראַפט, דעם גאָט פון נקמה און גערעכטן משפט (אל שדי, אל נקמות, אלקי הצדק והמשפט); די יידן אָבער האָבן געזען גאָטס אמתע גרויסקייט אין זיין רחמים, אין זיין לייטזעליקייט און הייליקייט; זיי, די קינדער פונם פאָלק ישראל, האָבן די ערשטע איינגעזען, אַז די אמתע ידיעת הבורא גרינדעט זיך ניט אויף יראה, נאָר אויף ליבע און איבערגעגעבנקייט [29].

דער „חשבון הנפש" האָט געהאַט אַ געוואַלטיקן דערפאָלג. אין פילע קהילות פון גאַליציע און פאָדאָליע האָבן זיך אין יענער צייט געבילדעט ספּעציעלע חברות, וואָס זייערע תקנות זיינען צונויפגעשטעלט לויט די עטישע כללים פון לעפינס „חשבון הנפש". און אין צענדליקער יאָרן אַרום (1844), ווען מענדל לעפין איז שוין לאַנג אין קבר געלעגן [30], האָט דער באַקאַנטער באַגרינדער פון דער „מוסר"־באַוועגונג, ר' ישראל סאַלאַנטער, איבערגעדרוקט דעם „חשבון הנפש" אַלס אויסגעצייכנט האַנט־בוך פאַר עטישער זעלבסט־דערציִונג.

אַן איבערצייגטער ראַציאָנאַליסט און גרויסער פריינד פון דער

---

27 דאָרטן 5: „כדאי היא הנשמה האנושית ליטיל לפום צערא אגרא".

28 דאָרטן, 5 און 29: „אותו תענוג הנפלא מעין שלמעלה לעשות צדקה עם כל בשר ורוח, ואותו נועם הנראה בשלימיותיו יתברך דהיינו ביכלתו, הכמתו וחסדו הנשגבים על ידי הבחינה בהרכבת היצורים כגון הקישור הפירוד השילוב והגילגול התמידי בעולם הדוממים הנקראה חימיאה זריעה קליטה מזון גידול וזיווג הצמחים, תהלוכות איברי בעה"ח וקישורי אלפי חוליותיהן".

29 דאָרטן, 9א.

30 לעפין איז געשטאָרבן אין יולי 1826 אין טאַרנאָפּאָל, וווּ ער האָט ניט לאַנג פאַר זיין טויט פאַרענדיקט זיין אין דייטש געשריבענע און ביז איצט נאָך ניט פאַר־עפנטלעכטע זעלבסטביאָגראַפיע „נאָכלאַס איינעס זאָנדערלינגס צו אַבדערא", וואָס פאַר־נעמט זיך מיט פילאָזאָפישע חקירות איבער קאַנטס סיסטעם".

בערלינער „השכלה", איז דאָך מענדל לעפין געשטאַנען נענטער צו די פאַרפאַסער פון „עמודי בית יהודה" און „טל אורות" ווי צו מענדעלסאָנס תלמידים. אין זיין פראַנצויזישן „עסיי", וואָס ער האָט געשריבן כלפי חוץ, פאַר די פאַרשטייער פון דער רעגירונג, פראָיעקטירט ער טאַקע נאָרמאַל-שולן מיט פויליש אַלס אונטעררייכט-שפּראַך (זע געלבער, צ. וו. 47), ער גופא שטעלט זיך אָבער, ווי מיר וועלן ווייטער זען, די אויפגאַבע צו באַקענען דאָס פאָלק מיט זיינע בעסטע קולטור-אוצרות — מיט דער ביבל, אויף דער אומגאַנגס-שפּראַך פון די ברייטע פאָלקסשיכטן, דעם „זשאַרגאָן", וואָס איז געווען אַזוי פאַרהאַסט ביי די בערלינער „אויפקלערער". ווי ראַציאָנאַליסטיש לעפין איז ניט געווען געשטימט, דאָך האַלט ער פאַר נייטיק באַזונדערס אונטערצושטרייכן די גרויסע ראָלע, וואָס דער רעליגיעזער קולט שפּילט אין דער סיסטעם פון זעלבסט-דערציִונג [31].

בעת מען שאַצט אָפּ לעפינס אויפקלערערישע טעטיקייט, מוז מען אויך נעמען אין באַטראַכט לעפינס באַטייט אַלס פאַרבינדונגס-רינג צווישן די גאַליצישע און ליטווישע ערשטע אָנזאָגער פון דער השכלה-באַוועגונג. מענדל לעפין האָט זיינע עלטערע יאָרן פאַרבראַכט אין בראָד, און דאָרט איז ער באַלד געוואָרן דער צענטראַל-פּונקט, אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט צו וויסן און בילדונג [32]; ער איז אָבער אויך געווען ענג פאַרבונדן מיט די פּראָגרעסיווע פאַרשטייער פון א צווייטן וויכטיקן האַנדלס-צענטער — שקלאָוו. אין סוף פונם 18טן י״ה האָט אין ווייסרוסלאַנד שקלאָוו געשפּילט אַלס האַנדלס-צענטער ניט קיין קלענערע ראָלע ווי בראָד אין גאַליציע. דאָרט פלעגן פאָרקומען גרויסע ירידים און די שקלאָווער יידישע סוחרים האָבן געפירט א פילזייטיקן, פאַרצווייגטן מסחר. דער אַקאַדעמיקער וואַסיליאַ סעווערין, וואָס האָט אין יענער צייט באַזוכט שקלאָוו, דערציילט אין זיינע מעמוארן: „די שקלאָווער באַפעלקערונג באַשטייט הויפּטזעכלעך פון יידן, און זייער צאָל דעררייכט ביז 1200 נפשות. זייער באַשעפטיקונג באַשטייט דער עיקר אין מסחר; זיי האַנדלען מיט זיידנשטאָפן, שפּיצן, לייוונט און כלערליי גאַלאַנטעריי-זאַכן" [33]. אַז די בוכאַרער יידן האָבן אין 1802 זיך געווענדט צו דער שקלאָווער קהילה נאָך אייניקע ידיעות, אין וועלכע זיי האָבן זיך

---

81 זע לעפינס אינטערעסאַנטן בריוו פון יאָר 1817, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „בכורי העתים", 1827, 5—8.

82 צווישן לעפינס מקורבים און תלמידים איז אויך געווען דער יונגער נחמן קראָכמאַל, דער שפּעטערדיקער פאַרפאַסער פונם קלאַסישן ווערק „מורה נבוכי הזמן".

83 מיר ציטירן לויט קאָראָבקאָווס אַרבעט אין „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1910, 262.

גענייטיקט צום האנדל, וואס זיי האבן דעמאלט פארבונדן מיט געוויסע רוסישע צענטערס, האבן די שקלאווער יידן אין זייער לאנגן ענטפער[84] געפונען פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז שקלאוו איז א עיר ואם בישראל, א שטאט פול מיט חכמים וסופרים; די איינוווינער פון דער שטאט זיינען רייכע האנדלסלייט. דער גרעסטער רוב סוחרים זיינען יידן, וואס פארן אין די ווייטע מדינות, ברענגען פון דארטן אלע מיני סחורות און פארשפרייטן זיי איבער דער גאנצער אומגעגנט[85]. אט די וויכטיקע האנדלס־ראלע פון שקלאוו, דער ענגער פארבאנד מיט אויסלענדישע אייראפעישע צענטערס, האט עס טאקע גורם געווען, וואס שקלאוו איז געווארן א „עיר מלאה חכמים וסופרים". די ראלע פון שקלאוו אלס קולטור־צענטער איז נאך מער געשטיגן, ווען עס האט זיך דארט אין די אכציקער יארן פונם 18טן י"ה געגרינדעט א העברעישע דרוקעריי. בראש פון דעם שקלאווער קולטור־צענטער איז דעמאלט געשטאנען דער רייכער סוחר און חריפותדיקער תלמודי, יהושע צייטלין[86]. א גרויסער חשוב ביים פירשט פאטיאמקין, האט צייטלין באקומען דעם אויפטראג צו באזארגן בשעת דער טערקישער קריג דאס רוסישע חייל מיט פוראזש און פראוויאנט. אלס הורט־פאדריאטשיק, וואס האט געפירט די ברייטע געשעפטן, האט צייטלין זיך דערווארבן א גאנץ גרויס פארמעגן און איז געווארן איינער פון די רייכסטע יידן אין רוסלאנד. ער האט זיך באזעצט אין זיין איינן גוט אוסטיע, וואס געפינט זיך אין דער שקלאווער אומגעגנט, און עס האט זיך דארט מיט דער צייט געבילדעט א מין „פרייע אקאדעמיע". צייטלין האט ביי זיין הויף אויפגעבויט א באזונדער בית־מדרש מיט די טייערסטע כלי־קודש און ספרי־תורות, וואס ער האט געבראכט מיט זיך פון טערקיי. פילע לומדים און תלמידי חכמים האט צייטלין פארזארגט מיט אלע זייערע הצטרכותן, בכדי זיי זאלן קאנען רויק זיצן און לערנען. צו זייער וויסנשאפטלעכער ארבעט האבן זיי געהאט ביי דער האנט א זייער רייכע ביבליאטעק[87]. ארום דער דאזיקער אייגנארטיקער „פרייער אקאדעמיע" האבן זיך גרופירט מענטשן מיט די פארשיידנסטע גייסטיקע אינטערעסן. דארט האט דער רב מנחם נחום געשריבן זיין פירוש אויף תוספתא „תוספת בכורים", און אין דער זעלבער צייט האט דארט

---

84 א פאטאגראפישער אפצוג פון דעם דאזיקן נעדרוקטן ענטפער איז פארעפנטלעכט אין צוויטן באנד „פערעזשיטאיע", II, 276—277.

85 „ורובם ככולם סוחרים מבני ישראל אשר יסעו עד קצי הארץ להביא משם כל מיני סחורה והיא תחלק שלל סחורותיה לכל הארצות אשר סביבותיה במחיר".

86 געבארן אין שקלאוו אין 1742, געשטארבן אין 1822.

87 זע ש. י. פין, „קריה נאמנה", 477

מענדל לעפין זיין „חשבון הנפש" געשריבן און ברוך שיק האָט גאָר זיך אַ ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריע איינגעאָרדנט, כעמישע פּרווון דאָרט צו מאַכן. צווישן זיי האָט זיך אַרומגעדרייט מיט שטילע טריט אַ גאַנץ איינגנאַרטיקע פיגור — בנימין זלמן ריבהלעס, דעם ווילנער גאונס אַ תּלמיד. ער האָט געפירט אַ לעבן פון אַן אַסקעט, ניט געגעסן קיין פליייש און ניט צוגערירט זיך צו קיין שום משקאות. אַ פאַרמעגלעכער מענטש, האָט ער אַוועקגעוואָרפן אַלע געשעפטן און באַזעצט זיך אין ציײטלינס גוט, בכדי זיך קאָנען אָפּגעבן אומגעשטערט מיט דברי חכמה. ער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט תּלמודיש־רבנישער ליטעראַטור [38]; די באַקאַנטשאַפט מיט אייראָפּעיִשע שפּראַכן האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט פליסיק שטודירן נאַטורוויסנשאַפטן. באַזונדערס האָבן אים אינטערעסירט מעדיצין און באָטאַניק, און ער האָט אַפילו אין אוסטיע פאַר זיך איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלן גערבאַריום, ווו עס זיינען ביי אים געווען צונויפגעזאַמלט די פאַרשיידנאַרטיקסטע פלאַנצן. פון די פלאַנצן און קרייטעכצעפלענט ער קאָכן אַלע מיני היילמיטלען און היילן מיט זיי זיינע באַקאַנטע. „מיט זיינע מידות און סדר לעבן — שרייבט וועגן אים יהושע ציײטלינס איידעם, מרדכי נאָטאַנזאָן — דערמאָנט ריבהלעס די קדמונישע חסידים און פּירושים, וואָס זיינען באַקאַנט אונטערן נאָמען אסיים" [39].

דאָס, וואָס די שקלאָווער יידישע סוחרים האָבן ניט נאָר געפירט געשעפטן מיט אויסלענדישע פירמעס, נאָר זיינען אויך געווען פּאָדריאַטשיקעס און מקורבים ביי די רוסישע שררות, מאַכט גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס שוין אין די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער פונעם 18טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין דעם דאָזיקן וויכטיקסטן ווייסרוסישן צענטער געפונען אַזוינע יחידי סגולה, וואָס זיינען געווען באַהאַוונט ניט בלויז אין אייראָפּעיִשע שפּראַכן, נאָר אויך אין דער רוסישער. איינער פון די ערשטע אויף דעם געביט איז געווען נפתּלי הערץ שולמאַן. דער היסטאָריקער ש. י. פין פאַרזיכערט, אַז שולמאַן איז געווען אַזאַ גרינטלעכער קענער פון דער רוסישער שפּראַך, אַז ער האָט אַפילו פאַרפאַסט אַ ווערק אויף רוסיש [40]. מיר האָבן אָבער זייער קנאַפּע ידיעות וועגן דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט. מיר ווייסן בלויז, אַז די יונגע יאָרן האָט שולמאַן פאַרבראַכט אין ווילנע, ווו ער האָט געשמט אַלס גרויסער בעל־דיקדוק און אין איינעם פון די אַרטיקע בתּי־מדרשים האָט ער מיט אַן ענגן קרייז וויסנ־

---

38 ריבהלעס האָט אין 1804 פאַרעפנטלעכט אַ תּלמודיש ווערק „גביעי גביע כסף".

39 „קריה נאמנה", 279.

40 „שפה לנאמנים", 147.

באגיריקע יונגעלייט געלערנט מיימונים „מורה נבוכים" [41]. שולמאן איז אויך געווען באקאנט אלס גוטער קענער פון לאטיין. אין סוף פון 18טן י"ה געפינט זיך שוין שולמאן אין שקלאוו, ווו ער האט אין 1803 אי־בערגעדרוקט מיט פארשיידענע הוספות בנימין מוספיאס באקאנט לעק־סיקאגראפיש ווערק „זכר רב". אינטערעסאנט איז שולמאנס הקדמה צו דעם דאזיקן ווערק. קודם־כל ווערן מיר אויס איר געוואר, אז שולמאן האט אויך פארפאסט, נאר ניט פארעפנטלעכט, אייניקע ווערק, צווישן זיי א ווערטערבוך, ווו עס ווערן דערקלערט אלע ווערטער, וואס קומען פאר אין די תרגומים, תלמוד בבלי און ירושלמי, זוהר, מדרשים, ספרי קבלה און ספרי מחקר. ער האט אויך פארפאסט א ווערק ספעציעל וועגן „דרכי הלימוד". וועגן רעפארמירן די קינדער־דערציִונג רעדט אויך שולמאן אין דער הקדמה צו „זכר רב". ווי דער ווילנער גאון, ווייזט אויך שולמאן אן אויף דעם אומגארמאלן סדר פון קינדער־דערציִונג ביי יידן; ביי שולמאנען הערן זיך אבער דערביי אויך נייע מאטיוון, אין וועלכע עס פילט זיך די השפעה פון דער „בערלינער השכלה"; קודם־כל די שנאה צו „זשארגאן". ער שטרייכט אונטער, אז די ביבלישע ווער־טער ווערן ביי אים איבערזעצט אויף לאטיין [42], רוסיש און „אויף ריינער דייטשער שפראך ניט אויף דעם זשארגאן (בלעגי שפה), וואס מיר ריידן". ער ווארנט אויך דערביי, אז מען זאל די קינדער צוגעוויינען דערקלערן די ביבלישע ווערטער בלויז אויף ריין דייטש, ניט צוטראכטן קיין אנדערע ווערטער, ווייל מיר ריידן אויף א געמישטער פארדארבענער שפראך [43]. נאך אינטערעסאנטער איז דער אויפרוף, וואס איז אפגע־דרוקט צום סוף פונם „זכר רב". ווי עס שיינט, האבן די שקלאווער אויפ־געקלערטע זיך דעמאלט ארומגעטראגן מיטן געדאנק גרינדן א וואכנשריפט אויף העברעיִש. האט דערפאר שולמאן איסגענוצט דעם „זכר רב" און אויף דער לעצטער זייט פארעפנטלעכט א מודעה וועגן דער פראיעקטיר־טער צייטונג. די דאזיקע מודעה האט בלי־ספק א קולטור־היסטארישן באטייט און מיר ברענגען זי דערפאר אין ווערטלעכער איבערזעצונג:

„ברידער מיינע! עס זיינען איצט פאראנען אין יעדער שטאט און אפילו אין די קליינע שטעטלעך ניט ווייניק מענטשן, וואס דורשטן נאך וויסן. די גרויסע מניעה באשטייט אבער אין דעם, וואס עס פעלן די

---

41 וועגן שולמאנס באזוך ביים ווילנער גאון, זע ב פלונגיאנס „בן־פורת", 58.

42 בכדו צו פארקלערן די דרוק־קאסטן האט שולמאן געדרוקט דעם „זכר רב" בלויז מיט דער דייטשער דערקלערונג, אבער אן די לאטיינישע און רוסישע.

43 „והצינו מדברים שפת פולין וחצינו שפת רוסיא ועוד מלשונות אחרים ודביים רבים אשר לא ידענו מאין המה לנו".

פּאַסנדע ביכער און עס איז ניטאָ בײַ װעמען צו באַקומען די נײטיקע ידיעות, װי אַזױ זיך צו פאַרפּולקומען אױפן געביט פון װיסן. האָב איך דערפאַר באַשלאָסן פאַרעפנטלעכן יעדע װאָך ידיעות װעגן אַלע נײַסן, װאָס געשעען אױף דער גאָרער װעלט. די ידיעות װעלן גענומען װערן פון די צײַטונגען, װאָס דערשײַנען אין האַמבורג, פּעטערבורג און בערלין און אױך פון נײַ געדרוקטע װיסנשאַפטלעכע ביכער. אױף אַזאַ אופן װעט יעדער געפינען אין דער װאָכנצײַטונג דאָס, װאָס אים אינטערעסירט אַמ־מײסטן: דער סוחר װעט לײענען װעגן מסחר און פּאָליטישע געשעענישן, און דער ליבהאָבער פון חכמה — װעגן װיסנשאַפטלעכע נײַסן. און יעדער װער עס װעט האָבן עפּעס מחדש צו זײַן אױפן געביט פון װיסן, זאָל ער מיר װעגן דעם מעלדן און איך װעל דערמיט דורך דער צײַטונג באַקענען אַלע אונזערע לײענער. דורך דעם װעט צװישן אונזער פאָלק פאַרשפּרײט װערן פיל װיסן אױף די געביטן פון פאַרשײדענע שפּראַכן, מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, נאַטורװיסנשאַפטן אאַז״װ. װער עס װיל זיך אונטערשרײַבן אױף דער דאָזיקער צײַטונג, זאָל ער זיך װענדן קײן שקלאָװ אױפן אַדרעס פון מײַן תּלמיד חיים במהר״ץ און װען עס װעט זיך אָנזאַמלען אַ געװיסער סכום חתימות, װעל איך מעלדן אַלע װײַטערדיקע פּרטים״ [44].

די פאַרשפּראָכענע „װײַטערדיקע פּרטים״ האָט אָבער שולמאַן מער ניט געמעלדעט, און פון דער פּראָיעקטירטער צײַטונג איז גאָרניט געװאָרן. עס איז אױך ניט שװער דערגײן די סיבות, װאָס האָבן גורם געװען דעם דורכפאַל פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער אונטערנעמונג. גראָד דעמאָלט, װען שולמאַנס אױפרוף איז דערשינען, האָט זיך שױן גאַנץ בולט אַרױסגעװיזן, אַז עס נעמט אַ סוף מיטן פרידלעכן צוזאַמענלעבן צװישן „תּורה וחכמה״, צװישן דעם פּאַטריאַרכאַלישן יִראת שמים און אָרטאָ־דאָקסישן װעלטבאַנעם מיט די „חכמות חיצוניות״ און די נײַע אױפקלע־רונגס־אידעען. און מיר װעלן טאַקע אין די װײַטערדיקע טײלן פון אונזער װערק זען, אַז גראָד די „משכּילי שקלאָװ״ האָבן אין דעם אַ געװיסע ראָלע געשפּילט [45]. לאַנגזאַם איז דער דאָזיקער סיכסוך געװאַקסן, ער איז אָבער געװאָרן אומפאַרמײדלעך װי נאָר עס האָבן זיך קלאָר און בולט אַרױסגע־װיזן די גרונט־טענדענצן פון דער „בערלינער השכּלה״, װאָס איר השפּעה האָט זיך געלאָזט אַלץ מער פילן בײַ די „חכמים וסופרים״ פון דער װײַס־רוסישער „עיר ואם בישראל״.

מיר האָבן שױן פריער אָנגעװיזן, אַז די ערשטע השכּלה־אָנזאָגער, װאָס האָבן זיך באַװיזן אינעם קאָמפּאַקטן פּױליש־ליטװישן יידנטום, זײַנען

---

44 דער אָריגינאַל פון דעם אױפרוף, זע בײַלאַגע נום׳ 8.

45 זע װעגן דעם אונזער אַרבעט אין „יעװרעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״, ב׳ VII.

נאָך מיטביידע פיס געשטאַנען אויפן באָדן פונם טראַדיציאָנעלן וועלט־באַנעם; דאָס וועלטלעכע וויסן איז געשטאַנען ביי זיי אונטער דער איבער־השגחה פון דעם דת און מסורת אָבות. זיי האָבן נאָך געלעבט אין דעם אַלטן אָפּגעזונדערטן קולטורעלן שטייגער לעבן, די נייע שטרעמונגען פון יענער צייט האָבן בלויז אויף אַזוי פיל געווירקט אויף זיי, אַז זיי האָבן נעפּרוווט צופּאַסן צו זייער אַלטן וועלטבאַנעם געוויסע עלעמענטן פון וועלטלעכן וויסן. מיר האָבן געזען, ווי שטאַרק עס האָבן זיי פאַראינטערע־סירט די נאַטורוויסנשאַפטן מיט זייערע גרויסע אַנטדעקונגען, ווי גערן זיי האָבן אויפגענומען די הומאַניטאַרע אידעען פון די „אויפקלערער" אויס יענער צייט; זיי האָבן אָבער אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן די ראַציאָנאַ־ליסטישע תורה, און דעם מאַטעריאַליסטיש־אוטיליטאַריסטישן וועלט־באַנעם האָבן זיי אַנטקעגנגעשטעלט אַ ראָמאַנטיש־מיסטישן, וואָס שטיצט זיך אויף דעם עמאַציאָנעל־אינטויִטיוון...

גאַנץ אַנדערע פאָרמען האָט אָבער אָנגענומען די גייסטיקע דער־וואַכונג אין דעם לעצטן פערטל פון דעם 18טן י"ה ביים פּרייסישן יידנטום מיט זיין וויכטיקסטן בערלינער קולטור־צענטער. אַ גאַנצע קייט פון קול־טורעלע און סאָציאַלע סיבות, וועגן וועלכע עס וועט זיין די רייד אין איינעם פון די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק, האָט דעמאָלט זייער פאַרשטאַרקט אין דער יידישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד דעם דראַנג וואָס גיכער זיך אַרויסרייסן אויס די ענגע ד' אמות פון דעם אָפּ־געזונדערטן געטאָ און פאַרבינדן זיך מיט דער אייראָפּעיִשער קולטור. ערשט אין פרידריך דעם צווייטנס צייטן האָט אין דער רעזידענץ־שטאָט פון דעם עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענעם פּרייסן אָנגעהויבן צו שפּילן אַן אָנ־געזעענע ראָלע די פינאַנסיעלע און אינדוסטריעלע בורזשואַזיע. און דעם גאַנצן אויבנאָן האָבן ביי דעם דאָזיקן יונגן און שנעל וואַקסנדיקן שטאַנד פאַרנומען, אויסער פּראָנצוויזן, אויסשליסלעך יידישע באַנקירן, פאַברי־קאַנטן און גרויסהענדלער. די יידישע קאָלאָניע איז געוואָרן דער רוב בנין און רוב מנין פון דער בערלינער אינטעליגענץ און פינאַנציעלער אַרי־סטאָקראַטיע. פרידריך דער צווייטער, וואָס האָט באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט מיט זיינע שטרענגע געזעצן די רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער באַפעל־קערונג, און זיי באַדריקט מיט גוואַלטיק גרויסע שטייערן, האָט אין דער זעלבער צייט באַשאָנקען מיט „גענעראַל־פּריווילעגיעס" די יידישע רייכע אונטערנעמער און גרויסהענדלער. אַדאַנק דעם איז אין דער פּרייסישער רעזידענץ אַלץ מער געוואַקסן די צאָל פון די „פּריווילעגירטע" יידן, פון מענטשן מיט גרויסע פאַרמעגנס. פרידריך דער צווייטער איז טאַקע גע־ווען אַ פאַרביסענער יידן־פיינד, אָבער זיין הייסער פאַרלאַנג, וואָס גיכער

באַרייכערן דאָס לאַנד, פאַרוואַנדלען פּרייסן אין אַן אינדוסטריעלע מלוכה, האָט פיל מיטגעהאָלפן, אַז די יידן, בפרט די בערלינער, האָבן באַקומען די מעגלעכקייט אָנצוזאַמלען גרויסע רייכטימער. דער זיבנײאָריקער קריג, וואָס אַדאַנק אים זיינען פיל יידן שטאַרק נתעשר געוואָרן ביי פּאָדריאַדן און אַנדערע אונטערנעמונגען, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די סאָציאַלע פּאָזיציעס פון די בערלינער יידן. ניט קוקנדיק אָבער דערויף, וואָס אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן זיי פאַרנעמעלט אַ גאַנץ חשובע קראַפט, זיינען דאָך די בערלינער יידן פאַרבליבן אונטער דעם שווערן יאָך פון מיטלאַל־טערלעכער רעכטלאָזיקייט און „קאָמערקנעכטישע" באַגרענעצונגען. די בערלינער יידן, אפילו די רייכסטע צווישן זיי, האָבן געהאַט געשענקטע „פּריווילעגיעס", אָבער ניט קיין מענטשן־רעכט. דער יונגער דור, די קינ־דער פון די יידישע באַנקירן און נעגאָציאַנטן, האָבן שוין אָבער אויסער רייכטום באַזעסן אויך בילדונג, מאָדערנע אייראָפּעיִשע בילדונג. אויפגע־וואַקסן אין דעם ענגן אַלט־פרענקישן געטאָ, זיינען זיי ממש געווען גע־בלענדט פון דער קריסטלעך־אייראָפּעיִשער וועלט מיט איר אויסערלעכן גלאַנץ. צו גרויס איז געווען דער קאָנטראַסט צווישן דעם פריילעכן און לעבנסלוסטיקן בערלין פון פרידריכס צייטן און דער אַסקעטיש־מיטל־אַלטערלעכער יידישער גאַס. מענדעלסאָן האָט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, נאָך מער פאַרגרינגערט דעם ראַזיקן אייראָפּעיִזירונג־פּראָצעס, די פאַר־בינדונג פון דער יידישער יוגנט מיט דער קריסטלעכער וועלט, מיט דער דייטשער קולטור. די אין די בערלינער סאַלאָנען זייער אָנגענומענע ראַציאָ־נאַליסטישע אידעען פון די פראַנצויזישע „אויפקלערער", זיינען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אויך אין די יידישע פּראָגרעסיווע קרייזן. באַזונדערס באַליבט און חשוב איז דאָרט געווען וואָלטער. זיינע שאַרפזיניקע איינ־פאַלן, זיין סאַרקאַסטישער שפּאָט און חוזק־שמייכל זיינען געווען אַזוי צום האַרצן דער יידישער יוגנט, וואָס איז אויפגעוואַקסן אויף דעם פּילפּול מיט זיינע שאַרפשפּיציקע המצאות [46]. אין דעם טראַדיציאָנעלן, אין דעם דורך מסורת אָבות גערירשנטן, האָט מען אָנגעהויבן צו זען לויטער „שימל", דאָס אויסשליסלעך רעאַקציאָנערע און אָפּגעלעבטע, וואָס דאַרף וואָס גיכער באַזייטיקט ווערן. ווען אַלץ ווערט אָפּגעשאַצט פון דעם איינ־זייטיקן ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפּונקט, וועלכער וואַרפט אָפּ אַלץ, וואָס קאָן ניט פאַרטיידיקן זיין עקסיסטענץ מיט אוטיליטאַריש־לאָגישע ראיות, איז גאַנץ באַגרייפלעך, אַז די מסורת אָבות, דאָס טראַדיציאָנעלע מוז אָפּ־

---

46 „וואָלטער — ווייזט ריכטיק אָן דער היסטאָריקער גרעץ — האָט אין די יידישע הייזער געהאַט פיל מער אָנהענגער און פאַרערער, ווי אין די דייטשע".

געלייקנט ווערן — עס קאָן דאָך ניט באַווייזן זיין ראַציאָנאַליסטישן יש, זיין לאָגישן מוח...

אין סוף זיבעציקער יאָרן פונם 18טן י״ה איז נאָך דער דאָזיקער פּראָצעס געווען אין זיין ערשטן אָנהייב, און עס איז נאָך דערווייל שווער געווען פאָרויסצוזען, וואָסערע פאָרמען דער פּראָצעס וועט ווייטער אָננעמען. דאָך האָבן שוין אפילו דעמאָלט די מער שאַרפזיכטיקע איינגעזען, אַז די וועגן פון די בערלינער „אויפקלערער״ און פון זייערע פּויליש־ליטווישע חברים גייען זיך פונאַנדער. און דאָס האָט זיך טאַקע בולט אַרויסגעוויזן ביי דער ערשטער וויכטיקער קולטור־ליטעראַרישער אונטערנעמונג, אין וועלכער די דאָזיקע צוויי גרופּן האָבן געזאָלט צוזאַמען אָנטיילנעמען. דאָס איז די אויסגאַבע פון מענדעלסאָנס תורה־איבערזעצונג מיט דעם נייעם „ביאור״, וועלכן עס האָט געזאָלט באַאַרבן דער מדקדק שלמה דובנאָ. דאָס געהערט שוין אָבער צו דער שפּעטערדיקער תקופה — צו דער תקופה פון די „בערלינער אויפקלערער״, וועגן וועלכע עס וועט זיין די רייד אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק.


פרשת בשלח כט

א זייטל פון אן אלטן מכלתא=עקזעמפליאר מיט דעם ווילנער גאונ׳ס הגהות

ביילאַגן



א זייטל פון שלמה דובנאָס אייגנהענטיקן מאַנוסקריפּט

זע זייט 336

ביילאַגע נומ׳ 1

(זע זייט 13)

אברהם קרימי און זיין „שפת אמת"

א

אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע געפינט זיך אונטערן נומ׳ 50 א גרויסע יקר־המציאות — אברהם קרימיס פירוש אויף תורה „שפת אמת". דער כתב־יד באַשטייט אויס 277 פּאָליאָ־בלעטער פון שיין פּאַרמעט־פּאַפּיר. דער אַפּשרייבער, מיטן נאָמען זכריה, איז געווען אַן אמתער מייסטער אין זיין פאַך. די אותיות זיינען ווי געטאָקט. יעדער אות אין אָנהייב פרשה, ווי אויך די שירים צום סוף און אין דער התחלה פון יעדער פרשה, זיינען געשריבן מיט א שיינעם העלרויטן צינאָבער. אויפן 126טן בלאַט איז אויסגעמאָלט מיט צאַרטע, ליבלעכע פאַרבן א שלאַנקע מנורה. דער כתב־יד איז קיינמאָל ניט געווען געדרוקט און איז בכלל ביז דער נייערער צייט געווען אומבאַקאַנט. דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דעם ד׳אָזיקן אינטערעסאַנטן ווערק, איז געווען אברהם פירקאָוויטש, וועלכער האָט אין „הכרמל" (III, 53—54) פאַרעפנטלעכט די פאַררעדע צו „שפת אמת". צום אָנהייב און צום סוף פון יעדער פרשה און אויך פון יעדן ספר געפינט זיך א קורצער שיר. צום ביישפּיל פאַר פרשה בראשית גייט פאָלגנדיקער טאָפּלפערז:

בעוז אשר אין לו אחרית וראשית
אחל לכתוב פירוש פרשת בראשית.

דער ספר בראשית פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקן שבח דעם בורא עולם:

אמת אל אחרית אין לו וראשית—אשר החל וכלה כל בששית
הלא עד כה עזרני בטובו — וזכני כתוב ספר בראשית.

דער פירוש אויף ספר „במדבר" הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע סטראָפן:

אהלל אל וחיל שבלי אגבר — להודות לו ושיר מכתם אחבר
לעזרני ברוב טובו וחסדו — במשכי עט בספר וידבר

. . . .

אמת חסדו אשר גדול וגבר — אהודנו בשיר נאוה ומדבר
ובו אבטח ולא אכחד ואחל — אמשוך עטי בפרשת במדבר.

ב

וועגן דעם געבאָט ואהבת את ד׳ אלהיך

(בל׳ 242, פרשת ואתחנן):

ואהבת את ד׳ אלהיך, מצות לעבדו מאהבה ומה היא אהבה שיקיים מצותיו יתברך לא לתקות הגמול ולא מיראת העונש כונתו לצורך עצמו, וידוע וברור שאין מי שיגיע אל עבודתו יתעלה מאהבה אלא מי שעלתה בידו ידיעת המציאות כלו מראש ועד סוף ועל פי הדיעה תהיה האהבה כי שיתבונן האדם במעשי השם יתברך הגדולים והנוראים ויראה מהם חכמתו יתברך יוסף אהבה בשם ותצמא נפשו ויכמה בשרו אליו ויעזוב כל דבר שבעולם חוץ ממנה כמאמר דוד: צמאה לך נפשי כמה לך בשרי וכו׳ וכו׳, ואז יקיים כל מצותיו מאהבה, ומי שלא עלתה בידו המעלה הזאת יעבדנו מיראה או מפני קבלת הגמול. ומפני שמעטים המה בני עליה ואין מי שיגיע אל מעלת עבודתו ית׳ מאהבה רק אחד מעיר ושנים ממשפחה צוה הכתוב לעבדו מיראה בכתוב: את ד׳ אלהיך תירא אותו תעבוד יתב׳, גם צוה לעבדו מצד הגמול כאמור למען ייטב לך ולמען יאריכון, כאשר מרגילים את הקטנים בלמוד התורה לתקות נתינת להם קלויות ואגוזים ושאר עניינים עד שיתגדל.

ג

אברהם קרימים דערקלערונג פון וואַנען ס׳נעמט זיך דער רעגנבויג

(פרשה נח)

וחכמי המחקר אומרים כי הקשת תתחייב מלהט השמש, כי העבים ישתנה מהם להיות רביבים אם קודם המטר הוא מפני שעדיין לא נשתנה האיד הלח אליו ואם אחריו מפני היותר הנעצר בעבים אחר המטר, וכשתזרח השמש כנגד אותם הרביבים והעבים יזרח אורה בשניהם ויעשו כדמות המראה הלטושה ויראו מאותן הרביבים מניצוץ האש השמש דמיות ומראים משונים ואחר כן יגיעו אותם המראים מאותה המראה הלטושה אל האויר ומן האויר אל מראיתיו כמראה מה שנראה בה אל מראה אחרת כמותה מקבלת אורה וכשיקרה זה המקרה בעבים תראה הקשת בעבים.

ד

אברהם קרימים דערקלערונג פון וואנען ס'נעמט זיך דער האגל

(פרשה וארא, דף 72)

וימטור ד' ברד הוא הנופל בימות קיץ כדמות גרגיר הבדלח, ואכתוב מה שכתבו החוקרים בספריהם בענין היות הרעם והברק והברד ובסבותיהם ובסבת רדת האש למטה עד היות טבעה לעלות. ונאמר כי ששיתעבה האיד הלח העולה מן הארץ ויאצר בבטן איד יבש והוא כבר הגיע למקום הווי העבים ובקש לצאת ממנו יסתער האיד החם היבש בבטן העב בלח ויכה בו ויסדקהו וישמע ממנו בעבור ההכאה ההיא קול וחוא הרעם, אבל הברק יהיה מפני יציאת האד היבש הנעצר בעב מן בטן העב בלחץ ובחזק כי ביציאתו בלחץ ובדחק יתלהב ויעשה אש ואחר כן יכבה באיד הקר וישמע לאותו הכבוי קול כקול הברזל החם הכבוי במים ע"כ קול הקרע והכבוי הוא הרעם והאש היוצאת מן העבים הוא הברק ואמנם אור הברק יגיע אלינו קודם הרעם ואע"פ שהברק נעשה אחרי הרעם כי הראות לדקותו יקדים להרגיש קודם השמע וסבת רדת הברק למטה ואם הוא אש ובטבע האש לעלות היא מפני שיש בו חלק מן האיד העבה הארציי והוא המורידו למטה לכבדותו.

ה

וועגן די מלאכים, וואס האבן באזוכט אברהם אבינו

(אנהייב פרשה וירא, בל' 28)

בעוז ההיכל מלאים שוליו — אחל פרשת וירא אליו.

דע והבן כי כמו שיראה איש בחלום שנסע ממקומו והלך למדינה פלונית ועמד שם מדת זמן ובנה בתים ונשא אשה והוליד ממנה בנים ופעל פעלות אחרות ומן הענינים ההם מה שהוא בפועל מורגש, אמנם כלם הם חלום, כן הוא ענין הנבואה תהיה במראה או בחלום. כי הענינים אשר יראו או יעשו במראה הנבואה או בחלום של נבואה אינם פעלים נמצאים לחושים אמנם יבא זכר קצתם בספרי הנבואה מוחלטי כאלו היו בהקיץ ויחשבו ההמון שהענינים ההם מה שהוא בפעל מורגש, אמנם כלם הם חלום. ואשר ארצהו בזה המאמר כי המעשים והמאמרים המסופרים מתחלת הפרשה הזאת עד וישכם אברהם בבקר כלם הם במראה הנבואה אין מהם מה שהוא בהקיץ. והנה אחר שאמר דרך כלל וירא אליו ד' החל לפרט ולפרוט המאמרים לגלות לך צורת הנבואה ואמר שראה תחלה שלשה אנשים. וכתב הרב בפרק מ"ב מהחלק הב' מספרו הנכבד כי בכל מקום שנזכרה בו ראית מלאך... ואמר לגזול שבהם אמרו. עד כאן לשונו והבן זה ודע שיעורו.

ו

אברהם קרימי וועגן די נביאים.

אין דרך הנביאים הנשלחים אל ההמון ללמדם דבריהם בדרך העיון והמופתים השכליים כי לא יקבלום ולא יספיקו להטות לבבם אל דבריהם, כי ההמון לא ישכילו מופתים מושכלים ולא עיונים רק מורגשים ונראים ואעפ״כ שאפשר להיות בין ההמון יחידים משכילים ולהם יועילו המופתים המושכלים... הלא אין התאמתות הנביא תלויה באנשים יחידים רק בהמון העם וטף ונשים.

ביילאגע נומ׳ 2

(זע זייט 18)

קונטרס של שבת וימים טובים.

אין דער צווייטער פירקאוויטש־זאמלונג געפינט זיך אונטערן נומ׳ 174 א פראגמענט פון אן אלטן כתב־יד. דער מאנוסקריפט באשטייט בלויז אויס 4 קליינע פארמעטענע בלעטער; אויפן שער־בלאט, וואס איז באצירט מיט א גאנץ פרימיטיוון ארנאמענט, געפינט זיך פאלגנדיקע אויפשריפט: ,,קונטרס של שבת וימים טובים לקרות בו בתיבה ענין של ס״ת וברכת ההפטורה וכל מה דצריך״.

ווייל עס ווערט דארט דערמאנט אלס קיניג פונם לאנד דער סולטאן מאכמעד (וואָרשיינלעך דער צווייטער), איז לייכט צו באשטימען, אז דער כתב־יד איז געשריבן אין דער מיט פונם 15טן י״ה. אויף דער לעצטער זייט פונם פראגמענט געפינט זיך פאלגנדיקע יזכור־תפילה: זכר צדיקים לברכה וזכר חסידים לברכה וזכר קדושים לברכה וזכר גאונים לברכה וזכר כבוד חכמינו משכילנו חשובינו וישישינו הרב הגדול רבנו משה בן מרנא ורבנא מיימון לברכה וזכר ענותן דורנו החכם הרב רבנו אברהם ן׳ עזרא לברכה שמשנו וסהרנו צנצנת המן תפארת עם לא אלמן צור ישראל יחוס על נשמתן ועם הצדיקים אשר בגן עדן ישים מחיצתם יחד עם כבוד מעלת גדולת אדוננו החכם הרב מורנו ורבנו כ״ר אברהם כרימי לברכה וחתנו כ״ר אליקם לברכה לקיים (להדיתם קיא?) הכתוב והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד. זכר צדיקים לברכה וזכר חסידים לברכה וזכר קדושים לברכה וזכר...

דא רייסט זיך איבער דער כתב־יד.

ביילאַגע נום 3

(זע זייט 22)

אליהו באַשיצים בריוו צו משה קיעווער
(ערשטע פירקאָוויטש-קאָלעקציע נומ׳ 44)

נוסח בתב החכם ז״ל למשה היוני:

אני חצים אורה — למשה המורה — בעיניו הוא מורה — ומסית הישרים
לבבו יתחמיץ — וחמצו יתאמיץ — בשמעם השמץ — אשר לו הגברים
וינקר את עיניו — ביחד אישוניו — וישים על אזניו — ארסים ומרורים.
הלא כי חרפתו — הכי היא—טליתו—אלי תוך חברתו—אהובים עם זרים
ולא יוסיף לחטוא — לכל דברי בשוא — וישים מבטו — לגשת הטהורים.

אם תגביה כנשר מזדון לבך, ואם בין כוכבים שים קנך, משם אורידך ואם רכב על במתי ארץ יפילהו בעמקים כשרץ השורץ יתן בעפר פיהו יעמוד ולא יכיר מראהו וישים אריות בחבלו וחבלי יולדה נבואו לו ישפך לארץ כבדו ומעליו ירחק כבודו, כי גאות לבש וגדולה נחבש ושת פיו בשמים ולבו בין תנור וכירים וישוך הנחש בלי נחש אכל פרי כחש, והנה אנכי בא אליך בעב הענן למען ישמע העם בדברי עמך וגם בך לא יאמינו לעולם מקטנם ועד גדולם כי אתה לבוש הבדיאות והשקרים כפי מה שיודו המאמרים באגרת המטעה שכתבת ובתוך מצולה ואין מעמד טבעת ורצית להעמיד השקר והרבית ממנו לאין חקר ועם זה נפלת במה שברחת וכוונת להחשיך האור ולהקדיר המאור ותכהינה עיניך מראות אוי לעינים שככה רואות והוכת בסנורים ותגשש קיר כעורים כי המעיז ברבו בקרבו ישים ארבו ולשונו תהלך בארץ ומאכל השרץ השורץ כ״ש בהיות האיש ההוא רע היצירה חבורה תחת חבורה ועיניו לבנות ושערותיו למראה הצהיבות פונות ואיש כזה אמרו החכמים שהוא מבוער היצירה. למען ספות הרוה את המצאה ולכן אין לתמוה על גנותך כי אתה נראה מפרצופך... וכו׳ וכו׳.

ביילאַגע נומ׳ 4

(זע זייט 29)

משה קיעווער און זיין „אוצר נחמד״.

פון משה קיעווערס פירוש געפינען זיך אין לענינגראַדער מלוכה־ביבליאָטעק צוויי האַנטשריפטן. די עלטערע פון זיי (פאַרצייכנט אין דער ערשטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע אונטערן נומ׳ 71), באַשטייט אויס 304 בלעטער אין קוואַרטאָ. דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט איז העכסט־וואַר־

שיינלעך דעם מחברס אן אייגנהענטיקע אפשריפט, זי איז אבער ליידער נים אויפגעהים בשלימות: עס פעלט אין אנהייב ביז סדרה „לך לך" און צום סוף פון פרשה „ואתחנן". פולשטענדיק דערהאלטן איז דערפאר די צווייטע האנטשריפט, וואס באשטייט אויס 225 בלעטער פארמעט־פאפיר אין פאליע (צווייטע פירקאוויטש־קאלעקציע נומ׳ 3). אויסער די פארערדע, וואס פירקאוויטש האט בשעתו אפגעדרוקט אין „הכרמל" (III, 61—62), געפינט זיך נאך פארן פירוש א לאנגער אריינפיר, אין וועלכן דער פארפאסער פאלעמיזירט מיט די קאראימען און דערקלערט פאר פאלש זייערע מאטעמאטישע חשבונות בנוגע „חידוש החודש". צום סוף פונם פירוש געפינט זיך דעם פארפאסערס פאלגנדיקע דער־קלערונג:

„ופה נשלם פירוש סתימות פרשת וזאת הברכה ועם זה נשלם פיר׳ כל חמשה חומשי תורה יום ה׳, כ״ח לאדר בעיר קרים שנת האלהים הרעה אותי מעודי עד היום הזה. ועלי לשבח לאדון הכל ולתת גדולה ליוצר בראשית ששם חלקי מיושבי בית המדרש והאיר עיני שכלי במאור תורתנו התמימה המשיבת נפש. והשם שזכה אותי להשלימו כן יזכני להגות בו בעיר ד׳ אלהים יכוננה עליון ויזכני לראות יה בארץ החיים אמן נצח סלה, ברוך ד׳ לעולם אמן ואמן".

דערנאך גייט א גאנצער סכום שירים, אין וועלכע דער פארפא־סער דריקט אויס זיין פרייד און דאנקבארקייט, וואס ער האט זוכה געווען זיין ווערק צו פארענדיקן. מיר ברענגען דא די דאזיקע שירים בשלימות:

I אז ישיר משה את השירה בהשלימו פירוש לפירוש התורה:

אתן שירה — אל אל נורא — כי הוא ברא — חמר צורה
בהם השלים — כל מפעלים — יורדים עולים — מכל נברא
לכבוד בניו — על יד ענו* — במאור פניו — נתן תורה
עלת עלות — רב העלילות — הראם קולות — אז בגבורה
השלימם בה — בזה ובה — לא חסר בה — מכל סתרה
ובה נשלם — צורת עולם — עד העולם — מיום נברא.

II עשר קבין ירדו שכל — על כל מבין חוקר חידות
רבינו אברם נכבד בן — עזרא נטל תשע ידות
בהם חקר תורת משה — דקדוק עם פשט עם כל סודות.

---

* אין כתב־יד שטייט „עניו", דאס איז בלי־ספק א גרייז.

III למשה בשנותו את טעמו.

שמעו נבונים — רוזנים ומשנים — שירים נבונים — משיר אדוני
ראשית אצולים — הם חשמלים — גם אראלים — כסא אדוני
גדול ונורא תמיד במורא — אוסרים בשירה — ברוך אדוני
מורים פלכים — כורעים ובורכים — מלך מלכים — אדיר אדוני
דרי שפלים — ארבע דגלים — מודים ונופלים — לפני אדוני
כל השלשה — כלה בששה — תורת קדושה — נתן בסיני
על עם קרובו — זרע אוהבו — טמון בחובו — יראת אדוני
על יד נשיאו — הוא שר צבאו — משה נביאו — עבד אדוני
עברו זמנים — נפלו אמונים — אל יד אדונים — אויבי אדוני
אבדו חכמים — דורשי רשומים — לפרוש סתומים — תורת אדוני
עד בא טהור לב — נבון חכם לב — אוהב בכל לב — דברי אדוני
גלה סתומים — גם נעלמים — רבים עצומים — מסוד אדוני
כדכוד ושוהם — שר אברהם — פחד ונהם — לדבר אדוני.

IV ויוסף משה שאת משלו ויאמר:

סודות בנועזות — עמקו וגם גבהו — ילאו נבוני לב — לראות ויתמהו
סודות פלאותיו — יכלו ויכמהו — אנשי לבב מהם — לא ידעו מה הוא
האיר בסודותיו — עיני אשר כהו — שכל אשר היה — תהו וגם בהו
מתוק אלי נפש — מתק דבר פיהו — מרפא לכל על — טעמו כמו מן הוא.

V טוב להודות לד' ולזמר לשמך עליון:

להודות אל בתוך קהל ועדה — אשורר שיר ואפתח פי בתודה
אשר ברא ויצר כל ועשה — ושם קצב לכל נמצא במדה
ובחר עם בתוך עמים מרובים — והנחילם לתורה ותעודה
והישירם בהצלחת שתים — בעולם זה ועולם בא בצדה
דרכיה מאוד גבהו ורמו — ומי יכול לספור כל כבודה
וכוללת לכל עבר והווה — וכל עתיד בתוכה באגודה
רחבת יד כמו ים וארוכה — כארץ ולא שעור ומדה
וחתרו רעיוני הנבונים — לגלות רז סתריה וסודה
ולא יכלו וכל אחד מפרש — כפי שכלו מעט מזיז כבודה
תשע מאות לאלף החמישי — וכ"ז שנים בסימן טוב וגדא
אזי האיר אלהים חי לרוח — לבב מבין יקר דת החמודה
והוא אברם בנו מאיר ועזרא — אשר חפש בגרו כל למידה
והוא סקל לכל אבן בדקדוק — לכל באור הבי מצא אבידה

והחזיר את אבידתו לבעלי — נבונים נסתרה לזמן ואבדה
וקבלה תנצח בפיהו — הכי אמר להסיר כל חלודה
וכוד האל הכי הסתיר ואמר — כבוד האל היה לכם חרדה
חרדה תאחוז אתכם בסודיו — ונפלו על פניכם לו בקידה
ודקדקיו ופירושיו וסודיו — סתומים וחתומים הם בחידה
אני משה בכר יעקב חדריו — הכי באתי בקול רנה ותודה
ודפקתי בדלתותיו בחשק — כחושקת מרפקת בדודה
והוצאתי כלי חפצו למעשה — באור שמש בעזרת אל לבדה
שנת שבע וששים משנותי — שנת רצון חזרת העבודה
שנת שלום שנת רעה מבשר — לישב את שכולה גלמודה
בעשרים ושמונה בחמישי — ימהר צור גאלה העתידה
ינהל אל יקבץ שה פזורה — ויובל לה בלו הלך ומנדא
ואז נשיר בקול רנה ותודה — נברך אל בתוך קהל ועדה.

VI ויאמר עבד אברהם אנכי:
באור יקר הנו נשלם — גלי רז תורת משה
י"ד בן יעקב נכד משה — כתבה כל סוד דבר יקשה
קרא עצמו עבד אבר — הם אני ומשרת משה.

ביילאגע נומ' 5

(זע זייט 94)

אוים יוזפא שמשס „מנהגים דק"ק ווירמישא".

בל' 67: הושענא רבא מכינים שלחן ערוך תחת הבר"ייט הייז לושלוה עליו חתן תורה וחתן בראשית בשמחת תורה... בל' 72: אחר סעודת שחרית (בשמחת תורה) נער של שמש מכריז דרך הרחוב בזה הלשון: חתן וכלה אונטר דז בר"ייט הויז וירן! ואז חתן תורה ואוהביו וקרוביו גם חתן תורה ובראשית ועמהן פירות חשובים להעמידן על השלחן וגם לזורקן לפי הנערים תחת הברייט־הויז וילקטו בשמחה. גם שני גבאי צדקה באים עם פירות נאים ומשימים על השלחן. פעם אחת ראתה ערלה אחת בשמחת זו וצוותה קודם מותה: גן אחד היתה לה סמוך לקברות היהודים, אותו הגן יהיה להן ליהודים במתנה גמורה בתנאי זה שבכל שמחת תורה יקחו הפירות של אותו הגן וישימו על השלחן ויזרקו פני הנערים תחת הברייט־הויז בשמחת תורה עד ביאת הגואל. וכן ראיתי בעיני אני הכותב ואכלתי מפירות ההמה; ועתה מזמן קרוב נחרב הגן

ההוא מטעם המלחמה. ואותן הפירות היו ב' ג"צ (גבאי צדקה) מביאין, ומשחרב הגן הביאו משלהן, ועדיין המנהג לב' ג"צ להביא משלהן. החתנים והבאים עמם יושבין סביב השלחן ובפרט הרב והקצינים באים כולם לכבוד התורה, ורוב הב"ב כמעט כולם, ויושבין ומקצתן עומדין סביב לשלחן ומי שיש לו חביתי יין במרפתו יביא עמו קנקן מלא יין והחתנים מביאין יין לרוב אל יחסר המזג, ואוכלין מהפירות ושותין ושמחין, ועושין מדורה של אש גדולה בחצר שלפני הברייט־הויז וכשאש דולק יפה כמו חצי שעה אחר שהדליק, הרב עם הרבנים והחתנים וכולם יוצאין ורואין בשמחה ההיא, והב"ב מרקידין סביב האש ומחנגין בכל מיני שמחות. לפעמים גם הרב מתחבר עמם בחינגא סביב האש לכבוד התורה, ושוהין שם עד מנחה ושותין שם יין אצל האש והחתנים נותנים היין, ועצי המדורה השמש נותנן והחתנים פורעים לו.

בל' 82: שבת שאחר פורים בכניסתו הבחורים הולכין לבית אחד רחוק מב"ה (מבית הכנסת) ולובשין שבת סרבל שקורין זייטי־מאנטיל, ומטרון בראש כל אחד כדרכו לא דרך אבל, ויוצאין מבית ההוא זה בצד זה. ובראשם נער משרתם שקורין קנעל־גבאי מרקד לפניהם ומשתטה לפניהם במלבושין ובעיניניו כשוטה; והגבאים לפני הבחורים, וביד כל גבאי מקל מצוייר, ואחריהם כל הבחורים, וכך בשמחה רבה באין לב"ה וישיבתן על הבימה, אף אם כל השנה יושבין על הבימה בעלי בתים מכל מקום בכניסת שבת זה צריכין לירד כדי שישבו שם הבחורים. וכשמתחיל החזן ברכת מגן אבות יורדין ובאין אצל האב ב"ד על מקומו, והאב ב"ד משים ידיו על ראש כל בחור ומברכו בדרך שמברך כל ליל כניסת שבת להבנים. ואח"כ נכנסים הבחורים לב"ה דנשים ואם ירצו נכנסו דרך פתח היודש־טיר לב"ה דנשים ובאין למקום שהרבנית אשת האב ב"ד, והרבנית מניחה ידה על ראש כל בחור ומברכו, ואח"כ מסבבין כל שורת ב"ה דנשים ויוצאין והולכין. ותמיד הגבאין נכנסין ויוצאין ראשון לפני הבחורים האחרים.

שחרית שבת הגבאים מתעטפין בטלות גדול(ה) כמו הבעלי בתים ובעת שמזמרין פסוקי דזמרא הגבאים מחזרין תדיר לכל ב"ב שיש לו דרך משל למי שזכה בשבת ההוא בגלילה או בהגבהה וכן כולם, ובקשו מאתו למחול כהיום על מצותו, כי חק הוא לבחורים ביום זה בכל שנה לחלק כל המצות ביניהם. וכן ילכו לגבאי צדקה ויבקשו מאתו למחול על אותן המצות הנמכרים כהיום. וכן יבואו לפרנס החודש ויבקשו מאתו למחול על הסגן, כי הסגן הוא ג"כ בשבת זה לבחורים. ואף אם יעמוד אחד או שנים כנגדם ולא ימחלו, יקחו הבחורים המצות להסגן אפילו נגד רצונם. ואם יש חייוב לקרותו לתורה כגון מי שאשתו יוצאת מלידתה

לב"ה או יארצייט, אין הבחורים מחוייבין לקרותו אם לא יתן להם לפחות מדה יין אחת, אבל אם יתן להם מחוייבין לקרותו, אבל גומל לא כי יוכל לברך הגומל פעם אחרת. כללו של דבר שבת הבחורים עיקר, ומנהג עוקר הלכה ויד הבחורים על העליונה.

סגן לוקח גבאי אחד מהבחורים וקורא להבחורים, רק השביעי הוא הרב. גם המצוות נחלקין ע"י הגבאים לבחורים אחרים. גלילה בס"ת ראשונה היא להרב. עוד יש מנהג וחריות גדול לבחורים שהפרנסים מחוייבין ליתן להם צעטיל מה יתן להם כל ראש הבית סך יין, זה חצי מדה וזה מדה וזה ב' או ג' מדות, הכל לפי הערך ולפי ריבוי הבחורים, וכל ב"ב מחוייב ליתן כאשר יושת עליו בצעטיל ההוא ואם לא — כופין אותו עד שיאמר רוצה אני, ורשות לבחורים למשכנו על ככה בלתי התרת הרב וקהל. וצעטיל ההוא נעשה ע"י פרנס הישיש הנמון פרנס (יודענ־בישאף) ופרנס החודש, ושניהם חתומים עליו לראיה. ואחר פורים איזו ב"ב מכובדים מכניסים הבחורים לבתיהם ומאכילין סעודת פורים, והבחורים מביאין יין לרוב מיין הצעטיל הנ"ל ושותין ושמחים היום אצל ב"ב זה ומחר אצל ב"ב אחר. וסעודות אלו המה סעודות הרשות ואין כופים לב"ב שיקרא לבחורים ויעשה סעודה, רק מי שירצה לעשות המצוה לשמוח עם בחורים לומדים תורה — אשרי לו. והבחורים תופרין בפורים במצנפת שעל ראשם עגול קטן הנקרא בל"א קרענצכין מיט לינדרליך, ואינו מסירו כל זמן שיש להם עוד יין שבצעטיל הנ"ל.

ביילאַגע נומ' 6

(זע זייט 133)

נח טראַקי, יוסף מאַלינאָווסקיס תלמיד.

אין דער צווייטער פירקאָוויטש־קאָלעקציע געפינט זיך אונטערן נומ' 71 א קליינע האַנטשריפט אויס 43 בלעטלעך. אויפן שער־בלאַט געפינט זיך פאָלגנדיקע צושריפט מיט פירקאָוויטשעס האַנט: „ספר המליצה בלשון הקודש ובלשון צאנטיי, חבורו של כה"ר נח בר' ישעיה נ"ע, חברהו בעיר בירזים בשנת השס"ג לבריאה, 1603 לספ"ה". דער מחבר גופא, נח בן ישעיה, ווייזט מערערע מאָל אָן, אַז ער איז א געבאָ־רענער אויס טראָק (אמר נח הטרוקי בר ישעיהו), פון וואַנען ער האָט זיך צונויפֿגעזאַמען מיט א גאַנצער גרופּע טראָקער קאַראַימען באַזעצט אין דער שטאָט בירזים. די סיבות, אויס וועלכע זיי האָבן זייער היים פאַרלאָזן און זיך אין בירזים באַזעצט, זייען נים אין גאַנצן קלאָר אויס נח טראָקיס

שטארק מליצהדיקע פראזן: „ונשאתי עיני והנה ארחת מדנים באה מתֵן־חרלא וגמליהם נושאי מדנים וריבות ואָבות הולכים להוריד לקרתא דבירזים... עברו משכיות נהר ובאו למקום אשר לא ידעו הם ואבותיהם בערים ובכפרים ורובם שמו מגמת פניהם לקרתה דבירזים... והרב... שם פניו להורות פליטי אפרים אשר נמלטו ממעברות קהל טרוקי".

אזעלכע אויסדרוקן ווי „נושאי מדנים וריבות ואבות" און „פליטי אפרים אשר נמלטו ממעברות קהל טרוקי" דערלויבן צו מאכן די השערה, אז דא האנדלט זיך וועגן א מחלוקת אין דער טראקער קאראימער קהילה און א טייל פון די ארטיקע קאראימער זיינען מהאי טעמא געצוווּנגען געווען צו פארלאזן טראק און זיך באזעצן אין דער שכנותדיקער בירזער קהילה. מיר ווייסן דאך, אז שוין מיט א יאר עטלעכע און דרייסיק צוריק (1569—1570) איז אין טראקער קאראימער קהילה אויך פארגעקומען א פארביטערטער קאמף, וועלכער האט צעטיילט די ארטיקע קאראימישע באפעלקערונג אויף צוויי פיינדלעכע צדדים [1].

דאס גאנצע ווערק איז געשריבן אין פארם פון א בריוו, וואס דער פארפאסער, נח טראקי, שיקט זיין רבין, וועלכן ער רופט אויף איין ארט (בל' 19) מיטן נאמען „יוסף נין יוסף" און דאס צווייטע מאל מיטן נאמען יוסף בן מרדכי. עס איז אויסער ספק, אז דער דאזיקער יוסף בן מרדכי איז דער זעלבער יוסף בן מרדכי מאלינאווסקי, וואס האט רעדאקטירט דאס באוווסטע פאלעמישע ווערק „חזוק אמונה". נח טראקי, בעת ער דערמאנט זיין רבין, איז מוסיף מיט גרויס התפעלות: „הרב הגדול רועה ישראל מורי ורבי... אשר הקדימני השקני מי סמי התבונה ועוד ריחו תקוע בלבי". זיין געגראמטע פאררעדע פארענדיקט דער פארפאסער מיט דער אנווייזונג:

וארים פני רב בתשורה קטנה
וארים צדקי במו פי ברינה
ואשלח אותה מפני במנה
ליד הרב נתונה
וזו היא המליצה
ולשומעים רוב ריצה.

דאס ווערק צעפאלט אויף צוויי טיילן, נאר דער צווייטער טייל איז אנגעשריבן מיט עטלעכע חדשים פריער פונם ערשטן. צום סוף פונם מאנוסקריפט ווערט געמלעך אנגעוויזן: „והשלמתי זה החבור פה בישוב בירזים יום ד' למלאכה י"ט לחודש שבט חמשת אלפים ושלש מאות

---

1 זע י. קליינמאנס ארבעט אין „יעווריעיסקאיא סטארינא", XIII, 38—49.

ששים ושלש לתאריך בריאת העולם״. אויף בלאט 9 געפינט זיך אבער א צווייטע צושריפט מיט אן אנדער דאטע, און די דאזיקע צושריפט איז אזוי כאראקטעריסטיש, אז מיר ברענגען זי דא בשלימות מיט א ווערט־לעכער איבערזעצונג: „ובזה סיימתי מלאכתי פה בק״ק דבירזים עיר המהוללה בקיומיה אשר היא תחת ממשלת הדוכום וחותמו נשר שחור בציורו אשר מסנו מתקן נוצת איבריו, ושם הדוכום קרישטוף רדוויל ועל דגלו מצוייר צביון נשר הגדול בציור שחור לשם גדלו ולרוב שררתו, וד׳ יברך אותו ואת נחלתו וישלח עליו ברכתו ויעלה למרום הדרתו ותפארתו וישתחוו לו כל משפחתו וכל בני עמו ירוצו לקראתו להדר ולכבד פני הדרת מעלתו ויקוים עליו הנאמר ד׳ יאר״י... יום ב׳ למלאכה כ״ו לחדש מנחם שנת חמשים אלפים ושלש מאות ששים ושלש לתאריך בריאת העולם. נאם נח באא״ב ישעיה יש״י עמה״ן״ (דערמיט האב איך פאר־ענדיקט מיין ארבעט דא אין דער הייליקער קהילה פון דער מיט אירע איינארדענונגען בארימטער שטאט בירזים, וואס געפינט זיך אונטער דער ממשלה פונם פירשט, וועמעס הערב ס׳איז א שווארצער אדלער, וואס פוצט זיך די פליגל זיצנדיק אין זיין נעסט. און דער נאמען פונם דוכוס איז קרישטוף רדוויל און אויף זיין פאן איז אויסגעמאלט א גרויסער שווארצער אדלער אלס צייכן פון זיין שטארקער מאכט און גרויסקייט. זאל גאט בענטשן אים און זיין לאנד, זאל ער אים באגנעדיקן מיט זיין ברכה און דערהויבן אין דער הויך זיין גלאנץ און שיינקייט. זאלן זיך בוקן פאר אים אלע מיטגלידער פון זיין פאמיליע און דאס גאנצע פאלק זאל לויפן אים אנטקעגן און באגריסן, און זאלן אויף אים מקויים ווערן די ווערטער: גאט זאל אים דערלענגערן די יארן אאז״וו. מאנטאג, 26 טאג אין אב, פינף טויזנט דריי הונדערט דריי און זעכציק לויט דער יידישער רעכענונג).

דער דא דערמאנטער קרישטוף רדוויל — איז דער באקאנטער קרישטאף ראדזיוויל דער ערשטער (ניקאלאיוס דעם געלגם זון), וואס האט אויסגעבויט א שטארק באפעסטיקטן פאלאץ אין בירזים און געשענקט דער שטאט פילע פריווילעגיעס. אדאנק די דאזיקע פריווילעגיעס און וואס בירזים איז געווארן די רעזידענץ־שטאט פון דער גאנצער געגנט, איז די שטאט זיך שטארק צעוואקסן און צוגעצויגן צו זיך פילע איינוווינער פון די שכנותדיקע ערטער. אויך די קאראימישע קהילה האט זיך דארט שטארק פארגרעסערט און, ווי מען קאן זיך משער זיין אויס נח טראקס האנטשריפט, איז אפילו אהין ספעציעל געקומען צו פארן אוים טראק יוסף מאלינאווסקי, בכדי צו ברענגען אין סדר די קולטורעלע באדערפע־נישן פון דער מיט אמאל אויסגעוואקסענער קהילה. אויף מאלינאווסקיס

פאַרשלאָג איז נח טראָקי באַשטימט געוואָרן פאַרן דערציער און מדריך פון דער קאַראַימער יוגנט. אין דער יונגער קהילה האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן פאַרשיידענע סיכסוכים. אונזער פּראָפעסער, נח טראָקי, האָט גערעכנט, אַז ער וועט אויך ווערן חזן אין דער קהילה, האָט מען אָבער אויף דער דאָזיקער שטעלע באַשטימט אַן אַנדערן. דאָס האָט נח טראָקין שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּרעכענען מיט זיין קאָנ־קורענט. דער צווייטער, גרעסערער טייל פון דער האַנטשריפט, איז אַ גאַ־ליקער פאַמפלעט קעגן אָט דעם ניט געוווּנטשענעם קאָנקורענט און זיין יונגער פרוי. איידער מיר גייען איבער צו דעם דאָזיקן פאַמפלעט — איניקע ווערטער וועגן דעם ערשטן טייל פון נח טראָקים האַנטשריפט.

דער דאָזיקער טייל באַשטייט הויפּטזעכלעך פון רעליגיעזע לידער געשריבן מיט יידישע אותיות, נאָר אין דזשאַקטאַישן דיאַלעקט (בלשון צאַנטיי). נאָך יעדן ליד גייען דערקלערונגען און דברי מוסר אויף העברעיש. די דאָ־זיקע דערקלערונגען זיינען געשריבן אין אַ געקינסטלטער מליצה־שפּראַך, וואָס דערמאָנט דעם סטיל פון די שפּעטערדיקע בעלי „המאספים". דער פּראָפּאַסער רעדט מיט גרוים התפעלות וועגן דער זיסקייט פון חכמה און נוצלעכקייט פון וויסן, וועגן ביאת המשיח און זיין גאולה אאז"וו. אין אַ גאַנץ אַנדער סטיל איז געשריבן דער צווייטער טייל, ווו ער רעכנט זיך אָפּ מיט זיין קאָנקורענט און נאָך מער מיט יענעמס ווייב. ער שיל־דערט די דאָזיקע פרוי אַלס אויסגעלאַסענע גאַסנפרוי, און אָט דער קליינ־שטעטלדיקער מדריך און דערציער פון דער קאַראַימישער יוגנט דערלויבט זיך דערביי צו ריידן מיט אַזאַ הפקריש־צינישער שפּראַך, וואָס שטייגט אפילו איבער די פריוואָלסטע לידער פון דעם לעבנסלוסטיקן רענעסאַנס־דיכטער עמנואל רומי. בכדי צו געבן אַ באַגריף פון נח טראָקים פּאָלע־מישן שטייגער ברענגען מיר דאָ (אָן איבערזעצונג, פאַרשטייט זיך) פאָלגנ־דיקע שורות: „ואשתו שלחה מנותיה למאהביה... והנה נחרפת לאיש אחר כשפחה אוהבת ערלות הגידים במקום שלייתה, עמדו הגידים כמו וורדים המרוים את צמאונה ותאותה" (בל' 28).

דאָך קאָן מען ניט לייקענען, אַז נח טראָקי באַזיצט אין געוויסער מאָס אַ פּאָלעמישן טאַלאַנט. אין איניקע פון זיינע שפּאָט־לידער קעגן זיין פאַרהאַסטן קאָנקורענט* הערט זיך דער ווידערקול פון דעם בעל „החכמונים" פאַמפלעטן. מיר וועלן דערפאַר ברענגען בשלימות צוויי פון נח טראָקים שפּאָט־לידער, נאָר קודם־כל האַלטן מיר פאַר נייטיק זיך נאָך

---

* דעם קאָנקורענט רופט ער מיטן געקירצטן נאָמען קפ"י (ראה שבי קראי בשם קפ"י).

אָפּשטעלן אויף איין פּרט, וועלכער האָט בלי־ספק אַ געוויסן היסטאָרישן אינטערעס. דאָס וואָרט „קראים" (קאַראַימען) באַגעגענען מיר אין נח טראָקים כתב־יד ניט מער ווי איין איינציק מאָל (ראיתי שקצת מבני הקראים), אין אַלע אַנדערע ערטער רעדט דער פּראָפעסער וועגן „אונזערע ברידער פונם הויז ישראל" (שאר אחינו בית ישראל), וועגן דעם „יידישן גייסט" (רוח ישראל) אאז"וו; אויך דערמאָנט ער מיט גרויס יראת־הכבוד דעם פרומען מקובל, דעם בעל „ראשית חכמה", די־ווידאַש (מה מאוד נחמד זה הספור מדברי החסיד האלקי בעל ספר ראשית החכמה). דאָך קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז נח טראָקי איז ניט קיין רבני נאָר אַ קאַראַים. דערויף זאָגט שוין עדות דער פאַקט, וואָס אין יענער צייט, אויף דער שוועל פונם 17טן י"ה, איז נאָך אין בירזים בכלל ניט געווען קיין יידישער ישוב. נאָר דער כתב־יד גופא זאָגט גאַנץ קלאָר, אַז זיין פּאָרפאַסער איז אַ קאַראַים. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינ־זיכט די שטעלע אויף בלאַט 40, ווו עס ווערן געבראַכט גאַנץ כאַראַקטע־ריסטישע פּרטים בנוגע דער דורות־לאַנגער מחלוקת, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די קאַראַימען וועגן „קידוש השבת". דער פאָרפאַסער רעכנט דערביי אויס ביי די נעמען איינִיקע אָנגעזעענע קאַראַימישע געלערנטע פון יענער צייט, צווישן זיי אויך זיין רבין יוסף בן מרדכי (מאַלינאָווסקי). מיר ברענגען דאָ דיראָזיקע שטעלע מיט איניקע קירצונגען:

„לא כשאר קצוצי פאה המתחכמים... הנקראים בשם רבי לא לתורה ולא לזכות ולא למצוה אלא להרבות זעם ודאבה... ואזכור בשם טוב את הרב הגדול רועה ישראל מורי ורבי כהר"ר יוסף בר' מרדכי יעמ"ש ואת כ"ר יוסף הנבאי בכה"ר אברהם החזן יעמ"ש ואת כ"ר אלקנה השופט בכ"ר יצחק יעמ"ש ושאר הצדיקים והחסידים אשר היו בדורי רבו מספר בעלי תורה אשר היו מתנהגים במנהג הקדום כפי הוראת החכם רבנו אהרן בע"ח [1] עד חליפתם ובל הדליקו נר בערב השבת וגם בימי הקור גם כן לא הבעירו אש בביתם לחמם ביום השבת ומאכלם היה קר ולא חם כאשר זה נודע לכל בר אבהן שתורת ד' בלבן כאשר זכותם וצדקתם עד היום נזכרים... ושאר הפושעים והרעים המשומדים עקודים נקודים וברודים במיניהם אשר היו בזמניהם היו מדליקים נרות בערב שבת ובשבת עצמו כ"כ היו מבערים אש ומאכלם היה חם ולא קר ולא היו נשמרים ממלאכה, ובשם אזכור את אהרן העור וכל זרעו בניו הבאים אחריו בעון הכו בסנורים אש ד' אכלה בערב שבת ונשרף ביתו וכל הונו עד שברחו יחפים, וקצת הנשארים אחריהם לא יזכרו שמם בעדתם

[1] דער באַקאַנטער קאַראַימישער געלערנטער ר' אַהרן דער יינגערער, דער בעל „עץ חיים".

ההולכים אחר עקבות העור... ועתה הגבירו לחטוא ופרשו שמלה מגוללה בקהל בירזיש נגואלו בדמי החטא והוסיפו צרה וסרה על בני עמם מחזיקים זה הנימוס ונחלשים בחמת העון ומדליקים גרות בערב השבת ובשבת עצמו כ"כ מבערים ביתם לחמם"...

צום סוף ברענגען מיר דאָ דעם פּאַרפאַסערס צוויי פּאָלעמישע לידער קעגן זיין פאַרהאַסטן קעגנער:

I

במו פי אדבר אמרים אחבר
ואויבי ואורבי בידי אשבר
ואשליך בחוצות בכל הארצות
ואגיד קלונו לכל שב ועובר
ואעבור בקומה בלי תעלומה
ואכתוב ואחתום ואשלח לחבר.

II

ובהם אכה את הקפ"י אל הדבקים:

ראו האיש וצלמו ודמותו
מכוער הוא כמו שטן בלכתו
ראיתיהו ופחד הלבבי (?)
בעת קראו כמו חתול בלדתו
ודבורו כמו בוכה במדבר
אשר כועס ורוגז בחמתו
ומתגאה בהגיון פיו ואינו
כמו חלש אשר תופש חניתו
קריאתו באות שקר לריעיו
ועמהם מגלה את גנותו
כמו כלב אשר חורק בשניו
והוא צועק ומרים נערתו
ומתחכם כבן כושי בזמה
בלי בושת כמו גנב בלכתו
ושם חלקו בתוך דדי ידידיו
כבן מרי אשר כפר לדתו
ומתהפך ומתעצל בזעמו
כאוב קולו אשר יושב בביתו
ומתחסד כמו תמים בדורו
ושם חסד עלי ראשו זנותו

ונוער על זמן אינו בחלקו
ומתפאר בגליי חטא לאשתו
ומתגאל בגיאולי טמאים
בקרוב אח וצעד על גבירתו
והדביק אל שאר האח לאמו
אסרהו ושם אסור פדותו
בדיבוק את כבר נאסר ועמד
עלי פרח וחבל את בריתו
ושכח את בני האח בקירוב
ואחר גם אחרים בעצתו
וזה פרח אשר נכתב בערוה
בזרע רע אשר יצא לבשתו
ושקר נלכד בכנף מעיל;
כנפיו הם בני שקר זכותו
והסתיר את זדונו בעונו
וכסהו ואין עין ראותו
וכל רואיו קללה נושאים לו
וארור הוא בבואו גם בצאתו
שמו נכלל בתוך קופת רשעים
אבוי עליו ואוי לו מ — נותו
והרימו עלי אפיו זדונו
כמו מנה ומהר תאותו
וסתם עין ימינו בחרי אף
ונשא קול בזעם על חברתו
וחמדו לו חבריו האסורים
ושמהו כאיש נדהם ברדתו
וארים עם במכתבי גאונו
לדור אחר לזכרון בעדתו.

בייל אגע נומ׳ 7

(זע זייט 179)

שלמה העניים התנצלות=בריוו.

אמר המחבר: הנה כשלתי בלשוני בה שגותי אשר השגתי על המחברים והרביתי מלין ונגעתי בכבוד חכמים — אך לא במרד ובמעל עשיתי זאת ולא עלתה על דעתי שום מחשבת חוץ או פגול לבזות חכמים

כאלה רק נתכוונתי להלהיב נפש המעיין ולהעיר אזנו לשמוע בלמודים — על כן באתי לבקש מהם מחילה:

על השר דון יצחק אברבנל כתבתי: לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל, ובמקום אחר כתבתי עליו הנה זאת באתהו מפאת חסרון ידיעתו שלא ירד לסוף דעת הנביא, וכל זה יצא מאתי כשגגה היוצא מלפני השליט ומשתטח אני לפניו ומבקש מחילה מעצמותיו הקדושים ובטוח אני בחכמת וחסידות השר שיסלח לי האדון על דברים כאלה.

על החכם אבן עזרא כתבתי: לא בחן ברוחב דעתו, ובמקום אחר ומתעשר ואין כל ובמקום אחר ואשתמיטתי' מקרא מלא, ולא היה לי להפריז על מדותי ולהרחיב פי נגד החכם ההוא אשר קטנו עבה ממתני, אף כי חכמתו עמדה לי שלא יחוש לדברים כאלה מצד חסרון ידיעתי כי שוגג אני לכל פשע.

על הרב רבנו דוד קמחי כתבתי לפעמים ולא דק, או לא חש לקמחיה או וקמחא טחינא טחין, אוסף מיא ואוסף קמחא, בודאי עוונותי הטו אלה שיצאו דברים כאלה מפי, שרא לי מרי וסר עוני וחטאתי תכופר.

על המדקדק רבי אליה בחור כתבתי לפעמים בדבריו לא בחרתי או וטעמו כריר חלמות, או אליה וקוץ בו, ואף הוא יענה ויאמר סלחתי.

על הרב בעל „שיח יצחק" כתבתי לפעמים למי מדנים למי שיח או והרבה שיחה או וכל השומע יצחק וכדומה לזה פגעתי בכבוד הרב אף כי קלותי לדבר נגדו, נחמתי כי עשיתי וכבוד הרב במקומו מונח במעלה העליונה ידע ולא איכפת ליה וחלילה לי מהחדל לבקש מעצמותיו הקדושים ורב שמחל על כבודו כבודו מחל.

על שאר המחברים כאשר השגתי עליהם והוצאתי רוחי במלין כביר מה מאוד הנני עומד ומתחרט על דברים כאלה ושגיאות מי יבין, לכן זמותי בעל יעבור פי לדבר עוד כדבריהם האלה והאל יכפר בעדי.

ביילאגע נומ׳ 8

(זע זייט 335)

נפתלי שולמאנס מודעה וועגן א פראיעקטירטער צייטונג.

אחי! הן רבים אשר אתנו בכל עיר ועיר השוקדים על דלתות השלמות וגם בעירות הקטנים, אמנה המניעה הגדולה העדר הספרים והעדר הידיעה מהשלמות כי אין איש מעיר אותם; ע"כ עלה ברעיוני לטבע חתימות להדפיס בכל שבוע ושבוע החדשות הנעשים על פני האדמה הן מהעתק ספורי העתים מהאמבורג פעטרבורג ברלין הדברים היותר

הכרחים וחדושים מספרי החכמים. והנה הסוחר יקרא עניני המלחמות והמסחר ואוהבי החכמה יקראו מעניני החכמות ושאר חדושים. וכל איש אשר יהיה לו איזה חידוש נכון יודיעני וממני יודע כל עיר ועיר אשר אנחנו חוסים בצל הקיסר יר"ה ומזה יתפרסם באומתנו חכמת הדקדוק מלשונות שונות וחשבון ומדידה ומכתב הארץ וחכמת הטבע ושארי ענינים. ומי שירצה לשלוח חתימות ישלח לק"ק שקלאוו על אדרעש תלמידי הנגיד מ' חיים במהר"ץ וכשיתקבצו החתימות אז אודיע אל נכון כל ענינים השייכים לזה.

נאום נפתלי הערץ במו"ה אברהם זצ"ל.

הוספות

צו זייט 40, הערה 18. וועגן ערשטע יידישע דרוקערייען אין פוילן, זע: ח. ד. פרידבערג „תולדות הדפוס העברי בפולניא" (אנטווערפן 1932); יצחק ריבקינד „לתולדות הדפוס העברי בפולין". קרית ספר, XI; דערזעלבער: אומבאַקאַנטע קראָקעווער דרוקן (ביבליאָטעק-בוך, מאָנט-רעאַל, יולי 1934, ז' 49—53).

צו ז' 187, הערה 6. דער יידישער טעקסט פונם „קב הישר" איז דערשינען צוזאַמען מיטן העברעישן אין 1805 (זע וועגן דעם די נאָ-טיץ פון י. א. יאפע אין די „ייוואָ-בלעטער" VII, נומ' 1—2, ז' 78—87).

צו ז' 325, הערה 13. דער ערשטער טייל פון מענדל לעפינס מורה נבוכים-פאַראַפראַזע איז דערשינען נים אין 1829 נאָר אין 1833. זע וועגן דעם ביי מ. לעטעריםן אין זיין פאָררעדע צו דער צווייטער אויסגאַבע „מורה נבוכי הזמן", 13 (לעמבערג, 1863).

צו ז' 326, הערה 17. מענדל לעפינס פראַנצויזישע בראָשור איז דערשינען נים אין 1789 נאָר אין 1792. זע וועגן דעם: מ. עריק, „עטיודן צו דער געשיכטע פון דער האַסקאָלע" 1934, ז' 138.

זוך־צעטל

רשימה פון נעמען און זאכן אין באנד V.

אבא גלוסק, 289—291.
אברהם אבלי גאמבינער, 163.
אברהם בן אליהו, 22.
אברהם צרפתי, 21.
אברהם בן שבתי כהן אוים זאנטי, 207.
אברהם בן שמואל אשכנזי (דער בעל „צער בת רבים"), 154—156.
אברהם קרימי, 13—18, 340—346.
אהרן ראש ישיבה אין פויזן, 66—67.
אהרן שמואל קוידאנאווער (דער מהרש"ק)163.
אהרן תאומים, בעל דרשן, 166.
אור זרוע, 9.
אייזנשטאט, מאיר, 227.
איקריטי שמריה בן אליהו, 14, 15.
אלנואדעז, מאיר, 303.
אירנאכ, יוסף, 217, 241.
אליהו הכהן (דער בעל „שבט מוסר"), 196—200.
אליהו בר שלמה זלמן (דער ווילנער גאון) 260—273, 274, 281, 321—322.
אליעזר אוים בעמען, 11.
אלמסערי עלי בן חסין, 7.
אפונדופולו, כלב, 20, 21, 22.
אפרים לענטשיצער, 115—119, 120.
אריה די מאדענא, 217.
אריה לייב בן אשר (דער „שאגת אריה"), 254—255.
אריסטו, 58, 59.
באזילח אבי עד שר שלום, 176—177.
באס, שבתי, 180—181.
באשיצי, אליהו, 20, 21, 22, 347—348.
בנימין זלמן ריבהלעס, 334.
ברוך שיק (שקלאווער), 320—324.
ברכיה ברוך שפירא, 165-166.
בריעלי, יהודה ליאון, 175—176.
גאליאטאווסקי, 186.
גאנז, דוד בן שלמה, 59—64.
גארדאן, יקותיאל, 214, 215.
גבריאל שוסבורג (דער בעל „פתח תשובה"), 156
גבירול, שלמה, 295.
גרשון אשכנזי (דער בעל „תפארת הגרשוני"), 164.
דוד הלוי (דער „ט"ז") 82.
דיר נעטו, 174—175).
דעלאקרוט, מתתיהו, 136.
הורוויטש, אברהם הלוי, 50, 64-72.
הורוויטש, יהודה בן מרדכי, 294—302.
הורוויטש, ישעיה, 50, 139—146.
הורוויטש, פנחס אליהו (דער בעל „ספר הברית"), 307—319, 320.
היילפערין, יחיאל בן שלמה, 182.
הלל בר נפתלי הערץ, 163.
וואגענזייל, 134.
וואלטער, 134, 338.
ווייזעל, ישראל, 327, 329.
זאמאשטש, ישראל, 287—289.
חיון, נחמיה, 175—176, 202.
חזוק אמונה, זע יצחק בן אברהם טראקי.
חילוק און פלפול (זעט לערן־מעטאדע), 37-38, 53, 78, 84—85, 94 108—110, 113, 163-164.

חכם צבי, 174, 243, 244.
חסידים און חסידות, 271-273, 282, 301.
טוביה בן משה כהן (דער בעל „מעשה טוביה"), 169—173.
טיקאָ דע בראַהע, 60, 308.
טשאַרטאָריסקי, אַדאַם, 326.
טשעכאָוויטש, מאַרטין, 128.
יאיר חיים באַכראַך, 166—168.
יהודה חסיד, 186—187
יהודה חסיד (דער בעל „ספר חסידים"), 9
יהושע העשל בן יוסף, 82.
יהושע פאַלק (דער „סמ"ע"), 82.
יואל סירקיס (דער „ב"ח"), 80—81.
יוזלמאַן אויס ראָסהיים, 127.
יום-טוב העלער (דער „תוספות יום טוב"), 119, 123—125, 126, 156.
יונתן בן יוסף פון ראָזינאי (דער בעל „תשועה בישראל"), 168.
יונתן בן נתן אייבשיץ, 226—242, 248—252, 261.
יוסף אשכנזי, 65—66.
יוסף בן יהודה (דער בעל „יסוד יוסף"), 188, 189, 194.
יוסף בן יצחק הלוי (דער בעל „גבעת המורה"), 119—123.
יוסף בן משה הכהן, 21.
יוסף גינזבורג (דער בעל „לקט יוסף"), 164-165.
יוסף יוזפא מנצפך, 89—94, 350—352.
יוסף יוזפא נוירלינגן, 87—89.
יחזקאל פייבל אויס דראָהאָטשין, 263, 272.
יעקב עמדן (יעב"ץ), 180, 196, 243-252.
יעקב פאָלאַק, 31, 34-39.
יצחק בן אברהם (דער בעל „חיזוק אמונה"), 129—135.
יצחק בן אברהם סאַנגאַרי, 12.
יצחק הלוי (דער בעל „שיח יצחק"), 119, 359.
יצחק ישראלי, 321.
יצחק מרוסיא, 10.
כעלמאָ, שלמה, 284—286.
לאַמפּרונטי, יצחק, 182—183.
לוי בן גרשון (דער רלב"ג), 143, 173.
לוי בן יצחק קיקיניש, 31
לוצאַטו, משה חיים, 205—224.
לעמבערג אַלס קולטור-צענטער, 30—32.
מאיר אויס שעבערשין (דער בעל „צוק העתים"), 154.
מאיר כהן אשכנזי (דער בעל „גבורות אנשים"), 83.
מאַלינאָווסקי, יוסף, 133, 353—355.
מדונה, שמשון, 206.
מהר"ל מפראָג, 94—115, 127.
מהר"ם מלובלין, 79—80.
מהרש"א (שמואל בן אליעזר איידלש) 78—79.
מיימון שלמה, 288, 291—292, 293.
מינץ יהודה, 35.
מרפורגה שמשון, 177.
מנהגים-ביכער, 86—87.
מנחם די פאַנו, 229, 230.
מנחם נחום (דער בעל „תוספות בכורים"), 333.
מענדל לעפין, 324—332, 334
מענדעלסאָן, משה, 280, 286, 288, 290, 294, 327, 329, 338
מרגלית, יהודה, 257—259, 302 - 307.
מרגלית, יעקב, 35 ל
מרגלית, יעקב-קאָפּ, 157, 5
מרדכי יפה, 72—75, 78, 13.
משה איסערלים (דער רמ"א) 39—51, 55—56, 58, 59, 60, 64, 72, 135
משה בן אליעזר הכהן אויס נאַראָל, 157 - 158
משה הגולה (משה קיעווער), 18—29, 347—350.
משה חגיז, 215, 216.
משה מאַרקוזי, 324.
משה בן מיימון (דער רמב"ם), 15, 16, 18, 41, 42, 43, 44, 45, 46, 47, 56, 65, 67—69, 74, 95, 120, 121, 122, 246, 263, 284, 286, 287, 291, 325.
משה בן נחמן (דער רמב"ן), 24.
משה קיעווער, 10.
משה רבקהש, 163.
נח טראָקי, 352—358.
נחמן יעקב אויס בעלשיץ, 128

ניקאָלאַי פרידריך, 188.
ניקאָלאַוס פאָרוסאַ, 128.
נעסטאָר, 8.
נרבוני, משה, 177.
נתן האַנאָווער, 76, 148, 152.
נתן שאַפּיראָ, 137—139.
Seniores און „יידישע דאָקטוירים“, 32.
סימאָן בודניא, 128.
עזרא אַברהם אבן, 8, 14, 18, 23, 25, 28, 177. 359.
עזריה מן האדומים, 63, 97, 246.
פרענסום עמנואל, 211.
צייטלין, יהושע, 333.
קאַנט, עמנואל, 291, 312.
קאַצענעלענבויגן, יחזקאל, 247.
קאַראָ, יוסף, 48—50, 54.
קב הישר, זע צבי הירש קוידאַנאָווער.
קוידאַנאָווער, צבי הירש, 187—196.
קיעווער צענטער, 8—9.
„הקנה“ (קבלה־ספר), 25—26.
קראָכמאַל, נחמן, 328.
קראַנץ יעקב (דער דובנער מגיד), 273—281.
ראַדאַניטן, 8—9.
ראַציאָנאַליסטן, 313—314.
רפאל הלוי האַנאָווער, 286—287.
שאַמיסאָ אַדאַלבערט, 289—290.
שבט מוסר, זע אליהו כהן.
שבתי דונולו, 12.
שבתי־צביניקעס, 291—202, 229.
שולחן ערוך, 48—50, 73, 80, 81, 82, 254.
שולמאַן, נפתלי הערץ, 334—336, 359—360.
שכנא כהן (דער ש״ך), 83—84, 147, 153—154, 157.
של״ה (שני לוחות הברית), זע הורוויטש ישעיה
שלמה (סלימן) אלסיונרי, 12.
שלמה בן אַברהם אוים קאַפּאַ, 19.
שלום גרשון, 25.
שלמה דובנאָ, 339.
שלמה זלמן הענאָ, 177—180, 358—359.
שלמה יצחקי (רש״י), 15.
שלמה לוריע (דער רש״ל), 39, 51—57, 58, 135.
שלים שכנא, לובלינער ראש־ישיבה, 39.
שמואל בן אַבינדור, דער לעצטער ווילנער רב הכולל, 256, 260, 261, 271.
שמואל פייוויש פייטל (דער בעל „טיט היון“), 148.
שמשון אָסטראָפּאָליער, 148.
שעפטל הורוויטש, 140, 156, 181.
שנאָבער נוספעל, 314.
תקו משה, 9.

אינהאַלט:

זיבעטער טייל

דער דייטש-פוילישער קולטור-צענטער.

ערשט בוך

ערשטער קאַפּיטל

זייט

די עקאָנאָמישע ראָלע פון די יידן אין מזרח-אייראָפּעיִשן מיטלאַלטער. — די קיעווער קהילה אַלס קולטור-צענטער. — די יידישע קאָלאָניע אין קרים. — די איטאַליענישע השפּעה. — אברהם אויס קרים און זיין „שפת אמת". — משה קיעווער, זיין נע-ונד-לעבן און זיין ליטעראַריש - געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט — די ירידה פונם קיעווער צענטער 7

צווייטער קאַפּיטל

די ירידה פונם קיעווער צענטער. — די ראָלע פון לעמבערג (לחאָוו). — די רעזידענץ-שטאָט פון מזרח-גאַליציע. — די ערשטע אכסניות של תורה אין פוילן. — די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין פוילן. — די נייע מעטראָפּאָליע פאַר יידישער קולטור. — יעקב פּאָלאַק דער גרינדער פון ישיבות אין פוילן. — זיין סדר הלימוד; „חילוק" און „פּילפּול" אַלס אייגנאַרטיקער ראַציאָנאַליזם. — שלום שכנא און זיין ישיבה. — משה איסערליס (רמ"א) און זיין ליטעראַריש שאַפן. — איסערליס און מיימוני. — דעם רמ"אס טעאָלאָגיש-פילאָזאָפיש ווערק „תורה העולה". — דער רמ"א אַלס פּוסק. — שלמה לוריא (רש"ל) און זיין שאַפן 30

דריטער קאַפּיטל

נאָכקלאַנגען פון דער רענעסאַנס-תקופה. — דער אַפּאָקריפישער אַריסטאָבריוו. — בין השמשות — דוד גאַנז און זיין „צמח דוד". — אברהם הורוויטש אַלס נאַציאָנאַליסט. — דער ראַציאָנאַליסט אַלס בעל-תשובה. — אַברהם הורוויטש אַלס פאַרפאַסער פון „ברית אַברהם" און „יש נוחלין". — מרדכי יפה אַלס עקלעקטיקער. — די רעאַקציאָנערע שטימונגען און ווייערע סיבות. — דער מהרש"א און דער מהר"ם פון לובלין. — די מפרשים פון „שולחן ערוך": יואל סירקיס (דער ב"ח) יהושע פאַלק (דער סמ"ע) און שבנא כהן (דער ש"ך). — די שאָטן-זייטן פון דער רבנישער ליטעראַטור אין פוילן. — דער איבערגעשפּיצטער פּילפּול 58

פערטער קאפיטל

„מנהגים"-ביכער. — יוסף יוזפא פון נוירלינגן און זיין „יוסף אומץ". — יוזפא שטײַן און זיין „מנהגים דק"ק וורמייזא". דער מהר"ל מפראג אלס העלד פון פאלקס-לעגענדעס; דער מהר"ל אלס געלערנטער; זיינע אנפאלן אויף עזריה די-רוסי. — דעם מהר"לס וועלטבאנעם. — די תורה אלס יסוד פון דער וועלט. — די מיסטעריע פון נאציאנאלן קיבוץ; „בני בכורי ישראל". — די מיסיע פונם איינציקן, אויסדערוויילטן פאלק — דעם מהר"לס קאמף קעגן פילפול; זיין פארשלאג ווי אזוי צו רעפארמירן די דערציונג פון קינדער. — דעם מהר"לס סיסקעמפער — דער בעל-דרשן אפרים אוים לענטשיק. — דעם מהר"לס תלמיד און נאכפאלגער ר' יום-טוב העלער. — „אנציייטמעטיקע" פיגור — יוסף בן יצחק הלוי; א מיימוניסט אלס מיימוני-קריטיקער. — יום-טוב העלער אלס געלערנטער און משנה-דערקלערער. — זיינע מעמוארן „מגלת איבה" 96

פינפטער קאפיטל

וויכוחים וועגן תלמוד. — דעם מהר"לס אפאלאגעטיש ווערק „באר הגולה". — ראציאנאליסטישע שטרעמונגען אין פוילן. — יצחק טראקי און זיין „חיזוק אמונה"; — די פארשטארקונג פון דער רעאקציע אין אנהייב פונם זמן י"ה. — די יידישע מיסטישע שטרעמונגען פון יענער צייט. — דער מיסטיקער און בעל הפילפול נתן שאפירא. — ישעיה הורוויטש און זיין ליטעראריש שאפן. — די לערע פון אסקעטיק און „געהייליקטן" לעבן. — דער „שני לוחות הברית" און זיין באטייט 126

זעקסטער קאפיטל

די גזירות ת"ח און זייער אפקלאנג אין דער ליטעראטור. — די מעמוארן פון נתן האנאווער, שמואל פייוויש פייטל, שבתי כהן, אברהם אשכנזי, מאיר שעברשין און גבריאל שוססבורג. — די קינות און עלעגיעס פון שבתי כהן (ש"ך), יום-טוב העלער, שעפטל הורוויטש, משה נאראל א"א. — די גייסטיקע ירידה פונם פוילישן יידנטום 147

צווייט בוך

ערשטער קאפיטל

די עקאנאמישע און גייסטיקע ירידה. — די שעדלעכע השפעה פונם דרך הפילפול אויף די דרשנים. — דער וועגוויזער פאר דרשנים „לקט יוסף"; זיין געשמאקלאז-פארדארבענער סטיל. — די קעגנער פון פילפול ברכיה ברך שפירא און יאיר-חיים באכראך. — יונתן בן יוסף און זיין „ישועה בישראל". — דער געלערנטער דאקטאר טוביה כהן און זיין „מעשה טוביה". — דוד נעטו, יהודה בריעלי, אבי-עד שר-שלום באזילה און שלמה הענא. — שבתי באס, יחיאל היילפערין און יצחק לאמפרונטי 161

צווייטער קאפיטל

דער וווקס פון די משיחיש-מיסטישע שטרעמונגען. — יהודה „חסיד" און זיינע אנהענגער. — דרשנים-מיסטיקער און מוסר-ליטעראטור. — הירש קוידא-

זייט

נאָווער און זיין „קב הישר". — דער אַסקעטישער און מרה־שחורהדיקער כאַראַקטער פון דעם דאָזיקן מוסר=ספר. — אליהו הכהן און זיין „שבט מוסר". — דער גאָס פון חסד און דער מענטש פול מיט זינד. — די „מחשבי קצין" און מיסטיקער=פּעקפּאַנטן. — דער קאַמף פון די רבנים קעגן די באַהאַלטענע „שבתי־צביניקעס" 184

דריטער קאַפּיטל

משה=חיים לוצאַטו אַלס דיכטער און מיסטיקער. זיין פּאָעמע „יח ויבשת". לוצאַטוס נייע פּאָעטישע פאָרמען. זיין ביבלישע דראַמע „מעשה שמשון און דראַמאַטישע אידיליע „מגדל עוז". — די דיכטער שמשון מדונה און אַברהם בן שבתי אויס זאַנטע. — לוצאַטו אַלס מיסטיקער. — זיינע משיחיש=מיסטישע ווערק. — לוצאַטו אין „חרם". — זיין ווייטערדיקע ליטעראַרישע טעטיקייט. — דער באַטייט פון זיין אַלעגאָרישער דראַמע „לישרים תהלה". — דעם דיכטערס אומדערוואַרטער טויט 204

פערטער קאַפּיטל

דער „שולחן=ערוך"=רבנות אין זיין ירידה-תקופה. — די מאָכטלאָזיקייט פון די „מנהיגי הדור". — ר׳ יונתן אייבשיץ און זיין באַטייט. — אייבשיץ אַלס „זוכער"; זיין נטיה צו קבלה. — אייבשיצעס קבלה=ווערק „שם עולם". — ווי קאָן מען אַ פשרה מאַכן צווישן דעם „גאָט פון אַריסטו" און דעם „גאָט פון אַברהם"? — חי איז צו פאַרענטפערן די שאלה וועגן „הבל צפוי" און בחירה חפשית. — אייבשיצעס וועלטבאַנעס. — „סיבה ראשונה" און „אלהי ישראל". — אייבשיצעס גלויבן אין צירופי אותיות. — ר׳ יעקב עמדן אַשכנזי אַלס מענטש און שריפטשטעלער; זיין זעלבסטביאָגראַפיע „מגילת ספר"; זיין קאַמף קעגן יונתן אייבשיץ. — דער באַטייט פון דעם דאָזיקן קאַמף . . . 225

פינפטער קאַפּיטל

די ירידה פון דער פויליש=ליטווישער רבנים=וועלט. — דער בעל „שאגת אריה" און זיין מחלוקת מיט דער קהילה. — דער פּראָטעסט פון יהודה מרגלית און די מלחמה פונעם ווילנער קהל מיטן „רב האחרון". — על פרשת דרכים. — דער ווילנער גאון, זיין ראָלע און באַטייט. — דער „דו=פרצופין" 254

זעקסטער קאַפּיטל

דעם ווילנער גאונס תלמידים. — דער דובנער מגיד. — נייע שטרעמונגען. — צוריק צו משה בן מיימון. — די אמת=זוכערס. — דער רב שלמה כעלמאַ, רפאל לעווי דער „בעל חשבון" און ישראל אויס זאַמאָשטש. — אַבא גלאָסק און שלמה מיימון 274

זיבעטער קאַפּיטל

די אָנזאָגער פון דער נייער תקופה. — יהודה הורוויטש אַלס סטיליסט און אויפקלערער. — זיין „למודי בית יהודה". — הורוויטשעס שטאַנדפּונקט וועגן „ביאת המשיח". — זיין „מגלת סדרים". — דער רב יהודה=לייב מרגלית אַלס אויפקלערער. — זיין עטיש ווערק „בית מדות" און זיין „אור עולם" וועגן חכמית הטבע. — פנחס הורוויטש און זיין „ספר הברית". — זיין פאַרהאַלטן

וי"מ.
זיך צו מיסטיק און נאַטורוויסנשאַפטן. זיין קאַמף קעגן ראַציאָנאַליזם. — זיין פראָגראַם וועגן איבערבויען די סאָציאַלע יסודות פונם יידישן לעבן. — וועגן דעם גרונט-פּרינציפּ „ואהבת לרעך כמוך". — „די ליבע צום מענטשן איז די גרעסטע פרייד פאַר דער נשמה" ; 293

אכטער קאַפּיטל

ברוך שקלאָווער אַלס אויפקלערער. — מענדל לעפין אַלס סטיליסט. — זיין טעטיקייט אַלס אויפקלערער. — זיין „חכמת הנפש". — שקלאָח אַלס אויפקלערונגס-צענטער. — יהושע צייטלין אַלס מעצענאַט. — די „פרייע אַקאַדעמיע אין אוסטיע. — נפתלי שולמאַן. — די אויפקלערער אויפן שיידוועג 320